STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09673

# DER YIDISHER ONTEYL IN DER PARTIZANER-BAVEGUNG FUN SOVET-RUSLAND

Moshe Kahanovich

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קאַגאַנאָוויטש
לייטער פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע
ביים פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד פּח"ח אין איטאַליע

# דער יידישער אנטייל
# אין דער
# פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג
# פון סאָוועט־רוסלאַנד

אויסגאַבע פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע
ביים פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד פּח"ח אין איטאַליע

אַרויסגעגעבן דורכן „ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט פאַר הילף און אויפבוי"
אין אַמעריקע (ניו־יאָרק, 673 בראָדוויי).

רוים, 1948

MOSHE KAGANOVICH
Chief of the Historical Commission at „Pachach"
(Union of Partisans) in Italy.

# THE PARTICIPATION OF JEWS IN THE PARTISAN MOVEMENT OF SOVIET RUSSIA

PUBLISHED BY THE CENTRAL HISTORICAL COMMISSION AT THE UNION OF PARTISANS „PACHACH" IN ITALY

Edited by the Labor Zionist Committee for Relief and Rehabilitation, Inc. in America (673 Broadway, New York).

ROME, 1948

די געפאלענע אין די וועלדער, פושטשעס
און בלאָטעס פון ווייס-רוסלאנד און אוקראינע
3000 יידישע פארטיזאנער — געווידמעט.

דער מחבר.

# אינהאלט


זייט

פון די ארויסגעבער . . . . . . . . . . . . . . I

הקדמה פון ל. שפּיזמאַן . . . . . . . . . . . . III

פאָרוואָרט פון מחבר . . . . . . . . . . . . . IX

1. די רוסן — א פּארטיזאנער פאָלק . . . . . . . 1

2. די פּאָליטיש=געזעלשאַפטלעכע פארהעלטענישן אין די אָקופּירטע געביטן פון סאָוועט=רוסלאנד . . . . 7

3. דער אָנהויב פון דער פּארטיזאנער=באוועגונג . . . 23

4. די צוויי פאזעס אין דער פּארטיזאנער=באוועגונג . . 26

5. אָרגאניזאציע, קאמפּס=טאקטיק און סטראטעגיע . . . 38

6. די ווייס=פּוילישע און גרין=אוקראינישע פּארטיזאנקע אין מערב=ווייסרוסלאנד און מערב אוקראינע . . . 51

7. די אפּראָוויזאציע = פּראָבלעם אין פּארטיזאנקע

א) קוועלעס פון אפּראָוויזאציע . . . . . . . . . 61

ב) די פּלאָג פון שיכּרות . . . . . . . . . . 64

ג) די פּויערן = ווירטשאפטן — די שפּייזערס פון די פּארטיזאנער . . . . . . . . . . . . 66

8. די סיבות פון דער יידישער קאמפּס = פּאסיוויטעט אין די געטאָס . . . . . . . . . . . . 70

9. די אונטערערדישע פּארטיזאנער=אָרגאניזאציעס אין די געטאָס . . . . . . . . . . . . . 78

10. געווער=פּארזאָרגונג אין די געטאָס . . . . . . . . 88

11. ווידערשטאנד און וועגן פון רעטונג אין די געטאָס און ארבעטס-לאגערן אין מערב-ווייסרוסלאנד און אוקראינע . . . . . . . . . . . . . 97

12. יידן — אָרגאניזאטאָרן און קאָמאנדירן אין די וועלדער 111

13. די איינשטעלונג פון דער פארטיזאנער-אָנפירונג צו דאָס פּראָבלעם פון א באזונדער יידישער פארטיזא-נער-באוועגונג . . . . . . . . . . . . 140

14. יידישע פאמיליע-לאגערן אין די וועלדער . . . . . 147

15. אנטיסעמיטיזם אין פארטיזאנקע

א) דער מענטשן-מאטעריאל אין פארטיזאנקע און דער אנטיסעמיטיזם . . . . . . . . . . . 159

ב) פאָראורטיילן און טענות צו יידן . . . . . . . 160

ג) דער דערנער-וועג פון יידישן פארטיזאן . . . . . 165

ד) אומקום פון יידן אין די וועלדער . . . . . . . 169

16. די סאָוועטישע רעגירונג און רוסישע פארטיזאנקע אלס רעטערס פון יידן . . . . . . . . . . . 186

17. דער יידישער מעדיצינישער ארבעטער אי דער סאָוועטישער פארטיזאנקע

א) די וויכטיקע ראָל פון מעדיצין-ארבעטער . . . . . 195

ב) די אָרגאניזאציע פון מעדיצינישן דינסט אין פארטיזאנקע 196

ג) מעדיקאמענטן און מעדיצינישע אינסטרומענטן . . 199

ד) דער סאניטאר-היגיענישער מצב און קראנקייטן אין פארטיזאנקע . . . . . . . . . . . . . 200

ה) דער יידישער מעדיצינישער ארבעטער אלס קעמפער און לעבנס-רעטער . . . . . . . . . . . 203

ו) דער איינפלוס פון יידישן דאָקטאָר אויף דער העכערער פארטיזאנער-אָנפירונג . . . . . . . . . . 206

18. יידן אין געלע לאטעס

א) נקמה — סטימול צום קאמף מיט די דייטשישע מערדערס 209

ב) יידן אין די פארטיזאנער קאמפן . . . . . . . . 215

ג) יידישע פארטיזאנער גיבן זיך לעבעדיקע ניט איבער
דעם שונא . . . . . . . . . . . . . . 246

ד) יידן פאראטן ניט . . . . . . . . . . 254

ה) ווען דייטשן זיינען אריינגעפאלן אין יידישע הענט . 261

ו) דער עלעמענט פון יידישער ארבעט אין פארטיזאנקע 285

ז) פון ערשטן טאג ביזן לעצטן . . . . . . . . 280

19. די יידישע פרוי אין פארטיזאנקע . . . . . . . 285

20. יידישע פארטיזאנער פאר דער רעטונג פון יידן . . 299

21. נקמה-אקטן איבער פויערים יידן-מערדערס און
דייטשישע אגענטן . . . . . . . . . . . 324

22. אויסגעצייכנטע יידן אין די קאמפן . . . . . . . 348

קוועלן-אנגאבע . . . . . . . . . . . . . 383

דאטן . . . . . . . . . . . . . . . 387

אינדעקס פון דערמאנטע פערזאנען, וועלדער און פארטי-
זאנער-אטריאדן . . . . . . . . . . . . 389

זוכצעטל פון דערמאנטע נעמען . . . . . . . . 392

באמערקטע טעותים . . . . . . . . . . . 402

# רשימה פון בילדער און פאטאגראפיעס


1. פאָטאָמאָנטאזש פון פארטיזאנער־צייטונגען 48
2. פיאָלון שלום 90
3. דמשק משה 103
4. די היסטאָרישע ניעסוויזשער שול 104
5. טוביה ביעלסקי 120
6. עשהאל ביעלסקי 121
7. שלמה צימער 127
8. חיים וואָטשין 130
9. חנן מאגיד 131
10. אינזש. מישא גילדענמאן 133
11. אלעק אבוגאָוו 136
12. מאיר בליט 142
13. א יידישע פאמיליע־גרופע פון ביעלסקים אָטריאד 151
14. פארטיזאנער פאָרן אויף אן אויפגאבע 164
15. פיזאזש פון ווייסרוסישע פושטשעס 171
16. י. קרעמעלאָווסקי 190
17. פון די „הייליקע בלאָטעס" ביז רוים 192
18. א גרופע יידישע דאָקטוירים פון ליפיטשאנער פושטשע 197
19. ד"ר א. אלפערט 202
20. א גרופע יידישע פארטיזאנער פון אָטריאד „נקמה" 24
21. אליהו קאָווענסקי 218
22. פארטיזאנער פון יידישן אָטריאד „קאגאנאָוויטש ל. מ." (פאָלעסיע) 222
23. שמואל באָבראָוו 223
24. זוסיע ביעלסקי 249
25. דוד באָבראָוו 256
26. פארטיזאנישער דאָקומענט 263
27. מיטלסטע זייט פון אן אָרדן־ביכל 271
28. יחיאל (איליא) שיינבוים 284
29. פארטיזאנער מעדאל און אָרדן 287
30. אָרדן־ביכל 289
31. א גרופע יידישע פארטיזאנער פון נאליבאָקער פושטשע 301
32. דוד פלאָטניק 304
33. בנימין באראן 306
34. א גרופע פארטיזאנער פון יידישן וזוואָד אין קרוקס אָטריאד 319
35. זרח קרעמיען 321
36. קאמפס־כאראקטעריסטיק פון ז. ווערבא 328
37. דב לאָרבער 341
38. ברוך לעווין 350
39. קאמפס־כאראקטעריסטיק פון ז. קרעמיען 363
40. קאמפס־כאראקטעריסטיק פון ב. באראן 372
41. אלי ליפשאָוויטש 374


# פאטאגראפיעס, בילדער און מאפעס אויסערן טעקסט


ווייסרוסישע פארטיזאנער־צייטונג „טשירוואָנאיא זוויעזדא" נר. 44־45 א 14

ווייסרוסישע פארטיזאנער־צייטונג „טשירוואָנאיא זוויעזדא" נר. 12־13 א 14

צוגעבונדענע רוסישע געפאנגענע פארן צעשיסן דורך די דייטשן א 68

א טייל פון די געפאנגענע ליגן שוין צעשאָסענע א 68

מען הייננט געכאפטע פארטיזאנער א 68

א גרופע פארטיזאנער פון 7־טן באטאליאָן א. נ. „שטשאָרס" א 68

א יזוואָד פון אָטריאד „קאלינין" (ביעלסקי) א 298

א גרופע פארטיזאנער פון לענינסקי־אָטריאד א 298

א גרופע יידישע פארטיזאנער פאָרן ארויס אויף א קאמפס־אויפגאבע א 298

מאפע פון מערב־ווייסרוסלאנד און וואָלין סוף בוך

# א וואָרט פון די אַרויסגעבער

דער יידישער לייענער וועט זיכער מיט גרויס אינטערעס אויפנעמען דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס גיט א קלאָר בילד וועגן דער ראָל, וועלכע עס האָבן געשפּילט די יידן אין די פּאַרטיזאַנער-קאַמפן אין ווייסרוסלאַנד און מערב-אוקראַינע (וואָלין) אין דער צייט פון היטלערס בלוטיקער הערשאַפט.

וועגן דעם יידישן חורבן אין די אייראָפּעישע לענדער איז שוין פיל געשריבן געוואָרן. עס איז אויך פיל געשריבן געוואָרן וועגן דער ראָל פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין די מערסטע לענדער פון אייראָפּע, וואָס האָבן געהאָלפן דערנענטערן היטלערס מפּלה. אויך איז שוין אין א גרויסער מאָס פאַר דער יידישער און ניט-יידישער וועלט דערציילט געוואָרן וועגן די העראָישע קאַמפן פון יידן אין די געטאָס קעגן די היטלער-חיות און וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן אויסדויער, וואָס יידן האָבן אַרויסגעוויזן אין זייערע ליידן און קאַמפן.

זייער ווייניק איז אָבער ביז איצט דערציילט געוואָרן פאַר דער וועלט וועגן דער ראָל פון דעם יידישן פּאַרטיזאַן אין דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנדס-באַוועגונג, באַזונדערס אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע, וועלכע איז געוועזן די קעמפערישסטע און אַקטיווסטע.

די פּאַרטיזאַנער האָבן בייגעטראָגן א גאָר גרויסן חלק אין קאַמף פאַרן פאַרניכטן דעם היטלעריזם. די פּאַרטיזאַנער האָבן אָפטמאָל אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר די אַרמייען פון די דעמאָקראַטישע פעלקער און דערמעגלעכט צו צעטרייבן די נאַצישע חיילות.

די יידישע פּאַרטיזאַנער-העלדן, די בראַווע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך אין די קאַמפן באַטייליקט, האָבן מיט זייער העלדישער האַלטונג און באַדייטנדיקער צאָל קרבנות, וועלכע זיי האָבן געגעבן אין די קאַמפן, געהויבן דעם יידישן כבוד און אַריינגעשריבן א הערלעכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון קאַמף מיטן היטלעריזם.

די געפאַלענע קדושים פון די יידישע פּאַרטיזאַנער וועלן בלייבן

פאראייביקט אין דער יידישער געשיכטע ווי העלדן, וואָס זיינען געפאלן פאר דער הייליקער זאך פון נקמה, פאר באפרייען די וועלט פון די היטלעריסטישע מענטשן־פרעסערס און פאר דער רעטונג פון יידן.

די צענטראלע היסטאָרישע קאָמיסיע ביים פארבאנד פון פארטיזאנער, פראָנט און געטאָ־קעמפערס פח״ח אין איטאליע, מיט איר הויפּט־אָנפירער, חבר מ. קאגאנאָוויטש, האָט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע דורך א ריי ביכער צו באקענען די יידישע און נישט־יידישע עפנטלעכקייט מיט די איבערלעבונגען און קאמפן פון די יידישע פארטיזאנער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָס, וואָס עס ווערט דערציילט אין דעם בוך וועגן די יידישע פארטיזאנער, שטעלט מיט זיך פאָר א העראָיש בילד, וואָס איז נאָך ביז איצט ווייניק באקאנט דער עפנטלעכקייט און שטעלט ארויס מיט גרויס כבוד אונדזער יוגנט.

דער ציוניסטישער ארבעטער־קאָמיטאט פאר הילף און אויפבוי אין אמעריקע האָט געהאלטן פאר דרינגענד־נויטיק מעגלעך צו מאכן, אז די צענטראלע היסטאָרישע קאָמיסיע ביים פח״ח־פארבאנד אין איטאליע זאָל קענען דאָס וויכטיקע ווערק ארויסגעבן.

מיר ברענגען איצט דאָס בוך צום יידישן לייענער. זאָל דורך אים נאָך א מאָל זיך אָפּשפּיגלען פאר אונדזערע אויגן די גרויסע טראגעדיע פון אונדזער פאָלק אונטער דער בלוטיקער היטלערישער הערשאפט.

באקענענדיק זיך אָבער מיט די העלדישע יידישע פארטיזאנער און מיטן גבורה׳דיקן קאפיטל פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג און קרבנות־גרייטקייט, וואָס זיי האָבן אריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און דער גאנצער מענטשהייט, וועט דאָס ווערק אונדז אַלעמען אָנפילן מיט טיפן שטאָלץ און גלויבן אין די וויטאלע כוחות פון אייביקן פאָלק.

**ציוניסטישער ארבעטער־קאָמיטעט**
**פאר הילף און אויפבוי אין אמעריקע**

**ל. סיגאל** — פּאָרזיצער

**ז. באומגאָלד** — סעקרעטאר

ניו־יאָרק, יולי 1948.

# הקדמה

די יידישע געשיכטע, וואָס איז אזוי רייך אין קדוש השם-מאָמענטן האָט ניט שטענדיק באוויזן אָפצוראַטעווען פאר די קומענדיקע דורות די ליכטיקע געשטאַלטן פון די העלדן און קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען על קדוש השם און קדוש העם. אָבער שטענדיק האָט דאָס געוויסן פון פאָלק געפילט, אז איינע פון די דערהויבנסטע אויפגאַבעס פון יידישן געשיכטע-שרייבער איז צו לאָזן לדורות דעם ביישפּיל און דעם אנדענק פון די, וואָס זיינען אויפגעקומען אין ליכט פון העראָיזם און פייער פון קדוש השם.

אזוי לויטעט אן אויפשריפט אויפן ברודער-קבר פון די פּאָגראָם-קרבנות אין אָדעס 1905, וואָס שטאַמט פון דער פעדער פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער און מקונן, חיים-נחמן ביאַליק:

ובכסות האדמה את דמכם
דם קודש, דם הכפורים,
נחרות את זכרונכם
במגילות התענות ובספר היסורים.

אין ליכטיק, דערהויבענע ווערטער דריקט אוים בערל קאַצענעלסאָן ז״ל, דער גייסטיקער פירער פון דער ארץ-ישראלדיקער ארבעטערשאַפט, די בענקשאַפט פון אונדזער דור אויף אייביק צו פאַרהאַלטן פאר אונדזערע אויגן די געשטאַלטן פון די אומגעקומענע אין די געטאָס און געפאַלענע אין די וועלדער בימי גלות היטלער.—„זאָלן זייערע געשטאַלטן שטיין פאר אונדזערע אויגן" — האָט אויסגערופן בערל אויף דער ספּעציעלער הילפס-קאָנפערענץ פון דער הסתדרות (מאַי 1942). — „די געשטאַלטן פון שוועסטער, וואָס האָבן געזוכט דעם טויט, כדי אויסצומיידן שאַנדע; פון יונגטלעכע, וואָס טרוימען אין דער פינצטערניש וועגן עולה זיין קיין ציון; פון לערער, וואָס באַגלייטן זייערע שילערס אין די טויט-וואַגאָנעס, בכדי צוזאַמען אומצוקומען; קהלה-פאָרשטייער, וואָס זיינען מקריב זייערע לעבנס, בכדי צו ראַטעווען זייער עדה; חלוצים, וואָס טראָגן אונטערערדיש די פאָן פון אויפשטאַנד; יונגע מענטשן, וועלכע קרייצן די לעבנס-געפערלעכע גרענעצן, כדי צו ראַטעווען עמיצן

אָדער צו ברענגען ידיעות און די אלע איזאָלירטע און שוצלאָזע וואָס האָבן געענטפערט מיט רעוואָלט און קאמף אויף די שחיטות.

—„לאָמיר זיי קיינמאָל ניט פארגעסן, לאָמיר זיי אייביק געדענקען. נאָר אין זייער זכות, אין זכות פון די ידישע מאסן, זיינען מיר אהערגעקומען. נאָר פון זייערטוועגן קענען מיר אויפהאלטן א טרייסט־ליכט פאר שארית ישראל. אלץ וואָס וועט דאָ געשאפן ווערן אין דער צוקונפט איז די פרוכט פון זייערע תפילות, זייערע טרוימען, זייער מי און קאמפן. בלויז א דאנק דעם אלעמען איז דאָ אלץ געשאפן געוואָרן אָדער וועט געשאפן ווערן. לאָמיר פילן זייער אמונה און גבורה אין יעדן קלאפ פון אונדזער הארץ".

דאָס בוך פון מ. קאנאנאָוויטש, וואָס שילדערט די קאמפן פון די ידישע פארטיזאנער אין סאָוועט־רוסלאנד קעגן די נאצי־האָרדעס, לעבט אויף פאר אונדז פיל ליכטיקע געשטאלטן פון די, וואָס האָבן געטראָגן די פאָן פון ווידערשטאנד און דאָס פייער פון קדושה אין אונטערערד פון די געטאָס.

זיי זיינען איבער די סכנה־פולסטע וועגן דערגאנגען צו די וועלדער און זיך איינגעשלאָסן אין די גרויסע ארמייען פון די רוסישע פארטיזאנער.

ניט לייכט איז זיי אָנגעקומען דער באשלוס צו פארלאָזן די טויט איבערגעשראָקענע קהילות, היים און פאמיליע און פארטרויען זייער גורל דעם פינצטערן וואלד, פיינטלעכן פויער און חשדפולן „פראָוואָדניק" (וועג־ווייזער). לאנגע חדשים איז אָנגעגאנגען אן אינערלעכער געראנגל צווישן די פארטיזאנער, צי איז עטיש אויסגעהאלטן צו פארלאָזן די געטאָ, ארויסגיין אין די וועלדער און לאָזן די עדה שוצלאָזע צום טויט־טעראָריזירטע ידן אפילו אָן דער אילוזיע פון מעגלעכן ווידערשטאנד און הילפס־גרייטקייט פון דער יוגנט.

איינס איז קלאָר: איין ליניע פון גבורה און קדוש־השם ציט זיך פון די אמאָליקע חשמונאים, פון די קעמפערס פון מסדה, פון די העלדן פון טאָלטשין און נעמיראָוו, דורך דער זעלבסטשוץ אין רוסלאנד, די גבורים פון „השומר" און „הגנה" ביז די געטאָ־קעמפערס און די פארטיזאנער אין די וועלדער פון ווייסרוסלאנד, ליטע און אוקראינע. די דאָזיקע גאָלדענע קייט פון קדוש־השם און קדוש־העם ווערט ווייטער געפלאָכטן דורך די מאטראָסן פון די אומלעגאלע ידן־שיפן, דורך די טוערס פון דער בריחה, דורך די מעפילים וואָס רייסן זיך צו די ברעגעס פון היימלאנד און די קעמפערס אין דער פאָטערלענדישער פרייהייטס־

מלחמה, וואָס ישראל פירט איצט קעגן דער איבערמאכט פון אראבישע מדבר־לעגיאָנען און ענגלישן פאראט. עס איז ניט קיין צופאל, וואָס דער גרעסטער מענטשן־רעזערוואר פון די פארטיזאנער איז געווען די מחנה פון דער ציוניסטיש־חלוצישער יוגנט, די זעלביקע יוגנט וואָס האָט געראטעוועט פליטים און זיי דערפירט צו די ברעגען פון אויסגעבענקטן היימלאנד. גאולה־פאטאָס, דער דראנג צוריק אויפצולעבן אין פאָלק דעם מיטאָס פון „מסדה לא תפול״!, דער חלוצישער געדאנק פון טרומפעלדאָר אין ברענער „טוב למות בעד ארצנו״!, דער גלויבן פון חנה סענעש, אז זי און אירע חברים, דער דור פון דוחקי הקץ, זיינען דאָס שוועבעלע, וואָס ווערט פארברענט, אָנצינדנדיק דעם פלאַם — דאָס איז געווען דער קוואל פון נשמה־גבורה, וואָס האָט געשפייזט אונדזער יוגנט אין די געטאָס, וועלדער און פושטשעס און פארוואנדלט שוואכהאַרציקע אין שטאָל־פעסטע און וואקלדיקע אין העלדן און קעמפער, וואָס גייען אין נאָמען פון לעבן ברצון צום טויט.

בערל קאצענעלסאָן ווייזט אָן אין זיין וואונדערבארע עסיי „יידישע גבורה״ דעם טיפן אינערלעכן זין פון יידישער גבורה, זינט די נצחונות פון די חשמונאים. די יידישע גבורה זינט דעם חורבן האָט זוכה געווען בלויז צו איין שכר „טריי זיין צו זיך אליין״; א גבורה אָן חשבונות, א גבורה אָן א שכר אויף דער וועלט, א גבורה, וועלכע קומט בלויז פון אן אינערלעכן מוז. אויף די געשטאלטן פון די חשמונאים שיינט דאָס ליכט פון זיגרייכער גבורה: — „העלדן זיינען געפאלן דורך די הענט פון שוואכע, פיל דורך די הענט פון ווייניקע, טמאים דורך די הענט פון טהורים און רשעים דורך די הענט פון צדיקים״. קען געמאָלט זיין א גרעסערער נצחון־הימן? — פרעגט קאצענעלסאָן — אָבער די קעמפערס פון מסדה זיינען איינגעוויקלט אין דער טראגישער גלאָריע פון באזיגטער גבורה... „מיר זיינען געווען די ערשטע צו האָבן אויף די רוימער א האנט און מיר זיינען פארבליבן די לעצטע צו קעמפן מיט זיי. עס איז פאר אונדז קלאָר, אז מאָרגן וועט קומען אונדזער סוף. מיר האָבן אָבער די ברירה צו שטארבן א העלדן־טויט. זאָלן אונדזערע פרויען שטארבן, איידער זיי וועלן פאראומרייניקט ווערן, זאָלן אונדזערע קינדער שטארבן איידער זיי וועלן פארזוכן דעם טעם פון בענקשאפט״.

קדוש השם, איז שטענדיק געווען דער גורל פון יידישער גבורה זינט דעם חורבן. א גבורה אָן אויסזיכטן אויף נצחון. די ספעציעלע תפילה פאר קדוש־השם בעט ניט קיין רעטונג און אפילו ניט קיין

דערלייכטערונג פון די יסורים, נאָר קדושה, טהרה און דעם כּוח בּייצושטיין דעם נסיון: „אתה ידעת מצפון לבי".

די געטאָ קעמפערס האָבּן אויך געקעמפט אין גייסט פון די קעמפערס פון מסדה, פון די קעמפערס קעגן די קרייצלער און די פאַרטיידיקערס פון טולטשין. דאָס טראַגישע ליכט פון קדוש־השם בּאַשטראַלט זייערע הייליקע פּנימער. עס איז געווען טראַגישע גבורה אָן אויסזיכטן אויף נצחון.

א בּעסערן מזל האבן געהאט די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבּן בּיי אומצייליקע פאַלן פאַרזוכט אויף דעם זיסן טעם פון נצחון און נקמה. זיי זיינען ניט געווען אַזוי טראַגיש־איינזאַם, ווי די געטאָ־קעמפערס. זיי זיינען געווען א טייל פון גרויסע רוסישע פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונגען, וואָס האָבּן געהאַט פאַרבּינדונגען מיט דעם הויפּט־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי, מיט מאָסקווע.

זיי האָבּן געהאַט די געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין פון פאַרהאַסטן שונא און געניסן פון נקמה־לוסט און נצחון־פרייד. האָבּן טאַקע דערפאַר געווייסע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס געהאַט א „גוישן מזל" און זיך בּאַוועגט בּאַוואָפנטע פריי און אומגעשטערט איבּער גרויסע שטחים אין די פּאַרטיזאַנער זאָנעס.

אין איין קייט פון גבורה און קדוש השם זיינען איינגעהילט די אומגליקלעכע קינדער־היימען אין די געטאָס, די אומלעגאַלע שוחטים און פאַרבּאָרגענע מנינים פון פרומע יידן, די יידן וואָס טרעטן ניט אָפּ פון בּרענענדיקע שולן און לויפן ראַטעווען ספרי־תורות, די קראַנקן־שוועסטערס, וואָס גייען צוזאַמען מיט זייערע קינדער אין די טויט־וואַגאָנעס, די הילפס־טוערס, וואָס שמוגלען אַריין מילך פאַר קינדער פון דער אַרישער זייט און די קעמפערס אין די געטאָס און די וועלדער, וואָס בּאַצאָלן מיט זייערע לעבּנס, בּכדי אַרויסצוראַטעווען יידן פון די געטאָס און שטעלן זיך אויס אויף סכנות און אומאָנגענעמלעכקייטן בּיים בּאַשיצן און בּאַשיצן די אומקאַמפּעטיקע יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס.

א ליכטיקער קאַפּיטל איז דער אָנטייל פון דער יידישער פרוי אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפּן אין די וועלדער. דער קאַפּיטל אין דאָזיקן בּוך „די יידישע פרוי אין פּאַרטיזאַנקע" שילדערט א ריי ליכטיקע פרויען־געשטאַלטן, וואָס האָבּן געקעמפט אין פאַרשיידענע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. די נעמען פון פעליע ווייַנבּערג, זשעניע אייכנבּוים, חיה'לע

בעקנשטיין, גוטע קאגאן, סאָניע ליפּשאָוויטש, מאליע ליפּ א. אנד. וועלן בלייבן אין דער געשיכטע פון קדושה און גבורה בימי היטלער אויפן זעלביקן לויכטנדיקן פּלאַץ, ווי דער נאָמען פון חנה סענעש — די פּאראשוטיסטן, ברכה סאלד — די קעמפערין פון דער הגנה, דבורה דראכלער און שרה טשיזשיק — די פּארטיידיקערינס פון תל-חי. אלע האָבן זיי אין נאָמען פון קדושת-החיים געהייליקט דעם טויט און וועלן בלייבן טיף איינגעקריצט אין אומשטערבלעכן הארץ פון פאָלק אויף אייביקע צייטן.

באזונדערס רירענדיק און דערהויבן זיינען די קאפּיטלען אין בוך וועלכע דערציילן וועגן די סכנות און געפארן אויף וועלכע עס האָבן זיך אויסגעשטעלט די יידישע פּארטיזאנער ביים ארויספירן יידן פון די געטאָס, ביים באשיצן און באשפּייזן די אומפּעיקע צום קאמף (מענער, פרויען און קינדער), וועלכע האָבן געפונען א מקום מקלט אין די פּאמיליע-לאגערן אין די פּארטיזאנער-זאָנעס.

בלויז די מאסנהאפּט-אדורכגעפירטע דורך די יידישע פּארטיזאנער, נקמה-אקטן איבער פּויערים יידן-מערדערס און דייטשישע אגענטן האָט דערמעגלעכט, אז אומבאוואָפנטע יידן פון די פּאמיליע-לאגערן זאָלן זיך קענען באוועגן איבער די דערפער, אָן מורא, אז יעדער בלוט-דורשטיקער פּויער זאָל זיי דערהרגענען אָדער איבערגעבן אין דייטשישע הענט, ווי עס האָט געהאט אן אָרט אין דער ערשטער צייט.

די קאפּיטלען, וואָס באהאנדלען די פּראָבלעמאטיק פון דער אלגעמיינער און יידישער פּארטיזאנער-באוועגונג קלערן פאר אונדז אויף און מאכן פארשטענדלעך פיל מאָמענטן, וועלכע זיינען פאר אונדז ביז איצט געווען רעטענישן.

די געשיכטלעכע קאפּיטלען וועגן אָנטייל פון יידן אין די קאמפן, זייער אומדערשראָקנקייט, דרייסטקייט, קאמפס-איניציאטיוו און קוקן דעם טויט אין די אויגן, וועלן אונדז אלעמען אָנפילן מיט שטאָלץ.

דער האנט-גראנאט פון פּארטיזאן האָט נקמה גענומען פארן ניט דערלעבטן נקמה-געפיל פון די אין יסורים פארפייניקטע ברידער און שוועסטער. די פּאסיווע קדושה איז דורך זיי איבערגעשמידט געוואָרן אין אקטיווער גבורה, אין אויסלייזנדיקער נקמה-טאט.

„שטארבן מיט כבוד“ איז געווען דער לעצטער רוף פון די געפאלענע העלדן אין די שלאכטן אין „ווארשע-מסדה“; איבערלעבן די שונאים, דערווארטן דעם טאָג פון זייער צעשמעטערנדיקער מפּלה“, איז

געוועזן די תּביעה פון די מחנות יידישער פּאַרטיזאַנער. אַסך פון זיי האָבן טאַקע דערלעבט דעם נצחון און שפּעטער געווען פון די ערשטע יידן־רעטערס, פירערס פון דער בריחה און מעפּילים — אַ באַוועגונג, וואָס האָט די ערשטע צוזאַמען מיט די קעמפערס פון דער יידישער בריגאַדע, געשלאָסן אַ הייליקן ברודער־בונד מיט די רעשטלעך פון די לעבן געבליבענע פּאַרטיזאַנער, אַ בונד אויף לעבן און טויט פאַר יידישער רעטונג און גאולה.

פיל פון די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער קעמפן איצט אין די רייען פון דער הגנה, פון דער יידישער אַרמיי. דאָס פּאַרטיזאַנער־ליד פון הירש גליק „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", האָט זיי באַגלייט פון די ווייסרוסישע פּושטשעס, פּאָלעסיער בלאָטעס און װאָלינער װעלדער ביז די שלאַכט־פראָנטן פון ירושלים, נגב און דזשענין.

זאָל די געשיכטע פון די פּאַרטיזאַנער־קאַמף, וואָס ווערט איבער־געגעבן אין די הענט פון די לייענערס, זיי דערמאָנען די גבורה פון אונדזער יוגנט, פון אונדזער העלדישן דור, וואָס איז אַ שפּראָץ פון בלוט פון די חשמונאים און מסדה־גבורים, וואָס איז אַ רינגעלע אין דער קייט פון דער יידישער גבורה פון דור־דורות.

איצט ווען ישראל שטייט אין אַ פאַרביסענעם קאַמף אויף לעבן און טויט, אַ קאַמף אין װעלכע עס נעמען אָן איינטייל אויך די געוועזענע פּאַרטיזאַנער, איז עס אויף דער צייט דאָס באַקענען דער יידישער עפנטלעכקייט מיט דעם העראָישן קאַפּיטל פון דער יידישער געשיכטע.

האַלט טייער די דאָזיקע געשיכטע פון פיל טויזנטער יידישע קעמפערס, געשריבן מיטן בלוט פון זייער האַרץ און מיטן בליי פון זייערע קוילן אין קאַמף קעגן די פאַרניכטערס פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע.

„געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און בליי
ס'איז ניט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי,
ס'האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט"...

ל. שפּיזמאַן.

ניו־יאָרק, יולי 1948.

# פֿאָרוואָרט פֿון מחבר

דאָס דאָזיקע בוך איז א רעזולטאַט פֿון אַנדערטהאַלבן יעריקער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. עס איז געקומען נאָך א לענגערן ישוב הדעת, ווי אַזוי אַמבעסטן צו באַקענען די יידישע עפֿנטלעכקייט — פֿאַר וועמען דער באַדייטנדיקער יידישער אָנטייל אין דער העראָישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג פֿון סאָוועט־רוסלאַנד איז נאָך אַלץ א ספֿר חתום — מיט דעם דאָזיקן רומפֿולן קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע פֿון דער לעצטער מלחמה. צוליב דער דינאַמישקייט, אַקטיווקייט, ריזיקן פֿאַרנעם און די באַזונדערע פֿאַרהעלטענישן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין די פֿאַרשיידענע פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, ווי אויך צוליב דעם, וואָס ניט אַלעמאָל איז דער מאַטעריאַל פֿון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אויסשעפּנדיק, וואָלט דאָס פֿאַרעפֿנטלעכן די טרוקענע גבֿית־עדותן און מאַטעריאַלן ניט אויסגעפֿילט דעם בלויז.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן אָנצושרייבן אַלס די ערשטע אויסגאַבע א בוך ניט פֿ ו ן פּאַרטיזאַנער, נאָר בעיקר וו ע ג ן פּאַרטיזאַנער.

אדאנק דעם, וואָס איך האָב במשך פֿון מיין לערך צוויי־יעריקער פּאַרטיזאַנקע אין די פֿאַרשיידענע פּושטשעס פֿון מערבֿ־ווייסרוסלאַנד ניט פֿאַרלאָרן מיין זשורנאַליסטישע נייגיריקייט, נויגונג צו פֿאַראינטערעסירן זיך מיט אַלע דערשיינונגען, געשעענישן און פּראָבלעמען, האָט דאָס פֿאַרבאַהאַלטענע אין זכרון פֿון יענע יאָרן, מיר באַדייטנדיק אַרויסגעהאָלפֿן ביים אָנשרייבן דאָס דאָזיקע בוך.

דאָס בוך גיט א פֿולן בילד פֿון יידישן אָנטייל אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע אויף אַלע שטחים און קאַמפּף־אָפּשניטן, באַהאַנדלט די געשיכטע און פּראָבלעמאַטיק פֿון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע בכלל און דער יידישער בפֿרט (פֿאַמיליע־פּראָבלעם, באַשפּייזונג, באַוואָפֿענונג, אַנטיסעמיטיזם, באַזונדערע נאַציאָנאַלע איינהייטן א. א. וו.) און איז אין זיין געשיכטלעכן טייל (די לעצטע פֿינף קאַפּיטלען) געבויט אויף ציטאַטעס און עפּיזאָדן פֿון די היסטאָרישע מאַטעריאַלן פֿון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים „פּח״ח״־פֿאַרבאַנד, ווי אילוסטראַציעס צו מיינע הנחות און אויספֿירן.

דאָס בוך באהאנדלט דעם ייִדישן אָנטייל אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע בעיקר אין מערבֿ-ווײַסרוסלאַנד, פּאָלעסיע און צפון-וואָלין, ווו די פּאַרטיזאַנקע איז געווען אמייסטן אקטיוו-קעמפעריש, כאָפּט אָבער טיילווײַז אויך ארום מזרח-ווײַסרוסלאַנד, מזרח-אוקראַינע, ליטע און דרום-וואָלין.

כדאי צוצוגעבן, אז אין ווײַס-רוסלאַנד, פּאָלעסיע און וואָלין האָבן איבערגעלעבט די מלחמה בלויז די ייִדן, וואָס זײַנען אנטלאָפן אין די וועלדער.

לויט ניט קיין גענויע ציפערן האָבן בלויז אין מערבֿ-ווײַסרוסלאַנד און מערבֿ-אוקראַינע (וואָלין) אקטיוו, מיט געווער אין די הענט, געקעמפט צוזאַמען מיט די זין פון די אנדערע סאָוועטישע פעלקער לערך 11 — 10 טויזנט ייִדישע פּאַרטיזאַנער.

מען דאַרף צוגעבן צו דעם די באַדײַטנדיקע צאָל ייִדן, וואָס האָבן אלס אומפעיקע צום קאַמף, געפונען שוץ און איבערגעלעבט די מלחמה אין די פאַמיליע-לאַגערן אין די פּאַרטיזאַנער-זאָנעס. זיי האָבן עס אין דער ערשטער ריי צו פאַרדאַנקען דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע. וואָלטן אָבער אין דער רוסישער פּאַרטיזאַנקע ניט געווען פיל טויזנטער ייִדישע קעמפערס, וואָלטן די ייִדן ניט געגעבן איבער 3000 קרבנות, געפאַלענע אין די קאַמפן מיט די דײַטשן און זייערע קאָלאַבאָראַטאָרן, וואָלט פאַר די זקנים, פרויען און קינדער ניט געווען קיין אָרט און שוץ אין די וועלדער.

איך האָב זיך באמיט צו זיין ווי ווײַט מעגלעך אָביעקטיוו ביים באהאנדלען די ייִדישע פּאַרטיזאַנער-פּראָבלעמאַטיק און ביים מאכן אויספירן, ביחוד בנוגע דער דעליקאַטער פּראָבלעם פון די קעגנזײַטיקע באציונגען צווישן ייִדן און ניט-ייִדן אין די וועלדער.

א פאָר ווערטער וועגן דער טעטיקייט פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים פּח"ח-פאַרבאַנד אין איטאַליע.

די היסטאָרישע קאָמיסיע איז אנטשטאַנען, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם שרײַבער פון די שורות, צוגלייך מיט דער אָרגאַניזאַציע פון פאַרבאַנד פון פּאַרטיזאַנער, פראָנט און געטאָ-קעמפערס פּח"ח (פּאַרטיזאַן-חייל-חלוץ) אין לאָדזש (מאי 1945), נאָכן אָנקומען קיין פּוילן, אויפן וועג קיין א"י, פון טויזנטער רעפּאַטריאירטע פּאַרטיזאַנער פון די געוו. מערבֿ-געביטן פון פּוילן.

די היסטאָרישע קאָמיסיע האָט זיך געשטעלט אלס ציל צונויפצו-

זאמלען דעם מאטעריאל וועגן יידישן קאמף און בלוט-צושטייער צו דער סאָוועטישער פארטיזאנער-באוועגונג. אויפן וואנדער-וועג אין אָראדיע-מארע (רומעניע), גראַץ (עסטרייך) און שפעטער אין איטאליע זיינען דורך סעמינארן פון פארטיזאנער פון באזונדערע אָטריאדן, פּושטשעס און ראיאָנען, דורך יחידים אנטיילנעמערס און אויסגעצייכנטע אין די קאמפן פארשריבן געוואָרן די געשיכטעס פון יידישע נאציאָנאלע אָטריאדן, יידישע איינהייטן אין די רוסישע אָטריאדן, קאמפן, לויערונגען, נקמה-אקטן, ביאָגראפיעס פון געפאלענע פארטיזאנער א. א. וו.

דער גאנצער געזאמלטער מאטעריאל וועט אריין אין די צוויי געפלאנטע אויסגאבעס: יזכור-בוך נאָך די געפאלענע-פארטיזאנער און זאמל-בוך „געשיכטע פון יידישע נאציאָנאלע פארטיזאנער-אָטריאדן״.

איך דאנק פאָראויס די אלע, וועלכע וועלן מיר מאכן זייערע באמערקונגען, בכדי עס צו נעמען אין אכט אין דער עווענטועלער 2-טער אויפלאגע פון בוך.

ביי דער געלעגנהייט דאנק איך אלע, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אין דער ארבעט פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע און ביי דער אויסגאבע פון פאָרליגנדיקן בוך: דעם „דזשאָינט״, ציונ. ארב. הילפס-קאָמיטעט אין אמעריקע און די ח״ח דר. ל. בערנשטיין, רעד. ב. כהן, קאָמיסיע-סעקרעטאר, י. קווינטמאן, די ח״ח פון אָרטיקן אָפּטייל פון ציונ. ארבעטער הילפס-קאָמיטעט, מ. צוקערקאָפּ, ח. לייבאָוויטש און דער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים פח״ח אין עסטרייך.

דאָס בוך, וואָס פאראייביקט איינע פון די שענסטע און העראָישסטע קאפיטלען פון יידישן לעבן און געראנגל אין די בלוטיקע יאָרן פון נאצישן גיהנום, וועט פארן יידישן היסטאָריקער דינען ווי א מקור פון ידיעות און העלפן שאפן דאָס בילד פון יידישן ווידערשטאנד קעגן דער היטלערישער בעסטיע.

מ. קאגאנאָוויטש

רוים, יולי 1948.

## קאפיטל איינס

# די רוסן — א פארטיזאנער פאלק

די יידישע און ניט־יידישע עפנטלעכקייט ווייס זייער ווייניק, וועגן דעם אָנטייל פון די יידן אין דער העראָישער פארטיזאנער־באוועגונג פון די פעלקער פון גרויסן ראטן־פארבאנד, באזונדערס דאָרט, ווו זי איז געקומען צום שטארקסטן אויסדרוק — אין ווייס־רוסלאנד און אוקראינע (מערב).

כּכדי צו געבן כאָטש טיילווייז א בילד פון דעם יידישן אָנטייל אין דער סאָוועטישער פארטיזאנקע אין אלע אירע אנטפלעקונגען, מוז מען זיך פריער שאפן אן אלגעמיינע, אויבנאויפיקע פאָרשטעלונג, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די סאָוועטישע פארטיזאנער־באוועגונג, וואָס זיינען געווען אירע אָרגאניזאציע־פאָרמען, קאמפס־סטראטעגיע און טאקטיק; ווי איז געקומען דערצו, אז אין טיפן דייטשישן הינטערלאנד („טיל"), 600—900 ק"מ. פון דער פראָנט־ליניע, האָבן הונדערטער טויזנטער באוואָפנטע מענטשן צעטרייסלט און דערשיטערט דעם מעכטיקן דייטשישן כוח און פרעסטיזש ביי דער באפעלקערונג? ווי איז עס געקומען דערצו, אז גאנצע געגנטן, כמעט גאנץ ווייס־רוסלאנד און מערב־אוקראינע, זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין פארטיזאנער־זאָנעס, ווו די דייטשן פלעגן וואגן צו קומען נאָר מיט א ריזיקן כוח אויף געציילטע טעג און אוועקגיין צוריק, נאָכן אָפּגיין אין בלוט? ווי איז עס געקומען דערצו, אז די שוואך באוואָפנטע פארטיזאנער מיט די פארזשאווערטע, קאָמבינירטע ביקסן, אין דער ערשטער תקופה, זאָלן זיך קענען האלטן און אפילו געבן שטארקע קלעפּ און מיטהעלפן צום זיג איבערן פארהאסטן, בלוטיקן דייטשישן אָקופּאנט, וועלכער האָט אין א קורצער צייט געשטעלט אויף די קני גאנץ אייראָפּע?

* * *

קיין פאָלק אין דער וועלט, איז לויט זיין כאראקטער לעבנס־שטייגער, געדאנקען־גאנג און פסיכאָלאָגישע איינשטעלונג, ניט פעיק צו פירן

א פארטיזאנישן קאמף, ווי דאָס רוסישע פאָלק. קיין לאנד האָט ניט אזוינע געאָגראפישע, גינסטיקע פאָרבאדינגונגען צו פירן א פארטיזאנקע, ווי רוסלאנד.

די גאנצע געשיכטע פון רוסלאנד, אירע אלע מלחמות, וועלכע זי האָט געפירט קעגן פרעמדע אָקופאנטן און וועלכע האָבן געטראָגן א פרייהייטס־כאראקטער, זיינען בעיקר געווען פארטיזאנישע קריגן.

דמיטרי דאנסקאָיס מלחמה קעגן דער מאָנגאָליש־טאטארישער אינוואזיע (1380), פיאָטר דעם גרויסנס קריג קעגן דעם שונא פון צפון, דעם שוועדישן קעניג קארל דעם 12־טן (1699—1721), מינין און פּאָזשארסקים אויפשטאנד קעגן די פוילישע אָקופאנטן פון מאָסקווע (1612—1613) און מארשאל קוטוזאָווס סטראטעגיע אין דער ערשטער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה קעגן נאפאָלעאָן (1812—1813), זיינען געווען ניט נאָר מלחמות מיט רעגולערע פראָנטן און געאָרדנטע קאמפן, נאָר האָבן אויך געהאט עלעמענטן פון פארטיזאנישער קאמפס־טאקטיק און סטראטעגיע, ווו די באפעלקערונג פון די אָקופירטע געביטן האָבן גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין קאמף, און דער אויסגאנג פון די פארמעסטונגען, איז אין א גרויסער מאָס דעצידירט געוואָרן אין טיפן הינטערלאנד פון פיינט.

שוין די אמאָליקע רוסישע הערשערס האָבן זיך געהאלטן ביי דער טאקטיק פון אויפהאלטן א כסדרדיקע פאניק ביים שׂונא. ביי ארויס־טרעטונגען קעגן שונא, און ווי א סיגנאל צו דעם האָט געדינט דאָס אונטערצינדן שטעט און ישובים (דאָס אונטערצינדן מאָסקווע בעת דעם אויפשטאנד פון מינין און פּאָזשארסקי קעגן די פּאָליאקן, דאָס אונטערצינדן מאָסקווע בעת דער נאפאָלעאָנישער מלחמה א. א. וו.).

די קריגס־טאקטיק, וועלכע עס דאָבן אָנגעווענדט די רוסן אין זייערע מלחמות פון דער א. ג. „פארברענטער ערד" (ד. ה. פארניכטן די שפּייז־רעזערוון, סמ'ען די ברונימעד, פארברענען אלץ, וואָס עס קען העלפן דעם שונא), און וועלכע איז אויך אָנגעווענדט געוואָרן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה קעגן די היטלעריסטישע מערדער־האָרדערס — איז אייגנטלעך א פארטיזאנישע טאקטיק.

א פארצווייגטע און אָרגאניזירטע פארטיזאנקע האָט געפירט מארשאל קוטוזאָוו אין זיין מלחמה קעגן נאפאָלעאָן.

די אטאמאנען קאפיטאן דעניסאָוו, דאווידאָוו א. אנד. האָבן בראש פון זייערע קאוואלעריע־אָפטיילן, אין הינטערלאנד פון נאפאָלעאָנס ארמייען

געזייט טויט, פאניק און אומקום (אין זיין באריםטן בוך „קריג און פרידן" גיט לעוו טאָלסטאָי א פולן בילד פון דער פארטיזאנקע אין יענער תקופה).

דער גליענדיקער פאטריאָטיזם פון רוסישן פאָלק, זיין אומבויגזאמער נאציאָנאלער שטאָלץ, זיין ברענענדיקע ליבע צו פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, דאָס ניט שלום מאכן מיטן געדאנק צו זיין ווען עס איז פארשקלאפט און פארקנעכט צו פרעמדע אריינדרינגלערס און אָקופאנטן, און דאָס ריזיק-גרויסע, אומענדלעך אויסגעצויגענע לאנד, וואָס עס איז שווער איינצונעמען און נאָך שווערער צו באזעצן און באהערשן, — דאָס אלץ האָט ניט דערמעגלעכט א לענגערע אָקופאציע פון די אָנפאלערשכנים, ווען עס האָט אין אלע צייטן געלאָקט דאָס ריזיק-גרויסע, געהיימנישפולע און לעגענדאר-רייכע רוסלאנד.

א גרויסער טייל פון לאנד בילדן אומגעהויערע שטחים פון וועלדער, פושטשעס, (ריזיקע וועלדער פול מיט בלאָטעס און זומפן), בערג און פעלזן, וועלכע שאפן אידעאלע באדינגונגען צו פירן א פארטיזאנקע קעגן פרעמדן אריינדרינגלער, וועלכער קען ס'רוב ניט אלע וועגן, וועגעלעך, טראָפינקעס און זייטיקע דורכגענג.

דער אָקופאנט שרעקט זיך פאר די געהיימנישפולע, ריזיקע, אומענדלעכע, געדיכטע בלאָטיקע וועלדער, אין וועלכע דער רוס פילט זיך, ווי ביי זיך אין דער היים. יעדער געמורמל, יעדער רויש פון צווייגל און בלעטל, יעדער שאָרך, וועלכער דערטראָגט זיך פון וואלד, דערציילט אים וועגן א פלוצימדיקן, אומדערווארטן אָנפאל און אומקום.

די ישובים, דערפער און „כוטארעס" (איינצל-פארמס), זיינען געבויט לענגאויס די וועלדער אָדער געפינען זיך אין הארץ פון די פושטשעס.

די וועלדער און פושטשעס זיינען ס'רוב געבונדן צווישן זיך (זעלטן מיט קליינע איבערייסן), און עס איז דאָ א מעגלעכקייט דורכצוגיין דאָס גאנצע לאנד, ניט ריזיקירנדיק זיך צוזאמענצוטרעפן פנים אל פנים מיט דער איבערמאכט פון שונא, ווען מען האלט עס פאר ניט געוווּנטשן.

די פארטיזאנישע מלחמה, די א. ג. „גערילא מלחמה" — דער קאמף אין רוקן פון שונא דורך אומדערווארטע, פלוצימדיקע ארויספאלן פון פארמאסקירטע ערטער, קוסטעס, וועג-קאנאלן, „זאסאדעס" (לויערונגען) א. א. וו., — איז א געפערלעך געווער קעגן באצווינגער. דאָס מאכט אומזיכער יעדע באוועגונג פון זיינע מיליטער-טיילן אין פרעמדן אומבאקאנטן לאנד.

אויפן פראָנט ווייסט ער, אין וועלכער ריכטונג ער האָט צו שיסן, ווער עס זיינען זיינע פיינט, פון וועלכער זייט ער קען דערוואַרטן א קויל און ווו ער דאַרף זיך פאַרטיידיקן. אין הינטערלאַנד איז פאַר אים א טויט-געשפּענסט יעדער בוים, יעדער קוסט, פעלז, גרוב און געביידע.

דאָס געפיל פון כסדרדיקער אומזיכערקייט, פון אומצוטרוי צו אַלץ און אַלעמען, שוואַכט אָפּ יעדע קאַמפּס-איניציאַטיוו, נעמט אָפּ דעם אויטאָריטעט פון צייטווייליקן באַזיגער ביי דער באַפעלקערונג און ווירקט זיך פּסיכאָלאָגיש שלעכט אויס אויף דער קאַמפּס-שטימונג פון זיינע סאָלדאַטן.

דורך באַדראָען די פאַרבינדונגס- און קאָמוניקאַציע-וועגן (באַנען, שאָסייען, טעלעפאָנען א. א. וו.) ווערט אָפּגעשטעלט, אָדער באַשווערט דאָס צושטעלן געווער, אַמוניציע און אַפּראָוויזאַציע צו די פראָנטן פאַר דער קעמפנדיקער אַרמיי און ס׳רוב דינען דעם שונא׳ס טראָפּייען פאַר דער מיליטערישער פאַרשטאַרקונג פון די, פאַר וועמען זיי האָבן געדאַרפט זייען טויט און אומקום.

עס איז אַלגעמיין באַקאַנט די גרויסע דעצידירנדיקע ראָל אין זיג און ברעכן דעם אייזערנעם בלאָקאַדע-רינג, וועלכע עס האָט אָפּגעשפּילט די סאָוועטישע פאַרטיזאַנקע אין בירגער-קריג נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה (1917 — 1921), ווען 14 מלוכות האָבן אונטערגענומען אַן אינטערווענץ פון אַלע זייטן קעגן דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע און געפּלאַנט זי צו דערשטיקן אין אירע וואָרצלען.

ניט ווייניק לידער ווערן געזונגען, פיל מעשיות און לעגענדעס ווערן דערציילט וועגן דעם העלדישן געראַנגל, וועלכן עס האָבן געפירט די סאָוועטישע פאַרטיזאַנער-פירער: שטשאָרס, זשעלעזניאַק, טשאַפּאַיעוו, קאָטאָווסקי, פּאַרכאָמענקאָ, דיאַדיא אַליאָשאַ א. אנד. קעגן דער טשעכישער אַרמיי, קעגן די אַרמייען פון וראַנגעל, דעניקין, פּעטליוראַ, קאָלטשאַק, מאַכנאָ, די פּוילישע אַרמיי, בולאַק-באַלאַכאָוויטש, קאָזאַקן-אַטאַמאַנען, ווייסע צאַרישע אַרמייען, דייטשישע אַרמיי א. אנד.

אויך די גלענצנדיקסטע, העראָישדיקסטע סאָוועטישע פאַרטיזאַנקע פון דער לעצטער וועלט-מלחמה האָט אַרויסגעהויבן הונדערטער און טויזנטער אָנפירערס, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט א פאַרטיזאַנקע אויף אַלע שטחים, ווו עס איז נאָר אַרויפגעטראָטן דער שווערער פּרייסישער שטיוול און אָן רחמנות זיי פאַרניכטעט און נקמה גענומען פאַר דעם פאַרגאָסענעם

אומשולדיקן בלוט פון מיליאָנען ציווילע בירגערס, פארן גאנצן חורבן, אויסראָט און טויט, וועלכן זיי האָבן געבראכט אויף רוסלאנד.

קאָוופאק, זשעלעזניאק, גענ. באזשענקא, גענ.-מאיאָר פלאטאָן, דיאדיא וואסיא, גענעראל-מאיאָר לונין, שופיעני, בולאט, גענעראל פיאָדאָראָוו-טשערניגאָווסקי, ברינסקי, באטיא, גענ.-מאיאָר ביעגמא, קאפיטאן סעניטשקין, וואָראָנין, יורגיס-זימאן (א ייד וועלכער האָט פיגורירט אלס ליטווינער), פאָלק. מארקאָוו, קאָוואלאָוו, דאווידאָוו, גארעליק (די לעצטע צוויי — סאָוועטישע יידן), ראדיאנאָוו, סאָקאָלאָוו, פילאמאָוו און פיל אנדערע זיינען פאר זייערע קאמפס-לייסטונגען, פאר זייערע ארויסגעוויזענע אָרגאניזאציע און אָנפירערשאפט-פעיקייטן און מיטהילף צום זיג באשאָנקען געוואָרן מיט די העכסטע אָרדנס און מיט דער בכבודיקסטער באצייכענונג „העלד פון ראטנפארבאנד".

דער רוסישער מענטש, וועלכער איז אין די כסרדיקע קאמפן און מלחמות פאר דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פון זיין לאנד פארהארטעוועט געוואָרן, וועלכער איז צוגעוווינט צו א שווער לעבן, און קען זיך לייכט צופאסן צו די הארטסטע לעבנס-באדינגונגען, ווען הונגער און שמוץ, בלאָטע און יסורים קענען ניט איינברעכן און דערשיטערן אין זיין אייזן-פעסטן ווילן צו זיין פריי און זעלבסטשטענדיק — איז א צוגעפאסטער מאטעריאל פאר א פארטיזאנער-ארמיי.

די רוסישע אויסהאלטעוודיקייט ביי די שווערסטע לעבנס-באדינגונגען איז אלגעמיין באקאנט.

ווען מען האָט נאפאלעאָנען דערציילט, אז רוסישע סאָלדאטן טונקען פארדארטע „סקאָרינקעס" (אלט ברויט) אין בלאָטע און עסן דאָס מיט אפעטיט, האָט ער געמאכט א לאקאנישע באמערקונג: „קעגן אזעלכע זעלנער מוזן מיר פארשפילן די מלחמה"...

אז די דייטשן האָבן געזען די אויסהאלטעוודיקייט פון סאָוועטישן פארטיזאן, זיין לעבן ביי די פרימיטיווסטע וואלד-באדינגונגען — אין צייט פון אָבלאָוועס, הונגעריק, שמוציק, שלאָפנדיק אין די גרעסטע פרעסט אויף קופעס שניי — א לעבן צווישן ריזיקע בלאָטעס און זומפן, האָבן זיי די „קולטורעלע" מפונקים עס ניט נאָר באוונדערט, נאָר אויך זיכער געטראכט דאָס זעלביקע וואָס נאפאלעאָן זיינער צייט...

**6**

דער רוסישער מענטש און דאָס רוסישע לאַנד זײַנען אידעאַל צוגעפּאַסט צו פּאַרטיזאַנישער קריגס־פירונג, און דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן, אין דער פֿולער מאָס, דורך דער העראָישער, לעגענדאַרער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע אין דער צווייטער פּאַטערלענדישער מלחמה (1941—1945) קעגן דעם מעכטיקן פּאַשיסטיש־היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

## קאפיטל צוויי

# די פאליטיש - געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן אין די אקופירטע געביטן פון סאוועט-רוסלאנד.

דער ציל פון די דייטשן איז געווען אין פאל פון א זיג, צו צעברעקלען דאס גרויסע רוסלאנד אויף פיל באזונדערע מלוכות, און אויף אזא אופן זיי אויסנוצן פאר די אייגענע צוועקן.

לויט דעם פלאן האבן ווייס - רוסלאנד און אוקראינע געדארפט בילדן באזונדערע אינטעגראלע מלוכות. די דייטשן האבן געבראכט אויף די אקופירטע שטחים די רוסישע, ווייס - רוסישע און אוקראינישע פאליטישע עמיגראנטן, וועלכע האבן זיך אויפגעהאלטן אין בערלין און אין אנדערע שטעט אין אייראפע נאך דעם אויפקום פון דער ראטן-מאכט, וו זיי האבן געווארט אויפן טאג פון זייער „דערלייזונג"... טיילווייז האט פאר די דייטשן דער דאזיקער עלעמענט געבראכט גרויס נוצן ביים איינשטעלן די אדמיניסטראציע און ארדענונג אין די אקופירטע געביטן.

אין קענגנזאץ צו דער סאוועטישער לאזונג פון „פעלקער-פריינדשאפט", האבן די דייטשן געפלעגט די עקסטרעם-שאוויניסטישע געפילן פון די ווייס - רוסן, אוקראינער א. אנד. פעלקער. אין זייערע באמיונגען אפצורייסן די דאזיקע פעלקער פון זייער גרויסן ברודער-פאלק, די גרויס-רוסן, האבן זיי דורך זייערע אגענטן אנגעהויבן רעפארמירן דעם ווייס - רוסישן און אוקראינישן אלפאבעט.

צו דעם צוועק האט מען לאטייניזירט די אלף-בית'ן, געפעלשט די געשיכטע וועגן דורותדיקן צוזאמענלעבן און פאליטישן צוזאמענבונד פון ווייס-רוסישן און אוקראינישן פאלק מיטן רוסישן, פארשטעלנדיק די א. ד. פעלקער אלס קרבנות פון רוסישער אגרעסיע און גוואלט. זיי האבן אויך אויסגעלאכט די זעלבסטשטענדיקייט פון ווייס-רוסלאנד און

אוקראינע אין דער סאָוועטישער פעדעראציע, אָנווייזנדיק, אז נאָר איצט וועלן די פעלקער ווערן אמת'דיק זעלבסטשטענדיק...

אין דער דאָזיקער פראָפּאגאנדע האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל די אגיטאציע קעגן דעם סאָוועטישן ווירטשאפטס־סיסטעם.

קענענדיק די שטימונגען צווישן א טייל פון די פּויערים, און וויסנדיק זייער אומצופרידנקייט מיטן „קאָלכאָז" (קאָלעקטיווע ווירטשאפט), האָט דער מיניסטער פאר די מזרח־געביטן, ראָזענבערג, ענדע 1942, ארויסגעגעבן א דעקרעט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט דאָס מבטל מאכן די קאָלעקטיווע ווירטשאפטן און אויפבויען צוריק דאָס פּריוואטע אייגנטום אין דאָרף. ראָזענבערג האָט אָבער אָפּגעלייגט דאָס אויספירן און רעאליזירן זיין הבטחה אויף נאָך דער מלחמה, און דערווייל געלאָזן פאר דער דייטשישער ארמיי די באקוועמלעכקייט צו האָבן גרויסע קאָנצענטרירטע ווירטשאפטן, וועלכע זאָלן דינען ווי רעזערוווארן פאר אפּראָוויזאציע פארן פראָנט און הינטערלאנד.

די דייטשן האָבן פאר יעדן פרייז געוואָלט אָפּרייסן די א. ד. פעלקער פון מזרח אין מאכן זיי פאר א טייל פון מערב, פון וועמען דייטשלאנד האָט זיך באטראכט אלס דער לעגיטימסטער פאָרשטייער.

די דייטשן האָבן צוגעגעבן גרויס באדייט, דאָס אויסנוצן פאר זיך די ווירטשאפטלעכע און מענטשן־רעסורסן פון די אָקופּירטע געביטן פאר דער קריגס־פירונג, אין שפּעטער פאר דער ווירטשאפטלעכער עקספּלאָאטאציע צום נוצן פון דער דייטשער נאָך־מלחמה־ווירטשאפט.

באזונדערס האָט זיי געלאָקט די פרוכטבארע, שווארצערדיקע אוקראינע, וועלכע באזיצט אזויפיל מעטאלורגישע רייכטימער. לויטן פּלאן האָט געזאָלט אוקראינע ווערן א דייטשישע קאָלאָניע — א דורותדיקער טרוים פון דייטשישן אימפּעריאליזם.

ביידע מלוכות וואָלטן פאקטיש, לויט די דייטשישע פּלענער, געדארפט ווערן וואסאלן־מלוכות, וועלכע וואָלטן דורך זייערע אייגענע, כלומרשט זעלבסטשטענדיקע רעגירונגען, געדארפט אויספירן די באפעלן פון מעכטיקן דייטשלאנד.

די דייטשן האָבן געשאפן א ווייס־רוסישע רעגירונג מיט פּרעזידענט אָסטראָווסקי בראש, אין אוקראינישע רעגירונג — מיט פּראָפ. סטעצקי בראש און געגעבן די איניציאטיוו צו שאפן נאציאָנאלע ארמייען און אדמיניסטראציעס. אין אָנהויב 1943 האָבן זיי ארויסגעגעבן א באפעל, אז די אדמיניסטראציע דארף זיין באזעצט דורכאויס נאָר פון די פעלקער,

וועלכע דאָמינירן אין דעם באַטרעפנדיקן לאַנד. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן, בכדי צו שאַפן אַן אילוזיע פון פולער זעלבסטשטענדיקייט.

זייערע הבטחות פאַר די דאָזיקע פעלקער נאָכן דערוואַרטעטן זיג, זייערע „ליבע־דערקלערונגען" און פריינטשאַפטס־דעקלאַראַציעס, זיינען געווען מער ווי באַשיידן.

דער מיניסטער פאַר ווייס־רוסלאַנד, קיבע (דערמאָרדעט דורך פּאַרטיזאַנער, אין יוני 1943), דער מיניסטער פאַר אוקראַינע, קאָך און דער מיניסטער פאַר די מזרח־געביטן דער באַקאַנטער ראַסן־אידעאָלאָג, ראָזנבערג, האָבן זיך דערקלערט און דורך זייערע אידעאָלאָגישע פריינד צווישן די ווייס־רוסן און אוקראַינער, פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס די גרעסטע פריינט פון די א. ד. פעלקער.

בדרך כלל אָבער, איז געווען אַלגעמיין באַוווּסט, אַז די דייטשן האָבן באַטראַכט די סלאַווישע פעלקער אַלס אַ נידעריקערע ראַסע, אַלס מענטשן, וואָס שטייען אויף אַ נידעריקער קולטור־מדרגה, און דאַרפן זיין באַשטימט צו דינען די אינטערעסן פון דער „הערן־ראַסע".

די דייטשן האָבן אָבער געקענט פאַרבאַהאַלטן זייערע ענד־צילן בנוגע צום אוקראַינישן און ווייס־רוסישן פאָלק אין אַ מענטעלע פון צביעות און הויך־קלינגענדיקע פראַזעס.

די פעלקער אָבער האָבן ניט געהאַט קיין איבעריקן גרויסן צוטרוי צו די דייטשע הבטחות. מען האָט דערזען די דייטשע רוצחים אין זייער טאָג־טעגלעכער אויפפירונג און פראַקטיק. גאַנץ ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע זיינען באַדעקט געוואָרן מיט תליות. פאַר דעם קלענסטן פאַרברעכן האָט מען עפנטלעך געהאַנגען אויף די מערק און פּלעצער. די דייטשן האָבן איינגעפירט דאָס עפנטלעכן שמייסן און אַנדערע מיטל־אַלטערלעכע פּייניקונגען, פון וועלכע דאָס צובינדן אַ מענטשן צו אַ סלופּ אין אַ הענגענדיקער פּאָזע איז געווען דער פּאָפּולערסטער.

זיי האָבן ניט פאַרזאַמט קיין געלעגנהייט, בכדי אויסצודריקן זייער פאַראַכטונג צו די באַזיגטע פעלקער. עס איז ניט געווען קיין מאָס און קיין גרענעץ פאַר דער סאַדיסטישער ערפינדערישקייט פון די דייטשע אכזרים.

מיטן אויפקום און פונאַנדערוווּקס פון דער פּאַרטיזאַנקע אין די א. ד. לענדער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער קריין־צוג קעגן די, וועלכע מען האָט חושד געווען אין צוזאַמענאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער.

די דייטשן האָבן איינגעפירט דעם סיסטעם פון קאָלעקטיווע שטראָפן. צענדליקער און הונדערטער דערפער, טויזנטער איינצל-ווירטשאפטן אין די געגנטן פון די פארטיזאנער-זאָנעס, זיינען פארברענט געוואָרן צוזאמען מיט זייערע איינוווינער, אונטער דער באשולדיקונג פון שטיצן די פארטיזאנער.

אלע, וועלכע האָבן נאָר פארנומען א וועלכן ניט איז אמט אין דער צייט פון דער סאָוועטישער הערשאפט (1939 — 1941), זיינען געהאנגען און געשאָסן געוואָרן אָן רחמנות. עס איז פראקטיצירט געוואָרן די סיסטעם פון נעמען ערובניקעס, דאָס רוב גייסטלעכע און אינטעליגענץ, און אין פאל פון א פיינדלעכן אקט קעגן די דייטשן, פלעגן די ערובניקעס דערשאָסן ווערן.

אין יעדער שטאָט, ווו די דייטשן זיינען אריין, איז צוזאמענגערופן געוואָרן די באפעלקערונג און געוואָרנט געוואָרן, אז אין פאל פון דערמאָרדן איין דייטש, וועלן דערמאָרדעט ווערן הונדערט ניט-יידן און 200 יידן (דער „פרייז" איז ניט געווען אין אלע ערטער דער זעלביקער...).

דאָס צעטל חטאים, פאר וועלכע עס פלעגט דראָען טויט-שטראָף, איז געווען זייער א לאנגע, און קיינער איז ניט געווען זיכער פון ארונטערפאלן אונטער דער חטאים-קלאסיפיקאציע.

די ארומיקע באפעלקערונג האָט אקטיוו מיטגעהאָלפן די דייטשן אין אויסראָטן און אויסרויבן די יידן. דער טאָטאל-אויסראָט פון די יידן האָט געפונען די פולע צושטימונג פון די פעלקער אין די אָקופירטע געביטן, אָבער דער איינדרוק פון די שווידערלעכקייטן און סאדיסטיש-צוגעטראכטע טויטן, האָט דאָך ביי א טייל געשאפן א מיינונג וועגן די דייטשן, ווי וועגן א מערדער-פאָלק.

די פאָליאקן, ווייס-רוסן און אוקראינער פלעגן מיט ציטער איבערחזרן; „גלייך ווי די דייטשן וועלן פארענדיקן מיט די יידן, וועלן זיי זיך נעמען צו אונדז!"

איינער פון די צילן פון יידן-אויסראָט איז טאקע געווען אָנצוווארפן א מורא אויף דער באפעלקערונג און האלטן זי אין צוים. דאָס האָט פאר זיי געדארפט זיין א קלאסישע לעקציע, אויף וואָס די דייטשן זיינען פעיק, בעת זיי קומט אוים זיך אָפצורעכענען מיט קעגנערס.

די דייטשן האָבן געריסן פון דער באפעלקערונג פון טויט און

פון לעבעדיק. זיי האָבן פארמלוכה׳שט די פּריציישע הויפן, די גרויסע לאַטיפונדיעס און צוגענומען כמעט די גאַנצע גערעטעניש פאַר זיך.

די נאַרמעס, וועלכע די פּויערים פלעגן דאַרפן געבן, זיינען געווען איבער זייערע כוחות. די דייטשן האָבן גערויבט און געפירט אַלץ צום פראָנט און קיין דייטשלאַנד. אַזוי זיינען אויך ארויסגעפירט געוואָרן אַלע גרעסערע און וויכטיקערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (עלעקטרישע סטאַנציעס, טאַרטאַקן א. א. וו.).

נויטיקנדיק זיך אין ארבעטס-כוחות אויף די פאַבריקן און אין די גרובן האָבן זיי מאַסנווייז אָנגעהויבן ארויסצופירן די יוגנט פון די אָקופּירטע געביטן קיין דייטשלאַנד. יעדער איינער, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע ארבעט, וואָס האָט געהאָלפן דעם דייטש צו דער קריגס-פירונג, איז מיט גוואַלט ארויסגעפירט געוואָרן.

די בריוו, וועלכע פלעגן אָנקומען פון דאָרט, האָבן אין א פארשטעלטער שפּראַך דערציילט פון א שרעקלעכער עקספּלאָאַטאַציע און הונגער. די באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען באַדראָט דורך דעם ארויספיר, האָט אַלץ געטאָן, כדי אויסצומיידן דעפּאָרטאַציע. פיל זיינען געלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

די באַפעלקערונג האָט זיך אומעטום געטיילט אויף צוויי טיילן. אַזוינע, וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די דייטשן (אין דער פּאָליציי און אין דער אדמיניסטראַציע) און דער איבערוויגנדיקער טייל, וועלכער האָט פיינט געהאַט די אָקופּאַנטן און בלויז מורא געהאַט פאַר אים און זיין אומברחמנות׳דיקער „יוסטיץ״.

מסירה׳ס און אָפּרעכענונגען זיינען געווען א טאָג-טעגלעכע דערשיינונג. די דייטשן האָבן זיך איינגעקויפט די גוט-פריינטשאַפט פון זייערע מיטארבעטערס, דורך לאָזן זיי רויבן. אין דער ערשטער ריי איז אויסגעליפערט געוואָרן אויף זייער חסד די יידישע באַפעלקערונג. וואָס מער די פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט אין די אָקופּירטע געביטן, אויף וויפל אומזיכערער עס איז געוואָרן די באַוועגונגס-פרייהייט פון די דייטשן און זייערע מיטהעלפער, אַלץ מער איז געפאַלן זייער חשיבות אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג.

די פלוג-בלעטלעך פון די פּאַרטיזאַנער און די „סוואָדקעס״ (פראָנט-קאָמוניקאַטן) פון דער סאָוועטישער אינפאָרמאַציע-ביוראָ, וועלכע פלעגן דורך געהיימנישפולע הענט פארשפרייט און אפּישירט ווערן אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער, האָבן געהאָלפן וואַרפן א שיין אויף

דער ליגנעריש-באַרימערישער פּראָפּאַגאַנדע פון די דייטשן און זייערע אַגענטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

די באַפעלקערונג האָט כסדר געלעבט אין דערוואַרטונג פון גרויסע געשעענישן. פון מויל צו מויל פלעגן איבערגעגעבן ווערן ידיעות וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן, וועלכע מען פלעגט אונטערהערן פון געהיימע ראַדיאָס פון די סטאַנציעס פון די פאַרבינדעטע מלוכות.

די דייטשן האָבן געזען, ווי פון טאָג צו טאָג פאַלט זייער אָנזען און דער גלויבן אין זייער נצחון און האָבן דעריבער אויסגעלאָזט זייער כעס צו דער ציוויל-באַפעלקערונג.

אַלע פּרוּוון פון די דייטשן אויסצונוצן די ווירטשאַפטלעכע און מענטשלעכע רעסורסן פון די אָקופּירטע געביטן, זיינען גוואַלטיק פאַר-שווערט געוואָרן דורך דער אויסגעוואַקסענער פּאַרטיזאַנער - באַוועגונג. דער גרעסטער טייל פון די אָקופּירטע געביטן, אַ חוץ די ישובים האַרט ביי די שטעט, ווו עס האָבן סטאַנציאָנירט גאַרניזאָנען, איז פּאַקטיש געווען אָפּגעשלאָסן פאַר די דייטשן, ווייל דאָס זיינען אַלץ געווען פּאַרטיזאַנער-זאָנעס, ווו די דייטשן האָבן קיין שליטה ניט געהאַט.

די ווייס-רוסישע „סאַמאָכאָוועס" (זעלבסט-שוץ), וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן, בכדי צו קעמפן מיט די פּאַרטיזאַנער און האָט שפּעטער געזאָלט בילדן דעם קערן פאַר דער געפּלאַנטער ווייס-רוסישער אַרמיי, זיינען צעקלאַפּט אָדער איבערגעגערעדט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער, און מיטן דייטשישן געווער, זיינען זיי אַוועק אין וואַלד.

די פּרוּוון אין וואָלין און אוקראַינע צו שאַפן לעגיאָנען האָבן געליטן אַ גרויסן דורכפאַל. נאָכדעם, ווי די דייטשן זיינען אָפּגעגאַנגען אין בלוט אויף די פראָנטן און פאַרלירנדיק ביי סטאַלינגראַד, מאָסקווע און אָריאָל זייערע קאַדער-אַרמייען, האָבן זיי געפּלאַנט, נאָך אַ קורצער מיליטערישער אויסשולונג צו שיקן די אוקראַינישע און ווייס-רוסישע יוגנט אויף די פראָנטן, בכדי צו ראַטעווען די „ציוויליזאַציע" קעגן די באָלשעוויסטישע „באַרבאַרן" און ניט דערלאָזן דעם צוזאַמענבראָך פון דער „נייער אָרדענונג" אין אייראָפּע.

די אוקראַינישע יוגנט האָט אָבער גאָר ניט געטראַכט צו דינען אַלס „האַרמאַטן-פלייש" פאַרן גוסטריקן דייטשלאַנד און זיינען זיך צעלאָפן מיטן געווער אין די וועלדער, בילדנדיק אַ גרין-פאַשיסטישע פּאַרטיזאַנקע, די אַ. ג. „או. פּ. אַ." (אוקראַינסקאַ פּיוסטאַנטשאַ אַרמיאַ — אוקראַינישע

אויפשטענדלער ארמיי), וועלכע האָט געקעמפט גלייכצייטיק קעגן די דייטשן און קעגן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער.

אויך די ליטווישע ארמיי פון גענעראל פּלעכאַוויטשיוס, וועלכע איז געשאפן געוואָרן לויט דער דייטשישער איניציאַטיוו, צום קאמף קעגן פּאַרטיזאַנער, האָט זיך ענדע 1943 צעשאָטן, צוליב דער דייטשישער פאָדערונג, אז זיי זאָלן זיך איינשליסן אין דער דייטשישער ארמיי און גיין קעמפן אויף די פראָנטן. די ליטווינער זיינען זיך צעלאָפן אין זייערע היימען. א קליינער טייל האָט זיך איינגעשלאָסן אין די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער-אָטריאַדן. אייניקע ליטווישע מיליטער-איינהייטן האָבן איבער-געגעבן זייער באוואָפענונג דער ליטווישער פּאַרטיזאַנער-בריגאַדע פון יורגיס.

די אוקראַינישע און ווייס-רוסישע פאשיסטן, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן גרויסע זעלבסטשטענדיקע לענדער, זיינען געווען זייער געטראָפן און שטארק אנטוישט פון די נייע פּאָליטישע מאפּעס, וועלכע די דייטשן האָבן צוגעשניטן פאר דער „נייער נאָכמלחמהדיקער אָרדענונג אין אייראָפּע". לויט דער נייער מאפּע האָבן די דייטשן מיט א „פרייער האנט" געשניטן און געטיילט געגנטן אויף רעכטס און לינקס. פון אוקראַינע איז אויסגעטיילט געוואָרן מזרח-גאַליציע, וועלכע איז פאַרייניקט געוואָרן צום גענעראל-גאָווערנעמענט (פּוילן). קאַרפּאַטן-רוס איז צוגעטיילט געוואָרן צו אונגאַרן. אוקראַינישע טעריטאָריע צווישן דרום-בוג און דניעסטער מיט דער פּאָרט-שטאָט אָדעס (א. ג. טראַנסניסטריע) איז אָפּגעגעבן געוואָרן רומעניע, אלס קאָמפּענסאַציע פאר טראַנסילוואַניע.

די אוקראַינישע געוועזענע הויפּט-שטאָט כאַרקאָוו איז אויף די דייטשישע מאפּעס געווען איינגעשלאָסן אין רוסלאַנד. אלס קאָמפּענסאַציע זיינען צו אוקראַינע פאַראייניקט געוואָרן די ווייס-רוסישע אָרעמע געגנטן: בריסק און פּינסק.

די ווייס-רוסישע געביטן גראָדנע און ביאַליסטאָק, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1939—41 געהערט צו דער סאָוועטישער ווייס-רוסישער רעפּובליק, זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין „דריטן רייך". אלס קאָמפּענסאַציע זיינען צוגעזאָגט געוואָרן ריין-רוסישע שטחים ביז סמאָלענסק.

פון פּוילן (א. ג. גענ.-גאָווערנעמענט), האָט פאקטיש געזאָלט בלייבן, בלויז קאָנגרעס-פּוילן ביזן בוג און מזרח-גאַליציע. שלעזיע, פּויזן, פּאָמערן און לאָדזשער קרייז זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין „דריטן רייך".

קיין וואונדער ניט, אז די אוקראַינישע, פּוילישע און ווייס-רוסישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן געלייגט אזוי פיל האָפענונגען אויפן פאשיסטישן

דייטשלאַנד, האָבן זיך גיך אויסגעניכטערט, אָנגעהויבן באַקעמפן די דייטשן און שאַפן זייערע מיליטערישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס.

די דייטשן האָבן די לאַגע אין די אָקופּירטע געביטן ניט געקענט באַהערשן, און זיינען נאָך פאַרן ריקצוג געווען געצוווּנגען שלום מאַכן מיטן פאַקט פון זייער אָנמעכטיקייט און הילפלאָזיקייט.

די דייטשן זיינען אינעם ערשטן יאָר מלחמה געווען פאַרשיכּורט פון זייערע לייכטע, גרויסע נצחונות אין רוסלאַנד און אייראָפּע און זיי האָבן פאַרלאָרן יעדן חוש פאַר פּאָליטישן טאַקט אין זייערע באַציִונגען מיט די אָקופּירטע פעלקער.

זייער אוממענטשלעכע באַציִונג צו די סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע האָט דערפירט דערצו, אַז עס האָבן באַלד אויפגעהערט די דעזערטיר־דערשיינונגען און דאָס איבערגעבן זיך אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן — אַ זאַך, וואָס איז געווען אַ פאַרשפּרייטע דערשיינונג אין די ערשטע טעג נאָך דעם אומגעריכטן קלאַפּ (22 יוני 1941). יעדער סאָוועטישער זעלנער האָט געוווּסט, אַז געפאַנגענשאַפט ביים דייטש באַדייט אַ זיכערן, אין בעסטן פאַל, אַ לאַנגזאַמען הונגער־טויט, און האָט זיך געשלאָגן עקשנותדיק ביזן סוף.

די דייטשן האָבן מיט זייער איינשטעלונג דערפירט, אַז די שנאה צו זיי זאָל ווערן אַן אַלגעמיינע פאָלקס־דערשיינונג און האָבן אַזוי אַרום אויפגעהויבן קעגן זיך כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג.

די דייטשן אַליין האָבן מיט זייער מערדערישן צוגאַנג צו דער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געביטן, מיט זייער מאַסן־פאַרפייניקונג דורך הונגער און צעשיסונג פון הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, מיט דער שוידערלעכער, אין דער געשיכטע ניט באַוווּסטער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די ייִדן און אכזריות׳דיקער באַציִונג צו אַלץ און אַלעמען, וואָס געהערט ניט צום „הערן־פאָלק“, דערפירט צו דעם גראַנדיעזן פונאַנדערוווּקס פון דער פּאַרטיזאַנקע און זי פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינער פאָלקס־באַוועגונג פון „נקמה-נעמערס“ („מסטיטעלי“), וועלכע האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן גראָבן דעם קבר פאַר דעם מערדער־פאָלק און צוא־ילן זיין מפּלה און פאַרניכטונג.

# Лагер смерці у Калдычаве

[illegible] З усіх жахаў я [illegible] Адзін з [illegible] куткоў каля Баранавіч немцы ператварылі ў лагер смерці. Тут, у старане ад дарогі, ідучай з Баранавіч на Гарадзішча, за радамі калючага дроту, абнесенага глыбокімі ірвамі, льецца кроў нявінных савецкіх людзей. Адсюль нясуцца стогны старцаў, жанчын і дзяцей, кінутых да суровай помсты нямецкім душагубам.

З усіх канцоў Баранавіцкай, Пінскай абласцей, Лідскага і другіх раёнаў Беларусі немцы звозяць у Калдычаўскі лагер савецкіх людзей і знішчаюць іх голадам, катаржнай працай, масавымі расстрэламі.

## Прафесіянальныя забойцы

У восень 1942 года ў Калдычаве, на будаўніцтва трохпавярховай турмы, немцы сагналі з Баранавіч, Мольчадзі і Стаўбцоўскага раёна больш 400 чалавек. Людзей, як скаціну, загналі ў баракі, марылі голадам і непасільнай працай. Калі ад голаду ў каго-небудзь з'яўляліся ацёкі, яго, як «хворага», расстрэльвалі. У студзені 1943 года толькі за некалькі дзён тут памерла ад голаду больш 50 чалавек. Многа памерла ад тыфусу. Выцягнуўшы з людзей усе сілы, фашысцкія людаеды праз некалькі месяцаў амаль усіх расстралялі. На іх месца пачалі паступаць новыя партыі людзей на здзекі і смерць.

Цяжка перадаць словамі той жах і прыгнёт, які чыняць у лагеры над савецкімі людзьмі гітлераўскія каты. Нямецкія звяры штодзень мучаць і расстрэльваюць нявінных людзей. Планамерна і арганізавана з дапамогаю і кадзінакроўем прафесіянальных забойцаў тут ажыццяўляецца гітлераўская праграма фізічнага вынішчэння беларускага народа.

[illegible] два тыдні [illegible] [illegible] [illegible] у барака[illegible] [illegible] з лагера, накут[illegible] групамі [illegible] людзей [illegible] эля[illegible] немцаў. Нявінных старцаў, жанчын і дзяцей знішчаюцца па самых удасканаленых спосабах нямецкага людаедства. Раней [illegible] заганялі ў равы партыямі беззбаронных людзей і затым расстрэльвалі з кулямётаў. Па некалькі гадзін дыхала зямля, прыкрываўшая паўжывых людзей. Некаторыя раненыя ўладкаваліся выратавацца ад смерці. Тады апуногія звяры пачалі па другому расправаўляцца са сваімі ахвярамі. Асуджаных на смерць яны спачатку збіваюць да непрытомнасці, а затым расстрэльваюць.

Каб замятаць сляды сваіх крывавых злачынстваў, немцы недалёка ад лагера ў мінулым годзе пабудавалі спецыяльную топку, у якой спальваюць трупы расстраляных. Адналь для [illegible] гэтай топкі было расстраляно і спалена адразу 250 чалавек. Сярод спаленых было многа жанчын і дзяцей.

## Казні палякаў

Аднойчы ў лагер прывезлі 36 палякаў з Стаўбцоўскага раёна. Гэта была пераважна інтэлігенцыя. Тут былі ксяндзы, урачы, дырэктар турэцкай школы і другія. Два тыдні іх падвяргалі нечалавечым здзекам, катаваннямі, а затым зверскі расстралялі.

Польскай інтэлігенцыі ў лагеры знішчана немцамі вельмі многа. Доўгі час тут працаваў перакладчыкам паляк Ясінскі з Катовіц. Аднаго дня яго раптоўна схапілі і без ніякай прычыны на вачах у ўсіх расстралялі. Ён больш не быў патрэбен. На яго месца знайшоўся нямецкі шпіён і правакатар Німан з Ліды.

Не так даўно немцы ў Калдычаве зверскі расстралялі 70 жанчын-полек.

## Правакатары

Лагер напоўнен шпіёнамі і правакатарамі. Прыкрыццём у немцаў адзін з [illegible] [illegible] спосабаў у [illegible] [illegible] савецкіх людзей.

Неяк у лагер прывезлі з Стаўбцоўскага раёна трох беларусаў. Ним адмовіліся паступіць на службу ў паліцыю. За адказ служыць немцам беларусаў рашылі казніць. Але для гэтага патрэбен быў другі повад. Няшчасных акружылі правакатары. Гэту гнусную справу ўзначальваў сам камендант Бобко. Аднойчы вечарам Бобко „арганізаваў" так званы „пабег". Ахвяры гнуснай правакацыі былі схоплены і павешаны. Усіх заключаных немцы пастроілі і прымусілі паўтары гадзіны хадзіць навакол віселіцы і глядзець на павешаных.

## Вось імёны катаў

Іх не забудзе савецкі народ і ніколі не даруе ім.

Немец Ірэн Франц — шэф. З халодным цынізмам, з нямецкай педантычнасцю зверскі іздзекаецца, катуе і расстрэльвае савецкіх грамадзян.

Састровіч—яго памочнік у лагеры „[illegible]" — [illegible] усе тонкасці фашысцкай экзекуцыі. Ён любіць „забаўляцца": выбірае ахвяру і прымушае яе паўтары гадзіны скакаць на кортачках з паднятымі ўверх рукамі, суправаджаючы кожны скачок ударам палкі. Гэтыя „забавы" канчаюцца смерцю няшчаснай ахвяры. Ён кіруе масавымі расстрэламі савецкіх людзей.

Бобко — галоўны камендант лагера. На яго руках кроў сотняў нявінных людзей, замучаных і расстраляных у многіх гарадах Баранавіцкай вобласці. Подлы нямецкі халуй, паступіў на службу у СД яшчэ ў 1941 годзе.

Сцепанюк—камендант, жыхар Баранавіч, нямецкі прыхвасцень, забойца нявінных жанчын і дзяцей.

Паліцыянты Веронік, [illegible], Дыра — заўзятыя бандыты, згубіўшыя чалавечае аблічча.

[illegible] гэтыя выроды[illegible] роду чалавечага [illegible] на [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

Сямен Х.

**ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער צייטונג „טשירוואָנאַיאַ זוויעזדאַ"**

(איפּערזעצונג זע זייט 17—15)

פאַקומען דורך ד"ר ז. לעווינבוק (באַראַנאָוויטש)



Червоная Звезда

# Двуногие звери в Слониме

...кие оккупанты принесли жителям Слонима смерть и нечеловеческие страдания

**Товарищ! Прочти и отомсти немцам за кровь и слёзы наших людей!**

**Демократы, босяки и уголовники на службе у немцев**

**Виселица—символ гитлеровского „нового порядка“**

**ווייסרוסישע פארטיזאנער צייטונג „טשירוואָנאַיאַ זוויעזדאַ“**

(איפּערזעצונג זע זייט 22—18)

פאַקסימען דורך ד"ר ז. לעווינבוק (פאראנאָוויטש)

איבערזעצונג פון דער ווייס-רוסישער פּאַרטיזאַנער-צייטונג „טשירוואָנאיא זוויעזדא״ (רויטער שטערן) פון 6-טן יוני 1944, נר. (246) 45—44, ארויסגעגעבן דורך דעם באַראַנאָוויטשער צענטראַלן קרייז-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייס-רוסלאַנד און געדרוקט אין נאַליבאָקער פּושטשע.

## דער טויטן-לאַגער אין קאָלדיטשעווא.

קאָלדיטשעווא... מיט וואָס פאַר א שוידער איך דערמאָן זיך דעם נאָמען! איינעם פון די מאָלערישסטע ווינקלען פון באַראַנאָוויטשער קרייז, האָבן די דייטשן אים פארוואַנדלט אין א טויטן-לאַגער. דאָ אָן א זייט פון וועג, וואָס פירט פון באַראַנאָוויטש קיין האָראָדישטש, ארומגערינגלט מיט טיפע קאַנאַלן און שטאַכל-דראָט, גיסט זיך דאָס בלוט פון אומשולדיקע סאָוועטישע בירגערס. פון דאָנען טראָגט זיך דער קרעכץ פון זקנים, פרויען און קינדער, וועלכע רופן צו גרוילאַמער נקמה פון די דייטשישע תליינים.

פון אלע עקן פון באַראַנאָוויטשער און פּינסקער קרייזן, לידע און אנד. געגנטן פון ווייס-רוסלאַנד טרייבן די דייטשן צום קאָלדיטשעווער לאַגער סאָוועטישע בירגערס און ראַטן זיי אויס דורך הונגער, קאַטאָרגע-ארבעט און מאַסן-דערשיסונגען.

## פּראָפעסיאָנעלע מערדערס

הארבסט-צייט 1942 האָבן די דייטשן אָנגעיאָגט אין קאָלדיטשעווער טויט-לאַגער איבער 400 מאַן פון באַראַנאָוויטשער, מייטשעטער און סטאָלפּצער ראַיאָנען, כדי אויפצובויען א דריי-שטאָקיקע תפיסה. די מענטשן האָט מען ווי בהמות צוזאַמענגעטריבן אין באַראַקן, געפּייניקט מיט הונגער און אוממענטשלעכער שווערער ארבעט. אויב עמעצער האָט זיך באַקלאָגט אויפן געזונט, האָט מען אים שוין אלס „קראַנקן״ גלייך דערשאָסן.

אָקטאָבער 1943 זיינען במשך פון געצײלטע עטלעכע טעג געשטאָרבן פון הונגער איבער 30 פּערזאָן. פיל זיינען געשטאָרבן פון טיפוס.

ארויסציענדיק פון די אומגליקלעכע די לעצטע כוחות, האָבן די פאשיסטישע מענטשן-פרעסערס זיי דערנאָך אלעמען דערשאָסן. אויף זייער אָרט האָט מען ווידער געבראַכט נייע קרבנות אויף פּיין און טויט.

עס איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער די הפקרות, וואָס מען ווענדט אָן אין לאַגער לגבי די סאָוועטישע בירגערס. די דייטשישע אויסוואורפן מאַטערן און צעשיסן די אומשולדיקע מענטשן, די מ־טאָדישקייט און מיט קאַלטבלוטיקייט אָרגאַניזירטע מערדערייען אילוסטרירן אמבעסטן די היטלעריסטישע פּראָגראַם פון פארניכטן פיזיש דאָס ווייס-רוסישע פאָלק.

יעדע צוויי וואָכן אָרדענען איין די דייטשישע מערדערס מאַסן-פארניכטונגען און צעשיסונגען. די ראָוון ביים בעריאָזע-וועלדל, ניט ווייט פון לאַגער זיינען אָנגעפּולט

מיט סקעלעטן פון אומשולדיקע מענטשן — שטומע עדות פון די דייטשישע אכזריותן, אומשולדיקע זקנים, פרויען און קינדער ווערן דערמאָרדעט פון די דייטשישע מענטשן-פרעסערס מיט די מאָדערנסטע טעכנישע מיטלען. פריער פלעגן די דייטשן טרייבן די אומשולדיקע נפשות צו די גראָבנס און צעשיסן מיט א קוילנוואַרפער. עטלעכע שעה פלעגט זיך הייבן די ערד, וועלכע פלעגט צודעקן די האלב-טויטע קערפּערס.

אנדערע פארווונדעטע פלעגט זיך איינגעבן ארויסרייסן פון צווישן די טויטע. דאן פלעגן די צווי-פיסיקע חיות אָנהייבן אויף אן אנדער אופן זיך אָפּצורעכענען מיט די קרבנות. די צום טויט פאראורטיילטע ווערן פריער צעשלאָגן ביז חלשות און דאן דערשיסט מען זיי.

בכדי צו פארווישן די שפורן פון זייערע מערדעריען, האָבן די דייטשן אין פארגאנגענעם יאָר אויפגעבויט ניט ווייט פון לאגער א ספעציעלן אויוון, וו זיי פארברענען די צעשאָסענע. אין איין טאָג האָט מען צעשאָסן און פארברענט מיט איינמאָל 250 מענטשן. צווישן די פארברענטע זיינען געווען פיל פרויען און קינדער.

## פארניכטונג פון פאליאקן

איינמאָל האָט מען אין לאגער געבראכט 36 פּאָליאקן פון סטאָלפּצער געגנט אין גרעסטן טייל אינטעליגענטן. דאָ זיינען געווען גלחים, דאָקטוירים, דער דירעקטאָר פון דער טורעצער פאָלקס-שול א. אנד. צווי וואָכן האָט מען זיי אוממענטשלעך געפייניקט און דערנאָך צעשאָסן. פיל פון דער פוילישער אינטעליגענץ איז אויסגעראָט געוואָרן אין דעם לאגער. א לענגערע צייט האָט דער פּאָליאק יאסענסקי פון קאטאָוויץ געארבעט אלס איבערזעצער. אין א געוויסן טאָג האָט מען אים געכאפּט און דערשאָסן פאר די אויגן פון אלעמען. ער איז שוין מער ניט געווען נויטיק. אויף זיין אָרט האָט זיך געפונען א דייטשישער שפּיאָן און פּראָוואָקאטאָר נוימאן פון ריגע. ניט לאנג האָבן די דייטשן צעשאָסן 70 פוילישע פרויען.

## פּראָוואָקאטאָרן

דער לאגער איז איבערפולט מיט שפּיאָנען און פּראָוואָקאטאָרן. פּראָוואָקאציע איז ביי די דייטשן איינע פון זייערע סיסטעמען, וואָס זיי באנוצן ביי דער פיזישער פארניכטונג פון די סאָוועטישע מענטשן. איין מאָל האָט מען געבראכט פון סטאָלפּצער ראיאָן דריי ווייס-רוסן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אין דער דייטשישער פּאָליציי. פאר אָפּזאָגן זיך צו גיין אין דער פּאָליציי האָט מען באשלאָסן זיי צו דערשיסן. אָבער דערצו האָט מען געדארפט האָבן אן אנדער תירוץ.

די אומגליקלעכע זיינען ארומגערינגלט געוואָרן מיט פּראָוואָקאטאָרן. די נידערטרעכטיקע אידעע האָט געשטאמט פון דעם לאגער-קאָמענדאנט אליין—באכקאָ. אין א געוויסן אָוונט האָט באכקאָ „אָרגאניזירט א ויברח". די קרבנות פון דעם נידערטרעכטיקן איינפאל זיינען געווען די א. ד. דריי פויערים, וועלכע זיינען געהאנגען געוואָרן. אלע לאגער-לייט האָט מען אויסגעשטעלט און געצוווּנגען אָנדערהאלטן שעה ארומגיין ארום די תליות און קוקן אויף די געהאנגענע.

**17**

# דאָס זיינען די נעמען פון די תלינים

דאָס סאָוועטישע פאָלק וועט עס זיי קיינמאָל ניט פארגעסן און קיינמאָל ניט מוחל זיין.

דער דייטשישער שעף יאָרן פראנץ, וועלכער האָט מיט א קאַלטן ציניזם, מיט דעם דייטשישן פעדאנטיזם חיה'ש געפייניקט און צעשאָסן די סאָוועטישע בירגערס.

יאסונאָוויטש — אים רופט מען אין לאגער „דער שווארצער קאָמענדאנט" — א תלין. ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון פאשיסטישער עקזעקוציע. ער האָט ליב צו „שפילן זיך": ער קלייבט אויס דעם קרבן און צווינגט אים אין פארלויף פון אַנדערהאלבן שעה אונטערצושפרינגען אויף די קני מיט אויפגעהויבענע הענט אין דער הויך, און ביי יעדן שפרונג שלאָגט ער מיט א שטעקן. דאָס „שפיל" פלעגט זיך ענדיקן מיטן טויט פון דעם קרבן. ער פירט אָן מיט די מאסן-דערשיסונגען פון די סאָוועטישע בירגערס.

באבקא — דער הויפט קאָמענדאנט פון לאגער—זיינע הענט זיינען איינגעטונקט אין בלוט פון הונדערטער אומשולדיקע נפשות, פארפייניקטע און צעשאָסענע אין פיל שטעט פון בּאראנאָוויטשער געגנט. דער נידערטרעכטיקער דייטשישער פארקויפטער הונט איז אריין צו די ס. ד. אין דינסט שוין אין דעם 1941-טן יאָר.

סטעפאניוק — קאָמענדאנט, א בּאראנאָוויטשער איינוווינער. א דייטשישע פארקויפטע נשמה, א מערדער פון אומשולדיקע פרויען און קינדער.

די פּאָליציי-לייט ווערָאניק, וויצין, דירא — חיה'שע באנדיטן, וועלכע האָבן פארלאָרן יעדעס מענטשלעכן אויסזען. היינט טרעטן נאָך די אויסוורפן פון מענטשלעכן מין אויף אונדזער ערד. אָבער עס דערנעענטערט זיך די שעה, ווען פאר אונדזער פאָלק און לאנד, וועלכע ווינען באגאָסן מיט בלוט און טרערן, וועלן די היטלעריסטישע תלינים טייער באצאָלן.

**סעמיאָן ב.**

איבערזעצונג פון דער ווייס־רוסישער פארטיזאנער־צייטונג „טשירוואָנאיא זוויעזדא" (רויטער שטערן) פון 17־טן פעברואר 1944 נר. (214) 13—12, ארויסגעגעבן דורך דעם באַראנאָוויטשער צענטראַלן קרייז־קאָמיטעט פון דער ווייסרוסישער קאָמוניסטישער פארטיי און געדרוקט אין נאַליבאָקער פושטשע.

## צוויי פיסיקע חיות אין סלאָנים.

### די דייטשישע אָקופאנטן האָבן געבראכט די באפעלקערונג פון סלאָנים טויט און איבערמענטשלעכע ליידן.

(דאָ גיבן מיר אן ארטיקל, צוגעשיקט דורך א סלאָנימער איינוווינער, וועלכער איז א לעבעדיקער עדות פון דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין סלאָנים פון מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן אָקופירט די שטאָט ביז היינט צו טאָג).

**חבר! לייען און נעם נקמה פון די דייטשן פאר דעם בלוט און די טרערן פון אונדזערע מענטשן!**

## שוידערלעכע יידישע פאָגראָמען.

דער ערשטער גרויסער יידישער פּאָגראָם אין סלאָנים האָבן די דייטשן אדורכגעפירט ענדע נאָוועמבער 1941. שבורע דייטשישע זשאנדארמען און סלאָנימער פּאָליציי־לייט האָבן פון פרי ביז אָוונט געווילדעוועט אין די יידישע הייזער. קינדער האָט מען ארויסגעוואָרפן דורך די פענצטערס. געוועזן פאלן, ווען מען האָט זיי לעבעדיקערהייט צעריסן. אלע יידן האָט מען צוזאמענגעטריבן אויפן פלאץ ביי דער גרויסער שול. עס איז דורכגעפירט געוואָרן א „סאָרטיראָווקע". די, וועלכע האָבן געארבעט ביי די דייטשן, זיינען באפרייט געוואָרן. די איבעריקע האָט מען שרעקלעך געשלאָגן, געלאָדן אויף מאשינען און ארויסגעפירט צום דאָרף טשעפּיעליאווע, מילאָוויטשער ראיאָן, ווו עס זיינען שוין געווען אויסגעגראָבן גריבער.

לויטן דייטשישן באפעל האָבן זיך די אומגליקלעכע יידן געמוזט אויסטאָן ביז די וועש. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דערשיסן. די שבורע אויסוואורפן האָבן געצוווּנגען די פאָראויסגייענדיקע צו זינגען „קאטיושא". אנדערע תּלינים האָבן אויסגעקליבן מיידלעך, צוזאָגנדיק זיי צו באפרייען, אוועקגעפירט אין די קוסטעס, פארגוואלטיקט און דערנאָך צעשאָסן.

מער ווי 50 פּערזאָן זיינען משוגע געוואָרן פארן טויט. איבער 8 טויזנט יידן זיינען יענעם טאָג אומגעקומען. צווישן די דערהרג'עטע איז געווען די פאמיליע פון פּאָפּולערן ד"ר כירורג פּאָרעצקי און פיל אנדערע דאָקטוירים און אינזשינערן.

מיט דער שוידערלעכער עקזעקוציע האָבן אָנגעפירט די דייטשן-סאַדיסטן: שולץ רײַנערט, רעהנער, שטעליע. אין די פּײַניקונגען און איזדיעקעװען איבער די אומגליקלעכע האָבן זיך אויסגעצייכנט די סלאָנימער פּאָליציסטן: סודאַװסקי װלאַדימיר, באַנאַסיאַק סטעפאַן און מיראָנטשיק יאָסיף.

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס רויבן דאָס פאַרמעגן פון די אומגעבראַכטע. דאָס בעסערע האָבן די דייטשן צוגערויבט פאַר זיך. די ערגערע האָבן זיי אונטערגעװאָרפן א „בײַנדל" װײַערע געטרײַע דינערס פון מאַגיסטראַט און פּאָליציי. באַזונדערס פיל האָט אָנגערויבט דער בירגערמייסטער פון שטאָט קיסלי אַלעקסאַנדער, זײַן סעקרעטאַר װאַסילעני אַלעקסיי — דער פאָרזיצער פון ב. פּ. ס. זאַבאַילאַ.

29-טן יולי 1942 איז דורכגעפירט געװאָרן די צװײטע מאַסן-פאַרניכטונג פון די יידישע אײַנװוינערס.

בכדי די יידן זאָלן זיך ניט קענען אויסבאַהאַלטן, האָבן די דייטשן און פּאָליציי אונטערגעצונדן דעם יידישן קװאַרטאַל. אין דער זעלביקער צייט איז געװאָרן אונטערגעצונדן דער שפּיטאָל מיט 40 קראַנקע (אויף מיכאַילאָװער גאַס). אינגאַנצן איז פאַרברענט געװאָרן די זשאַביע גאַס, די רעכטע זייט פון אַגינסקי בולװאַר און א סך אַנדערע גאַסן.

די דייטשן און פּאָליציי האָבן געװאָרפן אין פײַער לעבעדיקע מענטשן. אויף דעם רויכערנדיקן אַש זײַנען געלעגן פאַרברענטע קערפּערס. אין גערשטן-געסל, אין דעם ערשטן הויז נעבן דער שטשאַרע, איז געלעגן א קופּע מענער, פרויען און קינדער, בערך 60 נפשות. אויף די גאַסן פון שטאָט זײַנען געלעגן מענטשן דורכגעשאָסענע פון אויטאָמאַטן-סעריעס. אין דער זעלביקער צייט האָט מען צום דאָרף פּיעטראָליעװיטש געיאָגט מאַסן-מענטשן. דאָרט האָט מען זיי אויסגעשטעלט פאַר די גריבער און מיט א שאָס פון הינטן דערהרגעט, און דאָס ראַבירן פון יידיש האָב און גוטס האָט זיך װײַטער געצויגן. א װילדע רויב-דורשט האָט אַרומגעכאַפּט די מערדערס. עס זײַנען געװען פאַלן, װען די רויבערס, ניט קענענדיק זיך צעטיילן מיטן רויב, האָבן זיך געשלאָגן צװישן זיך. די רויבערייען און מערדערייען האָבן געדויערט א גאַנצע װאָך. אין דער צייט זײַנען אויסגעהרגעט געװאָרן בערך 9.000 מאַן, צװישן זיי דער עלעקטראָ-אינזשעניער מירסקי, דער ד"ר װאָלפאָװיטש, בערגער, קאַגאַן א. אנד.

דעם אַרײַנמאַרש אין סלאָנים האָבן די דייטשן באַצייכנט מיט א מאַסן-דערשיסונג פון די רויקע פרידלעכע אײַנװוינערס. זיי האָבן געצװוּנגען מקבל פּנים צו זײַן די רויט-אַרמײ מיט ברויט און זאַלץ. נאָר די מענטשן, װעלכע האָבן ניט באַװיזן אַװעקצוגיין פון שטאָט, האָבן זיך פאַרקליבן אין די קעלערן. דערזעענדיק די פּוסטע גאַסן, זײַנען די היטלעריסטן אַרײַן אין א װילדער רציחה. זיי האָבן גענישטערט איבער יעדן הויף און װעמען זיי האָבן געפונען, פלעגן זיי גלײַך דערשיסן. זיי האָבן אויסגעראָט גאַנצע משפּחות. פאַר מײַנע אויגן האָבן זיי, אָן קיין שום זינד, דערשאָסן דעם זון פון אינזש. ריבינסקי, די משפּחה פון דרוקער פּאָראָזאָװסקי און פיל אַנדערע.

# דעגענעראטן, אויסוואורפן און פארברעכערס אין דינסט ביי די דייטשן

די ערלעכע סלאָנימער בירגערס זיינען ניט געגאנגען דינען דעם דייטשישן שונא. מאכנדיק גלייך א „זעלבסט-פארוואלטונג", האָבן די דייטשן זי באזעצט אין דער ערשטער ריי מיט זייערע אלטע שפּיאָנען, צוגעבנדיק צו זיי די גרעסטע פארברעכערס און אנטיסאָוועטישע עלעמענטן.

אין מאגיסטראט האָבן זיי באזעצט דעם געבראכטן עמיגראנט גנעיעק יאָסיף, דעם געוו. סעקרעטאר פון דער פוילישער פאשיסטישער אָרגאניזאציע, דעם וויס-גווארדייער — ליובאנסקי, פּאָליציייאישער דעגענעראט, געוו. גראף וכדומה.

דעם אלטן דייטשישן שפּיאָן רימין האָבן זיי אוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון דער פּאָליציי, וועלכע איז באשטאנען בלויז פון פארברעכערס און באנדיטן. דאָ האָט זיך „איינגעאָרדנט" דער פוילישער פאשיסט במיעלעווסקי, דער געוו. קאָמענדאנט פון די סלאָנימער געהיים-אגענטן.

די גאנצע פארברעכערישע כנופיה האָט געארבעט לויט די אָנווייזונגען פון „געשטאפּאָ" און אויסגעראָטן די רויקע איינוווינערס, אין דער ערשטער ריי — די סאָוועטישע אָנגעשטעלטע.

נאָך לאנגע, שווערע יסורים זיינען צעשאָסן געוואָרן די געוו. אָנגעשטעלטע פון סלאָנימער ראיאָן-סאָוועט גלוכאָוויטש, דאניליעוויטש — דער פאָרזיצער פון קאסטע-ניעווער סעל-סאָוועט מיסקא מיקאָליי, דער פאָרזיצער פון זשיראָוויצער סעל-סאָוועט טורליי א. אנד.

א באזונדערן „רעקאָרד" אין אומברענגען די סלאָנימער פרידלעכע באפעלקערונג האָט געשלאָגן דער פארטרעטער פון געביטס-קאָמיסאר, דער דייטשישער סאדיסט גיך, און דער דייטשיש-פאשיסטישער מיטשלעפּער, אן עמיגראנט פון דייטשלאנד, דער פארברעכער קישקא. דער לעצטער האָט פרעך דערקלערט, אז ער האָט שוין אויסגעהרגעט ביי א 500 סלאָנימער איינוווינערס. אין דער צאָל אומגעבראכטע דורך דעם מערדער געפינט זיך אויך דער באקאנטער ד"ר כעמיע גראָדזענסקי, פיל לערערס, אינזשיניערן און קריגס-געפאנגענע — געוועזענע קאָמאנדירן פון דער רויטער ארמיי.

# תליה — דער סימבאל פון דער היטלעריסטישער „נייער ארדענונג"

די „נייע אָרדענונג" ווייזט זיך ארויס אין דעם, וואס די גאנצע שטאָט לעבט אין פחד. יעדער דייטש אָדער סתם כוליגאן, וועלכער איז אין דינסט ביי די דייטשן, קען אָן שום משפט און מורא אָפּרעכענען זיך מיט יעדן איינעם אין גאס און אין זיין אייגענעם חויז.

די יידישע איינוווינערס איז פארבאָטן געוואָרן פון ערשטן טאָג צו גיין אויף די טראָטוארן. זיי מוזן טראָגן געלע לאטעס אויף די מלבושים און דערנאָך ווערן זיי אומגעבראכט אויף א חיה'שן אופן.

די דײַטשן האָבן אַרויסגעפֿירט דעם גאַנצן שפּײַז-רעזערוו און איבערגעלאָזן די שטאָט אַ הונגעריקע. די דײַטשן גיבן אַרויס צו 200 גראַם ברויט נאָר די, וועלכע אַרבעטן בײַ זיי. די שטערבלעכקייט צוליב הונגער האָט אָנגענומען אַן אומגעהויערן מאַסשטאַב. די צאָל פֿון דער באַפֿעלקערונג אין פֿאַרגלײַך מיט דעם פֿאַרמלחמה'דיקן צושטאַנד האָט זיך באַדײַטנדיק פֿאַרקלענערט. אויף דעם גאַנצן חורבן הערשט די אויפֿגעשטעלטע תּליה אויפֿן מיטן מאַרק — דער סימבאָל פֿון דער היטלעריסטישער „נײַער אָרדענונג“, אויף וועלכער זײַ הענגען הונדערטער אומשולדיקע מענטשן.

## די דײַטשן ברענגען אום זייערע באַדינערס

דער טעראָר ווערט אָבער ניט באַגרענעצט מיט דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אַליין. מיט אַזאַ קראַפֿט און שווידערהאַפֿטיקייט ווערט עס אויך אָנגעווענדט צו אַלע בירגערס. אין שטאָט פֿונקציאָנירט די דײַטשישע זיכערהייטס-פּאָליציי. יעדער איינער ווערט דורך זיי נאָכגעקוקט. יעדן טאָג קומען פֿאָר אַרעסטן פֿון דער ווײַסרוסישער און פּוילישער באַפֿעלקערונג. טויזנטער מענטשן זײַנען געפֿאַלן אַלס קרבנות פֿון דער געשטאַפּאָ. וועגן די „ניט זיכערע“ אָדער די, וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן צו די דײַטשישע פּראָוואָקאַטאָרן פֿאַר אַרויסזאָגן זיך אָפֿן וועגן דער אומצופֿרידנקייט מיטן אָקופּאַנט איז שוין אָפּגערעדט. זײַ ברענגט מען אום אָן שום משפּט און אויספֿאָרש. נאָר אַפֿילו די, וואָס דינען דעם דײַטש, זײַנען שוין אויך אַרײַנגעפֿאַלן אין אומחן.

דער גלח גראַבאַווסקי, ווערבליאַווסקי, דאַלענסקי, ליובאַנסקי, גנאַך און אַנד, מענטשן, וועלכע האָבן געדינט דעם דײַטש און פֿלעגן אַרויסגעבן הונדערטער אומשולדיקע מענטשן, זײַנען אַליין אויך געפֿאַלן קרבנות פֿון זייערע דײַטשישע בעלי-בתּים. נאָר אייניקע פֿון זיי האָט זיך אײַנגעגעבן פֿאַר אַ גרויסן אויסקויף אָדער שפּיאָנאַזש זיך אַרויסצודראַטעווען פֿון געשטאַפּאָ.

## אַבלאַווע אויף מענטשן

נאָכן אויסראָטן די ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן-אויסראָט פֿון דער ווײַס-רוסישער און פּוילישער באַפֿעלקערונג. דאָס ווערט דורכגעפֿירט אונטערן פּרעטעקסט פֿון „אַבלאַווע אויף פּאַרטיזאַנער“. דײַטשישע סאָלדאַטן, ס. ד. און פּאָליציי רײַסן זיך אַרײַן בײַנאַכט אין די הײַזער, צעראַפּירן זיי און די מענטשן פֿירן זיי אַוועק. אַ טייל שיקט מען אַוועק אויף דײַטשישער קאַטאָרגע און אַ טייל צעשיסט מען.

אַזאַ „אַקציע אויף פּאַרטיזאַנער“ האָבן די דײַטשן דורכגעפֿירט פֿון 12-טן ביז דעם 23-טן דעצעמבער 1942. אין צײַט פֿון דער אַבלאַווע זײַנען דערשאָסן געוואָרן הונדערטער מענטשן לעבן דאָרף פּיעטראַליעוויטש און באַגראָבן געוואָרן אין די זעלביקע קבֿרים, וואָס די ייִדן האָבן געגראָבן דעם 29-טן יולי.

אַ קרבן פֿון פֿאַשיסטישן טעראָר איז געפֿאַלן דער לערער פֿון דער ווײַס-רוסישער שול זיעמטשאַנאַק וו. דער גלח שטאַרק, אויטאָ-מעכאַניק סאָפּריי און זייערע משפּחות און נאָך טויזנטער אַנדערע. אין דער זעלביקער צײַט האָט מען העכער 1,200 יונגעלײַט געכאַפּט און אַפּגעשיקט אין דײַטשלאַנד אויף קאַטאָרגע.

# 22

מען דאַרף באַמערקן, אַז אין שטאָט איז טעטיק אַן אַרבעטס־בירזשע, לויט איר טעטיקייטס־כאַראַקטער איז זי ענלעך צו דער ס. ד. דורך דער בירזשע זיינען אין יאָר 1943 אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד העכער 6.500 איינוווינער פון סלאָנים. אָבער מיט דעם האָבן זיך ניט באַנוגנט די דייטשישע שקלאַפן־הענדלערס.

סעפטעמבער 1942 פירן זיי ווידער דורך אַן „אַבלאַווע אויף מענטשן". אויף אַ באַנדיטישן אופן גיט זיך זיי איין צו כאַפן ביינאַכט 3.000 יונגע סלאָנימער איינוווינערס פון די אַרומיקע דערפער. חוץ דעם האָבן זיי אַרעסטירט בערך 150 מאַן פון דער אינטעליגענץ — דאָקטוירים, לערערס, אַפטייקערס, אָנגעשטעלטע פון פלייש־קאָמבינאַט און אַלעמען אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין קאָנצלאַגערן.

מיט דער גאַנצער מערדערישער אַרבעט האָבן אָנגעפירט די דייטשישע אויבער־תלינים דער סלאָנימער געביטס־קאָמיסאַר ערען, שעף פון ס. ד. ווערנער און דער זשאַנדאַרמעריע־שעף, בורגער.

די סלאָנימער תפיסה איז איבערפולט מיט אַרעסטירטע. די דייטשישע תלינים באַווייזן ניט צו הענגען אַלע „פאַרברעכערס".

אָבער אַלע סלאָנימער בירגערס פאַרשטייען, אַז דער בלוטיקער טעראָר איז אַ סימן פון דער דייטשישער שוואַכקייט, אַז דער טאָג פון באַפרייונג וועט גיך קומען אַ דאַנק דער רויטער אַרמיי.

סלאָנימסקי

## קאַפּיטל דריי

# דער אנהויב פון דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג

נאָכן אומגעריכטן, פאַרעטערישן קלאַפּ, וואָס די דייטשן האָבן געגעבן דער רויטער אַרמיי דעם 22-טן יוני 1941, איז זיי געלונגען — אַ דאַנק זייער איבערוואָג אין מענטשן און טעכניק, בליץ-שנעלן אָנגרייפן דורך וואַרפן דעסאַנטן-גרופּעס אין הינטערלאַנד פון דער סאָוועטישער, אין פּאַניק אָפּטרעטנדיקער אַרמיי און דעם שענדלעכן פאַראַט פון אַ געוויסן טייל סאָוועטישע קאָמאַנדירן און אַ ריי אַנדערע סיבות — אַרויסצורופן אַן אַלגעמיינע פּאַניק און דעזאָרגאַניזאַציע אויף די פראָנטן און הינטערלאַנד און געצוווּנגען די סאָוועטן אָפּצוטרעטן טיף אין רוסלאַנד אויף נייע פּאָזיציעס.

די גוט-באַקאַנטע דייטשישע קריגס-טאַקטיק פון „איינקרייזן" און „איינקעסלען" האָט דערפירט דערצו, אַז פיל הונדערטער טויזנטער רויט-אַרמייער, גאַנצע דיוויזיעס און אַרמייען זיינען צוזאַמען מיט זייער אָנפירונג און קריגס-אויסשטאַטונג אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט ביי די דייטשן.

שוין דאַמאָלסט, אין יענע פּאַנישע טעג פון ריקצוג און מפּלות, זיינען פיל רויט-אַרמייער, יינגערער און עלטערער קאָמאַנדירנדיקער פּערסאָנאַל, געבליבן אין די וועלדער און ריזיקע פּושטשעס פון ווייס-רוסלאַנד און אוקראַינע מיט זייער געווער און לייכטער אַמוניציע. איינצלנע, קליינע גרופּעס האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די רחבות׳ן פון די אומענדלעכע וועלדער און בלאָטעס, זיך פאַרזאָרגט מיט שפּייז אין די נאָענט-ליגנדיקע דערפער און כוטאָרעס און מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן.

די מענטשן זיינען געווען סאָוועטישע פּאַטריאָטן, אָן אַ גרענעץ ליב געהאַט זייער היימלאַנד און זיי זיינען געווען דעצידירט צו לעבן, בכדי צו קעמפן מיטן פאַרוויסטער און מערדער פון זייער פאָטערלאַנד, צו שטאַרבן, בכדי צו דערמעגלעכן פאַר זייערע פעלקער אַ פרייע לעבן.

ענדלעך איז אָנגעקומען די פרייַלעכע ידיעה, אַז די דייטשישע אַרמייען זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זייער פאָראויסמאַרש, אַז די סאָוועטן

האָבן באַוויזן צו איבערגרופּירן זייערע כוחות, אַריינפירן אָרגאַניזאַציע, אָרדענונג און דיסציפּלין אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און, אַז זיי גיבן די ערשטע שטאַרקע קלעפּ די דייטשישע אַרמייען, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן א „בליץ-קריג", וועגן אַריינמאַרש אין מאָסקווע און לענינגראַד במשך פון 14—10 טעג.

די דאָזיקע ידיעות האָבן דערמוטיקט די אַלע, ביי וועמען עס האָט זיך אַריינגעגנבעט נאָגנדיקע ספקות אין דעם ווידערשטאַנד-כוח פון ראַטן-פאַרבאַנד, געשטאַרקט אין זייער גלויבן און טיפער איבערצייגונג די, וועלכע האָבן אין די שווערסטע מינוטן געגלויבט אין זיג פון דער גערעכטער זאַך, אין דער אומבאַזיגבאַרקייט פון קיינמאָל אין דער געשיכטע, ניט באַזיגבאַרן רוסלאַנד.

במשך פון דער צייט, זיינען צו די איינצל - אַרומבלאָנקענדיקע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן נאָך ניט געפירט קיין קאַמפס-טעטיקייט, נאָר בלויז זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשישע נעגל, צוגעקומען הונדערטער ווייס-רוסן, פּאָליאַקן און אוקראַינער פון פּאַרטייאיש-סאָוועטישן אַקטיוו פון דער אָרטיקער ציוויל-באַפעלקערונג (מיטגלידער פון שטאָטישע און דאָרפישע סאָוועטן, פּאַרטיי-מיטגלידער, קאָמסאָמאָלצעס, אַקטיוויסטן א. אנד.), וועלכע די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַרעסטירן און צעשיסן פאַר קאָמוניזם און מיטאַרבעט מיט דער סאָוועטן-מאַכט אין די יאָרן 41—1939.

דאָס זיינען געווען מענטשן אָרטיקע, וועלכע האָבן געקענט אַלע שטעגעלעך און וועגעלעך, אַלע „טראָפּינקעס", וועגן און אומוועגן אין די וועלדער, געקענט גוט די געגנטן און באַפעלקערונג, צווישן וועלכע זיי האָבן אָפּגעלעבט א לעבן. די פּאַרטיזאַנער פון די מזרח-געגנטן האָבן אין זיי געפונען א זייער נוצלעכן עלעמענט פאַר דער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט.

א געוויסן אויפשוואונג האָט די פּאַרטיזאַנקע באַקומען אין די חדשים מערץ-אַפּריל 1942, ווען אין די וועלדער האָבן אָנגעהויבן לויפן טויזנטער סאָוועטישע זעלנערס, וועלכע האָבן באַוויזן אויסצומיידן דייטשישע געפאַנגענשאַפט, און זיך איינגעאָרדנט אַלס אַרבעטערס ביי די פּויערים, ס'רוב פאַרן טרוקן שטיקל ברויט. די פּויערים זיינען געווען צופרידן פון די דאָזיקע אַרבעטסזאַמע „קנעכט" און די דייטשן האָבן טאָלערירט צוליב טעמים פון פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער די דאָזיקע לאַגע. אין די א. ד. חדשים פון 1942, האָט די דייטשישע מאַכט פּלוצים אַרויסגעגעבן א באַפעל, אַז אַלע סאָוועטישע בירגערס פון די מזרח-געביטן און

געוועזענע זעלנערס פון דער רויטער ארמיי, מוזן זיך מעלדן אין די „ראיאָן-צענטערס”, בכדי צו באקומען דאָקומענטן.

די נאַיווע, וועלכע האָבן אין דעם געגלויבט און געמאָלדן זיך, זיינען תיכף אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף צוואנגס-ארבעט און זיינען אינטערנירט געוואָרן. די פאָרזיכטיקערע האָבן אָפּגעווארט און צעלאָפן זיך אין די וועלדער.

אין יענער צייט זיינען אויך געקומען צולויפן אין די וועלדער יידן, וועלכע האָבן באוויזן זיך צו ראטעווען פון די שחיטות, וואָס האָבן אין דער ערשטער העלפט פון 1942 ארומגעכאפּט אלע שטעט און שטעטלעך פון ווייס-רוסלאַנד און אוקראַינע.

די פּארטיזאַנער-רייען, די רייען פון די נקמה-נעמערס האָבן זיך פארגרעסערט פון טאָג צו טאָג. פון די יחידים זיינען שוין געוואָרן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער.

די דײַטשן, וועלכע האָבן פריער ניט צוגעשריבן קיין גרויסן באדייט דער באוועגונג פון קליינע גרופּעס באוואָפנטע פּארטיזאנער אין די אומגעגנטן פון די וועלדער און פּושטשעס, האָבן זיך צוגעקוקט מיט שרעק, ווי עס וואקסט זיך פאנאנדער א גרויסע ווידערשטאַנדס-באוועגונג און האָבן אָנגעהויבן אָנצונעמען שריט קעגן זיי.

אויב אין אָנהויב פלעגן זיך די דייטשן באנוגענען מיט „אָבלאַוועס” (איבערפאלן) פון קליינעם פארנעם, אין וועלכע עס פלעגט אָנטיילנעמען בלויז דער נאָענטסטער גארניזאָן פון דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע און די ווייס-רוסישע, פּוילישע און אוקראַאינישע פּאָליציי, האָבן זיי שוין אין דעצעמבער 1942 אָנגעהויבן דורכצופירן גרויסע אָבלאַוועס, לענגז־אויס די טייכן ניעמאַן און שטשארע מיט א כוח פון 20—15 טויזנט מאַן. ביי דער אָבלאַווע אויף דער ליפּיטשאַנער פּושטשע און רודער־דובראָווטשיזנער וועלדער (ביי סלאָנים) זיינען צוגעצויגן געוואָרן אלע גארניזאָנען און פּאָליציי-אָפּטיילן פון גאַנץ באַראַנאָוויטשער קרייז און זי איז געפירט געוואָרן לויט א פריער אויסגעארבעטן קריגס-פּלאַן.

די פּארטיזאַנער אין די א. ד. פּושטשעס האָבן אין הסכם מיט דער פּארטיזאנישער טאַקטיק ניט אויפגענומען קיין אָפענעם קאַמף מיט דער ניט פארגלייכלעך-שטאַרקערער איבערמאַכט פון שונא אין מענטשן און טעכניק און אָפּגעטראָטן מיט די וועלדער אויף מזרח (צום ראַיאָן פון נאַליבאָקער פּושטשע), פון וואַנען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט נאָכן אוועקגיין פון די דייטשן, אין זייער פריערדיקן ראַיאָן.

## קאַפּיטל פיר

# די צוויי פּאַזעס אין דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע ווערט לויט איר אַנטוויקלונג, פאַרנעם, באַוואָפענונג, אָרגאַניזאַציע, קעמפער-קאַדרען און קאַמפּס-היקף איינגעטיילט אין צוויי פּאַזעס:

די ערשטע פּאַזע נעמט אַרום די צווייטע העלפט פון 1941 יאָר און כמעט דאָס גאַנצע יאָר 1942.

די צווייטע פּאַזע כאַפּט אַרום די יאָרן 1943 — 1944, ביז דער באַפרייונג דורך דער רויטער אַרמיי.

דאָס, וואָס עס כאַראַקטעריזירט די פּאַרטיזאַנקע אין דער ערשטער תקופה, איז:

1) די באַגרענעצטע צאָל קעמפערס. די קאַדרען נעמען אַרום:

א) די איבערגעבליבענע פון דער אַרומרינגלונג אין די וועלדער, נאָכן גרויסן צוריקטריט פון דער רויטער אַרמיי אין די חדשים יוני — יולי 1941.

ב) דעם פּאַרטייאיש-סאָוועטישן אַקטיוו פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

ג) די געוועזענע רויט-אַרמייערס, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די פּויערים און זיינען געווען שפּעטער באַדראָט אינטערנירט און אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד.

ד) די יידן, וועלכע זיינען געלאָפן פון די שחיטות אין די שטעט און שטעטלעך.

2) די שוואַכע באַוואָפענונג און מיליטערישע אויסריכטונג. עס האָט זיך געפילט א גוואַלטיקער מאַנגל אין געווער און אַמוניציע. געווען גרופּעס און אָטריאַדן, וועלכע האָבן געהאַט געווער נאָר פאַר א טייל פון זייערע מיטגלידער. דאָס געווער איז געווען שלעכט און פּרימיטיוו. דאָ האָט מען געזען דעם לאַנגן פראַנצויזישן ביקס, צוגלייך מיט דער פּוילישער „קאַראַבינקע", א רוסישע „ווינטאָווקע" און א קורצע „אָטרעזאַנקע" (א ביקס מיט אן אָפּגעניטענער לופע, וועלכע פלעגט שיסן אויף א קורצן שטח און ניט אין ציל).

אין פיל פאלן פלעגן די ביקסן זיין קאָמבינירטע, צוזאמענגעשטעלטע פון צוגעקליבענע טיילן מיט א דערמאכטער „לאָזע" (הילצערנער טייל פון ביקס), וועלכע פלעגט ניט אלע מאָל שיסן, ווען און ווהין מען האָט געוואָלט, אָבער מיט וועלכער מען האָט געקענט אָנוואַרפן א מורא אויף די פויערים און שאפן די לעגענדע, אז די פארטיזאנער זיינען באוואָפנט. דאָס אידעאלע געווער פון די פארטיזאנער — דער רעוואָלווער און דער אויטאָמאט — זיינען כמעט ווי אין גאנצן ניט געווען בנמצא. קוילן זיינען געווען ווייניק און עס פלעגט יעדן צוגעטיילט ווערן א באגרענעצטע צאָל. אָפט פלעגט מען מוזן איבעררייסן א קאמף אָדער אָפּזאָגן זיך פון א געפּלאנטן קאמפס־אָפּעראציע צוליבן מאנגל אין קוילן.

אין דעם פעריאָד איז דער וויכטיקסטער באוואָפענונגס־מקור — דאָס אָפּגענומענע געווער ביי די וואלד־וועכטערס און פויערים.

די פארטיזאנער געפינען שוין די מעטאָדן, ווי ארויסצובאקומען בײַ די פויערים דאָס פארבאהאלטענע געווער, וועלכע זיי האָבן אין גרויסע קוואנטומס צונויפגעזאמלט נאָכן פאנישן אנטלויפן פון דער רויטער ארמיי.

בעת די נאכט־אָנפאלן אויף די קליינע דייטשישע פּאָליציי־גארניזאָנען אין די דערפער פלעגן א טייל פארטיזאנער זיין באוואָפנט מיט שטעקנס, וועלכע האָבן געהאט דאָס אויסזען פון ביקסן און דאָ פלעגט דער הילכיקער „הורא" און „ופיעריאָד"! (פאָרויס!) ־ געשריי מער אָנוואַרפן מורא, ווי דער רעש פון די ארויסגעשאָסענע קוילן.

3) עס איז ניט געווען קיין צענטראליזירטע אָנפירונג און פארבינדונג מיט מאָסקווע. יעדע גרופּע אָדער אָטריאד האָט געארבעט אויפן אייגענעם חשבון. פון צייט צו צייט פלעגן נאָנט־שטייענדיקע גרופּעס צוזאמענרעדן, בכדי אונטערצונעמען א געמיינזאמען אָנפאל אויף א קליינעם גארניזאָן אָדער אנדערע קאמפס־אָפּעראציעס. עס זיינען ניט געווען קיין בריגאדעס און „סאָיעדיניעניעס" (פארטיזאנען־פאראייניקונגען, וועלכע פלעגן ארומנעמען א גרעסערע צאָל בריגאדעס). עס זיינען נאָך ניט געווען די באפולמעכטיקטע פון דער סאָוועט־רעגירונג און קאָמוניסטישער פארטיי, בכדי אָנצופירן מיט דער באוועגונג. עס איז נאָר געווען א שוואכע פארבינדונג מיט דער סאָוועטישער רעגירונג, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין אדורכגיין אומבאמערקט די פראָנט־ליניע און קומען צוריק מיט אינסטרוקציעס. זעלטן ווו עס איז געווען א ראדיאָ אויפנעם־סטאנציע. קיין אָפּגעב־סטאנציעס, דורך וועלכע מען זאָל קענען אינפאָרמירן און אינפאָרמירט ווערן, זיינען נאָך ניט געווען. עס זיינען נאָך ניט געקומען

פון יענער זייט פראָנט־ליניע די ספּעציעלע דיווערסיע־גרופּעס און די באַוועגונג איז נאָך מיט גאָרניט באַזאָרגט געוואָרן דורך מאָסקווע. אַלץ קומט פון אייגענער איניציאַטיוו, פון מענטשן פונעם מיליטערישן קאָמאַנדירנדיקן פּערסאָנאַל פון דער רויטער אַרמיי אָדער פון פּאַרטיי און קאָמסאָמאָל־איניציאַטיוו, וועלכע זיינען זיכער, אַז די באַוועגונג וועט זיך פאַנאַנדערוואַקסן און, אַז מאָסקווע וועט פריער צי שפּעטער איילן מיט הילף צו די קעמפערס אין טיפן הינטערלאַנד פון שונא.

4) דער קאַמפּס־פאַרנעם פון די אָפּעראַציעס קעגן שונא איז אַ באַגרענעצטער. אין אָנהויב באַנוגנט מען זיך מיט אויסבאַהאַלטן דאָס אייגענע נאַקעטע לעבן און זיך פאַרזאָרגן מיט שפּייז ביי די פּויערים. שפּעטער הייבט מען אָן ברענען די הויפן, וועלכע שטייען אַלע אונטער דייטשישער קאָנטראָל און דינען זיי ווי צושטעלערס פון שפּייז פאַרן פראָנט און דייטשלאַנד, ווי בכלל אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע ברענגען נוצן דער דייטשישער קריגס־ווירטשאַפט, (טאַרטאַקן, סמאָלע־פאַבריקן, מעלקערייען א. א. וו.) און זיינען דורך זיי דאַן ניט געהיט אָדער שוואַך באַוואַכט געוואָרן.

מען מאַכט שוין לויערונגען קעגן קליינע גרופּעס דייטשן און פּאָליציי־לייט און מען באַוואָפנט זיך אויף זייער חשבון. מען פאַלט אָן פּלוצים ביינאַכט אויף די קליינע גאַרניזאָנען אין די דערפער, מען צעשיסט די, וועלכע באַווייזן זיך ניט צו ראַטעווען, און מען פאַרטרייבט די איבעריקע אין די שטעט.

די דייטשן היטן נאָך בכלל ניט די אייזנבאַן־ליניעס און עס זיינען דאָ גרויסע מעגלעכקייטן אָן ריזיקע צוצוגיין און מינירן זיי, אָבער עס פילט זיך אַ גוואַלטיקער מאַנגל אין דינאַמיט און אויפרייס־מאַטעריאַלן (טאָל) און די אַרבעט קעגן די קאָמוניקאַציע־ליניעס איז צוליב דעם אַ באַגרענעצטע. די דייטשן וואַגן נאָך דאַמאָלסט צו קריכן אין די וועלדער און אויפנעמען אַ קאַמף מיט די פּאַרטיזאַנער.

אין דער צווייטער העלפט פון 1942 פירן שוין דורך די פּאַרטיזאַנער אָנפאַלן אויף די גרעסערע דייטשישע גאַרניזאָנען און ראַיאָן־צענטערס מיט גרויס דערפאָלג.

עס קומען דאַן אויף די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס ד. ה. גאַנצע ראַיאָנען וועלכע זיינען באַהערשט דורך די פּאַרטיזאַנער, געפינען זיך אונטער זייער ממשלה און באַוועגן זיך דאָרט פריי און אומגעשטערט בייטאָג און

בייגאכט. (מחוץ די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס באַוועגט מען זיך אויסשליסלעך אונטערן מאַנטל פון דער נאַכט־פינצטערניש).

די דייטשן ציען זיך צוריק אין די ראיאָן־צענטערס (שטעט און שטעטלעך), ווו עס קאָנצענטרירן זיך אַלע פּאָליציסטן און דייטשן פון די צעטריבענע דאָרפישע פּאָליצײ־פּאָסטנס, פאַרגראָבן און פאַרפעסטיקן זיך אין „דאָטן" (בעטאָנירטע פייער־פונקטן), „דזאָטן" (געוויינלעכע ערד פייער־פונקטן) און בונקערס, אַרומגעצוימטע מיט שטעכיקן דראָט, געמויערטע ווענט א. א. וו., בכדי צו זיין צוגעגרייט קעגן אַן אָנפאַל פון די פּאַרטיזאַנער אויפן ראיאָן־צענטער. עס פאַלט אַרויף אויף זיי א שרעק און זיי האָבן מורא אַרויסרוקן די נאָז.

עס קומט די, רומפולע פּאַזע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

מיט יעדן טאָג קומען אָן אַלץ נייע מענטשן. די פּושטשעס און וועלדער ווערן פול מיט קעמפערס. פון אַלע דייטשישע אַרבעטס־לאַגערן, פון די געפאַנגענשאַפטס־לאַגערן, פון אַלע שטעט, ווו די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט די עוואַקווירטע פון די חרובע און בייפּראָנט־געביטן קומען אָן טאָג־טעגלעך גרופּעס און יחידים.

עס דאָמינירן די געפאַנגענע, וועלכע ווערן מאַסנווייז אָן רחמנות געפייניקט, אויסגעהונגערט און צעשאָסן פון די דייטשן. עס העלפן ניט די פאַרשטאַרקטע וואַכן, דאָס האַלטן אונטער שטאַכל־דראָט, די רעפּרעסיעס און די מאַסן־עקזעקוציעס. מען לויפט אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער ראַטעווען זיך, קעמפן קעגן מערדער ־ פאָלק, נקמה נעמען פאַר אַלץ און אַלעמען.

מען לויפט פון די אינטערנירונגס־לאַגערן פאַר געפאַנגענע, פון די אַרבעטס־לאַגערן פאַר די אַרויסגעפירטע אויף צוואַנגס־אַרבעט. מען לויפט לויט די שטערן, לויטן „גרויסן בער", לויט די זון־שטראַלן, לויט עצות פון גוטע פּויערים אין די דערפער, אין וועלכע מען כאַפּט זיך אַריין פאַרזיכטיק שטילן דעם הונגער. פאָרויס, פאָרויס, צו מזרח, ווו עס געפינען זיך באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער־אַרמייען.

די פּאַרטיזאַנער שיקן שליחים און פּויערים א. ג. „לעגאַלשטשיקעס", וועלכע גיבן איבער בריוו, פּאַראַלן און רופן אין וואַלד אַריין צום קאַמף.

מען פאַרבינדט זיך מיט איינצלנע פון דער פּאָליצײ, וועלכע שיקן איבער פאַרטרויליכע ידיעות וועגן דייטשישע פּלענער קעגן די פּאַרטיזאַנער, וועגן צוגעגרייטע אָבלאַוועס א. א. וו. די פּאַרטיזאַנער ווייסן שוין, וואָס זיי האָבן צו טאָן. די אָבלאַוועס טרעפן זיי צוגעגרייט. די דייטשן זיינען

פארקערט גאָרניט צוגעגרייט צו לויערונגען, וועלכע ווארטן זיי אָפּ אויף די געהעריקע ערטער און פארניכטן זיי. אין רעזולטאט פון די פאר־בינדונגען און וואקסנדיקן כוח פון די פּארטיזאנער קומען צולויפן מיט זייער געווער יחידים פּאָליציסטן (וויס־רוסן, רוסן, פּאָליאקן, אוקראַינער) פון די דייטשישע גארניזאָנען.

דער דייטש האָט אָרגאניזירט א גאנצע ארמיי פון פרייוויליקע, די א. ג. ר. אָ. א. („רוסקאיא אָסוואָבאָדיטעלנאיא ארמיא"—רוסישע פרייהייטס־ארמיי), אָדער ווי עס איז געווען פּאָפּולער אונטערן נאָמען פון איר אָרגאניזאטאָר דעם סאָוועטישן פארעטער גענ. וולאסאָוו — „וולאסאָווצעס". די ארמיי האָט זיך רעקרוטירט בעיקר פון אוקראַינער. פיל פון זיי טוען אָן די דייטשישע אוניפאָרם, בכדי זיך צו ראטעווען פון א קויל אָדער וואָס נאָך ערגער — פון הונגער־טויט. די דייטשן נוצן זיי אויס אויף צו האלטן אָרדענונג, היטן די אייזנבאן־בריקן, האלטן וואך ביי די געביידעס פון עפנטלעכן דינסט און מלוכה׳שע אמטן. זיי ווערן דורך די דייטשן גוט באשפּייזט, מען באזאָרגט זיי מיט אלעם נויטיקן און מען זאָגט זיי צו א זעלבסטשטענדיקע אוקראַינישע מלוכה, פריי פון באָלשעוויסטישן און יידישן „יאָך", אָן קאָלכאָזן און קאָמוניזם.

פיל פון זיי ווערן אָנגעלאָקט פון די צוזאָגן. די אוקראַינער זיינען אין זייער גרעסטן טייל שאָוויניסטיש געשטימט. זיי האָבן גרויסע חשבונות מיטן סאָוועטישן רעזשים. ס׳רוב זיינען זיי זין פון „קולאקעס" (רייכע פּויערים) און בורזשוען, וועלכע האָבן געפירט סאבאָטאזש און ניט זעלטן אויך א באוואָפנטן קאמף קעגן דער קאָלעקטיוויזאציע, ווי בכלל קעגן באָלשעוויזם. די דייטשישע פאשיסטיש־אנטיסעמיטישע זריעה פאלט דאָ אויף א פרוכטבארן באָדן.

די דייטשן האָבן זיי געגעבן פולע פרייהייט צו רויבן די אָרטיקע באפעלקערונג, צו מאָרדן און רויבן אומגעשטערט די יידן און זיי האָבן געטריי אויסגעפילט זייער שליחות. דערלעבט אזא נקמה פון דער „זשידאָ־קאָמונע", וועלכע האָט „חרוב" געמאכט זייער שיינע, פרוכטבארע אוקראַינע...

אָבער די מלחמה פארציט זיך. מען רעדט שטארק, אז די דייטשישע מענטשן־רעזערוואַרן שעפּן זיך אויס און, אז זיי, די אוקראַינער וועלן געשיקט ווערן צו די פראָנטן. דער טרוים וועגן א גיכן אריינמארש אין א באפרייטער און פון היטלערס גנאָד געשענקטער אוקראַינע איז שוין לאנג צערונען. פארקערט, די סאָוועטן האלטן ניט נאָר איין דעם

פאַראויסמארש, נאָר גיבן שטארקע קלעפּ, צערייבן און פארניכטן די „קאדר״־טיילן פון דער דייטשישער ארמיי און טרייבן זיי צוריק.

די פריער האָפערדיקע דייטשן ליגן אָפּ זייער ענדגילטיקן זיג איבער רוסלאנד פון דער ווינטער־אָפענסיווע אויף זומער און פון זומער אויף הארבסט. אלע ריידן, אז דער דייטש מוז און וועט מיאוס פארשפּילן די מלחמה.

עס וועט דאן אויסקומען זיך אָפּצורעכענען מיט דער שווער שטראָפנדיקער האנט פון דער סאָוועטישער יוסטיץ פארן פאראט קעגן אייגענעם ברודער, קעגן דעם אייגענעם לאנד. די פארטיזאנישע בריוועלעך און געדרוקטע פלוג־בלעטער, וועלכע זיי באקומען, דערמאָנען און וואָרענען;

„קומט צו אונדז מיט דעם דייטש־אָנפארטרויטן געווער, דערמאָרדעט די דייטשן, פירט דורך א דיווערסיע פון אָביעקט, וועלכן איר היט! דערפילט אייער חוב צום פאָטערלאנד! קויפט אויס אייער גרויסן חטא, כל זמן עס איז נאָך ניט שפּעט, דורך קאמף אין די פארטיזאנישע רייען. עס וועט אייך דאן אלץ זיין פארגעבן. גיט זיך אָפּ א רעכענונג, אז נאָכן זיכערן און שנעלן נצחון וועט איר ניט האָבן וווּהין צו לויפן! פאר די דייטשן אליין וועט אין דייטשלאנד קיין אָרט ניט זיין!״

און דאָ קומען אָן די ידיעות פון אלע זייטן וועגן דעם ריזיקן פונאנדערוווקס פון דער פארטיזאנער־באוועגונג און די געלונגענע שטיקלעך ארבעט קעגן די דייטשן. זיי אליין זעען, ווי אויף דעם דייטש, ציטערט די הויט, ווי נאָר ער דארף ארויסרוקן די נאָז, אָדער ער דערהערט בלויז דאָס וואָרט — פארטיזאן.

און אזוי ווי די שאנסן צו פארבלייבן אלס זיגער אין דער אומאָפּהענגיקער שיינער אוקראַינישער הויפּטשטאָט, קיעוו ווערן אלץ נישטיקער און עס ווערט פון טאָג צו טאָג ווארשיינלעכער דער ארייננמארש פון דער רויטער ארמיי קיין בערלין, באשליסן זיי אוועקצוגיין אין דער סאָוועטישער פארטיזאנקע אויסצוקויפן זייער גרויסן חטא קעגן פאָטערלאנד.

בכדי צו קומען מיט אן „אקטיוו״, ווי העלדן, דערהרגעט מען אָפּט די געציילטע דייטשן, מיט וועלכע מען איז צוזאמען, מען פירט דורך א דיווערסיע־אקט און מיט געווער אין די הענט קומט מען אין די וועלדער, ווו מען ווערט ווארעם אויפגענומען.

אזוי אנטלויפן צום אָטריאד „איסקרא״ (לידער ראיאָן) פיר אוקראַינער, וועלכע היטן אָפּ די אייזנבאן־בריק ביי לידע, נאָך דעם ווי

זיי האָבן אויסגעקוילעט פינף שלאָפנדיקע דייטשן, וועלכע זיינען מיט זיי געווען אויפן פונקט, לאדן אויף דאָס גאנצע געווער אויף א פריער צוגעגרייטער פור און קומען שוין מיט א קאמפס־אקטיוו אויף זייער חשבון אין אָטריאד אריין.

פופצן רוסישע ארבעטערס פון די עוואקואירטע פון די בייפראָנט־שטחים פון סמאָלענסק און וויאזמע, וועלכע ארבעטן אין דער לידער עלעקטראָ־סטאנציע, מינירן דעם מאשינען־זאל מיט א באקומענער מינע פון א. ד. אָטריאד און אנטלויפן צו זיי.

מער ווי הונדערט אוקראינער פון גארניזאָן, וועלכער האָט סטאציאָנירט אין שטעטל איוויע (ראיאָן־שטעטל ניט ווייט פון נאליבאָקער פושטשע) און ווערט אויסגענוצט אויף צו קעמפן מיט די פארטיזאנער, אנטלויפן נאָך א פארשטענדיקונג צום אָטריאד „אלעקסאנדער ניעווסקי״ (נאליבאָקער פושטשע).

עס ווערן געשאפן פארבינדונגען דורך ספעציעלע שליחים מיט אלע גארניזאָנען און פונקטן, ווו עס געפינען זיך רוסישע געפאנגענע, וועלכע זיינען אריבער אין דייטשן דינסט און זיי ווערן אגיטירט צו ריכטן, דאָס דורכן דייטש אָנפארטרויטע געווער קעגן אָקופאנט. גרויסע טיילן, אָפטמאָל גאנצע גארניזאָנען (א חוץ די פרינציפיעלע פארביסענע קעגנערס פון באָלשעוויזם), ווערן אין פינצטערע נעכט פארשוואונדן. די דייטשן קענען שוין ניט זיין זיכער מיט זיי בעת אן אָבלאווע־ארויספאָר אויף די פארטיזאנער. מען הערט זיי אויף צו פארטרויען דאָס געווער און עס ווערט פארשטארקט די השגחה איבער זיי.

זיינער צייט האָט ארויסגערופן גרויס אויפזען די ידיעה וועגן אריבערגאנג פון גענעראל ראָדיאנאָוו מיט זיין גאנצער, גלענצנדנדיק־באוואָפנטער ארמיי צו די פארטיזאנער.

ראדיאנאָוו, פון ראנג א מאיאָר פון דער רויטער ארמיי, איז בעת דעם גרויסן צוריקטריט (יוני 1941), אריינגעפאלן ביי מינסק אין ארומריינגלונג און ער האָט זיך פרייוויליק איבערגעגעבן אין געפאנגענשאפט, צוזאמען מיט זיין גאנצער דיוויזיע צו די דייטשן. די דייטשן האָבן אים אָנפארטרויט די וויטערדיקע אָנפירונג איבער דער דיוויזיע און געגעבן אים דעם ראנג גענעראל. ראדינאָוו האָט זיינע גארניזאָנען צעשטעלט אין די שטעט און שטעטלעך פון מאָלאָדעטשנער ראיאָן (דאָקשיץ, גלובאָקע, דאלהינאָוו א. א. וו.), און פון דאָרט אויס אָנגעהויבן אָנצוגרייפן די פארטיזאנער. אין קעגנזאץ צו די דייטשן, וועלכע האָבן מורא געהאט

פאר די וועלדער, פלעגן זיינע רוסישע סאָלדאַטן קריכן אין די וועלדער און בלאָטעס און פארשאפן די פארטיזאנער גרויסע פארלוסטן.

ער האָט אָנגעהויבן פארווירקלעכן דעם פלאַן צו בלאָקירן מינסקער ראיאָן, אָנהויבנדיק פון די שטעטלעך מאָלאָדעטשנאַ, איליא האָט ער געטריבן די פארטיזאנער צום טייך בערעזינא, ווו ער האָט זיי געוואָלט ארומרינגלען און פארניכטן. צוליב דעם איבערגעוויכט פון ראדיאנאָווס כוח זיינען די פארטיזאנער געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן צו דער בערעזינא.

ראדיאנאָוו איז דאַן אוועק אין דער ריכטונג דאָקשיץ-קרולעווטשיזנע-דאָלהינאָוו-פּאָלאָצק, ווו עס זיינען געשטאַנען פערצן בריגאַדעס, וועלכע פלעגן אָנפאַלן אויף דער ליניע מאָלאָדעטשנא-פּאָלאָצק. ראדיאנאָווס ציל איז געווען צו דערגרייכן דעם ראיאָן, ווו עס איז געשטאַנען די בארימטע בריגאַדע פון זשעלעזניאַק, וועלכע האָט ביי וויעליקאָיע-סיעלאָ געהאַט אן אעראָדראָם.

פלוצים האָט ער דורך א בריוו געמאָלדן זשעלעזניאַקן, אז ער וויל מיט זיין גרויסער ארמיי, געווער און אמוניציע, איבערגיין צו די פארטיזאנער און קעמפן האַנט ביי האַנט קעגן זיין פריערדיקן דייטשישן פארבינדעטן.

נאָך א פארשטענדיקונג מיט מאָסקווע איז דער פאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן. דערביי איז אים געשטעלט געוואָרן א פאָרבאַדינג, אז ער זאָל צעקלאַפּן די דריי דייטשישע גאַרניזאָנען אין דאָקשיץ, דאָלהינאָוו און קרולעווטשיזנע. נאָכן אויספילן די אויפגאַבע מיט גרויס דערפאָלג (אויסגעהרגעט די דייטשן, צוגענומען רייכע טראָפייען) — איז ער דורך די פארטיזאנער אויפגענומען געוואָרן.

ער איז אריבער מיט אן ארמיי פון 8.000 מאַן, גלענצנדיק באוואָפנט דורך די דייטשן מיט קליינע טאַנקען, פאַנצער-מאַשינעס און לייכטער ארטילעריע, געפירט דורך פערד.

די דייטשן האָבן אָפּגעצויגן מיליטערישע כוחות פון פראָנט און געוואָרפן אויף אים. געג. וולאַסאָוו האָט אָנגעהויבן קעגן אים צו קעמפן פארביטערט. ראדיאנאָוו האָט כסדר געשטורעמט די דייטשישע גאַרניזאָנען אין פּלעשניצער און מינסקער ראיאָנען, און בכדי צו פארגרעסערן זיינע קעמפער-קאַדרען, האָט ער דורכגעפירט אין די דערפער א צוואַנגס-מאָביליזאַציע פון דער אָרטיקער פויערישער באפעלקערונג.

ראדיאנאָוו האָט, לויט א ווערסיע, מאָטיווירט זיין איבערגעבן זיך

די דײטשן און מיטארבעט מיט זײ מיט זײן װילן צו באַװאָפּענען זיך אויפן דײטשישן חשבון, בכדי שפּעטער צו קענען קעמפן קעגן זײ.

ער איז געפאלן העלדיש, זעקס װאָכן פאר דער באַפרײונג, װען זײנע אָטריאדן זײנען דורך די דײטשן בלאָקירט געװאָרן בײ דער בערעזינא (פּלאָצק) און צעקלאַפּט געװאָרן. בעת יענער בלאָקאדע איז אויך אומגעקומען זשעליעזניאק, װעמענס אָטריאדן זײנען נית װײט פון דער פראָנט-ליניע געגומען געװאָרן אין קלעם דורך ריזיקע דײטשישע אָפּטרעטנדיקע כוחות פון בײדע זײטן און זײנען צעשמעטערט געװאָרן.

ענדע 1943 װערט לויט א באַפעל פון מאָסקװע דורכגעפירט דורך די פּארטיזאנער א צװאנגס-מאָביליזאציע פון דער אָרטיקער פּויערישער יוגנט, בכדי נית צו דערלאָזן די דײטשן רעאליזירן זײער מאָביליזאציע פאר דער געפּלאנטער װײסרוסישער ארמײ, װעלכע האָט געזאָלט געשאַפן װערן לויט דער איניציאטיװ פון דײטשישן װאסאל אין װײסרוסלאנד, פּרעזידענט אָסטראָװסקי, צום קאמף מיט די פּארטיזאנער.

די דערפער פלעגן פּלוצים ארומגערינגלט װערן און די יוגנט פלעגט אָפּגעפירט װערן אין די װעלדער און אײנגעשלאָסן װערן אין די פּארטיזאנער-אָטריאדן.

פון אלע זײטן איז מען געלאָפן אין די װעלדער; יונגטלעכע, װעלכע זײנען געװען באַדראָט ארויסגעפירט צו װערן קײן דײטשלאנד אויף צװאנגס-ארבעט און הונגער; װײסרוסן פון דער רעכטער זײט ניעמאן (פּליסט דורך װײסרוסלאנד און ליטע), װעלכע זײנען טעראָריזירט און געמאָרדעט געװאָרן דורך די „װײסע פּאָליאקן" (פאשיסטישע באַנדעס, װעלכע האָבן געקעמפט קעגן די רויטע פּארטיזאנער), װעלכע האָבן באַהערשט די געגנט; פּאָליאקן אויף װאָלין, װעלכע זײנען געמאָרדעט געװאָרן דורך די אוקראַיניש-פאשיסטישע פּארטיזאנער-באַנדעס (באַנדעראָװצעס, בולבאָװצעס). אלע זײנען געלאָפן זוכן שוץ צו די רויטע פּארטיזאנער אין די װעלדער.

מען איז געלאָפן פון די דערפער, שטעט, שטעטלעך, געטאָס און ארבעטס-לאגערן. מען איז געלאָפן צוליב מורא פאר רעפּרעסיעס און קאָלעקטיװע שטראָפן, װעלכע פלעגט אָנגעװענדט װערן דורך די דײטשן פאר יעדן קלענסטן חטא. עס זײנען געלאָפן אלע, װעלכע האָבן זיך מיט עפּעס פארזינדיקט קעגן דער „טעװטאָנישער יוסטיץ". און ס'איז געלאָפן א גרויסער טײל פון דער פּויערישער יוגנט פון די דערפער אין די פּארטיזאנער-זאָנעס, װעלכע זײנען געװען באַדראָט מיט זײער לעבן

אין פאל פון אן אָבלאווע פון דייטשן, וועלכע פלעגן די באפעלקערונג פון די זאָנעס אידענטיפיצירן מיט די פּארטיזאנער.

עס קומען אזויפיל מענטשן אין די וועלדער, אז פון יעדן פּארטיזאנער־אָטריאד בילדעט זיך אויס א בריגאדע (אן איינהייט, וועלכע נעמט אריין אייניקע אָטריאדן). זייער פיל אָטריאדן לעבן שוין ניט אין די וועלדער און פּושטשעס, נאָר אין די דערפער, אין די ראיאָנען און בלויז זייערע פּראָוויאַנט־באזעס געפינען זיך אין די פושטשעס. אהין גייען זיי בלויז אריין אין פאל פון אן אָנקומענדיקער אָבלאווע.

עס ווערן מאסנווייז געוואָרפן אין אלע פושטשעס און ראיאָנען ספּעציעלע דיווערסיע־גרופּעס, גוט־באוואָפנטע, וועלכע בילדן זיך אויס מיטן צושטראָם פון אָרטיקע עלעמענטן אין גרויסע אָטריאדן און שפּילן א גרויסע ראָל ביים אָרגאניזירן, דיסציפּלינירן און אויסברייטערן די באוועגונג. אומעטום באקומען די פּארטיזאנער ניט נאָר ראדיאָ־אויפנעם־אפּאראטן, נאָר אויך אָפּגעב־סטאנציעס, וועלכע ווערן באדינט דורך אויסגעשולטע ראדיסטן פון רוסלאנד, און ווירקן מיט צו דער עפעקטיווער אויסנוצונג פון די פּארטיזאנישע כוחות און זייער פארבינדונג מיט מאָסקווע.

איבער די פושטשעס און וועלדער קרייזן ארום אין די נעכט סאָוועטישע עראָפּלאנען און ווארפן אראָפּ, אין הסכם מיט די אָפּגערעדטע סמנים און סיגנאלן דורך ראדיאָ, צוליב אָריענטאציע פאר די פליער מענטשן, געווער און אמוניציע.

אין די גרעסערע פושטשעס זיינען שוין אויך פאראן געהיימע עראָדראָמען, ווו עס לאָזן זיך אראָפּ סאָוועטישע עראָפּלאנען און ברענגען געווער, מענטשן, באפעלן, אָנווייזונגען, ליטעראטור א. א. וו. און פירן אוועק באריכטן און ערנסט־פארווונדעטע.

צוליב דעם ענגן קאָנטאקט, וועלכער איז געשאפן געוואָרן מיט מאָסקווע דורך די ראדיאָ־סטאנציעס, ווערט אָפטמאָל אין די שווערע מאָמענטן צוגעשיקט הילף צו די פּארטיזאנער. אזוי, למשל, נעמען די סאָוועטישע עראָפּלאנען אָנטייל אין די קאמפן פון זשעליעזניאק קעגן די דייטשן אין מינסקער און פּלעשניצער ראיאָנען.

די פּארטיזאנער־בריגאדעס, וועלכע שטייען הארט הינטער דער דייטשישער פראָנט־ליניע און וועמען עס קומט אויס כסדר צו פירן פארביטערטע קאמפן מיט דער דייטשישער „צווייטער ארמיי־ליניע",

ווערן אָפּט ארויסגעהאָלפן דורך די סאָוועטישע אעראָפּלאנען, וועלכע איילן צו הילף אויף די אָנגעגעבענע ס. אָ. ס.-רופן דורך ראדיאָ.

אויך די פּארטיזאנער אין ליפּיטשאנער פּושטשע ווערן בעת דער גרויסער בלאָקאדע פון די וולאסאָווצעס פאר דער באפרייונג (יוני, יולי 1944), ארויסגעהאָלפן דורך סאָוועטישע אעראָפּלאנען, וועלכע באָמבארדירן די דייטשישע גארניזאָנען און קאָנצענטראציעס פון פיינטלעכן מיליטער, נאקרישאק, רודע-יאוואָרסקע, זשעטל א. אנד.

עס באווייזט זיך דאָס אידעאלע געווער פון פּארטיזאנער; אויטאָמאטן, גראנאטן, רעוואָלווערן, צוגעפּאסטע צו די פּארטיזאנישע קאמפּס-באדינגונגען, וועלכע מען קען באנוצן אויף א נאָענטער דיסטאנץ. די פּארטיזאנער זיינען שוין גלענצנדיק באוואָפנט און נעמען אונטער וואָס ווייטער אלץ מער, ריזיקאלישערע, דרייסטערע קאמפּס-אָפּעראציעס אויף גרעסערע גארניזאָנען, צעקלאַפּן זיי און באקומען פיל דייטשישע געווער און אמוניציע אלס טראָפּייען.

אויב די ערשטע צייט איז דאָס געווער געווען פעלערהאפט, פארזשאווערט און ניט אלעמאָל נוצלעך אין קאמף, פארגרעסערט זיך איצט דער סכום פון דייטשישן געווער און אמוניציע, ערשטקלאסיקע לויט זייער קוואליטעט, צוזאמען מיט די מאָדערנסטע וואָפן פון דער סאָוועטישער פּראָדוקציע.

די פּארטיזאנער וואגן שוין צו מאכן אָנפאלן אויף ראיאָן-צענטערס, ווו עס זיינען איינגעקווארטירט גרויסע דייטשישע גארניזאָנען.

זשעלעזניאק האלט א לענגערע צייט אין זיינע הענט דאָס שטעטל באהומען (מינסקער קרייז) און פארלאָזט עס ערשט נאָך א באפעל פון מאָסקווע. פיל שטעטלעך נאָנטע צו די פּארטיזאנער-זאָנעס ווערן באזעצט דורך די פּארטיזאנער.

די פּארטיזאנער האָבן ניט זעלטן זייער ויך-אָרט הארט ביי די דייטשישע גארניזאָנען און שטערן זיי אין זייערע פארבינדונגען.

באזונדערס גראנדיעזע פאָרמען נעמט אָן דער קאמף קעגן די קאָמוניקאציע-ליניעס פון שונא.

פיל טויזנטער צוגן מיט קריגס-טעכניק און מיליטער ווערן ארויס-געזעצט אין דער לופטן אויף די לאנגע וועגן פון „דריטן רייך" ביז אין די טיפענישן פון רוסלאנד. טויזנטער אייזנבאן-בריקן ווערן מינירט און אויפגעריסן. די דייטשן זיינען געצוווּנגען צו לאָזן די באנען נאָר בײַטאָג. זיי שטעלן אָפּ די קאָמוניקאציע אויף פיל ליניעס און באגרענעצן זיך

מיט דערהאַלטן נאָר די צענטראַלע ליניעס, וועלכע ווערן דורך זיי זאָרגפול אָפּגעהיט דורך ספּעציעל באַוואָפנטע פּאַטרולן א. ג. „שטרייף" און דורך באַפעסטיקטע בונקערס לענגאויס די ליניעס.

בכדי צו באַשווערן דעם צוגאַנג און אָפּגאַנג צו די אייזנבאַן־ליניעס, שנײַדן זיי אויס אויף אייניקע הונדערט מעטער די וועלדער און קוסטעס. די דײַטשן פּעלט אָבער סאָלדאַטן צו היטן די אייזנבאַן־ליניעס אויף א לענג פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קילאָמעטער. די פּאַרטיזאַנער קענען יעדן צוגאַנג, וויסן ווו עס זײַנען לאָקירט די „דאַטן" און „בונקערס", און קומען אונטער יעדעס מאָל דאָרט, וווּ מען דערוואַרט זיי אמווייניקסטן. זיי אָפּערירן שוין מיט א שפּע פון טאָל, דינאַמיט און מאָדערנסטע מינעס, קעגן וועלכע אַלע דײַטשישע פּאָרזיכטס־מיטלען ווײַזן זיך אַרויס פאַר ניט גענוגנדיק.

סוף יאָר 1943 דערגרייכט די פּאַרטיזאַנקע איר העכסטן פּונקט. גאַנץ ווײַס־רוסלאַנד און אוקראַינע, אָנגעהויבן פון די בריאַנסקער וועלדער, זײַנען פּאַקטיש איין גרויסע פּאַרטיזאַנער־זאָנע, ווו די דײַטשן זיצן אין שרעק און מורא נאָר אין די שטעט און לענגאויס די וויכטיקסטע באַן־ליניעס.

די באַפעלקערונג באַוווּנדערט די קאַמפס־אויפטוען פון די פּאַר־טיזאַנער. גיט זיי יעדע הילף דורך שפּיאָנאַזש און באַטראַכט זיי, ווי די פּאַקטישע הערשערס שוין איצט. די דײַטשן ווידער ווערן באַטראַכט ווי צײַטווײַליקע „געסט", וועלכע וועלן מוזן אַוועקגיין פון רוסלאַנד פריער אָדער שפּעטער.

די דײַטשן, אין זייער אָנמעכטיקייט בנוגע דער גראַנדיעז־פונאַנדער־געוואַקסענער פּאַרטיזאַנישער פאָלקס־באַוועגונג, לאָזן אויס זייער כעס צו דער ציווילער באַפעלקערונג, צינדן די דערפער, מאָרדן, און לסוף מאַכן זיי במעט שלום מיט די הערשנדיקע פאַרהעלטענישן.

עס איז קלאָר, אז אויף די אַפּאַטיע־שטימונגען בײַ די דײַטשן, קאַמפס־לוסטיקייט און דירעווידיקער איניציאַטיוו פון די פּאַרטיזאַנער און דער פּאָזיטיווער אײַנשטעלונג און געגעבענער הילף אין אַלע פאָרמען פון דער אָרטיקער ציוויל־באַפעלקערונג צו די פּאַרטיזאַנער, ווירקן זיך אויס די ידיעות פון די פראָנטן, וועלכע דערציילן וועגן כסדר'דיקע מפּלות פון דער דײַטשישער אַרמיי און זיגרייכן פאָרויסמאַרש פון דער רויטער אַרמיי.

## קאפיטל פינף

# ארגאניזאציע, קאמפס-טאקטיק און סטראטעגיע

שוין באלד ביים אָנהויב פון דער מלחמה זיינען דורך דער סאָוועטישער רעגירונג געשאפן געוואָרן אין מאָסקווע א. אנד. ערטער שולן פאר אויסבילדן דיווערסאנטן, ספּעציעלע גרופּעס, פאר באזונדערע קאמפּס-אויפגאבעס, אינסטרוקטאָרן, ראדיסטן, וועלכע זיינען געשולט געוואָרן אלס צוקונפטיקע פארטיזאנער אין טיפן הינטערלאנד פון שונא. דאָרט איז געלערנט געוואָרן קאמפס-טאקטיק און סטראטעגיע, צוגעפּאסט צו די פארטיזאנישע פאָרמען פון קאמף. די דאָזיקע אלע אויסגעשולטע גרופּעס זיינען דערנאָך צעוואָרפן געוואָרן אין אלע געגנטן פון די אָקופּירטע רוסישע געביטן.

אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה, זיינען קלענערע אָפּטיילן מיליטער ספּעציעל איבערגעלאָזט געוואָרן אין די וועלדער דורך דער אָפּטרעטנדיקער רויטער ארמיי פאר דיווערסיע, שפּיאָנאזש און אָרגאניזאציע-צוועקן.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אין דער פולער מאָס אָפּגעשאצט דעם גרויסן באדייט פון פארטיזאנישן קאמף אין דער מלחמה און זיך איבערן אָקופּאנט און אים געווידמעט די געהעריקע אויפמערקזאמקייט.

אין די טאָג-באפעלן פון גענעראליסימוס סטאלין, ביי דער געלעגנהייט פון פארשיידענע יומים-טובים (1-טער מאי, אָקטאָבער, טאָג פון דער רויטער ארמיי א. אנד.) און אין זיינע עפנטלעכע ארויסטריטן, זיינען די פארטיזאנער גערופן געוואָרן צו שטערן די קאָמוניקאציע-ליניעס פון שונא, שטערן די פארבינדונגען און צושטעלונגען פון געווער, אמוניציע און אפּראָוויזאציע צום פראָנט, דורכפירן דיווערסיע-אקטן און שלאָגן דעם דייטש אויף שריט און טריט.

א לענגערע צייט זיינען אין די קריגס-קאָמוניקאטן פון דער העכסטער אָנפירונג פון דער רויטער ארמיי אויך איבערגעגעבן געוואָרן

ידיעות וועגן דער קאמפּס־טעטיקייט פון די פּאַרטיזאַנער אין פאַרשיידענע געגנטן קעגן דעם שונא.

דורך דער פראָנט־ליניע זיינען דורכגעפירט געוואָרן אינסטרוקטאָרן, אָרגאַניזאַ־אָרן און גאַנצע גרופּעס פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט פיל הונדערטער קילאָמעטער מאַרשן, פיל געפאַרן און קאַמפן ביים דורכרייסן די באַן־ליניעס און גאַרניזאָנען, ביז זיי זיינען מיט זייער געווער און אַמוניציע־לאַדונגען אָנגעקומען צום אָנגעצייכנטן פאַר זיי קאַמפס־ראַיאָן.

שפּעטער זיינען אַזעלכע אָפּטיילן און יחידים געוואָרפן געוואָרן דירעקט אין די ראַיאָנען מיט פאַראַשוטן פון אַעראָפּלאַנען.

בראש פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין יעדער רעפּובליק איז געשטאַנען אַ פּאַרטיזאַנישער רעפּובליק־שטאַב. די פּאַרטיזאַנער באַוועגונג אין ווייס־רוסלאַנד איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ שטאַב, וואָס בראש פון אים איז געשטאַנען גענ. פּאַנאַמאַרענקאָ (געוו. ערשטער סעקרעטאַר פון צ. ק. פון דער ווייס־רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי). בראש פון אוקראַאינישן פּאַרטיזאַנישן רעפּובליק־שטאַב איז געשטאַנען כרושטשאָוו (געוו. ערשטער סעקרעטאַר פון צ. ק. פון דער אוקראַאינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי).

די פּאַרטיזאַנער אויפן שטח פון אַ גאַנצער „אָבלאַסט" (געגנט), האָבן געבילדעט אַ פאַראייניקונג. אין אַזאַ „איינס", זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אַ גרעסערע צאָל בריגאַדעס. יעדע בריגאַדע האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט פון 4—8 אָטריאַדן. אַן אָטריאַד האָט ס׳רוב געציילט 2—3 ראָטעס. קלענערע „איינסן" זיינען געווען אַ „ווזוואָד" און אַן אָטרעלעניע (אָפּטייל).

אין אַ טייל ראַיאָנען האָבן די אָטריאַדן און בריגאַדעס געטראָגן די נעמען פון רוסישע היסטאָרישע קריגס־העלדן, סאָוועטישע פירערס און פּאַרטיזאַנער־העלדן פון די יאָרן פון בירגער־קריג (1917—1921). אין אַנדערע ראַיאָנען זיינען די אָטריאַדן גערופן געוואָרן לויט די נעמען פון זייערע קאָמאַנדירן און אָרגאַניזאַטאָרן. געווען אויך מיליטערישע פּאַרטיזאַנער־איינסן, וועלכע זיינען באַצייכנט געוואָרן מיט נומערן.

יעדע בריגאַדע איז געווען צוגערעכנט צו אַ געוויסן ראַיאָן פאַר קאַמף און אַפּראָוויזאַציע (טעטיקייטס־ראַיאָן), לויט דער פאַרמלחמהדיקער סאָוועטישער אַדמיניסטראַטיווער טיילונג. דער אָנפירער פון דער

פּאַרטיזאַנער־פּאַרייניקונג, איז ס׳רוב גלייכצייטיק געווען דער באַפעל־מעכטיקער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין יעדן ראַיאָן פלעגן געשיקט ווערן מענטשן, וועלכע האָבן גוט געקענט די געגנט און האָבן דאָרט פריער (1939—1941) פאַרנומען אין דער ציווילער אַדמיניסטראַציע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. אַזוי האָט דער פּאַרטיזאַנער־אָנפירער אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, וועלכע איז געווען צוגערעכנט צו דעם שטשוטשינער צווישן ראַיאָן צענטער, געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון שטשוטשינער „ראַיקאָם״ (ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי).

גענ. מאַיאָר פּלאַטאָן, דער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין באַראַנאָוויטשער „אָבלאַסט״ (נאַליבאָקער פּושטשע), האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט אין באַראַנאָוויטש אַלס סעקרעטאַר פון „אָבקאָם״ פון דער קאָמפּאַרטיי.

אויך די געדרוקטע פּאַרטיזאַנישע צייטונגען אין די וועלדער, האָבן געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען, ווי די ראַיאָן־צייטונגען פאַר דער מלחמה.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג באַלד ביי איר אַנטשטיין איז געווען דאָס געווינען דעם צוטרוי פון דער אָרטיקער פּויערים־באַפעלקערונג, אָן וועלכן עס וואָלט געווען זייער באַשווערט די פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־טעטיקייט און קיום.

די פאַרבינדונגס־מענער (סוויאַזניע), אָדער א. ג. „לעגאַלשטשיקעס״ אין די דערפער, וועלכע פלעגן אינפאָרמירן די פּאַרטיזאַנער וועגן די באַוועגונגען פון די דייטשן, שטימונגען ביי דער באַפעלקערונג און אַרויסגעבן די פּויערים־שפּיאָנען, וועלכע האָבן קאָלאַבאָרירט מיטן דייטש, האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו דער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט און פאַנאַנדער־וואוקס פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אָפט פלעגט אַזאַ פאַרבינדונגס־מאַן מיט דער הסכמה פון דער פּאַרטיזאַנער לייטונג, זיין גלייכצייטיק דער „סאָלטיס״ (דאָרף עלטסטער) פון דאָרף און קומען אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט די דייטשן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן אָן רחמנות אויסגעראָט די פּויערים, וועלכע מען האָט חושד געווען אין שפּיאָנאַזש און מיטאַרבעט מיט דער אָקופּאַציע־מאַכט. דאָס צעשיסן די קעגנערס און פאַרברענען זייערע ווירטשאַפטן האָט אָנגעוואָרפן א מורא אויף די פּויערים און זיי צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז זיי דאַרפן זיך אונטעראָרדענען יעדן באַפעל

פון די פארטיזאנער און באטראכטן זיי, ווי די פאקטישע הערשערס פון געגנט.

עס זיינען געווען פאלן, ווען פויערים פלעגן אויס נקמה פאר רעקוויזירטע דורך פארטיזאנער שפייז אָדער זאכן מסרן אין דעם נאָנטסטן גארניזאָן דאָס זיץ־אָרט, אָדער די באוועגונגען פון די קעמפפערס און צוליב דעם פלעגן זיי ניט זעלטן באַצאָלן מיט קרבנות. אזא פויער פלעגט שוין ניט ווארטן אויף חסד און פלעגט אנטלויפן און אויסבאהאלטן זיך אין אומגעגנט, ווו עס פלעגט סטאציאָנירן א דייטשישער גארניזאָן.

אין דער ערשטער תקופה פון דער פארטיזאנער־באוועגונג, ווען עס האָט זיך געפילט א גוואלטיקער מאנגל אין געווער, איז אַלץ געטאָן געוואָרן צו מאסקירן פאר די פויערים, דעם דאָזיקן בלויז. ביי די פויערים האָט געמוזט הערשן די אילוזיע, אז די פארטיזאנער שטעלן מיט זיך פאָר א כוח און זיינען גוט באוואָפנט.

ביים ארייננפאָרן ביינאכט אין א דאָרף, פלעגט דער קאָמאנדיר ספּעציעל אויסשרייען זיינע באפעלן הויך, אז דאָס גאנצע דאָרף זאָל הערן: „א וזוואָד אויף לינקס, א וזוואָד אויף רעכטס! צוויי קוילן־ווארפערס ביי איין ברעג און צוויי ביים צווייטן ברעג פון דאָרף! אויטאָמאטשיקעס הינטער די שייערן!‟... א. א. וו.

הגם דאן זיינען נאָך טיילן פון די אָטריאדן ניט געווען באוואָפנט, האָט דער פויער פאר זיינע אויגן ניט געזען קיין אומבאוואָפנטן פארטיזאן. צוליב דעם פלעגט אויסקומען איבערצוגעבן איינער דעם צווייטן די עטלעכע ביקסן ביים באווייזן זיך אין א דאָרף.

ביי דער פויערישער איינגעבאָרענער געוווינהייט צו איבערטרייבן, איז די צאָל פון די פארטיזאנער געוואַקסן אין זייער פאנטאזיע הונדערט־פאכיק און זייער שרעק און ערנסטע באציונג האָבן זיך איבערגעגעבן די דייטשן און פאָליציי, אויף וועמען עס איז געפאלן א מורא פארן פארטיזאנישן כוח.

די קאמפס־טאקטיק און סטראטעגיע אין פארטיזאנקע איז געווען לגמרי אן אנדערע, ווי אויפן פראָנט, ווו רעגולערע קאמפן און דער איבערוויגנדיקער כוח אין מענטשן און געווער האָט דעצידירט. דער פארטיזאנער מיידט אויס אָפענע קאמפן מיט א שטארקערן כוח, וועלכער וואָלט אים באזיגט. זיינע קאמפס־אונטערנעמונגען פירט ער אויס ביי דער נאכט אָדער פארטאָג, אומגעריכט און אומדערוואַרט פארן שונא.

זיין באליבטע קאמפס-פאָרם איז די „זאסאדע" (לויערונג), פון קוסטעס, וואלד-ראנדן, בערגלעך, קאנאלן בײַ די שאָסייען א. ד. ג.

מען לאָזט דורך די ערשטע מאשינען פון שונא און מען עפנט א געדיכטע שיסערײַ פון די פארמאסקירטע פאָזיציעס אויף די הייטערדיקע, וועלכע ווערן צעשמעטערט, איידער זיי באווייזן זיך צו אָריענטירן און פארנעמען פארטיידיקונגס-פאָזיציעס. אָפט הויבט מען אָן דעם קאמף, בעת עס באקומט זיך אָן אויפרייס פון דער פריער אונטערגעלייגטער מינע אויפן שאָסיי, וואָס צווינגט די מאשינען צו בלייבן שטיין. נאָכן אָפטאָן די דיווערסיע - ארבעט „שמירט מען די פיאטעס" (אויפן פארטיזאנישן לשון — אנטלויפן), צוריק צו די אייגענע באזעס, אין די וועלדער.

אין די וועלדער האָבן די פארטיזאנער געפונען פיל טאנקען און הארמאטן, וועלכע זיינען געבליבן שטעקן בעתן צוריקטריט פון דער רויטער ארמיי צוליב א דעפעקט אָדער מאנגל אין בענזין, איילעניש א. א. וו. פיל אזוינע געווער האָט מען אויך דערטרונקען אין די טײַכן און אָזערעס צוליב די אויפגעריסענע בריקן און ניט וועלנדיק איבערלאָזן עס פאר די דייטשן.

בולאקס אָטריאד האָט פון טײַך שטשארא ארויסגעשלעפט א באשעדיקטן פאנצער-אויטאָ, אייניקע טאנקעטקעס און א גרויסן טאנק „ק. וו", זיי אויסגערעמאָנטירט און געמאכט שיס-פעיק.

די ידיעה וועגן רעסטאווירטן טאנק האָט ארויסגערופן א פאניק בײַ די דייטשן און זיי האָבן אָרגאניזירט א ספעציעלע אָבלאווע אויף יענער געגנט.

אונטער דער דעקונג פון טאנק, וועלכער האָט טרעפלעך באשאָסן פון דאָרף מאָסקאלי (בײַם טײַך שטשארע) די דייטשישע קאָנצענטראציעס אין רודע-יאוואָרסקע און רודע-ליפיטשאנסקע, זיינען די פארטיזאנער אָפגעטראָטן צייטווייליק אין אן אנדער ראיאָן. נאָכן אויסשיסן דאָס ביסל „סנאריאדן" (הארמאטן-קוילן) און צוליב מאנגל אין טרייב-שטאָף, האָבן אים די פארטיזאנער אליין פארברענט.

בעת די אָנפאלן אויף די גארניזאָנען אין רודע-יאוואָרסקע, זשעטל, נאקרישאָק, זשעלודאָק, האָט די ארטילעריע פון אָטריאד „באָרבא" פיל מיטגעהאָלפן צו שטורמען די דייטשישע בעטאָנירטע פייער-טראנשיי-פונקטן.

גענעראל־מאיאָר קאַפּוסטינס פּאַראייניקונג האָט אין איך באַרימטן מאַרש אויף מערב, וועלכער האָט געהאַט דעם ציל צו פּאַרוואַנדלען די געגנטן פון ביאַליסטאָק און גראָדנע אין א פּאַרטיזאַנער־זאָנע, אויך מיטגעשלעפּט מיט זיך אייניקע לייכטע האַרמאַטן און שווערע באַטאַליאָן־מינעוואַרפערס.

דער אָטריאַד „שטשאָרס״ האָט בעתן שטורעמען דעם קאָסאָווער גאַרניזאָן זיך באַנוצט מיט א 45 מ״מ־האַרמאַט. די אָטריאַדן, וועלכע זיינען געשטאַנען האַרט הינטער דער פראָנט־ליניע (מזרח־ווייס־רוסלאַנד), האָבן אין זייערע קאַמפן באַנוצט שווערע אַרטילעריע.

אַרטילעריע, טאַנקען, האַרמאַטן א. ד. ג., זיינען אָבער ניט געווען קיין צוגעפּאַסט געווער ביי די פּאַרטיזאַנישע וואַלד־באַדינגונגען.

צו דער אַרטילעריע האָט אַלעמאָל געפעלט אַמוניציע און טרייב־קראַפט. אין פאַל פון אן אָבלאַווע איז געווען שווער מיט זיי זיך דורכצורייסן אומבאַמערקט דורך דעם שונאס קאָרדאָן, און ס׳רוב פלעגט מען זיין געצוווּנגען זיי צו לאָזן אויף גאָטס באַראָט.

בעתן ראַשיקן צוריקטריט פון קאַפּוסטינס פּאַראייניקונג, פון גראָדנער געביט, נאָכדעם ווי ער איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך איבערוויגנדיקע דייטשישע כוחות פון אַלע זייטן איז ער געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן צוריק אין דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע פון ליפּיטשאַנער פּושטשע און וואַרפן זיין אַרטילעריע.

אין דער ערשטער צייט זיינען די אָטריאַדן געשטערט געווען אין זייער דיווערסיע־אַרבעט צוליב מאַנגל אין אויפרייס־מאַטעריאַל. צו דעם צוועק האָט מען אָנגעהויבן אויסנוצן די ניט־אויפגעריסענע האַרמאַטן־קוילן און אוויא־באָמבעס, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין א גרויסער צאָל נאָך די קריגס־אָפּעראַציעס. מען פלעגט אויסגיסן, נאָכן פאָרזיכטיקן אַרויסדרייען די קאַפּסלען, דעם אויפרייס־מאַטעריאַל און מאַכן דערפון מינעס, וועלכע מען פלעגט באַנוצן בעיקר אויפצורייסן דעם שונאס עשאַלאָנען.

דאָס האָט געפאָדערט פיל פאָרזיכטיקייט און אויפמערקזאַמקייט. געווען ניט ווייניק פאַלן, ווען פּאַרטיזאַנער זיינען אויפגעריסן געוואָרן ביים אַרויסבאַקומען דאָס טאָל פון די סנאַריאַדן.

די דייטשן האָבן באַטראַכט די פּאַרטיזאַנער, ניט ווי אן אַרמיי, וואָס קעמפט פאַר באַפרייונג, נאָר ווי „באַנדיטן״... (אין אַלע זייערע עפנטלעכע פּובליקאַציעס פלעגן זיי באַצייכענען די פּאַרטיזאַנער אַלס

„סטאלינס-באנדיטן"...). דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ וועגן קריגס-געפאנגענע איז דאָ לגמרי ניט געווען חל.

שרעקלעך איז געווען דער גורל פון א פארוואונדעטן פארטיזאן, וועלכער האָט ניט געקענט אנטלויפן צוזאמען מיט די אָפטרעטנדיקע חברים. אין איילעניש פלעגן די פארטיזאנער ניט זעלטן זיין געצוווּנגען איבערצולאָזן דעם פארוואונדעטן חבר אויף זיין אייגענעם גורל.

דער גורל פון א פארטיזאן, וועלכער פלעגט אריינפאלן א לעבעדיקער צו די דייטשן, איז געווען א פאָראויס באשטימטער — עפּענטלעכע תליה נאָך שרעקלעכע פייניקונגען.

דאָס האָט געדארפט ווירקן אפשרעקנדיק אויף דער באפעלקערונג.

די פארטיזאנער פלעגן אָבער אויך אָפּצאלן די דייטשן מיט דער זעלביקער מטבע. זייערע קעגנווייטיקע קאמפס-מעטאָדן זיינען געווען אומברחמנות'דיקע.

לויטן פארטיזאנישן קריגס-געזעץ האָט א פארטיזאן ניט געטאָרט לאָזן זיך נעמען לעבעדיקערהייט אין געפאנגענשאפט. ער פלעגט זיך אליין מוזן דערשיסן מיט דער לעצטער קויל, אין פאל פון אן אומעגלעכקייט מיטצונעמען דעם פארוואונדעטן, האָבן זיינע חברים געמוזט אים דערשיסן בכדי ער זאָל ניט ארויסגעבן קיין סודות, אונטערן דרוק פון די דייטשע טאָרטור-אויספאָרשונגען.

דער פארטיזאן פילט זיך זיכער אין געדיכטן גרויסן וואלד און וויס, אז די דייטשן און פאָליציי וועלן אים דאָרט ניט פארפאָלגן. דער בוים און די נאכט-פינצטערניש זיינען די פארבינדעטע פון דעם פארטיזאן.

אין דער פארטיזאנישער קאמפס-טאקטיק פארנעמט א וויכטיקן פלאץ פיפיקייט, איבערקליגן דעם שונא און פארנארן אים. מען בעט דורכן טעלעפאָן אין דער דייטשישער שפראך הילף ביי א גארניזאָן און דאָ ווארט מען אים שוין אָפּ אויף א צוגעפאסטן ארט און מען פארניכטעט אים.

אלס כאראקטעריסטישער ביישפיל קען דינען דער פאל, ווי אזוי די בריגאדע א. נ. „קיראָוו" (טעטיקייטס-ראיאָן, לידע-נאָוואָגרודעק), האָט פארנארט און פארניכטעט דעם דייטשן גארניזאָן פון דאָרף בערעזאָווקע.

א ווזהאָד פון יידישן אָטריאד „אָרדזשאָניקידזע" (נאָוואָגרודקער ראיאָן), איז אין מיטן העלן טאָג אריינגעפאָרן אין דאָרף וואסיליעוויטש און אנגעהויבן שיסן אין דער לופטן, שלאָגן די פויערים, ראבירן און באפוילן צוגרייטן די דאָרפישע באַר אויף 4 א זייגער נ. מ. מען האָט

אויך אינסצעניזירט אן אנטוואָפּענונג פון די פּארטיזאנער, כּלומרשט צוליב זייער שכרות. דאָס איז אַלץ געטאָן געוואָרן, בּכדי עס זאָל זיך געפינען א פּויער, וואָס זאָל מסר'ן אין נאָנטסטן דייטשן גארניזאָן, אז א קליינע גרופּע אומבּאוואָפנטע, שכורע, יידישע פּארטיזאנער הוליען אין דאָרף און קענען זיין א לייכטע רויב פאר די דייטשן. די פּארטיזאנער וועלנדיק זיין זיכער מיטן דערפאָלג, האָבּן אליין ארויסגעשיקט א פּויערישן פארבּינדונגס־מאן צו דענונצירן.

דאָס שפּיצל האָט זיך איינגעגעבּן. זיבּן פורן מיט פּאָליציי־לייט און מאשינעס מיטן דייטשישן לייטענאנט קורט בּראש, זיינען געפאָרן קיין וואסיליעוויטש נעמען לעבּעדיקערהייט אין געפאנגענשאפט די שכורע יידישע פּארטיזאנער. אָבּער אויפן מיטן וועג זיינען זיי בּאגעגנט געוואָרן מיט א הוראגאן־פּייער פון לויערונגען דורך א ריי אָטריאדן פון דער א. ד. בּריגאדע. נאָך איניקע מינוטן זיינען געלעגן לערך 50 דערהרגעטע ווייס־רוסישע פּאָליציאנטן און דייטשן צוזאמען מיט דעם לייטענאנט קורט. זייער גאנצע געווער און אמוניציע זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון די פּארטיזאנער.

דאָס געפינען זיך פיל הונדערטער ק"מ אין טיפן הינטערלאנד פון שונא, ארומגערינגלט פון גארניזאָנען און פּאָליציי־פּאָסטנס, האָט געצווונגען די פּארטיזאנער אין דער ערשטער פּאזע פון איר אנטוויקלונג צו די פארשיידנסטע פּאַרטיזאנער־מיטלען, וועלכע האָבּן געדארפט בּאוואָרענען פלוצימ'דיקע אָנפאלן פון שונא אויף דער בּאזע פון אָטריאד.

די פּויערים האָבּן פאר קיין פאל ניט געטאָרט וויסן דאָס גענויעם זיץ־אָרט פון אָטריאד און זיי איז ניט געווען דערלויבּט דערנענטערן זיך צו דער וואלד־זאָנע פון די פּארטיזאנער. א פּויער, וועלכער איז געכאפּט געוואָרן אין שכנות פון זיץ־אָרט פון די אָטריאדן, איז אויף יעדער עווענטואליטעט אָפּגערוימט געוואָרן, ווייל די דייטשן פלעגן ספּעציעל ארויסשיקן פּויערים־שפּיאָנען, מיט דער אויפגאבּע צו דערוויסן זיך וועגן זיץ־אָרט און פּלאן פון דעם פּארטיזאנער־לאגער. א פּויער, וועלכער פלעגט זיך נאָר אינטערעס'רן וועגן דעם אין א שמועס מיט פּארטיזאנער, איז שוין געווען אונטערן חשד פון שפּיאָנאזש.

אזוי ווי א טייל פּויערים האָבּן זיך געפילט בּע'עולה'ט פון די פּארטיזאנער צוליבּ דעם כסדרדיקן נעמען בּיי זיי שפּייז און מלבּושים בּעת די פארגרייטונגען („בּאָמבּיאָזשקעס" — אויפן פּארטיזאנישן לשון), האָט מען געמוזט זיין זייער פּאָרזיכטיק מיט די סודות פון אָטריאד און

זיין באזוע. מען דארף אויך ניט פארגעסן, אז צווישן די פויערים זיינען געווען קרייזן, וועלכע זיינען געווען איינגעשטעלט קעגן דער סאָוועטן־מאכט און ממילא אויך קעגן דער סאָוועטישער פארטיזאנקע.

די וועלדער, אין וועלכע עס זיינען געשטאנען פארטיזאנער־אָטריאדן, זיינען טאָג און נאכט אָפּגעהיט געוואָרן דורך „קאראולן" (וואכן), וואָס האָבן געדארפט אין פאל פון סכנה אלארמירן פּריציייטיק דעם אָטריאד וועגן דער דראָענדיקער געפאר.

די וואך האָט ארייננעלאָזן אויפן שטח פון אָטריאד נאָר דעם, וועלכער האָט געוווסט דעם אָפּגערעדטן „פּאראָל" פון טאָג. פאר שלאָפן אָדער דרעמלען אויף דער וואך איז געווען איין שטראָף — טויט, אָן אפּעלאציע.

חוץ די וואכן ביים ראנד פון די וועלדער פלעגן ליגן פארמאסקירטע וואכן אויף א „סעקרעט" (געהיים־אָרט) ביי די צענטראלע וועגן, וועלכע האָבן געפירט צו די גארניזאָנען. אלס דערגענצונג צו דעם אלעמען האָט געדינט דאָס רייטער־אויסשפיר־דינסט, וואָס האָט זיך געפונען ביי יעדן אָטריאד און בריגאדע און פלעגט זיך באוועגן הארט ביי די גארניזאָנען, בכדי נאָכצופאָלגן יעדע באוועגונג פון די דייטשן. אין זייער אויסשפיר פלעגן זיי זיך באנוצן גאנץ אָפט מיט פארטרויאונגס־מענער פון דער פויערים־באפעלקערונג.

די פארטיזאנער אויפן וועג צו זייערע קאמפס־אויפגאבעס מחוץ דער פארטיזאנער־זאָנע פלעגן קיינמאָל ניט אריינגיין אין קיין שטוב, ניט איבערלאָזנדיק קיין וואך־פּאָסטן אין דרויסן.

פארטיזאנער האָבן אין זייערע מארשן ניט געטאָרט איבערלאָזן קיין שפורן. מען פלעגט פארווישן יעדן שפור נאָך זיך, בכדי אין פאל פון א מסירה, זאָל דער שונא ניט קענען זיי פארפאָלגן.

אין די צייטן פון גרויסע אָבלאוועס, ווען מען איז געווען געצוווּנגען אוועקצוגיין פון אייגענעם ראיאָן, בכדי אויסצומיידן אומגעוווּנטשענע קאמפן מיטן פיל שטארקערן שונא, פלעגט מען ביים אריבערגיין א באן־ליניע אָדער א טראקט גיין הינטערוויפעכטס, אזוי, אז די טריט זאָלן אויסקומען פאָראויס. מען פלעגט אויסמיידן ווי ווייט מעגלעך דערפער און ישובים און גיין דורך וועלדער און בלאָטעס. בכלל פלעגט מען אויסזוכן וועגן, אויף וועלכע עס בלייבן ניט קיין סמנים.

באזונדערס באשווערט איז געווען צו פארווישן די שפורן ווינטער־צייט, ווען דער שניי האָט גע'מסר'ט יעדע באוועגונג פון די פארטיזאנער און דאָס זיץ־אָרט.

ווינטער 1942, ווען עס זיינען נאָך ניט געווען קיין פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, פלעגן די פּאַרטיזאַנער אַרויסגיין אויף אַן אויפגאַבע נאָר אין די שניי־שטורעם־נעכט, ווען דער שניי אַליין פאַרווישט די שפּורן.

די ערד־שטיבלעך („זיעמליאַנקעס") פלעגט מען מאַסקירן טיף אין דער ערד אין אַזוינע ערטער, וווּ עס איז געווען שטאַרק באַשווערט דער צוטריט צו זיי. צוליב זיכערקייטס־צוועקן (אויך אין פאַל פון אַנטלויפן פון אַ פּאַרטיזאַן) פלעגט מען אָפט בייטן דעם זיץ־פּלאַץ פון אַטריאַד.

דער אידעאַלסטער פּלאַץ פאַר אַ פּאַרטיזאַנער־לאַגער איז געווען אַ פאַרבלאָטיקט אָרט אָדער אַן אינדזל אין אַ בלאָטע, וווּ דער איינציקער צוגאַנג פלעגט זיין אויף אויסגעלייגטע ביימער.

אין דער צווייטער העלפט פון 1943, מיטן אַנטשטיין פון פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, האָט שוין דאָס פריערדיקע פּאַרטיזאַנישע שפּריך־ווערטל, אַז „דער טאָג געהערט צו די דייטשן און די נאַכט צו די פּאַרטיזאַנער", פאַרלאָרן זיין זין. הונטערטער אַטריאַדן האָבן זיך באַזעצט אין די דערפער און „כוטאָרעס", זיך באַוועגט און געהוליעט פראַנק און פריי, אָבער אויך דאַן, פלעגט מען גייענדיק מחוץ די זאָנעס אויף קאַמפּס־אויפגאַבעס, דעם טאָג איבערוואַרטן אין די וועלדער אָדער ביי פריינטלעכע פּויערים אויף אַן אָפּגעלעגענעם כוטאָר, אין די שייערן און אויף די בוידימער.

איינציקע מאָל, זיינען אַלע פּאַרטיזאַנער־אַטריאַדן אויף אַלע אָקופּירטע שטחים איינצייטיק אין דער זעלביקער נאַכט, לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע אַרוים אויפרייסן די אייזנבאַן־ליניעס, מיט די ספּעציעל צו דעם צוועק אַראָפּגעוואָרפענע דורך פּאַראַשוטן טאָל־אייעלעך. די ליניעס זיינען אויף אַ לענג פון פיל טויזנטער ק"מ אויפגעריסן געוואָרן און די באַוועגונג איז דאַן פולשטענדיק אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף 4—5 טעג.

די אַקציע איז אין דער פּאַרטיזאַנער־געשיכטע באַקאַנט א. נ. „רעלסאַוואַיאַ וואָינאַ" (רעלסן־קריג).

באַזונדערס פלעגט פאַרשטאַרקט ווערן די דיווערסיע־אַרבעט אויף די אייזנבאַנען פאַר אַ דייטשישער אָדער סאָוועטישער אָפּענסיווע. דאָס ניט צולאָזן קיין דייטשישע מיליטער און קריגס־מכשירים צו דער צייט צו די פראָנט־ליניעס האָט אין אַ באַשטימטער מאָס דעצידירט דעם אויסגאַנג פון קאַמף און געשטערט די דייטשישע אָפּענסיוו־פּלענער.

די דייטשן, וועלכע האָבן געהאַט אויסגעצויגענע פראָנטן איבער גאַנץ

אייראָפּע, א ווידערשטאנדס־באוועגונג אין אלע אקופּירטע לענדער, האָבן ביי דער עלאסטיש־באוועגלעכער פּארטיזאנישער קאמפּס־טאקטיק נים געהאט גענוג רעזערוון און מעגלעכקייטן אומעטום זיי צו באקעמפן.

די אָפּלאוועס, וועלכע די דייטשן פלעגן מאכן מיט גרויסע כוחות מיליטער, ספּעציעל אָפּגעצווייגטע פון די פראָנט־ליניעס, האָבן אָנגע־האלטן בלויז א קורצע צייט און פאקטיש פארשאפט די פּארטיזאנער נאָר נישטיקע פארלוסטן. די דייטשן האָבן דאָס מיליטער געמוזט אָפּשיקן צוריק צו די באדראָטע פראָנטן.

מיט דעם קלערט זיך אויף די רעטעניש פון דער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון דער פּארטיזאנער־באוועגונג און דאָס באהערשן דורך איר גרויסע שטחים אין טיפן הינטערלאנד פון שונא.




פאַטאָמאָנטאזש פון די קעפּלעך פון אייניקע פּארטיזאנער־צייטונגען, געדרוקט אין די וועלדער.

דאָ זעט מען די חיים־רוסישע צייטונגען „טשירוואנאיא זוויעזדא", ארויס־געגעבן דורכן אונטערערדישן בּאראנאוויטשער קאמוניסטישן קרייז־קאמיטעט; „סציאג סוואבאדי" (פרייהייטס־פאן), ארגאן פון מירער אונטערערדישן ראיאָן־קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פּארטיי און „גלאס סיעלאנינא" (שטימע פון פּויער), ארויסגעגעבן דורכן סטאלפּצער אונטערערדישן פּארטיי־קאמיטעט.

נאָך יעדער אבלאווע פלעגן די דייטשן ארויסלאָזן בארימערישע קאָמוניקאטן, אז זיי האָבן שוין ליקווידירט די פארטיזאנער און אָנגעגעבן לעגענדארע צאָלן פון גע'הרגעט'ע. שפעטער פלעגט זיך ארויסווייזן, אז די פארטיזאנער האָבן כמעט גאָרניט געליטן און, אז אין דער צאָל אָנגעגעבענע דערהרגעטע פארטיזאנער איז געווען איינגעשלאָסן די אויסגעמאָרדעטע אָרטיקע פויערישע באפעלקערונג.

נאָך דער ערשטער גרויסער אָבלאווע אין ליפיטשאנער פושטשע (דעצעמבער 1942) האָבן די דייטשן פארברענט די ישובים און אויסגעמאָרדעט די פויערים פון די דערפער גרויס-וואליע, קליין-וואליע, טראכימאָוויטש, קאזיבאר און פיל אנדערע ישובים אויפן רעכטן ברעג שטשארע. די איבער 2000 דערמאָרדעטע פויערים זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין די דייטשע קאָמוניקאטן אלס געפאלענע פארטיזאנער...

אויף פאָלעסיע האָבן די דייטשן פארברענט און דערמאָרדעט די באפעלקערונג פון די דערפער באבראָוויטשי, וויאדא, וויאגאנטשי, קראסנע (טעלעכאנער ראיאָן).

אין א קאמף דעם 2-טן מאי 1943 צווישן סטרעלקאָווס אָטריאד מיט די דייטשן ווו זיי האָבן געליטן גרויסע פארלוסטן, האָבן די לעצטע אלס נקמה פארברענט צוזאמען מיט די 200 איינוווינערס דאָס דאָרף זאסטארינע (האָראָדישטשער ראיאָן).

פאר דערמאָרדן א דייטש אין אומגעגנט פון סקידל האָט מען באשטראָפט קאָלעקטיוו פיר דערפער און זיי פולשטענדיק אָפגעווישט פון דער ערד צוזאמען מיט זייערע איינוווינערס.

בעת דער גרויסער אָבלאווע אין נאליבאָקער פושטשע (יולי—אויגוסט 1943) האָבן די דייטשן פארברענט פיל צענדליקער דערפער, טויזנטער פויערים אויסגעמאָרדעט און איבער 20.000 מאן ארויסגעפירט אין דייטשלאנד אויף ארבעט. דורך דעם האָבן די דייטשן געצילט צוצונעמען ביי די פארטיזאנער די מעגלעכקייט פון האָבן אין שכנות באשפייז- און אויפהאלטס-באזעס. שפעטער האָבן זיי אויך אָנגעווענדט די טאקטיק צו באָמבארדירן פון עראָפלאנען די דערפער איז די פארטיזאנער-זאָנעס.

די דייטשן האָבן אויך געפרווט דורך פארשיידענע פראָפאגאנדע-מיטלען צו צעברעכן די פארטיזאנער-באוועגונג. זיי האָבן כסדר געוואָרפן פלוג-בלעטלעך און גערופן די פארטיזאנער שטראָפלאָז זיך אומצו-

קערן צו א נאָרמאל לעבן. יעדעס מאָל פלעגט אָנגעגעבן ווערן א טערמין, ביז וועלכן די פארטיזאנער קענען זיך אומבאשטראָפט מעלדן אין די ראיאָן־שטעט און יעדעס מאָל פלעגן די טערמינען פארלענגערט ווערן... דערביי פלעגט מען די „בעלי־תשובות" צוזאָגן גוטע פאָסטנס, גלענצנדיקע לעבנס־באדינגונגען און פרעמיעס. פארשטענדלעך, אז מען האָט געפרווט אויסשפילן אויך אנטי־יידישע און אנטי־סאָוועטישע מאָמענטן.

די דייטשן זיינען ניט מיד געוואָרן אויסצוקלערן די משונה'דיקסטע ליגנס און באבע־מעשיות, בכדי צו געפינען לייכט־גלויביקע, וועלכע וועלן זיך אונטערגעבן זייער סוגעסטיע און ווארפן דאָס געווער. ווייניק האָבן אָבער געגלויבט די דייטשישע לעגענדעס און זייערע הבטחות.

א גרויסע ראָל האָבן אָפגעשפילט די פארטיזאנער בעת דער אָפענסיווע פון דער רויטער ארמיי. זיי האָבן צעריסן די בריקן און פאראומעגלעכט דעם ריקצוג פון די דייטשן. זיי האָבן גענומען די דייטשן אין קלעם און געזייט צווישן זיי טויט און פאניק, געמאכט לויערונגען און פארניכטעט די באזונדערע קליינע גרופעס, וועלכע זיינען געלאָפן אין אומאָרדענונג דורך די וועלדער און פושטשעס. א טייל אָטריאדן האָבן אין די לעצטע טעג פאר דער באפרייונג געליטן גרויסע פארלוסטן אין קאמף מיט די אָפטרעטנדיקע דייטשן.

אייניקע פושטשעס האָבן פאר דער באפרייונג געגעבן פיל פאר־טיזאנער־קרבנות צוליב די גרויסע בלאָקאדעס פון ריזיקע צאָלן דייטשן און ולאסאָווצעס, וועלכע האָבן בלאָקירט אלע וועגן און צוגענג צו זיי.

בולאקס בריגאדע „פאָביעדא" אין ליפיטשאנער פושטשע האָט ביי א פרווו דורכצורייסן די בלאָקאדע אויפן ווילנער טראקט אויסגעלייגט אירע בעסטע פארטיזאנער און קאָמאנדירן.

די פארטיזאנער האָבן לסוף, צוזאמען מיט דער באפרייענדיקער רויטער ארמיי, אָנטייל גענומען אין וויטערדיקן זיג־מארש ביים באפרייען די שטעט און שטעטלעך פון ווייס־רוסלאנד און אוקראינע.

עס האָט ווידער א הילך געטאָן דאָס זיגערישע פארטיזאנער־ליד פון די יאָרן 1917—1921:

עס וועט קיינמאָל ניט פארגעסן ווערן יענע צייט,
ווען פארטיזאנער־אָטריאדן האָבן שטעט באפרייט...

## קאפיטל זעקס.

# די ווייס-פוילישע און גרין-אוקראינישע פארטיזאנקע אין מערב ווייס-רוסלאנד און מערב-אוקראינע

דער טייך ניעמאן טיילט מערב ווייס-רוסלאנד אויף צוויי טיילן. אויפן לינקן ברעג לעבן בעיקר ווייס-רוסן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך א פוילישע מינדערהייט. אויפן רעכטן ברעג דאָמינירן די פּאָליאקן צווישן וועלכע עס געפינען זיך ווייניק ווייס-רוסישע דערפער.

זייט דורות איז ווייס-רוסיש געווען די מוטער-שפּראך פון די פּאָליאקן אין מערב ווייס-רוסלאנד. אויך לויט זייער מענטאליטעט, מנהגים און שטייגער-לעבן אונטערשיידן זיי זיך ניט פון דער ארומיקער ווייס-רוסישער באפעלקערונג. פון די ווייס-רוסן טיילט זיי אָפּ בלויז די רעליגיע. זיי זיינען קאטאָליקן, בעת די ווייס-רוסן האלטן זיך ביים אלט-אָרטאָדאָקסישן פּראָוואָסלאווישן גלויבן.

ביזן יאָר 1939, ווען מערב ווייס-רוסלאנד איז געווען אונטער פּוילישער הערשאפט, איז די נאציאָנאלע דעפיניציע געווען, אז א קאטאָליק איז א פּאָליאק. די פּוילישע רעגירונג האָט אלץ געטאָן און האָט פיל דערגרייכט אין פארשטארקן דאָס פּוילישע נאציאָנאלע באוווסטזיין צווישן די קאטאָליקן און אין אָפּרייסן זיי פון דער ווייס-רוסישער שפּראך. מען דארף צוגעבן, אז די קאטאָליקן האָבן זיך אליין באטראכט אלס פּאָליאקן, הגם ניט אלע מאָל איז דאָס נאציאָנאלע באוווסטזיין געווען ביי זיי קלאָר.

ווען די סאָוועטן האָבן אין סעפּטעמבער 1939 פאראייניקט מערב-ווייס-רוסלאנד צו סאָוועטיש ווייס-רוסלאנד (מזרח), האָבן זיי אונטערגע-האלטן די טעזע, אז די קאטאָליקן זיינען לויט זייער נאציאָנאליטעט ווייס-רוסן.

אמת'ע פּאָליאקן זיינען געווען בלויז די א. ג. „אָסאדניקעס“ —

אויסגעדינטע זעלנערס, וועלכע מען האָט באַזעצט אויף די ראַנד־געביטן פון דער פוילישער רעפּובליק, און האָבן געהאַט קעגן זיך די מערהייט פון דער אָרטיקער ווייסרוסישער באַפעלקערונג. די פוילישע „אָסאַדניקעס" האָבן פאַרנומען די גאַנצע פאַרצעלירטע ערד פון די גרויסע גוטס־באַזיצערס, וועלכע זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אַגראַר־רעפאָרם, און געלעבט פאַרמעגלעכער, ווי די אָרומיקע אָרעמע ווייס־רוסישע פּויערישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט שטענדיק געליטן פון באָדן־מאַנגל און באַטראַכט זיי ווי אַ פיינטלעכן אינוואַזיע־עלעמענט. דאָס איז געווען אַ קוואַל פון אומאויפהערלעכע סכסוכים אין מערב ווייס־רוסלאַנד.

אָנהויב 1940 האָט די סאָוועטן־מאַכט צוליב זיכערהייטס־טעמים אַרויסגעשיקט פון מערב־ווייס־רוסלאַנד אין די ווייט אָפּגעלעגענע געגנטן די פוילישע „אָסאַדניקעס", וואַלד וועכטערס („לעסניטשעס") און בכלל אַלע, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ העכערע שטעלע אין דער פוילישער אַדמיניסטראַציע און אַרמיי. אַ טייל פון זיי איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין די וועלדער און אויסמיידן די פאַרשיקונג.

דער דאָזיקער עלעמענט צוזאַמען מיט די רעזערוו־אָפיצירן און זעלנערס פון דער פאַנאַנדערגעלאָזענער פוילישער אַרמיי, זיינען עס געווען די אָרגאַניזאַטאָרן און גרונטשטיין־לייגערס פון דער ווייס־פוילישער פּאַרטיזאַנקע.

ענדע 1942 האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פוילישע פּאַרטיזאַנקע אין די געגנטן פון די שטעטלעך וואַסילישאָק, זשעלודאָק, זשעטל און שטשוטשין. אין אָנהייב האָבן זיי מיטגעאַרבעט מיט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אויפן לינקן ברעג פון טייך ניעמאַן (ליפּיטשאַנער פּושטשע).

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איז דער אָטריאַד א. נ. „וואָראָשילאָוו", וועלכער האָט געהאַט זיין באַזע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, פּלוצים באַפאַלן געוואָרן דורך ווייסע־פּאָליאַקן אין דאָרף באָיאַרי, נעבן זשעלודאָק און אויסגעהרגעט פיל רוסישע פּאַרטיזאַנער (יוני 1943).

נאָך דעם פאַל האָבן זיך אָנגעהויבן כסדר'דיקע קאַמפן צווישן די ווייסע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע ראַיאָנען אויפן רעכטן ברעג ניעמאַן, ווו עס האָט דאָמינירט אַ פוילישע באַפעלקערונג, מיט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועמענס ראַיאָן עס איז געווען דער לינקער ברעג ניעמאַן, ווו די מערהייט איז געווען אַ ווייס־רוסישע באַפעלקערונג.

דער טײַך ניעמאַן איז געוואָרן אַן אמת'ע גרענעץ-ליניע צווישן די בײדע פּאַרטיזאַנער-באַוועגונגען און פון בײדע זײַטן לענגאויס זײַנען בײַ די וויכטיקסטע דורכגאַנגס-פּונקטן געלעגן לויערונגען, וועלכע האָבן געהיט פאַר אַן אַריבערפאַל און אַרײַנרײַסן זיך פון פײַנט אין זײער זאָנע. די ווײַסע פּאָליאַקן האָבן זיך אָפּט פאַרבונדן מיטן אָקופּאַנט פון זײער לאַנד — די דײַטשן, גענומען בײַ זײ געווער און געהאָלפן זײ אַקטיוו אין קאַמף קעגן דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע.

בײַ שפּעטערדיקע אָבלאַוועס אין אָנפאַלן אויף די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער פאַרנעמען אַלע מאָל די ווײַסע פּאָליאַקן אַ געוויסן פראָנט-אָפּשניט אינערהאַלב די דײַטשישע קריגס-אָפּעראַציעס קעגן די רוסישע פּאַרטיזאַנער. זײ האָבן זיך באַוועגט פרײַ, באַוואָפנט, אָן וועלכע עס איז קעגנערשאַפט מצד די דײַטשן. זײ האָבן אָבער אויך אונטערגעהאַלטן ראַדיאָ-פאַרבינדונגען מיט דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג און באַקומען פון דאָרט פאַרשײדנאַרטיקע אינסטרוקציעס און הילף.

אין ראַיאָן פון נאַליבאָקער פּושטשע האָבן די געשעענישן אָנגענומען לגמרי אַן אַנדער ווענדונג. אָנהײב יוני 1943 האָט אַ געוויסער סאָוועטישער מאַיאָר וואַסילעוויטש, אַ געבאָרענער פון שטעטל נאַליבאָק, פון נאַציאָנאַליטעט אַ פּאָליאַק, וועלכער איז געבליבן אין אַרומרינגלונג און אַנטלאָפן פון דער דײַטשישער געפאַנגענשאַפט, אָרגאַניזירט די פּוילישע פּאָליציי פון איוויעניצער גאַרניזאָן (לפי ערך — 200 מאַן) און צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן פון שטעטל אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן די דײַטשן.

אַלע דײַטשן פון אָרטיקן גאַרניזאָן אין צאָל פון 80 מאַן, צוזאַמען מיט זײער קאָמאַנדיר, אַ געוויסער געשטאַפּאָניק, האַנטשקע, זײַנען אויסגעהרגעט געוואָרן. די הײַזער פון די קאָלאַבאָראַטאָרן זײַנען צעשטערט און פאַרברענט געוואָרן. לויט אַ פריערדיקן אָפּרײד איז זײ געקומען צו הילף די „סטאַלינסקע בריגאַדע", וועלכע איז געשטאַנען ניט ווײַט פון דאָרט (נאַליבאָקער פּושטשע).

אײניקע הונדערט פּאָליאַקן זײַנען דאַן אַנטלאָפן אין די וועלדער פון נאַליבאָקער פּושטשע מיט פיל געווער און אַמוניציע. זײ האָבן געשאַפן אַ באַזונדערן פּוילישן פּאַרטיזאַנער-לעגיאָן א. נ. פון „קאָסטיושקאָ", וועלכער האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער אין אַלע קאַמפס-אָפּעראַציעס קעגן די דײַטשן, און אַרויסגעוויזן העלדישקײט און איניציאַטיוו, בעת דער אָבלאַווע אין יולי—אויגוסט 1943.

די אָפּרעכענונג מיט די דייטשן אין שטעטל איוויענעץ, ווי אויך די געמיינזאמע קאמפן קעגן דעם בשותפות׳דיקן שונא, האָט פארשטארקט די פריינדשאפט צווישן די פּאָליאקן און רוסן אין יענער געגנט.

אין סאָוועטישן פּארטיזאנער־שטאב פון נאליבאָקער פּושטשע, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט גען. מאיאָר פלאטאָן און דובאָוו, איז געזעסן אלס פארבינד־אָפיציר דער א. ד. מאיאָר וואסילעוויטש, אויף וועמענס קאנדידאטור עס האָבן זיך געאייניקט די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן און אויך דער אָנפירער פון דער ווייס־רוסישער פּארטיזאנער־באוועגונג— גען. פּאָנאָמארענקאָ. זיי זיינען געווען אויטאָנאָם און געטראָגן זייערע נאציאָנאלע פּוילישע עמבלעמען. מיט דעם לעגיאָן א. נ. „קאָסטיושקאָ״ האָט דערנאָך אָנגעפירט א געוויסער פּוילישער אָפיציר מילאשעווסקי.

די גוטע באציונגען און ענגע צוזאמענארבעט צווישן די רוסישע און פּוילישע פּארטיזאנער אין געגנט פון נאליבאָקער פּושטשע האָבן אָבער לאנג ניט אָנגעהאלטן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דעם, וואָס די ווייסע פּאָליאקן האָבן דערמאָרדעט זיבן יידן פון זארינס יידישן פאמיליע־אטריאד נומער 106.

צוועלף יידן פון זאָרינס אטריאד זיינען געקומען אין דאָרף פאלעסיע, ביים שטעטל איוויענעץ, דורכפירן א ווירטשאפטלעכע אָפּעראציע פאר זייער אטריאד. פון דערבייקן דאָרף סלאדאצקי זיינען אָנגעפאָרן פערציק פּוילישע רייטער־לעגיאָניסטן און אונטערן תירוץ פון נעמען שפּייז אין א פרעמדער זאָנע האָט מען די יידן אנטוואָפנט און פארשפּארט אין א שטוב. ווען זיי האָבן דערקלערט, אז זיי זיינען פּארטיזאנער פון זארינס יידישן אטריאד און קעמפן פאר ראטן־רוסלאנד, האָט מען זיי פארבונדן די הענט מיט שטעך־דראָט און ארויסגעפירט הינטערן דאָרף. א געוויסן שימאנאָוויטש בערל (פון שטעטל רוביזשעוויטש) צוזאמען מיט נאָך פיר יידן איז געלונגען צו אנטלויפן. די איבעריקע זיבן יידן (אלע מינסקער) זיינען דערשאָסן געוואָרן. די אנטלאָפענע יידן האָבן גלייך געבראכט די ידיעה וועגן מערדערישן פאראט פון די סכלומרשטע פארבינדעטע אין דיבאָוום־פּארטיזאנער שטאב.

שוין פון פריער זיינען די לעגיאָנערן געווען אונטער א חשד פון אונטערהאלטן באציונגען מיט די ווייס־פּוילישע פּארטיזאנער פון לידער, וואסילישקער און אנדערע געביטן, וועלכע האָבן די גאנצע צייט געפירט פארביטערטע קאמפן מיט די סאָוועטישע פּארטיזאנער פון יענע געגנטן,

און בײ יעדער געלעגנהייט געמאָרדעט קלײנע גרופּעס רוסישע פּאַרטי־זאַנער, װעלכע זײ פֿלעגן אָנטרעפֿן גײענדיק אויף קאַמפּס־אויפֿגאַבעס.

אין צווישן זײנען איבערגעריסן געוואָרן די באַציונגען צווישן דער סאָוועטישער און דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג צוליב סכסוכים וועגן דער צוקונפֿטיקער גרענעץ־געשטאַלטונג צווישן די בײדע לענדער, און עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערערע ווינטן צווישן די פּוילישע פּאַרטיזאַנער־לעגיאָנערן אין נאַליבאָקער פּושטשע. דער צוטרוי צו זײ, ספּעציעל נאָכן פֿאַל פֿון דערמאָרדן די זיבן יידישע פּאַרטיזאַנער פֿון זאָרינס אָטריאַד, ווי אויך אַ רײ אַנדערע דערשײנונגען (די העפּטיקע דײטשע אַגיטאַציע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, מעשה קאַטין, די שנאה צו סאָוועט־רוסלאַנד צוליבן אַרויספֿירן די פּוילישע באַפֿעלקערונג פֿון מערב־ווײס־רוסלאַנד אין 1939—1941) האָבן פֿאַרויסגעזאָגט אַ פּאַראַט מצד די פּוילישע לעגיאָנערן.

דעצעמבער 1943 איז געקומען אַ געהײמער באַפֿעל פֿון מאָסקווע וועגן אויפֿלײזן דעם פּוילישן לעגיאָן אַלס אַ באַזונדערן אויטאָנאָמען אָטריאַד און אַרײַנגיסן זײ אין די רוסישע אָטריאַדן. די אײנצלנע פּאָליאַקן אין די רוסישע אָטריאַדן, ווי אויך דער לעגיאָן א. נ. „קאָסטיושקאָ", זײַנען אַרומגערינגלט און אַנטוואָפֿנט געוואָרן. אַ טייל פֿון זייער שטאַב איז געלונגען צו אַרעסטירן און פּאָרוטשניק מילאַשעווסקי איז מיט אַן עראָפּלאַן אָפּגעשיקט געוואָרן קײן מאָסקווע.

פֿיל הונדערטער פּוילישע לעגיאָנערן זײַנען געהאַלטן געוואָרן ווי געפֿאַנגענע, די, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט, זײַנען דערשאָסן געוואָרן. פֿיל פּאָליאַקן איז אָבער געלונגען באַצײַטנס צו אַנטלויפֿן און זײ האָבן אָרגאַניזירט אַ ווײס־פּוילישע פּאַרטיזאַנקע אויך אין ראַיאָן פֿון נאַליבאָקער פּושטשע.

ווי אין אַלע אַנדערע געגנטן, האָבן אויך אין נאַליבאָקער פּושטשע די ווײסע פּאָליאַקן אָנגעהויבן אַ פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער און קעגן יידן. אויב אַ רוסישער אײנצלנער פּאַרטיזאַן, וועלכער איז אַרײַנגעפֿאַלן צו די ווײסע־פּאָליאַקן, האָט נאָך אַ מאָל געהאַט אַ שאַנס נאָכן אַנטוואָפֿענען צו בלײַבן לעבן, איז דער גורל פֿון אַ באַוואָפֿנטן יידישן פּאַרטיזאַן, אָדער פֿון אַ פֿאַמיליע־לאַגער, געווען אַ באַשטימטער.

אין די ערשטע טעג פֿון מאַי 1943 איז דער יידישער פּאַרטיזאַן פֿון „קראַסנאַ־גוואַרדײסקי" אָטריאַד באָיאַרסקי שמואל (פּינסק), צוזאַמען מיט נאָך

דריי קריסטלעכע פארטיזאנער אוועק מינירן די אייזנבאַן־ליניע לידע— וואָלקאָוויסק, בײַ דער סטאַנציע סקריבאָווע. עס איז זיי אויסגעקומען דורכצוגיין דעם ראיאָן פון די ווייסע־פּאָליאַקן (אויפן רעכטן ברעג ניעמען), און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין א וועלדל אָפּרוען. איינער פון די קריסטלעכע פארטיזאנער, וועלכער איז געווען פון נאציאָנאַליטעט א פּאָליאַק, האָט צו ווייסן געגעבן די ווייסע פּאָליאַקן און מען האָט די גאַנצע גרופּע אומגעריכט געגומען געפאנגען. די דריי קריסטן האָט מען געלאָזט לעבן און דעם ייד באַיארסקי האָט מען אויף א שווידערלעכן אופן דערמאָרדעט.

די פּאָליאַקן פלעגן אויסזוכן אין זייערע ראיאָנען די איינצלנע יידן, וועלכע זיינען געווען באהאלטן בײַ פּויערים, און זיי אויף א בעסטיאַלישן אופן אומברענגען.

אין די ראיאָנען, ווו עס זיינען געווען ווייסע־פּאָליאַקן איז כמעט קיין איין ייד ניט געבליבן לעבן.

די ווייסע פּאָליאַקן פלעגן יידן ניט שיסן, נאָר פארפּייניקן. אזוי האָבן זיי פארפּייניקט דעם יידישן „סטארשינא" פון דער 3־טער ראָטע פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד, מעקלער (ביעליצע). זיי האָבן אים געכאַפּט בעת א לויערונג לעבן דאָרף גרויס־זאַטשעפּיטש און אים פארהרגעט מיט רעדער פון א וואָגן.

די צוויי יוגנטלעכע יידישע פארטיזאנער פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד איצקאָוויטש שלמה (באראנאָוויטש) און היידוקאָווסקי אהרן (זשעטל), וועלכע זיינען געווען באזונדערס באַליבט אין אָטריאַד פאר זייער קעמפערישקייט און דרייסטקייט, זיינען, גייענדיק מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן מינירן א דייטשישן צוג בײַ דער סטאַנציע ראזשאנקע (באַן־ליניע לידע — גראָדנע), דערמאָרדעט געוואָרן מיט העק דורך ווייסע־פּאָליאַקן אויפן רעכטן ברעג ניעמאַן.

פיל יידישע פארטיזאנער און פיל הונדערטער יידן ניט־פארטיזאנער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די ווייסע־פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאר א הייליקן ציל צו פארענדיקן פולשטענדיק דאָס, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן: ניט דערלאָזן קיין איין ייד איבערצולעבן די מלחמה.

בדרך כלל, האָבן די ווייסע־פּאָליאַקן אין זייערע פלוג־בלעטלעך און צייטונגען געשריבן, אז זיי קעמפן קעגן ביידע אָקופּאַנטן: די דייטשן (הגם ווי געזאָגט, האָבן זיי אין דער ערשטער צייט מיטגעארבעט מיט זיי) און די סאָוועטן. די סאָוועטן האָבן זיי אָבער באטראַכט ווי א

געפערלעכער שונא, ווייל די דייטשן, האָבן זיי געוווסט, וועלן אוועקגיין פון דעם געביט און די סאָוועטן וועלן בלייבן.

זיי זיינען געווען קעגן דעם, וואָס די סאָוועטן פירן א פּארטיזאנקע אויף א געביט, וואָס געהערט, לויט זייער איינשטעלונג צו פּוילן.

עס איז זיי געווען שווער צו באקעמפן, ווייל די פּוילישע באפעל־קערונג פון זייערע ראיאָנען האָט זיי אקטיוו אונטערגעשטיצט און מיטגעהאָלפן מיט אלעם נויטיקן. חוץ דעם, פלעגן זיי בייטאָג זיך אויסמישן מיט דער ארומיקער באפעלקערונג און ארבעטן אויף די פעלדער. אָבער ווי עס פלעגט ווערן טונקל, פלעגן זיי זיך צעלייגן אויף לויערונגען און אָפּוואַרטן קליינע סאָוועטישע גרופּעס, וועלכע פלעגן מוזן דורכגיין דורך זייערע זאָנעס, בכדי צו דערגרייכן די אייזנבאן־ליניעס. דורך דעם איז שטארק געשטערט געוואָרן די קאמפּס־טעטיקייט און באוועגונג פון די סאָוועטישע גרופּעס העלפנדיק אזוי ארום דירעקט דעם דייטשישן אָקופּאנט. די דייטשן זיינען פארשטענדלעך געווען צופרידן פון דעם, וואָס די אויפמערקזאמקייט איז אוועק פון זיי און די אָקופּירטע באפעלקערונג שלאָגט זיך צווישן זיך.

די ווייסע־פּאָליאקן האָבן אויך אויף זייער בלוטיקן חשבון פיל פארברענטע ווייס־רוסישע דערפער און דערמאָרדעטע ווייס־רוסן אין זייער ראיאָן אויף דער רעכטער זייט ניעמאן.

אין ראיאָן פון נאטשער פושטשע, אין אומגעגנט פון די שטעטלעך: ראדון, וואסילישאָק, זאבלודאָווע זיינען זיי אין 1943 געוואָרן אזוי שטארק, אז די בריגאנדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל", וועלכע איז דאָרט געשטאנען, איז געווען געצוווּנגען אריבערצוגיין אין זובראָווער פושטשע (ביי די שטעטלעך: מארציקאנץ, סקידל, נאָווידוואָר א. אנד.)

אין איינעם פון די קאמפן אין דאָרף בערעזאָווצע (וואסילישקער ראיאָן) צווישן רוסישע פארטיזאנער פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל", וועלכע זיינען ארומגערינגלט געוואָרן דורך איבערוויגנדיקע כוחות פון ווייסע־פּאָליאקן, זיינען אומגעקומען צוו. אנד. דער קאָמאנדיר פון בריגאדע — סטאנקעוויטש אנאטאָלי און זיין יידישער אדיוטאנט, קאץ לייבל פון אָלקעניקי (ווילנער קרייז).

די ווייסע־פּאָליאקן האָבן אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1943 באזעצט דעם לידער ראיאָן פון אָטריאד „איסקרא" (קיראָוו־בריגאדע). זיי האָבן זיך געשטיצט אויף דער פּוילישער באפעלקערונג, וועלכע האָט אין ראיאָן דאָמינירט (פאר זייער צענטער האָבן זיי געמאכט דאָס דאָרף

פילאָנאָווצע, בײַם שטעטל דאקודאווע) און פון דאָרט געמאכט אָנפאלן אויפן לינקן ברעג ניעמאן, וווּ עס זײַנען געשטאנען די אָטריאדן פון קיראָווער בריגאדע און געפירט מיט זיי אומאויפהערלעכע קאמפן. אין די נעכט פלעגן זיי אויך אָנפאלן אויף קליינע דיווערסיע־גרופעס, וועלכע זײַנען געגאנגען אויף קאמפס־אויפגאבעס אויף די ליניעס: לידע — מאָלאָדעטשנא, לידע — ווילנע בײַ וועלכע מען האָט ניט געקענט אויסמיידן דעם לידער ראיאָן.

אין אפריל 1943 האָט די רייטער־אויסשפיר־דינסט געמאָלדן, אז די ווייסע־פּאָליאקן דערנענטערן זיך צום דאָרף אלעכאָוועקע אויפן לינקן ברעג ניעמאן, וואָס איז געווען דער ראיאָן פון אָטריאד „איסקרא". גלייכצייטיק האָבן געמארשירט פון דער ריכטונג פון איוויער גארניזאָן, דייטשן, וולאסאָווצעס, ליטווינער א. אנד.

זייער ציל איז געווען (לויט א פריערדיקן אָפּרייד מיט די פּאָליאקן) צו נעמען די רוסישע פּארטיזאנער אין קלעם פון ביידע זייטן און צודריקן זיי צום טייך.

אייניקע אָטריאדן פון דער קיראָוו־בריגאדע מיטן אָטריאד „איסקרא" בראש, האָבן ארומגערינגלט אָלעכאָוועקע (נאָוואָגרודקער ראיאָן) און פון אלע זייטן געשטורעמט דאָס דאָרף. עס האָט זיך אנטוויקלט א פאר־ביסענע שלאכט, בעת וועלכער די ווייסע פּאָליאקן האָבן געליטן א צעשמעטערנדיקע מפּלה. ניט ווייניקער ווי עטלעכע און אכציק מאן זײַנען געבליבן ליגן טויטע און פיל צענדלקער פארוונדעטע. די איבעריקע זײַנען מיט חרפּה אנטלאָפן און אייניקע מאָנאטן פאר דער באפרייאונג געמאכט א פאָרשלאג די סאָוועטישע פּארטיזאנער וועגן שלום און געמיינזאמע קאמפן מיט די דייטשן.

אין מערב־אוקראינע (וואָלין און מזרח־גאליציע) האָבן געבושעוועט די אוקראאינישע פאשיסטן, וואָס זייער ציל איז געווען אויסצוקעמפן א זעלבסטשטענדיקע גרויסע אוקראינע.

לכתחילה האָבן זיי מיטגעארבעט אקטיוו מיט די דייטשן בײַם אויסמאָרדן די יידישע באפעלקערונג. די דייטשן האָבן זיי צוגעזאָגט צו געבן א זעלבסטשטענדיקע מדינה און זיי זײַנען אריינגעטראָטן אין דער פּאָליציי און אדמיניסטראציע. אָבער שפּעטער האָט זיך דאָס ראדיקאל געענדערט. די באציונג פון די דייטשן צו דער אוקראאינישער באפעלקערונג; דאָס כסדרדיקע אויסרויבן פון די שפּייז־רעסורסן; די דייטשע פלענער, וועלכע האָבן ניט געקענט בלייבן קיין סוד פאר קיינעם, אז נאָכן זיג

וועט אוקראַינע ווערן אַ דייטשישע קאָלאָניע; דאָס אָפּרייסן גרויסע טעריטאָריעס באַווינטע דורך אוקראַינער פון דער געפּלאַנטער דורך די דייטשן „זעלבסטשטענדיקער" אוקראַינע, און צולעצט, דער פּרוּוו פון די דייטשן אויסצונוצן די אוקראַינישע גאַרניזאָנען אַלס אַרמיי פאַרן צעטרייסלטן פראָנט (נאָך דער גרויסער מפּלה אין סטאַלינגראַד, פעברואַר 1943), — דאָס אַלץ האָט באַווירקט דאָס שאַפן זיך פון דער גרינ־אוקראַינישער פּאַרטיזאַנקע.

גאַנצע גאַרניזאָנען אוקראַינער זיינען מיט די אָנפאַרטרויטע געווער פון די דייטשן, זיך צעלאָפן אין די וועלדער און אָרגאַניזירט די א. ג. „או. פּ. אָ.".

אויך זיי, פּונקט ווי די ווייסע פּאָליאַקן, האָבן באַטראַכט סיי די דייטשן, סיי די רוסן אַלס אָקופּאַנטן און קעגן ביידע געקעמפט. אויך זיי האָבן באַטראַכט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע פאַר אַן ערנסטערע און גרעסערע געפאַר, ווי די דייטשן און אָנגעווענדט זייער גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט אין קאַמף מיט דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע. זיי האָבן געצילט צו אַ גרויסער אוקראַינע, וועלכע זאָל אַרומנעמען וואָלין און מזרח־גאַליציע, מערב־אוקראַינע, ווי אויך די סאָוועטישע אוקראַינע. קעגן סאָוועטישן רעזשים זיינען זיי געווען ניט ווייניקער פאַרביסן, ווי די ווייסע פּאָליאַקן.

אויך דאָ איז געווען אַ גרענעץ־ליניע צווישן די ביידע פּאַרטיזאַנקעס. די סאָוועטישע — איז געווען קאָנצענטרירט אויף פּאָלעסיע און אין די דערבייִ ליגנדיקע ראַיאָנען פון צפון־וואָלין. דרום־וואָלין איז געווען באַזעצט פון די אוקראַינישע גרינע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געטראָגן פאַרשיידענע נעמען: „באַנדעראָווצעס", „בולבאָווצעס" (אויף די נעמען פון זייערע אָנפירער: סטעפּאַן באַנדערא און בולבא).

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען בעיקר געווען אויף דער רעכטע זייט ליניע קאָוועל—סאַרנע, פלעגן אויף זייער וועג צו די פאַרשיידענע אייזנבאַן־ליניעס באַפאַלן ווערן אין די נעכט פון אוקראַיניש־פאַשיסטישע פּאַרטיזאַנער און זיינען דורך זיי שטאַרק געשטערט געוואָרן אין אויספירן זייער קאַמפס־טעטיקייט.

פיל יידישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די אוקראַינישע „באַנדעראָווצעס", „זיעלאָנאָווצעס" און „בולבאָווצעס". אויף וואָלין זיינען פיל יידישע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך

גערעטעוועט ביי פויערים אָדער אין פאמיליע־לאגערן, אומגעבראכט געוואָרן דורך זיי אויף א בעסטיאלישן אופן.

די אוקראינער האָבן אויף וואָלין געברענט די פוילישע דערפער און געמאָרדעט די באפעלקערונג. זיי האָבן געוואָלט אויף אזא וועג פטור ווערן פון דער פוילישער מינדערהייט (ווי בכלל פון אלע מינדערהייטן) אויף דער אוקראינישער טעריטאָריע. די פּאָליאקן פון די דערפער זיינען זיך צעלאָפן אין די שטעט און דערפער, ווו עס זיינען געשטאנען דייטשישע גארניזאָנען, בכדי צו ראטעווען דאָס לעבן.

די סאָוועטישע פארטיזאנקע, שטייענדיק אויפן יסוד פון פעלקער־פריינדשאפט, איז ארויסגעטראָטן קעגן דעם דאָזיקן בארבאריזם פון די אוקראינישע פאשיסטן, און די פוילישע באפעלקערונג אויף וואָלין האָט צוליב דעם געהאט סימפאטיעס פאר דער רוסישער פארטיזאנקע. צוליב דעם, וואָס די פּאָליאקן האָבן דאָרט געבילדעט א מינדערהייט, און אליין ניט געווען ביכולת צו שאפן א ווייס־פוילישע פארטיזאנער־באוועגונג, האָבן א טייל פון די פּאָליאקן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער סאָוועטישער פארטיזאנקע. עס איז דאָרט געווען טעטיק א פוילישער אָטריאד אונטער דער אָנפירונג פון פוילישן קאָמאנדיר, מאקס און א גרויסע פוילישע פארטיזאנער־פאראייניקונג א. נ. „נאָך איז פוילן ניט פארלאָרן”.

אָפּט פלעגט די פוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט מיטגעארבעט מיט די דייטשן, אלס רעוואנש פארברענען די אוקראינישע דערפער. די דייטשן האָבן אזוי ארום פיפיק אויסגענוצט די נאציאָנאלע אנטאגאָניזמען אין מערב־ווייסרוסלאנד און אוקראינע פאר זייערע צוועקן.

סיי די ווייס־פוילישע פארטיזאנקע אין מערב־ווייס־רוסלאנד און סיי די גרין־אוקראינישע אין מערב־אוקראינע, זיינען געווען אויפן האנט פון די אָקופאנטן און איז דורך זיי אונטערגעשטיצט געוואָרן, באונדערס אין דער ערשטער צייט.

ביידע באוועגונגען זיינען, לויט זייער מהות, געווען ענג נאציאָנאליסטיש, פאשיסטיש, אנטיסאָוועטיש און זאָאָלאָגיש־אנטיסעמיטיש. פאר די גערעטעוועטע יידן אין די דאָזיקע געגנטן זיינען זיי געווען געפערלעכער און שרעקלעכער, ווי די דייטשן אליין.

די דאָזיקע פאשיסטישע פארטיזאנער־באוועגונגען זיינען געווען אקטיוו אויך נאָך דער מלחמה קעגן דער סאָוועטן־מאכט און קעגן דער פוילישער דעמאָקראטישער רעגירונג אין די א. ד. געביטן און ביז היינטיקן טאָג זיינען די יידן די ערשטע קרבנות אין דאָזיקן פארמעסט.

## קאפיטל זיבן

# די אפּראָוויזאציע־פּראָבלעם און פּאַרטיזאַנקע

## א. קוועלעס פון אפּראָוויזאציע

די פּאַרטיזאַנער האָבן גְעהאַט אַ באַדעצטיקונג צו נעמען ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג (בעיקר, דאָרפישער, ווייל צו די שטאָטישע איינוווינערס איז דער צוטריט געווען כמעט, ווי אין אָפּגעשלאָסענער, צוליב די גרעסערע גאַרניזאָנען פון דייטשן, ליטווינער, אוקראַינער, לעטן און פּויליש־ווייס־רוסישער פּאָליציי, וועלכע האָבן דאָרט סטאַציאָנירט), אַלדאָס נויטיקע, בכדי צו דערמעגלעכן די עקזיסטענץ פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן זיך געבאַפט צום געווער קעגן פאַרהאַסטן פאַרכאַפּער פון דער היימישער ערד.

עס האָט געהייסן, אַז די באַשפּייזונג, באַקליידונג און פאַרזאָרגונג מיט אַלעם נויטיקן פאַר די פרייהייטס־קעמפּערס איז די זאַך פון די פאָלקס־מאַסן אַליין, וועמענס קאַמף עס פירן די פּאַרטיזאַנער. די סאָוועט־רעגירונג האָט ביי די געגעבענע מלחמה־באַדינגונגען פאַר קיין פאַל ניט געקענט אפּראָוויזירן די פּאַרטיזאַנער און די באַפעלקערונג אויף די ערטער האָט געמוזט נעמען אויף זיך די לאַסט.

די אפּראָוויזאציע־פּראָבלעם איז געווען אַפילו שווערערע אין די מזרח־געביטן פון רוסלאַנד, ווו די רעגירונג, האַלטנדיק זיך ביי דער קריגס־טאַקטיק פון „פאַרברענטער ערד", האָט אַרויסגעפירט און עוואַקוּאירט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אין הינטערלאַנד און ווו צוליב די פאַרצווייגטע מלחמה־אָפּעראַציעס און קאַמפן איז אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

אַ פיל לייכטערער מצב אין דעם פּרט איז געווען אין די מערב־געביטן (פּוילישער טייל פון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע, וועלכע זיינען באַזעצט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, סעפּטעמבער 1939), ווו די

ערד איז געווען א מער פרוכטבארע, די ווירטשאפטן — פריוואטע, די גערעטעניישן און רעזערוון זיינען געבליבן אויף די ערטער און די געגנטן זיינען צוליב דעם שנעלן אָפּטרעטן פון דער רויטער ארמיי, ניט חרוב געוואָרן און געבליבן כמעט ווי אומבארירט פון די מלחמה־אָפּעראַציעס.

די פויערים זיינען אין זייער גרעסטן טייל ניט געווען צופרידן פון דעם, וואָס זיי האָבן אויף זייערע פּלייצעס געמוזט אויסהאלטן די פּאַר־טיזאַנער, וואָס זייער צאָל האָט זיך כסדר פארגרעסערט און זייערע באַדערפעניישן זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

דער פּאַרטיזאַנער האָט זיך געגוייטיקט אין אַלץ, וואָס עס מוז האָבן א קולטור־מענטש און זיי האָבן מיטן כוח פון געווער אַלץ גענומען בעתן דורכפירן די ווירטשאַפטס־אָפּעראַציעס („כאָזיאַיסטוואַניעם"), אָדער ווי מען פלעגט דאָס באַצייכענען פאַלקסטימלעך „באָמביאָזשקע" (באָמ־באַרדירונג)... דאָס געפינען זיך 24 שעה אין מעת־לעת אין וואלד־לופט, דאָס כסדר׳דיקע באַוועגן זיך אויף אויפגאַבעס, אָפּטמאָל אויף צענדלי־קער און הונדערטער ק״מ, האָט ארויסגערופן ביי די מענטשן א וועלפישן אַפּעטיט. דער עסן איז געווען א סטאַנדאַרטנער, איינזייטיקער און איז בעיקר באַשטאַנען פון פלייש און חזיר־פעטס. דאָס לעפל (מען פלעגט דאָס רופן גוטמוטיק — „ליטשנאַיאַ אָרוזשיע" — פּערזענלעכע געווער, באַצייכענונג פאַר א פּיסטאָלעט) איז נאָך דער ביקס געווען דער וויכטיקסטער און נויטיקסטער מכשיר, אָן וועלכן א פּאַרטי־זאַנער פלעגט זיך ניט קענען באַגיין...

דער פּאַרטיזאַנער האָט ניט געמאַכט קיין ווייטע חשבונות. ער האָט געלעבט מיטן טאָג. זיין לעבנס־רעדויז און פילאָזאָפיע איז געווען: „אכל ושתה, כי מחר נמות!" עסן און טרינקען, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן.

ער האָט אין טיפן הינטערלאַנד, ווייענדיק ארומגערינגלט פון אַזא מעכטיקן שונא געקענט דערוואַרטן יעדע מינוט דעם טויט. דעם טאָג, וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער געוואָלט געניסן פון לעבן אין דער פולער מאָס.

* *
*

די מקורות פון אַפּראָוויזאַציע זיינען געווען:

1) די פּריציש־מלוכה׳שע גוטבאַזיצן. די רייטשן האָבן ארויסגעגעבן א געזעץ, וואָס האָט פאַראויסגעזען א פולע מלוכה׳שע קאָנטראָל אויף די

הויפן און גרויסע לאנד־באזיצן, וועלכע האָבן ביז דעם אָנהייב פון דער מלחמה געהערט צו פוילישע פריצים און פירשטן. פאר דער קורצער תקופה פון דער סאָוועטישער הערשאפט אין מערב־ווייס־רוסלאנד און מערב־אוקראינע זיינען די א. ד. הויפן נאציאָנאליזירט און פארוואנדלט געוואָרן אין „קאָלכאָזן" און „סאָווכאָזן" (מלוכה'שע ווירטשאפטן). די גוט־באזיצערס זיינען זייטערצייט פארשיקט געוואָרן אלס בורזשויען און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אין די ווייט־אָפּגעלעגענע ווינקלען פון רוסלאנד, אָדער זיינען זיך צעלאָפן אין באהעלטענישן, כּדי אויסצומיידן פארשיקונג. א טייל פון זיי איז געלונגען אריבערכאפּן זיך קיין ווילנע אין די טעג פוי דער ליטווישער הערשאפט איבער דער שטאָט און דאָרט דערווארטן זיך אויף זייער טאָג פון „גאולה".

די דייטשן האָבן דערלויבט די צוריקגעקומענע אייגנטימערס צו אדמיניסטרירן אין זייערע הויפן אָדער אריינגעזעצט קאָמיסארן דאָרט, ווו קיין אייגנטימער איז ניט פארבליבן, און כמעט די גאנצע גערעטעניש צוגענומען פאר דער באשפּייזונג פון פראָנט און דייטשלאנד.

אין 1942 האָבן די פארטיזאנער אין גאנץ ווייס־רוסלאנד און אוקראינע געפירט א סיסטעמאטישע, אינטענסיווע אקציע קעגן די פריצישע הויפן. דאָס איז באטראכט געוואָרן ווי א וויכטיקע קאמפּס־אקציע קעגן אָקופּאנט, וועלכער האָט אין די גוט־באזיצן געהאט א שטענדיקן גרויסן צושטעלער פון אלעם נויטיקן און דערמעגלעכט ניט צו באשווערן מיט גרויסע נאָרמעס די פויערישע איינצל־ווירטשאפטן, צוליב וואָס די דייטשן האָבן זיך איינגעקויפט אין פריינטשאפט ביי די פויערים.

אחוץ דעם האָט דער אפּראָוויזאציע־מקור פון די גרויסע־הויפן דערמעגלעכט די פארטיזאנער צו פירן א שטיקל צייט א ליבעראלע באציונג צו די פויערים און ניט אנרירן זייערע ווירטשאפטן.

שפּעטער האָט דער מקור אויפגעהערט זיין א רעאלער און פארלאָרן זיין ווערט אלס אפּראָוויזאציע־קוועלע.

2) אין די מזרח־געביטן איז דאָס אָנפאלן אויף קליינע דייטשע טראנספּאָרטן, וועלכע האָבן געפירט פּראָוויאנט צום פראָנט און גארניזאָנען, אויך געווען אין א געוויסער מאָס א מקור פון פארזאָרגונג פאר די פארטיזאנער אין די וועלדער.

3) די פארטיזאנער פלעגן אויך אָנפאלן אויף מעלקערייען אין די שטעטלעך ארום די פושטשעס, ווו עס פלעגן פּראָדוצירט ווערן ריזיקע קוואנטומט מילך־אויסארבעטונגען (פּוטער, קעז א. א. וו.) פון די

פארפליכטנדיקע מילך נאָרמעס. די מעלקערייען פלעגט מען פארברענען אָדער אויפרייסן, וואָס עס פלעגט אויף א לענגערער צייט אָפּשטעלן די פראָדוקציע און באַשווערן די דייטשע אפּראָוויזאציע-פּלענער.

4) מען פלעגט אויך אָפּוואַרטן די פורן מיט די פּראָדוקטן-נאָרמעס, וועלכע די פּויערים פלעגן דאַרפן צושטעלן דער דייטשישער אָקופּאַציע-מאַכט, צונעמען עס און די פּויערים ארויסגעבן א באַשטעטיקונג אויף דעם, בכדי מיט דעם זאָלן זיי זיך קענען רעכטפארטיקן פאר די דייטשישע מאַכט-אָרגאַנען. גרויסע קוואַנטומס שפּייז און מלבושים פלעגט מען אויך נעמען ווי טראָפייען ביים צעקלאַפּן דייטשישע גאַרניזאָנען און פּאָליציי-פּאָסטנס.

## ב. די פּלאָג פון שיכּרות

פארטיזאַנקע איז אין א געוויסער מאָס געווען א הפקר-לעבן, און בראָנפן איז געוואָרן דער באַגלייטער פון דעם פארטיזאַנישן לעבן. אחוץ די „נאָרמאַלע" שוואַכקייט פון רום צום „ביטערן טראָפּן" איז צוגעקומען דער מאָמענט פון שאַפן זיך שטימונג פארן גיין אויף א קאַמפּס-אויפגאַבע.

טרינקען, שיכּורן איז געווען א זאַך פון פארטיזאַנישן „באָן-טאָן". אָפט פלעגט מען מעסטן די קעמפערישע קוואַליטעט פון א פארטיזאַן מיט דער מאָס פון די גלעזער „סאַמאָגאָן" (אייגן פּראָדוצירטע בראָנפן פון קאַרטאָפל, קאָרן א. א. וו.), וועלכע ער פלעגט קענען אריינציען...

געטרונקען האָבן אַלע: דער געוויינלעכער פארטיזאַן, די קאָמאַנדירן און אפילו די פארטיזאַנקעס. א פארטיזאַנער האָט זיך ניט געזעצט צום טיש אָן דעם פלעשל „סאַמאָגאָן" און פלעגט זיך ניט אויפהויבן פון אָרט ביז ער איז ניט געווען זיכער, אז ביים פויער איז ווירקלעך מער ניטאָ פון דעם ביטערן געטראַנק...

פיל הונדערטער און אפשר טויזנטער פארטיזאַנער האָבן פארטרונקען זייערע לעבנס. זייענדיק אין א שכּורן צושטאַנד, באַוווסטלאָז, פלעגן זיי זיין א לייכטע רויב פאר די דייטשן און פּאָליציי. שכּורע פלעגן געוויינטלעך ניט היטן די פארטיזאַנישע פאָרשריפטן פון זיכערקייט און וואַכזאַמקייט פארן שונא, וואָס האָט געקענט אונטערקומען פון א נאָענטן גאַרניזאָן, צוליב א מסירה'לע פון פיינטלעכע פּויערים, שפּיאָנען א. א. וו.

דורך דער אָנפירונג זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען קעגן דער שיכּרות-מגפה. עס איז געפירט געוואָרן אן אויפקלער-אַרבעט אונטער דער לאָזונג „שנאַפּס איז דער פארבינדעטער פון דייטש". עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן א שטרענגער געזעץ, וואָס האָט פארבאָטן צו טרינקען

מחוץ די פאַרטיזאַנער־זאָנעס און גייענדיק אויף אויפגאַבעס. אָבער דאָס אַלץ האָט ווייניק געהאָלפן און קיין זאַך האָט ניט געקענט אָפּהאַלטן פּאַרטיזאַנער פון ריזיקירן אַפילו מיטן לעבן צוליב דער האָפענונג צו באַקומען אַ ליטער „סאַמאָגאָן"...

בראָנפן איז געוואָרן אַן אַרטיקל פון ערשטן געברויך. יעדער פויער האָט זיך געפלייסט איבערצוליציטירן אין קוואַליטעט פון אויסגעאַרבעטן בראָנפן, און געוויסע פויערים האָבן זיך אַפילו אויסגעאַרבעט „פאַבריק־מאַרקעס", וועלכע זיינען געווען פּאָפּולער ווייט און ברייט איבער גאַנצע געגנטן. טויזנטער פורן קאָרן האָט מען „פאַרטריבן" (לויטן רוסישן אויסדרוק) אין „וואָדקאַשקאַ" (פאַרצערטלט — בראָנפן). עס עס איז געגאַנגען אַ האַנדל מיטן טייערן געטראַנק און פויערים מיט איניציאַטיוו און אַ סוחרישן חוש האָבן זיך געמאַכט דערביי פאַרמעגנס. דער פאַרטיזאַנער איז געווען גרייט אָפּצוגעבן אַלץ וואָס ער האָט דערוואָרבן בעת אַ „באָמביאָזשקע" פאַרן „ביטערן וואַסערל". עס פלעגט טרעפן, אַז אין איין כוטאָר פלעגט מען נעמען אַ פערד אָדער אַ קו, און אויף אַ צווייטן — פלעגט מען זיי אויסבייטן אויף אַ באַשטימטער צאָל „פלעשלעך"...

די פאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט געפירט אַ קאַמף מיט דער שיכּרות־כוואַליע, וועלכע האָט אָפּגעשוואַכט די קאַמפס־גרייטקייט, דערפירט צו פיל אומזיסטע קרבנות און אויך מיטגעווירקט צו דעם, אַז פאַרטיזאַנער זאָלן אין אַ שיכּורן צושטאַנד באַגיין פאַרברעכנס כּלפּי דער באַפעלקערונג, שלאָגן, שיסן, פאַרגוואַלטיקן, רויבן א. ד. ג., וואָס עס איז געווען קעגן דער טאַקטיק פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וועלכע איז געווען בלוטיק פאַראינטערעסירט איינצוהאַלטן ווי ווייט מעגלעך די בעסטע באַציונגען מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג און דערוואַרבן איר סימפּאַטיע.

די פאַרטיזאַנער־אָנפירונג איז לסוף געווען געצוווּנגען אומהיילבאַרע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע שיכּורים צו דערשיסן „פערד סטראָיעם" (ד. ה. פאַר די רייען פון די אויסגעשטעלטע פאַרטיזאַנער) אָדער אויפן אָרט, וווּ עס איז באַגאַנגען געוואָרן דער פאַרברעכן. דורך באַפעלן פלעגט עס מיטגעטיילט ווערן די פאַרטיזאַנער און דאָס האָט געווירקט אָפּשרעקנדיק פאַר אַלעמען.

כּדאַי צוצוגעבן, אַז די יידן זיינען אויך ביי די וואַלד באַדינגונגען געבליבן דאָס ניכטערע פאָלק. אַ יידישער פאַרטיזאַן האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעטרונקען ביז באַוווּסטלאָזיקייט און ניט באַגאַנגען אומפאַראַנטוואָרטלעכע פאַרברעכנס. אבער אויך דער יידישער קעמפער האָט זיך

אויסגעלערנט טרינקען און אנדערע פלעגן אפילו שלאָגן „רעקאָרדן״ לגבי די רוסישע פּאַרטיזאנער...

## ג. די פּויערן־ווירטשאַפטן — די שפּייזערס פון די פּאַרטיזאנער

ווי געזאָגט, איז דער פּויער געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון אפּראָוויזאַציע. די פּויערישע ווירטשאַפטן האָבן אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס דאָס אויסהאַלטן מיט אַלעם נויטיקן די ריזיקע ארמייען פּאַרטיזאנער, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין די וועלדער אין די יאָרן 1943 — 1944.

עס האָבן עקזיסטירט געזעצן, וועלכע האָבן רעגולירט די קאָמפּליצירטע אפּראָוויזאַציע־פּראַגע.

אין דער ערשטער ריי זיינען געווען הפקר די ווירטשאַפטן פון די פאַמיליעס, וואָס זייערע פאַמיליע־מיטגלידער האָבן געדינט אין דער דייטשער פּאָליציי, ווייס־רוסישע „סאַמאָבאָרע״, בירגערמייסטערס (עלטסטע איבער 10—20 דערפער) און דייטשע שפּיאָנען. די פאַרמעגנס פון אַזעלכע פלעגן קאָנפיסקירט ווערן און אָפט איז עס אויך געווען פאַרבונדן מיטן אויסמאָרדן פון זייערע פאַמיליעס.

בדרך כלל האָט מען זיך גערעכנט מיט דער פאַרמעגלעכקייט פון פּויער. אין די מזרח־געביטן פון רוסלאַנד, ווי אויך אין א טייל פון די מערב־געביטן, פלעגן די פּויערים אָדער „קאָלכאָזן״ צאָלן די „נאָרמעס״ אין נאַטור צו די פּאַרטיזאנער. געגנט ווי זיי האָבן עס געטאָן פריער בנוגע דער סאָוועטן־רעגירונג.

אין גרעסטן טייל איז עס אָבער געמאַכט געוואָרן דורך זעלבסטפאַרגרייטונגען, דורך די באַזונדערע ווירטשאַפטס־חזוואָדן. די ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס פלעגן דורכגעפירט ווערן ביינאַכט, מיט דער אויסרעכענונג, אז פאַרטאָג זאָל מען זיך שוין געפינען מיט די פורן פּראָדוקטן אין דער פּאַרטיזאנער־זאָנע, ווו די געפאַר פון א דייטשישן אָנפאַל איז געווען א מינימאַלע.

עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו נעמען ביי די פּויערים ניט נויטיקע זאַכן, וועלכע זיינען ניט דרינגענדיק פאַרן זעלבסט־געברויך. טראָץ די שטרענגע שטראָפן, וועלכע זיינען געווען פאַראויסגעזען פאַר רויבן (און זיינען אָפט אויך אויסגעפירט געוואָרן), האָט מען דאָך ביי די וואַלד־פאַרהעלטענישן ניט געקענט צוימען די פּאַרטיזאנישע „אַפּעטיטן״,

און אָפּט פֿלעגט מען זוכן אין די „קופּערטס“ (הילצערנע קאַסטנס), וווּ דער פֿויער האָלט זײַנע וועש און מלבושים — קי און פֿערד...

עס איז אויך געווען פֿאַרבאָטן צו נעמען בײַ די פֿויערים אין די דערפֿער נעבן די פֿאָשטשעס, ווײַל מיט זיי, וועלכע האָבן געוווּסט מער ווייניקער די זיין-ערטער און אויך סודות פֿון די אָטריאַדן, האָט מען געמוזט אָנהאַלטן די בעסטע באַציִונגען. אַזוינע דערפֿער האָבן זיך גערופֿן „פּאַרטיזאַנישע“, און דאָרט פֿלעגט זיצן אַ קאָמענדאַנט פֿון די פּאַרטיזאַנער, וועלכער האָט פּאַקטיש רעגולירט דאָס גאַנצע לעבן פֿון דאָרף, באַשטעלט פֿורן פֿאַר די אָטריאַדן צו די אויפֿגאַבעס א. א. וו. אין די פּאַרטיזאַנישע דערפֿער האָט מען געמעגט בלויז אַרײַנגיין אָפֿעסן, פֿאַרברענגענדיק דאָרט אין שליחות פֿון דער אָנפֿירונג. יעדער פֿויער איז געווען מחויב צו געבן אָפּעסן יעדן פּאַרטיזאַנער, וועלכער גייט צו אים אַרײַן. מען האָט אויך ניט געטאָרט נעמען בײַ די פֿויערישע פֿאַרבינדונגס-מענטשן און אינפֿאָרמאַטאָרן.

דאַקעגן האָט מען ניט מקפּיד געווען אויף ווײַט אָפּגעלעגענע ראַיאָנען מחוץ די פּאַרטיזאַנער-זאָנעס און ספּעציעל אין די ראַיאָנען, וועלכע זײַנען געווען אין דער דײַטשישער „אײַנפֿלוס-ספֿערע“ (נעבן די שטעטלעך און גאַרניזאָנען). דאָרט איז געווען אַ מצווה צונעמען אַלץ, ווײַל דורכדעם נעמט מען עס אַוועק פֿון דײַטש.

אין פּאַרטיזאַנקע האָט ניט עקזיסטירט קיין אייַנהייטלעכע אוניפֿאָרם. אחוץ יחידים, וועלכע זײַנען געווען געקליידעט מיליטעריש, איז דער איבערוויגנדיקער טייל פֿון די פּאַרטיזאַנער געווען אָנגעטאָן ציוויל. די פּאַרטיזאַנישע „באַפּוצונג“ איז געווען; אַ רויטער שטערן אויפֿן היטל און איבערגעוואָרפֿענע לעדערנע אָדער געקרייצטע קוילן-פּאַסן.

מען האָט זיך אָנגעטאָן אין די מלבושים, וועלכע מען האָט זיך דערוואָרבן בעת די ווירטשאַפֿטס-אָפּעראַציעס. מען האָט דאָ געקענט זען פֿויערישע „סיערמיעגעס“ און אַ שטאָטישן שוואַרצן אַנצוג, אַ געווייַנלעך צעריסן היטל און אַ געטוּרעמטן צילינדער, געוואַנט-הויזן און אַ באַל-פֿראַק מיט אַ שפּאַלט... בײַ די זומפּיקע וואַלד-באַדינגונגען און קעלטן זײַנען שטיוול און פֿויערישע פּעלצן געווען די וויכטיקסטע מלבושים, אָן וועלכע אַ פּאַרטיזאַנער האָט זיך ניט געקענט באַגיין.

ייִדישע פּאַרטיזאַנער פֿלעגן זײַן זייער פֿילעוודיק אויף אַנטדעקטע ייִדישע זאַכן. אַזעלכע זאַכן פֿלעגן קאָנפֿיסקירט ווערן און ניט זעלטן פֿלעגן די פֿויערים געשלאָגן ווערן דערפֿאַר.

דאָס פּראָבלעם פון מאַטעריעלן פאַרזאָרגונג איז געווען באַזונדערס קאָמפּליצירט דאָן, ווען אין די וועלדער זיינען זיך צוזאַמענגעקליבן ריזיקע מענטשן־מאַסן און גרויסע אַרמייען, (צווייטע העלפט פון 1943). נאָך קאָמפּליצירטער איז געוואָרן די לאַגע, ווען אין 1944 האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט די פּושטשעס מיט אַ גאַרטל פון גוט באַפעסטיקטע גאַרניזאָנען פון „וולאַסאָווצעס" און קאָזאַקן, וועלכע זיינען אָפּגעטראָטן מיט די דייטשן, נאָך זייערע גרויסע מפּלות אויף די רוסישע פראָנטן און זיינען אויסגענוצט געוואָרן דורך די דייטשן צום קאַמף קעגן די רוסישע פּאַרטיזאַנער.

דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון דער ווייס־פּוילישער פּאַרטיזאַנקע אין מערב־ווייס־רוסלאַנד און גרין־אוקראַינישער — אין מערב אוקראַינע, האָט אויך שטאַרק באַשווערט די אַפּראָוויזאַציע־פּראָבלעם. די באַוועגונגס־פרייהייט אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס זיינען איינגעשרומפּן געוואָרן, און די אָטריאַדן פלעגן זיין געצווונגען מיט קאַמף זיך אַריינצורייסן אין די פיינדלעכע זאָנעס און דאָרט מאַכן די שפּייז־פאַרגרייטונגען.

אין צייט פון די גרויסע אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס אויף די פּאַרטיזאַנער פלעגט מען, נאָכן אויסנוצן די „ענזע"־שפּייזן („ענזע" — ניעפּריקאַסנאָווענני זאַפּאַס — אומבאַדינגטער רעזערוו פון סוכאַרעס און שמאַלץ, וועלכער פלעגט צוגעגרייט ווערן פאַר יעדן איינעם אויפן פאַל פון אַן אָבלאַווע) — בוכשטעבלעך הונגערן.

אַזוי זיינען די פּאַרטיזאַנער פון ליפּיטשאַנער פּושטשע בעת דער גרויסער בלאָקאַדע (יוני—יולי 1944), האַרט פאַר דער באַפרייונג, געווען געצוווּנגען צו עסן פערדן־פלייש און געווען באַדראָהט פון אַ זיכערן הונגער־טויט, ווען עס וואָלט ניט אונטערגעקומען די באַפרייענדיקע רויטע אַרמיי.

כדי צו באַשווערן די פּאַרטיזאַנער זייער אויפהאַלט און עקזיסטענץ, האָבן די דייטשן בעת די גרויסע אָבלאַוועס אומברחמנותדיק פאַרברענט פיל צענדליקער דערפער און טויזנטער איינצל־ווירטשאַפטן, וועלכע האָבן זיך געפונען ביי דער פּושטשע אַלס „פּאַרטיזאַנישע".

דער פּויער איז געווען צווישן האַמער און קאָוואַדלע. פלעגט ער ניט געבן די „נאָרמע" די דייטשן, פלעגן זיי אים מאָרדן און ברענען אַלס „פּאַרטיזאַנער". די פּאַרטיזאַנער, ווידער, פלעגן מיטן כוח פון געווער נעמען אַלדאָס נויטיקע פאַר זיך. די פּויערים פלעגן טענה'ן: „איר נעמט און דער דייטש נעמט, ווו זאָלן מיר נעמען פאַר אַלעמען?" דער



**צוגעבונדענע רוסישע געפאנגענע פארן צע־ שיסן דורך די דייטשן.**



**א טייל פון די געפאנגע־ נע ליגן שוין צעשאָסענע**

די דייטשן זעצן פאָר דאָס פייער אויף די איינציקע וואָס לעבן נאָך.

די דאָזיקע פאָטאָגראפיעס האָט א יידישע פרוי, וועלכע האָט געלעבט בעת דער מלחמה אין באדגאסטיין (עסטרייך), באקומען פון א דייטש, וועלכער איז געקומען אויף אורלויב.

(באקומען דורך ה. יאָסעלעוויטש).




**מען הייננט געכאפּטע פּארטיזאנער**

נעבן זיי אן אויפשריפט אין רוסיש און דייטש: „מיר פּארטיזאנער האָבן געשאָסן אויף דייטשישע סאָלדאטן". די דייטשן האָבן צוזאמענגעטריבן די באפעלקערונג, צוקוקן זיך צו דער עפענטלעכער תליה־עקזעקוציע.



**א גרופּע פּארטיזאנער פון 7־טן באטאליאָן א. נ. „שטשאָרס"**
(פּיאָדראָוו־טשערניגאָווס פאראייניקונג).
דער ערשטער פון לינקס איז אברהם פינקעל (מאניעוויטש).

גרעסטער טייל פויערים האָט געגעבן דעם פּאַרטיזאַנער מער פּאַר מורא, ווי באַוווסטזיניק. זיי פלעגן זאָגן: „מיר גיבן עסן ניט קיין מענטשן, נאָר ביקסן!" דער פויער פלעגט אויך כסדר פרעגן: „ווען וועט שוין א סוף נעמען צו דער מלחמה?". געמיינט האָט ער אָבער ניט די פראָנט־מלחמה אויף דער גרויסער וועלט, נאָר די פּאַרטיזאַנער־מלחמה ארום אים...

פיל קעגנזייטיקע קאָנפליקטן פלעגן ארויסקומען צווישן די פּאַרטיזאַנער גופא, צוליבן ארייננדרינגען פון איין אָטריאד אין א צווייטנס ראיאָן (יעדער אָטריאד האָט געהאַט זיין צוגעטיילטן ראיאָן אויף צו מאכן שפּייז־פאַרגרייטונגען).

בדרך כלל, האָבן די פויערים פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס זינט 1943 אויפגעהערט געבן זייערע „נאָרמעס" דער דייטשישער מאכט, און די ראיאָנען האָבן געדינט אלס מקור פון אפּראָוויזאַציע, אויסשליסלעך פאר די הונדערטער טויזנטער קעמפנדיקע פּאַרטיזאַנער.

אין וואָלין האָבן די פּאַרטיזאַנער אויך באַקומען פּראָדוקטן פון נאָנט־ליגנדיקן באָדן ביי די וועלדער, וועלכער איז באַארבעט געוואָרן דורך די יידישע פאַמיליע־לאַגערן.

דער פּאַרטיזאַנער אליין האָט ניט געארבעט. ער האָט געקעמפט, און פיזישע ארבעט איז ביי אים געווען פאַרעכנט ווי א זאַך, וועלכע מינדערווערטיקט דעם קעמפער.

די צוויי און א האַלב יאָר פּאַרטיזאַנקע האָט אויסגעליידיקט די פויערישע ווירטשאַפטן אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, למשל, זיינען פאר דער באַפרייונג געווען דערפער, ווו עס איז געבליבן איין קו אויף פיר, פינף ווירטשאַפטן, איין פערד אויף צוויי־דריי ווירטשאַפטן א. א. וו.

מען דאַרף צוגעבן, אז דער פּאַרטיזאַנער האָט זיך ניט אָן ערך בעסער דערנערט, ווי דער זעלנער פון דער רעגולערער ארמיי און ווי דער ציוויל מענטש.

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט קיין אנדער אויסוועג ניט געהאַט. דער פּאַרטיזאַן האָט באַרעכטיקט זיין אויסהאַלט מיט דעם קאַמף, וואָס ער פירט מיטן אָקופּאַנט פאר דער פרייהייט פון פאָלק. ער האָט געגעבן זיין בלוט, זיין יונג לעבן — האָט ער זיך געדאַרפט רעכענען מיט די קליינלעכע, ענג־עגאָאיסטישע אויסרעכענונגען פון קאַרגן פויער?

## קאפיטל אכט

# די סיבות פון דער יידישער קאמפּס־פּאסיוויטעט אין די געטאס

די סאָוועטישע פּארטיזאנער האָבן צווישן אנדערע טענות אויף פאָרגעוואָרפן די יידן דאָס לאָזן זיך אויסקוילענען, ניט שטעלענדיק קיין ווידערשטאנד.

פארוואָס איז ניט געווען קיין פארצווייפלונגס־ווידערשטאנד?

פארוואָס האָט מען גייענדיק צו די גריבער אויף א זיכערן טויט ניט געוואָרפן זיך מיט א מעסער אויף די שוחטים־דייטשן, ניט געביסן זיי די גאָרגלען?

צי וואָלט מען עס געקענט מאכן מיט אן אנדער פאָלק, מיט ווייס־רוסן אָדער מיט פּאָליאקן? פארוואָס זיינען די יידן ניט געלאָפן אין די וועלדער און אליין ניט געגרינדעט קיין פּארטיזאנקע?

עס דערמאָנט זיך אן אָקטאָבער־נאכט 1943 אין ליפּיטשאנער פּושטשע ביים „קאָסטיאָר" (פלאקער). די נאָר וואָס אָנקומענדיקע פּאראשוטיסטן, פון יענער זייט פראָנט־ליניע, האָבן אונדז פארשאָטן מיט פראגעס. די פראגעס האָבן אונדז געבריט און קיין רו ניט געגעבן. אנשטאָט פארשטענדעניש פאר די איינציקע, לעבן־געבליבענע פון גרויסע ישובים, האָבן מיר געזען א טענדענץ אונדז צו טרעפן, באליידיקן, שיטן זאלץ אויף די וווּנדן. מיר האָבן געפּרוּווט אויפהייבן דעם פאָרהאנג. מיר האָבן געגעבן א בילד פון די פארהעלטענישן אין געטאָ און באַרירט אלע מאָמענטן, וועלכע האָבן געדארפט אויפקלערן אונדזער פאָלקס־טראגעדיע.

1) די יידן האָבן געטראכט מיט מענטשלעכע קאטעגאָריעס און ניט געקענט צולאָזן דעם געדאנק, אז די דייטשן וועלן אָן שום פּרעטעקסט אויסהרגענען א גאנץ פאָלק.

ניט אין דער וועלט־געשיכטע און ניט אין דער בלוטיקער יידישער געשיכטע איז געווען אן ענלעכער פּרעצעדענט. ווען עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן שחיטות אין ליטע, האָבן מיר אין מערב־ווייס־

רוסלאנד אליין צוגעטראכט תירוצים, וועלכע האָבן געדארפט אויפקלערן די סיבות פון דער שחיטה. מיר האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט גלויבן, אז אזוינס איז מעגלעך.

2) די יידן, אלס שטאָטישן עלעמענט, האָט מען לייכט געקענט קאָנצענטרירן, אויפנעמען „אין הויפן" און האָבן אויף זיי אן אויג, וואָס עס וואָלט טאקע געווען פיל שווערער מיט אנדערע פעלקער, וועלכע לעבן צושאָטן איבער דערפער און פארוואָרפענע ישובים.

3) עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו שטעלן א ווידערשטאנד אין די געטאָס, אפילו ניט קיין פארצווייפלונגס־ווידערשטאנד. עס איז ניט געווען קיין געווער, און צוליב דער אלגעמיינער זאָאָלאָגישער שנאה פון דער ארומיקער באפעלקערונג, איז מען ביים פרווון שאפן פארבינדונגען כסדר געווען אויסגעשטעלט אויף פראָוואָקאציעס און מסירות, וואָס זייערע רעזולטאטן זיינען געווען שחיטות.

4) די בארימטע יידישע פאמיליע־צוגעבונדנקייט, וועלכע איז אין נאָרמאלע צייטן געווען א ברכה פאר אונדזער פאָלק, איז אין יענע יאָרן פארוואנדלט געוואָרן אין א קללה. צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יידן האָבן פרייוויליק אויסגעקליבן דעם טויט צוזאמען מיט זייערע פרויען און קינדער, און אָפּגעוואָרפן די געמאכטע פאָרשלאָגן בעת דער „סאָרטיראָווקע" וועגן בלייבן לעבן אָן זיי אָדער פרווון זיך ראטעווען אויף אן אנדער וועג. די פאמיליעס האָבן געבונדן, געפענטעט, ניט דערלאָזן צו קיין איניציאטיוו וועגן ווידערשטאנד אין די געטאָס. צוליב דעם, וואָס אין פארטיזאנקע און אין די וועלדער איז געווען כמעט אוממעגלעך דאָס לעבן פאר פאמיליע־מענטשן מיט קליינע קינדער, באזונדערס אין דער ערשטער צייט, זיינען פיל יידן ניט געגאנגען אין פארטיזאנקע.

5) מען האָט קיינמאָל ניט געקענט וויסן, ווען עס וועט פאָרקומען א שחיטה. די „נארישע יעקעס" האָבן כסדר איבערגעכיטרעוועט און אָפּגענארט דאָס צעטומלטע „קלוגע פאָלק". זיי פלעגן עס יעדעס מאָל און אין יעדן אָרט מאכן אנדערש; פלוצים, ווען מען האָט זיך אויף דעם אמווייניקסטן געגרייט, אזוי, אז אַלע פרעווענטיווע פארהיטונגס־(מאלינעס א. א. וו.) און צוגרייטונגס־מיטלען צום ווידערשטאנד פלעגן גאָר ניט קענען אויסגענוצט ווערן.

6) דער דייטש האָט גלייך ניט אויסגעהרגעט אלע יידן. פארקערט, זיי האָבן זיך באמיט צו שאפן די אילוזיע, אז די יידן, וועלכע זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן נאָך א שחיטה, וועלן בלייבן לעבן ביזן סוף פון

קריג און אז קיין מאסן-שחיטות וועלן שוין מער ניט זיין. די „יידן-ראטן", האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו אונטערהאלטן די דאָזיקע אילוזיעס, בכדי עס זאָל זיין גרינגער זייער ארבעט און (ווי א טייל האָבן עס געמיינט אפשר ערלעך) ראטעווען וואָס עס לאָזט זיך און ניט געבן די דייטשן פרעטעקסטן צו מאסן-„אקציעס".

7) די דייטשן איז דורך א ריי דערנידעריקונגס און באליידיקונגס-געזעצן געלונגען צו שאפן א מינדערווערטיקייטס-קאָמפּלעקס ביי יידן. זיי האָבן די יידן מאָראליש און פסיכיש איינגעבראָכן און דערנידעריקט. צוליבן ניט האָבן קיין אויסוועג איז מען געוואָרן פּאסיוו, אָפּהעטיק, האלב טויט און ניט געווען פעיק צו אונטערנעמען עפעס ערנסטעס. מען האָט גלייכגילטיק אָפּגעוואַרט דעם טויט, וועלכער וועט באפרייען פונעם שענדלעכן לעבן. מען האָט געשאפן א פילאָזאָפיע, אז עס לוינט ניט צו קעמפן פאר אזא לעבן, אז עס איז א שאנדע צו לעבן אין אזא מערדערישער וועלט, אז מיר זיינען ניט בעסער, ווי די אנדערע, וועלכע זיינען אומגעקומען און אז קיין וועג איבערצולעבן די מלחמה איז ממילא ניטאָ.

8) דאָס טיפע פאראנטוואָרטלעכקייטס-געפיל פארן כלל, פארן פאָלק, האָט אָפּגעהאלטן די בונטארן און אָרגאניזאטאָרן פון ווידערשטאנד אין די געטאָס עפעס אונטערצונעמען. די „יידן-ראטן" האָבן געדראָט און ציימנווייז אויך גע׳מסר׳ט. די יידישע מאסע, וועלכע האָט ניט געקענט (פרויען, קינדער, זקנים א. א. וו.), ניט געגלויבט און ניט געוואָלט קיין רעוואָלט און פּארטיזאנקע איז געווען קעגן די בונטארן, און מען האָט זיך ניט געקענט באפרייען פון דעם אחריות-געפיל, אז א וועלכע עס איז אקציע קעגן די דייטשן קען ברענגען אָדער צוזיילן א שחיטה (דער מאָמענט ווערט אויך באַרירט אין די נאָר וואָס פארעפנטלעכטע קינות פון טראגיש אומגעקומענעם העברעאישן דיכטער קאצענעלסאָן ז"ל).

9) מיר האָבן גאָר קיין פאָרשטעלונג ניט געהאט, וואָס פאר א ברענענדיקע שנאה עס האָט געטליעט קעגן אונדז ביי אונדזערע שכנים. כמעט די גאנצע באפעלקערונג אין פוילן, ווייס-רוסלאנד, ליטע און אוקראינע האָט זיך אומפארשעמט אקטיוו אנגאזשירט אינעם יידן-אויסראָט, ס׳רוב, נאָך מיט מער רציחה און מענטשנפרעסערישקייט, ווי די דייטשן אליין. אלע האָבן זיי איינגעטונקט זייערע הענט אין יידיש בלוט און רויב און אלע זיינען זיי געווען פאראינטערעסירט, אז עס זאָלן ניט בלייבן קיין לעבעדיקע עדות. די יידן, ווען עס איז געלונגען זיך צו ראטעווען פון

די נעגל פון טויט, זיינען אנטלויפנדיק פארפייניקט געוואָרן דורך פויערים אָדער איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון געשטאַפּאָ. די יידן, וועלכע זיינען געווען באהאלטן ביי זייערע „גוטע פריינט", זיינען פריער אָדער שפּעטער דורך זיי דערמאָרדעט געוואָרן, נאָכן צונעמען ביי זיי זייער האָב און גוטס. די באַציונג פון דער ארומיקער באַפעלקערונג צו די יידן, האָט אינגאנצן פאַראומעגלעכט יעדן וועג פון רעטונג, פון שאַפן אן אייגענע יידישע פּאַרטיזאַנקע.

10) די אנטיסעמיטישע באציונג פון די פּאַרטיזאַנער צו די אָנגע־קומענע יידן אין די וועלדער, פאַלן פון מאָרדן יידן דורך פּאַרטיזאַנער (באַזונדערס אין דער ערשטער תקופה, ווען די פּאַרטיזאַנקע איז נאָך געווען אָן קיין שום קאָנטראָל און פעסטער אָרגאַניזאַציע) האָט אָפּגע־האַלטן פיל יידן פון לויפן אין די וועלדער. „צו וואָס נאָך גיין זוכן דעם טויט, בעת מיר האָבן עס דאָ אָן שום אָנשטרענגונגען?" — האָט מען באַרעכטיקט דאָס ניט גיין אין פּאַרטיזאַנקע.

מען דאַרף צוגעבן, אַז די מאַסן־שחיטות אין מערב ווייס־רוסלאַנד און מערב־אוקראַינע זיינען פאָרגעקומען אין דער ערשטער העלפט פון 1942, ווען קיין פּאַרטיזאַנער זיינען נאָך כמעט ניט געווען אין די פּוש־טשעס און וועלדער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַרטיזאַנקע, זיינען געבליבן נאָר געציילטע געטאָס, מיט א נישטיקער צאָל יידן אין זיי.

11) אויך אנדערע פעלקער וואָלטן אזוי געשטאָרבן, ווי אונדזער פאָלק, ווען זיי זאָלן לעבן ביי די זעלביקע אומשטענדן. איבעריקנס, זיינען מיר אלע געווען עדות, ווי די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע געפאַנגענע אָן דעם מינדסטן פּאַר־צווייפלונגס־ווידערשטאַנד.

בעת דער אָבלאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע און רודער וועלדער (צווישן די טייכן שטשאַרע און ניעמאַן) דעצעמבער 1942, אין נאַליבאָקער פּושטשע (מערב ווייס־רוסלאַנד) יוני־יולי 1943, זיינען צענדליקער טויזנ־טער פויערים, מענער פרויען און קינדער, ווייס־רוסן און פּאָליאַקן פון די דערפער און כוטאָרעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ראַיאָן פון די א. ד. וועלדער, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אָן דעם קלענסטן ווידערשטאַנד, אלס באַשולדיקטע אין העלפן די פּאַרטיזאַנער (איצט ווייסן מיר שוין אויך וועגן צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן, וועלכע זיינען נאָך דער אונטערדריקונג פון וואַרשעווער אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון באָר־קאָמאָראָווסקי אומגעבראַכט געוואָרן אין אוישוויץ). מיר האָבן

אויך געזען ווי הכנעה׳דיק, שפל׳דיק און מיאוס, עס זיינען געשטאָרבן די באַרימטע קריגערס פון „הערן-פאָלק", ווען זיי זיינען אריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די פּאַרטיזאַנער. קעגן דער באַוואָפנטער איבערמאַכט איז קיין ווידערשטאַנד פון ווערלאָזן, פאַרצווייפלטן — ניט מעגלעך. עס זיינען מעגלעך בלויז, העראָישע פאַרצווייפלונגס-אַקטן פון יחידים.

12) עס איז פון גרונט אויס פאַלש די הנחה, אז די יידן זיינען פּחדנים, אז יידן ווילן ניט קעמפן און אז די יידן קלאַמערן זיך שטאַרק ביים לעבן.

די יידן אין פּאַרטיזאַנקע און אין די פאַרשיידענע אַרמייען האָבן באַוויזן, וואָס יידן קענען אויפטאָן, בעת עס ווערט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו קעמפן. די פיל טויזנטער יידן, וועלכע זיינען געפאַלן בעת די קאַמפן און קאַמפס-אָפּעראַציעס, די צענדליקער טויזנטער יידישע העלדן, וועמענס העלדן-טאַטן זיינען אָפּגעמערקט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט, לייקענען אָפּ די אויבנדערמאָנטע טעזעס, וועלכע זיינען אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך געוויסע אַנטיסעמיטישע קרייזן פון דער פּאַרטיזאַנקע.

עס איז ניט זיכער, צי עס איז אונדז געלונגען צו איבערצייגן פולשטענדיק די רוסישע פּאַרטיזאַנער-חברים, אָבער די ערלעכע פון זיי האָבן צוגעגעבן, אז די א. ד. מאָמענטן קלערן אויף די סיבות פון דער יידישער טראַגעדיע.

איצט מאַכן מיר אָבער דעם חשבון פאַר זיך, און מיר מוזן זען דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל פאַר אונדז ניט זיין. ניט אַלע מאָמענטן און ניט אַלץ, וואָס עס ווייטיקט אין אונדז טיף האָבן מיר געקענט אויפדעקן פאַר זיי.

מיר האָבן אַליין פיל געטראַכט און געווייטיקט איבער דעם, ווי אונדזערע זיינען אומגעקומען און געזען די זאַך פיל טיפער, ווי מיר האָבן זיך עס געקענט דערלויבן זיי פאָרצושטעלן.

וואָס זיינען אייגנטלעך די טיפערע סיבות, וועלכע האָבן געבראַכט דערצו, אז גרויסע יידישע ישובים זאָלן געפירט ווערן, ווי שאָף צו דער שחיטה. אז זעקס מיליאָן יידן, אזא ריזיקע מענטשלעכע יוגנט, זאָל מיט קליינע אויסנאַמען, גיין צו די גריבער און טויט-פאַבריקן און ניט מיטשלעפּן מיט זיך כאָטש געציילטע דייטשע תלינים?

א) די יידן אין גלות האָבן ניט געהאַט קיין קאַמפס-טראַדיציע, זיינען ניט דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון קעמפן פאַרן לעבן מיט

געװער אין די הענט. מען האָט זײ ניט געלערנט, װי זיך צו באַגײן מיט געװער, און ניט געשאַפן קײן פּיעטעט־באַציונג צו דעם. דער װײס־רוס און פּאָליאַק האָבן זיך געכאַפּט צום געװער, װאָס עס האָט געװאָרפן די אין פּאַניק אָפּטרעטנדיקע רויטע אַרמײ, עס פאַרבאַהאַלטן אין דער ערד אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט און שפּעטער איז עס טאַקע דורך די פּאַרטיזאַנער אויסגענוצט געװאָרן. די יידן האָבן עס ניט געטאָן, הגם זײ האָבן געװוּסט, װאָס זײ האָבן צו דערװאַרטן פון די דײטשן.

ב) די יידישע יוגנט האָט געקראָגן אַ היפּער־פּאַציפיסטישע דערציונג. מיר זײנען דערצויגן געװאָרן אויף אַ תורה, װעלכע האָט אונדז געלערנט, אַז דעם מענטשנס לעבן איז אַ הײליקטום. אונדז איז פאַרזאָגט געװאָרן: „ואת הדם לא תאכלו, כי הדם הוא הנפש“ (און דאָס בלוט זאָלט איר ניט עסן, װײל דאָס בלוט איז נשמה), און װען מען װיל אַרויסנעמען אַ טײבעלע פון נעסט, דאַרף מען פריער אַרויסשיקן די מוטער. אַזאַ מין דערציונג האָט בײ אונדז אָפּגעטויט יעדעס געפיל פון קאַמף און נקמה.

ג) מיטן אונטערגאַנג פון דער יידישער זעלבסטשטענדיקײט, איז אויך אונטערגעגאַנגען די יידישע גבורה. די יידישע העלדישקײט איז ענג פאַרבונדן מיט דער צײט, װען די יידן זײנען געזעסן אויף זײער אײגענער ערד. בר־כוכבא איז געװען דער לעצטער העלד, אויף א״י־דיקן באָדן, װעלכער האָט געצויגן די שװערד פון זײן שײד.

עס קומט דער גלות און מיט אים די גאַנצע גלות־פּסיכאָלאָגיע. אַנשטאָט גבורים קומען אויף די „משיחי־השקר“, אַנשטאָט גבורה — די פּאַסיװיטעט, דער קידוש השם. אין אונדזער גאַנצער גלות־עפּאָכע האָבן מיר ניט געהאַט קײן העלדן, װאָס אויף זײערע מעשים און העלדישקײט זאָל זיך דערציען אונדזער יוגנט, און פון װעמען זי זאָל לערנען העלדיש לעבן און העלדיש שטאַרבן, אין קאַמף פאַרן לעבן.

ד) מיר האָבן ניט דערצויגן און ניט געפּלעגט דאָס געפיל פון יידישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פון קעמפן פאַר מענטשלעכער װירדע און נאַציאָנאַלן כבוד, און בלוטיקער אומברחמנות׳דיקער נקמה פון פײנט. מען האָט אונדז ניט געלערנט מקיים זײן די מצוה „הבא להרגך השכם והרגהו“ (אויב אײנער װיל דיר טויטן, טויט אים פריער). מען האָט אונדז דאַקעגן בסדר געלערנט זײן שטילער פון װאַסער און נידעריקער פון גראָז.

יידן האָבן נאָך געקענט זיך שטעלן אין געפאַר פאַר באַרײכערן זיך, אָבער זעלטן פאַרן יידישן כבוד. צו אונדזער גרויסע שאַנדע, האָבן

יידן באַלד נאָך דער באַפרייונג גלייך פאַרגעסן דעם שרעקלעכן, בלוטיקן חשבון מיטן דייטשן פאָלק און געפירט עסנוואַרג פאַר די הונגערנדיקע דייטשן, בכדי זיך צו באַרייכערן (א. ג. „שאַבראָווקע").

עס איז אונדזער ברענענדיקער ווייטאָק און שענדלעכער פלעק, אַז היינט צו טאָג זיצן פיל הונדערטער (און אפשר טויזנטער) יידן אין דייטשלאַנד אין די תפיסות פאַר שוואַרץ־האַנדל און קיין איין איינציקער ייד זיצט ניט פאַר הרגענען דייטשן — די שוחטים פון זיין פאָלק, פון זיין משפחה.

ה) מיר האָבן ניט געגעבן אונדזער יוגנט קיין ספּאַרטאַנישע דערציונג, מיר האָבן זי ניט צוגעגרייט צו שווערע טעג, מיר האָבן זי ניט דערצויגן בייצוקומען די שווערע צייטן, און ווען די בלוטיקע צייט זיינען געקומען, זיינען מיר בכלל ניט געווען גרייט זיי אויפצונעמען.

פיל טויזנטער יידן האָבן זיך געקענט ראַטעווען דורך אויעקגיין אין פּאַרטיזאַנקע. אָבער די מורא פאַר פאַרלירן די באַקוועמלעכקייט פון בעט, ריינעם בעטגעוואַנט און דעם דאַך איבערן קאָפּ (וואָס איז אין געטאָ, ביי דעם גאַנצן שווערן לעבן, דאָך געווען) און די שרעק פאַר דער געהיימנישפולער פּושטשע, פאַר דעם אומבאַקאַנטן, האָט פיל אָפּגעהאַלטן פון גיין אין פּאַרטיזאַנקע.

נאָך דער גרויסער אָבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער אין נאַליבאָקער פּושטשע (מערב ווייס־רוסלאַנד) אין יולי 1943, האָבן לערך הונדערט יידן, וועמען עס איז געווען שווער איבערצוטראָגן דאָס לעבן אין די וואַלד־באַדינגונגען, רעזיגנירטע זיך אומגעקערט צוריק אין לידער געטאָ און אין א פּאָר חדשים ארום (סעפּטעמבער 1943) ארויסגעפירט געוואָרן קיין מיידאַנעק.

ו) עס איז ביי אונדז געפלעגט געוואָרן דער געדאַנק פון א הייליקער באַציונג צום לעבן. ביי נאָרמאַלע אומשטענדן איז עס א געזונטע דערשיינונג. מיר דאַרפן אָבער וויסן, אַז מיר לעבן אין א רוצחישער וועלט, וווּ נאָר כוח דעצידירט וועגן דער עקזיסטענץ און באַציונג צו א פאָלק. א לעבנס־דעוויז איז געווען די פּסעוודאָ־פּראַקטישע „קהלת"־פילאָזאָפיע פון „טוב כלב חי מארי מת" (בעסער א לעבעדיקער הונט, ווי א טויטער לייב), און ניט דער געזונטער אמת'דיקער צוגאַנג „אַז בעסער שטאַרבן אויף די פיס, איידער לעבן אויף די קני", „בעסער א העלדישער טויט, איידער א שענדלעך לעבן". מען האָט זיך געקלאַמערט

אָן שענדלעכן לעבן, אבי איבערצולעבן. דער רעזולטאט איז אָבער געווען א מיאוסער טויט.

ז) איינער פון אונדזערע גרעסטע אומגליקן איז געווען דער „גלות קאָמפּלעקס", וועלכער איז במשך פון יאָרהונדערטער איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, און איז אטאוויסטיש אריין אין אונדזער בלוט, געוואָרן א טייל פון אונדזער יעדנס „איך". עס האָט געווירקט דאָס באוווסטזיין, אז מען איז אויף חסד ביי פרעמדע פעלקער, אויף פרעמדן באָדן. אויף אלע גזירות, פּאָגראָמען און באליידיקונגען האָט א ייד געהאט איין בארעכטיקונג: „מיר זיינען דאָך אין גלות!". עס האָט געפעלט דאָס „היים־געפיל", די ארגאנישע צוגעבונדנקייט צום באָדן. אפילו די סאָוועטישע יידן, וועלכע זיינען 25 יאָר געווען יורידיש און פאקטיש פולשטענדיק גלייכבארעכטיקטע, וועלכע זיינען ניט געווען באלאסטעט מיט מינדערווערטיקייטס־געפילן פון בירגערס פון צווייטער מדרגה, האָבן אויך ניט געהאט דאָס היים־געפיל, די אָרגאנישע צוגעבונדנקייט צום באָדן, אנדערש וואָלט ניט געווען פארשטענדלעך אויך זייער פאסיווער טויט.

דאָס היים־געפיל גיט אינספּיראציע, כוח און מוט מקריב צו זיין די יונגע לעבנס אויפן מזבח פון דער הייליקער, גרויסער זאך. דאָס דאָזיקע באוווסטזיין סטימולירט היינט צו טאָג צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יידן אין א"י צום קאמף קעגן דער בריטישער און אראבישער אויבערמאכט.

דאָס איז דערפאר, ווייל דאָרט איז דאָ דאָס היים־געפיל, דאָס באוווסטזיין, אז „בתוך עמי אני יושב" (איך זיץ צווישן מיין פאָלק), די אָרגאנישע פארבונדנקייט מיט דעם יסוד פון אלץ — מיט דער מאמע — ערד.

## קאפיטל ניין

# די אונטערערדישע פארטיזאנער־ארגאניזאציעס אין די געטאס

די יידישע עפנטלעכקייט האָט שוין געהאט די געלעגנהייט זיך צו דערוויסן דורך א ריי דערשינענע ביכער וועגן די יידישע פארטיזאנער־אָרגאניזאציעס און ווידערשטאנדן אין די געטאָס פון ווארשע, ווילנע, ביאליסטאָק, טשענסטאָכאָוו א. אנד., מען ווייס אָבער גאָרניט וועגן דעם, אז אין פיל שטעט און שטעטלעך פון ווייס־רוסלאנד און מערב־אוקראינע (וואָלין) האָבן עקזיסטירט אונטערערדישע געהיימע פארטיזאנער־אָרגאניזאציעס.

זייער אויפגאבע איז באשטאנען אין אָרגאניזירן די יידישע יוגנט באוואָפענען זי, צוגרייטן צום אקטיוון קאמף און ווידערשטאנד אין פאל פון א שחיטה, שאפן פארבינדונגען און ארויספירן זיי צו די פארטיזאנער אין די וועלדער.

די אָרגאניזאציעס זיינען אויפגעקומען נאָך די ערשטע שחיטה־כוואליעס אין דער ערשטער העלפט פון 1942, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אז די דייטשן האָבן באשלאָסן אויסצוראָטן טאָטאל דאָס גאנצע יידישע פאָלק.

די יידן־ראטן און מיט זיי דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג זיינען געווען קעגן די פארטיזאנער־אָרגאניזאציעס און קעגן ארויסגיין אין די וועלדער. זיי האָבן זיך געשראָקן פאר פריצייטיקע שחיטות, וועלכע קענען קומען אלס רעזולטאט פון דעם, און עס האָט ביי זיי געטליעט א האָפענונג, אז אפשר וועלן די דייטשן האלטן זייער וואָרט און לאָזן איבערלעבן די ניט באדייטנדיקע צאָל יידן, וועלכע זיינען פארבליבן אין די ארבעטס־לאגערן און געטאָס אלס „נוצלעכע יידן".

די קעגנערס פון גיין אין פארטיזאנקע האָבן מאָטיווירט זייער שטאנדפונקט צ.ב. אנד. אויך מיט השערות און אויסרעכענונגען בנוגע דער מלחמה־דויער; אויב די מלחמה איז א לאנג־דויערנדיקע, איז ממילא

ניטאָ קיין מעגלעכקײט איבערצולעבן זי בײַ די חאלד־באדינגונגען און מען װעט נאָך באװײַזן צו אנטלױפן דאן, װען דער פראָנט װעט זיך דערנענטערן. אויב, װידער, די מלחמה װעט זיך פארענדיקן גיך, װעט דער דײַטש ניט באװײַזן אָדער ניט װעלן אין דער לעצטער מינוט אויסהרגענען דאָס ביסל פארבליבענע ייִדן.

געװען אָבער א ניט־באדײַטנדיקער טײל פון דער ייִדישער יוגנט, װאָס האָט זיך ניט אײַנגעבראָכן, ניט געלאָזט זיך פארװיגן אין אילוזיעס און האָט בשום אופן ניט געװאָלט שלום מאכן מיטן געדאנק פון שטארבן מיט א שענדלעכן טויט אָן װידערשטאנד און נקמה.

ניט װײניק האָט דאָ געװירקט די באקומענע נאציאָנאלע דערציִונג אין די יוגנט־אָרגאניזאציעס און די געפלעגטע געפילן פון נאציאָנאלן שטאָלץ, ייִדישער און מענטשלעכער װירדע במשך פון פיל יאָרן.

בדרך כלל, זײַנען פון די געטאָס אין װײַס־רוסלאנד און אוקראינע ארויסגעגאנגען ייִדן אומאָפּהענגיק פון זײערע פּאָליטישע אָנשױונגען און עס איז א באװוסטזיניקע פעלשונג, װען מען פּרוּװט צושרײַבן דער אָדער יענער באװעגונג די איניציאַטיװ און פארדינסט פון אָרגאניזירן די פארטיזאנער־באװעגונג און דעם ארויסגאנג אין די װעלדער.

אויב אין די גרויסע שטעט װארשע, װילנע, ביאַליסטאָק, בענדין א. אנד., װוּ עס האָבן עקזיסטירט שטארקע פארטײ־אָרגאניזאציעס מיט א צאָלרײַכן אינטעליגענטן־אקטיװ, האָבן זײ אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָל בײַם אָרגאניזירן און שאפן די אונטערערדישע פארטיזאנער־באװעגונג, איז דאָס װײַט ניט געװען דער פאל אין די טױזנטער שטעטלעך פון װײַס־רוסלאנד און אוקראינע. אויב אין דעם אָדער אין יענעם שטעטל איז געקומען די איניציאַטיװ פון א באשטימטער ריכטונג, האָט דאָס מער געהאט צו טאָן מיט דעם, װאָס די אונטערערדישע ארבעט האָט געפאָדערט די שטרענגסטע קאָנספּיראציע און ניט יעדן זײַטיקן האָט מען געקענט פארטרויען די סודות פון דער אָרגאניזאציע. דאָך קען מען אלס כלל פעסטשטעלן, אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס פון אלע ריכטונגען האָבן אָפּגעשפּילט א װיכטיקע ראָל בײַם אָרגאניזירן די אונטערערדישע פארטיזאנער־באװעגונג אין די געטאָס און דאָס ארויסגײן אין די װעלדער.

דאָ דארף באמערקט װערן, אז די װײניק לעבן געבליבענע ייִדישע אינטעליגענץ איז אין יענע שװערע, בלוטיקע טעג ניט געשטאנען אויף דער געהעריקער הױך. די פאמיליע־צוגעבונדנקײט איז בײַ די

יידישע אייטעליגענטן געווען א שטארקערע, און זיי זיינען אלס עלעמענט, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאט קיין דירעקטע מגע־ומשא מיטן דאָרף, מיט די שליאכן און וועגן, מיט די וואלד־מאסיוון, ווי דער דאָרפס־פּאָרער, פערד־הענדלער, בעל־עגלה, וואלד־אָנגעשטעלטער א. אנד. — פּסיכאָלאָגיש ניט געווען צוגעגרייט און זיך ניט פאָרגעשטעלט א לעבן אין וואלד.

אויב אין די גרויסע שטעט זיינען געווען פארבינדונגען מיט ניט־יידישע ווידערשטאנדס־אָרגאניזאציעס מחוץ די געטאָס און עס האָבן געהערשט אילוזיעס בנוגע הילף אין געווער און מאָראלישער אונטערשטיצונג אין פאל פון א ווידערשטאנד, איז אין די טויזנטער שטעטלעך פון ווייס־רוסלאנד און אוקראינע ניט געווען קיין אָרט פאר אזעלכע אילוזיעס. דאָרט האָבן בכלל ניט עקזיסטירט קיין שום ניט־יידישע ווידערשטאנדס־אָרגאניזאציעס, וועלכע וואָלטן געקענט קומען אין באטראכט אלס עווענטועלע שותפים און מיטהעלפערס אין פאל פון א ווידערשטאנד.

די יידישע יוגנט האָט געוווסט, אז זי קען ניט מיט איר בלייבן אין די געטאָס ראטעווען די משפחות. עס זיינען ניט געווען קיין אָביעקטיווע מעגלעכקייטן און קיין שאנסן אויף דעם. זי קען בלויז אנטלויפן צו די פארטיזאנער אין די וועלדער און נקמה נעמען פאר זייער טויט.

די ארבעט פון די פארטיזאנער־אָרגאניזאציעס אין געטאָ האָט זיך דעריבער אין גרעסטן טייל באגרענעצט אין אָרגאניזירן גרופּעס און ארויספירן זיי אין די וועלדער. דאָס שטעלן א ווידערשטאנד איז געווען פאָראויסגעזען בלויז אין פאל, ווען א שחיטה זאָל קומען נאָך פארן ארויסגיין פון געטאָ.

ביים פיינטלעכן איינשטעל פון די יידן־ראטן, וועלכע האָבן געדראָט און גע׳מסר׳ט און מצד דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע איז ניט געווען גרייט און ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון איבערלעבן די מלחמה אין וואלד, איז די ארבעט פון די ווידערשטאנדס־אָרגאניזאציעס געווען זייער באשווערט, געפערלעך און מסירות־נפשדיק.

די טעטיקייט פון די אָרגאניזאטאָרן האָט באדראָט אין דער ערשטער ריי זייערע פאמיליעס און עס איז ניט געווען אזוי לייכט זיך צו דעצידירן צו שטעלן אין סכנה אין פאל פון א דורכפאל דאָס לעבן

פון די שטוביקעס. (אויב אימעצער פון א הויז פלעגט זיך פארזינדיקן קעגן דייטשישן געזעץ, פלעגן דערשאָסן ווערן אלע איינוווינערס פון הויז).

אין קעגנזאץ צו די באַרויקנדיקע און אָפּטימיסטישע ידיעות, וועלכע עס האָבן פארשפרייט די יידן־ראטן, איז די אויפגאַבע פון די בונטארן געווען צו שאַפן א פעסימיסטישע שטימונג בנוגע דער מעגלעכקייט איבערצולעבן די מלחמה אין די געטאָס און אָפּטימיסטישע איינשטעלן בנוגע דער מעגלעכקייט צו דערלעבן די באַפרייונג אין וואלד. זייער אויפגאַבע איז אויך געווען ארויסצוטרעטן קעגן דער פסיכאָלאָגיע פון שטארבן קאָלעקטיוו אין געטאָ, וואָס עס איז געווען שטארק איינגעוואָרצלט ביי יידן. אזא איינשטעל האָט געקאָסט דעם געטאָ ניט ווייניק קרבנות.

געווען געטאָס, וועלכע זיינען געווען שוואך באוואכט אָדער עס פלעגט געלינגען דאָרטן צו שאפן גוטע באציונגען מיט דער געטאָ־וואך און דער ארויסגאנג איז געווען כמעט א געזיכערטער. פיל פלעגן זיך ארויסגנבענען פון די ארבעטס־פלעצער מחוץ די געטאָס, וועלכע זיינען ניט זעלטן געווען נאָנט צו וועלדער. אין די געטאָס איז דער פּאָפּולערסטער מיטל געווען איבערשניידן ביינאכט די דראָט־פארצוימונגען אין א שוואך באוואכט אָרט און פאָרזיכטיק זיך אדורכשלייכן אונטער דעם דעק־מאנטל פון דער נאכט־פינצטערניש.

פיל מאָל פלעגט אויסקומען ארויסצובאקומען זיך מיט א טריק, בכדי אָפּצוציען די אויפמערקזאמקייט פון דער געטאָ־וואך. נאָכדעם ווי א גרופע יוגנטלעכע פון דער פארטיזאנער־אָרגאניזאציע אין שטעטל מאניעוויטש (וואָלין) איז ניט געלונגען ארויסצובאקומען זיך פון געטאָ ביינאכט און זיי האָבן דערביי פארלאָרן זייער חבר ראָזנבלום ליאָווע, האָבן זיי אונטערגענומען א מער דרייסטערן פלאן. אין מיטן העלן טאָג האָט א. חזן צוגענייט א באנד־אָפּצייכן פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי און ארויסגעפירט די גרופע דורכן טויער צום האָלץ־פלאץ הינטערן שטעטל, מכלומרשט אויף ארבעט.

אויסנוצנדיק א מאָמענט, ווען די דייטשן און אוקראינער זיינען ניט געווען אויפן פלאץ, האָבן זיי זיך ארייננגעכאפּט אין נאָנטן וועלדל און אָנגעקומען בשלום אין די גרויסע פּאָלעסיער וועלדער.

אין קעגנזאץ צו די געטאָס פון די גרויסע שטעט, וועלכע זיינען געווען באוואכט דורך ס. ס.־לייט, איז דאָס פארלאָזן די געטאָס אין די

קלענערע שטעטלעך, וועמענס טויערן זיינען ס'רוב אָפּגעהיט געוואָרן דורך יידישער פּאָליציי געווען באַדייטנדיק לייכטער.

טראָץ דעם, וואָס עס האָט ניט עקזיסטירט קיין שום קאָנטאַקט צווישן די באַזונדערע געטאָס צוליב דעם באַוועגונגס-פאַרבאָט פאַר יידן, האָבן דאָך די פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציעס געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו פאַרשטענדיקן זיך וועגן רעטונגס-שריט און קעגנזייטיקער אינפאָרמאַציע (איבערשיקן בריוועלעך דורך פאַרטרויטלעכע פּויערים, דורך יידישע שליחים מיט אַן אַרישן אויסזען, דורך יידישע פּאָליציסטן אויף שיינען א. א. וו.).

אזוי האָט די פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע פון מאַניעוויטש אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער גרופּע פון פּאַווארסקער געטאָ (וואָלין), בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען מישע עדעלשטיין (געב. קאַליש, געפאַלן). אזוי האָט פּאַסירט אויך אין אַנדערע ערטער.

למען האמת דאַרף באַטאָנט ווערן, אז אין א טייל שטעטלעך זיינען די יידן-ראַטן אָדער איינצלנע מיטגלידער פון זיי, ווי אויך די יידישע געטאָ-פּאָליציי געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך, מיטגעהאָלפן און אפילו זיך אַקטיוו אַנגאַזשירט אין דער אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציעס.

אין זשעטל (נאָוואָגרודקער קרייז) אָרגאַניזירט אדוו. אַלתר דוואָרעצקי, וועלכער איז גלייכצייטיק פאָרזיצער פון יידן-ראַט, א געהיימען שטאַב פון זעקס פּערזאָן, וואָס בראש פון אים שטעלט ער זיך אַליין. זייענדיק פאָרזיצער פון יידן-ראַט, דער פאַרבינדונגס-מאַן צווישן געטאָ מיט די דייטשן, טראָגט ער ביי זיך כסדר א רעוואָלווער, כדי אין א געהעריקן מאָמענט צו רעאַגירן קעגן א פאַשיסטישן מערדער. דעם אמת אַלס פאָרזיצער, וועלכן ער האָט אָנגענומען אונטערן דרוק פון דער זשעטלער עדה, איז פאַר אים געווען גינסטיק, בכדי צו האָבן פרייע הענט, געלט - מעגלעכקייטן און איינפלוס אויף די איבעריקע מיטגלידער פון יידן-ראַט.

אויף א בוידעם-שטיבל ביי דעם קאָמיטעט-מיטגליד אגולניק שלום פלעגט מען דרוקן אויפרופן צו דער באַפעלקערונג און דורך פאַרשיידענע וועגן איבערשיקן עס אין די דערפער. אין די אויפרופן פלעגט מען דערציילן דעם אמת וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און געוואָרנט, אז עס איז דאָ א שטראָפנדיקע, באַוואָפנטע האַנט, וועלכע וועט נקמה נעמען פון די דייטשישע מערדערס און זייערע מיטהעלפערס פון דער

אָרטיקער באַפעלקערונג. דאָס האָט געשטאַרקט דעם מוט פון די אָפּהענטיקע, אָנגעוואָרפן א מורא אויף די פּאָליצײ־לײט און קאָלאַבאָראַנטן און געשאַפן דעם גלױבן, אז דער טאָג פון נצחון איז נאָנט. ער האָט זיך אַלײן אַנגאַזשירט אין די זאַמלונגען פאַרן פאָנד פון דער אָרגאַניזאַציע. עס זײַנען געמאַכט געוואָרן באַמיִונגען זיך אײַנצושאַפן וואָפן. דאָס אײַנגעקויפטע געווער איז מאַגאַזינירט געוואָרן אין קעלער פון מיעדזוויעצקי יונה (געפאַלן נאָך דער באַפרײַונג פון די ווײַס־פּוילישע באַנדעס).

דוואָרעצקי האָט אויסגענוצט אַלע אומצופרידענע עלעמענטן און געשטויסן זײ צו גײן אין וואַלד, שטיצנדיק זײ מיט ראַט, געלט און געווער. אזוי האָט ער אָפּגעשיקט א גרופּע סאָוועטישע זעלנערס, צווישן זײ א ייִדישן עלטערן לײַטענאַנט פון דער רויטער אַרמײ, ישראל קאַצאָוויטש (פון לאַפּיטשי, בײַ באָבּרויסק) צו די פּאַרטיזאַנער אין ליפּיטשאַנער פּושטשע.

הגם דורך דער פּראָוואָקאַציע פון געווער - פאַרמיטלער, דעם סאָוועטישן זעלנער וואַניא, איז אויפגעדעקט געוואָרן די זשעטלער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע און עס איז אומגעקומען מיט א מאַרטירער־טויט דער מיטגליד פון שטאַב, שלום פּיאַלון און דער גאַנצער שטאַב מיט אלתר דוואָרעצקי בראש האָבן געמוזט פּריצײַטיק אַנטלויפן אין וואַלד (אַלע געפאַלן אין די קאַמפן), איז דאָך די אַרבעט אין געטאָ ווײַטער פאָרגעזעצט געוואָרן.

דוואָרעצקיס זריעה אין זשעטלער געטאָ איז ניט געפאַלן אויף א פּוסטן באָדן. גלײַך נאָך דער צווײטער שחיטה (6־טן אויגוסט 1942) איז איבער 800 ייִדן, וועלכע האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין פריער צוגעגרײטע אונטערערדישע „מאַלינעס" אין זײערע הײַזער, געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען אונטערן דעק־מאַנטל פון דער נאַכט און אַוועקגײן אין דער נאָנט־ליגנדיקער ליפּיטשאַנער פּושטשע.

די אַלע אַנטלאָפענע זשעטלער ייִדן האָבן געגרינדעט דעם ייִדישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, בראש פון וועלכן עס האָט זיך געשטעלט, קאַפּלינסקי הירש ז"ל, און שפּעטער איז ער אײַנגעגלידערט געוואָרן אין רוסישן אָרליאַנסקן אָטריאַד אַלס דריטע ייִדישע ראָטע.

עס איז קלאָר, אז ווען ניט די טעטיקײַט פון אדוו. אלתר דוואָרעצקי און פון דער זשעטלער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, וואָלטן אזוי פיל זשעטלער ייִדן זיך ניט געראַטעוועט. די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע האָט

צוגעגרייט פסיכאָלאָגיש די יידן פון זשעטלער געטאָ צום ווידערשטאַנד און גיין אין פאַרטיזאַנקע.

אויך דער פאָרזיצער פון יידן-ראַט אין ניעסוויזש (נאָוואָגרודקער קרייז), דער וואַרשעווער אַדוואָקאַט מאַגאַליף האָט מיטגעאַרבעט מיט דער פאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע בראָש פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען: דמשק משה, דוקער און קאַגאַן. א צעבן-ראַט, געשאַפן פון פאָרשטייערס פון אַלע צעך-קאָמיטעטן, האָט פאַראייניטלעכט איר אַרבעטס-פּראָגראַם מיט די פּלענער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע און מיטגעהאָלפן איר אין אַלץ און אַלעמען.

אין דער ווידערשטאַנדס-אָרגאַניזאַציע פון באַראַנאָוויטשער געטאָ פלעגן אין געהיימען טונעל די געווענע מיליטער-לייט לערנען די ניט דערפאַרענע, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט געווער. אין די זעלביקע בונקערס אָדער פאַרמאַסקירטע ווענט איז דאָס געווער פאַריכט און געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג דורך סטאָליאַרעס און שלאָסערס. בכדי צו דערמעגלעכן א טייל חברים אויסצופילן די פאַרשיידנאַרטיקע פונקציעס אין פליכטן פון דער אָרגאַניזאַציע, פלעגט ד"ר אבראַשא אבראַמאָוסקי אַרויסגעבן יעדן טאָג א באַשטימטע צאָל קראַנקן - צעטלען, וועלכע באַפרייען פון גיין צו דער אַרבעט. מיט דער באַראַנאָוויטשער געהיימער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע האָבן אָנגעפירט: לייזער ליוודאָווסקי, מאָניעק מישינסקי, ד"ר אבראַמאָווסקי א. אנד.

אין סלאָנימער אַנטי-פאַשיסטישן קאָמיטעט זיינען געווען מיטבאַ- טייליקט אויך אייניקע שטאָטישע קריסטלעכע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט און געדינט אַלס פאַרבינדלערס מיט דעם ניט-יידישן אַקטיוו מחוץ דעם געטאָ. דער סלאָנימער קאָמיטעט האָט באַוויזן זייער פיל צו לייסטן. אין דער אַרבעט האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: קרעמען זרח (ביעליצע), מיליקאָווסקי זעליק (סלאָנים), אבראַמסאָן וועלוול (לענינגראַד), מאַלאַך העניעק (וואַרשע), שוסטעראָוויטש, בובליאַצקי (סלאָנים), שטיין עריק, ד"ר בליומאָוויטש א. אנד.

אין איוויע אַנטשטייט די פאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע באַלד נאָך דער ערשטער גרויסער שחיטה (12-טן מאי 1942). דאָס זיין-אָרט פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע איז אין א שטאַל, וועמענס אַריינגאַנג איז א פאַרמאַסקירטער.

ווי אין פיל אַנדערע געטאָס זיינען אויך אין איוויע אַרויסגעשטעלט געוואָרן נאַכט-וואַכן אין הייזער, פון וועלכע מען האָט געקענט אָבסערווירן

דעם עווענטועלן אָנקום פון ס. ס. און געשטאפּאָ-לייט, ווי בכלל די באוועגונג פון די דייטשן אין שכנות פון געטאָ, בכדי צו אַליאַרמירן אין פאַל פון געפאַר. די מיטגלידער פון אָרגאַניזאַציע נעכטיקן אין די הייזער, וועלכע זיינען נאָנט צו די שטכל-דראָטן פון געטאָ, בכדי אין פאַל פון אַן אַליאַרם זאָלן זיי האָבן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, נאָך איידער די געטאָ ווערט ארומגערינגלט (ס׳רוב פלעגן די „אַקציעס” זיך אָנהויבן פארטאָג).

ווי אין פיל געטאָס, איז אויך אין איוויע צוגעצויגן געוואָרן צו דער אונטערערדישער ארבעט די יידישע געטאָ-פּאָליציי, וועמענס הילף איז געווען נוצלעך צוליב זייערע פאַרבינדונגען, באַוועגונגס-פרייהייט און וואָך בײַם געטאָ-טויער. צום קאָמיטעט האָבן געהערט דער שרייבער פון די שורות, ד״ר מעלאַמעד, אינגעל, שעפּטל (געפאַלן אין פארטיזאַנקע), קאַץ אליהו (געשטאָרבן אין פאַרטיזאַנקע פון טיפוס), סטאָצקי משה (געשטאָרבן אין געטאָ) קאַלמאַנאָוויטש לייב (געפאַלן) א. אנד.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער מינסקער שטאָטישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע, צו וועלכן עס האָבן געהערט די חברים: וויינהויז גוטקע, קירקאיעוויטש יאַשע און סמאָליאַר הערשל, האָט אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן.

אין הויז פון דער אַלטער יידישער פרוי אידא העלער ווערט איינגעאָרדנט א שניידער-וואַרשטאַט פאַר פּאַרטיזאַנער (דער וואַרשטאַט איז אַנטדעקט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ און די פאַמיליע פון דער שניידערין איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן). מיידלעך קלייבן צוזאַמען אין געטאָ לײַלעכער און נייען מאַסקיר-כאַלאַטן פאַר די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער צו זייערע ווינטער-אָפּעראַציעס. דורך קליינע יינגלעך ווערט אָרגאַניזירט דער געווער-איבערשיק פון געטאָ אין די וועלדער. זיי דינען אויך ווי וועגוויַיזערס פאַר יידן, וואָס גייען ארויס אין די וועלדער צו פּאַראייניקן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער.

דער קאָמיטעט וואַרפט די לאָזונג: „ארויסגיין פון געטאָ”! און אָרגאַניזירט אין אַפּריל 1942 צוויי אָטריאַדן פון יידישע פּאַרטיזאַנער; איינער אין די סלוצקער וועלדער בראש מיט ישראל לפידות און דער צווייטער אין די קוידענאָווער וועלדער אונטער דער אָנפירונג פון פעלדמאַן ל.

אין קאָברין האָט זיך אָרגאַניזירט א גרופּע, וועלכע איז אוועק אין די וועלדער פון דיווינער געגנט. די גרופּע האָט געציילט לערך 80 מאַן. אין משך פון ווינטער 1942/43 — האָט די גרופּע זיך פאַרקלענערט דורך פיל געפאַלענע צוליב פּויערישע מסירות. שפּעטער זיינען זיי אַוועק

אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן „וואָראָשילאָוו" (בּריסקער פאַראייניקונג, דאַמאַטשאָווער געגנט), „סוואָראָוו", (יאַנאָוו - פּינסקער געגנט) און „קאָטאָווסקי" (בּריסקער פאַראייניקונג, קאָבּרינער געגנט).

אין קאַמיען־קאַשירסקער געטאָ האָבּן די דריי בּרידער צווייבּל אָרגאַניזירט די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע און געקויפט פאַר גאָלד און מלבּושים געווער בּיי בּאַקאַנטע פּויערים. נאָך פאַר דער צווייטער שחיטה זיינען די דריי בּרידער ארויס אין וואַלד מיט א גרופּע פון 17 מאַן, אויף די טשערוויטשער כוטאָרעס און פאַרבּונדן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער פון „קרוקס" אָטריאַד, וועלכער איז דאַן געווען אין סטאַדיום פון אנטשטיין.

אין פיל ערטער האָבּן עקזיסטירט גלייכצייטיק פאַרשיידענע גרופּעס, וועלכע האָבּן זיך געגרייט ארויסצוגיין אין די וועלדער. יעדע גרופּע איז געלאָפן אין דער ריכטונג, ווו זי האָט געהאַט פאַרבּינדונגען, אָדער ווו מענטשן פון דער גרופּע האָבּן געקענט די געגנט. אזוי איז מען פון לידער געטאָ געלאָפן גלייכצייטיק אין נאַטשער, נאַליבּאָקער און ליפּיטשאַנער פּושטשעס. פון גלובּאָקע איז מען געלאָפן אין קאַפּוליער ראַיאָן און אין נאַליבּאָקער פּושטשע.

וואָלינער יידן זיינען אין זייער גרעסטן טייל געלאָפן צו די גרויסע פּאָלעסיער וועלדער און בּלאָטעס.

שפּעטער האָבּן די ריכטונגען פון גיין בּאַשטימט די יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע פלעגן קומען אין די געטאָס ארויסנעמען יידן און אוועקפירן זיי אין ראַיאָן, פון וועלכן זיי פלעגן קומען.

געווען אָבּער אויך פאַלן, ווען פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס פלעגן ארויסשיקן קלענערע גרופּעס אויף שאַפן פאַרבּינדונגען און אויסבּויען ערד־הייזלעך, בּכדי צוצוגרייטן א בּאַזע פאַר די נאָכקומענדיקע (פּרוזשאַני, איוויע, זשעטל, קאָזאַן א. אנד.).

פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס זיינען אויך געווען אין די געטאָס פון נאָוואָגרודעק, סטויבּץ, קלעצק, מיר, לידע, (נאָוואָגרודקער קרייז), קאָבּרין, בּריסק, לאַכווע, סאַרנע (פּאָלעסיע), לודוויפּאָל, קרעמענעץ, טוטשין, זאָפּיוווקע, סיערניק (וואָלין), גלובּאָק, בּראַסלאַוו, מיאָר, קאָזאַן, סווענציאַן, (ווילנער קרייז), פּרוזשאַני און פיל אנדערע שטעט און שטעטלעך פון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע.

ליידער האָבּן די א. ד. אָרגאַניזאַציעס ארומגעכאַפּט בּלויז א בּאַגרענעצטן טייל פון דער יידישער בּאַפעלקערונג.

זייער סיסטעמאטישע אויפקלערונגס־ארבעט, זייער מסירות־נפשדיקע טעטיקייט אין די געטאָס האָט אָבער געוויזן די יידן א וועג צו רעטונג און נקמה. אין די שחיטה־טעג האָבן זיך אויך פיל ניט אָרגאניזירטע געוואָרפן אויף די דייטשן, געצונדן די הייזער, איבער־געריסן די דראָטן, זיך צעלאָפן איבער די וועלדער און פושטשעס און מיטגעווירקט צום פונאנדערוואקסן פון דער דאן אויפקומענדיקער פארטיזאנער־באוועגונג.

# קאפיטל צען

## געווער־פארזארגונג אין די געטאס

דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם פאר די ווידערשטאנדס־אָרגאניזאציעס אין די געטאָס איז געווען דאָס באזאָרגן זיך מיט געווער. מען האָט דאָס נויטיק געהאט, בכדי צו שטעלן א ווידערשטאנד אין פאל פון א שחיטה. דאָס איז אויך געווען אן אומבאדינגטער מוז, בכדי ארויסצוגיין אין וואלד און אנצוקומען צו די פּארטיזאנער (צוליב דעם מאנגל אין געווער, וואָס עס האָט זיך באזונדערס שטארק געלאָזט פילן אין ערשטן פּעריאָד פון דער פּארטיזאנער־באוועגונג, האָט מען ניט אָנגענומען קיין יידן אין די רוסישע אָטריאדן אָן געווער).

געווער האָט מען באקומען בעיקר פון די „בויטן־לאגערס" (סקלאדן, אין וועלכע די דייטשן האָבן מאגאזינירט די ריזיקע סכומים רוסישע טראָפּייען פון אמוניציע און געווער, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזן בשעתן ראשיקן אָפּטרעטן אין יוני־סעפּטעמבער 1941) און דורך איינקויפן ביי פּויערים, וועלכע האָבן דאָס געוואָרפענע סאָוועטישע געווער פארבאהאלטן.

יידישע מיידלעך און בחורים, וועלכע האָבן געארבעט ביי דער דייטשישער זשאנדארמעריע, ס. ס., פּאָליציי, מיליטער־טיילן און אין די בויטן־לאגערס האָבן ריזיקירענדיק טאָג־טעגלעך מיט זייערע לעבנס און לעבנס פון זייערע משפחות אויף די משונה׳דיקסטע אופנים געגנבעט און אריבערגעשמוגלט געווער און אמוניציע אין די געטאָס. דאָס געווער פלעגט מען מאגאזינירן אין גוט־פארקאָנספּירירטע אונטערערדישע „מאלינעס".

עס פלעגט אויך טרעפן, אז איינצלנע דייטשן פלעגן פארקויפן פאר גאָלד געווער. ניט זעלטן פלעגן סאָלדאטן פון אנדערע פעלקער אין אייראָפּע, וועלכע זיינען דורך די דייטשן מאָביליזירט געוואָרן אין ארמיי צו געהילפס־ארבעטן און האָבן געטראָגן אין הארצן א שנאה צו זייערע פארשקלאפערס (האָלענדער, בעלגיער, פראנצויזן א. א. וו.), געהאָלפן אָדער געמאכט זיך ניט זענדיק, ווי די יידן גנבנען געווער.

במעט אומעטום פלעגט מען דערפאר באצאָלן לעגענדארע פרייזן.

אין די געטאָס איז געגאנגען א שטילער האנדל מיט געווער. עס זיינען אפילו געווען „בערזע־פרייזן" אויף פארשיידענע מינים געווער, אָפּ־הענגיק פון דער שטימונג אין געטאָ בנוגע ארויסגיין אין פארטיזאנקע.

אין לידער געטאָ, למשל, האָט דער פרייז פון א ביקס דערגרייכט ביז צען טויזנט רובל, און פון א רעוואָלווער — פופצן, צוואנציק טויזנט רובל.

יידן פלעגן פארקויפן דאָס לעצטע, כּדי זיך צו דערווערבן א שטיקל געווער. א ביקס — דאָס איז געווען א שאנס צום לעבן, א מעגלעכקייט ארויסצוגיין אין וואלד, א גאראנטיע אויפגענומען צו ווערן אין א פארטיזאנער־אָטריאד.

דאָס אריינטראָגן געווער אין די געטאָס איז געווען באזונדערס באשווערט צוליב די רעוויזיעס פון דער געשטאפּאָ און פּאָליציי ביי די געטאָ־טויערן, בעת׳ן צוריקקערן זיך פון די ארבעטס־פּלעצער מחוץ׳ן געטאָ.

אין לידע האָבן יידישע בחורים, וועלכע האָבן געלאָדן די טראָפּייען־געווער אין וואגאָנעס, געגנבעט טיילן, אויפן אייגענעם לייב עס אדורכ־געטראָגן און נאָכדעם זיי צוזאמענגעשטעלט אין די יידישע ווארשטאטן פון לידער געטאָ.

קיילן פלעגט מען ארויסטראָגן אין לעבלעך ברויט, אין פארשיידענע עסנווארגן, אויף וואָס די דייטשן האָבן ניט געהאט קיין פארדאכט. האנט־גראנאטן פלעגט מען ס׳רוב אונטערבינדן אונטער די פאכוועס פון די הענט און צווישן די פיס. מען פלעגט אריינפירן אין די געטאָס געווער אויך אין האָלץ, אין געשפאנען און אויף הונדערטער פארשיידענע אופנים, צו וועלכע די לאגע האָט געצוווּנגען זיך צו דערטראכטן.

דער זיכערסטער מיטל איז געווען דאָס אריינפירן געווער אין טאָפּל־ווענט פון די אסעניזאציע־פעסער, וועלכע פלעגן ארויספירן די געטאָ־צואה צו די פעלדער. דער וואָגן פלעגט קיינמאָל ניט קאָנטראָלירט ווערן דורך די דייטשן און אויף דעם וועג זיינען קיינמאָל קיין דורכפאלן ניט געווען.

עס זיינען געווען ספּעציעלע פארמיטלערס, וועלכע פלעגן אין די נעכט זיך ארויסגנבענען פון די געטאָס און דורך באקאנטע פויערים איינקויפן געווער ביי דער ניט יידישער באפעלקערונג. ס׳רוב פלעגט

אויסקומען די מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע ארויסצוגיין דורך די דראָטן אויף פריער אָפּגערעדטע פונקטן.

עס פלעגט טרעפן, אז דער געווער-פארמיטלער איז געווען א פּראָוואָקאטאָר, וואָס האָט אלעמאָל געבראכט צו קרבנות.

אזוי איז צוליב דער פּראָוואָקאציע פון א געוועזענעם סאָוועטישן זעלנער, א געוויסן וואניע, וועלכער איז איבערגעבליבן אין זשעטל (נאָוואָגרודקער קרייז), אלס פארבינדונגס-מאן צווישן דער אוועקגעגאנגענער רוסישער גרופּע אין וואלד און דעם פּארטיזאנער-שטאב אין זשעטלער געטאָ, אומגעקומען אויף א טראגישן אופן שלום פּיאָלון ז״ל.



פּיאָלון שלום

איינער פון די מיטגלידער פון דער פּארטיזאנער - אָרגאניזאציע אין זשעטלער געטאָ, וועלכער איז געכאפּט געוואָרן ביים קויפן געווער און פארפּייניקט געוואָרן.

אין א געוויסן טאָג האָט וואניע געמאָלדן אלתר דוואָרעצקין, אז עס איז דאָ צו קויפן אן אויטאָמאט און א רעוואָלווער און ער דארף האָבן א מענטשן, וועלכער זאָל דאָס געווער אָפּנעמען. עס האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק דער טעטיקער מיטגליד פון שטאב, דער יונגער שלום פּיאָלון.

דורכרייסנדיק זיך דורך די דראָטן פון געטאָ איז ער אין

א פינצטערער נאכט אוועק צום באשטימטן אָרט אין מיראווישטשיזנער וועלדל. וואניע האָט אים באוויזן א צובראָכענעם אויטאָמאַט. איידער פיאָלון האָט זיך נאָך באוויזן ארומצוקוקן, איז ער ארומגערינגלט געוואָרן פון דייטשן און פּאָליציי. ער איז אריינגעפאלן א לעבעדיקער אין די הענט פון די דייטשע סאדיסטן. עטלעכע טעג האָבן זיי אים שרעקלעך געפּייניקט אין דער זשעטלער זשאנדארמעריע, בכדי ארויסצו־באקומען די סודות פון דער אָרגאניזאציע, אָבער דער העלדישער פיאָלון האָט ניט פאראטן און דעם הייליקן סוד מיטגענומען אין קבר.

ער האָט פון דער תפיסה־צעלע געשריבן א בריוו מיט זיין אייגן בלוט, איבערגעגעבן דורך א קריסטלעכער פרוי צו די חברים פון דער פארטיזאנער־אָרגאניזאציע אין געטאָ:

„חברים, מען מאטערט מיך און מען פּייניקט מיך שרעקלעך! אָבער זייט רויק, איך וועל אייך ניט פאראטן! נעמט נקמה פאר אלעמען און אויך פאר מיין בלוט!".

ער איז געשטאָרבן מיט א מארטירער־טויט מיט דער האָפענונג, אז די ארבעט וועט פאָרגעזעצט ווערן.

אין ליודוויפּאָלער געטאָ האָבן 15 מאן זיך אָרגאניזירט און באשלאָסן צו שאפן געווער, בכדי אין א געהעריקן מאָמענט צו קענען שטעלן א ווידערשטאנד און אנטלויפן אין די ארומיקע וועלדער. בראש פון דער גרופּע זיינען געשטאנען: אליהו טיקטין, סטאוו לייב און גוטערמאן יוסף.

פאר גאָלד געלינגט זיי איינצוקויפן ביי אוקראינישע פויערים און ביי איניקע פּאָליציאנטן איין קוילנוואַרפער, זעקס ביקסן, הינדערטער קוילן. זיי האָבן עס באהאלטן אין גוט פארמאסקירטע ערטער.

אייניקע אוקראינער האָבן שפּעטער אָנגעוויזן אויף די מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע, ישראל דובינע און א געוויסן דוד, אלס די, וועלכע האָבן ביי זיי געקויפט געווער. פירנדיק זיי צום שיסן געלינגט ישראל דובינען צו אנטלויפן אין וואלד, און דוד ווערט דערמאָרדעט.

א קאָרעצער יידישע גרופּע, וועלכע איז געקומען אויף אן אָפּגערעדט אָרט קויפן געווער פאר קאָסטיומען און א גאָלדענעם זייגער, איז דורך דער פּאָליציי נאָכגעשפּיאָנירט געוואָרן און די גרופּע האָט געמוזט פריצייטיק אנטלויפן אין וואלד.

דער מירער ייד ברוך שימאנאָוויטש האָט פארהאנדלט מיט א געוויסן פויער כודאָבא וועגן באקומען געווער. כודאָבא האָט וועגן

דעם געמאָלדן דער פּאָליציי. זיי האָבן אים געגעבן א רעוואָלווער, מיט וועלכן ער איז אוועק צו שימאַנאָוויטשן.

לויטן אָפּגערעדטן פּלאַן, האָט די פּאָליציי געדאַרפט אָנקומען אין מאָמענט פון די פאַרהאַנדלונגען און דאָס האָט געזאָלט דינען אלס פּרעטעקסט צו א מאַסן־שחיטה.

די פּראָוואָקאַציע איז ניט געלונגען נאָר א דאַנק דער וואָרענונג פון אָסוואַלד רופּאייזן — א ייד, וועלכער האָט געאַרבעט אלס פאָלקס־דייטש אין דער מירער זשאַנדאַרמעריע.

שימאַנאָוויטש איז אָבער דערשאָסן געוואָרן.

עס פלעגט אָבער אויך געלינגען ביי א דורכפאַל צו פאַרווישן און פאַרטושן די זאַך דורך א גרויסן שוחד.

דורך א באַראַנאָוויטשער געשטאַפּאָוויעץ איז געכאַפּט געוואָרן א צוועלף יעריק ייִנגעלע, אין וועמענס וואָגן מען האָט בעת א רעוויזיע אנטדעקט א זעקעלע מיט 73 קוילן געגנבעטע ביי די דייטשן. נאָך א פאַרהער פון ייִנגעלע, וועלכן מען האָט שרעקלעך צעשלאָגן און געדראָט צו דערשיסן, האָט ער זיך מודה געווען, אז די קוילן האָט צווישן די האָלץ אַריינגעלייגט מאָניעק מושינסקי, בכדי אַזוי אַרום אַריינצושמוגלען עס אין געטאָ.

אין דעם פאַל איז געווען פאַרמישט נאָר איין געשטאַפּאָוויעץ און מיט א גרויסן שוחד איז געלונגען דעם גאַנצן ענין צו פאַרטושן. מאָניעק מושינסקי איז אָפּגעקומען בלויז מיט 50 שמייץ.

אויך אין לידער געטאָ איז געווען א פאַל, ווען בעת א רעוויזיע אין א יידישער שטוב זיינען געפונען געוואָרן קוילן און טיילן פון א נאַגאַן. עס איז באַשטאַנען די געפאַר פון א שחיטה. דורך א שוחד איז געלונגען צו ליקווידירן דעם ענין און בלויז דער דירעקט שולדיקער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן.

די דייטשן האָבן ס'רוב געמאַכט „אַקציעס" לויטן פּלאַן, נאָר דאַן ווען עס איז געקומען א באַפעל פון דער העכערער מאַכט.

א גרויסע הילף ביים באַקומען, פאַריכטן און צוזאַמענשטעלן געווער פאַר די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס זיינען געווען די יידישע טעכניקערס, שלאָסערס, סטאָליאַרעס, מאָנטיאָרן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן אָדער אין אַרבעטס־וואַרשטאַטן אין די געטאָס.

וועלוול אַבראַמסאָן (א לענינגראַדער ייד), וועלכער האָט געאַרבעט

אין סלאָנימער „בויטען־לאגער״, אלס מייסטער ביים פאריכטן קוילנוואָרפערס האָט צוגעשטעלט דעם סלאָנימער אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט פינף קוילנ־וואָרפערס צוזאמען מיט קוילן־לענטעס. ער האָט געהאט א מעגלעכקייט אוועקצוגיין מיט א גרופע אין וואלד, אָבער ניט קוקנדיק אויף דער דראָענדיקער טויט־געפאר, האָט ער אויסגעוויילט צו בלייבן ארבעטן אין „בויטן־לאגער״ בכדי צו באזאָרגן מיט נאָך געווער די גרופעס, וועלכע זיינען שוין ארויס אין די וועלדער פון וואָלטשע נאָרע און געשאפן די 51־טע יידישע גרופע ביים אָטריאד א. נ. „שטשארס״. לאנג האָט אָבער ניט געדויערט זיין מסירות־נפשדיקע ארבעט, גאָר אין גיכן האָבן די דייטשן אנטדעקט דאָס סיסטעמאטישע גנבנען פון געווער און אבראמסאָנען מיט זיינע חברים געהאנגען.

וועלוול קרופסקי, אן ערשטקלאסיקער שלאָסער, וועלכער איז געווען דער ליבלינג פון לידער געביטס־קאָמיסאר האנוועג, פאר צונויפשטעלן און אויסרעמאָנטירן פאר אים א באשעדיקטן דייטשן טאנק, שטעלט צונויף אין די לידער געטאָ־ווארשטאטן, געווער פאר די ארויסגייענדיקע יידן פון געטאָ.

העניעק מאלאך (ווארשע) האָט געארבעט אין סלאָנימער „בויטן־לאגער״ און האָט צוזאמען מיט אירקע וויסלפיש (ווארשע), זלמן שוסטעראָוויטש און אברהם בובליאצקי (סלאָנים) ארויסגעטראָגן זייער פיל געווער און אמוניציע. מאלאך האָט צוזאמען מיט די א. ד. חברים אָרגאניזירט צוויי סאבאָטאזש־אקטן ביים אָפטראנספאָרטירן געווער קיין האָמעל. זיי האָבן פארביטן די אויפשריפטן אויף די וואגאָנעס און די טראנספאָרטן זיינען אוועק ניט צו זייער באשטימטן ציל.

ביים אויפלייגן שלעסער צו ביקסן האָט מען געפונען א גאנצן קאסטן שלעסער מיט קורצע „איגליצעס״ (שיס־נאָדלען). זיי האָבן די שלעסער ארייגעלייגט אין די ביקסן און עס אָפגעשיקט צום פראָנט. אין א קורצער צייט ארום איז אָנגעקומען א ידיעה, אז די ביקסן שיסן ניט און דער קאָמענדאנט האָט פאראָרדנט א קאָנטראָל פון יעדן ביקס פארן ארויסשיקן צום פראָנט.

עריק שטיין, א דייטשער ייד פון פראנקפורט איז נאָכן אדורכמאכן א שטורמישע יוגנט מגולגל געוואָרן קיין לאָדזש און נאָכן דייטשן ארייגמארש אנטלאָפן קיין סלאָנים, ווו ער איז אלס דייטשישער ייד באשטימט געוואָרן אלס „פייערווערקער״ — ד. ה. דער פאקטישער בעל־הבית״ פון „בויטן־לאגער״. דעם סלאָנימער אנטי־פאשיסטישן קאָמיטעט

געלינגט אַנצובינדן מיט אים א קאָנטאַקט נאָך דער שחיטה (28־טן יוני 1942). ער האָט שוין אפילו אליין געזוכט פארבינדונגען מיט די פארטיזאַנער און דעריבער פארבאהאלטן „דעפיציט־סחורה"; צוויי הונדערט נאגאנעס און 2.000 פ. פ. ד. ־ קוילן (צו אויטאָמאַטן).

א דאנק אים איז דערמעגלעכט געוואָרן דאָס סיסטעמאטישע באגנבענען פון לאגער און די ערשטקלאסיקע באוואָפענונג פון דער 51־טער יידישער גרופע ביים אָטריאד „שטשאָרס" (בלויז קוילנוואַרפערס — 18!).

ער האָט זיך אויך ארומגעטראָגן מיט א גראנדיעזן פּלאַן פון אויפרייסן דעם „בויטן־לאגער" צוזאמען מיט דער אייזנבאַן־סטאנציע און צוויי אייזנבאַן־בריקן. אָבער פון אויפרייס וואָלט געטראָפן געוואָרן די פאָרשטאָט „זאמאָסטיע", וווּ עס זיינען דאמאָלסט געווען קאָנצענטרירט די 800 לעבן־געבליבענע סלאָנימער יידן, און פון דעם איז גאָרניט געוואָרן (געפאלן אין פארטיזאנקע).

נתן סאלוצקי (זעלווע) האָט געארבעט אלס שלאָסער ביי די דייטשן. ער האָט ארויסגעגנבעט אן אויטאָמאַט און א „צענטל" מיט 500 קוילן. זיין פאָטער געלינגט צו קויפן דריי ביקסן ביי פויערים. מיט דאָס געווער אנטלויפן א גרעסערע צאָל יידן אין רודער־דאָבראָוושטשיזנער וועלדער און קומען אין בולאקס אָטריאד א. נ. „פאָביעדא" (נצחון).

די פארטיזאַנער־אָרגאניזאציע אין פּרוזשאַנער געטאָ געלינגט צו באקומען 20 ביקסן, 2 האנט־קוילנוואַרפערס, אן אויטאָמאַט, גראנאטן, איניקע פיסטאָלעטן און א פּיליפּס־ראדיאָ. דאָס געווער האָבן זיי באקומען אין „בויטן־לאגער", ביים קאָמענדאנט, אן עסטרייכער, פאר גאָלד א. אנד. ווערטפולע חפצים. דאָרט האָט געארבעט אלס מייסטער יוסף אונטערשול, וועלכער האָט אליין ארויסגעטראָגן 7 ביקסן און 2 קוילנוואַרפערס.

דער יונגער עלמאן, וועלכער האָט געארבעט אלס אָנטרייבער ביים פּרוזשאַנער בירגערמייסטער, נוצט אויס דעם בירגערמייסטערס שליטן, אויף וועלכן עס פאלט ניט קיין חשד און פירט אריבער 7 ביקסן מיט אן אויטאָמאַט אין געטאָ אריין. מיט דעם צונויפגעזאמלטן געווער רייסט זיך ארויס, נאָכן איבערשניידן די געטאָ־דראָטן און נאָך א קאמף מיט דער וואך, א גרעסערע גרופע פון עלטערע און פּופּציק פערזאָן אין די וועלדער.

די פארטיזאַנער־אָרגאניזאציע פון שטעטל מיר (נאָוואָגרודקער קרייז) האָט באקומען פיל געווער דורך אָסוואַלד (שמואל) רופאייזן, א געוועזענער קבוצניק פון פאר דער מלחמה אין אלגעמיין־ציוניסטישן

הכשרה־פונקט „עקיבא" אין ווילנע. א דאנק זיין ארישן אויסזען און געפעלשטע דאָקומענטן איז אים געלונגען אריינצובאקומען זיך אין דער דייטשישער זשאנדארמעריע און פאָליציי פון שטעטל מיר, אלס פאָלקס־דייטש. ארבעטנדיק אלס דאָלמעטשער געווינט ער זייער צוטרוי אויף אזוי פיל, אז שפעטער ווערט ער נאָמינירט אלס ראיאָן־קאָמענדאנט.

מאי 1942 האָט מען אלע איבערגעבליבענע יידן פון דער ערשטער שחיטה צונויפגעקליבן אויף איין אָרט אין שלאָס פון די פירשטן מירסקי, בכדי זיי צו האָבן אויפן אויג. די מירער יידן בערל רעזניק, שלמה בארכאס, געוו. קיבוצניקעס אין ווילנע, דערקענען אין דעם דאָלמעטשער אָסוואלד דעם פארמלחמה'דיקן ווילנער קיבוצניק שלמה רופאייזן (געב. קראקאָווער וואָיעוואָדשאפט). ער לאָזט זיך דערקענען און בינדט אָן א קאָנטאקט מיט דער פארטיזאנער־אָרגאניזאציע אין מירער געטאָ.

צוליב קאָנספיראציע־טעמים שיקט ער איבער געווער און ידיעות דורך הירש פיערניקאָוו, וועלכער האָט געארבעט אלס משרת אין „גמינע" און פאניע שמושקאָוויטש, אויפרוימערין אין דער מירער קאָמענדאנטור. ער אליין ברענגט אין די נעכט צו די געטאָ־טויערן 11 ביקסן, 8 „נאגאנען", 10 גראנאטן, עטלעכע טויזנט קוילן, וועלכע עס נעמען איבער מיטגלידער פון דער פארטיזאנער־אָרגאניזאציע, וועלכע האלטן ספעציעל וואך ביים טויער.

די מירער יידן האָבן ניט געוווּסט, אז אָסוואלד איז א ייד און ווען צום יידן־ראט האָבן זיך דערטראָגן ידיעות, אז א געוויסער פאָליציאנט אונטערשטיצט די יידישע יוגנט מיט געווער, לאָזן זיי ארויס א קלאנג, אז דער פאָליציאנט איז א פראָוואָקאטאָר און וויל דורך דעם ברענגען אן אומגליק אויפן געטאָ.

ער האָט דאָס אויך אונטערגעזאָגט די יידן, אז אויף דעם 13־טן אויגוסט 1942 איז באשטימט געוואָרן די פולשטענדיקע ליקווידאציע פון מירער געטאָ. א דאנק זיין אינפאָרמאציע זיינען זונטיק דעם 9־טן אויגוסט 1942 אנטלאָפן פון געטאָ אין דעם נאָענטן וואלד 60 באוואָפנטע און 150 אומבאוואָפנטע יידן.

צוליבן זיין דעמאסקירונג איז ער שפעטער אליין געווען געצוווּנגען צו אנטלויפן אין וואלד און אָנגעקומען אין ביעלסקים אָטריאַד.

די איוויער פארטיזאנער־אָרגאניזאציע האָט מיט דער הילף פון סטאָליארעס און שלאָסערס, חברים פון דער אָרגאניזאציע, פון באזונדערע

געווער - טיילן צוזאמענגעשטעלט אין די געטאָ-ווארשטאטן 5 ביקסן. איידער עס איז געפונען געוואָרן א וועג צו באקומען געווער, האָט די איוויער אָרגאניזאציע זיך געכאפּט צו א פּרימיטיוון מיטל. מיט דער הילף פון אָרטיקן יידישן וועטערינאר, ד"ר זשיטאנער (אומגעבראכט דורך ווייסע פּאָליאקן), וועלכער האָט זיך באוועגט פרייער מחוץ דעם געטאָ, האָט מען באקומען אייניקע פלעשער מיט וויטריאָל (זויער-שטאָף), וועלכן מען האָט צעגאָסן אין קליינע פלעשלעך און צעטיילט צווישן די יידן אין געטאָ, בכדי אין פאל פון אן „אקציע" זאָל מען לויפנדיק אָפּגיסן די פּנימער פון די דייטשן און פּאָליציי.

ווי אין אנדערע געטאָס האָט מען אויך אין איוויע צוגעגרייט מעסערס א. אנד. מינים קאלטע געווער, מיט וועלכע מען זאָל קענען שטעלן א ווידערשטאנד בעתן אנטלויפן פון אן „אקציע".

די אנטוויקלונג פון די געשעענישן איז אָבער געווען אזא, אז אלע אָנגענומענע מאָסמיטלען, וועלכע זיינען געווען אויסגערעכנט אויפן יסוד פון די פריערדיקע שחיטות, פלעגן זיך ארויסווייזן פאר ניט דורכפירבאר. ניט אלע מאָל איז געווען די מעגלעכקייט ארויסצובאקומען די געווער פון די טיפע גלענצנד-מאסקירטע באהעלטענישן (אין א קלאָץ, א געמויערטער וואנט א. ד. גל.), און ניט אלע מאָל האָט מען בעת אן „אקציע" בכלל געקענט צוקומען צו דעם אָרט.

ביים ארויסשיקן ארבעטערס פון באראנאָוויטשער געטאָ אין די ארבעטס-לאגערן פון מאָלאָדעטשנער קרייז זיינען אויך אריינגעפאלן פיל אקטיווע מיטגלידער פון דער געהיימער פּארטיזאנער-אָרגאניזאציע און דורכדעם פאראומעגלעכט דאָס רעאליזירן די פּלענער פון דער אָרגאניזאציע.

דאָס צוגרייטן זיך געווער אין די געטאָס איז בעיקר געווען אויסגערעכנט אויף ארויסצוגיין אין די וועלדער. דאָס האָט מען געמוזט האָבן אין פאל, ווען עס זאָל אויסקומען צו לעבן אלס באזונדערע גרופּע. דאָס איז אויך געווען א גאראנטיע אויף אויפגענומען צו ווערן אין די פּארטיזאנער-אָטריאדן.

◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆

## קאפּיטל עלף

# ווידערשטאַנד און וועגן פון רעטונג אין די געטאָס און ארבעטס־לאַגערן אין מערב־ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע

ווי געזאָגט איז אין די געטאָס צוליב א ריי טעמים ניט געווען קיין מעגלעכקייט פון ווידערשטאַנד, אפילו ניט פון קיין פארצווייפלונגס־ווידערשטאַנד. אָבער דאָך איז אין א ריי ערטער געקומען צו ספּאָנטאַנישע מאסן־ארויסטריטן און אקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן, בעת זיי זיינען געקומען דורכפירן זייערע „אקציעס".

פיל צענדליקער דייטשישע פּגרים זיינען געבליבן ליגן אויף די ברוקן פון די געטאָס, דערהרגעטע מיט טעמפּע מכשירים אָדער אפילו מיט ארויסגעכאַפּטע ביקסן פון די דייטשישע הענט.

די ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס האָבן צוגעגרייט די יידישע באַפעלקערונג צו צינדן די הייזער אין פאַל פון א שחיטה. דאָס האָט בעיקר געדאַרפט פאַראומעגלעכן דעם שונא דורכצופירן מיט „דייטשישער פּינקטלעכקייט" די „אקציעס" און העלפן די יידן פון געטאָ זיך צו ראַטעווען אין דער צייט פון דער אנטשטאַנענער בהלה און פּאַניק ביי די דייטשן.

די יידן האָבן אויך פאַרן אומקומען ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק איבערצולאָזן זייערע אזוי שווער פאַרהאָרעוועטע פאַרמעגנס און הייזער במשך פון דורות פאַר זייערע שוחטים — די דייטשן און זייערע „ליבהאַרציקע שכנים" — די ווייס־רוסן, אוקראַינער און פּאָליאַקן, וועלכע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן טאָג פון יידישן אומקום, בכדי זיי צו ירשנען.

אין ניעסוויזש, גלובאָקי, קלעצק, סטויפּץ (נאָוואָגרודקער קרייז), קרעמעניץ, טוטשין (וואָלין), לאַכווע (לונינעצער געגנט, פּאָלעסיע), און פיל אנדערע שטעט און שטעטלעך האָבן די יידן בעת די שחיטות אליין געצונדן זייערע הייזער.

דער אָרגאַניזאַטאָר פון אונטערציקרן די געטאָ אין קלעצק איז געווען משה פיש, א געוועזענער זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי. ווי נאָר די דייטשן האָבן אין דער נאַכט פון 20־טן אין 21־טן יולי 1942 אַרומגערינגלט די געטאָ, האָבן אַלע יידן אונטערגעצונדן די הייזער, אַרויסגעלאָזט די פערדן פון די בעטגעוואַנט און אין דעם אַנטשטאַנענעם כאַאָס איז לערך 400 פערזאָנען געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך מחוץ דעם געטאָ.

אין קלעצק האָבן די, וועמען עס איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ, אויך געצונדן די הייזער פון די „מיטשטשאַנעס" (ניט־יידישע שטאָטישע באַפעלקערונג), וועלכע האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן די דייטשן רויבן און מאָרדן די יידן.

ווען דער וויצע־פּאָרזיצער פון יידן־ראַט אין טוטשין (ראָוונער־קרייז, וואָלין), מאיר הימלפארב, האָט זיך דערוווּסט, אַז עס גרייט זיך א שחיטה, האָט ער צונויפגערופן די יידן אין שול און זיי אַזוי געזאָגט:

„מיר טאָרן ניט איבערלאָזן אונדזערע פאַרמעגנס פאַר אונדזערע שוחטים. זאָל יעדער קומען צו מיר נעמען א פלאַש נאַפט. זאָל בײַ יעדן אויפן בוידעם זיין צוגעגרייט היי און שטרוי. זאָל יעדער בעת דער שרפה זיך וואַרפן אויף די געטאָ־דראָטן און אויף די דייטשן!". די יידן האָבן געפאָלגט זיין עצה און בעת דער „אַקציע" איז א דאַנק דער אַנטשטאַנענער פּאַניק בײַ די דייטשן און פּאָליציי געלונגען בײַ 3000 יידן צו אַנטלויפן אין די וועלדער.

אין גלובאָקע (ווילנער קרייז) האָבן די יידן געצונדן מיט פריער צוגעגרייטן בענזין, די הייזער און דעם געטאָ־פּאַרקאַן, ווען מען איז זיי געקומען אַרויספירן קיין לובלין. די דייטשן האָבן געעפנט א פייער אויפן געטאָ, בכדי צו דערווייזן זיך, צי די יידן האָבן באמת געוווער. לכתחילה האָבן די יידן ניט געענטפערט, אָבער ווען אָפטיילונגען פּאָליציי און ס. ס. זיינען אַריין אין געטאָ, האָט מען אויף זיי אָנגעהויבן שיסן דורך די פענצטערס און פון בוידעמער. אין אַנטשטאַנענעם כאַאָס, אונטערן דעקמאַנטל פון גוואַלטיקן רויך, זיינען איבער 200 יידן זיך צעלאָפן.

אין בראַסלאַוו (ווילנער קרייז) האָבן די יידן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין א הויז און עפענענדיק א פייער פון רעוואָלווערן און ביקסן, ניט צוגעלאָזן די דייטשן און פּאָליציי צו זיך. ווען די יידן האָט שוין פאַרפעלט קוילן, האָבן די דייטשן זיך דערנענטערט און באַוואָרפן די שטוב מיט

גראנאטן. די קעמפערס זיינען אומגעקומען אונטער די חורבות (מערץ 1943).

אין סטויפץ האָט די יוגנט, אונטערן איינדרוק פון העלדישן ווידערשטאנד אין קלעצק און ניעסוויז, צוגעגרייט א פלאן פון אונטער־צינדן די געטאָ און די ארבעטס־פלעצער. אויפן בוידעם פון דער דייטשישער קאָמענדאנטור האָבן יידישע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן דאָרט געארבעט, צוגעגרייט בענזין. די עלעקטרישע אינסטאלאציע פון דער קאָמענדאנטור איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו דער עלעקטרישער נעץ אין געטאָ, בכדי אין פאל פון אן אקציע זאָל מען קענען אויסלעשן דאָס ליכט אין שטאָט, וואָס עס וואָלט פארגרינגערט דאָס אנטלויפן. די דייטשן האָבן אָבער איבערגעקליגט די יידן. זיי האָבן ארויסגענומען 500 יוגנטלעכע און אוועקגעפירט אויף ארבעט אין דער בּאראנאָוויטשער „טאָט“־אָרגאניזאציע און דורך דעם צוניפט געמאכט אלע פלענער פון ווידערשטאנד.

יידן אין סארני און יאנאָוו (פּאָלעסיע) זיינען זיך צעלאָפן בעת די „אקציעס“ דורך די געטאָ־טויערן און פון די רייען, ווען מען האָט זיי געפירט צום טויט.

אין ראָדון (לידער קרייז) האָט א גרופע יוגנטלעכע, וועלכע זיינען געפירט געוואָרן אונטער א שטארקער וואך פון זשאנדארמען און פּאָליציי צו גראָבן מחוץ דער שטעטל, גריבער פאר די ראדונער יידן (בעת דער גרויסער שחיטה דעם 8־טן מאי 1942). פּלוצים אויף א „הוררא“־געשריי פון איינעם זיך געוואָרפן אויף די בּאגלייטערס מיט רידלען און זיך צעלאָפן. די דייטשן האָבן געעפנט א געדיכטע שיסעריי און פיל זיינען געפאלן. ניינצן יוגנטלעכע איז געלונגען צו אנטלויפן אין דער נאָענט ליגנדיקער נאטשער פּושטשע.

ספּאָראדישע ווידערשטאנדן פון איינצלנע מענטשן זיינען געווען אין פיל ערטער.

אין נאָוואָגרודעק האָט א פריזיער בעת׳ן ארייננעמען אים אין דער מאשין, וועלכע האָט געפירט די יידן צו די גריבער, מיט א ראזיר־מעסער געפרווט איבערשניידן דעם האלדז פון א דייטשישן זשאנדארם. עס איז אים אָבער בלויז געלונגען צו פארווונדן.

בעת דער „אקציע“ אין שטעטל ליובישאָוו (קאמין־קאָשירסקער געגנט), האָט א פריזיער, בעת דער „סאָרטיראָווקע“ צו די גריבער, מיט א ראזיר־מעסער איבערגעשניטן דעם האלדז פון דייטשישן געביטס־

קאָמיסאר מיכאעלים. דער קאָמיסאר איז געבליבן מיט א דעפּאָרמירטן פּנים.

אין ניי־מוש (נעבן באראנאָוויטש), האָט זיך אין צייט פון דער „אקציע" א יידישער קצב געװאָרפן מיט א האק אויף א ווייס־רוסישן פּאָליציאַנט און אים אָפּגעהאַקט א האנט.

אין באראנאָוויטש האָט א ייד בעת דער צווייטער שחיטה (אויף מאָרגן נאָך יום־כּפּור 1942) איבערגעשניטן דעם גאָרגל א ווײַס־רוסישן פּאָליציאַנט, בשעת יענער האָט געזוכט יידן אין מאלינע.

נאָך דער פולער ליקווידאַציע פון לידער געטאָ (סעפּטעמבער 1943) האָט מען געפונען אין א געטאָ־מאלינע דריי „ווייסע־גענדזן" (דאָס זיינען געווען פוילישע „יוגנטלעכע פאָלקס־דייטשן", וועלכע פלעגן היטן די געטאָ און געטראָגן א ווייסע אוניפאָרם), מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ.

א באזונדערס העלדישן ווידערשטאנד האָבן געשטעלט די יידן אין לאכווע און ניעסוויז.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1942 ביינאַכט האָבן די לאכווער יידן זיך דערוווּסט פון שמועסן מיט באקאנטע פּאָליציסטן, אז עס גרייט זיך א שחיטה. די יוגנט האָט באשלאָסן אויסצונוצן די נאכט־פינצטערניש, די קליינע צאָל פּאָליציי און ארויסרייסן זיך פון געטאָ אין די נאָענטע וועלדער און בלאָטעס.

לויטן פּלאן האָט דוד פיינבערג געדאַרפט מיט א האק שפּאלטן דעם קאָפּ פון פּאָליציאַנט, מיט וועלכן אהרל אָשמיאן וועט פארפירן א שמועס, אָפּציענדיק אזוי ארום זיין אויפמערקזאמקייט. צוליב דער גרויסער דיסטאנץ צווישן די פאטראָלירנדיקע פּאָליציאַנטן וואָלט זיך געשאפן אזוי ארום א מעגלעכקייט ארויסצורייסן זיך פון געטאָ אין דער נאָענט פון ישראל בראָדעצקים שטוב.

די מיטגלידער פון יידן־ראַט און די רבנים האָבן דערצו ניט דערלאָזן, טענה'דיק, אז עס איז אפשר ניט קיין שחיטה און מיט דעם וועט מען ארויפפירן אן אומגליק אויפן געטאָ.

דעם 2־טן סעפּטעמבער 1942, אכט א זייגער אינדערפרי, האָבן די דייטשן ארויסגערופן דעם פאָרזיצער פון יידן־ראַט, לאָפּאטין, און געמאָלדן, אז לויטן באפעל מוזן אַלע יידן אומגעבראַכט ווערן, חוץ 30 יידן בעלי־מלאכות, פאכמענער, וועלכע די דייטשן האָבן נויטיק, בתוכם אויך ער, לאָפּאטין. ער האָט שטאָלץ געענטפערט די דייטשן, „אז ער

איז ניט קיין בעל־הבית איבערן לעבן און טויט פון מענטשן, און אז קיין ייד, אויך ניט ער, ווילן זיין אין דעם פאל פריוויליגירט !״.

ער איז גלייך געקומען צולויפן אין געטאָ, האָט דער ערשטער אונטערגעצונדן זיין הויז און געהייסן אלעמען צינדן די הייזער, דערנאָך האָט ער א געשריי געטאָן „יידן לאָמיר רייסן דעם טויער !״.

דער ערשטער האָט מיט א האק געשפּאָלטן דעם קאָפּ א דייטשישן זשאנדארם יצחק ראָכשטיין, און זיך גלייך געוואָרפן אין טייך סמיערדזש, וואָס פליסט אדורך דעם געטאָ. ער איז תיכף דערשאָסן געוואָרן. דאָס איז געווען א סיגנאל צום ווידערשטאנד. די גאנצע געטאָ־באפעלקערונג האָט זיך א לאָז געטאָן צום טויער.

אשר חפץ האָט מיט א האק דערהרגעט פון הינטן א צווייטן דייטש, ארויסגעכאפּט זיין ביקס און געעפנט א שיסעריי אויף די נאָענטסטע דייטשן און פּאָליציאנטן. א חוץ יצחק ראכשטיין האָבן זיך געוואָרפן אויף די דייטשן מיט מעסערס און העק אהרל אָשמיאן, דוד פיינבערג און משה־לייב חפץ.

חפץ'ן איז געלונגען צו דערהרגענען א דייטש. ער האָט אפילו ניט געמאכט קיין באמיונגען צו אנטלויפן, נאָר געזעצט זיך רייטן אויף אים און געהאקט מיט א פענדל איבערן קאָפּ פון דייטש. לויט אלע ווארשיינלעכקייטן זאָל ער האָבן געוואָרן גערירט פון זינען. ער איז באלד דערשאָסן געוואָרן.

דער רויך און פייער פון ברענענדיקן געטאָ, דער מאסן אָנפאל פון די יידן, די אומגעריכטע שיסערייען, פון וועלכע עס זיינען שוין געלעגן א פּאָר פּגרים און פארוואונדעטע, א זאך, וואָס די דייטשן האָבן בכלל ניט דערווארט, האָט בײַ זיי ארויסגערופן אן אלגעמיינע פּאניק און פארלאָרנקייט. דעם מאָמענט האָבן אויסגענוצט די יידן און האָבן זיך א לאָז געטאָן פון געטאָ אין מארק אריין. די, וועלכע האָבן באוויזן ארויסצולויפן מחוץ דעם שטעטל, זיינען געלאָפן צום טייך פּריפּעטש (8 ק״מ פון לאכווע), בכדי צוצוקומען צו די גרעטשינער בלאָטעס (פּאָלעסיע), ווו עס זיינען שוין דאן געווען פארטיזאנער.

די דייטשן זיינען אָבער באלד געקומען צו זיך און געעפנט א געדיכטע שיסעריי אויף די אנטלויפנדיקע יידן אין מארק. א טייל פון די אנטלאָפענע יידן זיינען אויף מאָרגן אומגעקומען ביים טייך פּריפּעטש דורך די נאָכיאָגנדיקע דייטשן און פּאָליציי. בלויז 130—140 מאן איז געלונגען ארײַנצוכאפּן זיך אין די כּאָכאטשער וועלדער (לוניניעצער

געגנט), ווו זיי זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין די רוסישע פּאַרטיזאַנער אָטריאַדן.

דער פאָרזיצער פון יידן-ראט לאָפּאַטין איז בעתן אנטלויפן פארוווּנדעט געוואָרן אין האנט. עס איז אים אָבער געלונגען צו אנטלויפן אין וואלד און ער איז אויפגענומען געוואָרן אין סטאַלינסקן אָטריאַד, קיראָווער בריגאַדע. (אומגעקומען דעם 1-טן אפּריל 1944, שטייענדיק אויף דער וואך נעבן אן איינגעגראָבענער מינע אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צום אָטריאַד).

משה-לייב חפץ, וועמען עס איז געלונגען זיך דורכצורייסן און אָנקומען אין סטאַלינסקן אָטריאַד, איז געפאַלן דעם 30-טן אפּריל 1943, גייענדיק אויף א לויערונג אויפן שליאַך לאַכווע-מיקאשעוויטש. חפץ איז געפאַלן העלדיש ביים קוילן-וואַרפער.

די אַלע איבעריקע א. ד. בחורים, וועלכע האָבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין קאַמף, זיינען אומגעקומען אין געטאָ.

דער העלדישער ווידערשטאַנד פון די לאַכוועער יידן, וועלכע האָבן זיך מיט ליידיקע הענט געוואָרפן אויף זייערע הענקערס באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס און געהרגעט אזויפיל דייטשן, האָט אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג און אנערקענונג אין דער גאַנצער געגנט, ווי אויך ביי די דייטשן.

אין ניעסוויזש האָט זיך דער צוגעגרייטער ווידערשטאַנד פארוואַנדלט אין א ספּאָנטאַנישן קאַמף. די ניעסווּיזשער פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען געווער אויף פאַרשיידענע אופנים. די צוויי יידישע מיידלעך, לאה דוקער און רחל קאַגאַן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין קאָמענדאַנטור ביים רייניקן געווער האָבן אריבערגעטראָגן אין געטאָ גראַנאַטן, נאַגאַנען און טיילנווייז אויך קוילנוואַרפערס. משה דמשק האָט געבראַכט א קוילן-וואַרפער, צוויי פּיסטאָלעטן און איינציקע גראַנאַטן, וועלכע ער האָט באַהאַלטן בעתן אָפּטרעטן פון די סאָוועטן.

בכדי געניווער צו וויסן די דייטשישע פּלענער, האָט זיך די יוגנט איינציקע וואָכן פאַר דער „אקציע" אנגאַזשירט אין יידן-ראט. יעדערער האָט צוגעגרייט פלעשלעך מיט שוועבל-זויער, מעסערס, באַיאָנעטן, דישלעס מיט אָנגעקלאַפּטע טשוועקעס א. ד. ג.

עס איז געווען אָפּגערעדט, אז אין פאַל פון א געפאַר און ווי א סיגנאַל צום קאַמף זאָל דינען דאָס אונטערצינדן א סטאָג היי, וואָס האָט

זיך געפונען אויפן שטח פון געטאָ. עס איז אויך געווען באשטימט, אז אין אזא פאל זאָל מען צינדן די הייזער.



## דמשק משה

אײנער פון די לעבנגעבליבענע אָנפירער פון דער ווידערשטאנד־אָרגאניזאציע אין ניעסוויזשער געטאָ, שפּעטער ראָטע־קאָמאנ־דיר פון פּארטיזאנער־אָטריאד „זא נאשו ראָדינו" (טעטיקייטס־ראיאָן, איוועניצער וועלדער).

דעם 18־טן יולי 1942, איז ליקווידירט געוואָרן די יידישע באפעלקערונג אין שטעטל הארודזיי (14 ק"מ פון ניעסוויזש), וואָס עס איז גלייך באוווסט געוואָרן אין ניעסווישער געטאָ. דער פּרעזעס פון געטאָ, מאגאליף, האָט אויפגעפאָדערט די יידן צו זיין געהאָרכזאם און גאָרניט צו טאָן אויף אייגענער האנט.

דעם 22־טן יולי 1942 פאַרטאָג זיינען אין געטאָ אנגעקומען דייטשן. די דייטשן האָבן געוואָלט איינריידן די יידן, אז זיי ווילן אָפּקלייבן די יוגנט פאר אן ארבעטס־לאגער. ווייסנדיק אָבער פון דער טרויעריקער דערפארונג, וואָס עס באדייט דאָס צונויפזאמלען יידן אויפן מארק־פּלאַץ, האָבן זיך פיל אויסבאהאלטן אין שויך־קעלערן און „מאלינעס". דער פּרעזעס מאגאליף האָט זיך געשטעלט מיט זיין פאמיליע אין דער ערשטער ריי און דערקלערט: „אין דער לעצטער מינוט בין איך מיט אייך און גיי מיט מיין פאמיליע דער ערשטער צום טויט! איך פאראט אייך ניט!"

אויפן בוידעם פון דער גרויסער ניעסווישער שול האָבן פארנומען א פּאָזיציע בעם קוילנוואַרפער אהרן גאם, משה און ניאָמע דוקער (ברידער). ביי א צווייטן עק פון געטאָ איז געשטאנען ביי א צווייטן קוילנוואַרפער דאָס העלדישע מיידל לאה דוקער (שוועסטער פון די א. ד. משה און ניאָמע).

פלוצים איז פון דער דייטשישער זייט געפאלן א שאָס. דער סטאָג היי איז אונטערגעצונדן געוואָרן. עס האָבן אָנגעהויבן צו פלאַקערן די אונטערגעצונדענע מיט בענזין הייזער. די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין די רייען נעבן דער שול, זיינען זיך צעלאָפן. עס האָט זיך גלייך פארבונדן א ספּאָנטאַנישער קאַמף מיט די דייטשן.

לאה דוקער האָט אָנגעהויבן שיסן פון איר קוילנוואַרפער, אָבער איר מאַשין האָט זיך באַלד פאַרהאַקט און אויפגעהערט צו אַרבעטן. די דייטשן האָבן דעם קוילנוואַרפער גלייך פאַרכאַפּט און די העלדישע לאה איז אומגעקומען.



די היסטאָרישע ניעסוויזשער שול,

וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינער אַרכיטעקטור און פון וועלכער די יידן האָבן געשטעלט א פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד אין דעם שחיטה־טאָג. זי איז דורך די דייטשן דאַן אויפגעריסן געוואָרן. די פאָטאָגראַפיע איז געמאַכט געוואָרן נאָך דער באַפרייונג.

דאָס מאַשין־געווער אויפן שול־בוידעם באַשיסט אָן אויפהער די דייטשן און לאָזט זיי ניט צו נענטער צו זיך. אויף די ברענענדיקע

געטאָ־גאַסן גייט א ניט גלייכער קאַמף פון די יידן, באַוואָפנטע מיט מעסערס, שטעקנס, העק, שוועבל־זויער און דישלעס מיט דעם מעכטיק באַוואָפנטן שונא.

די יידן יאַקאָוו און קלאַצקאָ האָבן געהרגעט די „וואַראָנע״ (פּוילישע און ווייס־רוסישע פּאָליציי, וועמענס אוניפאָרם איז געווען א שוואַרצע און דערפאַר דורך די יידן גערופן געוואָרן „וואַראָנעס״), טשיזיק.

דער ניעסוויזשער דאָקטאָר קעסעל האָט אין פאַרלויף פון קאַמף אין מיטן פון ברענענדיקן געטאָ געגעבן מעדיצינישע הילף די פאַרוואונדעטע יידן.

דער העראָישער פאַרצווייפלונגס־קאַמף פון נעסווזשער יידן מיט די דייטשישע און פּאָליצייאישע מערדערס האָט אָנגעהאלטן עטלעכע שעה. די דייטשן, וועלכע האָבן ניט געקענט צוקומען צו דער שול, האָבן זי באַוואָרפן מיט גראַנאַטן און אונטערגעצונדן. די גאַנצע העלדישע מאַנשאַפט ביים קוילנוואַרפער איז פאַרברענט געוואָרן אינאיינעם מיט דער אַלטער היסטאָרישער שול.

עס איז געווען א שרעקלעך בילד. די יידן זיינען געשטאַנען אויף די הויפן פון די ברענענדיקע הייזער און דאָרט אומגעקומען אין פייער.

די דייטשן האָבן ניט געהאַט אויף וועמען דורכצופירן די „אַקציע״— די גאַנצע געטאָ איז געווען פאַרזייט מיט מתים, ס׳רוב פאַרברענטע און דערשטיקטע פון פייער און רויך. די דייטשן און פּאָליציי האָבן טייער באַצאָלט פאַרן ניעסווזשער געטאָ. פון קאַמף־פּלאַץ האָט מען אָפּגעפירט פיל געהרגעטע און פאַרוואונדעטע דייטשן און פּאָליציאַנטן.

בלויז 25 יידן איז געלונגען ארויסצוראַטעווען זיך פון ברענענדיקן געטאָ אין די וועלדער.

די אויסערגעוויינלעך־העלדישע האַלטונג פון דער שוועסטער און די ברידער דוקער ביי די קוילנוואַרפערס איז נאָך לאַנג געווען א טעמע פון שמועסן צווישן די דייטשן און דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

עס זיינען אָבער געווען אַרבעטס־לאַגערן פון ספּעציאַליסטן, אין וועלכע עס זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן קליינע נישטיקע רעשטלעך פון די ליקווידירטע געטאָס. די אַרבעטס־לאַגערן זיינען געווען זאָרגפול אָפּגעהיט דורך פאַרשטאַרקטע וואַכן פון דייטשן און פּאָליציי, שפּיר־הינט, שטאַרקע רעפלעקטאָרן און ארומצוימונגען, וואָס עס האָט פאַראומעגלעכט יעדן פּרווו פון ארויסבאַקומען זיך פון זיי, א זאַך, וואָס איז נאָך געווען מעגלעך אין די געטאָס.

אין די דאָזיקע ארבעטס-לאגערן האָבן ניט עקזיסטירט קיין קאָנטאקט מיט דער אויסערלעכער וועלט און דערפאר איז געווען פולשטענדיק אומעגלעך יעדע איניציאטיוו און פרווו פון ווידערשטאנד און רעטונג.

אזעלכע געטאָ-טורמעס זיינען געווען די ארבעטס-לאגערן: נאָוואָ-גרודעק, פאָנאר און קאָלדיטשעווא (17 ק״ל פון באראנאָוויטש).

פון דאָרט האָבן די געפאנגענע ביסל יידן, וועלכע זיינען געווען פארמשפט אויף א זיכערן טויט, פרייער אָדער שפעטער געקענט זיך ראטעווען בלויז דורך אונטערגראָבונגען, וועלכע זאָלן עפענען פאר זיי א וועג צו פרייהייט.

ביים פעלן פון מכשירים און די נויטיקע טעכנישע מיטלען צו אזא מין קאָמפליצירטער ארבעט, ביי די אומענטשלעכע אומשטענדן און די כסדרדיקע קאָנטראָלן פון די וואכן, האָט עס אויסגעזען צו זיין כמעט ווי ניט רעאליזירבאר. דער אומגעהויערער, נאטירלעכער דראנג צום לעבן האָט געשטויסן די פאראורטיילטע צום טויט „ארעסטאנטן" צו דערטראכטן זיך צו אזעלכע איינפאלן, ווי אויסגראָבן אונטערערדישע טונעלן (פאָנאר, נאָוואָגרודעק) אָדער אויסזעגן א וואנט (קאלדיטשעווא).

דער קאָלדיטשעווער „טויטן-לאגער" איז געווען אן אָרט ניט נאָר פאר יידן. דאָרט האָבן זיך געפונען די יעניקע, וועלכע האָבן שוין ניט געדארפט מער אומקערן זיך צו די לעבעדיקע. דער שעף פון באראנאָ-ווישער „ס. ד.", דער סאדיסט האמעלונג פלעגט זיך דורכשפאצירן איבערן לאגער און אלעמאָל פעסטשטעלן, אז עס זיינען נאָך אלץ דאָ צופיל לעבעדיקע „ארעסטאנטן".

אין לאגער זיינען געבליבן 93 יידן, געבראכטע פון די ליקווידירטע געטאָס באראנאָוויטש, האָראָדישטש, מייטשעט, נאָוואָיעלניע, סלאָנים און מינסק. זיי זיינען דאָרט געווען באשעפטיקט אין די ווארשטאטן אלס ספעציאליסטן שליאָסערס, מעכאניקערס, סטאָליארעס, שניידערס, זייגער-מאכערס א. א. וו.

דאָס לעבן אין לאגער איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אומדערטרעגלעכער. די צום טויט פארמשפטע יידן אָרגאניזירן א רעטונגס-קאָמיטעט, מיט וועלכן עס פירן אָן: לייבל זיגער, פנחס מאָרדקאָווסקי (באראנאָוויטש), בערל קאָרען (לידע), קושניער (דערעטשין).

דער סטאָליער קאָרען בוויערט אויס מיט א קליינעם בוויערל א לאָך אין דער וואנט, וואָס גרענעצט זיך מיט דער גארבעריי, נעבן דער

אָזיערע, ווו די שמירה איז א קלענערע און עס איז ניטאָ קיין וואך־בונקער.

מיטאָק־צייט, ווען אלע יידן פלעגן זיך אויפקלייבן אין באראק, פלעגט מען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט בויערן די קליינע לעכעלעך אויף א שטח פון א האלבן מעטער אין קוואדראט. דריי מאָנאטן האָט געדויערט די שווערע, סכנותדיקע ארבעט, ביז עס איז געוואָרן אויסגעבויערט די וואנט. דאן האָט מען אויסגעשפרייט אויף דער אנדער זייט א קאָלדרע (אין דער נאכט, ווען דער ארויסגאנג איז געווען באשטימט), אז ביים ארויסזעצן די וואנט, זאָל זי ניט מאכן קיין גערויש מיט איר ארויספאלן.

זייענדיק פארטיק מיט דער וואנט, איז דאָס ערגסטע געווען מיט די שפיר־הינט, וועלכע האָבן זיך ניט געלאָזט אָפנארן, און געהאלטן אויג אויף יעדער קלענסטער באוועגונג פון די „ארעסטאנטן".

פאר דעם ענדגילטיקן טערמין, ווען מען האָט באשלאָסן ארויסקריגן זיך פון „טויטן־לאגער", האָט איינער פון די יידן, וועלכער האָט געארבעט אין קיך, דעם זעלביקן אָוונט ארייגעטאָן סם (וועלכע ער האָט באקומען ביי ד"ר נאָוויצקי, מכלומרשט פאר זיך), אין דעם נאכט־עסן פון די הינט, און עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּסמען זיי. מען האָט אויך אָנגעגרייט בענזין אויף אונטערצוצינדן דעם בנין אין פאל פון א דורכפאל.

אין א שנייאיקער זאווערוכע־נאכט (25 מערץ 1943), האָבן זיך אלע 93 יידן ארויסבאקומען דורך דער לאָך, געלאָזט זיך לויפן אין דער ריכטונג פון דער פארפראָרענער אָזיערע און פון דאָרט האָבן זיי זיך געדארפט לאָזן אינאיינעם אין וואלד.

די דייטשן האָבן זיך גלייך געכאפּט און איינגעאָרדנט אויף די אנטלאָפענע א געיעג.

דריי טעג זיינען זיי געווען ארומגערינגלט אין וואראָנטשער וואלד. 26 מאן זיינען געפאלן און קושניער האָט זיך אליין דערשאָסן. די איבערגעבליבענע האָבן זיך צעזייט איבער די וועלדער. דער גרעסטער טייל איז אָנגעקומען צו ביעלסקין אין אָטריאד.

פרילינג 1943 האָבן די דייטשן באשלאָסן צו פארווישן, ווי ווייט מעגלעך, די שפורן פון זייערע גרויזאמקייטן און פארברעכנס. צו דעם צוועק האָבן זיי געבראכט קיין פאנאר, דעם ריזיקן מאסן־קבר פון ווילנער יידנטום, א גרופּע פון לערך 60 יידן און א גרעסערע צאָל רוסישע געפאנגענע, וועמענס אויפגאבע איז געווען עקסהומירן די טויטע קערפּערס און פארברענען זיי.

די ארבעטערס זיינען געווען שטארק באוואכט פון ס. ס.־לייט. זייער גורל איז געווען א פאראוים באשטימטער, ווייל די דייטשן וועלן דאך ניט לאזן קיין לעבעדיקע עדות פון זייערע פארברעכנס.

צוליב דעם, וואס זיי זיינען געווען אפגעשלאסן פון יעדן קאנטאקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, האט דער איינציקער וועג פון רעטונג געקענט זיין בלויז אן אונטערגראבונג, א טונעל. א מאסקווער יידישער קריגס־געפאנגענער אינזשינער, מיטן נאמען ארקא האט אייסגעארבעט א פלאן פון אזא טונעל.

במשך פון מער ווי צוויי חדשים האט מען גאנצע נעכט געארבעט ביים גראבן דעם טונעל, וועלכער האט זיך אנגעהויבן פון א חורבה נעבן די באראקן, געהאט אין דער לענג 32 מעטער און ארויסגעפירט מחוץ די פארצוימונגען און דער דייטשער וואך.

נאכן ארורכגיין פון דער ערשטער גרופע דורכן טונעל האט די דייטשע טורעם־וואך באמערקט די פארדעכטיקטע באוועגונג אין דער נאכט־שטילקייט און האט אונטער רעפלעקטארן־ליכט געעפנט א שטארקע שיסעריי און א געיעג נאך די אנטלויפנדיקע.

עס האבן זיך דאן געראטעוועט בלויז א צוועלף מאן, פון וועלכע א טייל איז אוועק צום אטריאד „ניעווסקי" (בריגאדע וואראשילאוו), און די איבעריקע זיינען אויפגענומען געווארן אין דער ליטווישער פארטיזאנער בריגאדע פון יורגיס.

נאך דער פערטער שחיטה אין נאוואגרודעק (5 פעברואר 1943), זיינען די לעבנפארבליבענע ביסל יידן, בעלי־מלאכות, ספעציאליסטן, אין דער צאל פון איבער 500 מאן באזעצט געווארן אין בנין פון קרייז־געריכט.

די יידן פון דער „געטא ־ תפיסה" האבן ניט געהאט קיין שום באוועגונגס־פרייהייט און ניט געקענט קומען אין בארירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. זיי זיינען געווען באוואכט מיט אן אויסערגעוויינלעך שטארקער שמירה, מיט א טאפלטער דראט־פארצוימונג און רעפלעקטארן־טורעמס.

דעם 7־טן מאי 1943, איז אין דער דאזיקער „געטא־תפיסה" פארגעקומען א וויטערדיקע סעלעקציע פון די א. ג. „אומנוצלעכע יודן". עס זיינען איבערגעלאזן געווארן ביים לעבן בלויז 233 יידן.

עס איז פאר אלעמען קלאר געווארן, אז עס איז שוין קיין שאנס ניטא אויסצומיידן א „דייטשישן־טויט", און די „ארעסטאנטן" האבן

אָנגעהויבן טראכטן ווי אזוי זיך צו באפרייען פון דאָזיקן שענדלעכן צייטווייליקן לעבן.

עס איז אנטשטאנען א ווידערשטאנדס־קאָמיטעט פון זיבן מאן אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר קאגאן ז״ל. (מיטגליד פון צ. ק. פון פועלי־ציון פאראייניקט מיט צ. ס. אין פארמלחמהדיקן פוילן, וועלכער איז מגולגל געוואָרן פון באראנאָוויטש אין נאָוואָגרודקער געטאָ).

עס איז אויסגעארבעט געוואָרן א פּלאן פון אָנפאלן אויף דער טויער־וואך, איבערשניידן די דראָט־פארצוימונגען און אנטלויפן אין די וועלדער.

אין רשות פון די יידן זיינען געווען אייניקע געציילטע ביקסן, וועלכע זיי האָבן געקויפט ביי א פּאָליציאנט פון דער געטאָ־וואך.

ד״ר קאגאן מיט אן אלטן רעוואָלווער, צו וועלכן ער האָט געהאט נאָר איין קויל, איז געווען גרייט זיך צו וואַרפן דער ערשטער אויף די תלינים. דער פּלאן איז אויסגעארבעט געוואָרן מיט אלע פּרטים, אָבער ער איז ניט רעאליזירט געוואָרן צוליב דעם, ווייל ניט אלע יידן זיינען געווען גרייט און געהאט דעם מוט צו מאכן דעם דרייסטן אָנפאל.

עס ענטשטייט דאן א פּלאן פון מאכן אן אויסגראָבונג אונטערן בנין פון געריכט, וועלכער זאָל ארויספירן מחוץ דעם געטאָ. עס געלינגט אויסגראָבן א טונעל פון 208 מעטער די לענג, 70 ס״מ די הויך און 75 ס״מ די ברייט. די גרויסע מענגע אויסגעגראָבענע ערד פלעגט מען ארויסטראָגן אין די קעשענעס און אין קליינע זעקלעך, צעשיטן עס אויפן בוידעם, אויפן הויף, ארום די פּלויטן, אין די הויף־גריבער און צווישן די ווענט. עס איז אלץ געמאכט געוואָרן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט, און יעדעס מאָל ביים אונטערגראָבן אונטערגעשטעלט באלקנס ביי די ווענט און סופיט, אז דער טונעל זאָל ניט ווערן איינגעשאָטן.

דער לעבעדיקער גייסט פון דער אונטערנעמונג איז געווען בערל יאָסעלעוויטש.

עס האָבן זיך ארויסגעראטעוועט דורך דעם טונעל די גאנצע 233 יידן (26 סעפּטעמבער 1943). אָבער דערגיין צום וואלד האָט זיך איינגעגעבן בלויז בערך 150 מאן. די איבעריקע יידן זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן אין דעם געגנט, וואָס די דייטשן האָבן אויף זיי גלייך איינגעאָרדנט נאָך זייער אנטלויפן (צוו. די געפאלענע זיינען אויך געווען ד״ר קאגאן און דער א. ד. יאָסעלעוויטש).

די לעבן געבליבענע זיינען אויפגענומען געוואָרן אין די פאַרשיידענע רוסישע אָטריאַדן פון נאַליבאָקער פּושטשע, בעיקר אָבער דורך ביעלסקים יידישן אָטריאַד.

לײדער איז אָבער בלויז אין געציילטע ערטער פון די טויזנטער שטעט און שטעטלעך פון ווײס־רוסלאַנד און מערב־אוקראַינע געקומען צו אַקטיווע, צוגעגרייטע אָדער ספּאָנטאַנע ווידערשטאַנדן.

דאָס ניט פאַרויסזען קיין מעגלעכקייט צו קאָנטוניאירן א ווידער־שטאַנד אין די געטאָס האָט רייף געמאַכט דעם געדאַנק בײ פיל צו אַנטזאָגן זיך פון דעם און ריכטן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף די אַזוי גאָנט ליגנדיקע רויִקע וועלדער.

עס איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען, אַז אין דער צייט, ווען געטאָס קען מען פאַרצאַמען, קען מען אָבער ניט וועלדער און פּושטשעס פאַרצאַמען און באַוואַכן; אַז בעת געציילטע דײטשן קענען אַרויספירן פון געטאָ טויזנטער יידן צום טויט אָן קיין ווידערשטאַנד, דאַרפן הונדערטער דײטשן זיך יאָגן נאָך איין מענטשן אין די געדיכטענישן פון די וועלדער און דערבײ זיין אין סכנה פון ווערן אַליין געהרגעט.

## קאַפּיטל צוועלף

# יידן ארגאניזאטארן און קאמאנדירן אין די וועלדער

שטורמישע צייטן רופן ארויס העלדן, וועלכע וואָלטן ביי נאָרמאלע באדינגונגען דורכגעגאנגען זייער לעבן אומבאמערקט. געוויינלעך זיינען עס מענטשן מיט טעמפּעראמענט, ענערגיע, אָרגאניזאטאָרישע פעיקייטן און איניציאטיוו.

אין תקופות פון איבערברויז און צערודערונג זיינען זיי די, וועלכע נעמען דעם רודער פון די געשעענישן אין זייער האנט אריין. אין לויף און אנטוויקלונג פון די געשעענישן וואקסן זיי אויס און דערהייבן זיך איבערן גאנצן ארום.

די יידן זיינען געווען צווישן די אָרגאניזאטאָרן און גרונטשטיין־לייגערס פון דער פּארטיזאנער־באוועגונג אין די פּארשיידענע פּושטשעס און ראיאָנען און האָבן מיטגעמאכט די פּארטיזאנקע אין אלע אירע פאזעס און גלגולים. אָנגעהויבן פון דער צייט, ווען אומבאדייטנדיקע גרופּעס מיט געציילטע פּארזשאווערטע ביקסן פלעגן זיך אין דער נאכט־פינצטערניש וואָרפן מיט א „הורא"־געשריי אויף קליינע גארניזאָנען און זייען צווישן זיי טויט און פּאניק און געענדיקט אין דער צייט, ווען די פּארטיזאנקע האָט זיך פונאנדערגעוואָקסן אין א גראנדיעזער פאָלקס־באוועגונג, גוט באוואָפנט און אינסטרוקטירט דורך דער סאָוועטישער ארמיי־ליטונג.

די גרייסע שחיטות אין ווייס־רוסלאנד און אוקראינע זיינען פאָרגעקומען בעיקר אין דער ערשטער העלפט פון 1942, ווען אין די וועלדער האָבן זיך ארומגעדרייט בלויז איינצלנע רוסן, איבערגעבליבענע פון דער ארומרינגלונג.

ווען די יידן פון דערעטשין (סלאָנימער קריין) זיינען געקומען אין רודע — דאָבראָווטשיזנער וועלדער, נאָך דער גרויסער שחיטה (22־טן מאי 1942), האָבן זיי דאָרט געטראָפן קליינע נישטיקע גרופּעס,

האלב באוואָפנטע רוסן, בראש מיט בולאק און בולאט, וועלכע האָבן נאָך ביז דאן ניט אויפגענומען קיין ערנסטע קאמפס־אָפעראציעס.

די הונדערטער אנטלאָפענע יידן פון זשעטלער געטאָ האָבן אין ליפיטשאנער פושטשע ארייננעגאָסן פריש בלוט אין די שיטערע רייען פון די „נקמה־נעמערם" און נעגעבן דעם אימפולס צו פארשטארקטער ארבעט און קאמפס־איניציאטיוו.

ווען עטלעכע צענדליק יידן זיינען אנטלאָפן נאָכן ווידערשטאנד ביים גראָבן די גריבער אין שחיטה־טאָג אין שטעטל ראדון, האָבן זיי אין נאטשער פושטשע געטראָפן אייניקע בלאָנקענדיקע רוסן, און זיי האָבן געלייגט דעם פונדאמענט פון דער שפעטער־אויסגעוואָקסענער בריגאדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל".

טוביה ביעלסקים גרופע האָט חדשים־לאנג ארומגעבלאָנקעט איבער די רחבות'ן פון די וועלדער אין נאָוואָגרודקער ראיאָן, ביז זיי האָבן זיך געטראָפן מיט וויקטאָר פאטשענקאָם רוסישער גרופע און צוזאמען אָנגעהויבן אונטערנעמען קאמפס־אָפעראציעס קעגן שונא.

יוסף צווייבל, דב לארבער, יוסף בליישטיין א. אנד. יידן פון מאניעוויטשער ראיאָן (וואָלין) באווירקן דעם סאָוועטישן אקטיוויסט קאָנישטשיק מיקאָלײַ, באקאנט אין דער פארטיזאנקע אונטערן פסעוודאָנים „קרוק", וועלכער באהאלט זיך אוים ביי פויערים, אז ער זאָל צוזאמען מיט זיי ארויסגיין אין די ווילדער גרינדן א פארטיזאנער־אָטריאד. זיי זיינען דאָס טאקע געווען די גרינדערם פון דעם אָטריאד „קרוק", וועלכער איז אין דער ערשטער צייט געווען כמעט א ריין־יידישער. די געקומענע אין די לובאָרקער וועלדער (וואָלין) יידישע גרופע מיט מישע ערלשטיין בראש, פון פאָווורסקער געטאָ (וואָלין), אָרגאניזירט צוזאמען מיט רוסישע פארטיזאנער דעם אָטריאד „קארטוכין" (בריג. פאָלק, ברינסקי, באטיעס פאראייניקונג).

שוין ענדע אפריל 1942 האָט דער אנטיפאשיסטישער סלאָנימער קאָמיטעט ארויסגעשיקט די ערשטע גרופע יידן אין די ראפאלאָוקער וועלדער אין וואָלטשע־נאָרע (30 ק"מ פון סלאָנים) און געגרינדעט די 51־טע יידישע גרופע ביים אָטריאד „שטשאָרס".

אין נאָוואָגרודקער געטאָ איז געבליבן שטעקן א רוסישער ייד, סלאָנים — א מאיאָר פון דער רויטער ארמיי. אין מערץ 1942 אָרגאניזירט ער א גרופע פון 15 מאן און גייט אוועק אין נאליבאָקער פושטשע.

באלד נאָך דער גרויסער שחיטה אין איוויע (בײַ לידע), דעם 21-טן מאי 1942, פאַרלאָזט א גרופּע פון פיר יוגנטלעכע (צוו. זיי דאָס מיידל ווערע בלאָך) די געטאָ און גייט אוועק אין נאליבאָקער פּושטשע.

געוועזן יידן, וועלכע זיינען בכלל אין די געטאָס ניט אריין און נאָכן אריינמארש פון די דייטשן באלד אוועק אין די וועלדער, אָדער זיך פארשטעקט בײַ באַקאַנטע, איבערגעגעבענע פּויערים. בעיקר, זיינען דאָס געוועזן ישובניקעס, וועלכע האָבן ניט געפאָלגט דעם דייטשישן באפעל וועגן קאָנצענטרירן זיך אין די ראיאָן-שטעט, ווי פאַרפילנדיק דאָס אָנקומענדיקע שלעכטס.

געוועזן אויך יידן, וועלכע זיינען געווען אקטיוו אין די יאָרן 1939—1941 אין דער סאָוועטישער אדמיניסטראציע און קאָמוניסטישער פארטיי, און ווייסנדיק, וואָס עס דערווארט זיי, זיינען זיי גלייך אוועק אין די וועלדער און צו באַקאַנטע פּויערים.

מאיר בליט (קאָוועל) איז אוועק מיט 15 מאַן פון גמינע ראטין (קאָוועלער ראיאָן) דעם 15-טן יולי 1941, ווען מען איז געקומען אים ארעסטירן פאר אקטיוויזם און זיך געשטעלט בראש פון א יידישע פּארטיזאנער-גרופּע ביזן אָנשליסן זיך אין אָטריאד לאגווינאָוו.

יעקב קאָניוכאָווסקי פון וואָראָנאָווע איז צוליב די זעלביקע טעמים באלד נאָכן אריינמארש פון די דייטשן אוועק ארבעטן אלס סטאָליאר אין דאָרף מיזאנצע (נאטשער פּושטשע), בכדי אין יעדן פאל צו קענען אנטלויפן אין וואלד.

די ברידער טוביה, זוסיע און עשהאל ביעלסקי זיינען פון זייער דאָרף סטאנקיעוויטש (בײַ נאָוואָגרודעק) גלייך אוועק אין די דערבײַ-ליגנדיקע וועלדער, ווו זיי האָבן זיך אויסבאהאלטן וואנדערנדיק פון אָרט צו אָרט, ביזן גרינדן זייער פּארטיזאנער-אָטריאד.

שלמה וואָלקאָוויסקי און זיין שוועסטער גענים (באראנאָוויטש) זיינען, אנטלויפנדיק צוזאמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער ארמיי געבליבן שטעקן אין ארומרינגלונג אין מאָהילעווער געגנט און שוין פון דאן אָנגעהויבן פּארטיזאנעווען מיט קליינע גרופּן רוסישע זעלנערס.

איינער פון די ערשטע פּארטיזאנער אין ליפּיטשאנער פּושטשע איז געוועזן דער יידישער לערער שלום באם פון זשעטל. ער האָט זיך דאָרט באוויזן שוין ענדע 1941, ווען קיין פּארטיזאנער זיינען בכלל נאָך ניט געווען. מיטן אויסברוך פון דייטש-סאָוועטישן קריג, געפינט ער זיך אלס לייטענאנט אין די רייען פון דער רויטער ארמיי. בעת איר אָפּטרעטן

אויף מזרח איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט זיין מיליטער-אָפּטיילונג דורך די דייטשן און ער איז געבליבן שטעקן אין די וועלדער. ער פיגורירט דאָ אונטער א פוילישן נאָמען ראדיעצקי און שפּעטער אלס גרוזין אין דעם אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" (אומגעבראכט אלס שפּיאָן דורך דעם אָטריאַד-קאָמאנדיר פּעטיע מאַקאַראָוו, ווען באַס האָט געוואָלט אַריבערגיין אין דעם ניי געשאַפענעם, קאַפּלינסקיס ייִדישן אָטריאַד). ער האָט פיל מיטגעווירקט צו דער אָרגאַניזאַציע פון א. ד. רוסישן אָטריאַד.

איינער פון די פּאָפּולערסטע ייִדישע קאָמאנדירן און אָרגאַניזאַטאָרן פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער-איינהייטן איז געווען ד"ר יחיאל אַטלאַס.

ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1910 אין טשאַרנעצקי-גורע ביי לאָדזש. אין 1939 האָט ער געענדיקט מעדיצין אין באָלאָניע (איטאַליע) און אין פוילן נאָסטראָפיצירט זיין דיפּלאָם.

בעתן דייטשישן אריינמארש קיין פוילן, אַנטלויפט ער קיין מערב-ווייסרוסלאַנד און באַזעצט זיך אין שטעטעלע קאָזלאָווטשיזנע (ביי סלאָנים), וו ער פּראַקטיצירט אלס דאָקטאָר. בעת דער שחיטה אין קאָזלאָווטשיזנע אין מאַי 1942, איז אומגעקומען זיין גאַנצע פאַמיליע: פאָטער, מוטער און 17 יעריקע שוועסטער, צוזאַמען מיטן גאַנצן ייִדישן קבוץ. אלס דאָקטאָר האָט מען אים געלאָזט לעבן און אַוועקגעשיקט אין דאָרף גרויס-וואָליע (קאָזלאָווטשיזנער ראַיאָן, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון רודע-דאָבראָווטשיזנער וועלדער). פון דאָרט האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די ערשטע קליינע גרופּעס רוסישע פּאַרטיזאַנער, געהיילט זייערע פאַרוואונדעטע און געהאָלפן זיי קריגן געווער ביי די אַרומיקע פויערים, צווישן וועלכע ער איז געווען זייער פּאָפּולער אלס דאָקטאָר.

ווען עס קומט אָן קיין גרויס-וואָליע א גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע, אַנטלאָפענע פון דער דערעטשינער שחיטה, גייט ד"ר אַטלאַס מיט זיי אַוועק אין די וועלדער.

ד"ר אַטלאַס האָט צוליב מאָטיוון פון טאַקטישן כאַראַקטער אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג צו ווערן קאָמאַנדיר פון דער ייִדישער ראָטע און אָנגענומען נאָר דעם פּאָסטן פון קאָמאַנדיר פון ערשטן וזוואָד. קאָמאַנדיר פון צווייטן וזוואָד איז געווען אליהו ליפּשאָוויטש (דערעטשין). קאָמאַנדיר פון דריטן וזוואָד — א רוס, שובין. שפּעטער אליהו קאָוועַנסקי (וואָלקאָוויסק).

ד״ר אטלאס איז געווען באליבט און געשעצט ניט נאָר פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער-סאָלדאַטן, נאָר אויך פון דער העכערער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט. ער איז געווען דער סטימול-געבער צו אַלע קאַמפּס-אַקציעס אין יענער געגנט און אַליין געגעבן אַ בייַשפּיל פון דרייסטקייט, אומדערשראָקנקייט און מוט. ער האָט דאָס געפּאָדערט פון זיינע פּאַרטיזאַנער און נאָכמער פון זיך אַליין.

וועגן זיין העלדישקייט און קאַמפּס-געניאַנטקייט האָט מען גערעדט אין אַלע פּושטשעס און פּאַרטיזאַנישע ראַיאָנען. די מענטשן פון זיין ראָטע, ווו זיי זיינען שפּעטער ניט מגולגל געוואָרן, האָבן זיך אויסגע-צייכנט אין די קאַמפן. דאָס געהערן צו ד״ר אַטלאַסעס גרופּע איז געוואָרן אַ זאַך פון שטאָלץ און כבוד.

אין דער שפּיץ פון דער ייִדישער ראָטע בײַ בולאַקס אָטריאַד איז געשטאַנען דער רוס קאָליע קאָנאָפּליאָוו. אָבער ניט קאָנאָפּליאָוו, ניט שובין, ניט אָטריאַד-קאָמאַנדיר בולאַק און שטאַב-נאַטשאַלניק בולאַט האָבן ניט אונטערגענומען קיין שום קאַמפּס-אָפּעראַציע אָן דעם וויסן און באַראַטן זיך מיט דעם קליין-וווּקסיקן ייִדישן דאָקטאָר.

ער האָט די ייִדישע ראָטע מוסטערהאַפט באַוואָפנט דורך די באַקומענע געווער פון די פּויערים. ער האָט די פּאַרטיזאַנער דערצויגן און באַאיינפלוסט אין גייסט פון אָן פּשרה'דיקן קאַמף און נקמה. ער האָט כסדר אומדערמידלעך גערופן צו נעמען נקמה קעגן די דייטשישע האָרדעס פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט און אומאויפהערלעך איבערגעחזרט, אַז מען מוז רעהאַביליטירן דעם ייִדישן כבוד, וועלכער איז פאַרשוועכט געוואָרן צוליב דער פּאַסיווער האַלטונג פון ייִדן אין די געטאָס.

— „מיר מוזן באַווייזן די רוסן — פלעגט ד״ר אַטלאַס בײַ יעדער געלעגנהייט זאָגן — אַז ייִדן קענען קעמפן און ווייסן, ווי נקמה צו נעמען ניט ערגער, ווי די רוסישע פּאַרטיזאַנער״.

ער האָט געוואָלט דורך דער גאַנצער קאַמפּס-טעטיקייט פון דער ייִדישער ראָטע צעשטרייען די לעגענדע, אַז ייִדן קענען ניט קעמפן, אַז ייִדן זיינען פּחדנים. צוליב דעם האָט ער אין זיין אָטריאַד אָנגענומען בלויז מענטשן ערשט נאָך דעם, ווי יענע האָבן באַוויזן בעת אייניקע קאַמפּס-אויפגאַבעס, אַז זיי זיינען גרייט יעדע מינוט צו שטאַרבן פאַר דער הייליקער זאַך.

ער האָט באַוואָרנט מיט געווער ניט נאָר זיין יידישע ראָטע, נאָר אויך געהאָלפן אויפן דאָזיקן געביט קאַפּלינסקיס יידישן אָטריאַד אין דער שכנישער ליפּיטשאַנער פּושטשע, און א דאנק אים האָבן אויך געקראָגן פיל געווער די רוסישע פּארטיזאַנער פון בולאַקס אָטריאַד.

ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון אַלע אונטערנענומענע קאַמפּס־אָפּעראַציעס אין יענער געגנט און אַליין אלס קעמפער אָנטייל גענומען אין די געלונגענע אָנפאַלן אויף די דייטשישע גאַרניזאָנען אין דערעטשין (10־טן אויגוסט 1942), קאָזלאָווטשיזנע (5־טן סעפּטעמבער 1942) רודע־יאַוואָרסקע (8־טן אָקטאָבער 1942), אין דער אַקציע צו פארברענען א סטראַטעגיש־וויכטיקע בריק איבערן טייך ניעמאַן (15־טן אויגוסט 1942), ביים פארבאַפּן א דייטשישן עראָפּלאַן בעת א געצוווּנגענעם אַראָפּלאָזן זיך (28־טן סעפּטעמבער 1942), ווי אויך אין קאַמף קעגן דער שטראָף־עקספּעדיציע פון די דייטשן (15־טן סעפּטעמבער 1942) און בעת דער גרויסער אָבלאַווע (דעצעמבער 1942).

א העלד, א גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר, מיט איינגעבאָרענע איינגעשאַפטן פון א קאָמאַנדיר, א הארציקער ייד, וועלכער האָט אינגאַנצן געאָטעמט מיט קאַמפּס־לוסט און נקמה־ווילן — האָט ער פארשאַפט כבוד דעם יידישן פאָלק, געהויבן די ווירדע פון יידן אין די אויגן פון די רוסישע פּארטיזאַנער און געצוווּנגען זיי ענדערן זייער איינשטעלונג צו יידן אלס קעמפערס.

ער האָט אויך גרויסע פארדינסטן אלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער אַלגעמיין סאָוועטישער פּארטיזאַנקע אין יענע ראַיאָנען. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָפּגעשאַצט זיינע גרויסע פארדינסטן פאַר דער פּארטיזאַנער־באַוועגונג און האָט אים באַלוינט נאָך זיין העלדישן טויט מיט דער בכבודיקסטער אויסצייכענונג „העלד פון ראַטן־פארבאַנד".

(געפאַלן העלדיש אין קאַמף בעת דער גרויסער אָבלאַווע, דעם 5־טן דעצעמבער 1942).

ווי א לעגענדע איז דער נאָמען פון שעפער פון ערשטן יידישן קאַמפּס־אָטריאַד געבליבן אין די הערצער און מוחות פון די יידישע פּארטיזאַנער אין מערב־ווייס־רוסלאַנד.

די דערעטשינער יידן האָבן פיל מיטגעווירקט צו דער אָרגאַניזאַציע און פאַנאַנדערוווּקס פון דער סאָוועטישער פּארטיזאַנקע אין יענער געגנט. זיי האָבן אין בולאַקס אָטריאַד (שפּעטער בריגאַדע א. נ.

„פּאָבּיעדא״) זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן און דיווערסיע־אַקטן קעגן שונא.

אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז אויך געווען באַקאַנט און געהאַט גרויסע פאַרדינסטן, אַדוו. אַלתר דוואָרעצקי. ער איז געבאָרן געוואָרן אין זשעטל (נאָוואָגרודקער קרייז) אין 1906, אין אַ הויז פון אַ באַלעבאַטישער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. נאָכן ענדיקן די רעאַל־גימנאַזיע אין גראָדנע, פאָרט ער אין 1924 אַוועק קיין דייטשלאַנד, ווו ער קומט אָן אין בערלינער פּאָליטעכניקום. מאַטעריעלע שוועריקייטן צווינגען אים אָבער איבערצורייסן זיין שטודיום און זיך צוריקקערן קיין פּוילן.

נאָך פיל מי און מאַטערנישן קומט ער אָן אויף דעם יורידישן פאַקולטעט פון ווילנער אוניווערסיטעט. דאָרט הויבט ער אָן זיך צו פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט. ער טרעט אַריין אין די רייען פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד ביים יידישן סטודענטן־פאַריין.

בעת די פעריען, קומענדיק צו זיינע עלטערן אין זשעטל, אַרבעט ער אומדערמידלעך אין די אָרגאַניזאַציעס „פּועלי ציון״ (פאַראייניקט מיט צ. ס.) און „פרייהייט״ און אָרדנט איין פאַרשיידענע אימפּרעזעס פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, ווו ער טרעט אַרויס אַלס פּרעלעגענט.

נאָכן ענדיקן דעם יורידישן פאַקולטעט, האָט ער אַ געוויסע צייט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט. ווען עס איז געקומען די שווערע, ביטערע צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, האָט ער געשאַפן דעם געהיימען פּאַרטיזאַנער־שטאַב, בראש פון וועלכן ער שטעלט זיך אַליין און גרייט צו די יידישע באַפעלקערונג אין זשעטל צו ווידערשטאַנד און אַרויסגיין אין פּאַרטיזאַנקע.

קומענדיק אין אַפּריל 1942 אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, האָט ער געוואָלט שאַפן אַ ברייט־פאַרצווייגטע יידישע פּאַרטיזאַנקע, וועמענס ציל האָט געזאָלט זיין ראַטעווען אין דער ערשטער ריי די צוקונפט פון פאָלק — די יוגנט, און מאָביליזירן זי צו אומברחמנותדיקן קאַמף, נקמה און פאַרטיידיקונג פון יידישן פאָלקס־כבוד.

— „אויב שטאַרבן זאָל עס זיין אַ ווירדיקער, טענלעכער און העלדישער טויט, ווי עס פּאַסט פאַר זין פון „מכבייער־פאָלק״ — פלעגט ער אומצאָליק איבערחזרן אין זיינע שמועסן.

לײדער, איז אים ניט באַשערט געװען צו זען דעם גראַנדיעזן פּאַנאַנדערװוּקס פון דער פּאַרטיזאַנקע און װידערשטאַנד קעגן דעם פאַרהאַסטן, בלוטיקן דײטשישן אָקופּאַנט. עס איז די איראָניע פון גורל, אַז דװקא ער, װעלכער האָט אַזױ פיל אױפגעטאָן פאַר דער זאַך פון אָרגאַניזירן אַלע אומצופרידענע מיט דעם דײטשישן אָקופּאַציע־רעזשים, איז געפאַלן אַ קרבן פון די הענט פון אײגענע רוסישע פּאַרטיזאַנער (11־טן מאַי 1942).

װען די ײדן פון זשעטל זײנען באַלד נאָך דער צװײטער שחיטה (6־טן אױגוסט 1942) געקומען צולױפן אין ליפּיטשאַנער פּושטשע און געשאַפן אַ ײדישן אָטריאַד פון אָפּגעקליבענע קאַמפס־פעיקע 180 ײדישע בחורים האָט דער רוסישער קאָמאַנדיר, קאָליע װאַכאַנין, זיך אָנגעהױבן רעכענען מיטן ײדישן כוח און געהאָלפן זײ אָרגאַניזירן.

װען עס איז אױפגעקומען די פראַגע װעגן באַשטימען אַ קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, האָבן אַלע אָנגעװיזן אױף דעם ענערגישן, אינטעליגענטן און איניציאַטיװ־פולן הירש קאַפּלינסקי.

הירש קאַפּלינסקי איז געבאָרן געװאָרן אין זשעטל אין 1931, אין אַ קלײן־בירגערלעכער ײדישער פאַמיליע. צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס רײסט ער איבער די לימודים אין דער לידער „תרבות״־שול און קערט זיך אום צוריק אין זשעטל. ער װערט מפקד פון „השומר־הצעיר״ און װאַרפט זיך אַרײן אין דער געזעלשאַפטלעך־ציוניסטישער אַרבעט. ניט געװען קײן אײן אַקציע פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער אין װעלכער ער זאָל ניט נעמען קײן אָנטײל. די מלחמה האָט צונישט געמאַכט זײנע פּלענער װעגן עולה זײן קײן א״י.

באַהאַלטנדיק זיך אין אַ מאַלינע געלינגט אים נאָכן פאַרלירן זײן גאַנצע משפחה זיך צו ראַטעװען און אַנטלױפן אין װאַלד. זײן טעמפּע־ראַמענט און ענערגיע האָט ער אױסגעלאָדן אַלס קאָמאַנדיר פון ײדישן אָטריאַד, װוּ ער האָט װידער אַמאָל באַװיזן זײנע גלענצנדיקע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקײטן, דרײסטקײט און קאַמפס־איניציאַטיװ.

ביסלעכװײז באַװאָפנט ער זײן אָטריאַד, און גײענדיק אַלײן אַלע מאָל אין דער ערשטער רײ, נעמט ער אָנטײל צוזאַמען מיט די רוסישע פּאַרטיזאַנער פון ליפּיטשאַנער פּושטשע אין אַלע קאַמפס־אונטערנעמונגען מיט די דײטשן.

דער ײדישער אָטריאַד װירקט מיט בײם צעקלאַפּן דעם ליטװישן גאַרניזאָן אין הױף מיראָװשטשיזנע (5 ק״מ פון זשעטל), דעם דײטשישן

גארניזאָן אין הויף זאקלישטשינע (8 ק״מ פון זשעטל) און פירט א קאמף מיט דייטשן און ליטווינער אין דאָרף פּאצאָטאָווטשינע (זשעטלער געגנט). זיי איילן צו הילף דעם דאָרף דובראָווקע, ווען די דייטשן קומען אויסמאָרדן די פויערישע באפעלקערונג, נעמען אָנטייל אין צעקלאפּן דעם גרויסן דייטשישן גארניזאָן אין רודע־יאוואָרסקע און דעם גארניזאָן אין מאָטשעוויטש (זשעטלער געגנט), פירט דורך א ריי נקמה־אקטן איבער פויערים, יידן־מערדערס, און די רוסישע פּארטיזאנער־אָנפירונג הויבט זיך אָן שטארק צו רעכענען מיט זיי.

ווערנדיק פּארוואונדעט בעת דער גרויסער אָבלאווע אין ליפּיטשאנער פּושטשע, קען ער גלייכגילטיק ניט דורכגיין, דערזעענדיק אויפן וועג א קוילנוואָרפער און שלעפּט אים א באגאָסענער מיט בלוט מיט זיך. ער איז אוסגעקומען ביי טראגישע אומשטאנדן דורך אנטיסעמיטישע פּארטיזאנער, וועלכע ער רופט צו הילף (דעצעמבער 1942).

קאפּלינסקי איז אָפּגעשאצט געוואָרן דורך די רוסישע פּארטיזאנער אלס פּעיקער אָרגאניזאטאָר פון זיין אָטריאד און מוסטער פון דעם, ווי מען דארף קעמפן מיטן שונא.

פיל מיטגעווירקט צו דער אָרגאניזאציע פון קאפּלינסקיס אָטריאד האָבן די וואָוואָד־קאָמאנדירן: פּיניע גרין (זשעטל, געפאלן) שלום גערלינג (ווארשע), יוסף יודעלעוויטש א. אנד.

נאָך דער גרויסער אָבלאווע אין ליפּיטשאנער פּושטשע און טויט פון קאפּלינסקען איז דער יידישער אָטריאד געוואָרן אויפגעלייזט און איז אריינגענאָסן געוואָרן אין רוסישן אָטריאד „באָרבא״ (פּאָפּולער א. נ. „אָרליאנסקער״) אלס דריטע יידישע ראָטע.

דער ראָטע־קאָמאנדיר איז געווען אן אוקראינער פּאנטשענקאָ. אין די פארשיידענע צייטן זיינען וואָוואָד און אָפּטיילונגס־קאָמאנדירן געווען: שלום גערלינג (ווארשע), יונה ברעסטאָוויצקי (מייטשעט, געפאלן). ראָטע־„פּאָליטרוק״ (פּאָליטישער דערציער), בערל ניקאָלאיעווסקי (זשעטל).

ביסלעכווייז האָט מען פארביטן די יידישע קאָמאנדירן אויף רוסישע און ביים אויפלייזן די ראָטע זיינען שוין געווען בלויז געציילטע יידישע אָפּטייל־קאָמאנדירן.

ביי דער אָרגאניזאציע פון דער יידישער פּארטיזאנקע אין נאליבאָקער פּושטשע האָבן גאָר גרויסע פארדינסטן טוביה ביעלסקי צוזאמען מיט זיינע ברידער זוסיע און עשהאל (געפאלן אין דער רויטער ארמיי, ביי די קאמפן פאר קעניגסבערג).

די ברידער ביעלסקי זיינען געבאָרן געוואָרן אין דאָרף סטאנקיעוויטש (נאָוואָגרודקער קרייז), ביי עלטערן ישובניקעס, מילנערס. זיי זיינען דערצויגן געוואָרן אין יידישן גייסט און געפירט א נאָרמאל יידיש פאמיליע-לעבן אין די ארומיקע שטעטלעך.

אזא לאגע האָט אָנגעהאלטן ביזן ארייננמארש פון די דייטשישע בארבארן. אויך טוביה, וועלכער האָט זיך דאן געפונען אין לידע, האָט געהאלטן פאר געזינטער אריבערצוקלייבן זיך מיט זיין משפחה אין זיין געבורטס-דאָרף צו די עלטערן.



טוביה ביעלסקי

(נאָוואָגרודעק),

קאָמאנדיר פון יידישן אָטריאד
א. נ. „קאלינין"
(מעטיקייטס-ראיאָן, נאליבאָקער פושטשע), לעבט אין א"י.

די ברידער ביעלסקי זיינען דערצויגן געוואָרן אין שויס פון דער נאטור און פון די יינגסטע יאָרן געווען צוגעבונדן צו פעלד און וואלד. זיי האָבן געקענט די ארומיקע סביבה, יעדעס וועגעלע, סטעזשקעלע און טראָפינקעלע.

טוביה ביעלסקי, א הויכער, ברייט פלייציקער, רעפרעזענטאבעלער



**ביעלסקי עשהאל**

ברודער פון ביעלסקי טוביה, פארטרעטער פון אָטריאַד־קאָמאַנ־דיר און קאָמאַנדיר פון דער קאַמפּס־גרופּע איז אָטריאַד. געפ. ביי די קאַמפן ביי קעניגסבערג.

יונגערמאַן אין די דרייסיקער יאָרן, האָט רייטנדיק אויף זיין שיינעם פערד מיטן אריבערגעוואָרפענעם אויטאָמאַט און „נאַגאַן" איבערן לאַנגן לעדערנעם מאַנטל, געמאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק אויף אַלעמען.

ער האָט באַוויזן צו געווינען דעם צוטרוי פון דער העכערער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדע אין נאַליבאָקער פּושטשע און אויסקעמפן פאַר זיין אָטריאַד עקזיסטענץ־רעכט. ניט איינמאָל איז אים געלונגען דורך אינ־טערווענצן אָפּצושרייען גזירות און אפילו טויט־אורטיילן קעגן יידן פאַר פאַרזינדיקן זיך קעגן פּאַרטיזאַנישן קריגס־געזעץ.

טוביה בעלסקי האָט אויף זיך גענומען די אומגעהויערע לאַסט און אומדאַנקבאַרע מיסיע פון אויפנעמען און ראַטעווען דעם ניט־קאַמפּס־פעיקן עלעמענט. ביי די שווערסטע אַפּראָוויזאַציע־באַדינגונגען, אין צייטן פון אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס, ביי א פיינדלעכן איינשטעל צו זיין אָטריאַד אויך מצד א טייל רוסישע פּאַרטיזאַנער, האָט ער ניט פאַרלאָרן זיין גלייכגעוויכט און גלויבן אין זיין הייליקער שליחות צו ראַטעווען

אומגליקלעכע יידן און דורכפירן זיי דורך אלע שבעה מדורי גיהנום ביז צו דער באפרייונג.

עס האָט זיך געפאָדערט פיל גדולד, פאַרשטענדעניש, רחמנות און גלויבן אין דער הייליקער ארבעט וואָס ער טוט, בכדי צו באזיגן אלע אומגעהויערע שוועריקייטן, מיט וועלכע ער האָט זיך באגעגנט טאָג־טעגלעך אלס קאָמאנדיר פון זיין אָטריאד.

טוביה האָט ניט געוואָלט מוותר זיין אפילו אויף א יידישער זקנה, אין דער זעלביקער צייט, ווען יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואסער און א מענטשנס, בפרט א יידנס טויט האָט אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט געמאכט.

טוביה פלעגט זאָגן „אז בכדי צו ראטעווען אן אלטן יידן, לוינט צו ריזיקירן מיטן לעבן!"

ווען אין זיין אָטריאד האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אנטלאָפענע יידן פון לידער געטאָ און מענטשן פון זיין נאָענטסטער סביבה, וועלכע איז באשטאנען ס'רוב פון נאָוואָגרודקער יידן, האָבן זיך קעגנגעשטעלט זייער אָנשלוס, טענה'נדיק, אז דאָס קען ארויפירן אן אומגליק אויף אלעמען — האָט ער געזאָגט „זאָלן נאָר קומען טויזנטער יידן, מיר וועלן באקומען שפייז פאר אלעמען"!

זיין אָטריאד האָט ארויפגעוואָרפן א שרעק אין נאָוואָגרודקער קרייז מיט די נקמה־אקטן קעגן פאָליציי און פויערים—דייטשישע אגענטן, וועלכע פלעגן ארויסגעבן אין די דייטשישע הענט אָדער אליין הרגענען יידן. די פויערים האָבן געוווּסט, אז עס איז דאָ א שטראָפנדיקע האנט, וועלכע דערלאָזט ניט, אז יידיש בלוט זאָל זיין הפקר.

טוביה האָט זיך געקענט אויסקלייבן א רומפולערן און לייכטערן וועג ביי די סאָוועטישע פארטיזאנער, ווען ער וואָלט געוואָרפן זיין „שווערן פעקל" און געבליבן אלס קאָמאנדיר פון א קעמפערישן אָטריאד פון יידישער יוגנט.

ער האָט געקענט ווערן קאָמאנדיר פון שפעטער געשאפענעם יידישן אָטריאד א. נ. „אָרדזשאָניקידזשע", וועלכער איז באשטאנען פון זיינע יונגטלעכע פארטיזאנער. ער האָט אָבער דווקא אויסגעקליבן דעם דערנער־וועג און אוועק מיט אן אָטריאד, וועלכער איז באשטאנען אין זיין גרעסטן טייל פון ניט קאמפס־פעיקע אין נאליבאָקער פושטשע, ווייל ער האָט ניט געזען קיין אנדערן, וועלכער זאָל וועלן און קענען נעמען אויף זיך די שווערע לאסט.

די איבער 1.200 מענער, פרויען און קינדער, יונגע און זקנים, וועלכע ער האָט דורכגעפירט ביז דער באפרייונג, ווייסן ווי אָפּצושאַצן זייער רעטער און דערמאָנען זיין נאָמען מיט פארערונג און איבער־געגעבנקייט.

טוביה ביעלסקים יינגערער ברודער, עשהאל ז״ל, איז געווען דער ליבלינג פון גאנצן אָטריאד. א גוטמוטיקער, אלעמאָל מיט א שמייכל און טרייסט־וואָרט אויף די ליפן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט אלס קאָמאנדיר פון א קאמפס־גרופע פון זעלביקן אָטריאד און גלייכצייטיק געווען פארטרעטער פון אָטריאד־קאָמאנדיר.

די רוסישע אָטריאדן האָבן אָפּגעשאצט עשהאלס פעיקייטן ביי דער אויסשפיר־ארבעט און ער האָט א לענגערע צייט אויסגעפירט די פונקציע פון קאָמאנדיר פון רעטער אויסשפיר־דינסט ביי דער קיראָווער בריגאדע.

צום שטאב האָבן אויך געהערט: מאלבין לאזאר — שטאב נאטשאלניק, ארוו. שלמה וואָלקאָוויסקי — נאטשאלניק פון „אָסאָבי אָטדעל״ (באזונדערער אָפּטייל), פרידבערג פסח (נאָוואָגרודעק) — ווירטשאפטס לייטער, פערדמאן לייב (לידע) — קאָמאנדיר פון דער דיווערסיע־גרופע, אבראמאָוויטש חיים (קארעליטש) און נאָוויצקי לייזער (נאָוואָיעלניע) — ראָטע קאָמאנדירן. בלויז דער קאָמיסאר איז געווען א רוס, שעמיאטאָ־וויטש איוואן.

די קאָמאנדע פון יידישן אָטריאד א. נ. „אָרדזשאניקידזשע״, איז אין איר העכערן צוזאמענשטעל באשטאנען פון ניט־יידן. בלויז טוביה׳ס ברודער, זוסיע, איז געווען דער איינציקער ייד, וואָס האָט געהערט צום שטאב פון אָטריאד. ער איז געווען קאָמאנדיר פון רעטער־אויסשפיר־דינסט און אלס אזעלכער פיגורירט, ווי א פארטרעטער פון רוסישן אָטריאד־קאָמאנדיר. די ראָטע, ווזוואָד און אָפּטייל־קאָמאנדירן זיינען אלע געווען יידן. ראָטע־קאָמאנדיר — ניאָניע שעלובסקי (נאָוואָגרודעק), ווזוואָד־קאָמאנדירן: זאמקאָווי מיכאל (נאָוואָגרודעק, געפאלן) קוטשינסקי שמואל, וואַרשאווסקי (פיעסק) און יעווּנאָוויטש אלי (געפאלן).

אויך דער מינסקער ייד זאָרין האָט גרויסע פארדינסטן אלס אָרגאניזאטאָר פון דער יידישער פארטיזאנקע אין נאליבאָקער פושטשע.

זאָרין, געבאָרן אין מינסק אין 1902, פון פאך א טישלער, איז שוין אין די יאָרן פון בירגער־קריג (1917—1920) געווען א סאָוועטישער פארטיזאן. נאָך דער דייטשישער אָקופאציע פון מינסק געפינט זיך זאָרין אין געטאָ. ער באקענט זיך דאָרט מיט א רוסישן פּאָלקאָווניק סעמיאָנאָוו,

וועלכער איז געווען פארשפארט אין געפאנגען־לאגער פאר סאָוועטישע אָפיצירן, ווו זאָרין פלעגט קומען ארבעטן.

ענדע 1941־טן יאָר געלינגט זאָרינען מיט סעמיאָנאָוון צו אנטלויפן אין סטאראָסיעלסקן וואלד (30 ק״מ פון מינסק) ווו עס ווערט אָרגאניזירט א פארטיזאנער אָטריאד א. נ. „פארכאָמענקאָ״.

דער אָטריאד „פארכאָמענקאָ״ איז אין זיין איבערוויגנדיקער צאָל באשטאנען פון יידן (לערך 150 פערזאָן). די קאָמאנדע איז געווען א קריסטלעכע. זאָרין איז געוואָרן ראָטע־קאָמאנדיר. מיטן פארגרעסערן זיך פון דער צאָל יידן, האָבן זיך אויך געשטארקט די אנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן ביסל קריסטלעכע פארטיזאנער פון אָטריאד.

ענדע 1942 און אין די ערשטע חדשים פון 1943 זיינען פון די געטאָס פון מזרח־ווייס־רוסלאנד (בעיקר פון מינסק) אָנגעלאָפן פיל יידן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען אָן געווער און ניט קיין קאמפס־פעיקער עלעמענט. דער בריגאדע־קאָמאנדיר סעמיאָנאָוו האָט נאָך א ריי קאָנפליקטן צווישן יידן און ניט יידן און בעיקר נאָכן קאָנפליקט מיטן קאָמאנדיר פארכאָמענקאָ, וועלכער האָט אנטלאָפנט און ארעסטירט זאָרינען, געגעבן א באפעל דעם לעצטן אויפצונעמען אלע ניט קאמפס־פעיקע עלעמענטן, וועלכע אנטלויפן פון די געטאָס און שאפן פון זיי א פאמיליע אָטריאד נר. „106״.

צוליב דעם, וואָס דער סטאראָסיעלסקער וואלד האָט זיך געפונען צו נאָנט פון מינסק און פלעגט ווערן אָפט איבערגעפאלן פון פאָליציי, איז זאָרין מיט זיין מחנה אוועק אין נאליבאָקער פושטשע, ווו אונטער דער שוץ פון דער גרויסער צאָל גוט באוואָפנטע רוסישע פארטיזאנער־אָטריאדן האָבן זיי זיך געקענט פילן זיכערער.

די באוואָפענונג פון אָטריאד איז געווען די גאנצע צייט א זייער מאנגלהאפטע, און בלויז א קליינע צאָל צוגעטיילטע יידישע קאמפס־פעיקע יונגעלייט האָבן געדארפט אפראָוויזירן אזא גרויסע צאָל יידן.

אָנגעהויבן האָט ער מיט 60 מאן. נאָך דער באפרייונג האָט זאָרין ארויסגעפירט פון די וועלדער איבער 700 יידן.

זאָרין, צוגלייך ווי ביעלסקי, איז געווען א פאָטער פאר זיין פאמיליע־אָטריאד און האָט זיך באצויגן זאָרגפול און מיט רחמנות צו די געליטענע ברידער.

אין יוני 1944 בעתן צוריקטריט פון די דייטשן, אָרדנט איין זאָרינס אָטריאד א לויערונג אויף דייטשן, וועלכע טרעטן אָפּ אין פאניק

דורך די וועלדער. ווען זאָרין פאָדערט אויף א גרופּע פון 300 דייטשן צו לייגן דאָס געווער, ווערט ער פארוואונדעט אין א פוס, וועלכע ווערט אים שפּעטער אמפּוטירט.

ביי דער אָרגאניזאציע און אויסבילדונג פון אָטריאד האָבן מיטגעווירקט און פיל אויפגעטאָן אויך די איבעריקע מיטגלידער פון שטאב: אדוו. ווערטהיים (ווארשע) — שטאב נאטשאלניק, פויגלמאן — קאָמיסאר און מעלצער — לייטער פון דער באזונדער אָפּטייל. אויך די נידעריקערע קאָמאנדיר-פּאָסטנס זיינען געווען באזעצט דורך יידן.

א שם ביי די פּארטיזאנער אין קאפּולער ראיאָן האָט געהאט גילטשיק, דער קאָמאנדיר פון יידישן אָטריאד א. נ. „זשוקאָוו" (בריגאדע טשאפּאיעוו, פּאראייניקונג פון גענעראל-מאיאָר קאפּוסטין; ביזן קריג האָט ער געארבעט אלס דירעקטאָר פון „זאגאָטסקאָט" (אָרגאניזאציע פאר פלייש-פּארזאָרגונג) אין זיין געבורטס-שטעטל קאפּולע (מינסקער ראיאָן). גלייך נאָכן אָנקומען פון די דייטשן, אנטלויפט ער אין ראיאָנקער וואלד, ווו עס האָט זיך שוין געפונען א קליינע גרופּע רוסישע פּארטיזאנער — מיליטער-לייט, ווי אויך אנטלאָפענע פון אָרטיקן סאָוועטישן פּארטיי-אקטיוו.

נאָך די שחיטות אין קאפּולע, ניעסוויזש, קלעצק, ליאכאָוויטש, סטאָלפּץ קומען אין יענע וועלדער פיל יידן, צווישן זיי אויך פיל ניט קיין קאמפס-פעיקע.

גענ. מאיאָר קאפּוסטין באאויפטראגט גילטשיקן צוזאמענצוקלייבן די אלע יידן און שאפן פון זיי א באזונדערן יידישן אָטריאד.

די שארפסטע פּראָבלעם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער מאנגל אין געווער. באָזשענקאָ (דער אמת'ער נאָמען פון קאפּוסטינען) האָט די יידן קיין געווער ניט צוגעטיילט און זיי האָבן עס געמוזט שאפן אויף דער אייגענער האנט. אויפן גאנצן אָטריאד, וועלכער האָט פון אָנהויב געציילט 60 יידן, זיינען געווען צוויי ביקסן מיט פיר קוילן און איין „אָטרעז"!

אין א גאָר קורצער צייט ציילט דער אָטריאד בערך 200 מאן — 130 יידן און 70 קריסטן. אין דער קאָמאנדע פון אָטריאד זיינען געווען פארטראָטן חוץ גילטשיקן אויך מיכל פיש (ניעסוויזש) אלס זיין פארטרעטער, פּאָליוקא — קאָמאנדיר פון דער 2-טער ראָטע און עוזר מאזע — ווירטשאפטס-לייטער.

גילטשיק ארבעט אומדערמידלעך צו באוואָפענען זיין אָטריאד. אויף די פארשיידנסטע אופנים באקומען זיי געווער, אזוי, אז אין

יאנואר 1943 האָט שוין זיין אָטריאַד 11 קוילנוואַרפערס, 23 אויטאָמאַטן און 130 ביקסן.

דער אָטריאַד „זשוקאָוו" האָט זייער פיל געליטן פון די אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס, וועלכע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די דייטשן אין יענער געגנט. גילטשיק זייענדיק א תושב פון קאַפּולע, האָט דורכגעפירט זיין אָטריאַד דורך אלע געפאַרן ביי דער מינימאַלסטער צאָל קרבנות (לעבט היינט צו טאָג אין רוסלאַנד).

פון די אנטלאָפענע יידן פון פּאָהאָסט-זאַגאָראָדסקער געטאָ (פּינסקער קרייז) און פון האַנצעוויטשער ארבעטס-לאַגער, האָט זיך געשאַפן דער יידישער אָטריאַד א. נ. „קאַגאַנאָוויטש ל. מ." אין פּאָלעסיע. אלס קאָמאַנדיר איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן דוד באָבראָוו ז"ל. אלס שטאַב-נאַטשאַלניק — שלום פעלדמאַן, פּאַרטרעטער — אברהם פעלדמאַן, קאָמיסאַר — העניעק סאָלאָווסקי און ראָטע-קאָמאַנדיר — לייב באָבראָוו (פּאָהאָסט-זאַגראָדסקי).

דער אָטריאַד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן פון איינצלנע, קליינע גרופּעס אין די פּינסקער בלאָטעס און וועלדער דעם 15-טן יולי 1942, איז א שטיק צייט געווען פאַראייניזאַמט אין דער געגנט. דער אָטריאַד האָט דורכגעפירט א ריי געלונגענע דיווערסיע-אַקטן און ארויס-באַקומען געווער ביי די פּויערים.

דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, דוד באָבראָוו, איז געבאָרן געוואָרן אין פּינסק אין 1911-טן יאָר. זיין בילדונג האָט ער באַקומען אין דער תרבות-שול און אין דער פּינסקער פּוילישער גימנאַזיע. דערדינט זיך אין פּוילישן מיליטער דעם ראַנג פון ארטילעריע-פּלוטאָנאָווער. אָנפירנדיק מיט זיין פאָטערס טאַרטאַק אין שטעטל פּאָהאָסט-זאַגאָראָדסקי, וואַרפט ער זיך אריין אין געזעלשאַפטלעך - קולטורעלן לעבן פון זיין קליין שטעטעלע. ער איז פאָרזיצער פון גמילות-חסדים-קאַסע, נאַטשאַלניק פון דער פרייוויליקער פייערלעשער-קאָמאַנדע און פאָרזיצער פון ביבליאָטעק ביי דער אלגעמיין ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

פאַר די סאָוועטן ווערט ער צוליב זיין סאָציאַלן אָפּשטאַם און אלס געוו. פּוילישער אונטער-אָפיציר ארעסטירט. די סאָוועטן באַווייזן אים אָבער ניט ארויסצופירן פון תפיסה בעת זייער איילִיקן אָפּטרעטן, און די דייטשן באַפרייען אים. ער אָריענטירט זיך אָבער גלייך אין דער לאַגע און רופט די יידן צו לויפן אין די וועלדער. ער פלעגט כסדר

זאָגן „די וועלדער קען מען ניט פארצוימען מיט שטאכל־דראָט און ביי אַלע שווערע באַדינגונגען וועט זיך כאָטש א טייל ראטעווען".

באַבראָוו האָט פיל בייגעטראָגן צום אויסבוי פון אָטריאד און צו דער פאראייניקונג מיט דער „מאָלאָטאָוו בריגאַדע", קאָמאָראָווס פאראייניקונג (געשטאָרבן אין וואַלד פון א טיפוס־קראנקייט, מאי 1944).

פון די אנטלאָפענע יידן פון די שטעטלעך דיסנע, מיאָר, גלובאָקי, שארקאָווטשיזנע, וועלכע האָבן זיך געוואלגערט שוצלאָז איף די מאָך־בלאָטעס, וואָס ציען זיך איבער די מיאָרער־דיסנער ראיאָנען (ווילנער קרייז) האָט זיך אָרגאניזירט דער יידישער אָטריאד א. נ. „קאגאנאָוויטש ל. מ.".



**שלמה צימער** (שארקאווטשיזנע)
קאָמיסאר פון יידישן אָטריאד
א. נ. „קאגאנאָוויטש ל. מ."
(מיארער־דיסנער ראיאָנען, ווילנער קרייז)
איצט אין איטאַליע

ביים באַזייטיקן די אומגעהויערע שוועריקייטן פון אָרגאניזירן דעם אָטריאד האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט; אָטריאד קאָמאנדיר, דוד פינצאָוו, אָטריאד קאָמיסאר, שלמה צימער (ביידע שארקאָוושטשיזנע) און שלמה מוסין (דרויע, ווילנער קרייז).

די אָרגאניזאציע פון אָטריאד איז פאָרגעקומען לויט דעם אויפטראג פון קאָמאנדיר פון בריגאדע „ספארטאק", מאיאר כאָמשטשענקאָ נאָך דעם ווי די א. ד., וועלכע האָבן געהערט צו דער זעלביקער בריגאדע, האָבן אים אויפגעקלערט די פארצווייפלטע לאגע פון די יידן.

שלמה מוסין איז פאר דער מלחמה געווען א לערער אין דער דרויער אָרטיקער יידישער שול. בעת דער שחיטה (יולי 1942) געלינגט אים צו אנטלויפן מיט א גרופע יידן פון 70—80 מאן אין וואַלד. ער העלפט מיט ביי דער אָרגאניזאציע פון א. ד. אָטריאד און ווייזט ארויס גרויס העלדישקייט אין די קאמפן (געפאלן אין קאמף).

דער אָטריאד האָט פאר זיין קורצער עקזיסטענץ דורכגעפירט עטלעכע געלונגענע אָנפאלן איף דייטשן און פאָליצייַ און זיך אזוי ארום גוט באַוואָפנט.

קאָמאנדיר פון דער 51-טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס" (וואָלטשע-נאָרא ביי סלאָנים) איז געווען דער רוסישער ייד פון האָמעל, פיאָדאָראָוויטש. שוין בעת דעם פיניש-סאָוועטישן קריג אין 1940, באַקומט ער אַלס אָפיציר דעם „לענין"-אָרדן פאַר אַדורכרייסן די באַרימטע מאַנערהיים-ליניע.

אין יוני 1942 אַנטלויפט ער פון ביאַליסטאָקער געפאַנגענען-לאַגער און דערשלעפּט זיך ביז די וועלדער אין וואָלטשע-נאָרע. ער האָט אַלס קאָמאַנדיר פון דער 51-טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס" אַרויסגעוויזן זייער פיל איניציאַטיוו, און צייכנט זיך אויס צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער גרופּע אין אַלע קאַמפן, וועלכע דער אָטריאַד „שטשאָרס" האָט אונטערגענומען.

ער האָט דאָס אויפגעגעבן און אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן צו ראַטעווען קאָסאָווער געטאָ און דעם פּלאַן פון צעקלאַפּן די ווייס-רוסישע „סאַמאָבאָראָנע-שול" אין הויף האַטינאָוויטש (סלאָנימער געגנט).

פיאָדאָראָוויטש האָט געהאַט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, און יעדן אָוונט ביים פּאַרטיזאַנישן פלאַקער פלעגט ער בעטן דערציילן, ווי יידן לעבן אין א"י. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק פון אַריבער-כאַפּן זיך נאָך דער מלחמה דורך בעסאַראַביע קיין א"י. (געפאַלן ביים מאַרש אויף מזרח, דעם 14 אָקטאָבער 1943 אין דער אומגעגנט פון טייך שטשאַרע נעבן סלאָנים).

פאַרדינסטן פאַר דער 51-טער יידישער גרופּע האָט אויך געהאַט זרח קרעמען (סלאָנים), וועלכער איז צוערשט געווען דער פאַרבינדונגס-מאַן צווישן סלאָנימער אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און דעם אָטריאַד א. נ. „שטשאָרס". אין אָטריאַד איז ער געווען קאָמאַנדיר פון 1-טן דיווערסיע-וווזוואָד און זיך אויסגעצייכנט אין אַלע קאַמפן און דיווערסיע-אַקטן פון אָטריאַד.

פאַר דער יידישער פאַרטיזאַנקע אין פּאָלעסיע האָט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל דר. בליומאָוויטש, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן הויפּט-דאָקטאָר ביי דער בריסקער פאַרטיזאַנער-פאַראייניקונג. נאָך דער באַפרייונג גענעראַל-סעקרעטאַר פון צ. ק. פון דער שארית הפליטה אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד.

דער הויפּט-דאָקטאָר פון דער פאַרטיזאַנער-פאַראייניקונג פון גענ.-מאַיאָר ביעגמאַ, דר. ערליך, געהערט גלייכצייטיק צום שטאַב אַלס

ראט־געבער און נעמט אן אקטיוון אנטייל אין די קאמפן. ווערט אויסגע־צייכנט דורך דער סאָוועטישער רעגירונג מיט פיל אָרדערן.

ביים אָרגאניזירן דעם אָטריאד א. נ. „קרוק״ און שפּעטער דעם באַזונדערן יידישן מזוואָד אין דעם א. ד. אָטריאד האָבן מיטגעווירקט: בערל לארבער (פסעוודאָנים, מאלינקע פון מאניעוויטש), מזוואָד־קאָמאנדיר יוסף בלוישטיין (קאמען־קאשירסק)—פּאָליטישער דערציער און די אָפּטייל־קאָמאנדירן; יצחק קופּערבערג, יעקב צווייבל, יוסף צחייבל און וולאדימיר ווערבא.

אונטערן איינדרוק פון דערציילונגען פון פּויערים וועגן רוסישע פּארטיזאנער, וועלכע האָבן זיך באוויזן אין די דערפער, האָבן זיך לויט דער איניציאטיוו פון גאדי ראָזנבלאט, ברידער קימלבלאט און חיים וואָטשין, אָרגאניזירט א גרופּע יוגנטלעכע פון זאָפּיווקע (אויף יידיש, טראכטענבראד, וואָלין) און ארויס אין די וועלדער. אלס קאָמאנדיר איז אויסגעוויילט געוואָרן חיים (פּעטיע) וואָטשין, קאָמיסאר קוטשער (ווארשע, א געוועזענער זשורנאליסט).

די גרופּע האָט געארבעט אויף אייגענער האנט, ניט האָבנדיק א לענגערע צייט קיין שום פארבינדונגען מיט רוסישע פּארטיזאנער. זי האָט זיך כסדר פארגרעסערט מיט ניי אָנגעקומענע און געציילט 60—70 מאן. זיי האָבן זיך באוואָפנט אויפן חשבון פון די וואלד־וועכטערס און דורכגעפירט פיל נקמה־אקטן קעגן פּויערים יידן־מערדערס און רויבערס, ווי אויך אונטערגענומען א ריי קאמפן מיט די ארומיקע קלענערע גארניזאָנען. שפּעטער האָט זיך די גרופּע אריינגעגאָסן אין קאוופּאקס אָטריאד.

בעתן באריםטן מארש פון קאָוופּאקן צו די קארפּאטן־בערג האָט ער אויפגענומען אין זיין אָטריאד פיל אויסבאהאלטענע יידן אין די וועלדער און ביי די פּויערים.

נאָכן באפרייען די יידן פון ארבעטס־לאגער סקאלאט (מזרח־גאליציע) האָט קאָוופּאק געשאפן פון זיי א יידישע נאציאָנאלע (7־טע) ראָטע, באשטימענדיק א יידישע קאָמאנדע פון דערפארענע פּארטיזאנער פון די אנדערע ראָטעס. די ראָטע האָט געציילט לערך 50 מאן. אלס קאָמאנדיר פון דער ראָטע איז באשטימט געוואָרן יואל שטשערבאטא (וואניע), אלס פּאָליטישער דערציער — חיים (פּעטיע) וואטשין. שפּעטער איז וואָטשין נאָמינירט געוואָרן אלס ראָטע־קאָמאנדיר און גרישע ראָזנבלאט אלס זיין געהילף.

צוליב די גרויסע פארלוסטן, וועלכע די יידישע ראָטע האָט געליטן בײַם ארויסרײַסן זיך פון ארומרינגלונג אין די קארפאטן-בערג (בײַ דער שטאָט דעליאטין, בײַם דניעסטער א. אנד.), איז די יידישע ראָטע אויפגעלייזט געוואָרן און די פארטיזאנער זײַנען צוגעטײלט געוואָרן צו די געמישטע ראָטעס, ווו אויך פריער זײַנען שוין געווען יידישע קעמפערס.



## חיים (פיעטיע) וואָטשין

(זאָפיוװקע, וואָלין)

קאָמאנדיר פון דער 7-טער יידישער ראָטע אין קאָװפּאקס אָטריאד. הײַנט אין איטאליע.

די אָנפירונג פון די צוויי יידישע אָטריאדן „זא פּאָבּיעדו" (פארן נצחון) און „מסטיטעל" (נקמה) אין רודניצקער פּושטשע, בײַ ווילנע, איז כמעט ביז דער לעצטער צײַט געווען א יידישע. די אָנפירערס פון אָטריאד „פארן נצחון" זײַנען געווען: שמואל קאפּלינסקי (ווילנע) — קאָמאנדיר, שפּעטער אברהם שאבּרינסקי (באראנאָוויטש), יצחק מששוואי (ווילנע) — נאטשאלניק פון אויסשפּיר-דינסט, ד"ר לעאָ בערנשטיין (געב. דײַטשלאנד) — סטארשינא (ווירטשאפטס-לײַטער), שפּעטער קוילנווארפלער (איצט פּאָרזיצער פון צ. ק. פון דער שארית הפליטה אין איטאליע).
קאָמאנדיר פון אָטריאד „נקמה" איז געווען אבא קאָוונער. דרײַ

חדשים פאר דער באפרייונג איז אויף זיין אָרט באשטימט געוואָרן דער ליטווין פּעטראַיטיס, נאטשאלניק פון אויסשפּיר־דינסט — חנן מאגיד (ביאליסטאָק), שטאב־נאטשאלניק פון ביידע א. ד. אָטריאדן איז געווען דער ליטווישער ייד — גידאַיליס, קאָמיסארין פון ביידע אָטריאדן — כיענע באַראָווסקא (ווילנע).



חנן מאגיד (ביאליסטאָק),
קאָמאנדיר פון אויסשפּיר־דינסט
אין יידישן אָטריאד „נקמה“
(רודניצקער פּושטשע ביי ווילנע).
איצט אין א״י.

א געוויסע ראָל ביים אָרגאַניזירן די פּארטיזאנער־באַוועגונג אין רודניצקער פּושטשע האָט אויך אָפּגעשפּילט חיים לאזאר (ווילנע), וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאמפן. (פון א פארוואונדונג געבליבן מיט אן אמפּוטירטער האנט).

דאָס כאראקטעריסטישע פון דער יידישער פארטיזאנקע אין רודניצקער פּושטשע איז געווען דאָס, וואָס אירע טרעגערס האָבן איר צוגעגעבן א קלאָרן יידישן נאציאָנאלן כאראקטער (אלע געקומענע פון די אונטערערדישע פארטיזאנער אָרגאניזאציעס פ. פ. א. און גרופּע „איליא שיינבוים“ אין ווילנע) און דער לפי ערך קורצער צייט פון קאמף אין די וועלדער (ארויס פון ווילנער געטאָ ניין חדשים פאר דער באַפרייונג).

יידן האָבן אָפּגעשפּילט א באַדייטנדיקע ראָל ביים אָרגאניזירן און אויסבויען די אלגעמיינע סאָוועטישע פארטיזאנקע אויף אלע שטחים און געביטן.

באלד נאָך די גרויסע „שחיטות אין לידער געביט (8־טן—12־טן מאי 1942) זיינען אין נאטשער פּושטשע געקומען יידן פון די נאָענט ליגנדיקע שטעט און שטעטלעך (לידע, ראדון, וואָראָנאָווע, איישישאָק, וואסילישאָק

סאָפּאָקינצע, זאַבאַלאָטש א. אנד.) און צוזאַמען מיט די יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אָדער געאַרבעט ביי די פּויערים אין אומגעגנט פון דער פּושטשע, נאָך פון פאַר דער שחיטה, אָנגעהויבן אָרגאַניזירן א פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

א רוסישע גרופּע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָט זיך אין צווישנצייט אָרגאַניזירט און זיך פאַרנומען בלויז מיט רויבעריי, האָט נאָך דעם, ווי די יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע איז פאַרגרעסערט געוואָרן מיט נייַ אָנגעקומענע מענטשן, דערוואָרבן געווער און גלענצנדיק דורכגעפירט קאַמפס־אָפּעראַציעס אויף אייגענער האַנט (פאַרברענט די נאַטשער גמינע, צעשטערט צוויי מעלקערייען, דערמאָרדעט בעת א לויערונג דעם ראַדונער דייטשן־אָבערמייסטער פון זשאַנדאַרמעריע א. אנד.), געמאַכט א פאָרשלאַג צו פאַרייניקן זיך און לסוף אין ענדע פעברואַר 1943 געשאַפן א פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד.

א גרויסע ראָל אין דער רוסישער פּאַרטיזאַנקע פון נאַטשער פּושטשע האָט געשפּילט הלל מאַרגאָלים (וואַרשע). לכתחילה איז ער אויסגענוצט געוואָרן אלס ראַדיסט און גלייכצייטיק אלס סאַניטאַר און פעלדשער אין אָטריאַד. דער שטאַב פון דער בריגאַדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל" האָט אָפּגעשאַצט זיין הויכע אינטעליגענץ און שפּראַכן־קענטעניש, באַשטימט אים אלס שטאַב־נאַטשאַלניק פון אָטריאַד „קאַטאָווסקי". אויפן דאָזיקן אמט האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע אָרגאַ־ניזאַטאָרישע פעיקייטן און איז שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אין בריגאַדע־שטאַב אלס גענעראַל־סעקרעטאַר (געפאַלן נאָך דער באַפרייונג דורך די הענט פון וויס־פּוילישע מערדערס).

א באַדייטנדיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון רוסישן אָטריאַד „לענינסקי קאָמסאָמאָל" האָט געשפּילט איליא גרייס (גאָרקי, רוסלאַנד), וועלכער איז געבליבן שטעקן אין נאַטשער פּושטשע נאָך דער אַרומרינגלונג פון דער רויטער אַרמיי. אלס „פּאָליטרוק" פון אָטריאַד האָט ער באַוויזן אויסצופאָרמירן פון אן אויפגעלאָפענער מאַסע, א דיסציפּלינירטן קעמפערישן אָטריאַד. (געפאַלן אין קאַמף ביים דאָרף פּאַדעמבע מיט דער ליטווישער אַנטי־פּאַרטיזאַנישער זעלבסט־שוץ).

מישע מעדלינסקי (סוואַלק) האָט אָרגאַניזירט גרופּעס יידן פון מייטשעט, דוואָרעץ און אַרומיקע שטעטלעך אין די סוואָראָטעווער וועלדער (נעבן באַראַנאָוויטש) און שפּעטער צוזאַמען מיט זיי אַריינגעגאַנגען געוואָרן

אין דעם געשאפענעם אָטריאַד „גראָזני״, וועלכן ער העלפט אויך אָרגאַניזירן און ווערט ראָטע־קאָמאַנדיר.

אין די זשיטאָמירער וועלדער (סאָוו.־אוקראַינע) איז געווען פּאָפּולער דער יידישער קאָמאַנדיר פון א רוסישן אָטריאַד מישא גילדענמאַן (פּסעוודאָנים „דיאַדיא מישא״).

ביז דער אָקופּאַציע האָט אינזש. מישא גילדענמאַן געלעבט אין קאָרעץ (וואָלין) אלס אַן אייגנטימער פון א בעטאָן־פאַבריק.

נאָך פאַר דער שחיטה אין קאָרעץ, איז ער ארויס פון קאָרעצער געטאָ צוזאַמען מיט זיין זון, שמחה און א גרופּע פון עטלעכע און דרייסיק יידן האָבנדיק בלויז א רעוואָלווער און צוויי ביקסן.



אינזש. מישא גילדענמאַן
(קאָרעץ, וואָלין),
פּאָפּולער אלס „דיאַדיא מישא״.
קאָמאַנדיר פון א רוסישן אָטריאַד אין זשיטאָמירער קרייז. נאָך דער באַפרייאונג געקעמפט אין דער רויטער ארמיי. דאָס בילד באַווייזט „דיאַדיא מישא״ אלס אָפיציר פון דער רויטער ארמיי (איצט אין פּוילן).

בראש פון דער גרופּע שטעלט זיך מישא גילדענמאַן. אזוי ווי אין די קאָרעצער וועלדער זיינען דאַן נאָך ניט געווען קיין רוסישע פּארטיזאַנער און עס האָבן געבושעוועט באַנדעראָווסקע באַנדעס איז די גרופּע אוועק אין פּאָלעסיע.

אין וועג צווישן קלעסאָוו און ראָקיטנע ווערט די גרופּע ארומגערינגלט דורך דייטשן און אין קאַמף ליידט זי זייער שמערצלעכע פארלוסטן און בלויז געציילטע ראַטעווען זיך. די קליינע גרופּע איז טעטיק א שטיקל צייט אין וויסאָצקער ראַיאָן אין אומגעגנט פון די דערפער בילע, מילאַטש, כאָטשין (צפון־וואָלין).

שפּעטער גייען זיי אוועק אין זשיטאָמירער ראַיאָן, וווּ די גרופּע וואַקסט זיך פאַנאַנדער אין א צאָלרייכן אָטריאַד אונטערן

אונטערן נאָמען „דיאדיא מישא" אויפן נאָמען פון איר קאָמאנדיר, מישא גילדענמאן, וועלכער האָט קאָמאנדירט מיטן אָטריאַד ביז דער באפרייאונג.

ער און זיין זון שליסן זיך איין אין דער רויטער ארמיי און קעמפן ביזן טאָג פון פולן נצחון איבער די דייטשישע מענטשנפרעסער.

„דיאדיא מישא" און זיין זון שמחה זיינען באַאָרדנט געוואָרן מיט די העכסטע אָרדערן און זיך דערדינט צו אָפיציר־טיטלען פון דער רויטער ארמיי.

אין 1943־טן יאָר איז אראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אן עראָפּלאן דורך א פאראשוט אין די רודניצקער וועלדער יורגיס (זימאן הענעך), בכדי צו אָרגאניזירן א סאָוועטישע פארטיזאנקע אין ליטע. שנעל בויט ער אויס א פארצווייגטע פארטיזאנער־אָרגאניזאציע אין דרום ליטע אין וועלכער יידן זיינען צאָלרייך פארטראָטן (בעיקר פון ווילנע און ווילנער קרייז).

הענעך זימאן (יורגיס) איז געבאָרן געוואָרן אין 1910־טן יאָר אין דער משפחה פון א ישובניק. געלערנט זיך אין מאריאַמפּאָלער און ווילקאָווישער גימנאזיעס. אין 1925 איז ער אָנגעקומען אין קאָוונער אוניווערסיטעט אויפן ביאָלאָגישן פאקולטעט, צוגלייך איז ער געווען לערער פאר נאטור־וויסנשאפט אין דער ווילקאָמירער יידישער גימנאזיע. נאָכדעם איז ער געוואָרן לערער אין דער קאָוונער האנדלס־גימנאזיע.

אין יאָר 1943 טרעט ער אריין אין דער ליטווישער קאָמוניסטישער פארטיי. פון יאָר 1933 ארבעט ער אין דער „יידישער בילדונגס געזעלשאפט" און אין דער צייטונג „פאָלקס בלאט".

פאר זיינע גרויסע פארדינסטן ביים אָרגאניזירן די פארטיזאנער באוועגונג אין ליטע און העלדישן קאמף קעגן די אָקופּאנטן, איז זימאן באלוינט געוואָרן מיטן „לענין"־אָרדען און מיט דריי מעדאלן. יעצט פארנעמט ער א פירנדיקן פּאָסטן אין דער ליטווישער סאָוועטישער רעפּובליק.

דער קאָמאנדיר פון אָטריאַד „באָרבא" (בריגאדע יורגיס) איז געווען א רוסישער ייד, א קאפיטאן פון דער רויטער ארמיי, וואסילענקא, וועמען עס איז געלונגען צו אנטלויפן פון 9־טן פאָרט אין קאָוונע.

ביי יורגיסן אין שטאב האָט געארבעט אונטערן ליטווישן נאָמען מאלאשינסקאס דער ווילנער יידישער בחור, ליאָווע סענדעראָוויטש, וועלכער איז אראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון א פאראשוט אין די רודניצקער וועלדער.

פאַר די צייטן פון דער סאָוועטישער הערשאַפט אין וואָלין (1939 — 1941) האָט געאַרבעט אַלס מיליציאָנער אין סיערניק, אפרים באַקאַלטשוק, צוזאַמען מיט אַן אוקראַינער פון דעם דאָרף וויטשעווקע מיטן נאָמען מאַקסים מיסיורא. ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט די געגנט זיינען זיי ביידע אַנטלאָפן אויף מזרח. קומענדיק צו קיעוו און ניט קענענדיק גיין ווייטער צוליב דעם, וואָס די געגנט איז באַזעצט געוואָרן דורך דייטשן, באַשליסן זיי צוריקקערן זיך צו זייערע היימען.

אַלס געוו. מיליציאָנער קען זיך אפרים ניט צוריקקערן קיין סיערניק און ער באַהאַלט זיך אויס צווישן די יידן אין שטעטל דאָמבראָוויץ. מיסיורא באַהאַלט זיך אויס ביי באַקאַנטע פּויערים אין די אַרומיקע דערפער. די גאַנצע צייט האַלטן זיי אונטער צווישן זיך א קאָנטאַקט.

זומער 1942 באַשליסן זיי ביידע אַוועקצוגיין אין וואַלד און אָרגאַניזירן א פּאַרטיזאַנער-גרופּע. צו זיי פּאַרייניקט זיך באַלד אין וואַלד א גרופּע יידן פון סיערניק, וועלכע זיינען אַנטלאָפן נאָך פאַר דער גרויסער שחיטה (ענדע סעפּטעמבער 1942).

אַלס קאָמאַנדיר פון ניי געשאַפענעם אָטריאַד ווערט אויסגעוויילט מיסיורא, זיין פאַרטרעטער — אפרים באַקאַלטשוק, שטאַב-נאַטשאַלניק — אַלעק אַבוגאָוו, אַלס אָטריאַד-דאָקטאָר — ד״ר ערליך.

זומער 1943 ציילט שוין דער אָטריאַד, וועלכער באַקומט דעם נאָמען „וואָראָשילאָוו״, איבער 200 מאַן, פון זיי 80 יידן. דער אָטריאַד גילט, ווי דער שטאַרקסטער און שלאַכט-פעיקסטער אין דער גאַנצער פּיאָדאָראָוו-פאַראייניקונג. די יידן פון דעם אָטריאַד צייכענען זיך אויס אין אַלע קאַמפן און זיי גיבן אויך די גרעסטע צאָל קרבנות אין די קאַמפן.

דער אָדעסער ייד אַלעק אַבוגאָוו, איז ביים אָנהויב פון קריג מאָביליזירט געוואָרן אַלס רעזערוו-אָפיציר און אָפּגעשיקט געוואָרן צום פראָנט. נאָך צוויי מאָנאַטן קאַמף פאַלט ער אריין אין געפאַנגענשאַפט אין קאָוועל. עס גיט זיך אים איין איבערצוקויפן די דייטשישע וואַך און צוזאַמען מיט נאָך פיר חברים צו אַנטלויפן אין די וועלדער. דאָרט טרעפן זיי אָן נאָך פופצן אַנטלאָפענע רוסישע זעלנערס. אַבוגאָוו שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער גרופּע, באַקומט געווער און הויבט אָן אָנפאַלן אויף קליינע דייטשישע גרופּעס. אין א קורצער צייט האָט שוין זיין גרופּע געציילט איבער 65 מאַן רוסישע קריגס-געפאַנגענע. די דייטשן

פירן דורך אין די וועלדער (הינטער בריסק) א גרויסע אָבלאווע און אלעק פירט אוועק זיין גרופע אין די פינסקער וועלדער.

הארבסט 1942־טן יאָר באַווייזט זיך אין דער געגנט א גרויסע פארטיזאנער־פאראייניקונג אונטער דער אָנפירונג פון די גענ. מאיאָר ביעגמא און פיאָדאָראָוו.



## אלעק אבוגאָוו

(אָדעס)

קאָמאנדיר פון רייטער אויסשפיר־דינסט פון דער פארטיזאנער־פאראייניקונג פון גענ. ביעגמא־פיאָדאָראָוו און איינער פון די אָרגאניזאטאָרן פון דער סאָוועטישער פארטיזאנקע אויף וואָלין און פאָלעסיע.

אבוגאָוו טרעט צו צו דער פאראייניקונג. ער ווערט נאָמינירט צוערשט אלס קאָמאנדיר פון רייטער אויסשפיר־דינסט פון אָטריאד „וואָראָשילאָוו“, שפעטער ווערט ער נאטשאלניק פון שטאב פון א. ד. אָטריאד. שנעל צייכנט ער זיך אויס מיט זיינע העלדישע טאטן און ווערט נאָמינירט דורך דעם גענעראל ביעגמא אלס קאָמאנדיר פון אלע

אויסשפּיר־גרופּעס פון דער פּאַראייניקונג. דעם פּאָסטן פאַרנעמט ער ביז דער באַפרייונג.

אַלעק אבוגאַוו איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער געגנט מיט זיין העלדישקייט. דער נאָמען אַלעק האָט אָנגעוואָרפן א שרעק אויף די היטלעריסטישע העלדן. ביז היינט צו טאָג דערמאָנען אַלע לעבנגעבליבענע פּאַרטיזאַנער פון יענער געגנט מיט ערע דעם אויסשפּירער־העלד, וועלכער האָט זיך שטענדיק באַוויזן דאָרט, ווו דער שונא האָט אים אמווייניקסטן דערוואַרט און וועלכער האָט גענומען נקמה פאַר דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע יידישע בלוט, ניט רעכענענדיק זיך מיט זיין אייגענעם לעבן.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אים אויסגעצייכנט מיט די אָרדנס: „פּאַטערלענדישער קריג" און „רויטער שטערן" און מעדאַלן: „פאַר קאַמפס־פאַרדינסטן", „זיג איבער דייטשלאַנד", „פּאַרטיזאַנער מעדאַל" ערשטע און 2־טע מדרגות.

פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּויליש־סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע אין וואָלין האָט די גרעסטע פאַרדינסטן דער אַסימילירטער לאָדזשער ייד, ראָבערט סאַטאַנאָווסקי. ביז דער מלחמה געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון דער פאָלקס־שול אין דאָרף וויעלון (א זיבן ק"מ פון שטעטל וויסאָצק, וואָלין). ווען מען האָט אָנגעהויבן קאָנצענטרירן די יידן פון דער גאַנצער געגנט אין וויסאָצקער געטאָ, איז ראָבערט סאַטאַנאָווסקי אַנטלאָפן אין די וועלדער. צו אים איז גלייך צוגעשטאַנען זיינס א חבר, א פּוילישער פּראָ־סאָוועטיש געשטימטער לערער ראָזשקאָווסקי און זיי ביידע האָבן אָן אָרגאַניזירן א פּוילישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

לכתחילה האָט דער אָטריאַד געציילט בלויז 15 מאַן און אַלס פּוילישער אָטריאַד א. נ. „קאָסטיושקאָ" געווען אָנגעשלאָסן אין סאַבוראָווס רוסישער פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונג.

סאַטאַנאָווסקי ווערט דורך סאַבוראָוון אָפּגעשיקט מיט א סאָוועטישן עראָפּלאַן פון פּאַרטיזאַנישן עראָדראָם אין קאַרטעניטש (ביי יעלסק, ווייסרוסלאַנד) קיין מאָסקווע. דאָרט מאַכט ער דורך א מיליטערישע שול און באַקומט דעם ראַנג אונטער־פּאָלקאָווניק און קערט זיך צוריק מיט אַן עראָפּלאַן אין זיין טעטיקייטס־ראַיאָן.

צוליב דעם וואָס די אוקראַינישע „באַנדעראָווצעס" מאָרדן די פּוילישע מינדערהייט אויף וואָלין, לויפט די פּוילישע יוגנט צו סאַטאַנאָווסקען און הערבסט 1943 ציילט שוין די באַזונדערע פּוילישע פּאַרטיזאַנער־

פאראייניקונג א. נ. „יעשטשע פּאָלסקא ניע זגינענלא״ (נאָך איז פּוילן ניט פארלאָרן), 7 אָטריאדן מיט 2.500 מאַן.

די גאנצע פאראייניקונג מיט סאטאנאָווסקין בראש איז שפּעטער אוועק טיפער אין הינטערלאנד קיין פּוילן, אין ראיאָן פון פּארטשעוו, ווו זי האָט אָפּערירט ביז דער באפרייונג. היינט צו טאָג איז ראָבערט סאטאנאָווסקי א גענעראל פון דער פּוילישער ארמיי.

די פונקציע פון קאָמיסאר האָט אין דעם א.ד. אָטריאד אויסגעפילט דער, ביי אלעמען באליבטער זשיטאָמירער ייד, מישא (געפאלן בעת א לויערונג).

דער אָטריאד-קאָמיסאר פון „זא סאָוועטסקויו ביעלאָרוס״ (נאליבאקער פּושטשע) איז געווען דער ייד פעלדמאן נאום פון פּינסק.

אָטריאד-קאָמיסאר פון „סטאלינסקי אָטריאד״ (נאליבאקער פּושטשע) איז געווען דער ייד—לוריע. דער קאָמאנדיר פון אָטריאד „איסטרעביטעל״ (מארקאָווס בריגאדע, נאראָטשער פּושטשע), איז דער סאָוועטישער ייד— פּאָדאָלני. קאָמיסאר פון אָטריאד „סיביראק״ איז דער דעסאנטניק—יפה.

אין נאליבאָקער פּושטשע איז געווען פּאָפּולער דער עלטערער-לייטענאנט, קאָמאנדיר פון דעם דיווערסיע-אָטריאד „אָקטיאבר״ (פּאָפּולער אונטערן נאָמען „מאָסקווימשי״), דער ייד גאָרעליק.

אין ליפּיטשאנער פּושטשע (שפּעטער אין רוסקע) האָט ארויסגעוויזן א רירעווודיקע קאמפס-טעטיקייט, די דיווערסיע-פאראשוטיסטן גרופּע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאנען דער ייד—קאפּיטאן דאווידאָוו.

קאָמאנדיר פון א דיווערסיע-ראטע פון רוסישן אָטריאד „קאלינין״ (בריגאדע „קאָמסאָמאָל״, נאליבאקער פּושטשע) איז געווען דוד פּלאָטניק (פּינסק); קאָמאנדיר פון א דיווערסיע-גרופּע אין סטאריצקעס אָטריאד (טשקאלאָווער בריגאדע, וואָלאָזשינער פּושטשע) איז געווען, דער וואָלאָזשינער בחור, לייזער ראָגאָווין.

הערשל סמאָליאר פון מינסק איז געווען רעדאקטאָר פון דער פּארטיזאנישער געדרוקטער צייטונג פון איוויעניצער ראיאָן און שפּעטער פון סטויפּצער.

אויך דער קאָמאנדיר פון רוסישן אָטריאד „יאקוב קאָלאס״, דער „פּאָליטרוק״—קאָהאן און דער נאטשאלניק פון דער באזונדערער אָפּטיילונג ביים אָטריאד „אלעקסאנדער ניעווסקי״ (נאליבאקער פּושטשע), זיינען געווען יידן.

אין מעדוועדיעווס פאראייניקונג (דרום־וואָלין), איז געווען אן אָטריאַד פאר ספּעציעלע אויפגאבעס. דער קאָמאנדיר פון אָטריאַד „דיאדיא וואָלאָדיא״ (אָדער ווי ער איז געווען באקאנט ביי די יידן אונטערן נאָמען וועלוועלע) איז געווען א רוסישער ייד, וועלכער האָט זיך מיט זיין יידישקייט ניט באהאלטן און דערפון קיין סוד ניט געמאכט. דער אָטריאַד האָט פריער געהאט זיין באזע אין די צומאנער וועלדער (דרום וואָלין), שפּעטער אין די קוכאָווער וועלדער (צפון וואָלין).

מען האָט גערעדט, אז דער קאָמאנדיר פון דער פאראייניקונג, מיעדוועדיעוו, איז אויך געווען א ייד. א חשד וועגן יידישער אָפּשטאמונג איז אויך געווען אויף איינעם פון די אָרגאניזאטאָרן פון דער א. ד. פאראייניקונג און מיעדוועדיעווס פארטרעטער, פּאָלק. לוקין.

א וויכטיקע ראָל האָט דאָ געשפּילט א יידישע פרוי פון רוסלאנד, א מיארבעטערין פון שטאב, די העלדישע מאריא אלעקסאנדראָוונא.

אין דער פארטיזאנער־פאראייניקונג פון פיאָדאָראָוו־טשערניגאָווסקי איז דער רוסישער ייד קורבאן געווען דער קאָמיסאר פון 7־טן באטאליאָן ביים אָטריאַד „שטשאָרס״. דער פּאָליטישער דערציער איז געווען אן אָדעסער ייד מארגאָליס (געפאלן), און דער קאָמאנדיר פון דעם קאָמאנדאטן־וזוואָד, דער קיעווער ייד, טאדזשיקאָוו (געפאלן).

אין קאָוופּאקס פאראייניקונג זיינען געווען פיל קאָמאנדירן סאָוועטישע יידן, וועלכע האָבן אָבער פארבאהאלטן זייער יידישע אָפּשטאמונג. דער פארטרעטער פון שטאב דיוויזיע־שעף—וואָיצעכאָוויטש, דער העלדישסטער באטאליאָן־קאָמאנדיר פון דער דיוויזיע — צימבאל, דער העלדישער קאָמאנדיר פון דער דריטער ראָטע — קארפּענקאָ און דער בעסטער מינירער וויקטאָר זיינען געווען יידן.

צוליב טעמים פון פארשיידנארטיקן כאראקטער (טיילוויז אויך צוליב די אנטיסעמיטישע שטימונגען פון א טייל רוסישע פארטיזאנער) פלעגן יידישע אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן (באזונדערס די אָפּשטאמיקע פון די מזרח־געביטן), ניט אלע מאָל אָנגעבן זייער יידישע אָפּשטאמונג און דערפאר איז שווער אָנצורופן אלע נעמען פון דער באדייטנדיקער צאָל יידן, וועלכע האָבן מיטגעווירט צו דער אָרגאניזאציע און פונאנדער־וווקס פון דער סאָוועטישער פארטיזאנער־באוועגונג אין ווייס־רוסלאנד און אוקראינע.

## קאפיטל דרייצן

# די איינשטעלונג פון דער פארטיזאנער־אנפירונג צו דאס פראבלעם פון א באזונדער יידישער פארטיזאנער־באוועגונג

בדרך כלל איז די העכערע אָנפירונג פון דער סאָוועטישער פארטיזאנער־באוועגונג געווען איינגעשטעלט קעגן דאָס שאפן פון באזונדערע נאציאָנאלע יידישע פארטיזאנער־אָטריאדן.

אין דער ערשטער ריי איז עס געווען אין הסכם מיט די אלגעמיינע ריכט־ליניעס פון דער סאָוועטישער נאציאָנאלער־פּאָליטיק. עס האָט גענדארפט הייסן, אז אין ווייס־רוסלאנד קעמפט קעגן דעם אוזורפּאטאָרישן אָקופּאנט דאָס ווייס־רוסישע פאָלק, אין ליטע — דאָס ליטווישע און אין אוקראינע—דאָס אוקראינישע פאָלק. אין די פארטיזאנער־אָטריאדן האָבן זיך באגעגנט זין פון כמעט אלע נאציאָנאליטעטן פון גרויסן רוסלאנד. נעבן ווייס־רוסן, אוקראינער, ליטווינער און פּאָליאקן פון דער אָרטיקער באפעלקערונג האָט מען דאָ געזען ארמענער, אוזבעקן, רוסן, קאזאכן, יידן און אפילו ציגיינערס.

אָבער געקעמפט האָבן די זין פון אלע פעלקער אונטער דער פאָן פון דער רעפּובליק, אויף וועמענס טעריטאָריע דער גורל האָט אים פארוואָרפן אין פארטיזאנקע.

די רוסן, ארמענער, יידן, אוקראינער א. אנד., וועלכע זיינען געווען אין דער פארטיזאנקע אויפן שטח פון ווייס־רוסלאנד האָבן די טרייהייטס־שבועה אפגעגעבן אלס ווייס־רוסן, אָנהויבנדיק מיט די ווערטער: „איך, דער זון פון ווייס־רוסישן פאָלק...‟

מען דארף אויך ניט פארגעסן, אז די יידן אין סאָוועט־רוסלאנד האָבן דאָך ניט קיין באזונדערע רעפּובליק און שטעלן מיט זיך ניט פאָר אויף א וועלכן עס איז שטח קיין מערהייט פון דער באפעלקערונג.

אלס כלל האָט די פארטיזאנקע גענדארפט זיין נאציאָנאל לויט איר געאָגראפישער לאגע און אינטערנאציאָנאל לויט איר מענטשן־מאטעריאל.

בעיקר האָבן די אָנפירערס פון דער סאָזעטישער פּאַרטיזאַנקע מאָטיווירט זייער קעגנערשאַפט צו דעם שאַפן פון יידישע נאַציאָנאַלע אָטריאַדן מיט פאָלגנדיקע פיר מאָטיוון:

1. קעגנווירקן דער דייטשישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט זיך אומאויפהערלעך באַמיט אין וואָרט און אין שריפט (צייטונגען, בראָשורן, פלוג־בלעטלעך א. א. וו.) פאַרשטעלן די פּאַרטיזאַנקע, ווי א ריין יידישע און יידישן אויפטו (די דייטשן האָבן געשריבן, אז די פּאַרטיזאַנער זיינען יידן און באַנדיטן...) — א זאַך, וואָס האָט געקענט מאַכן די פּאַרטיזאַנקע אומפּאָפּולער ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

2. וויסנדיק די שטאַרקע אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן א טייל פּאַרטיזאַנער גופא, האָבן זיי געהאַלטן פאַר צוועקמעסיקער צעוואַרפן די יידן אין די רוסישע אָטריאַדן, בכדי זיי זאָלן זיך ניט וואַרפן אין די אויגן, און ניט געבן די אַנטיסעמיטן אין פּאַרטיזאַנקע קיין געלעגנהייט פאַרצוואַרפן די יידן פּחדנות, אין פאַל ווען א באַזונדערער יידישער אָטריאַד וועט אין קאַמף ליידן א מפּלה אָדער זיין געצוווּנגען, צוליב דעם אָדער יענעם טעם, אָפּצוטרעטן.

3. די רוסן פלעגן אויך זאָגן, אז די יידן קענען ניט אויסטיילן פון זיך קיין געשולטע מיליטערישע אָנפירונג, ווייל זיי פאַרמאָגן ניט אַזעלכע.

4. צוליב דער אַנטיסעמיטישער איינשטעלונג פון דער אָרטיקער פּויערישער באַפעלקערונג וואָלט א באַזונדערער יידישער אָטריאַד געווען אויסגעשטעלט אויף פאַרפאָלגונגען און מסירות, וואָס עס וואָלט גורם געווען קאָנפליקטן ביים מאַכן די שפּײז־פאַרגרייטונגען און אויך קרבנות.

אין דערווירקלעכקייט האָט זיך באַקומען, אז די יידן, צעוואָרפענע אין די רוסישע אָטריאַדן (ביים צעוואַרפן האָט מען זיך באַמיט, אז די יידן זאָלן זיך ניט קאָנצענטרירן אין גרעסערע צאָלן אין איין אָטריאַד), האָבן אויף זיך סיי־ווי־סיי געצויגן די אויפמערקזאַמקייט און שנאה פון די אַנטיסעמיטן.

די יידן פלעגן געשיקט ווערן אויף די געפערלעכסטע קאַמפס־אויפגאַבעס. די יידן אין די רוסישע אָטריאַדן האָבן, צי זיי האָבן געוואָלט אָדער ניט, געמוזט אויספילן די געפערלעכסטע שליחותן, בכדי ניט צו באַקרעפטיקן די אַנטיסעמיטישע איינשטעלונג וועגן יידישע קאַמפס־אומפעיקייט און פּחדנות.

די מפלות און אדורכפאלן פון רוסישע אָטריאַדן, ראָטעס, וזוואָדן און אָפּטיילונגען ביי קאמף און דיווערסיע-אויפגאַבעס, פלעגן אָבער פיל מאָל צוגעשריבן געוואָרן אויפן חשבון פון די יידן. דער ייד איז אויך דאָ געווען א „שעיר לעזאזל"...

עס האָט זיך באקומען, אז די העלדישקייט פון די יידן פלעגן צוגעשריבן ווערן צו ניט-יידן. דאקעגן די מפלות פון די ניט יידן פלעגן ארויפגעוואָרפן ווערן אויף די יידן!



מאיר בליט (פסעוד. קוזניעצאָוו) (קאוועל), סטארשינא פון דער בריגאדע „אניטשטשענקאָ" (קאמין-קאשירסקער קרייז, וואָלין) איצט אין איטאליע.

צוליב דעם איז געווען שטארק ביי יידן די שטימונגען אויסצוטיילן זיך אין באזונדערע יידישע אָטריאדן, אָדער אין באזונדערע קלענערע פאָרמאציעס (ראָטעס, וזוואָדן) אין די ראמען פון די רוסישע ·אָטריאדן.

אין דער ערשטער העלפט פון 1943 איז די אטמאָספער פאר יידן אין איניקע רוסישע אָטריאדן געווען אזא, אז די יידן האָבן אָפטמאָל מורא געהאט ארויסצוגיין מיט א טייל פון זייערע ניט-יידישע קאמפס-חברים אויף אויפגאבעס...

א וויכטיקע סיבה פאר אויסטיילן זיך איז ביי די יידישע קעמפערס געווען דאָס פראָבלעם פון משפחות.

אין די רוסישע אָטריאדן האָט מען זייער ניט גערן אָנגענומען פרויען, און באזונדערס יידישע, שוין אָפגערעדט פון די איבעריקע ניט קאמפס-פעיקע עלעמענטן, ווי קינדער און זקנים. די אָנפירונג האָט געהאלטן, אז די אָנוועזנהייט פון אזעלכע עלעמענטן שוואכט אָפּ די קאמפס-פעיקייט און אין פאל פון אן „אָבלאווע" באשווערט די קאמף-און

באוועגונגס־פעיקייט פון אָטריאַד. דאָס איז געווען בלי שום ספק אמת. דער יידישער פּאַרטיזאַן האָט אָבער ניט געהאַלט פאַר קיין פאַל מותר זיין אויף די איינציקע איבערגעבליבענע ביים לעבן, משפחה מיטגלידער, וועלכע עס איז אַזוי שווער אָנגעקומען אַרויסצוראַטעווען פון די געטאָס.

פון מאָסקווע זיינען געווען בפירושע דירעקטיוון און שטרענגע באַפעלן צו שיצן און זאָרגן אויך פאַר די ניט קאַמפּס־פעיקע עלעמענטן. ראַטעווען סאָוועטישע בירגערס, האָט עס געהייסן, איז אויך אַ וויכטיקע קאַמפּס־אויפגאַבע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אין די פאַרשיידענע פּושטשעס, וועלדער, וועלדלעך און בלאָטעס, אין די דערפער פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס האָבן זיך געוואַלגערט און אַרומגעשלעפּט אומגליקלעכע יידישע זקנים, קינדער און פרויען, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די דייטשישע שחיטות.

זייער צאָל האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט מיט ניי־צוגעקומענע און געבילדעט אַ שווערע פּראָבלעם פאַר דער העכערער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג, וועלכע האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט דולדן די עקזיסטענץ פון קליינע צעשאָטענע גרופּעס יידן אין די וועלדער, צוליב טעמים פון פּאַרטיזאַנישער סטראַטעגיע און געמוזט זיי איינאָרדנען, כדי צו געבן זייערע זין און טעכטער אַ מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין די קעמפער־רייען.

דאַן האָט מען אָנגעהויבן אויסטיילן די קאַמפּס־פעיקע יידן פון די אומפעיקע. די ערשטע האָט מען איינגעשלאָסן אין די רוסישע קעמפערישע אָטריאַדן. די צווייטע האָבן געבילדעט אינערהאַלב די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס און אונטער זייער שוץ פאַמיליע־(ציוויל) לאַגערן, וועלכע האָבן טיילווייז באַדינט דורך אַרבעט די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן (אין אַנדערע געגנטן זיינען פון די מענטשן אָן געווער געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע „אַרבעטס־באַטאַליאָנען" צו דעם צוועק).

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט געצילט אַרויסצונעמען די יונגטלעכע יידן פון די פאַמיליע־אָטריאַדן און פאַמיליע־לאַגערן און שאַפן פון זיי באַזונדערע קעמפערישע פאָרמאַציעס.

אַזוי האָט מען פון אָטריאַד „קאַלינין" (פּאָפּולער אויפן נאָמען פון קאָמאַנדיר טוביה ביעלסקי), וועלכער איז געווען אַ געמישטער, אַרויסגענומען כמעט די גאַנצע באַוואָפנטע, קאַמפּס־פעיקע יוגנט און געשאַפן אַ נייעם קעמפערישן אָטריאַד א. נ. „אָרדזשעניקידזע" (אויגוסט 1943).

די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער-אָנפירונג האָט געדולדעט נאָר די ריין-יידישע אָטריאַדן, וואו עס האָבן דעצידירט ניט קאָמפּעטענטע עלעמענטן.

דאַקעגן האָט זי אין הסכם מיט איר ליניע זיך באמיט, אַז די עקזיסטירנדיקע יידישע קעמפערישע אָטריאַדן, וועלכע זיינען געווען מער אָדער ווייניקער גוט באוואָפנט און זיך רעקרוטירט פון אַ יוגנטלעכן עלעמענט, זאָלן אויפגעלייזט ווערן, אָדער דורך צעוואַרפן די יידן אין די רוסישע אָטריאַדן, אָדער דורך אַריינפירן אין זיי, ניט-יידן.

אַזוי איז דער אָטריאַד א. נ. „קאַגאַנאָוויטש ל. מ." (טעטיקייטס-ראַיאָן-פּאָלעסיע) פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן (1944), און די יידן זיינען צעשאָטן געוואָרן איבער די אָטריאַדן פון דער קויבישאָווער בריגאַדע.

דער אָטריאַד א. נ. „פּאַרכאָמענקאָ" (בריגאַדע „טשאַפּאַיעוו", גענ.-מאַיאָר פלאַטאַנס פאַראייניקונג, טעטיקייטס-ראַיאָן — סטאַראָסיעל-סקער וואַלד) אין וועלכן עס האָבן דעצידירט לויט זייער צאָל יידן (בעיקר פון מינסק) איז ענדע 1943 רעאָרגאַניזירט געוואָרן, און די יידן פון דעם אָטריאַד זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אין די בריגאַדעס פון נאַליבאָקער פּושטשע.

דער אָטריאַד „אָרדזשעניקידזע" (קיראָווער בריגאַדע, טעטיקייטס-ראַיאָן, נאָוואָגרודעק) איז אחוץ דער אַריינגעשיקטער העכערער אָנפירונג, וועלכע איז געווען אַ ניט-יידישע, באַשטאַנען דורכאויס פון יידן, און דערהאַלטן זיין כאַראַקטער כמעט ביז סוף. דאָך זיינען אין דער לעצטער צייט (1944) אַריינגעשיקט געוואָרן אַהין ניט יידן (30—35 מאַן).

גילטשיקס אָטריאַד א. נ. „זשוקאָוו" (פאַראייניקונג פון גענ.-מאַיאָר קאַפּוסטין, טעטיקייטס-ראַיאָן — קאַפּוליע), איז ענדע 1943 פונאַנדער-געלאָזן געוואָרן און די יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען אין קליינע גרופּעס צעוואָרפן געוואָרן איבער די רוסישע אָטריאַדן אין יענעם ראַיאָן.

די יידישע דריטע ראָטע אין „אָרליאַנסקי-אָטריאַד" (לענינסקע בריגאַדע, שטשוטשינער צווישן-ראַיאָנער צענטער, ליפּיטשאַנער פּושטשע) איז אין דער צווייטער העלפט פון 1943 פאַרניטיידישט געוואָרן דורכן כסדרדיקן אַריינפירן ניט-יידן, דורך אַראָפּנעמען די יידישע אָנפירונג און לסוף דורך אַריבערפירן אַ גרויסן טייל יידן אין דעם ניי-געשאַפענעם „קראַסנאָגוואַרדייסקן אָטריאַד".

די יידישע „וזוואָדן" פון אַבראַמאָוו, לעבעדזיענקאָ און דר. אַטלאַסעס ראָטע (בולאַקס אָטריאַד „פּאָביעדאַ", טעטיקייטס-ראַיאָן, רודער-

דאָמבראָווטשיזנער וועלדער), וועלכע זיינען געווען ריין יידישע, אָדער מיט אן איבערוויגנדיקער צאָל יידן אין דער ערשטער צייט און האָבן זיך אזוי פּאָפּולער געמאכט מיט זייער העלדישקייט, האָבן אויך ביסלעכווייז אויפגעהערט צו עקזיסטירן אלס יידישע און זיינען שפּעטער (ספּעציעל נאָך דעם שאפן א בריגאדע פון בולאקס אָטריאד) אויסגעמישט געוואָרן.

סעפּטעמבער 1943, איז צוליבן שטארקן אנטיסעמיטיזם פון די שכנישע רוסישע אָטריאדן, אויפגעלייזט געוואָרן דער אָטריאד „קאגאנאָוויטש ל. מ." (מיארער־דיסנער ראיאָן). די יידן זיינען אריינגעגאָסן געוואָרן אין דער פּערטער וויים־רוסישער בריגאדע, וועלכע איז געשטאנען אין יענעם ראיאָן.

ענדע 1943 איז פונאנדערגעלאָזן געוואָרן די 51־טע יידישע גרופּע ביים אָטריאד „שטשאָרס" (וואָלטשע נארע) און אריינגעגאָסן געוואָרן אין די רוסישע גרופּעס פון אָטריאד.

אין רודניצקער פּושטשע (ביי ווילנע) האָבן עקזיסטירט צוויי יידישע אָטריאדן, כמעט ביז דער באפרייאונג אונטער א יידישער אָנפירונג: „מסטיטיעל" (נקמה) און „זא פּאָביעדו". צוויי אנדערע אָטריאדן, „באָרבא" און „סמיערט פאשיזמו", האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אלס ריין יידישע און געענדיקט, ווי געמישטע אָטריאדן, בלויז מיט א טיילווייזער יידישער אָנפירונג.

אין די נאראָטשער וועלדער ביי דער אָזיערע נאראָטש), איז דער איינציקער יידישער אָטריאד „מעסט" (נקמה) ליקווידירט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1943. דער קאָמאנדיר באָמקע (א סאָוועטישער ייד) און שטאב־נאטשאלניק יוסף גלאזמאן (קאָוונע, געקומען פון ווילנער געטאָ), זיינען אומגעקומען בעת א בלאָקאדע פון דעם ראיאָן דורך די דייטשן.

דער אָטריאד איז געווען גוט באוואָפנט און דורכן ליקווידירן האָט מען געפונען דעם וועג, ווי צוצונעמען א טייל פון זייער געווער און צוטיילן עם די ניט יידישע פּארטיזאנער. אין די איבעריקע אָטריאדן זיינען די יידן געווען פּראָצענטועל שטארק פארטראָטן.

אין גאנץ וויים־רוסלאנד און אוקראינע זיינען געמאכט געוואָרן פיל פּרוּוון דורך יידן צו אָרגאניזירן באזונדערע יידישע קאמפס־איינהייטן, אָבער די העכערע פּארטיזאנער אָנפירונג האָט צוליב די אויבן אויסגערעכנטע מאָטיוון זיך קעגנגעשטעלט דער טענדענץ.

געווען אויך איינצלנע פאלן, ווען מען פלעגט אין רוסישע אָטריאדן שאפן יידישע וזוואָדן (קרוקס אָטריאד, וואָלין, קאָמאנדיר — דב לארבער;

סווואָראָוו - אָטריאַד, גענ.-מאיאָר קאָפּוסטינס פּאַראַיינקונג, קאָמאַנדיר — הערשל צוקערמאַן). דאָס איז געטאָן געוואָרן, בכדי צו סטימולירן אַ סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג אין קאַמף און אויפטוען. אַמאָל אויך, לויט דער פאָדערונג פון די יידן, וועלכע האָבן זיך געפילט זיכערער צו גיין מיט אייגענע אויף אַ קאַמפּס-אויפגאַבע, און געוואָלט, אַז די קאַמפּס-אויפטוען זאָלן פאַרשריבן ווערן אויף זייער קאָנטע.

די איינשטעלונג פון דער העכערער סאָוועטישער אָנפירונג קעגן שאַפן פון ריין יידישע נאַציאָנאַלע אָטריאַדן טאָר ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַנטי-יידישע, נאָר גיכער ווי אַ פּרינציפּיעלע, וועלכע איז דיקטירט געוואָרן דורך פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, צווישנפעלקערלעכע מאָטיוון און טעמים פון טאַקטישן כאַראַקטער.

זי איז זיכער דיקטירט געוואָרן דורך גוטע כוונות מצד דער העכערער פּאַרטיזאַנער-אָנפירונג, אָבער אויך אין פּאַרטיזאַנקע, ווי אין אונדזער גאַנצער גלות-געשיכטע, זיינען די העלדן-טאַטן און אויפטוען פון די יידישע פּאַרטיזאַנער און די גרויסע צאָל קרבנות, וועלכע זיי האָבן געגעבן אין די קאַמפן ניט פאַרשריבן געוואָרן אויפן חשבון פון יידישן פאָלק, נאָר אויפן חשבון פון די ווייסרוסן, אוקראַאינער און ליטווינער...

## קאפיטל פערצן

# יידישע פאמיליע־לאגערן אין די וועלדער

פיל טויזנטער יידן (לויט אן אויבנאויפיקער אָפּשאצונג לערך 13—15 טויזנט) האָבן געראטעוועט זייער לעבן אין די ציווילע פאמיליע־לאגערן אין די וועלדער און פּושטשעס פון ווייס־רוסלאנד און מערב־אוקראינע.

די פאמיליע־לאגערן זיינען באשטאנען פון קאמפּס־אומפעיקע עלעמענטן — זקנים, פרויען און קינדער, זעלטן אויך איינציקע יוגנט־לעכע, וועלכע מען האָט ניט צוגענומען אין די אָטריאדן צוליב סיבות פון פארשיידנארטיקן כאראקטער, בעיקר צוליב ניט באזיצן קיין אייגן געווער.

די יידן פון די פאמיליע־לאגערן זיינען ס׳רוב געווען פון קליינע שטעטלעך און ישובניקעס, וועלכע האָבן זיך לייכט געקענט צופּאסן צו די וואלד־באדינגונגען און באוויזן אויפצוהאלטן זייערע פארבינדונגען מיט די פּויערים, אלטע גוטע באקאנטע.

די פאמיליע־לאגערן זיינען אלעמאָל געווען אין א פליסיקן צושטאנד. די, וועמען עס איז אין צווישנצייט געלונגען אויף א וועלכן עס איז אופן זיך איינצושאפן געווער, פלעגן זיך אָנשליסן אין די קעמפערישע פּארטיזאנער־אָטריאדן. פון דאָרט ווידער פלעגן אָנקומען ארויסגעשיקטע פאר פארזינדיקן זיך קעגן דעם פּארטיזאנישן קריגס־געזעץ, אָדער פאר ארויסווייזן אָפּגעלאָזנקייט, איניציאטיוולאָזיקייט און שוואכע קעמפערישקייט. ס׳רוב פלעגן אין די פאמיליע־לאגערן האָבן זייער אָרט אויך די פאמיליעס פון די פּארטיזאנער, וועלכע האָבן געלעבט אין די אָטריאדן.

לכתחילה זיינען פיל יידן צעלאָפן זיך פון די שחיטות איינציקווייז, אָדער גרופּעס־ווייז אין די וועלדער. א טייל האָט זיך אויך אויסבאהאלטן אין מאלינעס ביי באקאנטע פּויערים פאר א געהעריקער מאטעריעלער באפרידיקונג.

וואָס ווייטער איז אָבער אַלץ מער געוואָרן אוממעגלעך דאָס לעבן בײַ די פּויערים. פריער צו שפּעטער פלעגט עס זיך ענדיקן, נאָכן צו־נעמען זייער פאַרמעגן, מיטן טויט פון די זיך אויסבאַהאַלטנדיקע יידן. זיי פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן צו די דייטשן דורכן „באַש־צער״, אָדער דורך די שכנים, וועלכע פלעגן ניט פאַרגינען דעם פּויער זיין מעגלעכע באַרייכערונג...

די יידן פאַרלאָזן די „מאַלינעס״ בײַ די פּויערים און גייען אוועק אין די געדיכטעניש פון די וועלדער.

די פאַמיליע־לאַגערן אין די וועלדער האָבן ס׳רוב געטראָגן די נעמען פון די שטעט, פון וועלכע עס האָבן זיך רעקרוטירט די לאַגער־איינוווינערס (בעליצער, דערעטשינער, קאָסאָווער), אָדער דעם נאָמען פון נאָענטן דאָרף אָדער פּושטשע (דעמיאַנאָווצער, ליאַכאָוויטשער, מירער, גראַפּסקער א. א. וו.).

אין וואָלין פלעגן די פאַמיליע־לאַגערן טראָגן די נעמען פון די באַטרעפנדיקע אָטריאַדן אונטער וועמענס שוץ זיי זיינען געווען: קרוקס, מאַקס, מיסורעס א. א. וו.

אין דער ערשטער צייט האָבן עקזיסטירט פאַמיליע־לאַגערן אויך דערווייטערט פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, אָבער מיטן אויפקום פון דער ווײַס־פּוילישער און אוקראַיניש־פאַשיסטישער פּאַרטיזאַנקע, וועלכע האָט באַדראָאָט אין דער ערשטער ריי די שוצלאָזע, אומבאַוואָפנטע יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן, האָבן זיך אַלע פאַמיליע־לאַגערן קאָנצענטרירט און געפונען שוץ אין די פּאַרטיזאַנער זאָנעס, וו מען איז געווען זיכער פון אַ פּלוצימדיקן איבערפאַל פון דייטשן און פּאָליציי. דאָרט האָבן די דייטשן ניט געוואָגט צו קומען מיט אַ קליינעם כּוח.

בשעת אַ גרויסער אָבלאַווע האָבן די דייטשישע צוגרייטונגען און מיליטער־קאָנצענטראַציע ניט געקענט בלייבן קיין סוד פאַרן פּאַרטיזאַנישן אויסשפּיר־דינסט, און די יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן האָבן געהאַט צייט זיך צוצוגרייטן צו דער אָנקומענדיקער געפאַר.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט מסכים זיין צו לאָזן עקזיסטירן באַזונדערע קליינע, צעשאָטענע גרופּעס יידן אין די וועלדער. זייער מאָטיוו איז געווען, אַז ניט קענענדיק און ניט האַלטנדיק זיך בײַ דער פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק און סטראַטעגיע, קענען זיי דערמיט שאַדן די פּאַרטיזאַנער־אינטערעסן און אַרויספירן דייטשן אויף די שפּורן פון די פּאַרטיזאַנער־לאַגערן.

די קליינע גרופּעס יידן, וועלכע האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט אין די וועלדער, פלעגן פריער אָדער שפּעטער, לויט מסירות פון פּויערים, אומגעבראַכט ווערן דורך פּאָליציייאיש־דייטשישע אָנפאַלן.

די רוסישע פּאַרטיזאַנער פלעגן אליין קוקן אויף די דאָזיקע „איבעריקע", ניט קעמפערישע מענטשן, וועלכע פלאָנטערן זיך צווישן די פיס, ווי אויף שפּיאָנען. אזוינע קליינע גרופּעס פלעגן אויך באַשולדיקט ווערן אין „רויבן" די פּויערים, (די פּויערים פלעגן עס צוטראָגן די פּאַרטיזאַנער), און דאָס איז געווען א פּרעטעקסט פאַר אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער אומצוברענגען זיי.

בלויז דאָס געהערן צו א געזעצלעכן, אנערקענטן פאַמיליע־אָטריאַד אָדער לאַגער האָט געגעבן די מעגלעכקייט ניט צו זיין אינגאַנצן הפקר.

ביי די פאַמיליע־לאַגערן איז דאָס אַפּראָוויזאַציע־פּראָבלעם געווען באַזונדערס שאַרף. די פּאַרטיזאַנער האָבן געקוקט אויף זיי, ווי אויף „איבעריקע עסערס". אין וואַלד איז דאָס רעכט צום לעבן געווען ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף. די פראַגע: „פאַרוואָס קעמפסטו ניט?", איז געווען כסדר געריכטעט צו די יידן פון פאַמיליע־לאַגערן.

געווען פּושטשעס און ראַיאָנען, וווּ דער ייד פון פאַמיליע־לאַגער איז אין דער ערשטער צייט געווען הפקר. ער איז געווען דאָס ציל־ברעט, צו וועלכן עס זיינען געווען געריכטעט אַלע טענות און פאַראַורטיילן מצד די אַנטיסעמיטן פון צווישן די פּאַרטיזאַנער. געווען אויך פאַלן פון מאָרדן, און קאָנפיסקאַציעס פון שפּנו אונטער פאַרשיידענע תירוצים.

אין נאַליבאָקער פּושטשע האָט זיך צוזאַמענגעקליבן פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון ווייס־רוסלאַנד (מזרח'דיקע און מערב'דיקע געביטן) א גרעסערע צאָל יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די שחיטות.

די אָטריאַדן פון טוביה ביעלסקי און זאָרין זיינען געווען די, וועלכע האָבן אויפגענומען דעם ניט קעמפערישן־עלעמענט.

טוביה ביעלסקי און זיינע ברידער האָבן מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען יעדן געראַטעוועטן יידן אין אָטריאַד „קאַלינין". דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט די יידן פון די געטאָס אין מערב ווייס־רוסלאַנד. בעיקר האָבן דאָמינירט די אַנגעקומענע פון די געטאָס פון לידע און נאָוואָגרודעק.

די יידן, אַנגעלאָפענע פון די געטאָס אין מזרח ווייס־רוסלאַנד (בעיקר פון מינסק), זיינען אויפגענומען געוואָרן אין זאָרינס פאַמיליע־

אַטריאַד נר. 106. אויך די רוסישע אַטריאַדן פלעגן אָפּשיקן אַלע קאַמפּס־אומפּעזיקע צו זאַרינעץ און ביעלסקין.

הגם די ביידע א. ד. האָבן געהאַט דעם סטאַטוט פון פּאַרטיזאַנער־אַטריאַדן, זיינען זיי אָבער לויט זייער מאַנגלהאַפטער באַוואָפענונג און קליינער צאָל קאַמפּס־פעיקע, געווען ענלעך צו פאַמיליע־לאַגערן, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן אויך אין די ראַמען פון זייערע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן געקעמפט.

אין ליפּיטשאַנער פּושטשע זיינען די פאַמיליע־לאַגערן געווען אָנגעוויזן אויף זייער אייגענעם אויסהאַלט. די יידן, וועלכע האָבן נאָך לעבעדיק אין די געטאָס אָפּגעגעבן זייערע זאַכן צום באַהאַלטן ביי באַקאַנטע פּויערים, האָבן ביסלעכווייז אָפּגענומען דעם ווערט פון די זאַכן אין פּראָדוקטן. פיל האַנטווערקערס, שוסטערס, שניידערס, שמידן, סטאָלאַרעס האָבן געאַרבעט אין די דערפער פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס פאַר די פויערים און דערפאַר באַקומען באַשפייזונג. די בעלי־מלאכות פלעגן אויך אַרבעטן פאַר די רוסישע פּאַרטיזאַנער פון די אַטריאַדן און דערפאַר באַקומען שפּייז. איינצלנע בעלי־מלאכות פון די פאַמיליע־לאַגערן זיינען צוגענומען געוואָרן אין די אַטריאַדן, ווו זיי האָבן געאַרבעט פאַר די באַדערפענישן פון די פּאַרטיזאַנער.

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַלטן פאַר זייער הייליקסטע פליכט צו העלפן די יידישע פאַמיליע־לאַגערן מיט שפּייז און מלבושים, ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע געפאַרן מצד דער קאָמאַנדע פון זייערע אַטריאַדן פאַר אַזעלכע מעשים. צוריקקערענדיק זיך פון וויירטשאַפטלעכע אויפגאַבעס מיט די פּראָדוקטן פאַר זייערע אַטריאַדן, פלעגן זיי ספּעציעל קאָמבינירן דורכצופאָרן די נאָענטע פאַמיליע־לאַגערן און איבערלאָזן דאָרט עסנוואַרג און זאַכן.

די יידישע פאַמיליע־לאַגערן האָבן געדינט ווי אַן אָרט פאַר „פּראָוואָדניקעס" (וועגוויייזערס) פאַר אַלע סאָוועטישע אַטריאַדן. זיינענדיק אָרטיקע געבאָרענע, וועלכע האָבן געקענט גוט די סביבה, יעדעס סטעזשקעלע און וועגעלע אין די וועלדער און די פאַרמעגלעכקייט פון דער באַפעלקערונג, פלעגן זיי פירן די ווירטשאַפטס־אָפּטיילן פון די אַטריאַדן אויף זייערע פאַרגרייטונגס־אויפגאַבעס און דערפאַר באַקומען געהעריק באַלוינט.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז אַלס וועגווייזערס האָבן בעיקר געדינט געוועזענע דאָרפס־הענדלערס, פערד־הענדלערס, האָלץ־בראַקערס און

ישובניקעס, וועלכע זיינען פון די יינגסטע יאָרן געווען באַקאַנט מיט דער אומגעגנט און באַפעלקערונג.

א זייער קליינער טייל האָט זיך אויסגעהאַלטן פון די אייגענע פּאָר גראָשן, וועלכע עס איז זיי געלונגען אַרויסצוראַטעווען ביים אַנטלויפן פון דער געגנט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט צושטעלן פאַר די פּאַרטיזאַנער שנאַפּס, סאַכאַרין, לעדער א. א. וו., וואָס די יידן פלעגן באַקומען דורך זייערע באַקאַנטע פּויערים אין די שטעטלעך ביי די פּושטשעס.

אין האַרבסט-צייט פלעגט מען אין די נעכט זיך צוגרייטן בגנבה מיט קאַרטאָפל, קרויט א. ד. גל. אויף א לענגערער צייט. באַקאַנטע פּויערים פון די גוטע פאַר-מלחמה׳דיקע צייטן פלעגן אויך געבן פּראָדוקטן אויף „קרעדיט", א קאָנטאָ אויף נאָך מלחמה׳דיקער אָפּרעכענונג אָדער אָפּגעשריבענע אומבאַוועגלעכע גיטער אין די שטעט.



א יידישע פאַמיליע-גרופּע
פון ביעלסקים אָטריאַד (מאַי 1944)

אין ליפּיטשאַנער פּושטשע זיינען געווען איינצלנע רוסישע אָטריאַדן, וועלכע האָבן פון זייערע אייגענע פּראָדוקטן אויסגעטיילט אויך פאַר די פאַמיליע-לאַגערן.

א געוויסע צייט האָט דער קאָמאַנדיר בולאַק, אונטערגעשטיצט דעם פאַמיליע-לאַגער פון די דערעטשינער יידן. באַזונדערס גרויסע אונטערשטיצונג פאַר די פאַמיליע-לאַגערן האָט געגעבן דער יידישער קאָמאַנדיר פון א דעסאַנטן-גרופּע, קאַפּיטאַן דאַווידאָוו.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַר קיין פאַל ניט געדולדעט, אַז די פאַמיליע-לאַגערן זאָלן באַזיצן געווער אָדער אַליין זיך פאַרשאַפן רעזערוון פון שפּייז אויפן פּאַרטיזאַנישן שטייגער. דאָך פלעגן איינציקע פאַמיליע-גרופּעס, בעיקר די, וועלכע האָבן זיך געפונען ווייטער פון די פּאַרטיזאַנער-אָטריאַדן (ביעליצער, וועמענס זיץ-אָרט איז געווען ביים דאָרף

גרויס-זאַטשעפּיטש, ביעליצער קרייז), געוואגט מיט געצייל̇טע ביקסן דורכצופירן ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס.

די פאַמיליע-לאַגערן אין ליפּיטשאַנער פּושטשע זיינען ס'רוב באַשטאַנען פון זשעטלער און דערעטשינער יידן. געווען אויך א ביסל נאָוואָגרודקער, לידער, זשאָלודקער א. אנד. שכנישע שטעטלעך.

די פאַמיליע-לאַגערן אין ליפּיטשאַנער פּושטשע האָבן געליטן גרויסע פאַרלוסטן בעת דער ערשטער גרויסער אָבלאַווע (דעצעמבער 1942). ניט זייענדיק אָריענטירט אין דער דייטשישער אָבלאַווע-טאַקטיק און ניט קענענדיק נאָך גוט אלע וועגן אין די וועלדער, פלעגן זיי ביים איבערלויפן פון איין אָרט צום צווייטן ארויספאַלן אויף דייטשישע לויערונגען. פיל הונדערטער יידן זיינען דאן געפאַלן קרבנות פון די דייטשישע קוילן. די מענטשן, וועלכע זיינען בעת דער אָבלאַווע פאַרקראָכן און אָפּגעזעסן פיל טעג אין די בלאָטעס און זומפּן, האָבן אָפּגעפרוירן די פיס, און ניט באַקומענדיק קיין מעדיצינישע הילף, זיינען זיי אין משך פון א קורצער צייט אויסגעשטאָרבן. אנדערע, צו וועמען די מעדיצינישע הילף האָט דערגרייכט, זיינען געבליבן אייביקע אינוואַלידן מיט אַמפּוטירטע פיס.

דער ערשטער ווינטער (1942—1943), איז געווען צו להכעיס א זייער שווערער. די פרעסט זיינען דערגאַנגען ביז 40 גראַד. די שמוץ און ענגשאַפט אין די ערד-שטיבלעך איז געווען א שרעקלעכע. די מענטשן האָבן געהונגערט במשך פון פיל וואָכן בעת און נאָך דער אָבלאַווע, ווען מען האָט געהאַט מורא ארויסצוגיין פון וואַלד נאָך שפּייז. די פּויערים זיינען געווען אָנגעשראָקן פון דער דייטשישער אויסראָט-אַקציע קעגן זיי בעת דער אָבלאַווע, און מורא געהאַט צו אונטערהאַלטן א קאָנטאַקט מיט יידן.

די אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע קערפּערס זיינען געווען א גוטער אָביעקט פאַר פלעק-טיפוס, וואָס האָבן אָנגענומען א מאַסן-עפּידעמישן כאַראַקטער. דער מלאך-המות האָט דאָ געהאַט א גוטן שניט.

די דערעטשינער פאַמיליע-גרופּע (דאָבראָוושטשיזנער וועלדער) האָט נאָך מער געליטן בעת דער גרויסער אָבלאַווע און באַזונדערס פיל אומגעקומען פון קעלט און הונגער. ניט זעלטן זיינען געווען פאַלן, ווען גאַנצע גרופּעס פלעגן אויסגיין אין די פּרימיטיווע ערד-שטיבלעך און גריבער, און אזוי פלעגט מען זיי פאַרשיטן אין איין ברודער-קבר. פון א פּאָר הונדערט זיינען זיי, נאָך יענעם טרויעריקן ווינטער, געבליבן בס"ה 30 מאַן.

אויף וואָלין זיינען די פאַמיליע־לאַגערן געווען אונטער דער פּולער שוץ און אויסהאַלטונג פון די קעמפערישע סאָוועטישע אָטריאַדן.

ביים אָטריאַד א. נ. קרוק האָט עקזיסטירט א פאַמיליע־לאַגער, וועלכער האָט געציילט 170 מאַן (צווישן זיי אויך פיל קליינע קינדער) פון די שטעטלעך מאַניעוויטש טיאַנאָווקע, ראָזשיטש, טאַרטשין, א. אנד.

ביים אָטריאַד א. נ. מאַקס, וועלכער איז געשטאַנען אין וואָלטשע־דוב האָט זיך געפונען א פאַמיליע־לאַגער פון 80 יידן פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, בעיקר פון פּאָווערסק, מאַניעוויטש א. אנד.

א דאַנק דעם קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" — מיסיורא און זיין יידישן פּאַרטרעטער, אפרים באַקאַלטשוק, ווערט אָרגאַניזירט ביי דעם אָטריאַד א גרויסער פאַמיליע־לאַגער פון איבער 350 ניט קאַמפּס־פעיקע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך: סיערניק, וויסאָצק, האָראָדניע, קאָסטאָפּאָל, דאָמבראָוויץ, ראָוונע (וואָלין) א. אנד. דער פאַמיליע־לאַגער איז געשטיצט און אויסגעהאַלטן געוואָרן דורכן אָטריאַד. מער ווי 250 יידן האָבן אין דעם לאַגער איבערגעלעבט די מלחמה.

די יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן אין וואָלין האָבן אין 1943־טן יאָר געזייט די פעלדער אין דער נאָענט פון די וועלדער, ווו פאַר די פּויערים איז געווען פאַרבאָטן, לויטן פּאַרטיזאַנישן געזעץ דער צוטריט, און די פרויען, זקנים און קינדער האָבן געפּאַשעט סטאַדעס פּאַרטיזאַנישע בהמות און שעפּסן אויף די פּעטע לאָנקעס פון וואָלין.

די גערעטענישן פלעגן געהערן די אָטריאַדן און א טייל פלעגט אָפּגעגעבן ווערן פאַר דער באַשפּייזונג פון די פאַמיליע־לאַגערן.

די ניט קאַמפּס־פעיקע יידן האָבן אַלץ געטאָן לויט אייגענער איניציאַטיוו, בכדי זיך צו מאַכן נוצלעך פאַר דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. די יידישע פאַמיליע־לאַגערן אויף וואָלין האָבן געטריקנט די געקליבענע וואַלד־פּראָדוקטן (יאַגדעס, מאַלינעס, שוואָמען א. א. וו.), וועלכע מען פלעגט פונאַנדערטיילן צווישן די קעמפערישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

די פאַמיליע־לאַגערן אויף וואָלין האָבן באַקומען פון די סאָוועטישע אָטריאַדן געציילטע ביקסן, בכדי צו האַלטן וואַך, און פון צייט צו צייט, פלעגן די אָטריאַדן אַדורכפירן ווירטשאַפטס־אויפגאַבעס מיט גרופּעס פון די פאַמיליע־לאַגערן, ספּעציעל פאַר די לעצטע.

אין דעם לעצטן פעריאָד פאַר דער באַפרייאונג זיינען צו די פאַמיליע־לאַגערן פון „קרוק" און „מאַקס"־אָטריאַדן צוגעטיילט געוואָרן

קליינע באוואָפנטע גרופּעס פון די א. ד. אָטריאדן מיט דער איינציקער אויפגאבע זיי צו שפּייזן.

אויף וואָלין זיינען אויך געווען קליינע יידישע גרופּעס, וועלכע פלעגן לעבן פון אויסבייטן זייער ביסל זאכן און פון ארבעט אלס פּאכמענער אין די דערפער פון די פּארטיזאנער-זאָנעס און דורך קויפן פאר מזומנים.

עס זיינען געווען גוטהארציקע פּויערים, וועלכע האָבן ניט אָפּגעזאָגט אומגליקלעכע אָרעמע יידן געבן אָפּעסן, א קויש קארטאָפל און א שטיקל ברויט.

אויך אויף פּאָלעסיע זיינען געווען פאמיליע-לאגערן. נעבן דער פּינסקער בריגאדע (קאָמאנדיר פּאראייניקונג), בראש פון וועלכער עס איז געשטאנען דער מאיאָר שובעקידזע (א גרוזין) האָבן זיך געפונען צוויי יידישע ציוויל-לאגערן, אין פּערעסלאוולער וואלד און אויף די ניגאָוויטשער כוטארעס. עס האָבן דאָרט געלעבט איבער 300 יידן פון די שטעטלעך: יאנאָוו, ליוביעשאָוו, דראָהיטשין, קאמיען-קאשירסק פּינסק, וולאָדימירעץ (פּאָלעסיע) א. אנד.

פרילינג 1944-טן יאָר, ווען די בריגאדע האָט געמוזט אָפּטרעטן אונטערן דרוק פון די דייטשן אויף דרום, האָט זי מיטגענומען מיט זיך די יידן פון די א. ד. לאגערן און א דאנק דעם האָבן זיי אויסגעמיטן א זיכערן טויט פון די דייטשן און באנדעראָווצעס, וועלכע האָבן ספּעציעל אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט, ווען די פאמיליע-לאגערן וועלן בלייבן אָן פּארטיזאנישער שוץ.

דער פּוילישער קאָמאנדיר פון רוסישן אָטריאד „לאזאָ" גארבא-טשעווסקי (א פּאָליאק פון סאָוועט-רוסלאנד), האָט אָרגאניזירט פאמיליע-לאגערן פון די ניט קאמפס-פעיקע אַנגעלאָפענע יידן פון די ארומיקע פּאָלעסיער שטעטלעך און פון ציגיינערס (ווי באוווסט, האָבן די דייטשן אויסגעראָטעט אויך די ציגיינערס) און זיי געשיצט.

אין דאָרף וויטין האָבן די יידן פון פאמיליע-לאגער איינגעאָרדנט א גארבעריי-פאבריקל און אויסגעארבעט פון די מאסן פעלן פון די געשאָכטענע בהמות שוכווארג פאר די פּארטיזאנער.

א דאנק דער שוץ פון א. ד. אָטריאד האָבן כמעט אלע יידן אין די לאגערן איבערגעלעבט די גיהנום-צייט און דערלעבט די באפרייאונג.

אין נאטשער פּושטשע האָבן פיל פאמיליע-לאגערן און גרופּעס זיך פארזאָרגט מיט שפּייז מיטן אייגן באזיצטן געווער — א זאך, וואָס פלעגט ארויסרופן פיל קאָנפליקטן מיט דער בריגאדע „לענינסקי

קאָמסאָמאָל", וועלכע איז דאָרט געשטאַנען און האָט אזא לאַנגע ניט געוואָלט דולדן.

אין די פאמיליע־לאגערן אין נאַטשער פושטשע האָבן זיך געפונען בעיקר יידן פון די שכנישע שטעטלעך: ראדון, לידע, איישישאָק, זאַבעלאָטש א. אנד.

די פּארטיזאנער האָבן פאַרגוואָרפן די פאמיליע־לאגערן אין דער א. ד. פושטשע רויבערייען, ווייל לויט דער פּארטיזאנישער עטיק האָט נאָר דער, וואָס קעמפט, דאָס רעכט צו נעמען שפּייז מיט דער ביקס. לסוף האָבן זיי אָנגעהויבן צו אנטוואָפענען די פאמיליע־גרופּעס און דערשאָסן פאר קעגנשטעלן זיך דעם 24־יעריקן, עלקע אריעוויטש פון ראדון, וועלכער האָט מיט מסירות־נפש אויסגעהאַלטן אין משך פון אָנדערהאַלבן יאָר א פאמיליע־לאגער פון קרוב 100 פערזאָן.

א באַרעכטיקונג אָפּצונעמען דאָס געווער ביי די פאמיליע־לאגערן איז אויך געווען דער מאָטיוו, אז געווער איז נויטיק פאר די פּארטיזאנער צום קאמף קעגן אָקופּאַנט.

בעת דער אָבלאַווע פון גרויסע כוחות פון דייטשן און ליטווינער אויף דער נאַטשער פושטשע (ביי די שטעטלעך נאַטשע, ראַדון, זאַבעלאָטש) דעם 16־טן און 17־טן יולי 1943, איז דורך אן עראָפּלאַן באָמבאַרדירט געוואָרן און פון אונטן גלייכצייטיק אָנגעגריפן געוואָרן — א יידישער פאמיליע־לאגער.

עס איז דאַן אומגעקומען כמעט דער גאַנצער לאגער (96 מאַן), אין גרעסטן טייל לידער יידן. דאקעגן דער פּארטיזאנער־אָטריאַד „לענינסקי קאָמסאָמאָל" איז אָן פאַרלוסטן אָפּגעטראָטן אין דער ריכטונג פון רוסקיע פּושטשע.

אין וואַלטשע־נאָרע (ביי סלאָנים) זיינען געווען פאמיליע־לאגערן פון ביטענער יידן, וועלכער האָט געציילט 365 פערזאָן און פון קאָסאָווער יידן, וועלכער האָט געציילט 180 פערזאָן. דעם 24־טן מערץ 1943 זיינען פון א פלוצעמדיקן איבערפאַל פון פּאָליציי געפאַלן 27 יידן, בעיקר פרויען און קינדער, וועלכע האָבן ניט באַוויזן צו אנטלויפן. דעם 20־טן יאַנואַר 1943 זיינען בעת אן אָנפאַל פון דייטשן און פּאָליציי אויפן ביטענער פאמיליע־לאגער אומגעקומען 56 יידן.

די פאמיליע־לאגערן פון „וואָלטשע נאָרע" האָבן געליטן אויך פון קאָמאַנדיר פון דער 53־טער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", באַבקאָוו, וועלכער איז געווען א מיאוסער אנטיסעמיט. נאָך דער אָבלאַווע

(אָקטאָבער 1942) האָט ער אונטערגעהאלטן די זינלאָזע קלאנגען, אז די יידן האָבן ארויסגעגעבן די דייטשן דאָס אָרט פון אָטריאד. אויף אייגענער האנט האָט ער ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלע יידן מוזן פארלאָזן וואָלטשע-נאָרע. א קלענער טייל פון די יידן האָט, לײדער, זיך צוריקגעקערט אין די געטאָס (וועלכע האָבן נאָך דאן עקזיסטירט) און זיי זיינען שפעטער דאָרט אומגעקומען. די איבעריקע זיינען אוועק אין די פאמיליע-לאגערן פון דער שכנישער פּאָלעסיע.

כמעט אלע יידישע אָטריאדן האָבן אויסגעהאלטן נעבן זיך פאמיליע-לאגערן.

דער קאָמאנדיר פון יידישן אָטריאד „נקמה" (מארקאָווס פאראיי-ניקונג, ווילייקער געגנט), דער 26-יעריקער יידישער קאָוונער בחור בוטענאָס האָט אָרגאניזירט פון די אָנגעלאָפענע יידן פון ווילנע, קורינעץ, דיסנע, ווילייקע א. אנד. שטעטלעך פון ווילנער ראיאָן, א פאמיליע-לאגער פון איבער 200 יידן. דער אָטריאד נעמט איבער זייער שוץ און פארזאָרגט זיי מיט פּראָדוקטן.

דער יידישער אָטריאד א. נ. „קאגאנאָוויטש ל. מ.", האָט געהאט ביים אָטריאד א פאמיליע-לאגער פון 60 פערזאָן פון מיאָר, קאזאן, דיסנע א. אנד. שטעטלעך אין שכנות פון טעטיקייטס-ראיאָן פון אָטריאד.

אויך א צווייטער יידישער אָטריאד אונטערן זעלביקן נאָמען אויף פּאָלעסיע (פּאָהאָסט-זאגאָראָדסקער ראיאָן), האָט געשטיצט און אויסגעהאלטן מיט אלעם נויטיקן די ניט קאמפס-פעיקע יידן.

אין א טייל פּושטשעס און ראיאָנען פלעגן די אָטריאדן בעת אן אָבלאווע ניט דערלויבן די פאמיליע-לאגערן נאָכצוגיין זיי, בעת יענע פלעגן מיט זייטיקע וועגן אָפּטרעטן אויף א שטיקל צייט אין אן אנדער ראיאָן, צוליב דעם שווערן משפחה-עלעמענט, וועלכער האָט געקענט באשווערן דאָס פּאָרזיכטיקע אדורכרייסן זיך דורך דעם דייטשישן רינג. עס איז טאקע פאר קינדער, פרויען און זקנים געווען שווער נאָכצוהאלטן די פּארטיזאנער אין זייער שנעלן מארש.

די פאמיליע-לאגערן פלעגן בלייבן אויף די ערטער און זיך באהאלטן אין די פון פריער, זאָרגפעלטיק-צוגעגרייטע „סכראָנעס" (אונטערערדישע באהעלטעניש). זיי זיינען געווען אזוי גלענצנדיק פארמאסקירט, אז ניט זעלטן פלעגן די דייטשן „דורכקאמענדיק" דורכגיין דעם וואלד, ארויפגיין אויף די באהעלטענישן און זיי ניט באמערקן.

א „סכראָן" — דאָס איז געווען אַן אונטערגראָבונג אונטער דער ערד, דער אַריינגאַנג איז געווען דורך אַן אויסגעהוילטן בוים, אָדער דורך א טירל, וואָס האָט זיך געפונען ביי א בוים אָדער קוסט. אויפן „סכראָן" פלעגט מען פאַרזעצן בוימלעך, וועלכע פלעגן עם אויפגיסן אין איין גאַנצעם מיט דער אַרומיקער סביבה. געווען אויך אַריינגאַנגען דורך א ספּעציעל געבויט װענטל פון א ברונעם, וועלכע פלעגט זיך לייכט אַרויסנעמען און צוריק אַריינשטעלן. אַזא אַריינגאַנג האָט געהאַט א באַזונדערן ווערט ווינטער־צייט, ווייל דאָס האָט ניט געמסרט די שפּורן אין שניי. די לופט פלעגט זיך אין אַזא סכראָן באַקומען דורך אויסגעהוילטע אינעווייניק אויסגעבערענטע ביימער, אָדער דורך ספּעציעל געמאַכטע רערן אונטער די ביימער.

אין דער גרויסער בלאָקאַדע אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע פאַר דער באַפרייאונג (מאַי־יולי 1944) זיינען אומגעקומען פיל יידן, ווייל זיי זיינען געווען געצוווּנגען אַרויסצוגיין פון די אונטערערדישע באַהעלטענישן צוליב דעם, וואָס עס האָבן זיך געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די שפּײַז־רעזערוון און צוליב די לאַנג־אָנהאַלטנדיקע בלאָקאַדע (מער ווי 6 וואָכן).

די פאַמיליע־לאַגערן האָבן בדרך כלל אין צייט פון אָבלאַוועס פיל מער געליטן, ווי די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, וועלכע פלעגן ס'רוב אָן גרויסע פאַרלוסטן באַוויזן זיך אַרויסצוקריגן שטילערהייט אָדער מיט א קאַמף פון דער באַדראָטער זאָנע.

די אומבאַוואָפנטע פאַמיליע־לאַגערן האָבן אויך געהאַט פיל קרבנות אין ווייס־רוסלאַנד פון די ווייס־פּוילישע פּאַרטיזאַנער און אויף וואָלין פון די אוקראַאינישע גרינע פּאַרטיזאַנער.

די פּויערים פלעגן אַרויפשיקן פּאָליציי אויף די פאַמיליע־לאַגערן און זיי פאַרניכטן. אַזוי איז דורך א פּלוצים'דיקן אָנפאַל אויף א פאַמיליע־גרופּע ביים „מ א י אַ ק" (זשעטלער ראַיאָן, אַפּריל 1943) אומגעקומען זעכצן יידן. אין דער זעלביקער צייט זיינען אויך געווען אָנפאַלן אויף גרופּעס אין די פּאַדוואָרקער וועלדער און ביים דאָרף לוזשיץ (זשעטלער ראַיאָן). אויך דער אָנפאַל אויפן יידישן פאַמיליע־לאַגער אין נאַטשער פּושטשע איז געווען א רעזולטאַט פון א מסירה מצד די ליטווישע פּויערים, וועלכע האָבן גענוי געוווּסט דאָס אָרט פון לאַגער. די מסירות האָבן געצוווּנגען אָפט צו בייטן דאָס זיץ־אָרט פון לאַגער (איבעריקנס פלעגן אויך פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן צוליב פאָרזיכטיקייט בייטן זייער זיץ־אָרט).

פאמיליע-לאגערן, וואָס האָבן ניט געלעבט אין די פארטיזאנער-זאָנעס, פלעגן אין דער שטרענגסטער געהיימעניש האלטן דאָס לאגער-אָרט, און נאָר געציילטע פויערים, אין וועלכע מען איז געווען פולשטענדיק זיכער און וואָס זיינען גוט באַלוינט געוואָרן האָבן געוווסט דאָס אָרט פון לאגער. אזוינע פויערים האָבן אויך געדינט, ווי אינפאָרמאטאָרן און ניט זעלטן אויך ווי צושטעלערס פון שפייז.

אין 1943 זיינען אין אריי פושטשעס אנטשטאנען פאמיליע-לאגערן אויך פון ניט-יידן. דאָס זיינען געווען פאמיליעס פון קינדער, וואָס זיינען אוועק אין פארטיזאנקע, און וועמען די דייטשן פלעגן אלס רעפּרעסיע אויסהרגענען; פויערים-פאמיליעס, וועמענס ווירטשאפטן זיינען חרוב געוואָרן דורך די דייטשן בעת די אָבלאוועס און בלאָקאדעס, ווי בכלל אלע, וועלכע זיינען געקומען אין סתירה מיטן דייטשישן שטראָף-קאָדעקס און האָבן קיין אָרט ניט געהאט אין זייערע היימען.

די סאָוועטישע פארטיזאנער האָבן זיך ניט געקענט ניט וויסנדיק מאכן פון די פאמיליע-מיטגלידער, וועמענס זין און טעכטער האָבן געקעמפט אין די אָטריאדן.

א דאנק דעם באפעל פון דער סאָוועט-רעגירונג צו די פארטיזאנער צו נעמען אונטער זייער פולער שוץ אלע פארפאָלגטע פון דעם היטלעריסטישן רעזשים, האָבן, טראָץ די אלע געפארן, וועלכע האָבן געלויערט פון אלע זייטן אויף די אומבאוואָפנטע, ניט קאמפס-פעיקע, הילפסלאָזע יידן, דערלעבט דעם טאָג פון באפרייונג פיל טויזנטער פרויען, זקנים און קינדער.

## קאפיטל פופצן

# אנטיסעמיטיזם אין פארטיזאנקע

## א. דער מענטשן־מאטעריאל אין פארטיזאנקע און דער אנטיסעמיטיזם

ביז איצט איז נאָך ניטאָ קיין פולע איינשטימיקייט אין דער אָפּשאצונג פון די באציאונגען צווישן די יידן און ניט־יידן אין דער פארטיזאנקע און וועגן די פארהעלטעניש, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן און קעמפן די יידישע פארטיזאנער אין די וועלדער.

א טייל יידישע פארטיזאנער ווייזן אָן אויף די ליכטיקע, העלע מאָמענטן, וועלכע זיינען געווען ניט ווייניק אין דער סאָוועטישער פארטיזאנקע און פרווון טיילווייז בארעכטיקן אָדער בעסער געזאָגט, אויפקלערן זיך אליין, וועלכע אָביעקטיווע סיבות האָבן מיטגעווירקט צום אנטיסעמיטיזם אין די וועלדער. א טייל, ווידער, האָבן ניט קיין מילדערונגס־ווערטער פאר די פארברעכערישע האנדלונגען פון א טייל ניט־יידישע פארטיזאנער און פאראלגעמיינערנדיק די איינצעלנע אנטי־סעמיטישע אויסברוכן און דערשיינונגען, קומען זיי צו פאלשע אויספירן.

מיר וועלן דאָ זיך באמיען ווארפן א ביסל ליכט אויף דעם דאָזיקן טונקעלן און שוואכן מאָמענט פון דער העראָישער סאָוועטישער פארטיזאנקע און אָביעקטיוו אויפקלערן די סיבות און פארהעלטענישן, וועלכע האָבן מיטגעווירקט צו דעם אנטיסעמיטיזם אין אירע רייען.

דער מענטשן־מאטעריאל, פון וועלכן עס האָבן זיך רעקרוטירט די סאָוועטישע פארטיזאנער, איז באשטאנען צוו. אנד. פון מענטשן, וועלכע זיינען שוין קומענדיק אין די וועלדער געווען רייפע, באוווסטזיניקע אנטיסעמיטן, באהערשט פון אלע אנטי־יידישע פאָראורטיילן און שקרים. מען דארף ניט פארגעסן, אז אין יאָר 1943 זיינען אין די וועלדער אָנגעקומען זייער פיל סאָוועטישע בירגערס פון די דייטשע ארבעטס־ און אינטערניר־לאגערן, ווי אויך פון די שכנישע דייטשע גארניזאָנען,

וועלכע זיינען באאיינפלוסט געוואָרן פון דער סיסטעמאַטישער דייטשישער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און זיינען געווען פאַרגיפטעט און אַדורכגעפרעסן מיטן נאַציש-אַנטיסעמיטישן גייסט.

א טייל פון זיי האָבן דינענדיק ביי דעם דייטש אַנטיילגענומען אין די מאַסן-שחיטות איבער דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו קוקן אויף יידן דורך נאַצישע בריל. פאַרשטענדלעך, אַז זייער איינשטעל צו יידן האָט פאַרשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם אויך צווישן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געווען פריי פון אַנטי-יידישע פאַראורטיילן.

די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געקומען פון די דערפער, פון דער אָרטיקער ווייס-רוסישער, פוילישער און אוקראַינישער באַפעלקערונג, זיינען שוין געווען אָנגעשטעקט מיט די באַצילן פון אַנטיסעמיטיזם נאָך פון די צייטן פון דער פוילישער זעלבסטשטענדיקייט. דער כסדר'דיקער מגע-ומשא פון די „וואָסטאָטשנע" („מזרח'דיקע", אַלגעמיינע באַצייכענונג פון די אָפּשטאַמיקע פון סאָוועט-רוסלאַנד) פּאַרטיזאַנער מיט דער אָרטיקער ציווילער באַפעלקערונג אין די דערפער האָט מיטגעווירקט, אַז אויך א טייל פון זיי, וועלכע זיינען 25 יאָר דערצויגן געוואָרן אין גייסט און פּראַקטיק פון גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער און געווען פריי פון אַנטיסעמיטישע געפילן, זאָלן זיך איבערנעמען מיט די פאַראורטיילן, שקרים און טענות קעגן די יידן.

מיר האָבן זיך דאָ אַנטוישט אין דעם פּרינציפּ, אַז דערציאונג קען איבערבויען דעם מענטשן. עס זיינען געווען גענוג איינציקע יאָר היטלער-הערשאַפט, אַז ביי א טייל זאָל ווערן פאַרגעסן די 25 יאָר קאָמוניסטישע טאָג-טעגלעכע דערציאונג.

מענטשן מיט פּאַרטיי-ביכלעך, לאַנגיעריקע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און „קאָמסאָמאָל", אויך העכערע פּאַרטיזאַנער קאָמאַנדירן, זיינען ניט אַלעמאָל בייגעשטאַנען דעם נסיון פון אַנטיסעמיטיזם.

בדרך-כלל, זיינען די גרויס-רוסן געווען טאָלעראַנטער און פרייער פון אַנטיסעמיטיזם, ווי אָנגעהעריקע פון די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן. די אוקראַינער זיינען אויך אין די וועלדער געווען די ערשטע אין אַנטיסעמיטישן פראָנט.

## ב. פאַראורטיילן און טענות צו יידן

דער פּאָפּולערסטער און געפערלעכסטער פאַראורטייל קעגן יידן איז געווען, אַז זיי זיינען „טרוסן" (פּחדנים), ווילן ניט קעמפן און קלאַמערן

זיך ביים לעבן. אלס באשטעטיקונג פאר דער ריכטיקייט פון דעם דאָזיקן קלאנג איז אָנגעגעבן געוואָרן די האלטונג פון די יידן אונטער דער דייטשישער אָקופּאציע און די קליינע צאָל יידן אין דער רויטער ארמיי. בעיקר זיינען געווען פּאָפּולער פאָלגנדיקע טענות:

1) די יידן האָבן געארבעט פאר די דייטשן, און זיי אָפּגעגעבן זייער גאָלד און ווערטפולע זאכן.

2) די יידן האָבן ניט געשטעלט קיין פארצווייפל־ווידערשטאנד בעת די שחיטות און זיך געלאָזט אויסקוילען, ווי שאָף.

3) די יידן זיינען ניט געקומען אין פארטיזאנקע קעמפן קעגן דעם דייטש, נאָר ראטעווען די אייגענע „פעל".

4) די יידישע פארטיזאנער רויבן די פויערישע באפעלקערונג בעתן דורכפירן די ווירטשאפטלעכע אָפּעראציעס.

5) די יידישע פאמיליע־לאגערן קעמפן ניט.

די דעסאנט־גרופּעס, וועלכע זיינען געקומען פון יענער־זייט פראָנט־ליניע אין די פארשיידענע ראיאָנען, האָבן מיט זיך געבראכט פרישע פאָרוואורפן קעגן די יידן.

לויט זייערע רייד, זיינען די מאָסקווער יידן די ערשטע זיך צעלאָפן פון שטאָט, באלד ווי די דייטשן זיינען צוגעגאנגען הארט צו איר, טראָץ דעם שטרענגן פארבאָט זיך צו עוואקואירן. זיי האָבן אויך פאָרגעוואָרפן, אז די יידן מיידן אויס די מאָביליזאציעס און די פאָדערשטע פּאָזיציעס און קאָנצענטרירן זיך בעיקר אין הינטערלאנד ביי הילפס־און ווירטשאפט־לעכע פונקציעס (אינטענדאנטור, מעד.־פערסאָנאל א. א. וו.).

זיי האָבן אויך פארשפרייט גיפטיקע ווערטלעך, וועלכע האָבן געדארפט באשטעטיקן די כלומרשטע „אמת'ן". באזונדערס פּאָפּולער איז געווען דאָס ווערטל „יעווריעאי זאניאלי בעז באָיא גאָראָד טאשקענט" (די יידן האָבן אָן שלאכט פארנומען די שטאָט טאשקענט). ווי באקאנט, האָבן זיך אין מלחמה־צייט פיל טויזנטער יידן קאָנצענטרירט אין אוזבעקיסטאן, און באזונדערס אין איר הויפט־שטאָט, טאשקענט. דאָס זיינען געווען ארויסגעשיקטע פוילישע פליטים, וועלכע זיינען צוליב מאנגל פון צוטרוי ניט גענומען געוואָרן אין דער רויטער ארמיי (שפּעטער זיינען פיל פון זיי ארייננגעטראָטן פרייוויליק אין די געשאפענע פוילישע ארמייען פון גענ. אנדערס און גענ. בערלינג) און אויסגעפילט אין הינטערלאנד זייער וויכטיקע פונקציעס פאר דער געווער און אמוניציע־פארזאָרגונג פון פראָנט, ווי בכלל אין ווירטשאפטלעכן לעבן פון לאנד,

אין וועלכן עס האָט זיך געשפּירט א גוואַלדיקער מאנגל אין ארבעטס־קרעפטן.

די שנאה צו יידן האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין אימיטירן, ווי די יידן ריידן שלעכט רוסיש, קענען ניט ארויסברענגען ווי געהעריק דעם קלאַנג „ר״, און איינצלנע פארביסענע אנטיסעמיטן פלעגן זיך ניט שאַקירן רופן יעדן יידן מיט אן אלגעמיינעם שפּאס־נאָמען „אבראם״, וועלכער פלעגט ארויסגערעדט ווערן באוווסטזיניק קאָמיש „אבבאם״...

עס האָט נאָך אויך געלעבט די פאר־מלחמה׳דיקע אנטיסעמיטישע טענה, אז יידן פארנעמען אין ראטן־פארבאנד די העכסטע און בעסטע ווירטשאפטלעכע פּאָזיציעס, גייען ניט אין די „קאָלכאָזן״, זיינען שוואך פארטראָטן אין דער שווערער און מעטאלורגישער אינדוסטריע און רוקן זיך אומעטום ארויס אויף די „שפּיצן״ פון דער ווירטשאפט און אדמיני־סטראציע, ווו מען קען לעבן באקוועמער און לייכטער (דירעקטאָרן, מאגאזיניערן, ווירטשאפטס־לייטערס, בוכהאלטאָרן א.א.וו.).

אין די דיסקוסיעס פלעגן די יידישע פּארטיזאנער אָנווייזן אויף דער גרויסער צאָל באָארדנטע און אויסגעצייכנטע יידן אין פּראָפּאָרץ צו זייער באפעלקערונגס ־ פּראָצענט אין רוסלאנד, אז די יידן זיינען א שטאָטישער עלעמענט, צוגעפּאסט לויט זייערע פעיקייטן און אינטעליגענץ צו די אויפגאבעס, וועלכע זיינען זיי אָנפארטרויט געוואָרן.

מיר האָבן אָנגערופן פיל יידישע נעמען פון גרונטשטיין־לייגערס פון דער פּארטיזאנקע אין די פארשיידענע ראיאָנען, נעמען פון יידן, וועלכע האָבן אראָפּגעלאָזט פון די רעלסן 25—10 עשאלאָנען מיטן שונא׳ס טעכניק און מיליטער, יידן פּארטיזאנער, וועלכע זיינען אויסגעצייכנט געוואָרן מיט די העכסטע אָרדנס פאר זייערע העלדישע, דרייסטע טאטן און אויפטואונגען.

אויף דעם פלעגט ס׳רוב קומען א סארקאסטישער ענטפער, אז דאָס זיינען נאָר אויסנאמען, וועלכע באשטעטיקן דעם כלל. יעדער סאָוועטישער אָטריאד האָט תמיד געפונען א פּאָר בראוואור־ווערטער פאר א טייל פון זיינע יידישע סאָלדאטן, איבער וועמענס העלדישע מעשים מען האָט דאָך ניט געקענט איבערגיין צום סדר־היום און אינגאנצן עס פארשווייגן, אָבער דאָך האָט עס ניט געשטערט, אז מען זאָל יידן באצייכענען, ווי פחדנים.

בלי שום ספק, האָבן ניט ריכטיקע און אומגעזעצלעכע האנדלונגען פון איינצלנע יידן מיטגעהאָלפן צו פארשטארקן דעם אנטיסעמיטיזם.

געוויינלעך פלעגן אזעלכע מעשים פון יידן־יחידים פאראלגעמיינערט ווערן און ארויסרופן א העץ־קאמפאניע קעגן אלע יידן. געווען יידן (אמת, איינצלנע), וועלכע האָבן אפילו אין וואלד געטראכט וועגן פארדינען געלט, בכדי צו עסן א בעסערן ביסן. ביי ניט־יידן איז עס געווען א פארשפרייטע דערשיינונג. א ייד האָט אָבער געמוזט זיין אָפגעהיטער אין דעם פאל.

אמת, די יידישע פארטיזאנער פלעגן זיין געצוווּנגען צו נעמען אמאָל ביי די פויערים אויך פרויען־קליידער, ווייל זיי האָבן דאָך געמוזט באקליידן זייערע פרויען, קינדער און שוועסטער, וועלכע פלעגן זיך ס׳רוב געפינען אין די דערבייאיקע פאמיליע־לאגערן, פאר וועמען די פארזאָרגונג איז אָנגעקומען באזונדערס שווער. ביי די רוסישע פארטיזאנער דאקעגן האָט די פראָבלעם פון פאמיליעס בכלל ניט עקזיסטירט.

די טענה, אז די ריין יידישע אָטריאדן קעמפן ניט, אָדער, ווי די רוסן פלעגן עס פאָלקסטימלעך באצייכענען „טאָלקאָ זשרוט, דא וואָזדוך פאָרטיאט“ (זיי פרעסן בלויז און פטרן די לופט), איז געווען א פולשטענ־דיקע בייזוויליקייט.

די רוסישע פארטיזאנער פון נאליבאָקער פושטשע האָבן אליין גוט געוווּסט, אז פון די איבער 1.200 יידן פון ביעלסקים אָטריאד, זיינען מער ווי זיבעציק פראָצענט פרויען, קינדער, זקנים, קראנקע און בכלל אומפעיקע צום קאמף. אפילו פאר דער קליינער צאָל קאמפס־פעיקע האָט אויך געפעלט געווער אין א גענוגנדיקער מאָס. (ערשט פאר דער באפרייאונג האָט די צאָל באוואָפנטע דערגרייכט 230—240 מאן).

ביעלסקעס אָטריאד האָט זיין פארזאָרגונגס־ראיאָן געהאט אין ווסיעלובער און נאָוואָגרודקער ראיאָנען (100—120 ק״מ פון דער אָזיערע קראָמאן, וווּ עס האָט זיך געפונען דער אָטריאד), און דאָס באקומען פראָדוקטן פארן הונגעריקן, גרויסן אָטריאד איז אלעמאָל געווען פאר־בונדן מיט קרבנות.

פון די איבער 120 קרבנות, וועלכע עס האָט געגעבן ביעלסקים אטריאד, זיינען כמעט 80 פראָצענט געווען געפאלענע בעת די ווירטשאפטלעכע אָפעראציעס, דורך דייטש־פאָליציאישע לויערונגען.

אין זאָרינס אָטריאד זיינען פון איבער 700 יידן געווען בלויז 20 פראָצענט קאמפספעיקע. דאָ איז דער סכום געווער געווען א לגמרי נישטיקער (50—60 באוואָפנטע). אויך די קרבנות פון זיין אָטריאד זיינען כמעט אלע געפאלן בעתן פאָרן אויף ווירטשאפטלעכע אויפגאבעס.

די גאנצע צייט האָבן עם די ביסל באוואָפנטע יונגעלייט גערארפט אויסהאלטן בײ די אומגעהויערע שוועריקייטן פון אפּראָוויזאציע אזא גרויסע צאָל מענטשן.

פארן שטיקל ברויט האָט מען זייער אָפט באצאָלט מיטן קאָפּ.

אין יאָר 1943 איז א ווירטשאפטלעכע אָפּעראציע פון א יידישן אטריאד געווען פארבונדן מיט מער סכנות און קרבנות, ווי די שווערסטע קאמפּס־אויפגאבעס, ווו מען האָט זיך געקענט באוועגן צו פוס און אין קלענערע גרופּעס, פאָרזיכטיק און זיך דערהאלטן בײ די כּללים פון פּארטיזאנישער קאָנספּיראציע און טאקטיק.

דאָס פארזאָרגן דורך א קליינער צאָל באוואָפנטע מיט שפּייז און



פּארטיזאנער פאָרן ארויס אויף אַן אויפגאבע

מיט אלע איבעריקע נויטווענדיקע זאכן אזוינע גרויסע צאָלן יידן, האָט געמאכט אומעגלעך א רירעווודיקע, כּסדרדיקע קאמפּס־טעטיקייט. און דאָך, טראָץ אלעמען, האָבן די א. ד. אָטריאדן, אין די ראמען פון זייערע באגרענעצטע מעגלעכקייטן, געקעמפט און בייגעשטייערט צום זיג איבערן דייטש.

עס איז ניט אמת, אז די יידן זיינען געלאָפן אין די וועלדער בלויז צו ראטעווען זייער אייגענע פעל, הגם דער גוואלטיקער דראנג צום לעבן, דער נאטירלעכער שטארקער לעבנס־אינסטינקט האָט דאָ בּלי שום ספק געשפּילט א גרויסע ראָל (איבעריקנס, ווי בײ די ניט־יידן).

אין די בּראשית־פארהעלטעניש פון דער פּארטיזאנער־באוועגונג

(1942) האָט זיך קיינער פון אונדז ניט געשאפן די מינדסטע אילוזיעס װעגן דער מעגלעכקייט איבערצולעבן די מלחמה אין די װעלדער. קיינער האָט דאן ניט געגלויבט, אז די נישטיקע, צעשטויבטע גרופּעס מיט דעם שוואכן געװער װעלן לאנג קענען אויסהאלטן אין קאמף מיט דער מאכט, װעלכע האָט באזיגט לענדער און גרויסמאכטן. (דער אויפקום פון דער פּארטיזאנקע פאלט זיך צונויף מיט דעם גלאנץ־פּעריאָד פון דייטשן געװער, זומער 1942).

מען האָט ניט געװאָלט שטארבן װי שעפסן, גיין װי שאָף צו דער שחיטה און אדורכמאכן די גאנצע שענדלעכע פּראָצעדור, װעלכע עס האָבן צוגעגרייט פאר אונדז די דייטשן.

מיר האָבן געװאָלט שטארבן, װי מענטשן, װי פרייע מענטשן, כאפּן די קויל אין קאָפּ, דערהרגענען און אויב מען װעט דארפן דער־הרגעט װערן.

און עס זיינען טאקע געװען ערלעכע רוסישע פּארטיזאנער, װעלכע פלעגן מודה זיין, אז ניט אלע יידן זיינען פּחדנים און ניט אלע רוסן זיינען העלדן.

## ג. דער דערנער־װעג פון יידישן פּארטיזאן

די יידן, װאָס זיינען זיך צעלאָפן פון די שטעט און שטעטלעך אין די פּושטשעס, װעלדער און בלאָטעס נאָך די אומענטשלעכע איבער־לעבונגען, ליידן און יסורים, נאָכן פארלירן זייער משפחות, צעבראָכענע, אנטוישטע און פארצװייפלטע האָבן נאָכן אדורכרייסן זיך דורך די געטאָ־דראָטן, נאָך ניט געפונען די פולע אויסגעבענקטע פרייהייט.

אין די דערפער און װעלדער האָט מען זיך אָנגעטראָפן מיט א פיינטלעכער אטמאָספער, אין דער ערשטער ריי מצד די פּויערים, װי אויך א געװיסן טייל פּארטיזאנער.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער דערנער־װעג פון יידישן פּארטיזאן.

אָנקומען אין א סאָװעטישן קאמפּס־אָטריאד איז ניט געװען פון די לייכטע זאכן. געװען איינצלנע רוסישע אָטריאדן, װעלכע האָבן פּרינציפּיעל ניט אָנגענומען קיין יידן. זיי האָבן עס מאָטיװירט מיט דעם „לידל", אז יידן קענען ניט און װילן ניט קעמפן.

דער ערשטער פּאָרבאדינג פאר יידן אריינגענומען צו װערן אין א רוסישן אָטריאד איז געװען — באזיצן געװער. פיל יונגטלעכע, װעלכע האָבן ניט געהאט קיין מעגלעכקייט זיך צו פארזאָרגן מיט געװער, האָבן

געמוזט אוועקגיין אין די פאַמיליע-לאַגערן אָדער פאַמיליע-אָטריאַדן, וועלכע האָבן אויפגענומען יעדן געראַטעוועטן יידן.

די אָנגעקומענע ניט-יידן פלעגן גלייך באַוואָפנט ווערן דורך די פּאַרטיזאַנער. ניט זעלטן פלעגט אויך טרעפן, אַז מען פלעגט צו דעם דאָזיקן צוועק אָפּנעמען ביי יידישע פּאַרטיזאַנער זייער געווער, מיט וועלכן זיי זיינען געקומען אין אָטריאַד, און עס אָפּגעבן די נאַר-וואָס אָנגעקומענע ניט-יידן אָדער פאַרבייטן זייער געווער אויף אַן ערגערן סאָרט.

דער דאָזיקער בולטער פאַקט פון נאַציאָנאַלער דיסקרמינאַציע איז דורך דער אָנפירערשאַפט און פּאָליטישע דערציערס, קאָמיסאַרן און פּאָליטרוקעס דערקלערט געוואָרן מיט אַ העכערער פּאָליטישער כוונה.

די יידן, האָבן זיי געזאָגט, האָבן דאָך ממילא קיין אנדער אויסוועג ניט. זיי האָבן דאָך ניט קיין וועג צוריק. דער ווייס-רוס, פּאָליאַק און אוקראַינער האָבן פיל ברירות. זיי קענען גיין אין דער פּאָליציי, אין דער וולאַסאָוו-אַרמיי, אויף פּאָסטנס צו די דייטשן ווו זיי ווערן גוט באַצאָלט און באַקומען פרייע הענט צו רויבן די באַפעלקערונג און געניסן פון דער פולער מאָס פון יידישן הפקר-פאַרמעגן, און דעריבער מוזן מען זיי פאַר יעדן פרייז אַריינציען אַלס קעמפערס קעגן דייטשישן אָקופּאַנט.

למען האמת דאַרף באַמערקט ווערן, אַז מיטן צופלוס פון סאָוועטישן געווער פלעגט מען שוין קאַמפּס-פעיקע יידישע יוגנטלעכע אויפנעמען אין די רוסישע אָטריאַדן אויך אָן געווער. אָבער בדרך כלל זיינען די יידן געווען אין אַ פאַרכשופטן קרייז. צו די קאַמפּס-אומפעיקע פלעגט מען טענה'ען: „צו וואָס זייט איר אהער געקומען, פאַר וואָס קעמפט איר ניט?" און צו די קאַמפּס-פעיקע, וועלכע האָבן געוואָלט אָנקומען אין אָטריאַד, פלעגט מען ענטפערן: „אייער גאָלד האָט איר אָפּגעגעבן דעם דייטש און איצט קומט איר צו אונדז ראַטעווען אייער „פעל"?". צו די, וועלכע זיינען געקומען שפּעטער, האָט מען געשריען: „ווו זייט איר געווען ביז איצט, געאַרבעט פאַרן דייטש, געשלאָפן אונטער די פערענעס אין די געטאָס?".

ביי אַזאַ מין איינשטעלונג צום יידישן פּאַרטיזאַן איז קיין וווּנדער ניט, אַז אַ טייל יידן (ספּעציעל די רוסישע פון די מזרחדיקע געביטן), וועלכע האָבן לויט זייער אויסערלעכן אויסזען און רוסישע שפּראַך-קענטעניש, געקענט זיך מאַסקירן, האָבן געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו פאַרבאַהאַלטן זייער יידישן אָפּשטאַם און אָנגעגעבן זיך אַלס רוסן, טאַטאַרן, אַרמענער א. א. וו.

באזונדערס האָבן פון די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער געליטן די ייִדישע פאַמיליע־לאַגערן.

בעת די ייִדן זיינען ביי דער ליקווידאַציע פון די געטאָס געלאָפן אין די פּאַרטיזאַנער־ראַיאָנען, זיינען זיי אָפגעוואָרט געוואָרן דורך לויערונגען פון רוסישע פּאַרטיזאַנער און פולשטענדיק באַרויבט געוואָרן.

אַזוי זיינען די לידער ייִדן, אַנטלויפנדיק פון די צונג, וואָס האָבן זיי געפירט קיין מאַידאַנעק באַרויבט געוואָרן דורך פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „איסקראַ" (נאָוואָגרודקער ראַיאָן).

בעת דער ביעליצער פאַמיליע־לאַגער איז געווען געצוואונגען אין ענדע 1943 זיך איבערצוטראָגן צום פאַמיליע־לאַגער ביים דאָרף דיעמיאַנאָוויצע, זיינען זיי אויפן וועג באַפאַלן, באַרויבט און איינציקע אַפילו צעשלאָגן געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער פון אַנטיסעמיטישן אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", פּאָפּולער א. נ. „לידער".

עס זיינען אויך געווען פאַלן, אַז די רוסישע אָטריאַדן פלעגן מאַכן לויערונגען אויף די זיך אומקערנדיקע ייִדן פון ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס און צונעמען ביי זיי, די מיט לעבנס־ריזיקע באַקומענע פּראָדוקטן. ניט איינמאָל זיינען ביעלסקים און זאָרינס אָטריאַדן, באַרויבט געוואָרן פון זייערע פּראָדוקטן און ניט אַלע מאָל פלעגט עס געלינגען די קאָמאַנדירן פון די א. ד. אָטריאַדן דורך אינטערווענצן ביי דער העכערער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג עס אָפּצונעמען צוריק. ניט זעלטן פלעגט דאָס אויך ברענגען צו קרבנות אין מענטשן.

אַכט ייִדן פון סטאַריצקים אָטריאַד (מירער ראַיאָן) זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער פון די ספּעצ־דיווערסיע־גרופּעס דאַנילאָוו און באָזשענקאָ (יאַנואַר 1944), בעת זיי זיינען געפאָרן פון א ווירטשאַפט־לעכער אויפגאַבע, און די פּראָדוקטן זיינען צוגענומען געוואָרן.

פיר ייִדן, וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן, האָבן וועגן דעם פאַל גלייך געמאָלדן די געהעריקע אינסטאַנצן. אַלס שטראָף האָט גענ.־מאַיאָר פּלאַטאָן דעגראַדירט די א. ד. קאָמאַנדירן. די דירעקט שולדיקע האָבן אָבער קיין שטראָף ניט באַקומען, ווייל דאָס וואָלט אָנגערירט ניט ווייניקער ווי פופציק פּאַרטיזאַנער.

א ייִדישן פּאַרטיזאַן אין א רוסישן אָטריאַד פלעגט מען פאַרן קלענסטן חטא אַנטוואָפענען און אַפּשיקן אין א פאַמיליע־לאַגער, ווו עס זיינען געווען פיל ערגערע לעבנס און זיכערהייטס באַדינגונגען. די צאָל

פּרעטעקסטן, פאַר וועלכע מען פלעגט אַנטװאָפּענען און אַרויסשיקן פון אָטריאַד, איז געווען אַ גענוג גרויסע:

1) פאַר פאַרלירן אָדער װאַרפן בעת'ן אַנטלויפן נאָך אַ קאַמף דאָס געווער.

2) פאַר פירן שפּייז אין די פאַמיליע־לאַגערן פון די אָטריאַד־פּראָדוקטן.

3) פאַר נעמען פאַרבאָטענע ניט־וויכטיקע זאַכן ביי פּויערים בעת אַ „באָמביאָזשקע", באַזונדערס ביי פאַרבינדונגס־מענטשן. געווען פאַלן, ווען פאַר אַזאַ חטא פלעגט מען שיסן.

פאַר נעמען אַ שיסל ביי אַ פּויער, אַ פאַרבינדונגס־מאַן, האָט מען צוויי יידישע פּאַרטיזאַנער פון אָרליאַנסקן אָטריאַד, אברהם בליאַכמאַן (װאַרשע) און אברהם מאַגיד (ביעליצע) אַרעסטירט. אויפן וועג צום בריגאַדע־שטאַב האָט מען בליאַכמאַנען דערשאָסן. מאַגידן איז געלונגען צו אַנטלויפן און גליקלעך אויסצומיידן די נאָכיאָגנדיקע קוילן. ער איז אַנטלאָפן אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן און אַרייַנגעטראָטן אין יידישן אָטריאַד „אָרדזשאָניקידזע" (קיראָװער בריגאַדע).

יוסף ראַפּאָפּאָרט (װאָלאָזשין) פון אָטריאַד נר. 20 (טשקאַלאָװער בריגאַדע, װאָלאָזשינער פּושטשע), איז דערשאָסן געװאָרן אויפן באַפעל פון קאָמיסאַר קאָזאַק איװאַן פאַר נעמען אין דאָרף נאָװאָסאַד, ביי דעם פּויער באָלטון, קליידער פאַר זיין פרוי.

4) פאַר ניט אויסצייכענען זיך אין די קאַמפן פאַר „טרוסעווען" (אַרויסווייזן פּחדנות) בעתן אויספילן די קאַמפס־אָפּעראַציעס, פאַר סתם װאַרפן אַן אומחן אויף איינעם א. ד. גל.

באַזונדערס פלעגן זיך פאַרשטאַרקן די אַנטיסעמיטישע כוואַליעס בעת און נאָך אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס פון די דייטשן אויף די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס.

אָפט פלעגט דאַן אויסקומען די אָטריאַדן זיך צו צעשיטן אויף קלענערע גרופּעס, בכדי אַדורכצוריַיסן זיך דורך דער דייטשישער אַרומרינגלונג. די דיסציפּלין און די מורא פאַר דער אָנפירונג פלעגט געוויינטלעך ווערן שוואַכער. די פאַרברעכערישע אינסטינקטן פלעגן דאַן ניט זעלטן קומען צום אויסדרוק דורך ראַבירן און אַפילו מאָרדן איינציקע יידן. אַלע אָפּרעכענונגען פלעגן דאַן געמאַכט ווערן. עס זיינען געווען שאַנסן, אַז אין אַלגעמיינעם כאַאָס און טומל זאָל דער באַגאַנגענער

פארבארגן געבליבן אן אייביקער סוד און דער פארברעכער זאָל אויסמיידן די האנט פון דער גערעכטיקייט.

נאָך אן אָבלאווע פלעגט מען אין פיל פאלן אנטוואָפענען און ארויסשיקן יידן פון די אָטריאדן. אזוי האָט מען נאָך דער אָבלאווע אויפן פארטיזאנישן טאנק אין ליפיטשאנער פושטשע (סעפטעמבער 1943) געוואָלט ארויסשיקן פון ארליאנסקן אָטריאד אין א פאמיליע-לאגער 40 יידן, בעיקר פרויען און א. ג. „שאכמאָניעס" (ניט קעמפערישע און איניציאטיוולאָזע פארטיזאנער). אָבער די ענערגישע אינטערווענץ פון יידישן קאָמאנדיר פון א ספעץ-דיווערסיע גרופע, קאפ. דאווידאָוו, האָט אָפגעשריען די גזירה.

נאָך אן אָבלאווע אין באטשער פושטשע, זיינען 35 יידן, פון זיי אויך אזעלכע, וועלכע האָבן מיטגעווירקט ביים אָרגאניזירן די פארטיזאנקע אין דער א. ד. פושטשע און זיך אויסגעצייכנט אין די קאמפן — אָפגעשיקט געוואָרן אין ליפיטשאנער פושטשע, ווו א טייל פון זיי איז אויפגענומען געוואָרן אין די אָרטיקע רוסישע אָטריאדן (אויגוסט 1943).

דער ייד אין פארטיזאנקע איז אויך געווען באדראָט מיט זיין לעבן דורך דעם טייל פארטיזאנער, וועלכע זיינען געווען באהערשט פון זאָאָלאָגישן אנטיסעמיטיזם, און איז אָפטמאָל אויך געווען א קרבן פון אָנווענדן לגבי אים דאָס פארטיזאנישע קריגס-געזעץ מיט דער פולער הארבקייט, בכדי צו ווירקן אָפשרעקנדיק אויף די ניט-יידישע פארטיזאנער (למשל; פאר שלאָפן אויף דער וואך, פאר נעמען ביי א פויער ניט נויטיקע זאכן א. ד. גל.).

די יידן האָבן אויך אין פארטיזאנקע זיך געפילט אלס יידן און זייער יידישקייט האָבן זיי געשפירט אויף טריט און שריט.

## ד. אומקום פון יידן אין די וועלדער

ווייל מען זיך קלאָר מאכן די באציאונגען צווישן יידן און ניט-יידן אין פארטיזאנקע און קומען צו אָביעקטיווע אויספירן וועגן אנטיסעמיטיזם אין די וועלדער, דארף מען אויך אין דעם פרט איינטיילן די פארטיזאנקע אין צוויי תקופות.

דער גרעסטער טייל פארברעכנס און מאָרדן אין די וועלדער פאלט אויס אין דעם פעריאָד פון דער ערשטער תקופה פון פארטיזאנקע, ווען זי איז נאָך ניט געווען צענטראליזירט, אָן פארבינדונגען און אָן

באפולמעבטיקטע פון מאָסקווע. עס איז דאן געווען א הפקר־שטימונג און פארברעכערישע אינסטינקטן האָט מען געקענט אויסלאָדן אָן מורא פאר אויסווירקונגען, אויספאָרשונגען און באשטראָפונגען.

אדוו. אלתר דוואָרעצקי און פאזולסקי משה (זשעטל) — די אָרגאניזאטאָרן פון דער פארטיזאנער־באוועגונג אין זשעטלער געטאָ, וועלכע זיינען ארויס אין ליפיטשאנער פושטשע, צוזאמען מיט א גרופע פון זעקס מאן, ווערן דערמאָרדעט אין אייניקע וואָכן ארום נאָך זייער קומען אין וואלד, דורך א לויערונג פון רוסישע פארטיזאנער פון קאָליע וואכאָנינס גרופע ביי פאָדוואָרקע (זשעטלער ראיאָן), דעם 11־טן מאי 1942.

קאָליע וואכאָנין, דער דאמאָלסטיקער קאָמאנדיר פון די קליינע רוסישע גרופעס אין ליפיטשאנער פושטשע, האָט אין ענערגישן, אינטעליגענטן אלתר דוואָרעצקי געזען אן ערנסטן קאָנקורענט פארן קאָמאנדיר־בענקל און ער האָט באשלאָסן אויף אזא מיאוסן אופן פון אים און פון די איבעריקע יידן פטור צו ווערן. (די איבעריקע פון זיין גרופע זיינען באלד נאָך דעם פאל אנטלאָפן אין נאליבאָקער פושטשע).

די דייטשן האָבן נאָך דוואָרעצקיס אנטלויפן פון געטאָ אָנגעמאָלדן א פרעמיע פון 2.500 מארק פאר ברענגען דוואָרעצקין א לעבעדיקן אָדער א טויטן. די דייטשן האָבן געוווסט, וואָס פאר א געפאר עס שטעלט מיט זיך פאָר אדוו. אלתר דוואָרעצקי, אלס אָרגאניזאטאָר פון דער פארטיזאנקע. די אנטיסעמיטישע פארטיזאנער האָבן מיט זייער דערמאָרדונג געטאָן א ווירטיקע לייסטונג פאר דער דייטשישער זאך.

בעת דער גרויסער אָבלאווע אין ליפיטשאנער פושטשע איז דורך א דייטשישער לויערונג פארוואונדעט געוואָרן דער קאָמאנדיר פון יידישן אָטריאד, הירש קאפלינסקי. ער דערשלעפט זיך (זיין חבר ביטענסקי פאלט א טויטער אויפן אָרט) מיט א געפונענעם קוילנוואָרפער צו א באקאנטן פויער, יוזעף בודילאָוויטש, וועלכער העלפט אים דערגיין ביז אן „אנדרינקע" און באהאלט אים דאָרט. ער בעט דעם פויער ברענגען פארטיזאנער, בכדי ער זאָל קענען פארבינדן זיין גרופע, וועלכע איז געלעגן אויף א לויערונג, מיטן בריגאדע־שטאב.

דעם זעלביקן טאָג ברענגט דער פויער אייניקע רוסישע פארטיזאנער, וועלכע פירן ארויס קאפלינסקין אין דרויסן, פארזיכערנדיק אים, אז זיי וועלן גלייך מיטטיילן וועגן דעם אין שטאב, אָבער אָפגייענדיק א פאָר טריט, דערשיסן זיי אים. ער באוויזט בלויז אויסצושרייען —„פארוואָס?" זיי שיסן א צווייטן מאָל און ער פאלט טויט. (12־טן דעצעמבער 1942).

דר. אבראשא אבראמאָווסקי (באראנאָוויטש) האָט אנטלויפנדיק פון געטאָ אָנגעטראָפן אויף דעם וואך־פּאָסטן פון איוואן איוואנאָוויטשעס אָטריאד (פּאָלעסיע). זיי האָבן אים בארויבט, אראָפּגעצויגן די שטיוול און דערשאָסן.

פיאָראָראָוויטש, דער קאָמאנדיר פון דער 51־טער יידישער גרופּע, ביים אָטריאד „שטשאָרס", איז, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, געפאלן ניט פון א פיינטלעכער דייטשער קויל, נאָר אויף א מערדערישן אופן דערשאָסן געוואָרן פון הינטן דורך דעם שטאב־נאטשאלניק פון אָטריאד — מערזליאקאָוו, צוליב קנאה צו פיאָדאָראָוויטשן — דעם פעיקסטן סטראטעג אין אָטריאד.



## א וואלד אויף בלאָטעס — פּייזאזש פון ווייסרוסישע פּושטשעס

דאָס בילד שטעלט פאָר א פראגמענט פון רודניצקער פּושטשע (ווילנער קרייז).

אין דאָרף ראָמאנאָוויטשי (זשעטלער קרייז) האָט זיך צוזאמענגעטראָפן א גרופּע יידישע פארטיזאנער פון אָרליאנסקן אָטריאד מיט

די פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו". די יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען אויפגעפּאָדערט געוואָרן אָפּצוגעבן דאָס געווער און ארויסצוגיין אויף דער גאַס. דאָרט האָט מען אויף זיי געעפנט א פייער, פון וועלכן מיירים דוואָרעצקי איז גלייך געפאַלן א טויטער. שרה אַלפּערט (זשעטל) איז דורך זיי פארגוואַלדיקט געוואָרן און זיי האָבן זי נאָכדעם אריינגעוואָרפן אין א קאַרטאָפל-גרוב (מערץ 1943). פון דער טראַגעדיע איז געבליבן א לעבעדיקער עדות, משה מאנקעוויטש (זשעטל), וועלכער איז פארוואונדעט געוואָרן אין האַנט און אונטער א קוילן-האָגל אנטלאָפן אין אָטריאַד. די פּאַרטיזאַנער-אָנפירונג האָט געוווּסט, ווער די מערדערס זיינען („קאָליע באַנדיט" און „וואַנקע באַנדיט") און קעגן זיי קיין מאָסמיטלען ניט אָנגענומען.

דער בריגאַדע-נאַטשאַלניק בולאַט (פּסעוודאָנים „בעזרוקי" אָן הענטיקער, אַן אינוואַליד), האָט בעת דער אָבלאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע (דעצעמבער 1942) אייגנהענטיק דערשאָסן די צוויי דערעטשינער מיידלעך; פייגעלע שעליובסקי און ביילע בעקער. ער האָט ביי זיי געפרעגט „ווו זיינען אייערע ביקסן"? — זיי האָבן געענטפערט, אז זיי האָבן פארבאהאַלטן, ווייל זיי זיינען געווען אין געפאַר פון ארומרינגלונג, אָבער זיי קענען דאָס געווער גלייך ברענגען. ער האָט בליץ-שנעל ארויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און זיי דערשאָסן.

אן איוויער פּאַרטיזאַנער-גרופּע פון פיר פּערזאָן, וועלכע האָט אין די אָנהויב-טעג פון דער פּאַרטיזאַנקע, געהאַט א באַזונדער ערד-הייזל אין אומגעגנט פון איוויע (מאָרינער וואַלד) פלעגט נעמען נקמה פון די פּויערים, יידן-מערדערס און אָפּנעמען ביי זיי אַלץ, וואָס זיי האָבן אָנגערויבט ביי די איוויער יידן בעת די שחיטות. די פּויערים האָבן געמסרט פאַר די פּאַרטיזאַנער פון דער רוסישער גרופּע „אַנטאָנאָווצעס", אז א באַוואָפנטע גרופּע יידן ראַבירט זיי. נעבן דאָרף העלענאָווקי (איוויער ראַיאָן) זיינען די פיר יידן: שעפּסל שעפּטל, סענדער ביעלאַווסקי, לייב קאַלמאַנאָוויטש און הירש לעווקאָוויטש, אנטוואָפנט און דערשאָסן געוואָרן אַלס „רויבערס" (פעברואַר 1942). שפּעטער איז די גאַנצע גרופּע „אַנטאָנאָווצעס" אויסגעשאָסן געוואָרן אַלס באַנדיטן דורך דער העכערער פּאַרטיזאַנער-אָנפירונג, נאָכדעם ווי יענע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַראייניקן מיט דער גאַנצער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג.

דער רוסישער לייטענאַנט, אָטריאַד - קאָמאַנדיר, נאַסיעקין האָט צוגעגרייט א פאַרניכטונג פון קרוקס אָטריאַד (וואָלין), וועלכער האָט

געצײלט איבער 100 ײדן. ער האָט פאָרגעלײגט דעם אָטריאַד־קאָמאַנדיר, קרוק, א פּלאַן פון מינירן די ײדישע ערד־שטיבלעך און אויפרײסן זײ. קרוק, װעלכער איז געװען פרײנטלעך געשטימט צו ײדן, האָט עס אנטשײדן אָפּגעװאָרפן (נאָװעמבער 1942).

דערװוּסט זיך װעגן דעם האָט מען א פּאָר טעג פריער דורך נאסיעקינס אדיוטאַנט, װעלכער האָט עס דערצײלט דעם פאַרטרעטער פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר, דב לאָרבער.

נאָכן קומען פון פאַראײניקונגס־קאָמיסאַר פּאָלק, ברינסקי (פּסעװד. „דיאדיא פּעטיא") איז ער אינפאָרמירט געװאָרן װעגן דעם טײװלאָנישן פּלאַן פון נאסיעקינען. אין צװישן זײנען אויפגעשװוּמען נײע בלוטיקע חטאים קעגן אים. עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז במשך פון א קורצער צײט האָט ער אויפגענומען אין זײן אָטריאַד זיבן ײדן, אויסגענוצט זײ (געשיקט שאַפן געװער א. א. װ.) און שפּעטער זײ צעשאָסן.

דער א. ד. נאסיעקין האָט שוין געהאַט פאַרן קומען קײן װאָלין א היפּשן צעטל פון מאָרדן און פאַרברעכנס, װעלכע ער איז באַגאַנגען אין זײן פריערדיקן טעטיקײטס־ראַיאָן (לעגינסקי, פּאָלעסיע), װען זײן אָטריאַד איז נאָך געװען פאַראײניקט מיט די „זשאָרקינצעס".

אין יענער צײט (אויגוסט — אָקטאָבער 1942) זײנען פאָרגעקומען די שחיטות אין פּאָלעסיע און פיל הונדערטער ײדן זײנען זיך צעלאָפן אין די װעלדער און פינסקער בלאָטעס.

די „זשאָרקינצעס" פלעגן אָנפאַלן אויף די אומגליקלעכע ײדן, זײ באַרויבן און צעשיסן. נאָך א גענויער אויספאָרשונג און פעסטשטעלונג פון זײנע באַגאַנגענע מאָרדן און פאַרברעכנס פון קרימינעלן כאַראַקטער איז ער לויט א באַפעל פון פּולק. ברינסקי דערשאָסן געװאָרן.

אין דעצעמבער 1942 זײנען געקומען אין קרוקס אָטריאַד די צװײ פאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „אַנישטשענקאָ", אָסטראָװסקי און באַזיקין. דער פאַרטיזאַן באַזיקין האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס קאָמיסאַר, װעלכער איז אַראָפּגעשיקט געװאָרן פון דער פאַרטיזאַנער פאַראײניקונג צו קאָנטראָלירן די אָטריאַדן פון דער בריגאַדע.

װי נאָר זײ זײנען אַרײן אין קרוקס אָטריאַד האָט באַזיקין אָנגעהויבן פאָרװאַרפן, אַז אין אָטריאַד איז ניט אין אָרדענונג און ער האָט אָנגעהויבן װאַרפן אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. דער קאָמאַנדיר קרוק האָט אים באַפוילן תיכף צו פאַרלאָזן זײן אָטריאַד. זײ זײנען געװען געצװוּנגען אויסצופילן זײן באַפעל און אַװעק אין דערבײאיקן ײדישן פאַמיליע־לאַגער.

אויף וואך איז דאן געשטאנען פייוול זאפראן. זיי זיינען צוגעגאנגען צו אים און געפאָדערט, אז ער זאָל זיי באווייזן זיין ביקס צו קאָנטראָלירן. זאפראן, קענענדיק זיי, האָט קיין איין מינוט ניט געטראכט און געגעבן זיי די ביקס. אין דעם מאָמענט האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים, מערדערלעך צעשלאָגן פאר׳הרגענדיק אים ביז טויט. זיי זיינען אריין אין פאמיליע-לאגער, אָנגעהויבן מערדערלעך צו שלאָגן אלעמען, וועמען זיי האָבן אָנגעטראָפן, אויסשרייענדיק אנטיסימיטישע לאָזונגען. באזונדערס שטארק זיינען צעשלאָגן געוואָרן די יידן אשר פלאַש און יצחק חון.

נאָך אן אויספאָרשונג פון בריגאדע-שטאב האָט מען זיי דעגראדירט פון „סטארשינא" און וזוואד-קאָמאנדיר אויף געוויינטלעכע סאָלדאטן.

א באזונדער טראגיש קאפיטל שטעלט מיט זיך פאר די געשיכטע פון די יידן פון קאמען-קאָשירסקער געטאָ (וואָלין), וועלכע זיינען אנט-לאָפן איניקע טעג פאר דער לעצטער שחיטה (2-טן סעפטעמבער 1942) אין די וועלדער.

דער דייטשישער געביטס-קאָמיסאר, מיכאילים האָט צוגעזאָגט, אז אויב ער וועט לויט א באפעל פון אויבן זיין געצוואונגען צו ליקווידירן דעם קאמען-קאשירסקער געטאָ, וועט ער אין דער לעצטער מינוט מודיע זיין וועגן דעם און דאָס וועט דינען פאר א ווונק צו צעלויפן זיך. ער האָט זיין וואָרט געהאלטן.

ער האָט געהייסן בלייבן 80 מאן קוואליפיצירטע ארבעטערס, לויט א פריער צונויפגעשטעלטער רשימה און פארזיכערט, אז זיי דראָט ניט קיין געפאר. די רעשט יידן (לפי ערך 700 — 500) זיינען זיך צעלאָפן אין די וועלדער פון אומגעגנט.

די גרויסע צאָל געראטעוועטע יידן איז געלאָפן אין די זשווירער וועלדער (40 ק"מ פון קאמיען-קאָשירסק). אויף די וועגן און אין די דערפער זיינען פיל יידן אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די אוקראינישע פויערים און פאָליצײ. אין די וועלדער האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף א באנדע פון 25 בלומרשטע פארטיזאנער, וועלכע האָבן זיך גערופן „סוואָראָוצעס" (שפעטער איינגעשלאָסן געוואָרן אין מאָלאָטאָוו-בריגאדע). דאָס איז געווען א געוויינלעכע רויבער-באנדע, וועלכע פלעגט אָנפאלן אויף יידן, איבערלאָזן זיי באָרוועס און נאקעט, בארויבן פון דעם, וואָס זיי האָבן באוויזן מיטצונעמען פון געטאָ און צעשיסן.

אויף א כוטאר אדרעזשעב האָבן זיי מיט באיאָנעטן דערשטאָכן 13 יידישע בחורים.

יאַנואַר 1943 איז אָנגעקומען אַלס קאָמיסאַר אין א. ד. אָטריאַד פון יענער זייט פראָנט־ליניע, באָריס ניקאָלאַיעוויטש. מיט זיין קומען האָט זיך די לאַגע אין קאַמיען־קאָשירסקער ראַיאָן געענדערט צום בעסערן.

יולי 1943 איז אָנגעקומען אין זעלביקן ראַיאָן די פּינסקער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג און עס איז אַריינגעטראָטן א ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער באַציאונג צו די יידן. ביז דאַן זיינען אָבער דורך די כסדרדיקע איבערפאַלן פון אוקראַיִנישע, פּאַשיסטישע באַנדעס, פּויערים און אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער אומגעבראַכט געוואָרן כמעט אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך אין אַזא לפי ערך גרויסער צאָל געראַטעוועט פון קאַמיען־קאָשירסקער געטאָ.

א וואָלאָדאַווער פּאַרטיזאַן, מלך קאַץ, צוזאַמען מיט נאָך געציילטע לעבן־געבליבענע עדות האָבן נאָך דער באַפרייאונג געפאָדערט אויפצוהויבן דעם פּאָרהאַנג איבער דער שרעקלעכער טראַגעדיע פון די קאַמיען־קאָשירסקער יידן אין די וועלדער. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן און באַקומען זייער גערעכטע שטראָף פיל רוסישע פּאַרטיזאַנער־אַנטיסעמיטן, וועלכע זיינען געווען פאַרמישט אין די א. ד. מאָרדן.

געווען אָטריאַדן, וווּ דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגענומען אַזאַ דראָענדיקן כאַראַקטער, אַז די יידן זיינען געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן מיטן געווער אין אַן אַנדער ראַיאָן אָדער אָטריאַד, הגם דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן און מען האָט געקענט דערפאַר באַצאָלן מיטן קאָפּ.

אין דער ערשטער העלפט פון 1943 האָט זיך געשאַפן פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „באַרבאַ" (פּאָפּולער א. נ. „אָרליאַנסקי") אין ליפּיטשאַנער פּושטשע אַן אומדערטרעגלעכע אַטמאָספער. עס האָבן אָנגעהויבן שטייגן די אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין א. ד. אָטריאַד. מען האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען און וועגן באַשולדיקן די יידישע פּאַרטיזאַנער. עס איז דאַן אויך געשען דער פאַל פון פאַראורטיילן צום טויט די יידישע פּאַרטיזאַנער: אברהם מאַגיד און אברהם בליאַכמאַן פאַרן מכלומרשטן ראַבירן. ספּעציעל האָט זיך די לאַגע פאַרשאַרפט נאָכן אויפרייסן דעם פּאַנצער־אויטאָ. דער פּאַנצער־אויטאָ איז צוגעגרייט געוואָרן נאָך דער ניט־איינגעגעבענער צווייטער אַטאַקע אויף דעם דייטשישן גאַרניזאָן אין נאַקרישקי (זשעטלער ראַיאָן, מאַי 1943). לויטן פּלאַן, האָט מען געדאַרפט מאַכן א נייעם פּרווו צו צעקלאַפּן נאַקרישקי און זשעטל. צוליב פאַרשיידענע סיבות איז מען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ אין נאַקרישקי ערשט 11 א זייגער פאַר מיטאָג (יוני 1943). מען האָט

אויסגעשאָסן אַלע 14 סנאַריאַדן און עס איז ניט געלונגען אַרויסצוטרייבן די דייטשן פון די גוט באַפעסטיקטע בונקערס („דזאָטן"). מען איז געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז דער פאַנצער־אויטאָ זאָל פאַרכאַפּט ווערן פון די דייטשן, און בעיקר, אַז די רעדער־שפּורן אין זאַמד וועלן אָנווייזן די דייטשן דעם וועג צום לאַגער. דער פאַנצער־אויטאָ איז דערפאַר איבערגעלאָזט און פאַרמינירט געוואָרן.

אויפן פאַנצער־אויטאָ זיינען דורך די אָפּטרעטנדיקע פּאַרטיזאַנער אַרויפגעלייגט געוואָרן די פּולעמיאָטן און קוילן־דיסקן, בכדי זיך צו פאַרלייכטערן דעם צוריקמאַרש אין אָטריאַד.

די מיידלעך פון דער יידישער דריטער ראָטע פון א. ד. אָטריאַד: הדסה שעלעוויצקאַ און ליבע פינקלשטיין, זיינען באַשטימט געוואָרן צו היטן דעם אויטאָ. אַזוי ווי די מיידלעך זיינען יענעם טאָג געווען באַשעפטיקט ביי וואַשן וועש, זיינען זיי פאַרביטן געוואָרן דורך מענער, וועלכע מען האָט ניט מיטגעטיילט, אַז דער פאַנצער־אויטאָ איז פאַרמינירט. ניט וויסנדיק פון דער געפאַר האָט זיך איינער פון דער וואַך אַריינגעזעצט אין קאַבינע. דער פאַנצער־אויטאָ האָט אויפגעריסן און עס זיינען אומגעקומען: יוסף יודעלעוויטש, איסר ליכטער (זשעטל) און אַ רוסישער פּאַרטיזאַן. דוד אַלפּערט איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן.

עס האָט זיך געשאַפן אַ געשפּאַנטע שטימונג. די אַנטיסעמיטישע העצע האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט. מען האָט גערעדט, אַז מען וועט דערשיסן די מיידלעך, וועלכע זיינען ניט געגאַנגען אויף דער וואַך,—און אָפּנעמען דאָס געווער ביי די יידישע פּאַרטיזאַנער. דאַן איז אַ גלענצנדיק באַוואָפנטע יידישע גרופּע פון 22 מאַן, לויט דער איניציאַטיוו פון צוקערקאָפּ, שעלובסקי און זאַמקאָוו, אַנטלאָפן צו ביעלסקין (נאַליבאָקער פּושטשע). זיי האָבן מיט זיך געבראַכט 3 קוילנוואַרפערס, 4 „צענטלעך" און אַלע איבעריקע זיינען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן. זיי האָבן איבערגעשיקט אַ בריוו צו דער קאָמאַנדע, אַדרעסירט צום באַפולמעכטיקטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, שופּיעני אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, וווּ זיי האָבן אויפגעקלערט די סיבות, וועלכע צווינגען זיי צו מאַכן דעם געוואַגטן שריט.

טוביה ביעלסקי האָט געמאַכט אַן אינטערווענץ ביים גענ. מאַיאָר פּלאַטאָן וועגן דעם פאַל און עס איז באַקומען געוואָרן די דערלויבעניש אָנצושליסן זיי צו זיין אָטריאַד. שפּעטער האָבן די א. ג. „פּושטשאַנער"

געבילדעט דעם קערן פון ניי־געשאפענעם יידישן קעמפערישן אָטריאַד א. נ. „אָרדזשעניקידזע“.

דער אנטיסעמיטיזם איז געווען גענוג שטארק אויך אין דער צווייטער תקופה פון דער פארטיזאנער־באוועגונג, אָבער דאָך האָט ער שוין זייער זעלטן זיך אויסגעדריקט אין מאָרדן יידן און האָט ניט געטראָגן אזא מאסן־כאראקטער, ווי אין דער ערשטער תקופה. עס זיינען שוין דאָ די באפולמעכטיקטע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין דער צענטראלער אָנפירונג פון דער פארטיזאנער־באוועגונג אין יעדער פושטשע און ראיאָן. ביי יעדן אָטריאַד און בריגאדע זיינען דאָ „פּאָליטרוקעס“ און „קאָמיסארן“ און די „באזונדערע אָפטיילונגען“ פירן דורך אין יעדן פאל אויספאָרשונגען. עס איז שוין דאָ צו וועמען זיך צו ווענדן און פאָדערן גערעכטיקייט און שטראָף פאר באגאנגענע פארברעכנס.

נחום־אלי קאגאן (מיר), א פארטיזאן פון דער בריגאדע „פרונזע“ ווערט דערשאָסן דורכן וזוואָד־קאָמאנדיר, זייענדיק אין א שכורן צושטאנד אין שטעטל רוביזשעוויטש. דער מערדער ווערט לויט א באפעל דערשאָסן.

פאר דער אָבלאווע אין נאליבאָקער פושטשע (יולי—אויגוסט 1943) איז א גרופּע פון אָטריאַד „אלעקסאנדער ניעווסקי“ אוועק אויף א קאמפּס־אויפגאבע אין אן אנדער ראיאָן, ווו זיי האָבן איבערגעוואַרט די אָבלאווע, וועלכע איז דאן פאָרגעקומען אין זייער טעטיקייטס־ראיאָן. צוריקקערנדיק זיך אין אייגענעם ראיאָן האָבן די אנטיסעמיטישע פארטיזאנער פון הינטן דערשאָסן זייער יידישן פּאָליטישן דערציער קאָהאן (ער פלעגט ניט לאָזן שכורן, רויבן א. ד. גל.) און געוואָלט דאָס פאָרשטעלן, ווי א קרבן פון א דייטשער לויערונג. די זאך איז אָבער אויפגעקלערט געוואָרן און אייניקע פארטיזאנער זיינען דערשאָסן געוואָרן פאר די רייען פון אויסגעשטעלטן אָטריאַד.

א געוויסער אָרטיקער ווייס־רוס, באָרים, האָט אין אומגעגנט פון שטעטל יאנאָווע (פּאָלעסיע) אָרגאניזירט א פארטיזאנער־אָטריאַד און זיך בעיקר פארנומען מיט באפאלן די גערעטעוועטע יידן פון די ארומיקע שטעטלעך, בארויבן און אויסמאָרדן. אויף זיין בלוטיקער קאָנטע איז אויך פארשריבן דאָס דערמאָרדן איבער זיבעציק יידן פון יאנאָווע און אנדערע שטעטלעך, וועלכע זיינען געקומען אין די וואָלטשער וועלדער. פרילינג 1943, ווען די פארטיזאנער־באוועגונג אויף פּאָלעסיע האָט זיך שטארק פונאנדערגעוואָקסן און עס זיינען געקומען דעסאנט־גרופּעס

פון מאָסקווע, איז פארפירט געוואָרן אן אויספאָרשונג און דער א. ד. באָרים האָט באקומען זיין פארדינטע באַלוינונג — א קויל.

אין יעדער פושטשע, אין יעדער פארטיזאנער-זאָנע זיינען געווען אָטריאדן, וועלכע האָבן זיך טרויעריק פּאָפּולער געמאכט מיט זייער אנטיסעמיטישע האנדלונגען לגבי יידן.

אין ליפּיטשאנער פּושטשע איז געווען א שם דבר דער שווין דערמאָנטער אָטריאד „וואָראָשילאָוו". אין נאַליבאָקער פּושטשע — די אָטריאדן פון דאנילאָוו, קורבאנאָוו, סטרעלקאָוו און „באָלשעוויק". אויף פּאָלעסיע — די „זשאָרקינצעס". אין די וואָלינער וועלדער — נאסיעקינס אָטריאד.

אָפּטמאָל איז עס געווען צוליב דעם ספּעציפישן מענטשן-עלעמענט, פון וועלכן עס האָט זיך רעקרוטירט דער אָטריאד. דער וואָראָשילאָווער און סטרעלקאָווס אָטריאדן, למשל, זיינען באשטאנען בעיקר פון „פרינוי-דיטעלניקעס" ד. ה. מענטשן, וועלכע זיינען פארן קריג געווען פארמשפּט פאר פארשיידענע פארברעכנס און ארויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואנגס-ארבעט אויף די אעראָדראָמען אין מערב-ווייסרוסלאנד און אוקראינע.

ס'רוב האָט אין דער פראגע באשטימט דעם כאראקטער פון אָטריאד, די אָנפירונג. אויב באָבקאָוו, למשל, איינער פון די פארטיזאנער-קאָמאנדירן אין וואָלטשע נאָרע, איז געווען איינגעשטעלט אָפן אנטיסעמיטיש און האָט פון דעם קיין סוד ניט געמאכט, איז גאנץ פארשטענדלעך, אז זיינע סאָלדאטן זיינען באווירקט געוואָרן אין דער דאָזיקער ריכטונג און פלייסיק זיך געהאלטן ביי דער „תורה" פון זייער קאָמאנדיר.

מען דארף צוגעבן, אז דאָרט, וווּ עס איז געווען א באדייטנדיקע צאָל פון אמת'ע, איבערצייגטע קאָמוניסטן, איז די איינשטעלונג צו יידן געווען א גוטע, און יידן האָבן זיך דאָרט געפילט, ווי גלייכע און פול-בארעכטיקטע חברים און מיטקעמפערס.

א גרויסע אנטשפאנונג אין דער באציאונג צו יידן אין די וועלדער און א באדייטנדיקע ענדערונג אין דער איינשטעלונג צו זיי— איז אנטשטאנען מיטן קומען פון די „ספּעצ-דיווערסיע"-גרופּעס פון יענער זייט פראָנט-ליניע, וועלכע זיינען אין דער צווייטער העלפט 1943 געוואָרפן געוואָרן אין אלע ראיאָנען און פּושטשעס. זיי האָבן געבראכט מיט זיך דעם גייסט פון סאָוועטישער גלייכבארעכטיקונג. צווישן זיי זיינען געווען פיל מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי און קאָמסאָמאָלצעס. עס זיינען געווען צווישן זיי ניט ווייניק יידן, ניט זעלטן אויך צווישן דער אָנפירונג. די

יידן, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן דורך זיי אין זייערע גרופּעס און אָטריאַדן, האָבן זיך געטראָפן מיט לגמרי אַן אַנדער אַטמאָספער און באַציִונג. אין פאַל פון אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציעס פלעגן זיי אינטערווענירן בײַ די מאָסגיבּיקע פאַקטאָרן און אָנווייזן אויפן קעגנזאַץ צווישן דער אַנטיסעמיטישער פּראַקטיק אין די וועלדער, מיט דער ליניע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און סאָוועט - רעגירונג אין דער נאַציאָנאַליטעטן-פראַגע.

פיל יידישע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן מאַסקירט זייער יידישקייט, זיינען ניט אַרויסגעטראָטן קעגן די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער, בכדי ניט צו ציען אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט און ניט הערן דעם פאָרוואורף וועגן „פּאַוואָריזירן אייגענע".

די יידישע פּאַרטיזאַנער פלעגן אָבער „אָנשמעקן" אַ יידן, ווי ער האָט זיך ניט מאַסקירט. בײַ פיל האָט זיך אויך אָפּגערופן דאָס „פּינטעלע ייד".

ווען די רוסיש-יידישע דעסאַנטין, מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ ווערט אַריבערגעפירט פון מיעדוויעדיעווס פאַראייניקונג אין אָטריאַד „סקאָפּקאַ", האַלט זי פאַר איר חוב צו מעלדן פאָלק. מיעדוויעדיעוון וועגן דעם אַנטיסעמיטישן אויפפיר פון דעם מאַיאָר פאַשין און קאַפּיטאַן בערעזני.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פלאַץ צו געבן די מאַטעריאַלן פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, וועלכע זיינען נוגע די פאַרהעלטענישן צווישן יידן און ניט-יידן אין די וועלדער און אויסרעכענען אַלע מאָמענטן, ווען עס זיינען געקומען צום אויסדרוק די שנאה-געפילן צו יידן.

מיר האָבן דאָ נאָר געגעבן אייניקע כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציעס, ווי אַזוי און בײַ וועלכע אומשטענדן זיינען אומגעקומען יידן אין די וועלדער.

1) דער איבערוויגנדיקער טייל איז געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן, ווייסע פּאָליאַקן, קאָזאַקן (וולאַסאָווצעס) און אוקראַינישע פאַשיסטישע פּאַרטיזאַנער. אין קאַמף קעגן דייטשישע גאַרניזאָנען, „סאַמאָכאָוועס" (זעלבסט - שוץ אָרגאַניזאַציע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג קעגן די פּאַרטיזאַנער), אין צייט פון אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס, דורך לויערונגען פון דייטשן און זייערע פאַרבינדעטע, בײַ דיווערסיע- און סאַבאָטאַזש-אַקטן, בײַם מינירן די קאָמוניקאַציע-וועגן א.א.וו.

2) אַ געוויסע צאָל יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען אומגעקומען צוליבן ניט פאָרזיכטיקן באַגיין זיך מיט געווער און אויפרייס-מאַטעריאַלן; בײַם

מינירן די אייזנבאַן־ליניעס און שאָסעען, ביים „ארויספּלאווען" (אויסגיסן) טאָל פון סנאריאדן, צוליב ניט פּאַרויכטיקן מאניפּולירן מיט געווער א.א.וו.

3) דערמאָרדונג דורך פּארטיזאנער־אנטיסעמיטן צוליב רויב־צוועקן און געווער־דעראָבערונג.

געוועז מאָמענטן, איבערהויפּט אין צייט פון אָבלאַוועס, ווען פאר יידישע פּארטיזאנער אין א טייל ראיאָנען איז געווען א לעבנס־געפאר צו טראָגן בעסערע געווער (א „צענטל", אויטאָמאט, רעוואָלווער) און בעסערע מלבושים (שיינע שטיוול, א לעדערנעם מאנטל), צוליב קנאה־געפילן א.ד.גל.

נאָך דער אָבלאַווע אין נאליבאָקער פּושטשע (אויגוסט 1943) האָט א גרעסערע גרופּע פּארטיזאנער פון אָטריאַד „באָלשעוויק" (ערשטע מאי־בריגאדע) דערשאָסן די יידישע פּארטיזאנער וועלוול קרופּסקי (לידע, געהערט צו דער ספּעץ־דיווערסיע־גרופּע „מאָסקוויטשי") זיין פרוי, ביילע גאלובאָווסקא (לידע) און גרישקע (אָטריאַד „גראָזני", ערשטע מאי בריגאדע).

די מערדערס האָבן געפאָדערט פון קרופּסקין זיין פּיסטאָלעט און לעדערנעם מאנטל. ער האָט זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט דאָס צו געבן (איבעריקנס, ווען ער וואָלט זיי אָפּגעגעבן, וואָלטן זיי ממילא אים דערשאָסן, בכדי צו פארווישן די שפּורן), דאן האָט מען זיי צעשאָסן און די קערפּערס פארבאהאלטן אונטער א קופּע שטיינער.

דער יידישער קאָמאנדיר פון דעם דיווערסיע־אָטריאַד „מאָסקוויטשי", קאפּיטאן גאָרעליק, האָט געפאָדערט נקמה פארן פארגאָסענעם בלוט פון זיין העלדישן פּארטיזאן וועלוול קרופּסקי, וועלכער האָט אין א קורצער צייט באוויזן אזויפיל אויפצוטאָן (געהאט אויף זיין חשבון 6—7 אויפגעריסענע עשעלאָנען און אנדערע דיווערסיע־אקטן פון וויכטיקן כאראקטער). עס איז פארפירט געוואָרן א שטרענגע אויספאָרשונג, וועלכע האָט אָבער צו דער אויפדעקונג פון די מערדערס ניט געבראכט...

הערשל פּאָסעסארסקי (ווארשע), וועלכער האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָל ביים ארויסראטעווען יידן פון די געטאָס און זיך ספּעציעל בארימט געמאכט מיט זיין ארויספירן 170 יידן פון סוויערזשנער ארבעטס־לאגער, איז דערשאָסן געוואָרן דורך דעם קאָמאנדיר פון אָטריאַד אנאנטשענקאָ דערפאר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן זיין רעוואָלווער.

צוליב דער זעלביקער סיבה פלעגט מען אָפּט ארויסשיקן יידן פון די אָטריאַדן, אנטוואָפענען זיי פון זייער אייגן איינגעשאפטן געווער און אָפּשיקן זיי אין פאמיליע־לאגערן. צוליב דעם זעלביקן מאָטיוו פלעגן

אויך אנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער אויף אייגענער האַנט דערשיסן יידן, בכדי צו פאַרגרעסערן דעם געווער־באַזיץ פון אָטריאַד.

א גרופּע געוועזענע געפאנגענע, פאר וועלכע עס זיינען קיין ביקסן ניט געווען אין אנישטשענקאָס בריגאַדע (וואָלין), זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן אויף א ספעציעלער אויפגאַבע צו באַוואָפענען זיך. אין א שטוב אין דאָרף סטוביכאָווקע האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף באַוואָפנטע יידן פון א ציווילער גרופּע, וועלכע האָט געהאט איר זיץ־אָרט אין א נאָענטן וואַלד. זיי האָבן די דריי יידן אנטוואָפנט און דערשאָסן. דער פּרעטעקסט איז געווען, אז די יידן זיינען ניט געבליבן שטיין אויפן געגעבענעם באַפעל „סטאָי!" (שטיי!).

אן אנדערש מאָל, ווידער, האָט מען ביי יידן אָפּגענומען דאָס געווער אונטער דעם פּרעטעקסט פון רויבן די פּויערים.

סאַפּאָזשניקאָוו (סענקע), א יידישער לייטענאַנט פון דער רויטער ארמיי, איינער פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, דער 17־יעריקער יידישער פּוליעמיאָטשיק קיווע ברעסלין און לייבע נאַכאַמאַנאָוויטש, זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „אָקטיאַבר" (פעברואַר 1943), ווען די א. ד. יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו לייגן זייער געווער און זיך געמאַכט גרייט אויפנעמען א קאַמף. דער מאָטיוו איז געווען, אז די יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע רויבט די פּויערים.

4) לויט אורטיילן פון „ספּעציעלן אָפּטייל" אין די אָטריאַדן פאַר עובר זיין אויפן פּאַרטיזאַנישן קריגס־געזעץ. אין גרעסטן טייל איז עס געווען נוגע שלאָפנדיקע אויף דער וואַך (פּאָסט), מיסברויכנדיקע מיטן געגעבענעם רעכט צו נעמען ביי דער באַפעלקערונג אלדאָס נויטיקע פאַרן זעלבסט־געברויך, וואַרפן אָדער פאַרלירן דאָס געווער, ארויסווייזן פּחדנות אין קאַמף א. ד. גל.

דאָס איז פאַרשטענדלעך געווען נוגע אלע פּאַרטיזאַנער אָן אונטערשייד, אָבער פאַר די דאָזיקע חטאים זיינען לויט אורטיילן דערשאָסן געוואָרן אויך פיל ניט־יידן.

בנוגע יידן האָט מען אָבער אָנגעווענדט דאָס געזעץ אין דער שטרענגסטער מאָס. פּראָפּאָרציאָנעל זיינען יידן מערער ווי אנדערע דערשאָסן געוואָרן פאַר שלאָפן אויף דער וואַך. לגבי זיי זיינען ניט אָנגעווענדט געוואָרן קיין מילדערנדיקע אומשטענדן.

דער קאָמאַנדיר וואַלענטין (לענינסקער אָטריאַד, ליפּיטשאַנער פּושטשע) האָט דערשאָסן פאַר שלאָפן אויף דער וואַך דעם 15־יעריקן

יידישן ייִנגל, יוסף אלפערט (זשעטל) ניט רעכענענדיק זיך מיט זיין מינדעריעריקייט.

דער יידישער פּאַרטיזאַן לייבע יאָסעלעוויטש (זשעטל) פון אָטריאַד „סוואָראָוו", בריגאַדע „ניעווסקי" איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט ניט אָפּגעשטעלט אויף אַ מרחק פון 30 מעטער דעם זיך דערנענטערנדיקן וואַך-נאַטשאַלניק מיטן אויסרוף „סטאָי! קטאָ אידיאָט? !" (שטיי, ווער גייט?) און געפּאָדערט דעם פּאַראָל ערשט דאַן, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו אים. זייענדיק „דניעוואַלנער" (וואַך אין לאַגער) האָט ער אויך אויף אַ סעקונדע פאַרשפּעטיקט אָפּרופן זיך צו דער וואַך-קאָנטראָל. נאָך אַן אויספאָרשונג און צוליב אַ ריי מילדערנדיקע אומשטאַנדן, איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַן אורטייל, אַז ער ווערט אַרויסגעשיקט אין אַ פאַמיליע-לאַגער. ער איז שוין אַריבער די אָטריאַד-וואַך ביים ראַנד פון וואַלד. פּלוצעם האָט מען אים נאָכגעיאָגט און געבראַכט צו אַ צווייטן פאַרהער און דאָס מאָל האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ טויט-אורטייל איבער אים. אין טאָג באַפעל פון דער אָנפירונג איז געווען צוו. אנד. געזאָגט: „זאָל דער אורטייל איבער יאָסעלעוויטשן זיין אַ וואָרענונג פאַר אַלע פּאַרטיזאַנער, אַז קעגן די שלאָפנדיקע אויף וואַך וועט מען האַנדלען אומבארחמנות'דיק".

דער 19 יעריקער יידישער בחור האָט באַצאָלט מיטן לעבן ניט צוליבן שלאָפן אויפן פּאָסטן, נאָר איז געווען אַ שעיר לעזאָזל, בכדי אָנצוּוואַרפן אַ מורא אויף די ניט-יידן.

עס דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז ביי די פאַרהעלטעניש אין פּאַרטיזאַנקע, אין טיפן הינטערלאַנד, אַרומגערינגלט מיט גאַרניזאָנען פון שונא, איז דאָס שלאָפן אויף וואַך, באמת געווען אַ גרויסער פאַרברעך, ווייל ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן רואיק, פאַרלאָזנדיק זיך אויף די אַרויסגעשטעלטע וואַכן, האָבן געקענט אונטערקומען אומבאַמערקט דייטשע שפּיאָנען און באַוואַרפן דעם לאַגער מיט גראַנאַטן.

5) צוליב חשד אין שפּיאָנאַזש. עס קלינגט משונה'דיק — יידן, וועלכע זיינען געווען פאַרמשפּט אַלס פאָלק טאָטאַל צום טויט דורכן דייטש און זיינען כמעט אַלע אומגעבראַכט געוואָרן, זאָלן באַשולדיקט ווערן אין שפּיאָנאַזש לטובת זייערע שוחטים—די מערדערס פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, פרויען און קינדער, ברידער און שוועסטערס!

עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אַזוינע חשדים זיינען אונטערגעהאַלטן געוואָרן אפילו דורך אַ טייל פון דער אָנפירונג. — „געגוי אַזוי ווי ביי

אונדז זיינען דאָ בולבאָוויצעס, פּאַרעטערישע אוקראַינער און ווייס־רוסן, אַזוי זיינען אויך דאָ פאַרעטער צווישן יידן".

„ווי אַזוי זיינען נאָך געבליבן לעבן אין 1943־טן יאָר יידן אין לידער געטאָ? — פאַרוואָס האָבן די יידן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן פאַר די דייטשן און זייערע קריגס־ציילן? צי איז דאָס ניט דער בעסטער באַוויז, אַז די יידן האָבן קאָלאַבאָרירט מיטן דייטש? — אפשר זיינען טאַקע די לעצטע רעשטלעך פון לידער געטאָ דאַנקבאַר זייער גוטן גע־ביטס־קאָמיסאַר און זיי קומען אין די וועלדער צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן? — אפשר זיינען זיי עס געצוווּנגען צו טאָן, ווייל דער דייטש האַלט אין ערבות זייערע משפּחות אין געטאָ? — ווי אַזוי קען מען זיך אַרויס־באַקומען פון נאָוואָגרודקער געטאָ, וועלכע ווערט אַזוי שטאַרק באַוואַכט? — ווי אַזוי קען מען זיך אַרויסרייסן פון קאָלדיטשעווער קאָנצענטראַציע־לאַגער, אויב ניט מיט דער הסכמה פון די דייטשן צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן?..

עס איז נאָך דאַן אונטערגעקומען דער פאַל מיט די מינסקער יידישע פרויען, וועלכע זאָלן, לויט דער פאַרשטעלונג פון דער העכסטער פּאַרטיזאַנער־מאַכט, האָבן אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן פון מינסקער געטאָ מיט סם, בכדי צו שיטן עס אין די קיכן פון די פּאַרטיזאַנער־לאַגערן, און עס האָט זיך געשאַפן ביי די פּאַרטיזאַנער אַן איינשטעלונג, אַז אויך יידן קענען זיין שפּיאָנען לטובת דייטשלאַנד, בפרט אַז די דאָזיקע באַשולדיקונג איז געקומען פון „אויבן" און איז פאַרגע־לייענט געוואָרן אין אַ טאָג־באַפעל (סעפּטעמבער 1943).

די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער האָט עס צוגעשפּילט אויף דער האַנט. אונטערן אויסרייד פון שפּיאָנאַזש האָט מען געהרגעט קליינע יידישע גרופּעס, וועלכע האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבער די וועלדער (איבערהויפּט פאַמיליע־גרופּעס) אַנטלויפנדיק פון די שחיטות מיט געציילטע ביקסן, וועלכע זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אין די געטאָס מיט אומבאַשרייבלעכער מסירות־נפש.

אין אָנהייב 1943, ווען די יידן זיינען געלאָפן פון די געטאָס, איז געמאָלדן געוואָרן דורך די פויערים צו די פּאַרטיזאַנער פון „סטרעלקאָוו"־אָטריאַד (נאַליבאָקער פּושטשע), אַז אַ גרעסערע גרופּע יידן זיינען אָנגעקומען אין שבנותדיקן וואַלד מיט געווער. די פּאַרטיזאַנער האָבן אָפּגעוואַרט די יידן און זיי אויפגעפּאַדערט אָפּצוגעבן זייער געווער. די יידן האָבן שוין געוווּסט פון פריערדיקע גרופּעס, אַז אַנטיסעמיטישע

פּאַרטיזאַנער נעמען צו דאָס געווער און שטיוול און דערנאָך דערשיסן זיי, בכדי צו פּאַרווישן די שפּורן פון רויב. די יידן האָבן געשטעלט א ווידערשטאַנד און אויפגענומען דעם ניט גלייכן קאַמף. פּופּצן יידן זיינען געגומען געוואָרן אין „געפאַנגענשאַפט" און זיינען דערשאָסן געוואָרן אין דאָרף קראַסיעוויטשי (האָראָדישטשער ראַיאָן).

דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל (ריטא לובראַניעצקא, איר מאַן ד"ר לובראַניעצקי—באַראַנאָוויטש און די קראַנקן־שוועסטער, אַניע), די איינציקע יידן פון אָטריאַד, האָבן אינטערוועגירט לטובת די אומגליקלעכע. מען האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די יידן וועט קיין שלעכטס ניט געשען, אָבער אין א שעה ארום האָבן זיי דערהערט שיסערייען פון נאָנטן וועלדל און אין אָטריאַד זיינען געבראַכט געוואָרן די יידישע טראָפּייען — געווער.

אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש זיינען דערשאָסן געוואָרן צוויי פרויען פון מינסקער געטאָ אין דער בריגאַדע „קאָמסאָמאָליעץ" (סטייפּצער — מירער ראַיאָנען). נאָך אן אויספאָרשונג, בעת וועלכער די מיידלעך זאָלן זיך האָבן מודה געווען, אַז די מינסקער ס. ד. האָט זיי געגעבן פאַרסמטע סטרעפּטאָציד־טאַבלעטן אויף צו געבן די פּאַרטיזאַנער. דער פעלדשער פון קורבאַנאָוו־אָטריאַד, וואסיע (א קריסט) האָט שפּעטער אליין צוגע־געבן, אַז ער פערזענלעך האָט די טאַבלעטן איינגענומען אָן קיין שום סכנה.

אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש זיינען דערשאָסן געוואָרן אינזש. יוסף וועגמייסטער (א פּליט פון וואַרשע, געקומען אין פּאַרטיזאַנקע פון סלאָנימער געטאָ), זיין פרוי און מישע סאָלאָמיאַנסקי. אינזש. וועגמייסטער, ליגנדיק קראַנק אויף טיפוס אין צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שפּיטאָל פון ליפּיטשאַנער פּושטשע, האָט כלומרשט געפּלאַפּלט פון היץ, אַז ער איז א שפּיאָן. שפּעטער, ווען ער איז געקומען אין א קאָנפליקט מיט דער אָנפירונג און געהאַט דעם מוט זיי פאָרצוואַרפן זייער אנטיסעמיטיזם, האָבן זיי זיך דערמאָנט זייערע פּלאַפּלערייען און אים פאַראורטיילט פאַר שפּיאָנאַזש צום טויט. זיין פרוי האָט דאַן געבעטן, מען זאָל זי אויך דערשיסן און אויך מישע סאָלאָמיאַנסקי, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן מיט זיי צוזאַמען, האָט געוואָלט טיילן זייער גורל. אַלע דריי זיינען טאַקע דערשאָסן געוואָרן (דעצעמבער 1942).

א כאַראַקטעריסטישע באַשולדיקונג איז געוואָרפן געוואָרן אויפן אַדוואָקאַט מאַזורעק פון לאָדזש (שפּעטער אין באַראַנאָוויטש). אין אַרבעטס־לאַגער סטראַגע (ווילייקער ראַיאָן), איז ער געוואָרן „אָבער־

יורע". פון דאָרט איז ער אנטלאָפן אין פארטיזאנקע. ער האָט געמאכט א בליץ־שנעלע קאריערע. א מענטש מיט א הויכן וויסן און אינטעליגענץ (א געוועזענער מיטארבעטער פון ווארשעווער יידיש־פוילישער צייטונג „נאש פשעגליאָנד"), איז ער גלייך געוואָרן שטאב־נאטשאלניק פון ברי־גאדע „זשוקאָוו" און שפעטער געארבעט אלס סעקרעטאר פון צוויישן־ראיאָן־צענטער, סטייפץ — מיר, געשריבן פרעכטיקע פעליעטאָנען און ארטיקלען אין דער געדרוקטער פארטיזאנער־צייטונג „סציאג סוואָבאָדי" (פרייהייטס־פאָן), וועלכע האָבן צוגעצויגן אלעמענס אויפמערקזאמקייט.

א טאָג פארן ארויסגיין פון וואלד (14 יולי 1944) איז ער געפאָרן מיט אייניקע פארטיזאנער אלס דאָלמעטשער אויסצופאָרשן געפאנגענע דייטשן. פון דער נסיעה האָט ער זיך שוין ניט צוריקגעקערט. לכתחילה איז געווען א ווערסיע, אז ער איז געפאלן פון א דייטשישער קויל, שפעטער האָט מען צונויפגעשטעלט א פראָטאָקאָל, אז ער איז געווען אן ענגלישער שפיאָן.

אדוו. מאזורעק, זייענדיק אן אינחייניקסטער מיטארבעטער אין פארטיזאנישן שטאב פון ראיאָן, האָט געוווסט זייער פיל סודות, וועלכע האָבן געקענט זיין אומאנגענעם פאר דער אָנפירונג נאָך דער באפרייאונג, און זיי האָבן באשלאָסן פטור צו ווערן פון א לעבעדיקן עדות.

דעם יידישן פארטיזאן איז אויסגעקומען אין די וועלדער צו פירן א קאמף קעגן די טיילן פארטיזאנער, וועלכע זיינען געווען אנטיסעמיטיש געשטימט. ער האָט זיך ניט געקענט באפרייען אויף א מינוט פון באוווסטזיין, אז ער איז א ייד. מען האָט עס אים כסדר דערמאָנט.

טראָץ די גרייטקייט יעדע מינוט צו שטארבן אין קאמף, האָט דער יידישער פארטיזאן געדארפט זיין גרייט אויף אן אָפּרעכענונג פון אן אנטיסעמיטישן חבר, פון א שטרענג אָנגעווענדעטן געזעץ, פאר יעדער קלייניקייט. אויך אין וואלד האָט ער געדארפט אויסהערן טענות, פאָר־אורטיילן, וועלכע האָבן געצילט אים צו באליידיקן און פארביטערן זיין לעבן.

זעלטן איז דאָס נאציאָנאלע זעלבסט־באוווסטזיין געווען אזוי שטארק ביי די יידן, ווי ביי דעם פארטיזאנער אין וואלד, און ניט אומזיסט זיינען די פארטיזאנער געווען די ערשטע זיך צו רעפאטריאירן, בכדי אָנ־צוקומען קיין א"י — בויען א היים פאר זיך, און אויב קעמפן און אָפּגעבן דאָס לעבן, זאָל עס אויך זיין פאר זיך, פארן אייגענעם פאָלק.

# קאפיטל זעבצן

# די סאוועטישע רעגירונג און רוסישע פארטיזאנקע אלס רעטערס פון יידן

ווי עס איז שוין דערמאנט געוואָרן אין פאָריקן קאפיטל, האָט די פארטיזאנער־אָנפירונג, אין דער צווייטער תקופה פון דער פארטיזאנער־באוועגונג, נאָך דעם ווי זי האָט באוויזן צו צענטראליזירן און דיסציפלינירן די פארטיזאנקע, אָנגעהויבן ענערגישער צו רעאגירן אויף די פארברעכערישע מעשים פון די אנטיסעמיטישע פארטיזאנער.

דער אנטיסעמיטיזם און יידן־האס איז אָבער געווען אזוי פארוואָרצלטער, האָט צייטנווייז אין טייל ראיאָנען ארומגעכאפט ברייטע קרייזן פון די פארטיזאנער און באהערשט אפילו א טייל פון דער אָנפירונג פון די אָטריאדן אין אזא מאָס, אז עס איז בכלל ניט געווען לייכט אָנצונעמען ערנסטע רעפרעסיעס קעגן די אנטיסעמיטן.

ניט זעלטן האָט דער אנטיסעמיטישער פארטיזאן, וועלכער האָט געדארפט געמשפט ווערן פאר א פארברעכן, געהאט באזונדערע פארדינסטן, זיך אויסגעצייכנט אין קאמף קעגן אָקופאנט און געהאט אויף זיין קאָנטאָ פארשריבן פיל אראָפגעלאָזענע עשאלאָנען, געהרגעטע דייטשן און האָט געגאָלטן, ווי אן אומדערשראָקענער העלד. די קאָמאנדירן פון די אָטריאדן האָבן אין געוויסע פאלן פארטיידיקט זייערע אנטיסעמיטישע פארטיזאנער און בארעכטיקט זייערע מעשים מיט מאָטיוון פון אלגעמיינעם טאקטישן כאראקטער, קריגס־נויטווענדיקייט און מלחמה־באדינגונגען. ניט קיין וואונדער דעריבער, וואָס פיל אָנגעהויבענע אויספאָרשונגען בנוגע באגאנגענע פארברעכנס פלעגן זיך ענדיקן מיט פעסטשטעלונגען, אז די פארברעכערס זיינען ניט אנטדעקט געוואָרן.

אן אלגעמיינע דערקלערונג פון די פאראנטוואָרטלעכע פארטיזאנער־פירערס און די פארטיי־באפולמעכטיקטע צו דעם אלעמען איז געווען: עס איז קריג, עס לאָזט זיך גאָרניט טאָן. שווער צו פארשטאָפן די קוואלן, פון וועלכע עס נערט זיך דער אנטיסעמיטיזם. עס איז איצט

ניט קיין צייט אויף אָפּרעכענונגען. זיי קעמפן בראָוו קעגן אָקופּאַנט, לאָמיר זיי ניט שטערן אין דעם. עס איז שווער צו באַהערשן אַזאַ ריזיקע מענטשן־מאַסע ביי די וואָלר־באַדינגונגען, עס וועט קומען אַ טאָג, ווען זיי וועלן באַצאָלן פאַר דעם.

צו דעם פלעגט מען איבערחזרן טענות קעגן יידן, וועלכע האָבן אויסגעוועזן צו זיין אויבנאויפיק גערעכטע און וועלכע האָבן געדאַרפט געבן אַ פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג צו דער יידן־שנאה און מאַכן זי פאַרשטענדלעך.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז אין מלחמה־צייט איז אויף דעם ניט אָקופּירטן שטח פון סאָוועט־רוסלאַנד אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן טיילווייז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען פּשוט אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די מלחמה־אָנשטרענגונגען האָבן אַבסאָרבירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. מעגלעך, אַז אַ מאָטיוו פאַר אַזאַ איינשטעלונג איז געווען דאָס ניט וועלן באַשטעטיקן די דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די סאָוועט־רעגירונג איז אַ יידישע רעגירונג און געבן די שונאים פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין לאַנד גופא אַרגומענטן אין מויל אַריין.

אָן אַקטיווער, אָן פּשרה׳דיקער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך געמוזט אויסדריקן אין מאַסן־דערשיסונגען און דעגראַדאַציעס, וואָלט געווען אַ קוואַל פאַר דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די פּאַרטיזאַנער. דאָס האָט די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג געהאַלטן פאַר טאַקטיש ניט קלוג אין געגעבענעם מאָמענט.

דאָך זיינען אונטערגענומען געוואָרן געוויסע שריט, בכדי צו האַמעווען די אַנטיסעמיטישע מגפה. עס זיינען געווען פאַלן פון דערשיסונגען פאַר מאָרדן יידן, עס זיינען געווען דעגראַדאַציעס, אויסרייידן, וואָרענונגען און איבערפירונגען פון איין אָטריאַד אין אַן אַנדערן און פון איין ראַיאָן אין אַ צווייטן.

קוקן מיר אָבער אַוועק פון די פּיינלעכע פאַלן, דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז די סאָוועט־רעגירונג און די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע זיינען געווען אין דער שווערסטער, בלוטיקסטער תקופה פאַרן יידישן פאָלק די איינציקע, וועלכע האָט געראַטעוועט יידן און דערמעגלעכט פיל צענדליקער טויזנטער יידן, בעיקר אין מערב ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע איבערצולעבן די מלחמה.

די סאָוועטישע=רעגירונג איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט אויסגעפירט די באשלוסן פון דער טרויעריק=באַרימטער בערמודער קאָנפערענץ פון די גרויס=מאכטן (קאָנפערענץ וועגן יידן=פּראָבלעם, און צוזאמענהאנג מיטן אויסראָט פון יידן), וועגן ראטעווען יידן מיט אָרטיקע מיטלען.

שוין ענדע 1941 איז פארעפנטלעכט געוואָרן אן „אוקאז" (דעקרעט), אונטערגעשריבן דורך קאלינינען (פּאָרזיצער פון העכסטן סאָוועטישן ראט) און גאָרקי (סעקרעטאר פון העכסטן סאָוועטישן ראט) וועגן עוואקואירן אין דער ערשטער ריי די בירגערס פון יידישער נאציאָנאליטעט פון די געביטן, וועלכע זיינען באדראָט פון שונא.

צוו. אנד. איז אין דעקרעט געזאָגט געוואָרן:

„צוליב דעם, וואָס דער שונא באציט זיך חיה'ש=בארבאריש און ראָט אויס טאָטאל די סאָוועטישע בירגערס פון דער יידישע נאציאָנא=ליטעט, ווערט באפוילן זיי צו עוואקואירן אין דער ערשטער ריי אין די ווייט אָפּגעלעגענע געביטן פון סאָוועט=רוסלאנד. אלע טראנספּאָרטן און לאָקאָמאָציע=מיטלען דארפן געשטעלט ווערן אין זייער רשות צו דעם צוועק".

וואָלטן יידן געווען מער אויפמערקזאמער און ערנסטער צו די וואָרענונגען און וואָלטן די דייטשן ניט באזעצט ראשיק=שנעל די גרעסטע יידישע קיבוצים (מינסק, קיעוו, אָדעס א. א. וו.), וואָלטן פיל הונדערטער טויזנטער רוסישע יידן געווען היינט צו טאָג צווישן די לעבעדיקע.

אין א טאָג=באפעל פון דער רוסישער רעגירונג איז געווען א ווענדונג צו די פּארטיזאנער צו שיצן די ציווילע סאָוועטישע בירגערס, די פאמיליע=לאגערן, באשפּייזן און העלפן זיי מיט אלע מיטלען, וועלכע שטייען אין רשות פון דער פּארטיזאנער=באוועגונג. ראטעווען סאָוועטישע בירגערס אָן אונטערשייד פון נאציאָנאליטעט, גלויבן און ראסע איז א וויכטיקע קריגס=אויפגאבע — איז געווען דעפינירט אין א. ד. באפעל.

אויב יידן האָבן זיך געקענט פריי באוועגן אין די דערפער פון די פּארטיזאנער=זאָנעס, באקומען שפּייז ביי די פּויערים, לעבן אין די די פאמיליע=לאגערן, ארומגערינגלטע פון א פּיינטלעכער, בלוטדורשטיקער סביבה און דער גרעסטער טייל פון זיי זאָל איבערלעבן די מלחמה, איז

עס נאָר בלויז א דאנק דער סאָוועטישער פּארטיזאנקע, א דאנק איר אויפמערקזאמקייט און שוץ.

לויט די דירעקטיוון פון אויבן, זיינען די פּארטיזאנער געווען מחויב צו שפּייזן די פאמיליע-לאגערן און באשיצן זיי מיט זייער געווער. אָבער אויך אין יענע ראיאָנען, ווו די פּארטיזאנער-אָטריאדן האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן מיטן באשפּייזן די פאמיליע-לאגערן, איז זייער עצם עקזיסטענץ געווען מעגלעך נאָר א דאנק דעם, וואָס זיי האָבן געלעבט אין א פּארטיזאנער זאָנע, ארומגערינגלט מיט צענדליקער און הונדערטער פּארטיזאנער-אָטריאדן און א דאנק די אינפאָרמאציעס פון זייער רירעווודיקן אויסשפּיר-דינסט און שפּיאָנאזש.

נאָך דער גרויסער אָבלאווע אין נאליבאָקער פּושטשע, ווען איבער 100 דערפער אין דער פּארטיזאנער - זאָנע זיינען דורך די דייטשן פארברענט געוואָרן און די פּויערישע באפעלקערונג אויסגעמאָרדעט אָדער ארויסגעפירט אויף ארבעט אין דייטשלאנד, איז געקומען א באפעל פון מאָסקווע, אז די גערעטעניש פון די פעלדער זאָלן ארויפגענומען ווערן און גיין פארן באשפּייז פון די פאמיליע-אָטריאדן (ביעלסקי, זאָרין א. אנד.).

די רוסישע פּארטיזאנער-באוועגונג האָט געהאָלפן יידן אריבערגיין די פראָנט-ליניע און אָנקומען קיין סאָוועט-רוסלאנד. די בריגאדעס פון סטארעק, דאָמבראָווסקי, ראָמאנאָוו, זשעלעזניאק, דיאטקאָוו און מיעלניק, וואָס זיינען געווען טעטיק הארט הינטער דער דייטשישער פראָנט - ליניע, האָבן אריבערגעפירט פיל טויזנטער יידן, וועלכע זיינען זיך צעלאָפן אין די וועלדער, נאָך די מאסן-שחיטות אין מזרח ווייסרולאנד אויף דער צווייטער זייט פראָנט-ליניע, קיין רוסלאנד.

די פאראייניקונג פון גענ. מאיאָר פיאָדאָראָוו - טשערניגאָווסקי (טעטיקייטס - ראיאָן; טשערניגאָוו, שפּעטער וואָלין) האָט אויפגענומען פון די יידישע פאמיליע-לאגערן אין די וועלדער איבער פינף הונדערט יידישע קינדער, זיי באשיצט און אויסגעהאלטן זאָרגפול מיט אלעם נויטיקן. ווען די רויטע ארמיי האָט פארנומען סארנע (וואָלין), האָבן אייניקע אָטריאדן דורכגעריסן די פראָנט-ליניע און אָפּגעפירט די יידישע קינדער קיין מאָסקווע.

עס זיינען ניט באקאנט אלע פאקטן וועגן ראטעווען יידן דורך שנעלע און פלוצימדיקע אָנפאלן פון די פּארטיזאנער אויף ארבעטס-לאגערן, שטעטלעך און געטאָס. דער פּארטיזאנער-אָפּטייל פון „דיאדיא וואניא" האָט אָפּגעראטעוועט אלע יידן פון שטעטל מאָלאָדעטשנע.

דער אָטריאַד „זשוקאָוו" האָט אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון 170 מאַן פון סוויערזשנער אַרבעטס־לאַגער אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער.

דער לעגענדאַרער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, צוויי מאָל העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד, גענ. מאַיאָר קאָוופּאַק, האָט בעת זיינע קאַמפּס־מאַרשן קעגן די דייטשן, אָפּגעראַטעוועט דורך אַ פּלוצעמדיקן אָנפאַל אויפן שטעטל סקאַלאַט (גאַליציע) אייניקע הונדערט יידן פון אַן אַרבעטס־לאַגער, וועלכע זיינען דערנאָך אַוועק צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער. ער האָט אויך אויפגענומען די יידן פון די סקאַלאַ־טער וועלדער, אַנגעלאָפענע פון די שטעטלעך. אין אַ ריי אַנדערע ערטער, וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען אין זיין צען־טויזנט קילאָמעטערדיקן מאַרש, האָט ער געראַטעוועט יידן פון די דייטשישע נעגל.



י. קרעמעלאָווסקי (וואַרשע)
סטאַרשינאַ פון רוסישן אָטריאַד „סוואָראָוו" (בריג. „ניעווסקי").

לויטן פּלאַן פון יידישן קאָמאַנדיר פון דער 51־טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", פּיאָדאָראָ־וויטש (האָמעל) איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אָנפאַל אויפן דייטשישן גאַרניזאָן אין שטעטל קאָסאָווע (בריסקער קרייז).

דער אָנפאַל האָט געצילט:

1) באַפרייען די יידן פון קאָסאָווער געטאָ.

2) צונעמען דאָס געווער פון די אַרסענאַלן, וועלכע זיינען דאָרט פאַרבליבן נאָכן אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי.

דעם 2־טן אויגוסט 1942 איז דער גאַנצער אָטריאַד „שטשאָרס" אין אַ צאָל פון 500 מאַן אַוועק אין דער ריכטונג פון קאָסאָווע, גלייכצייטיק זיינען פון מערב (פון די מיכאַלינער וועלדער, רוזשאַנער פּושטשע) אַרויס די אָטריאַדן „וואָראָשילאָוו" און „דמיטריעוו" אין אַ צאָל פון 200 מאַן.

אויפן פאַר־טאָג האָט דער פּאַרטיזאַנער 45 מ"מ האַרמאַט אָנגעהויבן

די אָפּענסיווע. די פּאַרטיזאַנער זיינען מיט א „הורא״-געשריי גלייך אוועק אין שטורעם אויפן גאַרניזאָן, וועלכער איז באַשטאַנען פון 32 גרענעץ-וועכטערס (קאָסאָווע איז געווען די גרענעץ צווישן ווייס-רוסלאַנד און „דריטן רייך״), עטלעכע און פערציק פּאָליציי-לייט און ארום 75 ס.ס.-לייט, אָנגעקומענע פון איוואַצעוויטש אויף דער ענדגילטיקער „ליקווידאַציע״ פון די יידן אין קאָסאָווע.

אין קאָסאָווער געטאָ האָבן זיך דאַן געפונען לערך 500 יידן, פאַרבליבענע פון די פריערדיקע שחיטות. ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אריינגעריסן אין שטעטל האָט א טייל יידן געכאַפּט ביקסן פון די געהרגעטע דייטשן און געוואָרפן זיך צו הילף די אָנגרייפנדיקע פּאַרטי-זאַנער. מער ווי דריי הונדערט יידן זיינען דאַן אנטלאָפן מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער און אויפגענומען געוואָרן אין די אָטריאַדן.

דער פּאַרטיזאַנער-קאַמף קעגן די דייטשן און דאָס אויסראָטן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער היטלעריסטישע מערדערס איז אומדירעקט געווען א נקמה פאַר אונדזער בלוט.

אין די לעצטע טעג פון מאַי 1944 האָבן די אָטריאַדן פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל״, „סוואָראָוו״ און ספּעץ-גרופּע „דאַווידאָוו״ — פון גענ. מאַיאָר קאַפּוסטינס פאַראייניקונג (טעטיקייטס-ראַיאָן, רוסקא פּושטשאַ, ביי נאָווידוואָר, סקידל) אונטערגענומען א שטראָף - עקספּעדיציע קעגן ליטווישן דאָרף מוסטייקאָ, ביי דער שטעטל מאַרציקאַנץ.

אין מוסטייקאָ האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט אַן אַנטי-פּאַרטיזאַנישע זעלבסטשוץ. די זעלבסטשוץ פלעגט באַשיסן קליינע דורכגייענדיקע גרופּעס פּאַרטיזאַנער אויף זייער וועג צו קאַמפּס-אויפגאַבעס. דאָס דאָרף האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין שנאה צום סאָוועטישן רעזשים און פּאַרטיזאַנער. בעת די סאָוועטן האָבן אין פּאַניק אין 1941 אָפּגע-טראָטן פון יענער געגנט, האָבן די פּויערים פון דאָרף געכאַפּט קליינע גרופּעס סאָוועטישע זעלנערס, אנטוואָפנט זיי און אויסגעשאָסן.

דער פאַל פון דערמאָרדן א סאָוועטישן מאַיאָר און זיין פרוי אויפשניידנדיק אים דעם בויך, איז אין דער געגנט געווען אַלגעמיין באַוווּסט.

דער קליינער פּאַמיליע-לאַגער פון גראָדנער און מאַרציקאַנצער יידן האָט אויך ניט געקענט פאַרגעסן, אז דאָס זעלביקע דאָרף האָט געמסרט און אַרויסגעגעבן די דייטשן ביי א הונדערט יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דער מאַרציקאַנצער שחיטה (2-טן נאָוועמבער 1942) אין די דערביי

ליגנדיקע וועלדער. זיי צוזאמען מיט די יידישע פארטיזאנער האָבן דאָס טאקע אינספירירט די אָטריאדן, אז עס זאָל אונטערגענומען ווערן די שטראָף-עקספעדיציע קעגן רוצח׳שן פאשיסטיש-ליטווישן דאָרף.

עס זיינען דאן אומגעבראכט געוואָרן 24 פויערים פון דער זעלבסט-שוץ, ארויסגעפירט זייער גאנץ האָב און גוטס און דאָס דאָרף איז פארברענט געוואָרן.



## פון די „הייליקע בלאָטעס“ ביז רוים

פון לינקס צו רעכטס: וזוואָד-קאָמאנדיר פון אָטריאד „סוווראָוו“ — **הערשל צוקערמאן** (אָסטראָלענקאָ) און פארט. פון א. ד. וזוואָד, מחבר פון דעם דאָזיקן בוך, **משה קאגאנאָוויטש** (איוויע) טרעפן זיך אין רוים, נאָכן אָפפארטיזאנעווען צוויי יאָר אין ליפיטשאנער פושטשע און „הייליקע בלאָטעס“ (רוסקיע פושטשע, ביי נאָווידוואָר).

די גאנצע אקציע קעגן דאָרף איז אדורכגעפירט געוואָרן לויט די אָנווייזונגען פון די ברידער קאָבראָווסקי און יהושע בערעזאָווסקי (מאר-ציקאנץ), וועלכער האָט צו די קניענדיקע ליטווישע פויערים געהאלטן א רעדע אויף ליטוויש, אין וועלכער ער האָט זיי דערמאָנט זייער אויסמאָרדן די מארציקאנצער יידן.

דער שרייבער פון די שורות האָט צוזאמען מיט נאָך צענדליקער יידישע פארטיזאנער פון א. ד. אָטריאד אנטיילגענומען אקטיוו אין דער

שטראָף־עקספּעדיציע און געהאַט א טאָג פון באַפרידיקונג, א טאָג פון שטילן דעם נקמה־געלוסט.

די פּארטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס האָבן ערשט דאַן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, ווען עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז אין די וועלדער און פּושטשעס זיינען דאָ רוסישע פּארטיזאַנער, וועלכע נעמען אויף אַלע אומצופרידענע מיט דער הערשאַפט פון בלוטיקן אָקופּאַנט און וועלכע זיינען גרייט צום אומסבּרחמנותדיקן קאַמף מיט אים. צוליב דעם פיינטלעכן איינשטעל פון דער ארומיקער באַפעלקערונג וואָלט די יידישע פּאַרטיזאַנקע לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן אָן דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. מיטן אויפקום פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע האָט זיך פאַר דער יידישער יוגנט געעפנט א וועג פון קאַמף און נקמה, א שאַנס איבערצולעבן די מלחמה.

זייענדיק אין דער פּאַרטיזאַנקע, האָבן יידישע פּאַרטיזאַנער גענומען א בלוטיקע נקמה פון פּויערים, וועלכע האָבן מיטגעווירקט ביים דערמאָרדן יידן, ווי אויך פון פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן געהאָלפן די דייטשן אין זייער בלוטיקער אַרבעט און זיך באַרייכערט אויפן חשבון פון די אומגעבראַכטע יידן.

יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן יעדער אין זיין געגנט דורכגעפירט נקמה־אַקטן און כמעט אין אַלע פאַלן האָבן דערביי מיטגעהאָלפן אויך די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער. די יידן האָבן געהאַט זייער פולע באַפרידי־קונג, ווען עס איז לויט א באַפעל פון מאָסקווע (יולי 1943) אָנגעהויבן געוואָרן אן אַקציע צו פאַרניכטן פיזיש אַלע פאַמיליעס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע אַרבעטן מיט מיטן דייטש (פּאָליציי, בירגערמייסטערס, באַאַמטע א. א. וו.) ד. ה. די אַלע, וועלכע האָבן איינגעטונקט זייערע הענט אין יידיש בלוט... די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן גענומען אן אַקטיוון אָנטייל אין דעם קרייץ־צוג קעגן די אַלע מערדערס, פּאָגראָמשטשיקעס און שונאים פון פאָטערלאַנד.

א גרויס פרייד האָט באַהערשט די געטאָס פון ווייס־רוסלאַנד, ווען עס זיינען באַוווּסט געוואָרן די פּרטים פון דער געלונגענער לוויערונג, וועלכע עס האָט איינגעאָרדנט דער אָטריאַד „סטאַלין" נעבן שטעטל נאַליבאָק אויף א ס. ס. שטראָף־עקספּעדיציע, וועלכע איז געפאָרן פון דער שחיטה אין שטעטל איוויעניעץ צו ליובטש (נאָוואָגרודקער געגנט), ווו זיי האָבן געוואָלט אדורכפירן א נייע שחיטה.

נייִנצן תלינים־אויסוואורפן זייִנען געבליבן ליגן טויטע. צווישן די געהרגעטע איז אויך געווען דער שעף פון באַראַנאָוויטשער ס. ד. (אויגוסט 1942).

דאָס איז געווען די ערשטע גרעסטע לויערונג, וועלכע עס האָבן אדורכגעפירט פאַרטיזאַנער אין דער געגנט פון נאַליבאָקער פּושטשע.

ווי גוט עס איז געווען אויפן האַרצן, ווען מיר האָבן שוין זייענדיק אין פאַרטיזאַנקע געלייענט אין דער ווייסרוסישער פרעסע, אַז דער מיניסטער פון ווייסרוסלאַנד, איינער פון די גרעסטע יידן־מערדערס, קובע, איז צעריסן געוואָרן פון אַן אונטערגעלייגטער מינע אונטער זיין שטול (יוני 1943). דאָס איז געווען אַ געראָטענע פאַרטיזאַנישע שטיקל אַרבעט...

מיר האָבן דורך דעם פאַרטיזאַנער קאַמף דערלעבט אַ בלוטיקע נקמה פון אונדזערע שונאים.

וואָס פאַר אַ פיינלעכע דערפאַרונגען מיר זאָלן ניט האָבן געהאַט אין פאַרטיזאַנקע מיט אַ טייל אַנטיסעמיטן־פאַרטיזאַנער, דאַרפן מיר אָבער דאָך פעסטשטעלן, אַז אין דער צייט, ווען אַ ייד און זיין לעבן איז געווען הפקר פאַר יעדן קליינעם שגצל, ווען מיר זיינען געווען פאַרבראַקעט און באַשפּייט, דערנידעריקט און אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט, איז די רוסישע פאַרטיזאַנער־באַוועגונג געווען די איינציקע, וואָס האָט אונדז צוגעטוליעט.

דער פאַרטיזאַנער־קאַמף איז געווען פאַר אונדז אַ חוץ אַ וועג פון קאַמף און נקמה מיטן בלוטיקן אָקופּאַנט — אויך אַ וועג פון לעבן.

דאָס טאָרן מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן. מען דאַרף אַוועקוקן פון דעם עפּיזאָדישן און זען דאָס גרויסע. און דאָס גרויסע איז, אַז אַדאַנק דער סאָוועטישער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג און סאָוועטישער רעגירונג, זיינען פיל צענדליקער טויזנטער יידן געבליבן לעבן אין די פאַמיליע־לאַגערן, יידישע און געמישטע פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע.

## קאפיטל זיבעצן

# דער יידישער מעדיצינישער ארבעטער אין דער סאוועטישער פארטיזאנקע

### א. די וויכטיקע ראל פון מעדיצין־ארבעטער

די וויכטיקע ראָל, וועלכע עס האָט אָפּגעשפּילט דער יידישער מעדיצינישער ארבעטער (דאָקטאָר, שוועסטער, סאניטאר) אין דער סאָוועטישער פארטיזאנקע, איז אן אומגעהויערע.

צוגלייך מיטן אויפקום פון דער פארטיזאנקע איז אנטשטאנען אין זיין גאנצער שארפקייט די סאניטאר־מעדיצינישע פּראָבלעם.

ווי באקאנט, זיינען אין פארמלחמה׳דיקן רוסלאנד און פוילן דער גרעסטער טייל מעדיקערס געווען יידן. יידן האָבן צוליב טעמים פון פארשיידנארטיקן כאראקטער געגעבן בכורה די מעדיצינישע פאכן, ביים אויסוויילן זיך א געביט פון שטודיום.

די פארטיזאנער האָבן זיך גענויטיקט אין דאָקטוירים, ניט נאָר אין פאל פון קראנקהייטן, נאָר אויך און בעיקר אין פאל פון פארוואונדונגען. יעדער קאמף מיט א גארניזאָן, יעדע קאמפס־אויפגאבע אויף אן אייזנבאן, מינירונג און דיווערסיע, ביי א לויערונג און אפילו ביי ווירטשאפטס־אָפּעראציעס—איז געווען עלול צו ברענגען מיט זיך טויטע און פארוואונדעטע פארטיזאנער. דאָקטוירים זיינען פאר די פארטיזאנער געווען א לעבנס־פראגע אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

די פארטיזאנער־באוועגונג האָט גלייך פון אירע ערשטע טריט אָפּגעשאצט דעם גרויסן באדייט פון מעדיקער און אלץ געטאָן, בכדי זי צו ברענגען און וואָס א גרעסערער מאָס אין די וועלדער, אזוי ווי צווישן די געפאנגענע און געבליבענע אין ארומרינגלונג רוסן, וועלכע האָבן געבילדעט די עיקר־קאדרען פון די פארטיזאנער. זיינען קיין דאָקטוירים כמעט ווי ניט געווען (די פוילישע, ווייסרוסישע און אוקראאינישע דאָקטוירים האָבן געארבעט פארן דייטש), האָבן נאָר די יידישע דאָקטוירים געקענט אויספילן דעם בלויז.

די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט געשיקט ספּעציעלע מענטשן אין די געטאָס, בכדי צו ברענגען דאָקטוירים. אין דער זעלביקער צייט, ווען פאַר סתם יידן, איז דאָס אָנקומען אין א רוסישן אָטריאַד די ערשטע צייט געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, זיינען די דאָקטוירים אויפגענומען געוואָרן דורך די אָטריאַדן, און עס זיינען פאַר זיי, בײַ די וואַלד־באַדינגונגען, געשאַפן געוואָרן די באַקוועמסטע לעבנס־באַדינגונגען. א באַזונדער אויפמערקזאַמקייט איז פאַרשטענדלעך געלייגט געוואָרן אויף ספּעציאַליסטן־כירורגן, וועלכע זיינען געווען אמנויטיקסטן בײַ די פּאַרטיזאַנישע פאַרהעלטענישן.

אזוי איז, לויט א ספּעציעלע שליחות פון ליפּיטשאַנער פּושטשע אוועק א גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „באָרבאַ" (אָרליאַנסקי) אין לידער געטאָ און געבראַכט דעם פּאָפּולערן כירורג ד"ר חיים מיאַסניק וועלכער האָט שפּעטער (אַפּריל 1943), אָנגעפירט מיטן מוסטער־האַפטן אונטערערדישן צענטראַלן שפּיטאָל, וועלכער האָט באַדינט ניט נאָר די פּאַרטיזאַנער פון דער ליפּיטשאַנער פּושטשע, נאָר אויך (ספּעציעל אין דער ערשטער צייט) ערנסט פאַרוואונדעטע פּאַרטיזאַנער פון אַנדערע פּושטשעס (נאַליבאָקער, נאַטשער א. אַנד.).

קאַפּיטאַן סיעניטשקין האָט אין יולי 1943 געשיקט יידישע פּאַרטיזאַנער פון רוסישן אָטריאַד „איסקראַ" אין לידער געטאָ, בכדי צו ברענגען אַלע יידישע דאָקטוירים, וועלכע האָבן נאָך דאַן געלעבט. אזוי ווי אין געטאָ זיינען דערגאַנגען ידיעות וועגן אן אָנפאַל אויף בּיעלסקיס אָטריאַד און הכנות צו א גרויסער אָבלאַווע, האָבן זיי געצעגערט מיטן אַרויסגיין, ביז עס איז אונטערגעקומען די ליקווידאַציע פון לידער געטאָ.

יידישע מיידלעך האָבן זיך זייער גיך אויסגעלערנט צו זיין געשולטע ספּעציאַליסטינס־שוועסטערס און סאַניטאַרינס, וועלכע האָבן האַנט בײַ האַנט מיט די דאָקטוירים געהיילט, דיזשורירט, באַדינט און געטראָגן פאַרלייכטערונג, טרייסט און גענעזונג פאַר די פאַרוואונדעטע פּאַרטיזאַנער.

## ב. די אָרגאַניזאַציע פון מעדיצינישן דינסט אין פּאַרטיזאַנקע

אָרגאַניזירן בײַ די וואַלד־פאַרהעלטענישן דאָס מעדיצינישע דינסט איז געווען ניט פון די לייכטסטע זאַכן. עס זיינען ניט געווען קיין מעדיקאַמענטן, אפילו ניט קיין געהעריקע פאַרבאַנד־שטאָף; אָפט פלעגט דעם

דאָקטאָר אויף צו מאכן די סאמע קאָמפּליצירסטע אָפּעראַציעס (בויך, לונגען, פּוס־שאָסן, א. א. וו.) פעלן די אינסטרומענטן און פּרעציזע מכשירים, אָן וועלכע מען קען זיך ניט באַגיין. ניט איינמאָל פלעגט מען די סאמע ערנסטע אָפּעראַציעס מאכן אָן א שלאָף־טרונק.

די צענטראַלע שפּיטעלער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין יעדער פּושטשע, זיינען געווען אונטערערדיש און גלענצנדיק פארמאסקירט. ס'רוב פלעגט עס זיין אין אן אָפּגעלעגן ווינקל, ווייט פון די אָטריאדן. דער צוטריט צו זיי האָט געפירט דורך גרויסע בלאָטעס, וועלכע מען האָט געקענט אדורכגיין נאָר איבער ספּעציעל אויסגעלייגטע שמאָלע ברעטלעך, וועלכע פלעגן אין פאל פון אן אָבלאַווע אוועקגענומען ווערן, בכדי צו מאסקירן דעם צוגאנג. נאָר די העכערע אָנפירונג פון די פּארטיזאנער פון דער באַטרעפנדיקער פּושטשער דער מעדיצינישער און ווירטשאפטלעכער פּער־סאָנאל און די פאַרבינדונגס־מענטשן פון די אָטריאַרן האָבן געוווּסט דעם צוטריט צום צענטראַלן שפּיטאָל.



**א גרופּע יידישע דאָקטוירים אין ליפּיטשאנער פּושטשע**

פון רעכטס צו לינקס: ד"ר ה. מיאַסניק (לידע) כירורג פון צענטראַלן פּארטיזאנישן שפּיטאל. דר. א. רובינשטיין (פּיאטרקאוו) ד"ר פון אטריאד „פּראקאפּ" און ד"ר ל. ראָזענצווייג (קעלץ) בריגאַדע־ד"ר פון „וואראשילאוו".

די אלע פּאָרזיכטיקייטס־מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן דערפאר, ווייל דער שפּיטאָל מיט זיינע צענדליקער פארוווּנדעטע און קראנקע,

צוזאמען מיטן מעדיצינישן פערסאָנאַל, פלעגן אין פאַל פון אַן אָבלאַווע מוזן בלייבן אויף די ערטער.

די דייטשן האָבן געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזוינע שפּיטעלער אין די וועלדער און זיי ספּעציעל געזוכט. פאַר דער ערשטער גרויסער אָבלאַווע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע האָט מען געכאַפּט א קריסטין, וועלכע איז אויסמיידנדיק אַלע פּאַטרולן דערגאַנגען צום צענטראַלן שפּיטאָל. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז א געשולטע שפּיאָנין און באַקומען אַן אויפטראַג פון די דייטשן זיך צו דערוויסן דאָס אָרט פון שפּיטאָל. א ניט־דיסקרעציע האָט אין דעם פאַל געקענט ברענגען צו א דעמאַסקירונג פון אָרט דורך איבערלויפערס פון די פּאַרטיזאַנער צו די דייטשן (געווען אויך איינצלנע, זעלטענע פאַלן אַזעלכע), א שפּיאָן אָדער פיינטלעך געשטימטן פּויער. צוליב טעמים פון דיסקרעציע פלעגט מען קראַנקע פּאַרטיזאַנער, צו וועלכע מען האָט ניט געהאַט דעם פולן צוטרוי, ברענגען אין שפּיטאָל צופירן מיט פאַרבונדענע אויגן און זיי אַזוי אַרויספירן.

די שפּיטעלער פלעגן באַזאָרגט ווערן מיט א בעסערער פאַרפלעגונג דורך א ספּעציעלן ווירטשאַפטס־אָפּטיילונג. אין די צענטראַלע שפּיטעלער זיינען געבראַכט געוואָרן בלויז די סאַמע ערנסטע קראַנקע און פאַרוווּנ־דעטע, וועלכע האָבן געדאַרפט דורכמאַכן אָפּעראַציעס אָדער ערנסט־קראַנקע, וועלכע האָבן געדאַרפט סעפּאַרירט ווערן (טיפוס א. א. וו.).

לייכט פאַרוואונדעטע און קראַנקע פלעגן געהיילט ווערן אין די אָטריאַדן דורך די אָטריאַד אָדער בריגאַדע־דאָקטוירים. אין יעדן אָטריאַד איז געווען א „פאַלאַטקע"־אַמבולאַטאָריע זומער און אַן ערד־שטיבל ווינטער, ווו דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל פלעגט געבן הילף.

אין וואָלין און פּאָליסיע האָט מען אַריבערגעפירט גאַנצע הייזער פון די דערפער צוזאמען מיט זייער מעבלירונג (שפּיגלען, ראַדיאָ א.א.וו.) פאַר די שפּיטעלער אין די וועלדער.

די אָטריאַדן, וועלכע האָבן געלעבט אויף כוטאָרעס און אין דערפער, פלעגן זייערע קראַנקע אין פאַל פון אַן אָנפאַל, איבערלאָזן אונטער דער אויפזיכט פון די פּויערים, מאַכנדיק זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון קראַנקן פּאַרטיזאַן.

שפּעטער, אין דער צווייטער העלפט פון 1943, ווען עס זיינען געשאַפן געוואָרן די געהיימע אַעראָדראָמען אין די פּושטשעס, פלעגט

מען ערנסט־פארוואונדעטע אריבערפירן מיט אעראָפּלאנען אין די שפּיטעלער פון יענער זייט פראָנט־ליניע, ווו זיי פלעגן אָפּערירט און געהיילט ווערן דורך ספּעציאליסטן אין נאָרמאלע באדינגונגען.

## ג. מעדיקאמענטן און מעדיצינישע אינסטרומענטן

דאָס פּראָבלעם פון מעדיקאמענטן און רפואות איז לכתחילה געווען זייער קאָמפּליצירט. יעדער יידישער דאָקטאָר האָט ארויסגייענדיק פון געטאָ אין די וועלדער מיטגענומען מיט זיך זיינע אינסטרומענטן און מכשירים. אין די ראמען פון די מעגלעכקייטן האָט ער אויך מיטגעשלעפּט א ביסל פון די נויטווענדיקסטע רפואות, מעדיקאמענטן און באנדאזשן.

ביים אדורכפירן די ווירטשאפטלעכע אָפּעראציעס פלעגט מען צונעמען ביי די פּויערים אלץ, וואָס עס האָט געקענט ברענגען נוצן און פארלייכטערן די ארבעט פון דאָקטאָר (טערמאָמעטערס, דינעם לייוונט, באנדאזשן, רפואות א. א. וו.). דאָס האָט אָבער אויף קיין פאל ניט געקענט קאָמפּענסירן דעם גוואלטיקן מאנגל אין מעדיקאמענטן, באזונדערס נאָך דער ריזיקער פארמערונג פון די צאָל פּארטיזאנער אין די וועלדער, און די פארמערונג פון פארוואונדעטע צוליב די בסדרדיקע שטארקע קאמפן, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן צו פירן מיט די דייטשן און זייערע פארבינדעטע.

דאָס פעלן פון א רעצעפּט האָט אָפטמאָל דעצידירט וועגן לעבן און טויט פון א פארוואונדעטן פּארטיזאן.

א גרעסערן רעזערוו פון ווערטפולע מעדיקאמענטן, רפואות, באנדאזש־מאטעריאלן אין גרויסן מאסשטאב איז באקומען געוואָרן דורך די פּארטיזאנער־אָנפאלן אויף די שטעטלעך און גארניזאָנען, בעת וועלכע גאנצע אפּטייקן זיינען אריבערגעפירט געוואָרן אין די וועלדער.

א פּערמאנענטער מקור פון מעדיצין און מעדיצינישע מכשירים האָבן געבילדעט די אפּטייקן פון די נאָענט ליגנדיקע שטעט און שטעטלעך.

בעת עס האָבן נאָך עקזיסטירט געטאָס פלעגן יידישע פּארטיזאנער געשיקט ווערן אין געטאָס מיט א ספּעציעלער מיסיע איינצוקויפן מעדיקאמענטן.

נאָך דער פולער ליקווידאציע פון די געטאָס, פלעגן די פּויערים גיין מיט רעצעפּטן אין די שטעט און שטעטלעך און ברענגען רפואות.

אָפּטמאָל איז געווען א פאַרבינדונג מיט די אפּטייקערס און דאָקטוירים פון די שטעט, און זיי האָבן רעגולער דורך פויערישע שליחים געליפערט אלע באשטעלונגען. אזוי האָט דער הויפּט־דאָקטאָר פון לוצק, דורך פארטרויליכע שליחים, איבערגעשיקט צו אלע אָטריאַדן אין וואָלין די סאמע ווערטפולסטע מעדיקאמענטן. אין באַראַנאָוויטש איז דערשאָסן געוואָרן דער הויפּט־דאָקטאָר פון געביטס־קאָמיסאַריאט — ד״ר וולאַדימיר לוקאשעניא (א ווייסרוס), פאַרן רעגולער פאַרזאָרגן מיט מעדיקאמענטן די „1־טע מב״ ־ בריגאדע אין נאַליבאָקער פּושטשע. ד״ר ז. לעווינבוק פלעגט, ביז זיין ארויסגאַנג אין פארטיזאַנקע איבערשיקן פון קאלדיטשעווער ארבעטס־לאַגער מעדיקאמענטן צום אָטריאַד א. נ. „מאָלאָטאָוו״.

די דייטשן האָבן זיך גאָר קיין רעכענונג ניט אָפּגעגעבן אויף וויפל די אפּטייקן, וועלכע זיינען אין קריגס־צייט געווען אונטערגעוואָרפן זייער פולער קאָנטראָל, האָבן געהאָלפן די פאַרטיזאַנער אין זייער קאַמף און מיטגעווירקט צו ראַטעווען פיל טויזנטער פאַרוואונדעטע פאַרטיזאַנער.

אין דרינגנדיקע נויט־פאַלן, פלעגט מען אויך באַנוצן הייל־גראָזן און היימישע פרימיטיווע מיטלען. אין פיל פאַלן פלעגן יידישע דאָקטוירים אליין שאפן סוראָגאַטן (קרעץ פלעגט מען למשל, היילן דורך א געמיש פון טאָל־פּראָשעק, חזיר־שמאַלץ און דזעגעכץ).

אויך די דיווערסיע־גרופּעס פון יענער זייט פראָנט־ליניע האָבן מיט זיך געבראַכט פיל ווערטפולע פּרעפּאַראַטן און באַנדאַזש־מאַטעריאַלן.

אָנגעהויבן פון דער צווייטער העלפט 1943, האָט מען שוין באַקומען געוואָרפענע פון סאָוועטישע עראָפּלאַנען, ווערטפולע מעדיקאַ־מענטן און כירורגישע אינסטרומענטן אין א גרויסער מאָס. די פּאַראַ־שוטן־שטאָף איז באַנוצט געוואָרן ווי באַנדאַזש־מאַטעריאַל אין וואָס עס האָט זיך דאַן געפילט א מאַנגל.

## ד. דער סאַניטאַר ־ היגיענישער מצב און קראַנקהייטן אין פאַרטיזאַנקע

בדרך כלל איז דער סאַניטאַר־היגיענישער מצב פון די פאַרטיזאַנער געווען א באַפרידיקנדיקער. אמבעסטן זאָגט וועגן דעם עדות דער קליינער פּראָצענט קראַנקייטן און זעלטענע פאַלן פון טויט צווישן די פאַרטיזאַנער (ניט געמיינט טויט־פאַלן פון פאַרוואונדונגען).

מיטגעווירקט דערביי האָבן זיכער פאָלגנדיקע פאַקטאָרן:
1) דער פארטיזאנער האָט ניט געארבעט שווער.
2) דאָס אָטעמען 24 שעה אין מעת־לעת מיט וואלד־לופט.
3) די גוטע און זעטיקע דערנערונג.
4) דאָס כסדר׳דיקע באַוועגן זיך אויף אויפגאבעס.

דאָס ניט נאָרמאלער לעבן אין די וואלד־באדינגונגען, וועלכער דערמעגלעכט ניט אָפצוהיטן די עלעמענטארע סאניטאר־היגיענישע כללים, האָט אָבער ארויסגערופן ספּעציפיש־פּארטיזאנישע קראנקייטן, וועלכע האָט ניט זעלטן אָנגענומען אן עפּידעמישן כאראקטער און ארומגעכאַפּט גאנצע אָטריאדן.

די כאראקטעריסטיש־פארטיזאנישע קראנקייטן זיינען געווען:

1) קרעץ (טשעסאָטקא, סקאביעז) פלעגט קומען אלס רעזולטאט פון זעלטענעם וואשן זיך, ניט היטן די ריינקייט פון קערפּער, מאנגל פון וועש, שלאָפן כסדר אין די זאכן א. א. וו. די קרעץ אין אין פארטיזאנקע פלעגט אויך פארשלעפּט ווערן פון די דערפער, ווו די דאָזיקע קראנקייט איז געווען פארשפּרייט צוליב דער אלגעמיינער שמוץ און אָפּגעלאָזנקייט פון אָרעמען דאָרף.

2) הויט־קראנקייטן (פּיאָדערמיע און דערמאָטיט), הויט אנטצינדונגען, געשווירן, טשיראקס, פורונקלען, זיינען בעיקר געווען פארשפרייט אויף די פיס און אויך אויף די הענט. דאָס לעבן אין בלאָטיקע, זומפּיקע געגנטן, דאָס גיין אויף קאמפּס־אויפגאבעס דורך טראָפּינקעס, בלאָטעס, זומפּיקע געגנטן — האָבן ניט ווייניק מיטגעווירקט צו דער פארשפרייטונג פון די הויט־קראנקייטן. די מאסן קאָמארעס און אנדערע אינזעקטן פלעגן צובייסן די הויט און ארויסרופן א קראצעניש, פון וואָס עס פלעגט זיך באקומען אן אינפעקציע. א וויכטיקע סיבה איז געווען — דאָס ניט אויסטאָן די שטיוול, און ניט אדורכלופטערן די פוס־הויט (פארטיזאנער איז געווען פארבאָטן צו שלאָפן אויסגעטאָנענע, בכדי אלע מאָל צו זיין גרייט אויף יעדער עווענטואליטעט פון אן אָנפאל פון דייטשן).

3) סטאָמאטיטן, באצייכנט דורך די פארטיזאנער מיטן נאָמען צינגא, איז געווען א קראנקייט פון די דזיאסלעס. די סימפּטאָמען זיינען געווען, דאָס פוילן און בלוטיקן פון די דזיאסלעס. דאָס איז געווען א רעזולטאט פון איינזייטיקער דערנערונג אין פארטיזאנקע (פלייש, פעטס און דאָס אבסאָלוטע פעלן פון וויטאמין „צ“ פרוכטן, און גרינסן.

מיטגעווירקט האָט אויך דאָס מיסברויכן מיטן סאַמאָגאָן-בראָנפן, רויכערן אין צייטונגס-פּאַפּיר, ניט פלעגן די ציינער א. א. וו.

א חוץ די א. ד. ספּעציפישע פּאַרטיזאַנישע קראַנקייטן, איז אויך געווען ניט קיין זעלטענע דערשיינונג גריפּע, ווענערישע קראַנקייטן א.א.וו. וועלכע האָבן אָבער ניט אָנגענומען קיין מאַסן-כאַראַקטער.

פלעק-טיפוס איז געווען פאַרשפּרייט אין פּאַרטיזאַנקע די גאַנצע צייט און סוף 1943 האָט זיך אין א טייל ראַיאָנען אָנגענומען א דראָענ-דיקן מאַסן-כאַראַקטער, וואָס האָט פּאַראַליזירט די קאַמפּס-אַקטיוויטעט.



ד"ר אלפּערט (זשעטל), אטריאַד-ד"ר פון „באָרבא" שפּעטער בריגאַדע-ד"ר פון „פּאָביעדא" (ליפּיטשאַנער פּושטשע).

בכדי ניט צו דערלאָזן, ביי די געגעבענע פּרימיטיווע וואַלד-באַדינגונגען דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון קראַנקייטן, זיינען דורך דער פּאַרטיזאַנער-אָנפירונג, לויט די אָנווייזן פון מעד. פּערסאָנאַל, ארויסגעגעבן געוואָרן באַפעלן, וועלכע האָבן געטראָגן א פּראָפילאַקטישן כאַראַקטער און רעגולירט די סאַניטאַר-היגיענישע פאַרהעלטענישן אין די וועלדער. עס איז איינגעפירט געוואָרן די פליכט פון די אָטריאַדן צו באַזאָרגן מיט ריינע וועש. מען האָט אָנגעהויבן לייגן מער אכט אויף דער ריינקייט אין די ערד-שטיבלעך, קיך, מלבושים, און מען האָט אָנגעהויבן פלעגן מער דאָס געפיל פאַר קערפּער-קולטור. לויט א באַזונדער דירעקטיוו האָט מען בייטאָג אויף א שטיקל צייט געמוזט זיך אויסטאָן די זאַכן און אדורכלופטערן דאָס לייב (בייטאָג איז די מורא פאַר א פלוצעמדיקן אָנפאַל געווען א ניט וואַרשיינלעכע).

יעדן פּאַרטיזאַן פלעגט דערלויבט ווערן גיין צו א באַקאַנטן פויער אין די שכנותדיקע דערפער, בכדי זיך צו באָדן.

די אָטריאַדן, וועלכע האָבן געלעבט אין די דערפער און אויף בוטאָרעס, פלעגן אויסנוצן די דאָרפישע, פּרימיטיווע פּאַרע-בעדער.

עס איז געפירט געוואָרן א קאמף קעגן לייז — די פארשפרייטערס פון טיפוס. עס זיינען אויך אין די וועלדער אויסגעבויט געוואָרן פארע־בעדער (א מין אנטלויזונג־אנשטאלט). יעדער דיסציפלינירטער פארטיזאן פלעגט האלטן פאר זיין חוב זיך טעגלעך גרינדלעך אויסצולויזן... (א פראָפאָ, די דייטשן פלעגן אין זייער אגיטאציע קעגן די פארטיזאנער פארשפרייטן פאָטאָגראפיעס, וועלכע פלעגן באווייזן די זיך לויזנדיקע פארטיזאנער).

עס פלעגט וועכנטלעך דורכגעפירט ווערן א מעדיצינישע קאָנטראָל, סיי אין די דערפער, סיי אין די וועלדער, כדי צו פארהיטן פון פארמערן זיך פון אינפעקציע־קראנקהייטן.

נאָך אָבלאוועס און בלאָקאדעס פלעגן זיך די קראנקהייטן פארמערן, אלס רעזולטאט פון די פארערגערטע לעבנס־באדינגונגען (הונגער, שלאָפלאָזיקייט, קעלט, נעכטיקן אויף שניי א. א. וו.).

בדרך כלל האָט זיך אין דער צווייטער העלפט פון 1943 דער סאניטאר־היגיענישער מצב פיל פארבעסערט און נאָרמאליזירט. די גוטע פארפלעגונג און די סאָסנע־לופט האָבן געטאָן זייערס, און די קראנקהייטן און טויט־פאלן זיינען דערפירט געוואָרן ביז צו א מינימום.

## ה. דער יידישער מעדיצינישער ארבעטער אלס קעמפער און לעבנס־רעטער

ווי געזאָגט זיינען כמעט אלע פארטיזאנער, אָטריאדן, בריגאדעס און פאראייניקונגען, מיט קליינע אויסנאמען, אין גאנץ ווייס־רוסלאנד און אוקראינע באדינט געוואָרן דורך יידישע דאָקטוירים, שוועסטערס און סאניטארן.

דער יידישער דאָקטאָר און שוועסטער האָב געארבעט ניט בלויז אלס מעדיצינישע־ארבעטערס, נאָר אויך גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין קאמף. דער דאָקטאָר און די שוועסטער פלעגן מיטגיין און אנטיילנעמען אין אלע קאמפס־אָפעראציעס פון די אָטריאדן און דיווערסיע־גרופעס. מיט דער „סומקע" אויף די פלייצעס פלעגט דעם יידישן מעד.־ארבעטער אויסקומען אונטער א געדיכטן פייער ארויסצושלעפן די פארוווּנדעטע פון קאמפס־פלאץ און גלייך געבן גיכע הילף.

ד"ר אטלאס, קאָמאנדיר פון א יידישער ראָטע פון בולאקס אָטריאד, האָט בשום אופן ניט געוואָלט אויסאיבן זיין פאך אלס דאָקטאָר, און

געפאָדערט אים צו שיקן אין אלע קאמפן, ווו ער איז שטענדיק געווען אין דער ערשטער ריי אויף די געפערלעכסטע פּאָזיצעס.

ווען ער האָט באגעגנט ד״ר ראָזנצווייגן, גייענדיק צום אָנפאל אויפן דערעטשינער גארניזאָן (10 אויגוסט 1942), האָט ער די ערשטע זאך ביי אים געפרעגט: „גייסטו אלס דאָקטאָר, אָדער אלס קעמפער?״— און ווען ד״ר ראָזנצווייג האָט אים געענטפערט, אז ער גייט אלס קעמפער־פּארטיזאן, האָט ד״ר אטלאס א צופרידענער מיט אים זיך צוקושט.

אויף וויפל ער האָט געארבעט אלס דאָקטאָר צווישן די פּויערים, איז עס געווען נאָר בכדי צו באקומען געווער פאר די פּארטיזאנער.

ד״ר מארקוס (חאָלקאָוויסק), איינער פון די ערשטע דאָקטוירים אין פּארטיזאנקע פון דער ליפּיטשאנער פּושטשע שיסט זיך אָפּ, ווען ער ווערט ארומגערינגלט דורך די דייטשן אין דאָרף נאקרישקי (זשעטלער ראיאָן) און מיט דער לעצטער קויל דערשיסט ער זיך, בכדי ניט ארייננצופאלן א לעבעדיקער צו די דייטשן (סעפּטעמבער 1942).

דער דאָקטאָר פון אָטריאד „קוטוזאָוו״ (פּינסקער בריגאדע), מאָטל ווּלאָדאווסקי (יאנאָוו, פּאָלעסיע), האָט בעת א שלאכט מיט דייטשן ביים דאָרף אדריזשין דערקענט דעם זאָנדער־פירער פון יאנאָווע, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער שחיטה אין שטעטל. ד״ר ווּלאָדאווסקי ווארפט זיך מיט זיין ביקס און דערהרגעט אים (שפּעטער געפאלן בעת א שלאכט ביים טייך האָרין).

מיט א העלדישן טויט איז אויך געפאלן די שוועסטער סימא שעליובסקא (דערעטשין), בעת דער גרויסער בלאָקאדע אין דער ליפּיטשאנער פּושטשע פון די קאָזאקן־וולאסאָווצעס, האָט בולאקס בריגאדע, זייענדיק פון אלע זייטן ארומגערינגלט, געמאכט א פארצווייפלטן פּרווו זיך דורכצורייסן דעם דייטשישן קארדאן ביים א. ג. ווילנער טראקט. סימא שעליובסקא האָט ניט געוואָלט אליין איבערלאָזן א פארווונדעטן סאָוועטישן מאיאָר און צוזאמען מיט אים אומגעקומען, אייניקע טעג פאר דער באפרייאונג.

די קראנקן־שוועסטער שעוואכאָוויטש מאשע (לידע), בלייבט אין פּרווו אויף אן אָפּגעלעגענעם „כוטאָר״ אין אומגעגנט פון שטעטל וואָראָנאָווע, מיט פינף פארוואונדעטע פּארטיזאנער פון אָטריאד „איסקרא״, בכדי זיי צו באדינען און קומט אום צוזאמען מיט די פארווונדעטע דורך ליטווישע פּאָליציי (אויגוסט 1943).

די קראנקן־שוועסטער פון אָטריאַד „סטרעלקאָוו״, אסנע פּערלשטיין (אניע), א באַראנאָוויטשער יידישע מיידל פון 22 יאָר, האָט באוויזן דורך איר ארבעט אין א. ד. אָטריאַד, אז זי קען ניט נאָר ארבעטן מיט מסירת נפש, נאָר אז זי קען אויך ארויסנעמען אונטער א געדיכטן האָגל קוילן פון קאמפּס - פּלאַץ 12 פאַרוואונדעטע פּארטיזאנער און געבן זיי הילף (בעת א 12־שעה׳דיקן קאמף ביים דאָרף זאסטארינע, האָראָדישטשער ראַיאָן, 2־טן מאי 1943), און אז זי קען אויך באוווסטזיניק אָפּגעבן איר יונג לעבן, בכדי צו מאכן א פּרווו פון ראטעווען דעם אָטריאַד־קאָמאנדיר סטרעלקאָוו. זי האָט געהאט אלע מעגלעכקייטן אָפּצוגיין פון דער דורכגעפאלענער לויערונג צוזאמען מיט אלע פּארטיזאנער. זי קען אָבער ניט שלום מאכן מיטן געדאנק, צו לאָזן אויפן שלאכט־פעלד דעם שווער־פארוואונדעטן קאָמאנדיר. זי מאכט אים א פארבאנד און באוויזט נאָך צו פארוואַרפן אין קאָרן־פעלד זיין סומקע מיט וויכטיקע דאָקומענטן. זי ווערט פארוואונדעט. די דייטשן נעמען זי א לעבעדיקע און פארפייניקן זי. (יוני 1943).

דאָס איוויער יידישע מיידל, פרומע טאנפּעל, א קראנקן־שוועסטער אין אָטריאַד „סוואָראָוו״ (סטאלינסקע בריגאדע, נאליבאָקער פּושטשע) איז דורך אלע רוסישע פּארטיזאנער באוואונדערט געוואָרן פאר איר העלדישקייט און דרייסטקייט און איז געווען דער ליבלינג פון אָטריאַד. זי האָט געלעבט און געאָטעמט מיט נקמה־געפיל.

אפּריל 1944 איז ביים דאָרף נאָוואָסיאָלקי (ראַדאָשקעוויטשער ראַיאָן) געקומען צו א קאמף צווישן דעם א. ד. אָטריאַד מיט 150 דייטשן (ניט ווייניקער ווי 86 דייטשן זיינען דאן אומגעבראכט געוואָרן). די קראנקן־שוועסטער פרומע טאנפּעל האָט דערזען א פארוואונדעטן פּארטיזאַן אויף אן ארויסגערוקטער פּאָזיציע. זי איילט זיך אים צו געבן הילף, און דאן ווערט איר יונגער לעבן אין בליענדיקן עלטער איבערגעשניטן מיט א קוילן־סעריע אין בויך. זי שטארבט גלייך (אפּריל 1944). דער קאָמיסאר פון דעם אָטריאַד האָט אָנגעשריבן א ליד, געווידמעט דער מסירת־נפש׳דיקער שוועסטער און מוטיקער דרייסטער קעמפערין, פון וועלכן דער לעצטער פערז לייענט זיך אין איבערזעצונג פון רוסיש:

זי איז ניטאָ, זי איז פאר אונדז א שטומע,
נאָר פאר איר וועלן מיר נקמה נעמען און דעם פיינט פּלאָגן.
דעם נאָמען פון דער העלדישער קראנקן־שוועסטער — פרומע
וועלן מיר דורך שלאכטן צום זיג טראָגן.

עלף יידישע דאָקטוירים און סטאַמאַטאָלאָגן פון וואָלקאָוויסקער געטאָ זיינען דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן צוליבן געבן דורכן פּאָרזיצער פון יידן־ראַט ד״ר ווינבערג, מעדיצינישער הילף א פּאַרווונדעטן רוסישן פּאַרטיזאַן אין זאַמקאָוון וואַלד (ביי וואָלקאָוויסק).

די דייטשן איז געלונגען זיך צו דערוויסן, אַז אַ יידישער דאָקטאָר פון וואָלקאָוויסקער געטאָ גיט הילף פּאַרוואונדעטע רוסישע פּאַרטיזאַנער. די דייטשן האָבן גלייך אַרעסטירט אַלע עלף יידישע דאָקטוירים פון געטאָ (אייזיק ווינבערג, י. סיעדלעצקי, קאַנטאָר, וועלוועלסקי, קויפמאַן, האָניגשטיין, פרוי ד״ר גאָלאַנד, טראָפּ, מאַנט און פּשיניצקאַ־איינהאָרן) און דורך פּייניקונגען געפּרווט אַרויסצובאַקומען דעם נאָמען פון ד״ר, וואָס גיט הילף די פּאַרטיזאַנער.

אַזוי ווי קיינער האָט זיך ניט מודה געווען, זיינען אַלע א. ד. עלף יידישע דאָקטוירים דערשאָסן געוואָרן.

וויפל האָבן מיר געהאַט אַזעלכע העלדישע שוועסטערס און דאָקטוירים, וועלכע האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פאַר דער זאַך פון קאַמף קעגן די דייטשישע מערדערס, און פאַר ראַטעווען פּאַרוואונדעטע פּאַרטיזאַנער?

יידישע דאָקטוירים גיבן מעדיצינישע הילף די פּאַמיליע־לאַגערן אין די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, וווּ צוליב דער נאַקעטקייט און קעלט, ענגשאַפט און שמוץ, שפּרייט זיך די טיפוס־עפּידעמיע און זייט טויט און אומקום. ניט אַלע מאָל האָט די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג געקוקט גוט אויף דער מסירות־נפשדיקער אַרבעט פון די יידישע דאָקטוירים פאַר זייערע אומגליקלעכע ברידער. דער יידישער דאָקטאָר, די יידישע שוועסטער האָבן אָבער זייער חוב געטאָן און ביי אוממענטשלעך־שווערע באַדינגונגען, געראַטעוועט פיל יידן פון די פּאַמיליע־לאַגערן פון א זיכערן טויט.

די יידישע פּאַרטיזאַנער־דאָקטוירים גיבן אויך הילף דער פּויערישער באַפעלקערונג פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס. דאָס האָט בלי שום ספק מיטגעווירקט צום שאַפן אַן איינגן קאָנטאַקט צווישן די פּאַרטיזאַנער מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

## ו. דער איינפלוס פון יידישן דאָקטאָר אויף דער העכערער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג

דער יידישער דאָקטאָר האָט א נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער העכערער פּאַרטיזאַנער אָנפירונג פון דער פאַראייניקונג, בריגאַדע

און אַטריאַד. ער ווערט דורך דער אָנפירונג, אלס א מענטש מיט העכערער בילדונג, און אלס אזא, וואָס טוט א נוצלעכע ארבעט פאר די פּאַרטיזאַנער, געאַכטעט און מען רעכנט זיך מיט זיין מיינונג און עצה.

ד״ר בליומאָוויטש אלס הויפּט־דאָקטאָר פון דער בריסקער פּאַרטיזאנער־פאַראייניקונג, קען ביי דער געלעגנהייט פּאַרטיידיקן די יידן קעגן די אַנטיסעמיטישע טענדענצן, וועלכע איינציקע פּרוּוון דורכצושמוגלען אונטער פאַרשיידענע אוּמשולדיקע מאַסקעס פון קריגס - נויטווענדיקייט א. א. וו.

ד״ר ערליך, דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג פון גענעראַל ביעגמאַ, איז אויך א מיטגליד פון שטאַב, א ראַטגעבער, אָן וועלכן ביעגמאַ באַשליסט גאָרניט.

ד״ר טייץ (מינסק), איז דער הויפּט־דאָקטאָר ביים צענטראַלן שטאַב פון באַראַנאָוויטשער פּאַרטיזאַנער - פאַראייניקונג און אלס אַזעלכער געהאַט א גרויסע השפּעה אויף גענ. מאַיאָר פּלאַטאָן.

ד״ר מיאַסניק (לידע) איז שפּעטער דער דירעקטאָר פון צענטראַלן שפּיטאָל אין ליפּיטשאַנער פּושטשע (דער שפּיטאָל איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך ד״ר ראָזענצווייג) און ראַטעוועט הונדערטער פּאַרטיזאַנער פון א זיכערן טויט. ער הײלט אויס דעם בריגאַדע־קאָמאַנדיר, בולאַק פון אַן ערנסטע פאַרוואונדונג, און א דאַנק דעם האָט ער א געוויסע השפּעה אויף שופּינען און אויף בולאַקן.

ד״ר ראָזנצווייג (קעלץ) איז בריגאַדע־דאָקטאָר פון דער אַנטיסע־מיטישער בריגאַדע „וואָראָשילאָוו״ און ווירקט אין א געוויסער מאָס אויף דעם בריגאַדע־קאָמאַנדיר, קאָמאַראָוו פּעטיע.

ד״ר פישלען גורוויטש (וואַרשא) איז געווים ניט לייכט קעגנצווירקן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אָטריאַד „באָלשעוויק״ (נאַליבאָקער פּושטשע), אָבער דאָך מילדערט ער א ביסל די אַנטיסעמיטישע שטימונגען.

דער יידישער דאָקטאָר באַשיצט זיין ברודער, דעם יידישן פּאַרטיזאַן, שרייט אָפּ א גזירה, וואָגט צו מאַכן א טומל קעגן אַנטיסעמיטישע אַרויספאַלן, אינטערווענירט ביי די מאַסגיביקע פאַקטאָרן אָנצונעמען יידן און מבטל צו מאַכן א פאַראָרדענונג, וואָס קען טרעפן יידן.

בעת מען האָט נאָך דער אָבלאַווע אויפן טאַנק אין ליפּיטשאַנער פּושטשע אַרויסגעשיקט 40 יידן פון אָרליאַנסקן אָטריאַד אין פאַמיליע־לאַגער, האָט אַן אינטערווענץ פון ד״ר אַלפּערט (זשעטל) ביים קאַפּיטאַן

דאווידאָוו און אן אינטערווענץ פון ד״ר מיאסניק ביים באפולמעכטיקטן שופיעני, באווירקט, אז די פאראָרדענונג זאָל אָפּגעשאפן ווערן.

טײלמאָל געלינגט עס דעם יידישן דאָקטאָר, א דאנק זיין השפּעה אויף דער אָנפירונג, צו ראטעווען יידן פון טויט.

דעם 22־טן מערץ 1943 זיינען אָנגעקומען אין ראיאָן פון נאליבאָקער פּושטשע 75 יידן, אנטלאָפענע פון קאָנצענטראציע־לאגער אין קאָלדיטשעווא. אין סטייפּצער ראיאָן־צענטער האָט מען געקוקט אויף זיי, ווי אויף צוגעשיקטע שפּיאָנען. עס איז געווען די געפאר, אז מען זאָל זיי אומברענגען. ד״ר זעליק לעווינבוק, וועלכער איז אליין מיט א האלב יאָר צוריק אנטלאָפן פון א. ד. לאגער און האָט געארבעט אלס הויפּט־כירורג פון דער בריגאדע „קאָמסאָמאָליעץ", ווי אויך זיין פרוי, וועלכע האָט געארבערט אלס שוועסטער, האָבן ענערגיש אָפּגעוואָרפן די בלבולים און אָפּגעשריען די גזירה ביים באפולמעכטיקטן, צארוק וולאדימיר. די 75 יידן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די אָטריאדן פון נאליבאָקער פּושטשע.

די סאָוועט־רעגירונג און די העכערע פּארטיזאנער אָנפירונג האָבן אָפּגעשאצט די מסירות־נפש׳דיקע ארבעט פון יידישן מעדיצינישן ארבעטער און געבראכט עס צום אויסדרוק אין אָפיציעלע דערקלערונגען, ארטיקלען אין דער פּארטיזאנישער־פּרעסע און אין דער צענטראלער פּרעסע אין רוסלאנד.

אלס אויסדרוק פון דאנק מצד דער סאָוועט־רעגירונג דעם דר. מיאסניק פאר זיין ארבעט אין צענטראלן שפּיטאָל, איז ענדע 1943 אראָפּגעוואָרפן געוואָרן פאר אים פון אן עראָפּלאן — אן אויטאמאט און א פּיסטאָלעט מיט א דעדיקאציע פון קאלינין.

פיל צענדליקער יידישע דאָקטוירים און שוועסטערס זיינען באלוינט געוואָרן דורך דער רעגירונג מיט די העכסטע אָרדנס פון ראטן־פארבאנד.

דער יידישער מעדיצינישער ארבעטער האָט פיל ביגעטראָגן צום זיג איבערן היטלעריסטישן דייטשלאנד און מיטגעווירקט צו דער ראשיקער אנטוויקלונג פון דער פּארטיזאנער־באוועגונג און איר קאמפס־פעיקייט.

# קאַפּיטל אכצן

# יידן און געלע לאַטעס

## א. נקמה־סטימול צום קאַמף מיט די דייטשישע מערדערס

די ערשטע זאַך, וואָס יעדער ייד האָט געטאָן באַלד נאָכ׳ן ארויסבאַקומען זיך פון די דראָט-פאַרצוימטע געטאָס, איז געווען, דאָס אראָפּרייסן פון זיך דעם שאַנד־צייכן — די געלע לאַטע.

מיט וואָס פאַר א קנאה יידן אין די געטאָס האָבן עס ארויסגעקוקט אויף דער אנדערער, פרייער, שיינער וועלט פון יענעם זייט דראָטן!

דאָס אראָפּרייסן די געלע לאַטע איז געווען מער ווי א סימבאָל. פון דעם מאָמענט האָבן מער שוין ניט פאַרפליכטעט, די שענדלעכע באַליידיקנדיקע גזועצן, דאָס זיין אויסגעשטעלט יעדע מינוט אויפן ווילקיר פון די דייטשע „אָרדנונגס־היטער”. דער ייד איז ווידער געוואָרן א גלייכבאַרעכטיקטער, פולווערטיקער מענטש, ער מעג ווידער געניסן פריי פון דער נאַטור שיינקייט און ווידער אָטעמען מיט פרישע לופט פון וואַלד און פעלד.

דאָס אראָפּרייסן די געלע לאַטע איז אָבער אויך געווען א פּסיכאָלאָגישע רעוואָלוציע.

אין די געטאָס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן א מענטאַליטעט פון מינדערווערטיקייט. די אומצאָליקע שענדלעכע און באַליידיקענדיקע גזועצן האָבן געהאַט דעם ציל ניט נאָר צו פאַרמיאוסן און דערנידעריקן זיי אין די אויגן פון דער ארומיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט דאָך געקענט די יידן, ווי א קולטור־פאָלק, וואָס איז געשטאַנען העכער פון גאַנצן ארום, נאָר האָבן בעיקר געצילט צו שאַפן ביי די יידן גופא א מינדערווערטיקייטס־געפיל, א מענטאַליטעט פון א פאָלק, וואָס איז באַשטימט צו באַדינען די ארומיקע באַפעלקערונג, און וואָס איז ניט פעיק צו רעאַגירן אַקטיוו אויף דעם אַלעמען.

טיילווייז איז עס די דייטשען געלונגען. דער טיפער גלויבן, וועלכער האָט אויפגעהאַלטן די יידן אין די געטאָס פון מיטלאַלטער און געגעבן

כוח אריבערצוטראָגן אלע יסורים, עינוים און פּאָגראָמען, דאָס באוווסטזיין פון אתה בחרתנו וואָס האָט ביי זיי געשאפן א געפיל פון אייגענער גייסטיקער העכערקייט איבער זייערע אונטערדריקערס, איז ביי די ניט־רעליגיעזע יידישע מאסן אין דער בלוטיקער היטלער־תקופה שוין מער ניט געווען.

מיטן ארויסגיין פון געטאָ און אראָפּרייסן די געלע לאטע האָט מען גלייכצייטיק ארויסגעריסן פון הארצן יעדעס מינדערווערטיקייטס־געפיל.

עס איז ווידער געבאָרן געוואָרן אין יעדן דער פרייער, שטאָלצער מענטש און ייד. א ניי מעכטיק געפיל האָט באהערשט די יידן, וואָס האט אָפּגערוימט פון וועג די קרענקלעכע פּסיכאָלאָגישע אויסווירקן פון די געטאָס. דאָס איז געווען דאָס געפיל פון נקמה.

די יידישע יוגנט, די יידישע מאסע, וועלכע איז געקומען צו לויפן אין די פּושטשעס און וועלדער, אויסגעפּייניקטע, בארויבטע, טיף געשענדטע אין זייער מענטשלעכער און יידישער ווירדע, אלע נאָכן פארלירן אלץ און אלעמען, די טייערסטע און ליבסטע, די מאמעס און טאטעס, שוועסטערס און ברידער, פרויען און קינדער, האָט געאָטעמט מיט איין געפיל — נקמה, א בלוטיקע אָפּרעכענונג פאר אלץ און אלעמען.

דאָס אייגענע לעבן האָט נאָכן פארלירן די משפחות ממילא שוין ניט געהאט אזא ווערט און אָנצי־קראפט ווי פריער.

יידישע קאָמאנדירן פון אָטריאדן פירן זייערע מחנות אין קאמף ניט נאָר מיט די אלגעמיין ־ סאָוועטישע פּארטיזאנער־לאָזונגען „פארן פאָטערלאנד, פאר סטאלינען, נאָר אויך מיט די לאָזונגען „פאר אונדזערע טאטעס און מאמעס, פאר אונדזערע שוועסטערס און ברידער, פאר אונדזער פאָלק — נקמה!“, דאָס איינציקע, צוליב וואָס מען ווארפט און עס לוינט צו ווארפן די יונגע ניט אויסגעלעבטע לעבנס.

ד״ר יחיאל אטלאס, קאָמאנדיר און גרינדער פון יידישן קעמפערישן אָטריאד אין ליפּיטשאנער פּושטשע, האָט דערצווּיגן די קעמפערס: „מיר זיינען ניט געבליבן לעבן, בכדי איבערצולעבן. ניטאָ אויף דעם קיין שאנס. מיר זיינען געקומען אהער צו נעמען א שרעקלעכע נקמה, און רואיק שטארבן אין קאמף“. זיינע לעצטע ווערטער צו די חברים זיינען געווען: „נעמט א שרעקלעכע נקמה פאר אונדזער אומגליקלעך פאָלק“!

שלמה קורליאנדטשיק (סטאנציע אָראן) איז שטערבלעך פארוואונדעט געוואָרן (אפריל 1944) אין א שלאכט מיט א דייטשישער לויערונג, בעת

ער איז מיט א גרופּע געגאַנגען פון מינירן די קליינבאַן־ליניע מאַרציקאַנץ־זובראָווע (גראָדנער קרייז). נאָך דעם קאַמף, וועלכער האָט זיך פאַר־ענדיקט מיטן נצחון פון די פּאַרטיזאַנער, האָט אים זיין רוסישער וויוואָד־קאָמאַנדיר גענומען אויף די הענט. מיט די לעצטע כּוחות האָט ער געפרעגט „וויפל דייטשן זיינען געפאַלן? — „זיבן" — האָט אים דער קאָמאַנדיר געענטפערט. „איצט וויים איך, פאַרוואָס איך שטאַרב"... און מיט א שמייכל אויסגעהויכט זיין נשמה.

דער קאָמאַנדיר בולאַט האָט ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אויפנעמען א קאַמף מיט דעם דערעטשינער גאַרניזאָן צוליב דער קליינער צאָל פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין די רודער־דאָמבראָווסטשיזנער וועלדער. די דערעטשינער יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע סוגעסטירט אָבער די רוסישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג צו אינטערנעמען דעם מאַרש אויף זייער שטעטל, כּדי דורכצופירן א בלוטיקן חשבון.

עס זיינען דאַן פאַרניכטעט געוואָרן זיבעצן דייטשן און פופציק פּאָליציי־לייט. אין דעם קאַמף איז צוו. אנד. אויך געפאַלן דוד דאָמבראָווסקי (דערעטשין). פאַרן טויט האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער בנימין: „ווינציק האָב איך נקמה גענומען, צו גיך שטאַרב איך. זיי אומעטום דער ערשטער. נעם נקמה פאַר מיר, פאַר אונדזערע עלטערן און אונדזער פאָלק!"...

וועלוול קרופּסקי מוטיקט זיינע מיטגייערס אויף א קאַמפס־אויפגאַבע אויפצורייסן די נאַפט־ציסטערנעס אין לידע. „חברה, — זאָגט ער — וואָס האָבן מיר צו זשאַלעווען אונדזערע פאַרשטונקענע לעבנס, מיר יידן דאַרפן דאָך מיט די ציינער די דייטשישע גאָרגלען אַרויסרייסן!..."

שלמה סאַדאָווסקי (סאָבאַקינצע, וואָסילישקער ראַיאָן), א פּאַרטיזאַן פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל" אין נאַטשער פּושטשע, רופט זיין וויוואָד ניט צו באַנוגענען זיך מיט די דערהרגעטע אַכט דייטשן און פאַרצוזעצן דעם קאַמף, באַמערקנדיק, אַז נאָך צוויי דייטשן האָבן זיך פאַרשטעקט אין די קוסטעס (2־טן אָקטאָבער 1943) און שרייט אויס „חברה, הורא, פאָראויס, נקמה פאַר מיין שוועסטער און פאַר אַלע יידן!". לויפנדיק פאַלט ער אַן אונטערגעשאָסענער פון א פאַרשטעקטן דייטש.

יוסף ראָזאָרסקי (נאָוואָגרודעק), פלעגט ניט מיד ווערן צו דערמוטיקן יידישע פּאַרטיזאַנער צו קאַמף און נקמה. „מיר האָבן דאָך שוין אַלץ פאַרלאָרן. לאָמיר כאָטש נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט. פאַר וועמען צו לעבן האָבן מיר סיי ווי ניט. מיר מוזן ווי ווייט מעגלעך אויסנוצן

די צייט, בכדי כאָטש מקיים צו זיין די לעצטע ווונטשן פון אונדזערע מארטירער—נקמה! . . ."

איינער פון די ערשטע קרבנות פון יידישן פארטיזאנער-אָטריאד א. נ. „קאגאנאָוויטש ל. מ." (פאָלעסיע), איז געווען שלום לען, וועלכער איז ארויפגעפאלן אויף א דייטשישער לויערונג צוזאמען מיט נאָך פיר הברים אין דאָרף באָרקי (ביי פאָהאָסט-זאגאָראָדסקי) גייענדיק אויף אן אויפגאבע צו נעמען געווער ביי די פויערים. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען „חברה, איר זאָלט נקמה נעמען פאר אונדזער פארגאָסן בלוט! . . ."

אפילו דער ווילן צו לעבן איז אויך געווען פארבונדן מיט נקמה. דאָס לעבן האָט אויף אזוי פיל א זין און בארעכטיקונג, אויף וויפל מען קען נאָך נקמה נעמען פון די דייטשען.

משה בורשטין (ווילנע) איז מיט זיין שוועסטער סאָניע אנטלאָפן אין נאַטשער פושטשע (2-טן מערץ 1942). בעת דער אָבלאווע אין פושטשע איז משה מגולגל געוואָרן אין טשאפאיעווס אָטריאד (אָזיערע נאראָטש) און זיין שוועסטער אין די רודניצקער וועלדער.

בורשטין האָט פאָרגעשלאָגען זיין אָטריאד-קאָמאנדיר אָנצופאלן אויפן דייטשעשן גארניזאָן, וועלכער האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דער פארטיזאנער-באזע.

די יידישע פארטיזאנער אין דעם אָטריאד האָבן זיך די ערשטע געוואָרפן אין קאמף מיט אן אויסגעשריי „א טויט די קינדער-מערדערס!" א קויל פון א דייטשישן פולעמיאָט האָט אנידערגעוואָרפן משה׳ן אין א קאלוזשע בלוט. א פארוואונדעטער האָט ער זיך נאָך אויפגעהויבן או דערהרגעט א דייטש, וועלכער איז געלעגן ניט ווייט פון אים.

א רוסישער חבר האָט אים אריינגעשלעפט אין דערבייאיקן וועלדל און איבערגעבונדן די וווּנד. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך געבעטן: „אפשר קענט איר מיך נאָך ראטעווען, איך מוז נאָך לעבן און נקמה נעמען!" זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „נעמט נקמה אויך פאר מיר, איך שטארב, שלאָגט די דייטשן און באפרייט די אונטערדריקטע!" (5 פעברואר 1944, אין דאָרף סאָראָק-טאטאראָוו).

דאָס העלדישע דערעטשינער יידישע מיידל טאניע ליפשאָוויטש, איז בעת א קאמף צווישן בולאקס בריגאדע מיט דייטשן ביי שליזיען-פאָדגרעבעלסקי (15 קלמ. פון דערעטשין, יולי 1943) פארוווּנדעט געוואָרן אין פוס. זי איז שפעטער געשטאָרבן אין שפיטאָל פון א בלוט-פארגיפטונג.

פארן טויט האָט זי אָנגעשריבן א רירנדיקן געזעגן-בריוו צו אירע העלדישע ברידער פון זעלבן אָטריאד:

„מיינע טייערע העלדישע ברידער! איך ווייס, אז איך שטארב. עס ווילט זיך ניט שטארבן אין אזא שיינעם זומער-טאָג. איך בעט אייך קעמפט און נעמט נקמה פאר אונדזערע אומגעקומענע עלטערן און אויך פאר מיין יונג פארשניטן לעבן!".

יוסף פארפעל (טאָרטשין) איז געפאלן בעת א קאמף אין א דאָרף פון אוקראינישע באנדעראָווצעס (18-טן דעצעמבער 1943). אים געלינגט צו הרגענען צוויי באנדיטן. די איבעריקע צוויי באנדעראָווצעס לויפן אריין אין א דערבייאיקער מאָלקעריי. פארפעל שפרינגט גלייך נאָך זיי אריין דורכן פענצטער, אָבער זיין אויטאָמאט ווערט קאליע און ער באַקומט א קויל אין קאָפ. ער לעבט נאָך 15 מינוט און בעט זיך ביי זיינע חברים: „פארגעסט ניט דעם טאָג, ווען איך בין געפאלן. נעמט נקמה פאר מיין פארגאָסן בלוט און פארן בלוט פון אונדזער פאָלק. זאָל אייך מיין טויט ניט אָפשטעלן, נקמה!"

יוסף אָלשאנסקי (דאָרף קאראסין, סארנער ראיאָן), איז פארוווּנדעט געוואָרן (6 דעצעמבער 1943) אויף דער באן-ליניע ראָקיטנע-אָלעווסק. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „נעמט נקמה פאר אונדזער פאָלק און די, וואָס וועלן קומען אין ארץ-ישראל, זאָלן מיין נאָמען אויך דערמאָנען צווישן די, וועלכע האָבן פארטיידיקט דעם יידישן כבוד!"

די רוסישע פארטיזאנער פלעגן כסדר איבערחזרן, אז די יידן דארפן קעמפן מער פאר אלע, ווייל זיי האָבן מיטן דייטש די גרעסטע חשבונות. דאָס איז געווען אמת.

דער נאטשאלניק פון דער לענינסקער בריגאדע, בולאט דערמאָנט עם די דערעטשינער יידישע פארטיזאנער אין זיין רעדע פארן ארויסמארש אויף דעם דערעטשינער גארניזאָן. חוץ דעם האָבן די יידישע פארטיזאנער אין רוסישע אָטריאדן געמוזט מיט זייער העלדישער האלטונג אויך אָפלייקענען די פאָראורטיילן, וועלכע עס האָבן געהערשט ביי א טייל ניט-יידישע פארטיזאנער בנוגע דער יידישער קאמפס-פעיקייט.

געווען יידישע פארטיזאנער, וואָס זייער נקמה-געפיל איז געווען טיף באוווּסטזיניק און זיי זיינען ניט מיד געוואָרן צו פראָפאגאנדירן און רופן די יידישע פארטיזאנער צו באזיגן דעם איינגעבאָרענעם שטארקן לעבנס-אינסטינקט, די מורא פארן טויט און ארויסווייזן איניציאטיוו, קאמפס און נקמה-לוסט אָן גרענעצן און אָן א מאָס.

א קלאסיש בייִשפּיל פון אַזאַ ייִדישן פּאַרטיזאַן איז געווען דער העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד, ברוך לעווין (זשעלודאָק).

ער פלעגט ביי יעדן צוזאַמענטרעף מיט ייִדישע פּאַרטיזאַנער האַלטן אײן מאָנען און רופן צו נעמען נקמה. „מיר האָבן דאָך דעם בלוטיקסטן חשבון מיט זיי, בלויז די ייִדן ווערן אויסגעקוילעט טאָטאַל,



א גרופּע ווילנער ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „נקמה"
(רודניצקער פּושטשע).
פאָטאָגראַפירט נאָך דער באַפרייאונג אין ווילנע.

ווי א פאָלק. לאָמיר שטאַרבן העלדיש און באַווייזן, אַז מיר קענען קעמפן און נקמה נעמען!"

ברוך לעווין האָט ניט נאָר אַליין באַוויזן, נאָר אויך דערצויגן און סטימולירט פיל אַנדערע ייִדישע פּאַרטיזאַנער צו גרויסע טאַטן און מקריב זיין זיך אין קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן די פאַשיסטישע מערדערס. ער איז געווען דער לייַדנשאַפטלעכסטער אידעאָלאָג פון נקמה־געדאַנק און דאָס געוויסן פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין נאַליבאָקער פּושטשע.

## ב. יידן אין די פארטיזאנער־קאמפן

עס איז ניט געווען קיין איין פארטיזאנישע קאמפס־פאָרם און קאמפס־צווייג, וווּ יידישע פארטיזאנער זאָלן ניט האָבן אקטיוו אנטיילגענומען און זיך אויסגעצייכנט.

די יידן באהערשן גיך די קונסט פון מינירן, פארפולקומען די מינעס, און צייכענען זיך אויס ביים אויפרייסן פיינטלעכע עשאלאָנען און לאָזן זיי אין דער לופטן.

כמעט אין אלע רוסישע אָטריאדן זיינען געווען אויסגעצייכנטע יידן מינירערס און דיווערסאנטן. אין די ספעציעלע דיווערסיע־גרופעס האָבן זיך געפונען פיל יידן. ניט ווייניק יידן זיינען אייך געווען קאָמאנדירן פון דיווערסיע־גרופעס.

טויזנטער עשאלאָנען מיט דעם שונא׳ס סאָלדאטן און קריגס־טעכניק זיינען דורך יידישע פארטיזאנער אויפגעריסן געוואָרן. פיל יידישע פארטיזאנער האָבן אויף זייער קאָנטאָ פארשריבן צו 12 — 25 אראָפגעלאָזטע עשאלאָנען.

באזונדערס גרויס איז געווען די צאָל פון יידישע קוילנוואַרפערס. יידן האָבן גיך דערלערנט דעם קוילנוואַרפער און געוווּסט, ווי צו באנוצן זיך מיט אים אין די פארשיידנסטע אומשטענדן.

יעדער יידישער פארטיזאן האָט געהאלטן פאר א כבוד צו ארבעטן ביי א קוילנוואַרפער, וואָס עס גיט די מעגלעכקייט צו פארשיטן מיט פייער און גורם זיין גרויסע אבידות דעם שונא.

יידן האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט אין די ספעץ־ווזוואָדן פון געווער פאַרזאָרגונג („באָיע פיטאניע״) קענענדיק די געגנט, האָבן זיי א דאנק זייער רירעוודיקייט און איינפאלן, אלעמאָל זיך דערוווּסט, ווו און ביי וועמען עס געפינט זיך פארבאהאלטן געווער און ווי אזוי דאָס ארויסצובאקומען.

עס איז כאראקטעריסטיש, אז יידן, וועלכע זיינען א שטאָטישער עלעמענט, האָבן זיך דאָך שנעל אָריענטירט אין די וועגן און שטעגן, געדיכטע וועלדער און פושטשעס פון ווייס־רוסלאנד און אוקראינע.

ניט אין איין פאל האָבן יידן א. ג. „פראָוואָדניקעס״ (וועגווייזערס) אין צייטן פון אָבלאוועס אדורכגעפירט די אָטריאדן דורך זייטיקע וועגן, אומוועגן און טראָפינקעס, אויסמיידנדיק דעם שונא׳ס קאָרדאָן.

א וויכטיקע ראָל אין די פארטיזאנער־אָטריאדן האָט אָפגעשפילט דאָס אויסשפיר־דינסט.

יידן האָבן אויך אויף דעם געביט זיך אויסגעצייכנט. די איינגע־באָרענע יידישע אינטעליגענץ האָט ניט ווינציק מיטגעהאָלפן, אז יידישע אויסשפּירערס זאָלן זיך אלע מאָל שנעל דערוויסן די וויכטיקסטע ידיעות דורך די פארשיידנסטע וועגן און קאנאלן.

די א. ד. יידישע איינגשאפטן האָט זיי אויך פיל ארויסגעהאָלפן ביים שפּייז־פארזאָרג.

עס איז ניט געווען קיין זעלטנהייט צו זען יידישע ווירטשאפטס־לייטערס אין די רוסישע אָטריאדן. די אָנפירערשאפט האָט אָפּגעשאצט און ניט געקארגט קיין לויב־ווערטער פאר זייערע אָרגאניזאטאָרישע פעיקייטן און זיי צוגעשטעלט צו מלוכה־אויסצייכענונגען.

יידן זיינען אויך געקומען מיט דעסאנט־גרופּעס פון יענער זייט פראָנט־ליניע, נאָכן אדורכמאכן די ספּעציעלע פּארטיזאנישע דיווערסיע־שולן אין רוסלאנד. אין ריין רוסישע אָטריאדן האָט מען געטראָפן יידן אויף לייטנדיקע פּאָסטנס. די ספּעציעלע יידישע איינגשאפט זיך צו צופּאסן צו אלע באדינגונגען, יידישע אינטעליגענץ, אָריענטאציע, איניציאטיוו, איינפאלן, האָט זיי געמאכט פאר פולווערטיקע קעמפערס אין אלע קאמפס־צווייגן און געביטן פון פּארטיזאנער־לעבן.

געווען פאלן, ווען מען האָט ספּעציעל געשיקט יידן אויף די סכנות׳דיקסטע קאמפס־אויפגאבעס און יידישע פּארטיזאנער האָבן זיי אויסגעפירט בשלימות.

א גאנצער יידישער וזוואָד, 38 מאן פון „סטאלין־אָטריאד" גרייפט אָן אין 1942־טן יאָר דעם גארניזאָן פון שטעטל נאליבאָק. לויט א פריערדיקן אָפּרייד, האָט א רויטע ראקעטע געזאָלט זיין דער סיגנאל צום אָנגריף, א ווייסע צום צוריקטריט. צוגלייך מיטן יידישן וזוואָד האָבן באדאַרפט אָנגרייפן די רוסן פון א צווייטער ריכטונג.

לויט די שפּעטערדיקע אויפקלערונגען פון דער קאָמאנדע האָט דער אָנגריף געזאָלט אָפּגערופן ווערן צוליב דעם זייער שטארקן כוח פון די דייטשן, אָבער על־פּי טעות איז אָנשטאָט א ווייסע ראקעטע ארויסגעלאָזט געוואָרן א רויטע און דער יידישער וזוואָד איז אוועק אין אטאקע.

די דייטשן, וועלכע האָבן נאָך אין צווישן צייט באקומען פאר־שטארקונגען, האָבן די יידן באגעגנט מיט א הוראגאן־פייער. דער יידישער וזוואָד האָט ניט אָפּגעטראָטן, ביז זיי אלע פאלן אין דאָזיקן ניט גלייכן קאמף (חוץ שלום הילדעסהיימער, וועלכער האָט זיך געראטעוועט בלויז צוליב דעם, ווייל ער איז געווען דער פארבינדונגס־מאן מיטן שטאב).

זייער ברודער־קבר געפינט זיך אויפן מארק אין שטעטל נאליבאָק.

דער אָרליאַנסקי־אָטריאַד שטורעמט דעם דייטשישן גארניזאָן אין נאַקרישאָק (א דאָרף אין ליפיטשאנער פושטשע, זשעטלער קרייז). די דייטשן האָבן זיך באַוויזן אריינצוכאפּן אין די גוט באַפעסטיקטע און באַשיצטע בונקערס און עפענען א מורא׳דיקן פייער, וואָס האָט געמאכט אומעגלעך דאָס דערנענטערן זיך צו זיי.

דער קאָמאַנדיר רופט זיך דאַן סאַרקאַסטיש אָפּ: „יידן זיינען פּחדנים און ווילן נאָר פאַרהיטן זייער אייגן לעבן". דאָס ווירקט אויף דעם פּאַרטיזאַן, משה סענדעראָוסקי (זשעטל) אַזוי שטאַרק, אַז ער וואַרפט זיך פאָרויס אויף די בונקערס מיטן אויסגעשריי „מיר זיינען ניט קיין פּחדנים, נעמט נקמה!" און פאַלט גלייך אַן אונטערגעשאָסענער.

ענדע אַפּריל 1944 איז דער לענינסקי־אָטריאַד אַוועק ליקווידירן דעם דייטשישן גאַרניזאָן אין רודע־יאַוואָרסקע, (א דאָרף אויפן קרייץ־וועג פון ליפּיטשאַנער פּושטשע אין אומגעגנט פון טייך שטשאַרע), וועלכער האָט געשטערט די פּאַרטיזאַנער אין זייערע באַוועגונגען.

דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַלע פּרטים און ער האָט געזאָלט רעאַליזירט ווערן בײַ דער מיטהילף פון ווייס־רוסישע פּאָליציאַנטן פון גאַרניזאָן, מיט וועלכע מען האָט אונטערגעהאַלטן פאַרבינדונגען.

איין „דאָט" מיט 83 ווייס־רוסישע פּאָליציאַנטן זיינען לייכט פאַרכאַפּט געוואָרן. צוליבן פאַרשפּעטיקן צו פאַרכאַפּן די שטאַב־געביידע, באַוויזן די דייטשן זיך אַריינצוכאַפּן אין די בונקערס און עפענען א פייער פון אַלע מינים געווער, וואָס עס פאַראומעגלעכט יעדן פּרוּוו פון אָפענסיווע. בכדי צו זיגן איז געווען בלויז איין אויסוועג. מען האָט באַדאַרפט צוקריכן מיט א גראַנאַט צו דער עפענונג פון „דאָט" און מאַכן אים שווייגן. דאָס איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט א זיכערן טויט. אויף דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט מען כסדר געשיקט איינעם נאָכן אַנדערן יידישע פּאַרטיזאַנער און אַלע זיינען זיי צעריסן געוואָרן דורך די אַרויסגעשלײַדערטע דייטשישע מינעס. אין דעם דאָזיקן קאַמף זיינען געפאַלן דרײַ יידישע פּאַרטיזאַנער: שלמה שיפּמאַנאָוויטש (זשעלודאָק), ירחמיאל ליבטער (זשעטל) און בעקענשטיין (דערעטשין).

בעת דעם אָנפאַל פון לענינסקי בריגאַדע אויף קאָזלאָווששינע איז זאַיצעווס גרופּע (בולאַקס אָטריאַד) צוליב דעם אָנקום פון דייטשישע פאַרשטאַרקונגען געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן שטעקן אין די בלאָטעס

א 45 מ״מ הארמאט. אייניקע מאָל זיינען געגאנגען רוסישע פּארטי־זאנער ארויסצובאקומען צוריק דעם הארמאט און זיך אומגעקערט מיט ליידיקן. דאן זיינען פרייוויליק אוועק דריי יידישע פּארטיזאנער: גדליה באָסאק, חיים־שיע ליפּשאָוויטש (דערעטשין) און ירחמיאל קרימעלאָווסקי (ווארשע) און געבראכט צו שלעפּן דעם הארמאט. דער נאטשאלניק פון בריגאדע־שטאב בולאט האָט אין זיינע רעדעס צו די פּארטיזאנער געהייסן נעמען א ביישפּיל פון זייער דרייסטקייט און מוט.



אליהו קאָווענסקי (וואָלקאָוויסק)
פון אָטר. „אָקטיאבר" (נאליבאָקער פּושטשע). העלדישער, אויסגעצייכנטער פּארטיזאן. אויפגעריסן 14 פייַנטלעכע עשאלאָנען. באקומען אָרדערן: „רויטער שטערן" און „לענין". איצט אין א״י.

דער אויסשפּירער פון אָטר. „קאָמאלאָוו" בריגאדע „מאָראָזאָוו" (דיסנער ראיאָן) סיאָמעק לעקאך (דיסנע) איז ארויפגעפאלן מיט נאָך פינף פּארטיזאנער אויף א לויערונג פון 50 דייטשן (26־טן יולי 1943). זיי נעמען אויף אן אויסזיכטסלאָזן קאמף מיט דער איבערוויגענדיקער צאָל דייטשן. מיט זיין אויטאָמאט האָט סיאָמעק געזייט פייער אויף רעכטס און לינקס דערמונטערנדיק די קעמפּנ־דיקע. „חברים, ניט אונטערגעבן זיך, שיסן ביז דער לעצטער קויל"! און שוין זייענדיק צוויי מאָל פאר־וואונדעט האָט נאָך סיאָמעק באוויזן ווארפן זיין גראנאט אין איפרייסן אייניקע דייטשן. פון די עלף גע־פאלענע דייטשן אין דעם קאמף איז דער גרעסטער טייל געפאלן פון סיאָמעקס האנט. מיט א געפיל פון געזעטיקטער נקמה האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

דעם 19־טן יוני 1944 אין א קאמף מיט א היטלעריסטישן פּאָרפּאָסטן נעבן סטייפּץ איז אליהו קאָווענסקי באשטימט געוואָרן צוזאמען מיט א שטורעם־גרופּע אויפצערייסן די בונקערס. נאָך

א פירשעה׳דיקער שיסעריי, באקומען זיי א באפעל זיך צו ווארפן מיט גראנאטן אויף די בונקערס. קאָווענסקין געלינגט אריינצוווארפן צוויי קעגן־טאנק גראנאטן אין א בונקער, ווו עס האָבן זיך געפונען אכצן דייטשן. אלע זיינען זיי צעריסן געוואָרן. אָפּטרעטנדיק זיינען זיי דורך די דייטשן באשאָסן געוואָרן פון קוילנוואַרפערס און קאָווענסקי איז פארוואונדעט געוואָרן אין האנט. ער באוויזט נאָך ארויפצוכאַפּן זיך אויף א פערד און אריבערשווימען דעם ניעמאן. מען פירט אים אוועק מיט אן אעראָפּלאַן פון פארטיזאנישן אעראָדראָם קיין מאָסקווע, ווו מען אמפוטירט אים די האנט.

ביי א געראנגל מיט צוויי דייטשן, וועלכע הערשל בליישטיין (דאָרף לישניפקע מאניעוויטשער ראיאָן, וואָלין) האָט דערשטאָכן מיט זיין באגנעט, איז ער אליין געפאלן פון א זייטיקער דייטשישער קויל.

די דריי יידישע פארטיזאנער פון דער 51־טער יידישער גרופּע ביים אָטריאד „שטשאָרס״: זרח קרעמען, ליקער און בערעזין, זייענדיק אויף אן אויפגאבע אויף די מאשוקיער כוטאָרעס (האנצעוויטשער ראיאָן), האָבן זיך דערוווּסט פון די פויערים, אז אויף דעם 17־טן פעברואר 1943 גרייט זיך א יאגד אויף חיות אין די מאשוקיער וועלדער, ווו עס וועלן אנטיילנעמען הויכע דייטשישע אָפיצירן פון בעראנאָוויטשער אומגעגנט.

די יידישע פארטיזאנער האָבן זיך גלייך פארבונדן מיט אָרלאָווסקיס דעסאנטן־גרופּע, וועלכע האָט זיך דאן געפונען צופעליק ניט ווייט פון דעם אָרט, און צוזאמען מיט זיי צוגעגרייט אן „אויפנאמע״...

נאָך א קורצן קאמף זיינען 25 דייטשן געלעגן געהרגעטע. צווישן זיי איז געווען אויך דער אָבערגעביטס־קאָמיסאר פון בעראנאָוויטש, גרופּענפירער פענץ, זיין שאָפער, א שטורעמבאנפירער און די פּאָליציי־קאָמענדאנטן פון בעראנאָוויטשער, סיניאווקער און קלעצקער ראיאָנען, וועלכע האָבן באגלייט דעם דייטשישן „מיוחס״ פענץ, אויף זיין יאגד־פארוויילונג.

יידישע פארטיזאנער האָבן אלע מאָל געהאט די אמביציע דורכצו־פירן דיווערסיע־אקטן אין זייערע אייגענע געבורטס־שטעטלעך און דערפער, בכדי צו דערוויזן זייערע פארפאָלגערס, אז זיי לעבן נאָך און נעמען נקמה.

געווים האָט דאָ געשפּילט א ראָל דאָס קענען דעם שטח, דעם צוגאנג און אָפּגאנג, וואָס עס האָט דערמעגלעכט דורכצופירן דערפאָלגרייך די קאמפס אָפּעראציעס.

אברהם קאָפּעלאָוויטש דערוויסט זיך, קומענדיק פון אן אויפגאַבע אז דער אָטריאַד (בולאַקס) איז אוועק שטורעמען דעם גאַרניזאָן פון זיין שטעטל קאָזלאָוושטשיזנע. ער האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אז ער זאָל ניט נעמען נקמה פון די שטאָטישע „הינט", מיט וועלכע ער האָט אַזויפיל חשבונות. „אָן מיר איז מען אוועק אויף מיין קאָזלאָוושטשיזנע"?! ער כאַפּט א פור און דעריאָגט האַרט ביים שטעטל די פּאַרטיזאַנער. קענענדיק גוט דעם שטח גייט ער אלס אויספירער. ער לויפט אריין אין בירגערמייסטערס הויז מיט אן אויסגעשטרעקטן אויטאָמאַט און עפנט גלייך א פייער אויף די חיים-רוסישע פּאָליציאַנטן, וועלכע געפינען זיך דאָרט. מיט איין סעריע לייגט ער אוועק צען פּאָליציאַנטן און פאַלט אליין פון א קויל פון א פאַרשטעקטן פּאָליציסט. דער העלדישער קאָפּעלאָוויטש איז צוגעשטעלט געוואָרן נאָכן טויט צום „לענין"-אָרדען.

די איוויער העלדישע ברידער צאַלקע און מאָטקע גינזבורג און זייער קוזין מרדכי גומניץ האָבן אויפגעגעבן דער אָנפירונג פון אָטריאַד „איסקראַ" א פּלאַן פון אויפרייסן דעם טאַרטאַק, מיל און עלעקטראָ-סטאַנציע אין זייער געבורטס-שטעטל און אויסגעאַרבעט אין אלע דעטאַלן דעם פּלאַן פון אָנפאַל. אין א פינצטערער ווינטער נאַכט (פעברואַר 1943), זיינען די דריי יידישע פּאַרטיזאַנער און צוויי אוקראַינישע, צוגעפאָרן מיט א גרויסן פּאַקעט טאָל צום טאַרטאַק. דעם שליטן האָבן זיי איבערגעלאָזן הינטערן טאַרטאַק. זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די קלעצער, בכדי צו קענען אָבסערווירן די באַוועגונגען פון דער דייטשישער וואַך און צופּאַסן א מאָמענט צו קענען זיך אריינבאַקומען אין מאַשינען-אָפּטייל און דאָרט אונטערלייגן די מינע.

די פינצטערניש איז געווען אַזוי גרויס, אז די וואַך איז דורכגע-גאַנגען האַרט נעבן זיי און גאָרניט באַמערקט. זיי האָבן געהערט, ווי איינער רופט זיך אָפּ צום צווייטן: „די קעלט איז גרויס, לאָמיר אריינגיין א ביסל זיך אָנוואַרעמען".

אויף דעם האָבן די פּאַרטיזאַנער געוואַרט. גלייך ווי די דייטשן זיינען אריין אין א דערבייאיק הויז, האָבן זיך די דריי יונגעלייט אריינגעכאַפּט אין וווינונג פון טאַרטאַק-פאַרוואַלטער און טעראָריזירנדיק אים ארויס-באַקומען די שליסלעך פון מאַשינען-אָפּטייל.

צאַלקע גינזבורג לויפט שנעל אריין אין מאַשינען-האַלע, לייגט אונטער דעם „פּאַקעט" אונטער די מאַשינען, צינדט אונטער דעם ביקפאָרד-

שנור מיט דער אויסרעכענונג, אז די עקספלאָזיע זאָל פּאַרקומען אין עטלעכע מינוט ארום. ניט זייענדיק זיכער, אז דער שנור איז גוט צוגעבונדן צו דער מינע, ריזיקירט ער ארייַנצוּלויפן נאָך א מאָל אין מאשינען־אָפּטייל און אן איבערצייגטער, אז אלץ איז אין אָרדענונג, לויפט ער פון דאָרט גיך ארויס. אין עטלעכע סעקונדן שפּעטער האָט זיך דערהערט א מורא׳דיקער קנאַל. פון טארטאק האָט א זעץ געטאָן א שטיק פייער און קנוילן רויך. פון אלע ארומיקע געביידעס האָבן אָנגעהויבן פליען די דעכער און די שויבן.

פון דערבייאיקן שטעטעלע איוויע (דער טארטאק איז געווען אן ערך איין ק״מ פון שטעטל), האָבן די דייטשן מיט פּראָזשעקטאָרן באלויכטן די גאנצע אומגעגנט און פון שפּיץ קלויסטער, ווו עס זיינען געווען אויפגעשטעלט קוילנוואַרפערס, אָנגעהויבן שיסן אין דער ריכטונג פון וואלד. די פּארטיזאנער האָבן פון פאָראויס אויסגערעכנט, אז די דייטשן וועלן זיי אָפּשניידן דעם וועג צוריק צום וואלד, דעריבער האָבן זיי זיך טאקע געלאָזט אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג, וואָס עס האָט זיי געראטעוועט. דער אָפּקלאנג פון אויפרייס איז געהערט געוואָרן אין דער גאנצער אומגעגנט און האָט געמאכט א גרויסן רושם אויף דער באפעלקערונג.

די קאָמאנדע האָט אָפּגעמערקט די דרייסטע און דערפאָלגרייכע אָפּעראציע איבער אזא וויכטיקן מיליטערישן אָביעקט און צוגעשטעלט די אנטיילנעמערס צו הויכע מלוכה־אָרדנס.

אויך דער יידישער אָטריאַד א. נ. „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.״ (פּאָלעסיע), האָט אדורכגעפירט א דערפאָלגרייכע אָפּעראציע, אויפרייסנדיק דעם טארטאק אין שטעטל פּאַהאָסט־זאגראָדסקי. דער טארטאק האָט געהערט פאר דער דייטשישער אָקופּאציע צו דער פאמיליע באָבראָוו. דער צוגאנג און אָפּגאנג איז געווען זייער א שלעכטער פאר אן אָנגריף. פון איין זייט האָט דעם טארטאק אָפּגעטיילט דער טייך באָבריק פון דער צווייטער זייט, די פּאַרהאָסטער אָזיערע און הויכע בערג. דער טארטאק איז געווען אָפּגעהיט טאָג און נאכט דורך פיר דייטשישע פּאָסטנס אויף אלע עקן פון בריק, וועלכע האָט געפירט צום טארטאק. דער טארטאק האָט געהאט א וויכטיקן מיליטערישן באדייט ביים צושטעלן פאר דער דייטשישער קריגס־אינדוסטריע האָלץ־מאטעריאל פאר שיף־בוי.

נאָוועמבער 1942 האָט דער ראָטע־קאָמאנדיר לייבל באָבראָוו, באקומען א באפעל אויפצורייסן די פאבריק. זייענדיק די פריערדיקע

אייגנטימערס פון טארטאק האָבן זיי געקענט אלע וועגן און צוגאנגען אויף דעם שטח.

צוקלייבנדיק צו זיך דרייסטע חברה: שמואל קאָזשושניק, קאָמיסאר העניעק סאָלאָווסקי א. אנד., זיינען זיי מיט א פאקעט פון 35 ק״ג אויפרייס־מאטעריאל אוועק אויספילן די אויפגאבע. מיט גרויס ריזיקע גיט זיך זיי איין דורכצוגיין דעם טייך, אָנקומען צום שטח פון טארטאק און אָן רעש אנטוואָפענען די פיר וועכטערס, וועלכע עס באוואכט סאָלאָווסקי.



פארטיזאנער פון יידישן אָטריאד „קאגאנאָוויטש ל. מ.״
(פאָלעסיע) פון לינקס צו רעכטס: **א. ראָיאק** (פאראנאָוויטש) און ברודער פון פארשטאָרבענעם אָטריאד־קאָמאנדיר דוד באָבראָוו ז״ל. — ראָטע־קאָמאנדיר **ל. באָבראָוו** (פאָהאָסט־זאגאָראָדסקי. איצט אין אמעריקע)

באָבראָוו און קאָזשושניק קריגן זיך שנעל אריין אין מאשינען־אָפטייל. זיי האָבן אונטערגעלייגט די מינעס אונטער די גאטערן מיט דער אויסרעכענונג, אז די עקספלאָזיע זאָל פאָרקומען אין 15 מינוט ארום, בכדי זיי זאָלן קענען באצייטנס אָפטרעטן און זיך אריבערכאפן אויף דער צווייטער זייט טייך. די עקספלאָזיע האָט זיך אָבער באקומען א ביסל פריער. דער דאך פון טארטאק איז געפלויגן אין דער לופטן, די מאשינען אָפטייל און די געביידע זיינען פולשטענדיק חרוב געוואָרן. עס האָט זיך גלייך אויפגעעפנט א געדיכטע שיסעריי פון שווערע קוילן־און מינע־ווארפערס פון דעם דייטשישן גארניזאָן און די גאנצע

אומגעגנט איז באלויכטן געוואָרן מיט שטאַרקע רעפלעקטאָרן. פּויזשענדיק אויף די בײמער גיט זיי זיך איין צו דערקריכן דורך א צווייטער ריכטונג צו דער בריק און פון דאָרט קומען זיי אָן בשלום אין אָטריאַד.

אין אָטריאַד האָט מען זיי אויפגענומען מיט באַגייסטערונג, ווייל דער אויפרייס-קנאַל איז געהערט געוואָרן אַזש דאָרט. פאַר דער דרייסטער אָפּעראַציע זיינען אַלע אָנטייל-נעמערס צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדען „רויטער שטערן" און באַקומען א דאַנק-אויסדרוק פון פּאַרטיזאַנישן שטאַב.



דער 66-יעריקער שמואל באַבראָוו, פאָטער פון פאַרשטאָרבענעם קאָמאַנדיר פון יידישן אָטריאַד, „קאַגאַנאָוויטש ל. מ." (פּאָלעסיע), באַבראָוו דוד ז"ל, האָט געהערט צו דער קאַמפּס-גרופּע. (איצט אין אמעריקע)

יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געריסן צו קאַמף און נקמה, אַרויסווייזנדיק דערביי פיל אָריגינעלע איינפאַלן, דערטראַכטנדיק זיך צו די פאַרשיידנסטע המצאות בכדי צו קענען שאָדן דעם שונא און שטילן א ביסל זייער זודיקן צאָרן.

אין דער ערשטער תקופה פון דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג, ווען עס האָט זיך געפילט א גוואַלדיקער מאַנגל אין טאָל און אויפרייס-מאַטעריאַלן, האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער געקעמפט פאַר דער מעגלעכקייט צו גיין אויף די אייזנבאַן-ליניעס, כדי אַראָפּצולאָזן דייטשישע עשאַלאָנען.

דעם אָטריאַד „קרוק" (וואָלין), וועלכער איז דאַן געווען אין זיין

איבערוויגנדיקער מאָס א יידישער, איז אָנגעקומען גאנץ שווער אויסצו־קעמפן אזעלכע מעגלעכקייטן.

אויך אין אָרליאנסקי־אָטריאַד, האָט מען זיך ניט געאיילט צו שיקן די יידישע פארטיזאנער פון דער דריטער ראָטע צו דיווערסיע־אקטן אויף די אייזנבאַן־ליניעס.

די יידישע פארטיזאנער פון נאטשער פושטשע, בריגאדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל" פלעגן דורכמאכן פיל הונדערטער ק"מ, דורכגייענדיק ראיאָנען באהערשטע פון דייטשן און ווייסע־פּאָליאקן, אויסשטעלנדיק זיך אויף די גרעסטע געפארן, בכדי צו ברענגעז א ביסל טאָל און קענען אָנגיין מיט דער דיווערסיע־ארבעט אין זייער ראיאָן. צו אן אָריגינעלן איינפאל האָט זיך דערטראכט דער יידישער אָטריאַד „קאגאנאָוויטש ל. מ." (פּאָלעסיע). ניט האָבנדיק אין דער ערשטער צייט קיין אויפרייס־מאטעריאלן, האָבן די סטאָלארעס געמאכט א קלין, וועלכער האָט מיט דערפאָלג פארביטן טאָל. אכט מאן אונטער דער אנפירונג פון יודל אָשעראָווסקי און קאָזשושניק, זיינען אין א פינצטערער נאכט אוועק מיט דעם „קלין" צו דער באַן־ליניע מאלקעוויטש־באסטון. דער לאָקאָמאָטיוו איז אָנגעלאָפן מיט גרויס אימפּעט אויפן אריבערגעלייגטן קלין איבער די ליניעס, און איז אראָפּ פון די רעלסן, מיטשלעפּענדיק נאָך זיך אכט וואגאָנעס מיט אמוניציע. דער עפעקט פון אראָפּגעלאָזטן באן מיט א הילצערנעם „קלין", האָט געמאכט א גרויסן רושם ביי אלע רוסישע פארטיזאנער־גרופעס אין יענער געגנט, וועלכע האָבן באוואונדערט די יידישע המצאה־קונסט.

די יידישע פארטיזאנער פון רוסישן אָטריאַד „איסקרא" האָבן גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין ברענגען די הארמאטן־סנאריאדן, וועלכע זיינען געווען מאגאזינירט ניט ווייט פון דער לידער אייזנבאַן־סטאציע. ביים צוגרייטן „פאקעטן" (אָדער אויפן פארטיזאנישן לשון — „מתנות") פארן א. ד. אָטריאַד האָט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט בערדאָווסקי (לידע).

אדאנק דעם העלדישן יידישן פארטיזאן, בורך לעווין, האָט דער דיווערסיע אָטריאַד „אָקטיאבר" באקומען פיל אויפרייס־מאטעריאלן פון זשעלודקער אומגעגנט. ער איז געווען דער ספעציאליסט פון צוגרייטן די „פאקעטן" און א באדייטנדיקן טייל פון זיי האָט ער אליין אונטערגע־לייגט אונטער די פיינטלעכע באנען.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט פלעגן א טייל רוסישע אָטריאַדן, (באזונדערס אין דער ערשטער צייט), צעגערן מיט אָננעמען יידן אין די

אָטריאַדן, אויב זיי זיינען געקומען אָן געווער. געוויינטלעך פלעגט מען זאָגן א ניי אָנגעקומענעם „הרגע א דייטש און נעם צו זיין ביקס!״

טיילמאָל פלעגט מען דאָס אָנעמען א נייעם פּאַרטיזאַן אין אָטריאַד אָפּהענגיק מאכן פון אויספילן א ריזיקאַלישע קאַמפס־אויפגאַבע.

אויך ביים פארזונדיקן זיך קעגן פּאַרטיזאַנישן קריגס־געזעץ, פלעגט מען אין א טייל פאַלן קענען אויסקויפן דעם חטא דורך אויספירן געפערלעכע קאַמפס־אויפגאַבעס.

עס קלינגען ווי לעגענדעס די דרייסטקייט און געוואַגטקייט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער פאַר די, וועלכע האָבן אליין ניט מיטגעמאכט די סאָוועטישע העראָישע פּאַרטיזאַנקע.

30־טן מאי 1942 האָט זיך איינגעגעבן מאַקס ביעגון צו אַנטלויפן אין וואַלד פון דער פּאַראַפּיאַנאָווער שחיטה (ווילנער געגנט).

דריי מעת־לעת בלאָנדזשעט ער אַרום איבער די וועלדער און בלאָטעס, ניט אָנטרעפנדיק קיין לעבעדיקן מענטשן.

פּלוצעם האָט ער באַמערקט ניט ווייט פון זיך עטלעכע שלאָפנדיקע מענטשן אין ציווילע קליידער. ער האָט זיך פּאָרזיכטיק צוגעגנבעט צו זיי. זיין פרייד איז געווען זייער גרויס. נעבן די שלאָפנדיקע איז געשטאַנען א קוישל מיט עסנוואַרג. ביעגון נעמט צו דאָס קוישל און ווי א חיה וואַרפט ער זיך אויפן עסן. א זאַטער שלאָפט ער איין.

אויף מאָרגן פרי איז ער אויפגעוועקט געוואָרן פון א געשריי און א באַפעל זיך אויפצוהויבן.

— „ווער זייט איר?״ — גיט זיך א כאַפּ אויף א דערשראָקענער ביעגון.

— „פּאַרטיזאַנער״ — פאַלט דער ענטפער.

דערוויסענדיק זיך, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, האָבן זיי אים געגעבן דריי גראַנאַטן און געהייסן אָנפאַלן אויף דער פּאַראַפּיאַנאָווער קאָמענדאַנטור און אָפּרוימען דעם דייטשישן הויפּטמאַן, בענץ. דאָס איז געווען דער באַדינג אויפגענומען צו ווערן אין פּאַרטיזאַנער אָטריאַד.

צוויי א זייגער ביינאַכט דערקריכט ביעגון שטילערהייט צום קאָמענדאַנטס שלאָף־צימער און וואַרפט אריין די גראַנאַטן . . .

פינף א זייגער אין דער פרי איז ער שוין צוריק אין וואַלד. ער האָט דעם געשטעלטן באַדינג אויסגעפילט בשלמות. די רעזולטאַטן זיינען געווען: הויפּטמאַן בענץ דערהרגעט און דריי דייטשן פאַרוווּנדעט.

מאַקס ביעגון איז אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאַד.

ברוך זשירמונסקי איז אנטלאָפן פון לידער געטאָ צוזאמען מיט זיין פאמיליע אין דאָקודאָווער ראיאָן פארן ארומרינגלען די געטאָ (29־טן דעצעמבער 1942). דער קאָמאנדיר פון „איסקרא"־אָטריאד, סאשקע, מאכט אָפהענגיק דאָס אויפנעמען אים און נאָך אייניקע אנטלאָפענע יידן אין אָטריאד פון אויספילן א וויכטיקע קאמפס־אויפגאבע.

די אויפגאבע איז באשטאנען אין אונטערצינדן דעם הויף פון געביטס ־ קאָמיסאריאט, וואָס געפינט זיך הארט נעבן לידע. די דריי יידן האָבן אָבער בשום אופן די אויפגאבע ניט געקענט אויספירן, ווייל די וואך אויף דער בריק נעבן דעם הויף האָט זיי באמערקט. זיי קערן זיך אום צוריק און מעלדן וועגן דעם.

דער קאָמאנדיר גיט זיי דאן א צווייטע אויפגאבע. אויפן לידער צעשטערטן ערעאָדראָם געפינען זיך מאגאזינירטע פלי־באָמבעס אָן אָנצינדערס, וועלכע ווערן אויסגענוצט דורך די פארטיזאנער אלס אויפרייס־שטאָף פאר דיווערסיע־אקטן. זיי האָבן באדארפט אָנלאָדן די באָמבעס אויף שליטנס און ברענגען אין וואלד. ער האָט זיי געגעבן צו הילף נאָך זיבן יידישע פארטיזאנער פון זיין אָטריאד. דאָס מאָל האָט זיך זיי געליקלעך איינגעגעבן אויספילן די אויפגאבע און זיי ווערן אויפגענומען אין אָטריאד.

אויך דעם יידישן בחור ר. רובינשטיין (לידע), ווערט געשטעלט א פאָרבאדינג ביים אויפנעמען אין אָטריאד „איסקרא", אז ער זאָל אויפרייסן די נאפט־ציסטערנעס אין לידע.

דער אויפרייס איז אים ניט געלונגען, אָבער די קאָמאנדע האָט פעסטגעשטעלט, אז די מינע איז דורך אים אונטערגעלייגט געוואָרן, נאָר זי האָט ניט עקספלאָדירט. ער איז אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאד.

דער 18־יעריקער אייזיק פירט פון שטעטל טשארטאָריסקי (וואָלין) וויל אָנקומען אין אָטריאד פון רוסישן קאָמאנדיר קאפיטאן קאָנטשא. (פיאָדאָראָוו־ראָווענעסקעס פארטיי. פארייניקונג, וועלכער האָט אָפערירט אין דער געגנט פון ראפאלאָווקע). דער קאָמאנדיר וויל אָבער אים ניט אָנעמען צוליב זיין קרענקלעך אויסזען און צוליב געווער־מאנגל אין אָטריאד.

אייזיק פיכט לייגט דאן פאָר דעם קאָמאנדיר, אז ער זאָל אים געבן א ריזיקאלישע קאמפס ־ אויפגאבע, וועלכע ער איז אָן שום באוואָרענישן גרייט אויסצופילן. קאפ. קאָנטשע באפוילט אים צו פאר־ברענען די תבואה־מאגאזינען פון די דייטשן אין שטעטל ראפאלאָווקע.

פירט נעמט צוויי פלעשער בענזין און עטלעכע גראנאטן און אין א פינצטערער נאכט שלייכט ער זיך דורך אומבאמערקט צו די תבואה־מאגאזינען, אייסמיידנדיק די וועכטערס. ער באגיסט מיט בענזין די תבואה, לייגט אוועק דערביי די גראנאטן, צינדט אונטער די בענזין און אליין גיט זיך אים אין בשלום ארויסצובאקומען זיך פון שטעטל. די מאגאזינען זיינען געווען הילצערנע און דאָס פייער האָט שנעל ארומגעכאפּט אלע תבואה־זאפּאסן. עס האָבן אויפגעריסן די אונטערגעלייגטע גראנאטן ארויסרופנדיק א גרויסע פּאניק ביי די דייטשן, וועלכע האָבן געעפנט א בלינדע שיסעריי איבערן שטעטל.

דער קאָמאנדיר קאָנטשא האָט עפנטלעך אויסגעדריקט פירטן דאנקבארקייט פאר זיין העלדישער טאט און אים גלייך אויפגענומען אין אָטריאד.

דער קאָמאנדיר פון אָטריאד טשאפּאיעוו (פינסקער בריגאדע קאָמאראָווס פארייניקונג) פּאטאלאכין, פלעגט אויפנעמען צו זיך יידן נאָר מיטן באדינג, אז יעדער איינער וועט אליין דעראָבערן געווער.

צוויי יידישע בחורים, מענדל קאפּעליוש (יאנאָוו, פּאָלעסיע) און הענעך טורקעוויטש (סיערניק), וועלכע האָבן זיך ארומגעוואלגערט אין די וועלדער האָבן געבעטן פּאטאלאכינען, אז ער זאָל זיי אויפנעמען אין אָטריאד. ער נעמט זיי אויף און שיקט זיי גלייך אוועק מיט א גרופּע פון 12 מאן אויף א קאמפּס־אויפגאבע אויפן טראקט פינסק—דובאָי דורך וועלכן עס האָבן געזאָלט דורכגיין דייטשן צום דאָרף דובאָי. די גרופּע האָט פארנומען א גוטע פּאָזיציע. נאָך עטלעכע שעה האָבן זיך באוויזן די דייטשישע אויסשפּירערס און נאָך זיי א ראָטע זעלנערס. די פּאר־טיזאנער האָבן זיי דורכגעלאָזן. ווען דער פור־טראנספּאָרט האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דער לויערונג, האָבן די פארטיזאנער זיך געוואָרפן אויף די פורמאנעס ארויסרופנדיק צווישן זיי א פּאניק. די צוויי יידישע בחורים אָן געווער, האָבן זיך געוואָרפן מיט די הוילע הענט אויף צוויי דייטשן, ארויסגעריסן ביי זיי די ביקסן און איינגעשלאָסן זיך אין קאמף צוזאמען מיט דער גאנצער גרופּע. אין דעם איבערפאל האָבן באצאָלט מיטן לעבן 20 דייטשן און מען האָט דעראָבערט טראָפייען, א האנט־קוילנוואַרפער און עטלעכע ביקסן.

ווען די גרופּע האָט זיך צוריקגעקערט אָן פארלוסטן אין אָטריאד, האָט פּאטאלאכין אויסגעדריקט דאנקבארקייט די צוויי יידישע יונגעלייט

פאר זייער אומדערשראָקנקייט און אָנגענומען זיי אין אָטריאַד אַלס גלייכבארעכטיקטע קעמפערס.

דעצעמבער 1942, האָבן זיך צוויי יידן, איננבער און פרוי זיידמאַן פארבאהאלטן אויף א בערגל אין די קוסטעס ניט ווייט פון זייער שטעטל, דעמידאָווקע (וואָלין). די איבעריקע געראטעוועטע האָבן זיך געמוזט פונאנדערגיין, ווייל עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו זיצן פאר א גרעסערער גרופע. קיין געווער האָבן זיי אָבער ניט געהאַט. אָן דעם האָבן זיי ניט געקענט נקמה נעמען און אויך ניט אָנקומען אין א פאר־טיזאנער־אָטריאַד.

אין א געוויסן פארנאַכט, זיצנדיק פארצווייפלטע, האָבן זיי באמערקט, ווי אויפן וועג, וועלכער פירט צום שטעטל, פאָרן צוויי דייטשן אויף ראָווערן. אין דעם אָרט, ווו זיי זיינען געזעסן פארשטעקט פארקערעוועט זיך דער שאָסיי, שאפנדיק א פאָרם פון א „ר“, אזוי, אז ווען מען פארקערעוועט זיך, זעט מען גאָרניט, וואָס עס קומט פאר הינטער זיך. איננבער טראַכט ניט קיין סך. ווען דער ערשטער דייטש פאָרט פארביי זיין באהעלטעניש, גיט ער פלוצעם א שפרונג ארויס און צעשפאַלט אים מיט א האַק אויף צווייען.

אָן אן אויסגעשריי פאַלט דער דייטש טויט. אין דעם מאָמענט איז אָנגעפאָרן דער צווייטער דייטש. ניט געבנדיק אים קיין צייט צו אָריענטירן זיך, ווארפט ער זיך אויך אויף אים און טויט אים.

„איצט וועלן מיר נקמה נעמען, איצט וועלן מיר אָנקומען אין פארטיזאנקע!“ שרייט אויס א גליקלעכע די פרוי זיידמאַן.

דאָס געווער האָט זיי געגעבן דאָס געפיל פון זיכערקייט און האָפענונג.

א גרופע פארטיזאנער אונטערן אָנפיר פון קאָמאנדיר פאָפאָוו האָט בעת זייער מאַרש פון די וואָלינער וועלדער אויף מזרח זיך אָנגעטראָפן אויף א בלאָנקענדיקן יידישן בחור באָרים פליישמאַן (יאנאָוו, פאָלעסיע), וועלכער האָט זיך ביי זיי געבעטן אריינעמען אין אָטריאַד.

דער קאָמאנדיר פאָפאָוו האָט אויף דעם מסכים געווען מיטן תנאי, אז ער וועט קיין געווער ניט באַקומען כל זמן ער וועט זיך ניט ארויסווייזן, אלס ווערטפולער פארטיזאַן. אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָנקומען פון באָרים פליישמאַן אין אָטריאַד, האָבן פויערים אָנגעוויזן 50 דייטשן פון האָראָדנער גארניזאָן דעם וואַלד, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די פארטיזאנער־גרופע.

די פּאַרטיזאַנער-וואַך ביים ראַנד פון וואַלד באַמערקנדיק די דייטשישע קאָלאָנע האָט גלייך אַלאַרמירט דעם אָטריאַד. צולאָזנדיק די דייטשן אויף אַ שטח פון 40 מעטער, האָט די פאַרמאַסקירטע פּאַרטיזאַנער-גרופּע פאַרשאָטן מיט אַ געדיכטן קוילן-האָגל די דייטשן, וועלכע האָבן זיך אויף דעם ניט געריכט, ווייל לויט זייערע אינפאָרמאַציעס האָבן זיך אין וואַלד געזאָלט געפינען בלויז איינצלנע אומבאַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער.

אין רעכטן ברען פון קאַמף האָט באַרים פליישמאַן באַמערקט, ווי עס איז געפאַלן פאַרוווּנדעט אַ דייטשישער אָפיציר. ניט קלערנדיק קיין סך איז ער אויף די אויגן פון גאַנצן אָטריאַד, צוגעלאָפן אונטערן געדיכטן פייער צום פאַרוווּנדעטן דייטש, צוגענומען ביי אים זיין אויטאָמאַט און פּיסטאָלעט, אומגעקערט זיך צו זיינע חברים און געפירט ווייטער די שלאַכט מיטן נאָר וואָס דעראָבערטן געווער.

נאָך אַ פאַרביטערטער קורצער שלאַכט זיינען די דייטשן אָפּגעטראָטן איבערלאָזנדיק אויפן פעלד 18 פאַרוווּנדעטע און געהרגעטע. צווישן זיי אַן אָפיציר.

כתריאל און משה סאַלוצקי (זעלווע) ווילן אָנקומען אין בולאַקס אָטריאַד. דער שטאַב-נאַטשאַלניק שטעלט זיי אַ פראַגע „צוליב וואָס זייט איר געקומען אין וואַלד, אויסבאַהאַלטן זיך אָדער קעמפן?״ . . . — „קעמפן! נקמה פאַר אונדזערע קינדער און עלטערן! מיר ווילן די פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג קיין מאָל ניט פאַראַטן און דאָס געווער פון האַנט וועלן מיר ניט אַרויסלאָזן!״ — איז געווען דער ענטפער. די קאָמאַנדע האָט זיי געשטעלט אַלס תנאי אויפגענומען צו ווערן אין אָטריאַד דאָס ברענגען סנאַריאַדן פאַרן אָטריאַד-האַרמאַט. די יידן האָבן געוווּסט, אַז אין דעם באַשעדיקטן טאַנק, וואָס איז געשטאַנען נעבן זייער הויז אין זעלווע, ליגן פיל צענדליקער סנאַריאַדן. דעם 10-טן נאָוועמבער 1942, געלינגט זיי צוזאַמען מיט נאָך איניקע יידישע פּאַרטיזאַנער אַריינצוגנבענען זיך אין זעלווע און אָנלאָדן אַ פור מיט סנאַריאַדן. צוליב דעם גערויש פון די רעדער אויף דער פאַרפראָרענער ערד, זיינען זיי דעמאַסקירט געוואָרן דורך דער דייטשישער וואַך. אָפּשיסנדיק זיך, טרעטן זיי אָפּ ניט אויספירנדיק די אויפגאַבע. זיי ווערן אין אָטריאַד אויפגענומען נאָך דעם, ווי די אויסשפירערס האָבן באַשטעטיקט די אויטענטישקייט פון פאַל.

דער א. ד. באַרים בולאַט, האָט באַפוילן אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער פון בולאַקס אָטריאַד מיט סיאָמע שעליובסקי בראש

(דערעטשין), אויפצורייסן די מעלקעריי אין שטעטל קאָזלאָווישטשיזנע.
אין קאָזלאָווישטשיזנע האָט סטאַציאָנירט א שטארקער דייטשישער גאַרניזאָן, און די רעאַליזירונג פון דער אויפגאַבע האָט אויסגעזען צו זיין אן אומעגלעכע. דעם ערשטן מאָל זיינען זיי גלייך באמערקט און שטארק באַשאָסן געוואָרן, און דעריבער זיך אומגעקערט מיט גאָרניט. בולאַט באַטאָנט, אז פאר א פארטיזאנער טאָר ניט עקזיסטירן דאָס וואָרט „אומעגלעך״ און שיקט די גרופּע א צווייטן מאָל מיטן זעלביקן באַפעל. ער וואָרנט זיי דערביי, אז אין פאַל פון ניט אויספירן די אויפגאַבע, טאָרן זיי זיך ניט אומקערן צוריק אין אָטריאַד.

די יידן געלינגט דאָס מאָל אונטערן דעק־מאַנטל פון דער נאַכט־פינצטערניש אריינצובאַקומען זיך אין קאָזלאָווישטשיזנע. זיי האָבן די מעלקעריי באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעלייגט א סנאַריאַד. די מעלקעריי איז אויפגעריסן געוואָרן און די פארטיזאנער האָבן זיך צוריקגעקערט אָן פארלוסטן אויף דער באַזע.

שעפּסל בערעזאָווסקי (יאַנאָוו, ביי פּינסק), א קוילנוואַרפלער פון „סטאַלין־אָטריאַד״ (פּינסקער בריגאַדע), האָט בעת א לויערונג מיט א גרופּע, וועלכע ער האָט אָנגעפירט, געהרגעט עלף דייטשן און גענומען איינעם א לעבעדיקן.

די זעלביקע פארטיזאנער־גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבן מאַן, איז אָנגעפאַלן פון א לויערונג נעבן פּינסק אויף א דייטשישן אָפּטייל פון פערציק דייטשן און קאָזאַקן. נאָך א קורצער שלאַכט פאַלן פון זייערע קוילן זיבן דייטשן און די איבעריקע צעלויפן זיך אין גרויס פּאַניק. די זיבן יידישע פארטיזאנער האָבן זיך גלייך אויפן אָרט איבער־געטאָן אין די דייטשישע מונדירן און באַוואָפנט זיך מיט זייער געווער, ביקסן און נאַגאַנען.

א באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל איז בעת די קאַמפן און לויערונגען אויסגעפאַלן אויף די באַזיצערס פון אויטאָמאַטישן געווער און קיילנוואַרפערס. די מוטיקע דרייסטע האַלטונג פון די פארטיזאנער באַוואָפנטע מיט דעם מין געווער, האָט אָפט דעצידירט וועגן אויסגאַנג פון קאַמף.

דער אָטריאַד א. נ. „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.״ (פּאָלעסיע) האָט יאַנואַר 1944 ארויסגעשיקט א גרופּע פון צוועלף מאַן אונטערן אָנפיר פון די וואָוואָד־קאָמאַנדירן: זאַווין, וועלוול לעווין און יודל אָשעראָווסקי צו ליקווידירן א קאָנטראָל־פּאָסטן פון אַכט דייטשן אויף דער באַן־ליניע מאַלקעוויטש־

לוניניעץ. זיי האָבן אויך מיטגענומען מיט זיך דעם קוילנוואַרפלער, קיווע קרוגלי, וועלכער איז געווען אַלגעמיין באַקאַנט מיט זיין אומדערשראָקנקייט און דרייסטקייט.

זיצענדיק אויף דער לויערונג, האָבן זיי ניט געוואָלט עפענען קיין פייער, צוליב דעם, וואָס אנשטאָט אכט האָבן זיך באַוויזן בלויז צוויי דייטשן. אין א האַלבער שעה ארום האָבן די צוועלף יידישע פּאַרטיזאַנער באַמערקט, אז זיי געפינען זיך אין אן ארומרינגלונג פון א גרעסערער צאָל דייטשן, וועלכע האָבן אנטקעגן יעדן פּאַרטיזאַן אָנגעשטעלט א קוילנוואַרפער. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך ניט פאַרלאָרן און אויפגענומען דעם קאַמף. איבערהויפּט האָבן די דייטשן געצילט פון אַלע זייטן אין דעם קוילנוואַרפלער קיווע קרוגלי, וועלכער האָט געשאָסן מיט פייער פון אַלע זייטן, בכדי צו מאַכן א וועג פאַר זיינע חברים, אויף אָפּצוטרעטן, שטעלט זיך קרוגלי מיט זיין קוילנוואַרפער אין דער גאַנצער הויך און פּרוווט אָפּראַמען א דייטשע פייער-נעסט. א סעריע קוילן האָט אים אומגעוואָרפן פון די פיס. ער האָט נאָך אַלץ עקשנותדיק געפירט זיין פייער איבערן שונא, ביז א צווייטע פיינדלעכע קויל האָט אים געמאַכט שווייגן, בלויז געציילטע האָבן זיך ליידער געראַטעוועט אין דעם דאָזיקן ניט גלייכן קאַמף.

דעם 28 סעפּטעמבער 1942 האָט א גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער אויפן באַפעל פון פּאָלק, מעדוויעדיעוו געמאַכט א לויערונג אויף זיבן דייטשן, וועלכע זיינען געפאָרן מיט דעם וואַלד-וועג פון וואָראָנאָווקע קיין אנטאָלין צו כאַפּן פּאַרטיזאַנער.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרנומען זייער א גינסטיקע פּאָזיציע ביים ראַנד פון וואַלד אויף א בערגל. די דייטשן האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אז אין דעם אָרט קען אימיצער אויף זיי לויערן.

עס האָט זיך פאַרבונדן א פאַרביטערטער קאַמף, וועלכער האָט געדויערט א שעה צייט. די דייטשן האָבן געליטן א צעשמעטערנדיקע מפּלה, איבערלאָזנדיק אכט טויטע. די פערד און וועגענער מיט געווער און אמוניציע, זיינען זיך אין פּאַניק צעלאָפן.

דעם 6-טן נאָוועמבער 1943, לכבוד דעם יאָר-טאָג פון דער „אָקטאָבער-רעוואָלוציע”, דאָס פאַרנעמען קיעוו דורך דער רויטער ארמיי, ווי אויך צוליב דער געלונגענער אויפגאַבע, בעת וועלכער עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דער פאַרטרעטער פון רייכס-מיניסטער פאַר אוקראַינע,

גענעראַל האַן (דער רייכס־מיניסטער איז געווען, קאָך) האָט מעדוועדיעוום ספּעץ־אָטריאַד (וואָלין) איינגעאָרדנט א פּייערלעכע אקאַדעמיע.

די דייטשן אויפגערעגט צוליב דער דערמאָרדונג פון אזא וויכטיקער פּערזענלעכקייט האָבן געוואָרפן גרויסע מיליטערישע כוחות אויף די פּאַרטיזאַנער.

די דייטשן האָבן ארומגערינגלט דאָס זיץ־אָרט פון אָטריאַד און געעפנט א געדיכטן פייער פון אַלע מינים געווער פאַרקלעמענדיק דעם אָטריאַד אזוי, אז די פּאַרטיזאַנער זיינען געווען געצוווּנגען אויפצונעמען אַן אָפענעם קאַמף, הגם די אמוניציע פון אָטריאַד איז געווען זייער א באַגרענעצטע.

אין אָטריאַד האָט זיך געפונען דער 18־יעריקער יידישער פּאַרטיזאַן פייוול שרייבער (בערעזנע, וואָלין). זעענדיק, אז די לאַגע ווערט פון מינוט צו מינוט קריטישער, רייסט ער זיך ארויס פאָראויס מיט זיין אויטאָמאַט און זייט טויט צווישן די דייטשע אָנפאַלערס. ער פאַלט אָבער אַן אונטערגעשאָסענער פון שונאס קוילן־האָגל.

דער ביישפּיל פון העלדישן יוגנטלעכן, שרייבער האָט באַצויבערט דאָס קליינע הייפעלע פּאַרטיזאַנער, וועלכע וואַרפן זיך אין שטורעם אויף די איבערוויגנדיקע דייטשן און צווינגען זיי אָפּצוטרעטן אין איילעניש. די דייטשן לאָזן אויפן שלאַכט־פעלד פיל טויטע און פאַרוווּנדעטע, ווי אויך דריי קליינע האַרמאַטן, פערצן קוילנוואַרפערס, פיל ביקסן און אויטאָמאַטן און 45 פורן מיט פאַרשיידנאַרטיקער אמוניציע.

אויפן קבר פון העלד איז דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר מעדוויעדיעוו ארויסגעטראָטן מיט א טרויער־רעדע, רופנדיק די פּאַרטיזאַנער צו נעמען א ביישפּיל פון אכצן־יעריקן יידישן פּאַרטיזאַן, וועלכער איז געפאַלן אין קאַמף פאַר פרייהייט און געראַטעוועט דעם אָטריאַד.

אפּריל 1943 דערוויסט זיך דער בריגאַדע־שטאַב פון „פּאָביעדא", אז עס דאַרף דורכפאָרן פון דערעטשין קיין רודי א טראַנספּאָרט דייטשן מיט פּראָדוקטן. מען האָט באַשלאָסן מאַכן אויף זיי א לוויערונג ביים דאָרף שליזען־פּאָדגרעבעלסקי. עם ווערן אויסגעקליבן דרייסיק יידן פון אבראַמאָווס ראָטע, באַוואָפנט מיט פינף קוילנוואַרפערס, אכט אויטאָמאַטן און זיבעצן ביקסן. די לוויערונג איז געוואָרן אויסגעלייגט אין דריי ערטער: ביים עק דאָרף אויפן צווייטן זייט שאָסיי, אויף א בערגל ביים ברעג וואַלד און א האַלבן ק"מ פאָרויס. דריי ק"מ פון דער לוויערונג האָט מען אויפגעשטעלט צוויי רייטערס־אויסשפּירערס, וועלכע האָבן באַדאַרפט דורך

א שאָס סיגנאַליזירן דאָס אָנקומען פון די דייטשן און אליין אנטלויפן אין אן אנדער ריכטונג.

אכט א זייגער אין דער פרי זיינען טאקע אָנגעקומען צוויי און פערציק דייטשן און פּאָליציסטן אויף זיבעצן פורן. ווי נאָר די אויסשפּירערס האָבן זיי באמערקט האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם אָפּגערעדטן צייכן. די דייטשן זיינען אראָפּגעלאָפן פון די פורן און אָנגעהויבן שיסן. ניט באקומענדיק קיין ענטפער אויף זייער שיסעריי האָבן זיי שוין ווייטער ניט געוואָלט פאָרן, פאָרויספילנדיק א לויערונג פון פּארטיזאנער.

די ווייס־רוסישע פּאָליציי, וועלכע איז מיט זיי מיטגעפאָרן האָט אויסגעלאכט די דייטשישע פּחדנות און גע׳עצהט ווייטער צו פאָרן. די דייטשן האָבן זיך געלאָזט איינריידן.

די פּארטיזאנער האָבן זיי געלאָזט צופאָרן רואיק ביזן דאָרף און דאן געעפנט אויף זיי א שטארקן פייער. די דייטשן זיינען דעזאָריענטירט געוואָרן און געלאָזט זיך אין אומאָרדנונג לויפן, אָבער זיי זיינען געווען ארומגערינגלט פון אלע זייטן. און ווו זיי האָבן זיך ניט געקערט, האָבן זיי אָנגעיאָגט פּארטיזאנישע קוילן. איין און דרייסיק דייטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן און ניין פּאָליציסטן זיינען געכאפּט געוואָרן לעבעדיקע. עס זיינען דאן גענומען געוואָרן פיל טראָפייען: זעקס קוילנוואַרפערס, 32 ביקסן, 4 אויטאָמאטן, פיל קוילן און גראנאטן.

דערהערנדיק אין דערעטשין, אז אויפן שאָסיי קומט פאָר א גרויסע שיסעריי, האָבן די דייטשן ארויסגעשיקט א פארשטארקונג פון 120 מאן מיט א פּאנצער־אויטאָ צו הילף. די טאנקעטקע האָט אָבער ניט געקענט אדורכפאָרן איבער דעם, דורך די פּארטיזאנער צענומענער בריקל און זי בלייבט א פארזונקענע אין טייכל. צו די קעמפנדיקע יידן איז אויך צוגעקומען א פארשטארקונג פון 100 מאן פון בולאקס אָטריאד. עס האָט זיך אויפסניי פארבונדן א גרויסע שלאכט, וועלכע האָט געדויערט פינף שעה. דער קאמף האָט זיך געענדיקט מיטן זיג פון די פּארטיזאנער, וועלכע האָבן דערהרגעט 10 דייטשן און צוויי פארוואונדעט. די דייטשן אנטלויפן אין גרוים פּאניק איבערלאָזנדיק די טאנקעטקע מיט די הרוגים. די פּארטיזאנער קלייבן צענויף די 41 דייטשישע פּגרים, לאָדן זיי אָן אויף א פור און באפוילן די פּויערים אוועקצופירן קיין דערעטשין מיט א צושריפט „מיר שיקן אייך פּראָדוקטן, אנטשולדיקט זייער פאר דער שלעכטער פּאקונג, דאָס צווייטע מאָל וועלן מיר פאַריכטן״ . . .

צווישן די פיל יידישע קרבנות, וועלכע זיינען געפאלן אין די קאמפן מיט די פאשיסטישע הארדעס און געגעבן א באווייז פון העלדישקייט און נקמה, געפינען זיך אויך יידישע קינדער אין עלטער פון 15—17 יאָר.

חיים שאפראנסקי, געב. אין 1927 אין זשעלודאק, איז אנטלאָפן פון שטשוטשינער געטאָ (סעפטעמבער 1943) און קומט אָן אין אָטריאד „באָרבא". חיים האָט ניט קיין געווער און ווערט אויסגענוצט אלס פאסטוך. מען לייגט ניט קיין שום אכט אויפן יונגן יידישן יינגעל. ער גייט ארום א באָרוועסער און אָפגעריסענער. אין אָנהויב 1944, ווען עס איז געשאפן געוואָרן דער קראסנאָגוואַרדייסקער אָטריאד, האָט מען אים מיט א גרופע יידן אהין אריבערגעשיקט. דאָרט האָט מען אים באוואָפנט און אריינגעצויגן אין קאמפס־אָפעראציעס. חיים האָט גלייך ארויסגעוויזן מוט און העלדישקייט. ער צייכנט זיך ספעציעל אויס אין דער לויערונג צווישן די דערפער פעסטשאנקא און קירילאָוויטש, אויף דער קירילאָוויטשער פאָליציי מיט דייטשן, וועלכע האָבן קאָנוואָיאירט די פויערים ביים ארויסנעמען קארטאָפל פון די גריבער אין יענער געגנט. בעת די פויערים האָבן אין באגלייטונג פון דייטשן און פאָליציי זיך צוריקגעקערט (אפריל 1944), האָבן די לויערנדיקע פארטיזאנער דורכגעלאָזט זיי דורכן דאָרף פעסטשאנקי און דאן געעפנט אויף זיי א הורגאן־פייער. ווען עס פאלט דער באפעל „פאָרויס!", שפרינגט ארויס דער ערשטער פון דער באהאלטעניש, שאפראנסקי. דער ערשטער יאָגט ער אָן אנטלויפנדיקן דייטש, הרגעט אים און נעמט צו זיין געווער. דער נצחון איז געווען א פולער. עס איז גענומען געוואָרן פיל געווער און אמוניציע און א חוץ די פיל געהרגעטע דייטשן זיינען אריינגעפאלן צו די פארטיזאנער אין די הענט אויך פינף לעבעדיקע דייטשן.

חיים איז צוגעשטעלט געוואָרן צו אן אָרדען. דער קאָמאנדיר פלעגט דערנאָך ביי יעדער געלעגנהייט זאָגן, „אז מיט חיים'ען קען מען גיין זיכער אין קאמף".

שלמה'לע שיפמאנאָוויטש, געב. אין 1928 אין זשעלודאק. א שיין, קליין, דיק, בלאָנד יידיש יינגעלע, איז אנטלאָפן פון דער זשעלודקער שחיטה, דעם 9־טן מאי 1942 און אָנגעקומען אין שכנישן זשעטל און פון דאָרט אנטלויפט ער אין וואלד. אין ליפיטשאנער פושטשע טרעט ער אריין אין קאָליע וואכאָנינס גרופע. ער צייכנט זיך גלייך אויס מיט זיין מוט און דרייסטקייט אין קאמף ביי רודי־יאוואָרסקע. נאָך דער גרויסער אָבלאווע פון 1942, איז ער אריבער אין דער יידישער דריטער ראָטע,

ווּ ער איז געווען ביז׳ן אריבערפירן אים אין ניי־געשאפענעם לענינסקן אָטריאַד. דער קליינער דארער שלמה׳לע האָט זיך אין לענין־אָטריאַד ארויסגערוקט אלס איינער פון די קאמפס־פעיקסטע יידישע פארטיזאנער און האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער קאָמאנדע. ער פלעגט כסדר גיין מיט קליינע גרופעס אין די געגנטן, וועלכע זיינען דורך די דייטשן פאראייניקט געוואָרן צום „דריטן־רייך״ (זעלווע, פּיעסק א. א. וו.) און דאָרט אדורכפירן דיווערסיע־אקטן און אראָפּלאָזן באנען. ער האָט זיך אין א. ד. אָטריאַד אויך אויסגעצייכנט אלס אויסשפּירער. (געפאלן אין פעברואר 1944).

שלמה׳לע איציקאָוויטש, געב. 1928 אין בּאראנאָוויטש, איז אנטלאָפן פון דוואָרעצער ארבעטס־לאגער צוערשט אין ביעליצער פאמיליע־לאגער און נאָכן באקומען א ביקס אריינגעטראָטן (מאי 1943) אין אָטריאַד „באָרבא״. ער איז געפאלן אָנהויב יאנואר 1944 אין א דאָרף אויף דער רעכטער זייט ניעמאן צוזאמען מיט זיין יונגן חבר אהרון היידוקאווסקי (זשעטל), וועלכע זיינען פרייוויליק אוועק מיט אויפרייס־מאטעריאל אראָפּ־צולאָזן א דייטשישן עשאלאָן נעבן דער סטאנציע ראָזשאנקע (אייזנבאן־ליניע, לידע־גראָדנע). די אומשטענדן ביי וועלכע דיביידע יידישע העלדן־קינדער זיינען אומגעקומען איז ניט אויפגעקלערט געוואָרן ביז היינטיקן טאָג. לויט דער אָפיציעלער מעלדונג פון שטאב, זיינען זיי דערמאָרדעט געוואָרן דורך ווייסע־פּאָליאקן אין א דאָרף, ווו זיי זיינען אריין נעמען א פערד און וואָגן.

דער יונגער פארטיזאן שלמה׳לע איז געווען דער באליבטסטער ביי אלע פארטיזאנער יידן, ווי רוסן. אין קאמף איז ער אלעמאָל געווען דער ערשטער ביים אָנגריף און דער לעצטער ביים אָפּטרעטן. א באזונדער שוואכקייט האָט ער געהאט צו „גיין אויף דער באַן״. ער האָט אויף זיין קאָנטאָ געהאט אין א קורצער צייט אכט אראָפּגעלאָזענע באנען און דאָס אין א צייט, ווען די דייטשן האָבן שוין זאָרגפול אָפּגעהיט דעם צוטריט צו די באן־ליניעס. ער פלעגט קיינמאָל ניט ווארטן, אז מען זאָל אים באשטימען אויף א קאמפס־אויפגאבע, נאָר ער פלעגט אליין אלע מאָל געבן די איניציאטיוו צו דעם. דער אָטריאַד־קאָמאנדיר, פאנטשענקאָ, פלעגט דעם קליינעם, גראָבינקן איציקאָוויטש ארויסשטעלן יעדעס מאָל אלס מוסטער פון א דיסציפּלינירטן, מוטיקן פארטיזאן.

נאָך זיין טויט האָבן אים די יידישע פארטיזאנער געבראכט אין אָטריאַד. ער איז באערדיקט געוואָרן אויפן פארטיזאנער בית־עולם, אויפן

קרייצוועג, דאנילאָוויטש—רודא-ליפּיטשאַנסקאַ, ניט ווייט פון נאַקרישקער וואַלד. ביים אַראָפּלאָזן אים אין קבר לייענט מען אַ באַפעל וועגן צושטעלן אים צום אָרדן „רויטער שטערן".

הערשל קאַרפּאָווסקי, געב. 1927 (סלאָנים), האָט נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן געאַרבעט אין בויטן-לאַגער ביי געווער, מיט וועלכן ער פלעגט באַזאָרגן די אַלע, וואָס גייען אין וואַלד. אויגוסט 1942 אַנטלויפט ער אין וואַלד מיט אַן אויטאָמאַט און קומט אָן אין דר. אַטלאַסעס ראָטע, וווּ ער ווערט צוגעטיילט צו אַ ווירטשאַפטס-גרופּע. ער ווייזט דערביי אַרויס רירעוודיקייט און ווערט גיך ביי אַלעמען באַליבט. מאַי 1942, ווערט ער אַרויסגעשיקט מיט נאָך אַכט מאַן נעבן זעלווע אויפצורייסן אַ באַן. הערשל לייגט אַליין אונטער די מינע. עס זיינען צעשמעטערט געוואָרן 40 וואַגאָנעס מיט געווער און אַמוניציע. ער האָט דערפאַר באַקומען אַ מעדאַל „פאַר דרייסטקייט" („זאַ אָטוואַגו"). נאָך דעם געלונגענעם אויפרייס ווערט שוין קאַרפּאָווסקי אַריבערגעפירט אין מיניאָרן-ווזוואָד און זיין אויטאָמאַט ווערט אים פאַרביטן אויף אַ קוילנוואַרפער.

יוני 1944 ווען די „וולאַסאָווצעס" בלאָקירן די פּאַרטיזאַנער פון אַלע זייטן, מאַכן זיי פּאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען זיך דורכצורייסן דעם ווילנער טראַקט. איין בונקער, אין וועלכן עס זיינען געזעסן „וולאַסאָווצעס", האָט מיט אַ שרעקלעכן פייער געשטערט די פּאַרטיזאַנער דאָס אַריבערכאַפּן זיך אויפן צווייטן זייט טראַקט. הערשל דערקריכט צום בונקער און וואַרפט אַריין אין אים צוויי גראַנאַטן. דער בונקער האָט זיך אָנגעצונדן. די דייטשן האָבן זיך אַוועקגעטאָן אַרויסצולויפן און הערשל פאַרניכטעט זיי מיטן פייער פון זיין קוילנוואַרפער. ער איז פאַר דעם באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „רויטער שטערן". נאָך דער באַפרייאונג איז ער אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי, וווּ ער ווייזט אַרויס נאָך פיל העלדישקייט. ער פאַלט אין די קאַמפן, ניט דערלעבנדיק דעם טאָג פון דייטשלאַנדס קאַפּיטולאַציע.

אַברהם-מאָטל קריגער, געב. 1927 (מישעניץ, אָסטראָלענקער קרייז). איז דעם 22-טן יוני 1942 געקומען אין וואַלד מיט זיין בעסטן חבר, מאיר שטיינבערג פון דערעטשינער געטאָ. זיי קומען ביידע אָן אין שפּיטאָל און אַרבייטן דאָרט ביים צושטעלן פּראָדוקטן פאַר די פּאַרווינדעטע און קראַנקע. דעם 30-טן יולי 1942 נעמען זיי ביידע אָנטייל אין אָנפאַל אויף דערעטשין. 25-טן אויגוסט 1942 פאָרן ביידע חברים צונויפזאַמלען פּראָדוקטן ביי די פּויערים. זיי ווערן אָפּגעוואַרט פון אַ דייטשער לויערונג. זיי שטעלן אַ העלדישן ווידערשטאַנד, הרגענען דריי פּאָליציסטן און פאַלן.

די דערעטשינער קריסטן האָבן זיי באהאלטן אויפן דאָרטיקן קריסטלעכן בית-עולם.

אליהו בעקנשטיין, געב. 1927 (דערעטשין) א שילער, שפּרינגט אראָפּ דעם 22-טן אפּריל 1942 פון אויטאָ, וואָס האָט אים געדארפט פירן צום טויט. עס געלינגט אים זיך צו ראטעווען פון די נאָכגעשאָסענע קוילן און ער קומט אין וואלד. ניט קוקנדיק אויף זיין יונגן עלטער באקומט ער גלייך פון דער קאָמאנדשאפט א קוילנוואַרפער און ווערט גלייך אריינגעצויגן אין די פּארטיזאנער-קאמפן. ער ווייזט ארויס גרויס אָריענטאציע, קאלט-בלוטיקייט און שיסט אונטער א דייטשישע טאנקעטקע, וועלכע איז שוין געווען זייער נאָנט צו דער פּארטיזאנער-לויערונג ביי שליזיען-פּאָדגרעבעלסקי. דערפאר באקומט ער אלס באלוינונג פון דער קאָמאנדשאפט א טראָפיי-מתנה — א זייגער.

דעם 25-טן אָקטאָבער 1943 נעמט בעקנשטיין אן אקטיוון אנטייל ביים אראָפּלאָזן א דייטשישן עשאלאָן ביי דער סטאנציע יעזיאָרניצע (נעבן סלאָנים). עס זיינען דאן אומגעקומען איניקע הונדערט דייטשן און דריי דייטשן זיינען גענומען געוואָרן לעבעדיקערהייט. ער האָט באקומען פאר דער אָפּעראציע א מעדאל „פאר דרייסטקייט". פעברואר 1944 איז ער מיט נאָך אכט פּארטיזאנער אוועק אויף א לויערונג אין אָסטראָוו (7 ק"מ פון דערעטשין), ווו עס האָבן געזאָלט דורכפאָרן 150 דייטשן. עס האָט זיך אנטוויקלט אן אָנדערהאלבן שעה'דיקער ניט גלייכער קאמף, ווו אליהו דעקט דאָס אָפּטרעטן פון זיינע חברים און קומט אליין אום. דעם קערפּער האָבן די פּארטיזאנער דערנאָך געבראכט אין וואלד און מיט גרויס פייערלעכקייט אים באגראָבן אויפן פּארטיזאנער בית-עולם.

יידישע בחורים און מיידלעך פון פוילן, וועלכע האָבן זיך עוואקואירט בעתן אָנהויב פון דער דייטש-סאָוועטישער מלחמה אין די וויט-אָפּגעלעגענע געביטן פון ראטן-פארבאנד, ווי אויך יידן פון די רוסישע מזרח-געביטן, מעלדן זיך אין 1942, פרייוויליק אויף דעם רוף פון דער סאָוועטישער רעגירונג און קאָמוניסטישער פּארטיי צו גיין אין די אָקופּירטע געביטן אויף יענער זייט פראָנט צו אָרגאניזירן אָטריאַדן און פירן א דיווערסיע און שפּיאָנאַזש-ארבעט אין טיפן הינטערלאנד פון שונא.

זיי האָבן דאָרט אין קאזאכסטאן, אוזבעקיסטאן, וויטן מזרח א. א. וו. געהאט אלע שאנסן רואיק איבערצולעבן די מלחמה, אָבער די ידיעות

פון דער סאָוועטישער פּרעסע וועגן דעם מאסן־אויסראָט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן, ווו זיי האָבן אנטלויפנדיק איבערגעלאָזט זייערע משפחות, האָט זיי ניט געלאָזן רוען און זיי האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן אין די ספּעציעלע פּארטיזאנער־שולן פאר דיווערסיע.

אין די גרעסטע געפארן זיינען זיי אריבער די פראָנט־ליניע. מיט קאמפן און קרבנות אדורכגעריסן פארבונקערטע, גוט באוואכטע אייזנבאן־ליניעס און בריקן. אין כסדרדיקע קאמפן מיט דייטשישע גארניזאָנען האָבן זיי אזוי אדורכגעמאכט שטרעקעס פון קרוב טויזנט ק״מ און דערגאנגען אין זייערע פאָראויס־באשטימטע טעטיקייטס־ראיאָנען. דאָרטן האָבן זיי אנטוויקלט אן אינטענסיווע שפּיאָנאזש־און דיווערסיע־טעטיקייט און דערוואָרבן זיך צווישן זייערע ניט יידישע חברים דעם בעסטן נאָמען.

די דיווערסיע־גרופּעס זיינען זיך פונאנדערגעוואָקסן אין גרויסע אָטריאדן, אויפנעמענדיק פּארטיזאנער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און אנטלאָפענע קריגס־געפאנגענע. אויך יידישע בחורים פון די ארומיקע געטאָס האָבן זיך גערן אָנגעשלאָסן צו די דעסאנט־דיווערסיע גרופּעס, ווו עס האָט געהערשט א בעסערע איינשטעלונג צו יידן. א באדייטנדיקע טייל פון זיי זיינען געפאלן אין די קאמפן און ביי דיווערסיע־ארבעט מיט א העלדן־טויט. בלויז געצײלטע פון זיי האָבן דערלעבט די באפרייאונג.

צו אזא גרופּע פאראשוטיסטן, וועלכע איז געווען טעטיק אין מירער ראיאָן איז אָנגעקומען דער מירער יידישער בחור נחום סאווין. סאווין רוקט זיך גלייך ארויס אין פאָדערגרונט פון שפּעטער געשאפענעם אָטריאד „קאלינין״ (בריגאדע „קאָמסאָמאָליעץ״). באזונדערס צייכנט ער זיך אויס אין דעם אָנגריף, וועלכע עס האָבן געפירט די צוויי פּארטיזאנער בריגאדעס („קאָמסאָמאָליעץ״ און „זשוקאָווסקי״) און ערשטער וויים־רוסישער קאָזאקן־אָטריאד אויפן שטעטל מיר (אפּריל 1944). סאווין רײַסט זיך אריין דער ערשטער אין שטעטל און זייט טויט און פּאניק.

אמייסנטן האָט ער זיך אויסגעצייכנט ביי מינירן און אראָפּלאָזן באנען. ניט ווייניקער ווי עלף באנען זיינען דורך אים אראָפּגעלאָזט געוואָרן, אונטער וועמענס משא עס האָבן געפונען זייער טויט פיל צענדליקער דייטשן און קריגס־טעכניק. פאר זיינע דרייסטע און געוואגטע אויפטוען איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צו די אָרדענס: „פּאָטערלענדישער קריג״, „רום״ („סלאווא״) און „נצחון״.

דער האָמעלער יידישער בחור יאשע סמאָלאָוויצקי, מאכט דורך די דיוועדסיע־שול אין מאָסקווע, גייט איבער די פראָנט־ליניע און מאכט אדורך 700 ק"מ וועג ביז זיין טעטיקייטס־ראיאָן, איוויע (בײַ לידע). פון דער קליינער גרופּע האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט דער אָטריאַד „ראָשטש", בריגאַדע „וופּיעראָד". סמאָלאָוויצקי איז העלדיש געפאַלן אין לעצטן קאַמף מיט די דייטשן בײַם שטעטל איוויע (האַרט פאַר דער באַפרײַאונג, (6־טן יולי 1944). ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט א סך מעדאַלן און אָרדנס.

דעם 1־טן אויגוסט 1942, האָט דער קאָברינער ייד, קאַגאַן, זיך געמאָלדן פרייוויליק אין דער פאַרטיזאַנישער דיווערסיע־שול אין מאָסקווע, בכדי דערנאָך אָנצוקומען אין קאָברינער ראיאָן. ער האָט נאָך געהאַט א האָפענונג צו ראַטעווען זיין פאַמיליע. כמעט די גאַנצע גרופּע מיט קאַגאַנען איז באַפאַלן געוואָרן נעבן סלאָנים (יאַנואַר 1943) דורך דער דייטשער פאָליציי און אומגעבראַכט געוואָרן.

שמואל מינעוויטש פון סמאָלענסק, איז געקומען אין לידער ראיאָן מיט א גרופּע פון 36 מאַן, בכדי צו פאַרצווייגן די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין דער אומגעגנט. אויסער די פיל באַנען, וואָס זיינען פאַרמינירט געוואָרן אונטער זיין אָנפירונג, האָט ער געלערנט און דערצויגן מינירער־גרופּעס. א באַזונדער אויפטו זיינער איז געווען דאָס מינירן און אויפרייסן אן אייזנבאַן־בריק אויף דער ליניע לידע־באַראַנאָוויטש, צוליב וואָס די קאָמוניקאַציע איז אויף איינִיקע טעג איבערגעריסן געוואָרן.

דוד גוטערמאַן ווערט אַראָפּגעוואָרפן אַלס פאַראַשוטיסט אין די ערשטע חדשים פון 1943 אין די קאַזאַנער וועלדער. ער איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן אונטערן נאָמען „דאָדקע". אליין א ניי־סווענציאַנער (בײַ ווילנע), ווערט ער מגולגל פון דער פּוילישער אַרמיי, אין וועלכע ער דינט אַלס אונטעראָפיציר קיין רוסלאַנד. ער ווערט נאָמינירט אַלס קאָמאַנדיר פון א ספּעציעלער דיווערסיע־גרופּע אין איינעם פון די אָטריאַדן פון דער בריגאַדע „ספּאַרטאַק". ער האָט זיך ביז זיין טראַגישן אומקום בעת דער בלאָקאַדע פון די קאַזאַנער וועלדער אויסגעצייכנט מיט זיינע שפּיצלעך און איינפאַלן, א דאַנק וועלכע פיל דייטשן זיינען אומגעקומען.

א טויזנט ק"מ־דיקע וועג, נאָכן אדורכמאַכן די דיווערסיע־שול אין מאָסקווע, איז דורכגעגאַנגען דער פּינסקער יידישער בחור, דוד פּלאָטניק

א דאנק זיין איניציאטיוו און אויפטוען ביי דיוועריסיע, איז ער נאָמינירט געוואָרן אלס קאָמאנדיר פון דער דיווערסיע־ראָטע אין אטריאד „קאלינין" (טעטיקייטס־ראיאָן—מיר), און אונטער זיין אָנפירונג זיינען מינירט געוואָרן פיל דייטשישע עשאלאָנען אויף די פארשיידנסטע אייזנבאן־ליניעס אין באראנאָוויטשער קרייז. ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט א ריי הויכע סאָוועטישע מלוכה־אָרדענס.

אויך לייזער ראָגאָווין (וואָלאָזשין), האָט זיך אויסגעצייכנט ביים מינירן און האָט פארשריבן אויף זיין קאָנטאָ פיל עשאלאָנען, צוליב וואָס ער האָט זיך דערדינט צו א קאָמאנדיר פון א דיווערסיע־גרופע, פריער אין אָטריאד נר. 120, שפעטער אין סטאריצקים אָטריאד.

בעת דעם בארימטן מארש פון קאָווּפּאקס אָטריאד צו די קארפאטן־בערג (יוני 1943) בכדי אויסצופילן די ספּעציעלע אויפגאבע פון דער סאָוועט־רעגירונג אויפצורייסן די נאפט־באזעס אין מזרח־גאליציען, בעת דער ארומרינגלונג פון אָטריאד דורך ריזיקע דייטשע כוחות זיינען געפאלן פיל אויסגעצייכנטע יידישע קעמפערס (משה מילראָד, מאָטל און משה קליינער, זלמן שינדל, אליהו בראָדערמאן א. אנד.).

קאָווּפּאקס אָטריאד האָט אונטערגענומען פיל געוואגטע קאמפן מיטן שונא און אפילו געהאלטן אין זיינע הענט ראיאָן־צענטערס.

אין יוני 1942, בעתן אָנפאל אויפן שטעטל פּוטיוולי, אנטלויפן די דייטשן אין פאניק, מעלדנדיק דער באפעלקערונג, אז זיי מוזן אָפּטרעטן, ווייל עס האָט זיך דורכגעריסן א רעגולערע רוסישע ארמיי... די גענומענע טראָפייען ווערן טיילווייז ארויסגעפירט אין וואלד און די רעשט פארטיילט צווישן דער אָרטיקער באפעלקערונג. אינגיכן האָבן זיך די דייטשן צוריקגעקערט אין שטעטל מיט א גרויסער צאָל טאנקען און פאנצער־מאשינען. די דייטשן האָבן ניט געקענט דערלאָזן א לאגע, אז פארטיזאנער זאָלן זיי באדראָען נאָנט צו דער פראָנט ליניע. זיי האָבן פארהאלטן א טאנק־דיוויזיע, וועלכע איז געגאנגען צום פראָנט און געוואָרפן זי קעגן די פארטיזאנער.

די אָטריאדן פון דער פארטיזאנער־פאראייניקונג זיינען געווען אין צוויי וועלדער, מאָנאסטיר און קאזיאָני. די לאגע פון די פארטיזאנער אין מאָנאסטירער וואלד איז צוליב דער דייטשער בלאָקאדע געוואָרן קריטיש. דער רינג ארום זיי איז געוואָרן וואָס ווייטער אלץ איינגער. די קאָמאנדשאפט באשליסט ארויסצורייסן זיך פון רינג פאר יעדן פרייז, אטאקירנדיק דעם פליגל, פון וועלכן עס גרייפן אָן די מאדיארן. נאָך א שווערן קאמף

געלינגט די פּאַרטיזאַנער ארויסצושטויסן זיי פון וואַלד, אָבער דורכברעכן דעם רינג איז ניט געלונגען. עס ווערט ארויסגעשיקט אַן אָרטיקער קריסט אלס אויספירער צו דער צווייטער גרופּע אין קאַזיאָנער וואַלד (א מרחק פון 6 ק״מ.), וואָס ברענגט די דערמוטיקנדיקע ידיעה, אַז 4 אזייגער נ. מ. וועלן זיי קומען צו הילף דורך עפענען א פייער אין רוקן פון שונא. צו דער באשטימטער צייט קומט אָן די הילף. די דייטשן און מאדיארן ווערן גענומען אין קלעם. די פּאַרטיזאַנער גרייפן אָן פון ביידע זייטן מיט א הורא געשריי „פארן פאָטערלאַנד, פאַר סטאַלינען!״ און די דייטשן טרעטן אָפּ אין גרויס פּאַניק.

בראש פון דער גרופּע, וועלכע האָט געבראַכט די הילף, איז געשטאַנען א יידיש מיידל, סאָניע (פּרטים ניט באַקאַנט), וועלכע איז אין דעם קאַמף געפאַלן. די סאָוועטישע פּרעסע האָט וועגן איר געוואַגטקייט און דרייסטקייט פיל געשריבן.

דער העלדיש־אומגעקומענער משה מילראָד (קאָרעץ) האָט בעתן פאָרסירן דורך קאָוופּאַקס אָטריאַד דעם טייך פּריפּעטש באַמערקט א דייטשישע פּאַנצער־שיף, וועלכע האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך פינף באַרזשעס מיט רוסישע קריגס־געפאַנגענע. מילראָד, אלס קוילנוואַרפער האָט דער ערשטער געעפנט א פייער. נאָך א לענגערן קאַמף האָבן די קאָנוואָאירנדיקע פופצן דייטשן קאַפּיטולירט און זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט. די באַפרייטע רוסישע געפאַנגענע האָבן זיך איינגעשלאָסן אין אָטריאַד.

הגם, ווי שוין דערמאָנט, פאַר די יידישע אָטריאַדן איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון באַזאָרגן און באַשיצן די פאַמיליעס, ווי אויך דאָס, וואָס דער גרעסטער טייל ריין־יידישע אטריאַדן זיינען געווען ערגער באַוואָפנט ווי די רוסישע און די פראגע פון אפּראָוויזאַציע פאַר די גרויסע צאָלן פרויען, קינדער און זקנים האָט אָפּגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט און מעגלעכקייטן אויפצונעמען קאַמפן אין גרויסן מאַסשטאַב, האָבן דאָך אַלע יידישע נאַציאָנאַלע אָטריאַדן אייפגעטאָן פיל אויך אויפן געביט פון קאַמף און דיווערסיע מיט די דייטשישע מערדער־אָקופּאַנטן.

דער שטאַב פון גענ. מאַיאָר קאַפּוסטין האָט געפאָדערט פון גילטשיקס יידישן אָטריאַד (קאַפּוליער ראַיאָן), דרייסיק מאַן אויף דורכ־צופירן אַן אויפגאַבע. „מיר ווילן זען וואָס איר קענט״ — האָבן זיי

געזאָגט. די אויפגאבע איז באשטאנען אין צעקלאפּן דעם פּאָליציי־אישן גארניזאָן אין שטעטל טינקעוויטש (קאפּוליער ראיאָן).

דער קאָמענדאנט פון דעם גארניזאָן איז געווען א סאָלדאט פון געג. קאפּוסטינס ארמיי, וועמען דער לעצטער האָט ספּעציעל געשיקט אויסצופירן שפּיאָנאזש־ארבעט. ער פלעגט טאקע שטענדיק איבערגעבן זייער וויכטיקע ידיעות, און דאָס מאָל זיך אויך צונויפגערעדט וועגן אויסהרגענען אלע פּאָליציאנטן פון גארניזאָן. די דרייסיק יידן און פערציק רוסן האָבן זיך דערנענטערט צום גארניזאָן און מיטן אָפּגערעדטן פּאראָל איז מען אריין אין גארניזאָן אָן איין שאָס. די צוויי און צוואנציק פּאָליציסטן זיינען געשלאָפן אין צוויי צימערן. דער אייגענער מענטש האָט שוין אָפּגעוואַרט די אָנקומענדיקע. צו יעדן פּאָליציסט זיינען צוגעגאנגען צוויי פּארטיזאנער און זיי צעפּערטלט. איינעם האָט מען געלאָזן א לעבעדיקן מיט א ניט דערשניטענער האלדז, בכדי ער זאָל קענען דערציילן די דייטשן, ווי פּארטיזאנער קענען זיך נוקם זיין פון פּארעטערס און שפּיאָנען, וועלכע דינען דעם שונא. די פּארטיזאנער זיינען נאָך א לענגערע צייט געבליבן אין שטוב, אָפּוואַרטענדיק אויף דייטשן, וועלכע וועלן קומען צונעמען די פגרים, אָבער ניט דערוואַרטענדיק זיך, האָבן זיי פּארמינירט דאָס הויז און אוועק צוריק אין וואלד. די פּויערים האָבן געמאָלדן וועגן דעם פאל אין מינסק. קיין טינקעוויטש זיינען אראָפּגעקומען עטלעכע טויזנט זעלנערס מיט טאנקן און אויסגעשאָסן פיל איינוווינערס אונטער דער באשולדיקונג פון מיטארבעט מיט די פּארטיזאנער. דאָס פּארמינירטע הויז האָט גורם געווען צו נאָך דייטשע קרבנות.

בעת דער גרויסער דייטשער אָבלאווע אויף די פּארטיזאנער־אָטריאדן אין סטאריצער וואלד (קאפּוליער ראיאָן, 7־טן נאָוועמבער 1942), האָט גילטשיקס יידישער אָטריאד ארויסגעוויזן פיל געוואגטקייט און מוט. די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט ארום סטאריצער וואלד א ריזיקן כוח און מיט שווערע ארטילעריע און עראָפּלאנען באָמבירט דעם וואלד.

דער העלדישער רוסישער אָטריאד „באָיעוואָי“, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאר דונאיעוו, האָבן אָפּגעהאלטן דעם דייטשן מארש אין וואלד. נאָך דעם ווי פון נאָענטן ווילעשינער וואלד זיינען אָנגעקומען צו הילף אלע פּארטיזאנער־אָטריאדן פון יענער געגנט, האָט זיך אנטוויקלט א פארביסענע שלאכט, בעת וועלכער ביידע צדדים האָבן געליטן וויטיקדיקע פארלוסטן. צוליבן אויסגיין פון אמוניציע־זאפּאס ביי די פּארטיזאנער, ווי אויך צוליב דער דערדריקענד־איבערוויגנדיקער צאָל

דייטשן און טעכניק, האָבן די פּאַרטיזאַנער אויפן צווייטן טאָג געמאַכט א פאַרצווייפעלטן פּרווו דורכצורייסן אין איין אָרט דעם טויטן־רינג, וואָס עס איז זיי געלונגען מיט פיל קרבנות.

גילטשיקס יידישער אָטריאַד „זשוקאָוו", וועלכער איז געווען אויסגעלייגט אין א לויערונג אויף א זייטיקן אָפּשניט ביים ראַנד פון וואַלד, האָט פאַרלאָרן די פאַרבינדונגען מיטן בריגאַדע־שטאַב און ניט געוווסט, אז אלע פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון סטאַריצער וואַלד. ערשט ווען אויף די דייטשישע אַטאַקעס איז ניט געקומען קיין ענטפער פון וואַלד האָט גילטשיק פאַרשטאַנען, אז זיין אָטריאַד איז געבליבן שטעקן אין א פאַראייניזאַמטער אַרומרינגלונג. גילטשיק האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן און בײַנאַכט אַרויסגעפירט אין פולסטער אָרדענונג זיין אָטריאַד דורך בלאָטעס פון דער גרויסער סכנה.

א גרופּע פון זיבן קלעצקער יידן: שלמה שמוקלער, יעקב געלער, יעקב פּרעס, לייבל טוניק, מאָטל געלפאַנד, גרשון קאַנטאָראָוויטש און מאָטל פּעדריוק איז דורך גילטשיקן געשיקט געוואָרן מיט דער אויפגאַבע צו פאַרברענען די געוואַנט־פאַבריק אין קלעצק. דורכגנבנענדיק זיך דורך די הויפן צום פאַבריק האָבן זיי באַמערקט צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען געגאַנגען בײַטן די פאַבריקס־וואַך. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין א ווינקל, און ווען די פּאָליציאַנטן זיינען דורכגעגאַנגען, האָבן די יידישע בחורים זיי פּלוצים אָנגעכאַפּט פאַר די העלדזער, דערשטאָכן און צוגענומען דאָס געווער. זיי האָבן זיך אַריינבאַקומען אין פאַבריק, אונטערגעצונדן און צוריקגעצויגן זיך צו די פון פאָראויס צוגעגרייטע שליטנס. די דייטשן פון שטעטלשן גאַרניזאָן האָבן זיי נאָכגעיאָגט. א דאַנק דעם, וואָס די פאַרטיזאַנער זיינען אַנטלאָפן אין א פאַרקערטער ריכטונג, זיינען זיי אָפּגעקומען אָן פאַרלוסטן.

א גרויסן רושם צווישן די רוסישע פאַרטיזאַנער און דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָט געמאַכט די געלונגענע לויערונג פון אָטריאַד „זשוקאָוו" אויף דער קליינבאַן כאָמינקע־האַנצעוויטש. די אויסשפירערס האָבן דערטראָגן, אז מיט דער קליינבאַן, וועלכע קורסירט צווישן כאָמינקע און האַנצעוויטש, ווערן טראַנספּאָרטירט שפּאַלן צום פראָנט, און אז דייטשן קאָנוואָאירן די געהילץ־טראַנספּאָרטן. עס זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן פערציק גוט באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפירונג פון שטאַב־

נאטשאלניק ווײנער, וועמען גילטשיק האָט בפירוש באפוילן; „ברענגען דאָס געווער פון די טויטע דײטשן, אָן דעם ניט צוריקערן זיך אין אָטריאַד !"

די פּארטיזאנער האָבן פארנומען א גינסטיקע פּאָזיציע אויף די בערג פון בײדע זײטן באן־ליניע. נאָכן פארמינירן די ליניעס, האָבן זיך די פּארטיזאנער באהאלטן הינטער די בערג און אָפּגעוואַרט דעם אָנקום פון צוג. זיבן פרי איז אָנגעפאָרן דער דערוואַרטעטער צוג מיט זיבעציק דײטשן. ווי נאָר דער צוג איז ארויף אויף דער מינע, האָבן די פּארטיזאנער געעפנט א מורא׳דיק פײער און באוואָרפן די דײטשן מיט האנט־גראַנאטן. די דײטשן האָבן געפּרווט שטעלן א ווידערשטאנד. די פּארטיזאנער זײנען אָבער געווען אין א גלענצענדיקער סטראטעגישער לאגע און פארניכטעט דעם גאנצן קאָנוואָי. צו די יידישע פּארטיזאנער איז ארײנגעפאלן פיל געווער א. אנד. ווערטפולע טראָפײען.

ניט באוויזנדיק אָפּצוטרעטן, האָבן זײ דערהערט א הווּשערײ פון א צווײטן אָנקומענדיקן צוג.

די פּארטיזאנער האָבן זיך שנעל אָריענטירט, אז זײ זײנען אין געפאר פון ווערן ארומגערינגלט. ניט האָבנדיק קײן מעגלעכקײט שנעל אָפּצוטרעטן, זײנען זײ ארויפגעקראָכן אויף די בוימער און אזוי ארום פארמאסקירט זיך. די אָנגעקומענע דײטשן האָבן אדורכגעזוכט דעם גאנצן וואלד און ניט באמערקט די פּארטיזאנער, וועלכע זײנען געזעסן אויף די בוימער־שפּיצן. ערשט ווען זײ זײנען ארויס פון וואלד, זײנען די פּארטיזאנער אראָפּ פון די בוימער, פארנומען א פּאָזיציע בײם ראנד פון וואלד און געעפנט אויף די דײטשן אן אומגעריכט פײער. אין פּאניק זײנען זיך די דײטשן צעלאָפן און די פּארטיזאנער האָבן זיך צוריקגעקערט ווי זיגערס אין אָטריאַד.

א גרויסן רושם האָט געמאכט זײנערצײט דאָס געלונגענע אויפרײסן דורך יידישע פּארטיזאנער די וואסער־לײטונג־פּאָמפּע (וואָדאָקאטשקע) אויף דער לעבהאפטער סטאנציע קאמיען־קאָשירסק, אונטערן נאָז פון שטארקן דײטשן גארניזאָן.

די וואסער־לײטונג סטאנציע איז דורך די דײטשן זײער שטארק אָפּגעהיט געוואָרן, אלס אײנע פון די וויכטיקסטע מיליטערישע אָביעקטן.

די קאָמאנדשאפט פון קרוקס אָטריאַד האָט אײניקע מאָל געשיקט פּארטיזאנער־אָפּטײלונגען אין קאמיען־קאָשירסק אויף צו פארניכטן דעם וואסער־טורעם. די פּארטיזאנער פלעגן זיך אָבער יעדעס מאָל אומקערן

מיט גאָרניט, מאָטיווירנדיק, אַז דער צוטריט צו דער סטאַנציע איז אַן אומעגלעכער.

סוף סעפּטעמבער 1943 האָט דער דריטער יידישער וואָד פון קרוקס־אָטריאַד באַקומען אַ באַפעל פאַר יעדן פּרייז אויפרייסן דעם וואַסער־טורעם.

צוקומענדיק האַרט נעבן דער סטאַנציע, קלייבט אָפּ דער וואָד־קאָמאַנדיר מאַלינקע, פון צווישן דער גרופּע, עטלעכע דרייסטערע חברה, און עס גיט זיך זיי איין דורכצוקריכן דורך אַ פּלויט צו דעם וואַסער־טורעם. מען האָט לכתחילה אָנגעהויבן אונטערצוגראָבן אַ וואַנט אויף אונטערצולייגן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עפעקט פון אויפרייס וואָלט ניט געווען קיין פולער, ווייל די מאַשינעס וואָלטן ניט באַשעדיקט געוואָרן.

אויף גיך באַשליסט מען אַריינצובאַקומען זיך אינעווייניק. די טירן אָבער זיינען געווען פאַרשלאָסן. זיי קלאַפּן שטיל אָן צום וועכטער און הייסן אים אויפעפענען די טיר פאָרשטעלנדיק זיך אַלס פּאָליציסטן. ווי נאָר דער וועכטער האָט געעפנט די טיר, רייסן זיי זיך אַריין אין שטוב און באַקומען די שליסלען פון דער מאַשינען־אָפּטייל. שנעל לייגן זיי אונטער די טאָל־מינע און טרעטן פאָרזיכטיק אָפּ, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם וועכטער מיט זיין פרוי.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אַ הויליקער דונער באַשטעטיקט, אַז דער אויפרייס האָט זיך איינגעגעבן. די גאַנצע געביידע איז אויפגעריסן געוואָרן. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אָן פאַרלוסטן צוריקגעקערט זיך צו זייער באַזע.

אַלע אָנטייל־נעמער פון דער געלונגענער שטיקל אַרבעט זיינען צוגעשטעלט געוואָרן צו מלוכה־אויסצייכנונגען.

די 51־טע יידישע גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", דער יידישער וואָד פון קרוקס אָטריאַד, די יידישע 3־טע ראָטע אין אָרליאַנסקן אָטריאַד, דער אָטריאַד „אָרדזשאָניקידזע", ווי אַלע אַנדערע יידישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן און איינהייטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ רירעוודיקע איניציאַטיוו און טעטיקייט אויף אַלע געביטן און שטחים פון קאַמף און מיט זייער בלוט־חלק בייגעטראָגן צום זיג איבערן גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט, איבערן פאַרהאַסטן בלוט־פיינט און פאַרניכטער פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע.

---

## ג. יידישע פּאַרטיזאַנער גיבן זיך לעבעדיקע ניט איבער דעם שונא

ביי אַלע פּאַרטיזאַנער האָט געלעבט אַן אינסטינקטיווע שרעק פאַר אַריינפאַלן צום שונא אַ לעבעדיקער.

ביי דער פּאַרטיזאַנישער קאַמפס־טאַקטיק פון שעדיקן און ניט אויפנעמען קיין שלאַכט מיט אַ שטאַרקערן שונא'ס כוח, בכדי ניט צו ווערן צוריבן אין אַן אָפענעם קאַמף, איז אַ פּאַרטיזאַן, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק ערנסט פאַרוווּנדעט צו ווערן, געווען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר אַריינצופאַלן אַ לעבעדיקער צו די דייטשן, ווייל די פּאַרטיזאַנער פלעגן ס'רוב אַנטלויפן אין איילעניש, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט מיטצושלעפן מיט זיך די פאַרוווּנדעטע. ניט אַלעמאָל איז אויך געווען פאַר אַ פאַרוווּנדעטן אַ מעגלעכקייט זיך אַליין צו דערשיסן, זייענדיק אָפּגעגאַנגען אין בלוט, אָדער צוליבן פעלן פון קורצע וואָפן. (מיט אַ ביקס איז די מאַניפּולאַציע אין אַזאַ פאַל געווען כמעט ווי אומעגלעך).

די פּאַרטיזאַנער האָבן געוווּסט, וואָס זיי האָבן צו דערוואַרטן פון דייטש: שרעקלעכע פּייניקונגען, שניידן איבעריס'ווייז, אויספאָרשונגען און דערנאָך אין עפנטלעכע תליה.

אויב אַ ניט־יידישער פּאַרטיזאַן האָט נאָך געקענט האָפן אויף „גנאָד" — אויף מחילה, אויף איבערגיין צום שונא (צום לויב פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אַזעלכע פאַרעטערס זיינען געווען זייער וויניק), האָט אַ יידישער פּאַרטיזאַן גאָרניט געהאַט צו דערוואַרטן פון די מערדערס פון זיין פאָלק אַ חוץ אַ מאוים'דיקן שרעקלעכן און שענדלעכן טויט.

פאַרן יידישן פּאַרטיזאַן איז ניטאָ קיין וועג צוריק. ווערט ער פאַרוווּנדעט אויפן שלאַכט־פעלד, דערשיסט ער זיך מיטן אייגענעם געווער אָדער רייסט זיך אויף מיטן האַנט־גראַנאַט, בכדי ניט אַריינצופאַלן אין די דייטשישע הענט אַ לעבעדיקער.

ס'רוב שיסט מען זיך אָפּ ביז דער לעצטער קויל און ווען מען זעט, אַז עס איז ניטאָ קיין וועג פון רעטונג, לאָזט מען זיך אַריין די לעצטע קויל.

דער יידישער פּאַרטיזאַן דוד שמוליעוויטש (קלעצק), אַ רייטער־אויסשפּירער פון אָטריאַד „שטשאָרס", איז דעם 30־טן אַפּריל 1944, אַרויסגעפאָרן מיט אַ ווייסרוס אויף אויסשפּיר אין אומגעגנט פון ניעסוויזש.

זיבן ק"מ פון שטעטל זיינען זיי פּלוצעם ארומגערינגלט געוואָרן פון דייטשן. דער ווייסרוס האָט זיך איבערגעגעבן א לעבעדיקער.

דער צוואַנציק יעריקער שמוליעוויטש, ווייסנדיק, וואָס עס דערוואַרט אים אלס ייד און פּארטיזאַן, רייסט זיך אויף מיט זיין גראַנאַט. נאָך זיין העלדישן טויט איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער אָרדען „רויטע פאָן".

עזריאל טוניק (סטייפּץ) איז אָקטאָבער 1942 אנטלאָפן פון סטייפּ־צער געטאָ אין זשוקאָוו־אָטריאַד (קאַפּוליער ראַיאָן).

דעם 5־טן דעצעמבער 1942 איז ער מיט נאָך צוויי יידישע פּארטיזאַנער פון דעם זעלביקן אָטריאַד (טענענבוים, לאָפּאַטניצקי), געשטאַנען אויף דער וואך אין אָרליקער וואלד (מזרח־ווייסרוסלאַנד). דער „סעקרעט" (פאַרמאַסקירטע וואך) האָט זיך געפונען זיבן ק"מ פון אָטריאַד, ביים ראַנד פון וואלד נעבן וועג סעמעזשאָוו — אָרליק, בכדי נאָכצופאָלגן די באוועגונגען פון די דייטשן, וועמענס גאַרניזאָן עס האָט זיך געפונען אין סיעמעזשאָוו (12 ק"מ פון וואלד). פויערים האָבן געבראַכט צו פירן דייטשן צו דער וואך. טענענבוים איז געשטאַנען אויפן פּאָסטן און עזריאל טוניק און לאָפּאַטניצקי זיינען געזעסן אין א שטיבל ביים וואלד. טענענבוימען האָבן זיי גענומען א לעבעדיקן נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעשאָסן און באוויזן צו פאַרוואונדן דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט און אליין פאַרוואונדעט צו ווערן. מען האָט אים אָפּגעפירט אין שטעטל סיעמיעזשאָוו, פינף טעג שרעקלעך געפּייניקט און דאַן עפנטלעך אויפגעהאַנגען אויפן מאַרק.

איבער הונדערט דייטשן און פּאָליציסטן האָבן ארומגערינגלט דאָס שטיבל. טוניק און לאָפּאַטניצקי האָבן אָפּשיסנדיק זיך באוויזן אריבערצו־לויפן אין שייער. פון דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשאָסן ביז דער לעצטער קויל. ניט וועלנדיק אריינפאַלן צו די דייטשן לעבעדיקע, האָבן זיי זיך (צוזאַמען מיט א קריסט) געשטעלט אין א ווינקל און געוואָרפן גראַנאַטן אָן וואַנט איבער זייערע קעפּ און אלע דריי העלדן האָבן זיך אויפגעריסן. מען האָט זיי געפונען אויפן צווייטן טאָג מיט אראָפּגעריסענע קעפּ און ארויסגעשפּריצטן מארך, נאַקעטע און באָרוועסע (די דייטשן האָבן זיי אויסגעטאָן). מען האָט זיי מקבר געווען מיט גרויס פּאַראַד אין אָרליקער וואלד אין א ברודער־קבר.

מישע מיעדלינסקי (א פּליט פון פּוילן, געלעבט אין מייטשעט), א העלדישער יידישער פּארטיזאַנישער ראָטע־קאָמאַנדיר אין גראָזינים רוסישן אָטריאַד, איז אומגעקומען אין 1943־טן יאָר ביים אריבערגיין די

אייזנבאַן־ליניע, לידע — באַראַנאָוויטש בײַ דער סטאַנציע וויגאָדראַ. אין מיטן העלן טאָג זײַנען זיי פּלוצעם ארויפגעפאלן אויף אַ דײַטשער לויערונג. ער האָט זיך אָפּגעשאָסן ביז דער לעצטער קויל מיט וועלכער ער האָט זיך אַליין דערשאָסן.

ווילעק קורץ, פון לעמבערג, איז אין דער מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן אין באַראַנאָוויטשער אומגעגנט. איינער פון די דרייסטסטע און קרבנות־גרייטסטע פאַרטיזאַנער. עס איז ניט געווען קיין איין קאַמפּס־אָפּעראַציע, אין וועלכער ער זאָל ניט נעמען קיין אנטייל. זײַן פאַרטיזאַנער־גרופּע האָט זיך זייער געלאָזט פילן דעם דײַטש. די גאַנצע אומגעגנט איז געווען טעראָריזירט דורך איר, האָבן די דײַטשן באַשלאָסן פון איר פּטור צו ווערן.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן זײַנען די פאַרטיזאַנער אַליאַרמירט געוואָרן פון אַ גרויסער דײַטשער אָבלאַווע. די לאַגע פאַר די פאַרטיזאַנער איז געוואָרן זייער קריטיש, ווײַל די דײַטשן האָבן אָפּגעשניטן דעם ארויסגאַנג פון וואַלד און גענומען זיי אין קלעם. קורץ, נעמט זיך אונטער פרייוויליק אויסצוזוכן אַ וועג אויף אָפּצוטרעטן. ער נעמט מיט זיך בלויז איין גראַנאַט, בכדי צו זײַן באַוועגלעכער. ער קומט שוין אָבער ניט צוריק. ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, לויט די דערציילונגען פון די ארומיקע פויערים, האָבן די דײַטשן באַמערקט קורצן אויפן ראַנד פון וואַלד און געוואָלט אים כאַפּן אַ לעבעדיקן. ער לאָזט זיי צו צו זיך גאַנץ נאָנט און וואַרפט זײַן גראַנאַט. צוויי דײַטשן און ער ווערן אויפגעריסן.

יידישע פאַרטיזאַנער זײַנען אַלע מאָל גרייט צו דערשיסן זייערע פאַרווונדעטע חברים, אויב עס איז נימאָ קיין וועג צוצונעמען זיי פון שלאַכט־פעלד, בכדי זיי זאָלן ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די דײַטשע פײַניקערס און שענדערס, ווי אויך צו פאַרהיטן פאַר אַ מעגלעכן גייסטיקן צוזאַמענבּרוך בײַ דעם ענויים־אויספאָרש און ארויסגעבן סודות פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

איבעריקנס פלעגט יעדער ערנסט פאַרווונדעטער יידישער פאַרטיזאַן אַליין בעטן זײַן חבר אים צו דערשיסן אויב ער האָט אַליין ניט געקענט אָדער עס האָט אים פאַרפעלט כוח אַליין דאָס צו טאָן.

יידישע פאַרווונדעטע פאַרטיזאַנער פלעגן אפילו אין אָנבליק פון טויט געדענקען און טראַכטן וועגן איבערגעבן זייער געווער אין געטרייע יידישע הענט, וועלכע זאָלן פאָרזעצן דעם וועג פון נקמה פון די דײַטשן.

פּייוול גלעזער (סיערניק, וואָלין), פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", ווערט שווער פאַרוווּנדעט אין קאַמף (28. 4. 1943), מיט די א. ג. „שטראָף-אָטריאַדן" פון דייטשן און ליטווינער קעגן די פּאַרטיזאַנער ביים דאָרף פּעריקאַליע (נעבן פּינסק).

צוליב דעם שנעלן אָפּטרעטן פון די פּאַרטיזאַנער קען מען ניט מיטנעמען מיט זיך די שווער פאַרוווּנדעטע חברים. גלעזער שיסט אויס די לעצטע קויל און בעט דעם קאָמאַנדיר, אַז ער זאָל אים דערשיסן, מיטנעמען זיין ביקס און אָפּגעבן זיין ברודער, וועלכן ער האָט איבער-געלאָזט אין אָטריאַד אָן געווער, „זאָל ער אויך אַזוי קעמפן, ווי איך און נעמען נקמה". דער אָטריאַד - קאָמאַנדיר האָט ניט דערלויבט אים צו שיסן. דאַן האָט ער געכאַפּט זיין ביקס, וועלכע איז געלעגן נעבן אים, צוגעשטעלט צום האַרצן און אויסשיסנדיק האָט ער זיך נאָך מער פאַרוווּנדעט. זעענדיק, אַז קיין זאַך קען אים שוין ניט ראַטעווען, דערלויבט דער קאָמאַנדיר אים צו דערשיסן.



**זוסיע ביעלסקי** (נאָוואָגרודעק)
קאָמאַנדיר פון רייטער אויסשפּיר-דינסט און פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר פון יידישן אָטריאַד „אָרדזשאָניקידזשע".

אויך בערל גאַסמאַן (פּינסק), וועלכער ווערט אין זעלביקן קאַמף שווער פאַרוווּנדעט, גיט אָפּ זיין ביקס אַן אָפּטרעטנדיקן חבר און ווערט לויט זיין ביטע דערשאָסן.

דער העלדישער לייבקע באַרג (אַליטע, ליטע), אַ פּאַרטיזאַן פון בריגאַדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל" איז נאָכן ווערן ערנסט פאַרוווּנדעט בעת אַ לויערונג אויפן שאָסיי גראָדנע-אַמדור געבליבן נאָך דעם, ווי אַלע זיינען זיך צעלאָפן, צוליב די אָנקומענדיקע פאַרשטאַרקונגען פאַר די דייטשן. זעענדיק פאַר זיך די געפאַר פון אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין די הענט פון די תלינים, האָט ער אונטערגעלייגט אַ גראַנאַט „עף 1" אונטערן קאָפּ און זיך אַליין אויפגעריסן. ער איז געפאַלן אין שטעטל קאָפּטשאָווקע ביי גראָדנע

(14־טן יוני 1944) און אויפן דאָרטיקן קריסטלעכן בית־עולם באערדיקט געוואָרן דורך זיין אייגענעם פאָטער און צוויי שטאב־מיטארבעטערס.

דער נאטשאלניק פון אויסשפיר־דינסט ביים אָטריאד „גוליאיעוו" (בריגאדע אלעקסאנדער ניעווסקי, טעטיקייטס־ראיאָן גלוסק), יעפים באווקין (סעוואסטאָפּאָל), איז דעם 7־טן אפּריל 1943 ארויסגעפאָרן מיט נאָך צוויי חברים אויף אן אויסשפיר אין ראיאָן פון דאָרף קלעטנאיא־בארבאנאָווע, ווו לויט די צוגעטראָגענע ידיעות האָט באדארפט דורכפאָרן א גרעסערער אָפּטייל פון פּאָליציי און דייטשן. ביים דאָרף מאלינאָווע (גלוסקער ראיאָן) זיינען זיי פּלוצעם ארומגערינגלט געוואָרן דורך א גרעסערער גרופּע פּאָליציי. זיינע חברים איז געלונגען צו אנטלויפן. באווקין האָט זיך מיט זיין אויטאָמאט אָפּגעשאָסן ביז דער לעצטער קויל און צום סוף זיך אליין דערשאָסן. די פּאָליציי האָט מיט טריאומף אוועקגעטראָגן זיין פּעלערינע און אויטאָמאט אין דאָרף בארבא־ראָווע, דערציילנדיק מיט גרויס גדלות, אז זיי האָבן ליקווידירט דעם שרעקלעכן יידישן „באנדיט" און קאָמיסאר, באווקין.

יוסף גאָלוב (בערעזנע, ראָוונער קרייז) פארטרעטער פון אויסשפיר־קאָמאנדיר פון אָטריאד מיעדוועדיעוו (וואָלין) פארענדיקט זיין לעבן מיטן אייגענעם פּיסטאָלעט. ער איז מיט א גרופּע געגאנגען אויסשפּיאָנירן דעם וויכטיקן סטראטעגישן וועג ראָוונע־קיעוו. ווי איינער, וואָס האָט זיך געראטעוועט פון דער גרופּע, האָט דערציילט, זיינען זיי ארויפגעפאלן אויף א לויערונג פון אוקראאיניש־פאשיסטישע באנדעס. אין קאמף איז ער פארוווּנדעט געוואָרן אין פוס. די איבעריקע, אלע ניט יידן, האָבן אויפגעהויבן די הענט און זיך איבערגעגעבן דעם שונא. גאָלוב האָט אָבער געוווּסט, אז ער האָט ניט צו דערווארטן קיין חסד און פארענדיקט מיטן פּיסטאָלעט זיין לעבן.

דער העלדישער און פּאָפּולערער יידישער פארטיזאן פון בולאקס בריגאדע, חיים־שיע ליפּשאָוויטש (דערעטשין), איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן בעת דער גרויסער בלאָקאדע פון דער ליפּיטשאנער פּושטשע שוין הארט פאר דער באפרייאונג, בעת די פארטיזאנער פון בולאקס אָטריאד האָבן געמאכט פארצווייפלטע פּרוּוון דורכצוברייסן דעם דייטשן רינג און אריבערכאפּן זיך איבער ווילנער טראקט.

אָפּגעבנדיק זיך א חשבון פון דער לאגע, אין וועלכער ער געפינט זיך, קענענדיק יעדער מינוט ארייינפאלן א לעבעדיקער אין דייטשישע הענט, מאכט ער די לעצטע אָנשטרענגונגען און דערשיסט זיך.

מיכאל פיש (ניעסוויזש), איינער פון די אָרגאניזאטאָרן פון ווידער־שטאנד אין טאָג פון דער שחיטה אין ניעסוויזשער געטאָ, ווערט ער באלד נאָך זיין אָנקום אין גילטשיקס אָטריאד פארטרעטער פון אָטריאד־קאָמאנדיר. אפריל 1943 איז ער אוועקגעפאָרן צוזאמען מיט נאָך אכצן פארטיזאנער אויף א ווירטשאפטס־אָפעראציע אין באראנאָוויטשער אומגעגנט. צוריקפאָרנדיק פון דער אויפגאבע, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף א דייטשישע מחנה, וועלכע איז דאן אָנגעפאלן אויפן פארטיזאנער־לאגער אין צוטשעוויטשער וואלד (פאָלעסיע). דעם קאמף, וועלכן די ניינציק פארטיזאנער האָבן דאן אויפגענומען אין רוקן פון שונא, האָט דערמעגלעכט, אז די גאנצע בריגאדע אין א צאָל פון 2000 מאן זאָל זיך ארויסבאקומען פון ארומרינגלונג. אין דעם ניט גלייכן קאמף זיינען אלע אכצן געפאלן און מיכאל פיש, ניט זעענדיק פאר זיך קיין אויסוועג, האָט זיך ארייגעשאָסן א קויל אין קאָפּ.

א מוסטער פון איבערמענטשלעכער געטריישאפט און קרבנות־גרייטקייט פאר דער הייליקער זאך פון פרייהייט און נקמה האָבן געגעבן די 150 אויטאָמאטשיקעס (צוו. זיי פינף יידן) פון גענ.־מאיאָר קאפוסטינס פארטיזאנער־פאראייניקונג.

יאנואר 1943 זיינען די דייטשן מיט א גרויסן כוח אָנגעפאָרן אין די פארטיזאנישע דערפער פון קאפוליער ראיאָן. באָזשענקא האָט אוועק־געשיקט 150 אויטאָמאטשיקעס אויף א לויערונג אויף דעם קריסטלעכן בית־עולם, נעבן דאָרף יאווישטשע. די פארטיזאנער־אָטריאדן זיינען אָפּגעטראָטן פון די דערפער, ווו זיי האָבן זיך דאן אויסגעהאלטן און אוועק אין די נאָענטע וועלדער. די לויערונג האָט באקומען א שטרענגן באפעל, ניט אָפּצוטרעטן אָן א ספּעציעלן דירעקטיוו פון גענ. מאיאָר באָזשענקא. זיי האָבן אויפגענומען א פארביטערטן קאמף מיט דעם שטארק איבערוויגנדיקן דייטשישן כוח. א גאנצן מעת־לעת האָבן זיי פארביטערט געקעמפט און געזייט טויט אין די דייטשישע רייען. זעענדיק, אז זיי בלייבן אָן קוילן און זייער גורל איז ארייגצופאלן לעבעדיקע אין די רוצחישע הענט, האָבן זיי אלע אונטערגעלייגט אונטער זיך אויפרייס־מאטעריאלן און זיך אויפגעריסן צוזאמען מיט זייער געווער, ניט וועלנדיק אז צום שונא זאָלן ארייגפאלן פארטיזאנישע טראָפייען. וועגן דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן העראָישן מאסן־זעלבסט־פארניכטונג האָט שפּעטער איבערגעגעבן א שווער פארוואונדעטער, וועלכער האָט זיך צופעליק געראטעוועט און דערשלעפּט אין לאגער.

באָרים סרעבּרניק (מינסק), איינער פון די פּאָפּולערסטע ארטיסטן פון מינסקער יידישן מלוכה־טעאטער, בלייבּט בעתן שנעלן אָפּטרעטן פון דער רויטער ארמיי אין די וועלדער און ווערט קאָמאנדיר פון א ווזוואָד אין לאזאָווס דעסאנטן־גרופּע. בּיים אראָפּלאָזן פון די ליניעס דעם עלפטן דייטשישן עשאלאָן, רייסט אויף די מינע צוליבּ אומפאָרזיכטיקייט. ביידע אויגן ווערן בּיי אים אויסגעבּרענט. ער נעמט ארויס זיין רעוואָלווער און פרעגט „ווער איז דאָ נעבּן מיר?". זינע וואָלטשאָק רופט זיך אָפּ.—„זינע — זאָגט ער — גיבּ איבּער מיינע חברים, אז איך בּין געפאלן פארן פאָטערלאנד, פאר סטאלינען!" א שאָס האָט פארענדיקט זיין לעצטן מאָנאָלאָג. נאָך זיין העלדישן טויט האָט ער באקומען דעם אָרדן „העלד פון ראטן־פארבּאנד".

ארויפפאלנדיק אויף א לויערונג פון ווייסע פּאָליאקן אין נאָוואָגרודקער ראיאָן, פארפירט אָן אויסשפּיר־גרופּע פון אָטריאד „אָרדזשאָניקידזע" א קאַמף. גרליה טאָקער (זשעלודאָק), זעענדיק די האָפענונגסלאָזע לאגע, מאכט א פרווו זיך צו דערשיסן. ניט האָבּנדיק קיין קורץ געווער, שיסט ער זיך מיט דער בּיקס. ער ווערט בּלויז פארוואונדעט און אָפּגייענדיק אין בּלוט פאלט ער אין חלשות. די ווייסע פּאָליאקן, גלויבּנדיק, אז ער איז טויט, טוען אים אויס נאקעט און לאָזן אים ליגן. זוסמאנען (א גאליציאנער פּליט) און נאָך צוויי רוסישע פארטיזאנער האָבּן זיי דערמאָרדעט און איבּערגעלאָזט נאקעטע אויפן פעלד. די אָנגעקומענע גרופּע פון אָטריאד נעמט צו טאָקערן און נאָך א לענגערע קוראציע ווערט ער געזונט.

יעקב אסנער (ראדון), ווערט ארומגערינגלט, שוין נאָך דער בּאפרייאונג (1945), נעבּן שטעטל אליטע (ליטע), דורך ווייס־פּוילישע פארטיזאנער, פארבּליבּענע אין נאטשער פּושטשע, אויף וועלכע די אָרטיקע סאָוועטישע מיליץ האָט איינגעאָרדנט אָן אָבּלאווע. אסנער האָט דאן געדינט אין דער מיליץ און האָט געוואָלט אויסגלייכן זיין חשבּון מיט די מערדערס פון זיין בּרודער חיים, וועלכער איז געפאלן פון זייערע הענט. פירנדיק (מיט נאָך פארטיזאנער ארעסטירטע) ווייסע פּאָליאקן, זיינען זיי פּלוצעם ארומגערינגלט געוואָרן פון אלע זייטן דורך די ווייסע פארטיזאנער. ער ווערט שטערבּלעך פארוואונדעט און שיסט זיך אליין אריין א קויל פון זיין פּאראבּעל.

הענעך קאגאן, א פארטיזאן פון אָטריאד „ספּארטאק" ווערט דעצעמבּער 1943 געשיקט אויף א קאמפּס־אויפגאבּע, צווישן די דערפער

שיפּאָוויטש און אוסציע (נעבן שטעטל ווידז, ווילנער געגנט) פאלן די דייטשן אויף זיינע שפּורן און ער ווערט ארומגערינגלט—ער פארטיידיקט זיך לאנג און פארביסן. צום סוף ניט וועלנדיק אריינפאלן א לעבעדיקער אין די רוצחישע הענט, רייסט ער זיך אליין אויף מיט. האנט־גראנאט.

משה פעלדמאן (מינסק) איז אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט און ווערט אינטערנירט אין וולאדאָווער ארבעטס־לאגער. ער אָרגאניזירט דאָרט א פּארטיזאנער־גרופּע פון פופצן מאן און אנטלויפט מיט זיי אין גראף זאמאָיסקעם וועלדער. בעת דער ערשטער גרויסער אָבלאווע אין די א. ד. וועלדער ווערט פעלדמאן פארוואונדעט אין א פוס. ניט קענענדיק אנטלויפן און ניט וועלנדיק אריינפאלן א לעבעדיקער צו די דייטשן, דערשיסט ער זיך אליין.

פעברואר 1944 האָט שלמה מוסין (דרויע, דיסנער געגנט), א פארטיזאן פון דער פערטער ווייס־רוסישער בריגאדע, מיט נאָך צוויי פּארטיזאנער, באקומען אן אויפגאבע צו ברענגען פון דרויע רפואות פארן בריגאדע־שפּיטאָל (זיי פלעגן עס מאכן דורך א באקאנטן פויער, וועלכער פלעגט גיין אין שטאָט מיט רעצעפּטן). אויפן וועג זיינען זיי אריין אָפּעסן אין א דאָרף, צוויי ק״מ פון א דייטשישן גארניזאָן. עסנדיק האָבן זיי דערהערט א שיסעריי. עס האָט זיך באלד ארויסגעוויזן, אז זיי זיינען ארומגערינגלט דורך א באנדע ווייסע פּאָליאקן. די צוויי פּארטיזאנער איז געלונגען דורכצורייסן דעם רינג. שלמה מוסין איז באלד פארוואונדעט געוואָרן אין פוס און ניט געזען קיין מעגלעכקייט זיך צו ראטעווען. ער האָט מיט דעם נאגאן פארענדיקט זיין לעבן.

אויך דער פּאָליטרוק פון אָטריאד „לענינסקי קאָמסאָמאָל״, איליא גרייס, איז באגאנגען זעלבסטמאָרד בעת דעם קאמף מיט א באוואָפנטער אנטי־פּארטיזאנער אָרגאניזאציע אין דאָרף פּאָדעמבע (ראדונער ראיאָן).

א גרופּע פון 5 יידישע פּארטיזאנער זיינען אוועק אויפרייסן א דייטשישן עשאלאָן אויף דער ליניע ווילנע—לידע. נאָכן געלונגענעם אויפרייס זיינען זיי ארויפגעפאלן אויף א דייטשער לויערונג. צוליב א פּראָוואָקאציע פון א פויער איז די גרופּע געווען געצוווּנגען אָפּשיסנדיק זיך, אָפּצוטרעטן. עס איז דאן שווער פארוואונדעט געוואָרן דער פּארטיזאן פון אָטריאד „א טויט דעם פאשיזם״ (בריגאדע יורגיס, רודניצקער פּושטשע), מאָטל קאָפּשטיין (ווילנע). ער בעט דאן די חברים אים לאָזן, ווייל אים מיט־שלעפּן באדייט א פארניכטונג פון דער גאנצער גרופּע. די איבעריקע 4 יידישע חברים זיינען קאטעגאָריש קעגן דעם. ער האָט דאן ארויסגעכאפּט זיין פּיסטאָלעט און זיך אליין דערשאָסן.

דר. ספּיקער (באַקאַנט בלויז לויט זיין פּסעוודאָנים אין פּאַרטיזאַנקע), איז דורך דער אָטריאַד-קאָמאַנדשאַפט איבערגעלאָזט געוואָרן מיט 63 פאַרוואונדעטע פון די שווערע קאַמפן אין שאַצקער פּושטשע. דער אָטריאַד האָט דאַן באַשלאָסן דורכצורייסן די פראָנט-ליניע און זיך דערקריגן צו בריסק (180 קמ. פון דעם אָרט), ווייל די דייטשן האָבן זיך אינצווישן שטאַרק באַפעסטיקט ביי קאָוועל און דריי דיוויזיעס האָבן זיך פאַרנומען ספּעציעל מיט אויסראָטן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געבליבן שטעקן אויף דער פראָנט-ליניע. זיי זיינען אויך געווען אויסגעשטעלט אויפן פייער פון דער רוסישער אַרמיי.

דר. ספּיקער באַקומט א באַפעל, אז אין פאַל ווען דער שונא וועט זיי אַנטדעקן, זאָל ער פאַרסמען אַלע פאַרוואונדעטע און אַליין זאָל ער טאָן מיט זיך, וואָס ער וויל. ערשט נאָך דעם, ווי די געפאַר איז אַריבער און מען איז געקומען צוריק אויפן אָרט, האָט מען פאַר זיך דערזען דאָס שוידערלעכע, בלוט-פאַרגליווערנדיק בילד. אַלע 63 פאַר-וואונדעטע זיינען געלעגן פאַרסמטע און דר. ספּיקער איז געלעגן נעבן זיי א דערשאָסענער. דער יידישער דאָקטאָר האָט געטריי אויסגעפילט דעם באַפעל פון דער קאָמאַנדע, נאָר דערביי זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּריווילעגיע אַליי זיך צו ראַטעווען.

פיל צענדליקער יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אַליין פאַרענדיקט זייער לעבן, געהאַט אַלעמאָל דעם מוט אַריינצושיסן זיך א קויל אין שלייף און ניט איבערגעבן זיך צום שונא א לעבעדיקער אויף שאַנד, שפּאָט און טויט.

אָבער דער יידישער פּאַרטיזאַן האָט פריער געצילט און אויסגעשאָסן זיינע אַלע קוילן אין בלוט-פיינט און אָפּגעבנדיק זיך א רעכענונג פון דער גענומענער נקמה, האָט ער זיך געזעגנט מיט דער וועלט.

יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך לעבעדיקע ניט איבערגעגעבן די דייטשן. פאַרן לעבן פון א יידישן פּאַרטיזאַן האָבן די דייטשן און זייערע פאַר-בינדעטע באַצאָלט א טייערן פּרייז. די יידן אָן געלע לאַטעס, די יידישע פּאַרטיזאַנער, האָבן געוווסט, ווי צו לעבן העלדיש. זיי האָבן אָבער אויך געקענט שטאַרבן העלדיש...

## ד. יידן פאַראַטן ניט

פאַר יידן זיינען אַלע וועגן צום לעבן געווען אָפּגעשלאָסן. דער איינציקער וועג צום לעבן איז געווען פאַר זיי די פּאַרטיזאַנקע און דער

פארטיזאנער-קאמף. אויב עס קומט אים אויס צו שטארבן — שטארבט ער, ווי א העלד און א שטאָלצער ייד-פּארטיזאן און פאראט קיינמאָל ניט, פּייניקונגען און ענויים באווירקן ניט, אז די דייטשן זאָלן קענען ביי אים ארויסבאקומען אינפאָרמאציעס וועגן דער טעטיקייט און באוועגונגען פון די פארטיזאנער.

די רוסישע אָנפירונג האָט גוט געוווּסט, אז פון יידן האָט זי ניט צו דערווארטן קיין שום פארעטערישע סיורפּריזן.

די יידישע איבערגעגעבנקייט און מסירות נפש לגבי זייערע ניט-יידישע חברים צום קאמף זיינען געווען א שם דבר.

דער יידישער פארטיזאן פון ניעוועסקים אָטריאד, נח בערעזאָווסקי (גראָדנע), איז אוועק פון ליפּיטשאנער פּושטשע אין גראָדנער ראיאָן מיט א גרופּע רוסישע פּארטיזאנער אויף א קאמפס-אויפגאבע. צוריקוועגס, בייצאכט, זיינען זיי ארויפגעפאלן אויף א דייטשישער לויערונג און דער קאָמיסאר איז שווער פארוואונדעט געוואָרן. די רוסישע פּארטיזאנער זיינען זיך גלייך צעלאָפן און איבערגעלאָזן זייער קאָמיסאר אויפן חסד פון גורל. נח בערעזאָווסקי, האָט פון אונטער דעם קוילן-האָגל ארויסגעשלעפּט דעם פארוואונדעטן, אוועקגעטראָגן אויף די פּלייצעס אין א נאָענטן כוטאר, פון דאָרט אים אריבערגעפירט מיט א פור פיל צענדליקער ק"מ דורך א ראיאָן, ווו עס האָבן געהערשט די ווייסע פּאָליאקן, איבערגעשיפט דעם ניעמאן און געבראכט אים אין אָטריאד-שטאב אין ליפּיטשאנער פּושטשע. פאר אלע אָטריאדן איז דערנאָך געלייענט געוואָרן א באפעל, וועגן דעם פאל וואָס האָט אילוסטרירט די דרייסטקייט, טרייהייט און איבערגעגעבנקייט פון א יידישן פּארטיזאן צו זיין קאָמאנדיר. בערעזאָווסקי איז צוגעשטעלט געוואָרן צו א מלוכה-אויסצייכענונג.

אברהם זאָלאָטאוו (סארני), פון אָטריאד „שטשאָרס", (לודוויפּאָלער ראיאָן), איז צוזאמען מיט א גרופּע רוסישע פּארטיזאנער פון זיין אָטריאד ארויפגעפאלן אויף א לויערונג פון אוקראַאינישע „באנדעראָווצעס". אין קאמף איז ערנסט פארוואונדעט געוואָרן דער פארטרעטער פון וווּאָד-קאָמאנדיר. זאָלאָטאוו האָט אויף זיינע פּלייצעס ארויסגעטראָגן דעם קאָמאנדיר פון קאמפס-פלאץ און געבראכט אין אָטריאד. עס איז געלייענט געוואָרן א באפעל פון געג. מאיאָר שיטאָוו, ווו עס איז אויסגעדריקט געוואָרן דאנקבארקייט דעם יידישן פּארטיזאן און ער איז געשטעלט געוואָרן אלס מוסטער פון פּארטיזאנישער העלדישקייט און חברישער איבערגעגעבנקייט אין קאמף.

גייענדיק פון א קאמפּס־אויפגאַבע אין ראיאָן, האָט זיך א ווזוואָד פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „קיראָוו", בריגאַדע „סאָוויעטסקאַיאַ בּיעלאָרוס", אָפּגעשטעלט אין א דאָרף בּיים שטעטל האָראָדאָק (וואָלאָזשינער געגנט) „טאָגן", ווייל עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט זיך צו בּאַוועגן בּייטאָג צוליב דער נאָענטקייט פון דייטשישע גאַרניזאָנען. פּלוצעם איז אָנגעפאַלן אויף זיי א גרויסע גרופּע דייטשן און פּאָליצײַ פון האָראָדאָק. די פּאַרטיזאַנער זיינען געווען געצוווּנגען אין איילעניש צו אַנטלויפן פון דאָרף, איבּערלאָזנדיק צען פורן מיט פאַרגרייטע פּראָדוקטן. דער יידישער ווזוואָד־קאָמאַנדיר שקליוט (וואָלאָזשין), האָט געגעבּן א בּאַפעל צו שטורעמען דאָס דאָרף און אָפּנעמען צוריק די פּראָדוקטן. אפרים גולקאָוויטש (מיר) האָט מיט זיין קוילנוואַרפער פאַרשאָטן מיט פייער דאָס דאָרף. אין צווישן איז פאַרוווּנדעט געוואָרן דער רוסישער אָטריאַד־קאָמאַנדיר קיפּקאַיעוו, אין בּיידע פיס. גולקאָוויטש האָט אָפּשיסנדיק זיך אַרויסגעטראָגן פון אונטערן פייער זיין רוסישן קאָמאַנדיר, וועלכער איז נאָכן אַמפּוטירן די פיס געבּליבּן לעבּן. די אָנפירונג מיטן קאַמף האָט דאַן איבּערגענומען דער יידישער ווזוואָד־קאָמאַנדיר, שקליוט. גולקאָוויטש האָט מיט זיין קוילנוואַרפער־פייער אָפּגעהאַלטן די דייטשן בּיז עס איז געקומען צו הילף א ראָטע פון אָטריאַד „סטאַלין", אָבּער נאָך פאַרן אָנקומען פון דער הילף איז גולקאָוויטש איבּערגעשניטן געוואָרן אויף דער העלפט דורך א פּולעמיאָטן־סעריע. נאָכן אָנקומען פון דער פאַרשטאַרקונג פאַר די פּאַרטיזאַנער, האָבּן זיי מיט א „הורראַ" אַריינגעריסן זיך אין דאָרף און געצוווּנגען די דייטשן צו אַנטלויפן מיט גרויסע



דוד בּאָבּראָוו (פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי), קאָמאַנדיר פון יידישן אָטריאַד „קאַגאַנאָוויטש ל. כ." (פּאָלעסיע). געשטאָרבּן אין וואַלד פון א טיפוס־קראַנקהייט, מאַי 1944.

פארלוסטן. די קאָמאַנדשאַפט האָט בײַם קבר פון גולקאָוויטשן אָפּגעמערקט זײַן העלדישקײט און זײַן טרײַקײט צום קאָמאַנדיר און אים פאָרגעשטעלט צו די העכסטע אויסצײכענונגען און אָרדענס.

משה שימאַנאָוויטש (פּיעליצע, בײַ לידע), טרעט ניט אָפּ מיט זײַן קוילנוואַרפער בעת א קאַמף מיט א פּאָליצײ־פּאָסטן בײַם שטעטל דוואָרעץ, נעבן נאָוואָגרודעק, ביז ער פאַלט פון א פײַנטלעכער קויל. שימאַנאָוויטש האָט געהאַט די מעגלעכקײט אָפּצוטרעטן. ער האָט אָבער מיט זײַן העפטיקן פײַער געוואָלט דעקן דעם צוריקטריט פון זײַנע חברים פון לינקן פליגל און האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זײַן לעבן.

אין קאַמף מיטן שונא בײַם אַטאַקירן א דײַטשישן גאַרניזאָן ווערט פאַרוווּנדעט א פּאַרטיזאַן פון דער בריגאַדע „ספּאַרטאַק" (קאַזאַנער וועלדער). דער ײדישער פּאַרטיזאַן, יאַשקע רודניצקי וועלנדיק אַרויסראַטעווען זײַן חבר און מיטנעמען אים מיט זיך, אַנטלויפט ער ניט, ווי אַלע, און פאַלט צוליב דעם אַרײַן לעבעדיקערהײט אין די ס. ס.־הענט. ער ראַנגלט זיך, קעמפט פאַרביסן, הרגעט 2 מערדערס און באַוויזט נאָך אָפּצולויפן אײניקע מעטער, ביז א דײַטשישע קויל דעריאָגט אים.

די ברידער יאַנקל און משה יתום (קאָרעץ), זײַנען אַוועק פון „טשאַפּאַיעוו"־אָטריאַד אין ראַיאָן אויף אַן אויסשפּיר־אויפגאַבע. אין וועג זײַנען זײ אַרײַנגעפאַלן לעבעדיקע אין דײַטשישע הענט. אויף אַלע עינויים, וועלכע מען האָט זײ אָנגעטאָן, אַז זײ זאָלן אַרויסגעבן דאָס אָרט פון זײער אָטריאַד, ענטפערן זײ מיט אײן וואָרט, אַז זײ ווייסן גאָרניט. די דײַטשן האָבן זײ פאַרפּײַניקט און אויפגעהאַנגען.

איזיע אָשעראָווסקי (באַראַנאָוויטש), אַנטלויפט אין וואַלד און קומט אָן אין אָטריאַד פון קאָמאַנדיר פּוגאַטשאָוו, וואָס האָט זיך געפונען 60 ק"מ פון באַראַנאָוויטש. ניט האָבנדיק קײן געווער, גײט ער אַוועק צוזאַמען מיט משה זילבערמאַן (מײטשעט) קײן באַראַנאָוויטש און פאַלן אָן אויף דער וואַך־הויז פון דער סטאַנציע. דעם שלאָפנדיקן דײַטש קוילעט אָשעראָווסקי מיט א מעסער און נעמט צו בײַ אים זײַן ביקס און גראַנאַט. אַרויסלויפנדיק פון הויז האָט זײ באַמערקט א דײַטשישער אָפיציר, וועלכער האָט זיך גלײַך אָריענטירט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אָשעראָווסקי קלערט ניט קײן סך, וואַרפט דעם צוגענומענעם גראַנאַט, הרגעט דעם דײַטש און ווערט אַלײן שטאַרק פאַרוווּנדעט אין בײדע פיס. די דײַטשן האָבן אים צוגענומען אין שפּיטאָל און זאָרגפעליק געהײלט. ווען ער איז געוואָרן געזונטער, האָט מען גענומען אים פאָרשן, ווי

עס געפינען זיך פּאַרטיזאַנער. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „נאָך דעם ווי איר האָט אויסגעמאָרדעט מיין גאַנצע פאַמיליע, האָב איך באַשלאָסן נקמה צו נעמען פון אייך, ווו איך וועל נאָר האָבן א מעגלעכקייט!"

פון דער באַראַנאָוויטשער פּאַרטיזאַנער-גרופּע אין די פּאָלעסיער וועלדער זיינען אוועק די חברים: לייזער לידאָווסקי, יאָסעלעוויטש און מ. ראָזנטאַל אין באַראַנאָוויטשער געטאָ אויפרייסן א טאַרטאַק. זיי נעמען צו איין גראַנאַט און לאָזן זיך אין וועג. פאַרן אריינגאַנג אין שטאָט האָבן זיי זיך צעטיילט. ראָזנטאַלן איז אויסגעקומען, אז עס איז בעסער צו גיין מיט די פעלדער און גלייך טרעפן זיך מיט די יידן, וועלכע אַרבעטן אין טאַרטאַק. דאָרט האָבן זיינע יידישע חברים אים באַמערקט און דורך דעם צוים האָט זיך פאַרבונדן א לעבעדיקער שמועס וועגן לעבן אין וואַלד, וועגן געטאָ און וועגן אַרויסגיין אין פּאַרטיזאַנקע. פּלוצעם זיינען צוגעקומען דריי פּאָליציסטן, אַרעסטירט ראָזענטאַלן און די צוועלף מיטשמועסערס. אַלע צוועלף יידן זיינען אויף מאָרגן דערשאָסן געוואָרן.

ראָזענטאַל איז געבראַכט געוואָרן אויף א פאַרהער צום אויספאָרש-ריכטער. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו שטעלן פראַגעס אין באַקאַנטן נוסח: „ווו געפינט זיך דער אָטריאַד? וויפיל ציילט דער אָטריאַד? וועלכע געווער האָבן זיי?" א. א. וו., האָט ראָזענטאַל א צי געטאָן זיין גראַנאַט, וועלכן אים האָט זיך איינגעגעבן דורכצושמוגלען אין אַרעסט, און א וואָרף געטאָן אין טיש, וועלנדיק אויפרייסן זיך צוזאַמען מיטן נאַציש-אויספאָרשער. צום אומגליק האָט דער גראַנאַט ניט אויפגעריסן און די אָנגעלאָפענע דייטשן האָבן אים גלייך פאַרפייניקט, ניט אַרויסבאַקומענדיק קיין וואָרט פון זיין מויל. ער האָט געשפּייט אויף זיי און געשריען מיט די לעצטע כוחות: „עס וועט קומען דער טאָג, קינדער-מערדערס, ווען איר וועט פאַר אַלץ באַצאָלן!"

דער אבצן-יעריקער לייב וואָלקין (נאָוואָגרודעק), א קוילנוואַרפלער פון ביעלסקים אָטריאַד, איז בעתן אָנפאַל אויף כראַפּעניעווער כוטאָרעס (וסיעלובער ראיאָן) געכאַפּט און פאַרפייניקט געוואָרן דורך די דייטשן. לעבעדיקערהייט האָט מען פון אים געשניטן אברים. זיי איז אָבער ניט געלונגען פון אים עפּעס אַרויסצובאַקומען. אין אומענטשלעכע יסורים האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה (יאַנואַר 1943).

אַפּריל 1943 איז א גרופּע פון 11 מאַן, 7 רוסן און 4 יידן: יצחק קופּערבערג, זאב ווערבא, שמערל זאַפראַן (מאַניעוויטש) און גרישא

בלײשטײן (לישניפקע) פון „קרוקס" אָטריאד, אונטער דער אָנפירונג פון העלדישן קאָמאנדיר פאוולושא קירילאָוו, ארויסגעשיקט געוואָרן קיין דרום־וואָלין אויף צו אָרגאניזירן א נייעם פארטיזאנער־אָטריאד אין די איוואַ־נאָווקער וועלדער.

די גרופע האָט געטאָגט אין נאָכטן אין וואלד און צו אָוונטס זיך באוועגט אין דער ריכטונג פון דאָרף האָליוּוקע.

פלוצעם האָבן די פארטיזאנער זיך אָנגעשטויסן פנים אל פנים מיט דייטשן. נאָך א שאָסן־אויסטויש האָט דער קאָמאנדיר מיטן באפעל „אויף באגנעטן!" זיך געוואָרפן דער ערשטער אויפן שונא. עס האָט זיך גלייך אנטוויקלט א פארביסענער באגנעטן־קאמף.

אויפן רעכטן פלאנג האָבן געקעמפט פיר פארטיזאנער: דער קאָמאנדיר קירילאָוו, פיעטראָוו (רוס) און צוויי יידן: גרישא בליישטיין און זאב ווערבא.

די דייטשן האָבן אין פאניק אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן. ביי דעם זיינען פארוואונדעט געוואָרן דער קאָמאנדיר און ג. בליישטיין, וועלכער האָט מיט א דורכגעלעכערטן בויך אָנגעהויבן אנטלויפנדיק יאָמערן און געפאלן א טויטער.

אויפן שלאכט־פעלד זיינען פארבליבן די פארטיזאנער: ז. ווערבא, פיעטראָוו און דער שווער פארוואונדעטער קאָמאנדיר.

די צוויי א. ד. פארטיזאנער האָבן באשלאָסן ריזיקירן מיט זייער לעבן און ראטעווען זייער באליבטן קאָמאנדיר. זיי האָבן אונטער א פייער־האָגל גענומען ביי א פויער א פור, ארויפגעלייגט דעם קאָמאנדיר און זיך געלאָזט אין וועג. צוליבן געפערלעכן צושטאנד פון קאָמאנדיר זיינען זיי געווען געצוווּנגען בלייבן א מעת־לעת אין א וועלדל הארט הינטער א דייטשישן גארניזאָן.

נאָכן קאָמאנדירס טויט האָבן זיי אים מקבר געווען אין וועלדל און מיט דאָס טראָפּיי־געווער געקומען צוריק אין אָטריאד, אָבער אָן די טרייע קאמפס־חברים: גרישא בליישטיין און דעם קאָמאנדיר קירילאָוו.

אברהם בליישטיין (דאָרף לישניפקע, מאניעוויטשער ראיאָן) איז געגאנגען אין שליחות פון קרוקס אָטריאד שאפן געווער פאר ניי־אָנגעקומענע יידן. א פויער, וועלכער איז געווען זיין וועג־ווייזער, האָט אים ספעציעל ארויפגעפירט אויף א פריער צוגעגרייטער דייטשישער לויערונג. ער האָט זיך ניט פארלאָרן און די ערשטע זאך האָט ער דערשאָסן דעם פויערישן מסור. וועלנדיק זיך ראטעווען, האָט ער אָנגעהויבן צו אנטלויפן.

א האָגל פון קוילן האָט אים גלייך נאָכגעיאָגט און אוועקגעלייגט א שווער פארוווּנדעטן. די דייטשן האָבן אים אָפּגעפירט אין גארניזאָן און אָנגעהויבן אויספאָרשן. ער האָט זיך געהאלטן בעתן אויספאָרש זייער מוטיק און העלדיש. ער האָט זיי גאליק געשפּיגן אין די פּנימער און דערקלערט: „אויף וויפל מיר יידן וועלן נאָר קענען, וועלן מיר מיט אייך קעמפן ביז צום לעצטן. איך קום אום, אָבער אין די וועלדער זיינען פארבליבן מיינע ברידער און זיי וועלן נקמה נעמען פאר מיין בלוט און פארן בלוט פון אונדזער אויסגעקוילעטן פאָלק"!... דריי טעג האָבן אים די דייטשן געפּייניקט און גאָרניט ארויסבאקומען, ביז ער איז אין שרעקלעכע יסורים אויסגעגאנגען.

דער אָטריאַד „ספּארטאַק" האָט געשיקט דעם 19-יעריקן טוביה ביעלאַק מיט א גרופּע פּארטיזאַנער ארויסצונעמען יידן פון ווילנער געטאָ אין וואלד. ביים ארייננגנבענען זיך אין געטאָ, ווערט ער פארהאלטן דורך א דייטשישן זשאנדארם, וועלכער לעגיטימירט אים און וויל אים ארעסטירן. ביעלאַק שיסט אויס צוויי מאָל און טרעפט אים ניט. ביים דריטן מאָל ווערט קאַליע זיין נאגאַן און ער ווערט ארעסטירט (ביים גיין אין געטאָ פלעגט מען מיטנעמען נאָר קעשענע-געווער). אין טורמע פּייניקט מען אים שרעקלעך, וועלנדיק ארויסבאקומען זיינע מיט-העלפערס. מען ברענגט אים אין ווילנער געטאָ, אז ער זאָל אָנווייזן ווער זיינען זיינע חברים. ער דערקענט אָבער קיינעם ניט...

די דייטשן שטעלן אים אוועק ביים געטאָ-טויער און די יידן מוזן אים שלאָגן לויטן דייטשישן באפעל... פארן טויט וואַרפט ער זיך מיט די הוילע פויסטן אויף די תלינים און שטארבט מיטן באוווסטזיין, אז ער האָט ניט פאראַטן...

סיאָמע שוסטער (פּינסק), איז געקומען אין האָראָדישטשער געגנט (באראנאָוויטשער ראיאָן) פון יענער זייט פראָנט-ליניע נאָכן אדורכגיין א ספּעציעלע דיווערסיע-שול אין מאָסקווע, וווּ ער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן (ביים אויסברוך פון דער סאָוועטיש-דייטשישער קריג איז ער מגולגל געוואָרן אין רוסלאַנד). פון דער קליינער גרופּע, מיט וועלכער ער איז אָנגעקומען אין די וועלדער פון האָראָדישטשער געגנט, איז נאָכדעם אויסגעוואָקסן א בריגאַדע, א. נ. „1-טער מאַי". ער איז ווירט-שאפטס-קאָמאנדיר פון דער בריגאַדע. צייכנט זיך אויס אלס דרייסטער מינירער, האָט אויף זיין חשבון פיל דיווערסיע-אַקטן און דייטשישע לעבנס. פאר זיין העלדישקייט איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צו פיל הויכע

מלוכה־אָרדענס. סעפּטעמבער 1943 איז ער אוועק אויף אן אויפגאבע אין האָראָדישטשער ראיאָן. בײם שאָסײ קארעליטש־האָראָדישטש איז ער דורך א לויערונג פון דײטשן אין ציווילער קלײדונג, פּארעטעריש פּאר־נארט און גענומען געוואָרן געפאנגען לעבעדיקערהײד. א געבונדענעם האָבן זײ אים געבראכט אין האָראָדישטש, וו זײ האָבן מיט אלע מיטלען געוואָלט ארויסבאקומען פון אים סודות פון דער פּארטיזאנקע, צוזאָגנדיק אים איבערלאָזן בײם לעבן. לעבעדיקערהײט האָט מען אים געשניטן די אויערן און נאָז, ארויסגעקאלופּעט די אויגן, אָבער קײן אײן וואָרט האָבן זײ פון אים ניט ארויסבאקומען. אין שרעקלעכע יסורים האָט ער ניט פּאראטנדיק אויסגעהויכט זײן נשמה.

די א. ד. בײשפּילן, אײנציקע פון א סך, אילוסטרירן אמבעסטן די יידישע איבערגעגעבנקײט און טרײהײט צו זײערע חברים אין קאמף און צו דער בשותפות'דיקער זאך. די האלטונג פון די יידן האָט אויך געווירקט אָפּצושוואכן די ארגומענטאציע פון א טײל אנטי־סעמיטישע פּארטיזאנער, וועגן דעם, אז יידן ריכטן זיך אין זײערע האנדלונגען און מעשים בלויז מיט זײער אײגן־נוץ כוונות.

## ה. ווען דײטשן זײנען ארײנגעפאלן אין יידישע הענט...

די יידישע פּארטיזאנער האָבן באזונדערס געצילט צו נעמען אין געפאנגענשאפט לעבעדיקע דײטשן, בכדי צו האָבן א מעגלעכקײט צו שטילן א ביסל דעם ברויזנדיקן צאָרן דורך נקמה...

די רוסישע פּארטיזאנער האָבן ניט אלע מאָל מסכים געווען צום אופן ווי אזוי יידן פירן אוים די טויט־אורטײלן איבער די געפאנגענע דײטשן און זײערע דינערס פון דער אָרטיקער באפעלקערונג. בײ א טײל פון זײ האָט עס אויסגעזען ווי א גרויזאמקײט, צוקוקנדיק זיך וואָס פאר א מינים טויטן יידן טראכטן צו פאר לעבעדיק־גענומענע דײטשן אין די קאמפן. (לויטן באפעל האָבן אזעלכע דײטשן געדארפט דערשאָסן ווערן אָן צערעמאָניעס). יידן אָבער האָבן געוואָלט קילן זײערע בלוטן דורך פּײניקן זײערע פּײניקערס און מערדערס.

די דײטשן, וויסנדיק, וואָס זײ האָבן געטאָן מיט די יידן, פלעגן זײער מורא האָבן ארײנצופאלן לעבעדיקע צו די יידישע פּארטיזאנער. זײ האָבן זיך אָפּגעגעבן א פולן רעכענונג, וואָס פאר א טויט זײ קענען באקומען פון קעמפערס, וועמענס גאנצע משפחות און פאָלק איז אויף אזא שוידערלעך־סאדיסטישן אופן אומגעבראכט געוואָרן דורך זײ.

ווען מען האָט אזא דייטש געבראכט אין וואלד, פלעגט ער זיך די ערשטע זאך אינטערעסירן, צי עס זיינען ניטאָ קיין יידן.

„גיט אונדז ניט איבער אין יידישע הענט, — פלעגן זיי זיך בעטן בײַ די רוסן, ווײַל זיי האָבן געוווסט, אז יידן גיבן ניט די דייטשן קיין קיין טויט דורך א קויל, נאָר... א „יידישן טויט".

דעצעמבער 1943 איז דער אָטריאד „טשאפאיעוו" (שיטאָוום פאראייניקונג), אוועק מינירן בײַ לוניניעץ א דייטשישן צוג, וועלכער האָט געפירט מיליטער צום 2-טן ווייסרוסישן פראָנט. די אויפגאבע פון די 300 פארטיזאנער איז געווען אָפּצוּוואַרטן דעם אויפרייס פון באן און נעמען די לעבן-פארבליבענע דייטשן אין געפאנגענשאפט. די אויפגאבע האָט דער אָטריאד גלענצנדיק אויסגעפירט. נאָכן אויפרייס זיינען די לעבן-פארבליבענע 180 דייטשן פון גרויס איבערראשונג ארייַנגעלאָפן אין דערבײַאיקן וועלדל, ווו עס האָט זיי אָפּגעוואַרט די לויערונג פון די פארטיזאנער. די דייטשן זיינען באלד אנטוואָפנטע אויסגעשטעלט געוואָרן צו פיר אין א ריי און אוועקגעטריבן געוואָרן צום פארטיזאנער-שטאב.

דער יידישער פארטיזאן, אברהם וויניצער (טוטשין) איז פונקט דאן געווען אין די הינטערשטע רייען און האָט באמערקט, אז א דייטש ליגט באהאלטן הינטער א בוים. ער האָט וועגן דעם גלייך געמאָלדן זיין קאָמאנדיר, וועלכער האָט אים צוגעטיילט נאָך צוויי פארטיזאנער אויף צו נעמען אים א לעבעדיקן. וויניצער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון הילף און אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו כאפן דעם דייטש איינער אליין. עס איז אים געלונגען אונטערגייענדיק פון הינטן נעמען דעם דייטש א לעבעדיקן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז געווען דער לאנג געזוכטער דייטשישער קאפיטאן, אדאָלף מעבאד, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער רעקרוטאציע און טראנספּאָרט פון זעלנערס צום 2-טן ווייס-רוסישן פראָנט און ווענען מאָסקווע האָט באפוילן צו כאפן א לעבעדיקן. דער אָטריאד-קאָמיסאר וואס-לעוויטש, מעלדעט וויניצערן, אז פאר זיין העלדישער טאט ווערט ער צוגעשטעלט צו א הויכן מלוכה-אָרדן, ווערט באשטימט אלס גרופע-קאָמאנדיר, באקומט דעם סיגנעט און פיסטאָלעט פון דעם געפאנגענעם און אז ער איז גרייט נאָכצוקומען זיינע אלע ווונטשן.

לויט דער פארטיזאנישער טראדיציע, איז דאָס פערזענלעכע געווער פון א געטויטן אָדער געפאנגענעם שונא געוואָרן דאָס אייגנטום פון דעם זיגער. עס איז געווען א גרויסער כבוד פאר א פארטיזאן צו

טראָגן די מלבושים און געווער פון א דערמאָרדעטן שונא. וויניצער האָט געענטפערט, אז זיין גרעסטע באלוינונג וועט זיין, ווען דער קאָמאנדיר וועט אים דערלויבן אויסצוקלייבן צען אָפיצירן פון די געפאנגענע און ער זאָל מיט זיי קענען זיך אָפרעכענען פאר אלץ און אלעמען... אויף דער פראגע פון קאָמאנדיר, פארוואָס וויל ער נעמען פון זיי אזא שרעקלעכע נקמה, האָט ער געענטפערט: „די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט מיין פאָלק און מיין גאנצע משפחה״. דער קאָמאנדיר האָט דערלויבט אויסצוקלייבן צען אָפיצירן, וועלכע וויניצער שטעלט אויס אין איין ריי: „איך בין יודע—זאָגט ער צו זיי—איר דייטשן האָט אומגעבראכט מיין פאָלק אין אייראָפּע, איצט זייט איר ביי מיר אין די הענט און איך וועל אייך אומברענגען אויפן זעלביקן אופן, ווי איר האָט אומגעבראכט מיין אומגליקלעכע פאמיליע״.

די דייטשן האָבן זיך ווי געוויינטלעך אָנגעהויבן צו פארענטפערן, אז זיי זיינען ניט שולדיק אין פארגאָסענעם יידישן בלוט און אז אין אלעמען איז שולדיק נאָר דער „פארפלוכטער״ היטלער. זיי זיינען אפילו גרייט צו שטארבן אָבער ניט דורך א יידישער האנט...


Н. К. О.
ВОЙСКОВАЯ ЧАСТЬ
Полевая почта
26246

Справка

Тов.
состоял в действующем партизанском отряде с
по
в должности
Командир части

## פארטיזאנישער דאָקומענט (ספראווקע)

פון קאָמאנדיר פון אויסשפיר-דינסט פון דער פארט. פאראייניקונג ביעגמא-פיאָדאָראָוו—אלעק אבוגאָוו.

וויניצער האָט דאן צוגעבונדן פינף אָפיצירן צו ביימער און אנטקעגן זיי אויסגעלייגט אנדערע פינף אָפיצירן, כדי זיי זאָלן זיך

צוקוקן צום טויט פון זייערע חברים. איינציקווייז האָט ער זיי געפייניקט אויפן דייטשן שטייגער און געשטילט זיין נקמה־דורשט פאר זיין אומגעבראכטער פאמיליע.

דער אָטריאד־קאָמאנדיר האָט וויניצערן געלויבט פאר זיין נקמה נעמען. „דו ביסט א בראווער ייד, דו קענסט נקמה נעמען...״

מישע אוצר (אָסטראָג, וואָלין), וויזוואָד־קאָמאנדיר פון יידישן אָטריאד „זשוקאָוו״, האָט גענומען געפאנגען בעת א לויערונג אויפן שאָסיי מינסק—סלוצק, צוויי דייטשן און אָפגעשיקט זיי אויפן עולם־האמת.

ישראל באָגדיש (מישעניץ, אָסטראָלענקער ראיאָן), איז פון סלאָנימער געטאָ געקומען צו לויפן אין בולאקס־אָטריאד און האָט זיך אויסגעצייכנט אין אלע קאמפן אלס דרייסטער קוילנוואָרפלער. אין קאמף ביי שליזיען־פאָדגרעבעלסקי האָט ער מיט זיין קוילנוואָרפער געהרג׳עט פיר און גענומען געפאנגען צוויי לעבעדיקע פאָליציאנטן, באהאלטענע אונטער דער בריק. ברענגענדיק זיי אין אָטריאד האָט מען אים צוגעטיילט די זכיה זיי צו פטרן. סעפטעמבער 1943 איז ער צוזאמען מיט נאָך אכט פארטיזאנער אוועק אין סלאָנימער אומגעגנט אראָפלאָזן פון די ליניעס א דייטשן עשאלאָן מיט געווער. עס זיינען דערביי אומגעבראכט געוואָרן פופציק דייטשן. עס איז זיי אויך געלונגען צו ברענגען צוויי לעבעדיקע דייטשן אין שטאב. נאָך אן אויספאָרשונג האָט מען זיי פאראורטיילט צום טויט און באָגדיש האָט געפועלט ביי דער קאמאנדע אז ער זאָל זיי אייגנהענטיק צעשיסן.

דעצעמבער 1943 האָט ער איבערגעשיקט אויפן עולם־האמת א שפיאָן, א פויער, וועלכער איז געשיקט געוואָרן דורך די דייטשן אויסשפירן דאָס אָרט פון פארטיזאנער־לאגער.

שמחה קרעסנאָווסקי (דערעטשין), האָט בעתן אָנפאל אויף דערעטשין אליין גענומען אין געפאנגענשאפט זיבן אוקראינישע פאָליציאנטן און זיי אלעמען אליין דערשאָסן.

יוסף גאָלוב, פארטרעטער פון אויסשפיר־קאָמאנדיר פון מיעדוויע־דיעווס אָטריאד, האָט און דער נאכט פון 31־טן דעצעמבער 1942 אנטייל גענומען צוזאמען מיט א גרופע יידן אין דעם אָנפאל אויף ליודוויפאָלער גארניזאָן. אין דעם קאמף האָט מען גענומען געפאנגען עלף ס. ס.־לייט. מען האָט זיי אָפגעפירט אין דאָרף ביסטריטש און דאָרט זיי צעפערטלט.

בשעת גאָלוב מיט די יידן זיינען נאָך געווען א באַזונדערע יידישע פּארטיזאנער־גרופּע (פאר דער פאראייניקונג מיטן אָטריאד מיעדוויעדיעוו), האָבן זיי געמאכט א לויערונג אויפן וועג בערעזנא־ביסטריץ, ווו עס האָבן באדארפט דורכגיין צוועלף אוקראַינישע פּאָליציאנטן, וועלכע האָבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין די יידישע שחיטות פון די שטעטלעך בערעזנע און לודוויפּאָל. (וואָלין). בלויז דריי מאן פון דער גרופּע זיינען געווען באוואָפנט מיט ביקסן, די איבעריקע האָבן געהאט נאָר מעסערס. צוליב דעם פּלוצעמדיקן איבערפאל איז זיי געלונגען צו נעמען די צוועלף פּאָליציאנטן לעבעדיקערהייט און געבן זיי די געהעריק פארדינטע שטראָף.

דער יידישער אטריאד „קאגאנאָוויטש ל. מ.״ (מיאָר־דיסנער געגנט), האָט זיך דערוווסט דורך באקאנטע פּויערים, אז פון מיארער גארניזאָן גרייט זיך די זשאנדארמעריע מיטן מייסטער בראש צו פאָרן כאפּן יידישע פּארטיזאנער און צונעמען די געהרגעטע פּאָליציאנטן און דייטשן, וועלכע זיינען דעם 25־טן מיי 1943 אומגעבראכט געוואָרן אין קאמף דורך די יידישע פּארטיזאנער פון א. ד. אָטריאד. די פּארטיזאנער האָבן זיך באזעצט אין א וועלדל ניט ווייט פון וועג, דורך וועלכן עס האָבן געזאָלט דורכפאָרן די דייטשן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עס זיינען געווען מער, ווי 75 דייטשן (יידישע פּארטיזאנער זיינען געווען בלויז 55 מאן).

נאָך א קורצן קאמף איז זיי געלונגען די דייטשן צו צעיאָגן. די דייטשן, אנטלויפנדיק אין פּאניק, האָבן איבערגעלאָזט א פארוווּנדעטן 51־יעריקן דייטש, וועלכער האט זיך פארלייגט אונטער אן איבערגעקערטן וואָגן און זיך אָפּגעשאָסן. צוויי פּארטיזאנער זיינען אים פארגאנגען פון הינטן און גענומען א לעבעדיקן. הינטער א דערהרגעטן פערד האָט מען אויך געפונען א פּויער פון א שכנישן דאָרף, וועלכער האָט ניט באוויזן צו אנטלויפן (געגאנגען מיט די דייטשן אלס וועג־ווייזער). בעת דער אויספאָרשונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער דייטש איז דער זשאנ־דארמען־מייסטער פון שטעט־ מיאָר, וועלכער האָט זיך טרויעריק באַרימט געמאכט בעת די שחיטות פון די יידן אין מיאָר און אומגעגנט. די יידישע פּארטיזאנער האָבן זיי געוואָלט געבן א „יידישן טויט״, נאָר די קריסטלעכע אָנפירונג פון די שכנישע אָטריאדן האָט ניט דערלויבט און מען האָט זיי לויטן אורטייל דערשאָסן.

דער רוסישער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „שטשאָרס“ (שיטאָווס פאַר־טיזאַנער פאַרייניקונג) דערלויבט דעם יידישן העלדישן פּאַרטיזאַן אברהם זאָלאָטאָוו (סאַרנע) אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער די צוויי געכאַפּטע דייטשן ביים שטעטל בערעזנע, אַלס נקמה פאַר זיינע דערמאָרדעטע פרוי און קינד.

אין די וועלדער פון וואָלטשע־נאָרע האָבן יידישע פּאַרטיזאַנער געכאַפּט א דייטש און געבראַכט אין אָטריאַד. דער דייטש האָט ניט געגלויבט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן צו יידן... „וואָס, איר זענט יידן, זאָל איך גלויבן, אַז איך בין פון יידן געפאַנגען?!“ מען האָט אים אַרומגעפירט א געבינדענעם איבער אַלע פּאַרטיזאַנער־לאַגערן און דערפער און שפּעטער פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

יחיאל בראָכמאַן (ראָקיטנע) פון אָטריאַד „פּליוסקאָנאָסאָוו“ האָט צוזאַמען מיט א גרופּע פּאַרטיזאַנער דורך א פּלוצעמדיקן איבערפאַל גענומען געפאַנגען אַכט אוקראַינישע „באַנדעראָווצעס“. אין שטאַב זיינען זיי נאָך אין אויספאָרשונג געוואָרן דערשאָסן. פאַר דער דורכגעפירטער דרייסטער אָפּעראַציע איז טראָסטמאַן צוגעשטעלט געוואָרן צום „לענין“־אָרדען.

דער יידישער פּאַרטיזאַן מאַקס ביעגון האָט באַקומען א באַפעל אויסצושפּירן די געגנט אַרום יאַשון (ביי ווילנע). דאָס איז געווען אין דער צייט פון ראַשיקן צוריקטריט פון דער דייטשער אַרמיי, בעתן גלענצנדיקן אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי אויפן מיטל־פראָנט (סמאָלענסק — וויטעבסק). אויפן וועג ווערט ער פּלוצעם פאַרהאַלטן פון פיר דייטשן, וועלכע ווילן אים הרגענען.

— „ניכט שיסען!“ — שרייט ביעגון — ווען איר דערשיסט מיך, ווערט איר גלייך דערמאָרדעט דורך די פּאַרטיזאַנער, וועלכע פאָרן נאָך מיר“. די צעטומלטע דייטשן האָבן גלייך אַראָפּגעלאָזט די אָנגעשטעלטע אויטאָמאַטן. — „קומט אין געפענגעניש, אָבער שנעל, לייגט דאָס געווער!“ — האָט אויסגעשריען ביעגון צו די דייטשן. די דייטשן האָבן שנעל צונויפגעלייגט דאָס געווער און האָבן זיך מיט תחנונים געבעטן. „איר וועט אונדז ניט הרגענען?“ — „ניין“ פאַלט דער ענטפער.

ביעגון שפּרינגט דאַן שנעל אַראָפּ פון פערד, קלייבט צונויף דאָס געווער און מיט א געשריי „פאָרווערטס!“ האָט ער זיי אַוועקגעטריבן אין אָטריאַד.

אויפן וועג ווען די דייטשן האָבן זיך אָריענטירט, אַז זיי זיינען

מיאום אריינגעפאלן, האָבן זיי א פרעג געטאָן, „ווער ביסטו, וואָס דו האָסט אונדז געקענט אזוי פארנארן און אנטוואָפענען? — „א ייד" — האָט זיי ביעגון געענטפערט. ער האָט זיי אלעמען אייגנהענטיק צעשאָסן אין פארטיזאנער-לאגער.

אין די טעג פון פאנישן אָפטרעטן פון דער דייטשער ארמיי פון ווייס-רוסלאנד (יוני 1944), ווען די דייטשן זיינען איינגעקעסלט געוואָרן אין דער אומגעגנט פון וויטעבסק און מינסק, האָבן זיי וועלנדיק זיך ארויסרייסן פון טויטן-רינג, גרופנווייז געלאָזט זיך דורך די וועלדער און פושטשעס, אָנטרעפנדיק דאָרט אויף פארטיזאנישע לויערונגען, וועלכע פלעגן זיי אָפּוואַרטן, מאסנווייז נעמען אין געפאנגענשאפט און פארניכטן.

אויך די יידישע פאמיליע-אָטריאדן פון ביעלסקי און זאָרין אין נאליבאָקער-פושטשע האָבן אין יענעם פעריאָד גענומען פיל געפאנגענע און ווי געהעריק זיך מיט זיי אָפּגערעכנט. אין פיל פאלן פלעגט מען די בלאָנקענדיקע דייטשע אָפטרעטנדיקע גרופעס ניט אָפפירן אין שטאב צו אן אויספאָרשונג, נאָר גלייך „דערליידיקן" אין וועג.

די אויסשפיר-גרופע פון ביעלסקיס אָטריאד: ישראל קאָטליער, בן-ציון גולקאָוויטש, אליהו בלאכער, רוביעשעווסקי און חנן פרעכמאן, האָבן געבראכט אין שטאב פיר געפאנגענע דייטשן. פאר דער טיר פון שטאב זיינען זיך צוזאמענגעלאָפן אלע פרויען און זקנים פון לאגער און געפאָדערט ארויסגעבן די היטלעראָווצעס צום לינטשן. ניט דערווארטנדיק זיך, האָט דער המון זיי ארויסגעשלעפט פון שטאב. די דייטשן האָבן געפרווט דראָען, אז די דייטשע ארמיי וועט זיך נאָך צוריקקערן און אָפּרעכענען מיט די יידן. פיל מיט נקמה-געפילן האָט זיך דער המון געוואָרפן אויף די דייטשן. ישראל לייבאָוויטש האָט מיט א מעסער געשניטן פון זיי די פינגער. דער גאנצער המון האָט זיך געוואָרפן אויף זיי מיט שטעקנס, לאָפּאטעס און מעסערס, שטילנדיק אביסל זייער נקמה-געפיל. אפילו דער אלטער 75-יעריקער פופקאָ פון לידע האָט מיט א שטעקן געשלאָגן אָן רחמנות און געשריען „פאר מיין ווייב, פאר מיינע קינדער, פאר אלע יידן!.."

אין יענע טעג האָט מען אין א גרופע געפאנגענע דייטשן דערטאפט א גאָר וואזשנעם העכט פון געסטאפאָ. נאָך א קרייז-פארהער אין ביעלסקעס אָטריאד איז אויף אים ארויסגעטראָגן געוואָרן א טויט-אורטייל. מיכל לייבאָוויטש (נאָוואָגרודעק) האָט אויסגעקעמפט פאר זיך דאָס רעכט אויסצופירן דעם טויט-אורטייל, מאָטיווירנדיק, אז ער האָט

נאָך ווייניק נקמה גענומען פאר זיינע געפאלענע ברידער אין פארטיזאנקע. צו הילף האָט ער זיך גענומען זיין ברודער זלמן און מרדכי שמוליאָוויטש (ווסיעליוב). דער דייטשער געסטאפּאָ-מאיאָר האָט געפרעגט ניט אָן ציטער, ווּהין מען פירט אים. מיכל לייבאָוויטש האָט אים דאן געענטפערט מיט א שמייכל, אז מען פירט אים אין באָד אָפּוואשן אביסל פון זיינע מערדערייען... א קויל איז געווען א שאָד און א צו גרינגער טויט פאר אזא אויסוואורף פון מענטשלעכן מין. לייבאָוויטש האָט מיט א האק אים אָפּגעהאקט די קאָפּ.

קורץ נאָך דעם פאל איז געקומען א ספעציעלער שליח פון גענ. מאיאָר פלאטאָן צו ביעלסקין און געבעטן שיקן אין גענ.-שטאב 2 מאן, וועלכע קענען דייטש, בכדי אויסצופאָרשן א גרעסערע גרופּע געפאנגענע דייטשן.

עס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן דער נאטשאלניק פון ספעצ. אָפּטייל וואָלקאָוויסקי און דער „סטארשינא" פסח פרידבערג. בעת דער אויספאָרשונג האָט מען ביי א דייטשן אָפּיצער געפונען א בילד, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט, ווי דער דייטש, שטייט מיט א פיסטאָלעט אין האנט און טרייבט א גרופּע יידן צו דער שחיטה.

א גרופּע רוסישע פּארטיזאנער צוזאמען מיט די א. ד. 2 יידן האָבן אויסגעפירט דעם טויט-אורטייל איבער די לערך 60 דייטשן דורך ארייננשיסן יעדן א קויל אין קאָפּ.

דער אָטריאד „סאָוויעטסקאיא ביעלאָרוס" האָט פארן אָפּטרעטן פון דער דייטשער ארמיי פון ווייס-רוסלאנד צוזאמען מיט אלע אָטריאדן פון דער נאליבאָקער פּושטשע איינגעאָרדנט לויערונגען. אן אָפּטיילונג פון א. ד. אָטריאד האָט בעת אזא לויערונג געכאפּט צוויי בלאָנקנדיקע דייטשן, וועלכע האָבן וועלנדיק זיך ראטעווען אוועקגעוואָרפן זייער געווער. בערל רעזניק (מיר) דערקלערט זיי, אז ער איז א ייד און וועט מיט זיי מאכן א חשבון פאר זייערע מערדערייען. איינער פון די געפאנ-גענע האָט אפילו געפּרוווט אויפווייזן, אז ער אליין שטאמט פון יידן. אויף דער ביטע פון רעזניק האָט דער אָטריאד-קאָמאנדיר אים דערלויבט זיך אָפּצורעכענען מיט די דייטשן, וואָס ער האָט אויסגעפירט מיט גרויס פארגעניגן...

א גרופּע פון פיר פּארטיזאנער פון זעלביקן אָטריאד, (צוו. זיי רעזניק און א יידישע מיידל, פאניע גורוויטש) זיינען אוועק ארומרינגלען אין די בלאָטעס פון וואָלאָזשענער פּושטשע פארבאהאלטענע דייטשן.

דערנענטערנדיק זיך צו די קוסטעס, האָט מען אויף זיי אָנגעהויבן שיסן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געעפנט א הוראַגאַנען פייער, דאַן איז פון די קוסטעס ארויס מיט אייפגעהויבענע הענט א הויכער, שיינער דייטש מיט פיל אויסצייכנונגען. זיין פּיסטאָלעט האָט ער גלייך אוועקגעוואָרפן. זיי האָבן אים גלייך אוועקגעפירט אין שטאַב. בעתן פאַרהער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער דייטש איז געווען איינער פון די שעפן פון מינסקער געסטאַפּאָ. א מינסקער פּאַרטיזאַנערין האָט אין אים דערקענט איר שטענדיקן שלעגער אין געטאָ. בעת דער אונטערזוכונג האָט מען ביי אים געפונען צוויי פּאָטאָ-בילדער, וועלכע שטעלן פאָר, ווי ער שטייט נעבן זיינע יידישע קרבנות מיט א קאַנטשיק אין די הענט. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געפאָדערט פון דער קאָמאַנדע, אז מען זאָל דעם רוצח איבערגעבן אין זייערע הענט. די קאָמאַנדע האָט איינגעפונען, אז זייער ווענדונג איז א גערעכטע און באַשלאָסן אנטקעגנקומען זייער ווונש. מען האָט מיט אים געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס ער האָט געטאָן מיט די אומגליקלעכע יידן: מען האָט אים א לעבעדיקן איינגעגראָבן ביז העלפט אין דער ערד און דערשאָסן.

פּאַרטיזאַנער פון ניעוואָקים בריגאַדע (קאַפּוסטינס פּאַראַייניקונג), האָט אין א דערפל ביי גראָדנע בעתן דייטשן צוריקטריט (יולי 1944) נעכאַפּט צוויי דייטשן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז איינער פון זיי איז א געסטאַפּאָוויעץ און האָט אויף זיין געוויסן פיל יידישע לעבנס. לויט זיינע אָנגאַבעס איז ער געווען פון פּראָפעסיע א ביבליאָטעקאַר. לויטן באַפעל פון דער העכסטער אָנפירונג פון דער רויטער ארמיי האָט מען דאַן שוין ניט געטאָרט הרגענען אליין די געפאַנגענע דייטשן, נאָר מען האָט זיי געמוזט איבערגעבן אין געפאַנגענען-לאַגער. די יידישע פּאַרטיזאַנער פון דער זעלבער בריגאַדע, וועלכע זיינען דערביי געווען אָנוועזנד: קרעמאַלאָווסקי, ה. צוקערמאַן, דער שרייבער פון די שורות און אנד., האָבן געבעטן גענ. מאַיאָר קאַפּוסטין, וועלכער איז דאַן צופעליק אָנגעפאָרן, אז אין דעם פאַל זאָל ער מאכן אן אויסנאַם און דערלויבן די דייטשן אומצוברענגען. ער האָט מסכים געווען. מען האָט די צוויי דייטשן אָפּגעפירט הינטערן דאָרף, געצוווּנגען אליין אויסצוגראָבן פאַר זיך גריבער און זיי דערשאָסן.

די רויטע ארמיי איז שוין געווען אוועק פאָראויס, נאָר דער יידישער אָטריאַד „זאָרין“ (נאַליבאָקער פּושטשע) האָט נאָך ניט געהאַט קיין באַפעל ארויסצוגיין פון וואַלד. אין א געוויסן פרימאָרגן, האָט דער אָטריאַד-פּאַטרול

געמאָלדן, אַז עס דערנענטערט זיך אַ גרויסע גרופּע אָפּטרעטנדיקע דייטשן. דער קאָמאַנדיר זאָרין האָט גלייך באַפוילן, אַז אַלע באַוואָפנטע זאָלן ארויס אין קאַמף. ניט אָפּשאַצנדיק, דעם איבערוויגנדיקן כוח פון די דייטשן, וועלכע זיינען געווען איבער 250 מאַן (זאָרינצעס—30), האָט זיך זאָרין געוואָרפן צו זיי מיט אַ געשריי „הענדע האָך!“ די דייטשן האָבן דאַן אָנגעהויבן ארומצורינגלען די יידישע גרופּע. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַר־ביסענער קאַמף, בעת וועלכן ס'איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס זאָרין אין נאָך 3 פּאַרטיזאַנער. ניט באַוויזנדיק צו נעמען מיט זיך די צוויי פאַרוואונדעטע איז מען אָפּגעטראָטן. אין דעם קאַמף זיינען געפאַלן פיר פּאַרטיזאַנער (יעקב פּעקער, משה טוניק, עזרין און סיאָמקע). ווען מען איז שפּעטער געגאַנגען צונעמען די הרוגים, האָבן די דייטשן געעפנט אַ פייער פון אַ לויערונג. די פּאַרטיזאַנער וועלכע זיינען איצט געווען אין אַ גרעסערער צאָל האָבן זיך אָריענטירט, אַז דאָ ליגט ניט קיין גרויסע דייטשע גרופּע מען האָט זיי ארומגערינגלט און גענומען זיבעצן דייטשן לעבעדיקע אין געפאַנגענשאַפט. אין לאַגער האָט מען זיי אי־בערגעגעבן אין רשות פון די לאַגער־יידן. מיט געשרייען „פאַר מיין מאַמען, פאַר מיין טאַטן, פאַר די קינדער!“ האָט מען זיי פאַרהרגעט.

יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען אומגעקומען אין גאַיעג צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט לעבעדיקע דייטשן, בכדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו שטילן דעם שרעקלעכן אָנגעזאַמלטן צאָרן.

דער יידישער וזוואָד פון אָטריאַד „קרוק“, צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונגען פון גענ. מאַיאָר פיאָדאָראָוו־ראָווענסקי און גענ. מאַיאָר ביעגמאַ (איבער 400 מאַן) זיינען ארויס ליקווידירן די באַוואָפנטע אוקראַינישע באַנדעס (בולבאָוצעס) אין שטעטל ראַפאַלאָווקע (וואָלין). מען האָט זיך צעטיילט אין צוויי גרופּעס. איין גרופּע האָט זיך פאַרלייגט אין אַ לויערונג ביים טייך סטיר אין פאַל, ווען דער שונא וועט אָפּטרעטן אין דער ריכטונג פון טייך און זיך וועלן אריבערכאַפּן אויף דער צווייטער זייט. די צווייטע גרופּע האָט געדאַרפט פירן דעם אָנגריף.

ביז טאָג זיינען שוין אַלע געווען אויף די ערטער און ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט אויף אַ צייכן פון אַ קאַלירטער ראַקעטע זיך אָנגעהויבן די אַטאַקע אויפן שטעטל. די אויסגעשטעלטע וואַך פון שונא האָט באַמערקט, ווי פון אַלע זייטן ציט זיך אַ קייט פון מענטשן. זיי האָבן גלייך אַלאַרמירט דעם שטאַב, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די „בולבאָוצעס“ האָבן זיך אין פּאַניק געלאָזט לויפן אין אַלע

ריכטונגען. ווי די פּאַרטיזאַנער האָבן פּאָראויסגעזען, האָבן זיי זיך טאַקע געלאָזט צום טייך, צו די אָנגעגרייטע שיפלעך, וועלנדיק זיך ארויסרייסן פון קלעם, אָבער דאָ האָט זיי באַגעגנט אַ הוראַגאַן־פייער פון דער פּאַרטיזאַנישער לויערונג. עטלעכע שיפלעך מיט אייניקע „בולבאָווצעס" האָט זיך דאָך איינגעגעבן אריבערצוכאַפּן זיך אויף דער צווייטער זייט.

סענדער ליסאַק, אַן 18־יעריק בחורל, האָט פון זיין באַהעלטעניש באַמערקט, ווי איין „בולבאָוועץ" איז דורכגעשווומען אויף דער צווייטער זייט. וועלנדיק אים נעמען אַ לעבעדיקן, לאָזט אים ליסאַק ארויסגיין פון וואַסער, און ווען ער דערנענטערט זיך אויף עטלעכע מעטער פון זיין באַהעלטעניש, שפּרינגט ער ארויס אים כאַפּן. אין דעם מאָמענט האָט דער „בולבאָוועץ" אויסגעשאָסן און געטראָפן ליסאַקן אין קאָפּ, פאַרוווּנדנדיק אים שטערבלעך, פון וואָס ער איז אין צוויי טעג ארום געשטאָרבן.



Награжден орденом № ордена
Красной Звезды 810066

2. Имеет право, начиная с 1.IV.44 г.
на получение орденских денежных выдач
и на другие льготы и преимущества,
... об орденах
Союза ССР.

Секретарь Президиума
Верховного Совета СССР

№ 174340

12 февраля 46 г.

מיטלסטע זייט פון אַן אָרדען־ביכל
„רויטער שטערן"
אויסגעשטעלט אויפן נאָמען פון ז. קרעמין

עוזר מאזע (סטייפּק), ווען די דייטשן האָבן גערופן „סטאַלינישער באַנדיט" (ביי פּאַרטיזאַנער דער גרעסטער קאָמפּלימענט), איז מערץ 1944 ארויסגעפאָרן בראָש פון אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון „זשוקאָוו" אָטריאַד אויף אַ ווירטשאַפטס־אָפּעראַציע אין ניעסוויזשער ראַיאָן. ער שטעלט זיך אָפּ מיט זיין גרופּע אין אַ דאָרף און ער מיט נאָך דריי חברים לאָזן זיך צום נאָענטסטן כוטאָר, וווּ זיי באַגעגענען זיך צופעליק מיט צוויי פּאָליציאַנטן. עוזר האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו דערשיסן, נאָך איידער

זיי האָבן זיך געכאַפּט צום געווער. מאָזע איז אָבער געווען פון די, וועלכע האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיט אַ מינימום נקמה. ער האָט געוואָלט זיי דוקא נעמען לעבעדיקע, ברענגען אין אָטריאַד און דאָרט זעטיקן די הערצער אויך פון די איבעריקע חברה מיט נקמה. בעתן געראַנגל מיט איין פּאָליציאַנט, ווען ער האָט געוואָלט פאַרוואַרפן די הענט אויף הינטן אויף צו בינדן, וואַרפט דער לעצטער זיין גראַנאַט און אַלע ווערן אויפגעריסן. דער צווייטער פּאָליציאַנט איז אין אַנטשטאַנענעם טומל אַנטלאָפן. איינער פון די יידישע פּאַרטיזאַנער איז לעבנגעבליבן און האָט וועגן דעם פאַל דערציילט אין אָטריאַד.

דער טויט פון דעם העלדישן יידישן פּאַרטיזאַן האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין פּאַרטיזאַנער־לאַגער. מען האָט מער באַדויערט דעם טויט פון מאָזען, איידער די צוויי געפאַלענע ניט־יידן, כאָטש איינער פון זיי איז געווען וזוואָד־קאָמאַנדיר. נאָכן טויט איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדן „רויטער שטערן".

יאַנאַס גאַלאַרי, איז געקומען צולויפן אין וואָלטשע נאָרע (ביי סלאָנים) פון סלאָנימער ברענענדיקן געטאָ. דעם 27־טן פעברואַר 1944 מעלדעט ער זיך אַלס פרייוויליקער אָנטייל צו נעמען אין אַ קאַמף מיט דייטשן. די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון יענער געגנט פירן דעם טאָג אַ פאַרביטערטן קאַמף אין די דערפער סאַאוטשקאָ, פּלעשקאָ און אָקונינאָוואָ. די דייטשן און זייערע מיטהעלפערס, די קאָזאַקן און קאָפּאַרדינצעס האָבן דאַן געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מפּלה. לערך 75 פגרים זיינען געלעגן אויסגעלייגט אין די ברענענדיקע דערפער. יאַנאַס גאַלאַרי האָט פּלוצעם באַמערקט ווי אַ „וולאַסאָוועץ" שפּרינגט אַרויס פון אַ ברענענדיקן שטאַל. ער לאָזט זיך גלייך נאָך אים. אין דעם מאָמענט, ווען ער וויל אים נעמען אַ לעבעדיקן, ווערט ער אַדורכגעשניטן פון אַ קוילנוואַרפער־סעריע און בלייבט טויט.

אין אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" לעניך בריגאַדע (ליפּיטשאַנער פּושטשע) איז דער העלדישער יידישער פּאַרטיזאַן בנימין באַראַן (פּסעוודאָנים „לאָמאַי פּאָסודו") געווען דער ליבלינג פון אָטריאַד. די געשיכטע פון דעם אָריגינעלן פּאַרטיזאַנישן פּסעוודאָנים, מיט וועלכן מען האָט באַצייכנט באַראַנען איז אַן אויסטערלישע. באַלד נאָכן אָנקומען פון באַראַנען אין „וואָראָשילאָוו"־אָטריאַד, איז ער מיט זיי אוועק אויף אַ באַן־אויפרייס. די אָפּעראַציע איז געלונגען. כמעט דער גאַנצער עשאַלאָן איז אַראָפּ פון די רעלסן, בלויז צוויי־דריי וואַגאָנעס זיינען געבליבן שטיין ניט קיין באַשעדיקטע.

די פּארטיזאנער, אָפּטוענדיק זייער גערעכטן שטיקל ארבעט, זיינען זיי אוועק צו די פארשטעקטע פירן אין דער־בייאיקן וועלדל. איין בּאראן איז געבּליבּן שטיין א פּארגאפּטער, צוקוקנדיק זיך מיט פארגעניגן צום חורבּן. פלוצעם האָט ער באמערקט, אז אין איי־ם פון די ניט צעשטערטע וואגאָנעם צאנקט א קליין פייערל. ער שפּרינגט אריין אין וואגאָן און דערזעט פאר זיך א גאנצן אוצר מיטן סיגארעטן, שנאפּס א. א. וו. וועלנדיק אויפהויבּן אן אראָפּגעפאלן שאכטל סיגארעטן, האָט ער באמערקט, אז אונטער דער בּאנק ליגט א גראָבער דייטש. ער האָט אים פון דאָרט ארויסגעשלעפּט און מיטן באיאָנעט פון זיין ביקס דער־שטאָכן. א גליקלעכער לויפט ער צו זיינע חברים זיי אָנזאָגן, אז ער האָט געהרגעט א דייטש און אז ער האָט געפונען א וואגאָן מיט גוטס. ער איז געווען אזוי באגייסטערט פון דער אויסגעפירטער נקמה, אז ער האָט פון גרויס התלהבות אָנגעהויבּן ווילד שרייען צו די רוסישע פּארטיזאנער אין וואגאָן „רעבּיאטא, לאָמאי פּאָסודו!" (חברה, ברעכט דאָס געפעס). חברה האָט טאקע אזוי געטאָן, זיי האָבּן צעשטערט אין וואגאָן אלץ, וואָס עס האָט זיך ניט געלאָזט מיטנעמען.

יוני 1942 איז „לאָמאי פּאָסודו" געפאָרן אין דאָרף אָלגאָוויצי (לידער ראיאָן) אָפּנעמען זיינע א פּאָר שטיוול, וועלכע ער האָט געגעבּן א פּויערישן שוסטער צו פאריכטן. פלוצעם לויפט אים אנטקעגן א פּויערטע און שרייט, אז אין דאָרף זיינען אָנגעקומען פיר דייטשן, און אז זיי זיצן ניט ווייט אין א הויז. בּאראן דערשרעקט זיך אָבּער ניט פאר דער וואָרענונג, באפוילט זיינעם א באקאנטן פּויער מאסלאַן גלייך לויפן אין זיין פּארטיזאנער־אָטריאַד, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען א האלבּן ק"מ פון דאָרף, און מעלדן זיי, אז ער, בּאראן האָט גענומען פיר דייטשן אין געפאנגענשאפט. נאָך דעם ווי ער האָט אוועקגעשיקט דעם פּויער, האָט זיך בּאראן צוגעגנבעט צום הויז, וואו עס זיינען געווען די דייטשן און געזען דורכן פענצטער, ווי זיי לאָזן זיך דאָרט וויל גיין. „לאָמאי פּאָסודו" קלערט ניט לאנג. ער שטעלט אָן זיין אויטאָמאט און מיט א געשריי „די הענט אין דער הויך!" פאלט ער אריין אין שטוב. די דייטשן זיינען געבּליבּן זיצן ווי פארגליווערטע, ניט רירנדיק זיך פון אָרט.

אונטער דער צייט זיינען אָנגעקומען פון וואלד פּארטיזאנער. זיי נעמען צו בּיי די דייטשן זייערע ביקסן און מען פירט זיי אוועק אין וואלד. בּאראן מאכט מיט זיי אליין דעם חשבּון־צדק. דעם ערשטן דייטש, וועלכער איז געווען א סערזשאנט, טוט ער אויס א נאקעטן, פירט אריין

אין דער דאָרפישער באָד, שטעלט אים צו מיט דעם פּנים צים וואַנט און שיסט אים. דער דייטש ווערט פאַרוואונדעט, דרייט זיך איים צו באַראַנען און הויבט זיך אָן בײַ אים צו בעטן, ער זאָל אים לאָזן לעבן, ווייל ער האָט אַ קינד און אַ פרוי. — „און אויף מיין פאָטער און מוטער, אויף מיינע ברידער האָסטו רחמנות געהאַט?!"—שרייט אויס באַראַן און שיסט אריין אין דייטש נאָך צוויי קוילן. די איבעריקע דריי דייטשן טוט ער אויס נאַקעט, גיט זיי צו שטיקלעך זייף און אַ האַנטעך, שיקט זיי אויך אריין אין באָד, כלומרשט אויף אָרומצוּוואַשן זיך, און דערשיסט זיי דאָרט. די פּגרים פאַרשלעפּט מען דערנאָך אין וואַלד אויף פאַרצוקונג פאַר חיות, אַז עס זאָל פון זיי קיין זכר ניט בלייבן...

25־טן מאַי 1943 האָט אַ גרופּע פון ביעלסקיס אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון יצחק רעזניק, נאָך אַ געלונגענער אויפגאַבע אין דאָרף פריקוסקי (ווסעלובער ראַיאָן) געכאַפּט לעבעדיקע צוויי דייטשע מיטאַר־בעטערס פון דער „סאַמאָכאָוועי". זיי האָבן די געפאַנגענע געזאָלט אַוועקפירן אַלס אַ מתנה דעם קאָמאַנדיר. אויפן וועג האָבן אָבער יודל סלוצקי, הירשל לייבאָוויטש און גיאָמע פּיוועלעוויטש, וועלכע האָבן געכאַפּט די „העבט", ניט געקענט איינהאַלטן זיך און צו ביסלעכווייז אַזוי צעמוזיקט זיי, אַז עס איז ניט געווען שוין וועמען צו ברענגען אין לאַגער. די פאַרהרגעטע פּגרים האָט מען איבערגעלאָזט אויפן וועג אין די בלאָטעס.

דער אָטריאַד „קאַלינין" (בריג. קאָמאַנדיר) האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אויפגאַבע אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי אין ווייס־רוסלאַנד, צו פאַרשטאַרקן די דיווערסיע אַרבעט און שטערן די קאָמוניקאַציע פון די דייטשן אויף די באַן־ליניעס און שאָסייען. דעם 2־טן יולי 1944 האָט דער העלדישער יידישער קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־ראָטע פון א. ד. אָטריאַד, דוד פלאָטניק (פּינסק) באַקומען אַן אויפגאַבע צו צעשטערן די בריק איבערן טייך מיראַנקע, נעבן שטעטל מיר, אויפן וויכטיקן שאָסיי פּונקט מינסק—באַראַנאָוויטש. גאַנץ פרי נעמט ער מיט זיך פינף פּאַרטיזאַנער מיט אויפרייס־מאַטעריאַל אין אויטאָ־מאָבין און לאָזט זיך אין וועג אריין. 25 ק"מ פון אָנגעגעבענעם אָרט געפינט זיך דער דאָרף פרילוקי, וו די פּאַרטיזאַנער זיינען אריין אָביסל אָפּרוען זיך צוליב דער גרויסער היץ. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז פּלוצעם אריינגעלאָפן איינער פון די פּויערים מיט אַ געשריי, אַז די פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן, ווייל עס דערנענטערט זיך אַ גרויסע מחנה דייטשן. פלאָטניק האָט קוים מיט צרות איינגערעדט

די שכורע פּאַרטיזאַנער אַרויסצוגיין פון דאָרף און מאַכן אַ לויערונג אויף די דייטשן אין דערבייאיקן וועלדל. די לויערונג האָט זיך גלענצנדיק איינגעגעבן. די דייטשן זיינען אין פּאַניק זיך צעלאָפן. זעקס דייטשן, צווישן זיי צוויי אָפיצירן זיינען גענומען געוואָרן אַלס געפאַנגענע.

ברענגענדיק די געפאַנגענע אין לאַגער האָט זיי גענומען פאַרשן פּלאַטניק אַליין, אַלס קאָמאַנדיר און דייטש-ריידנדיקער. די ערשטע פראַגע וואָס ער האָט געשטעלט דעם אָפיציר איז געווען:

— „פאַרוואָס קעמפסטו קעגן אונדז?"

„איך קעמף ניט קעגן אייך, נאָר קעגן די יודן" — איז געווען דער ענטפער. פּלאַטניק חזרט איבער נאָך אַ מאָל זיין פראַגע, און דער דייטשישער אָפיציר ענטפערט ווידער, אַז ער קעמפט ניט קעגן די רוסן, נאָר קעגן די יידן. דאַן פרעגט אים פּלאַטניק צום דריטן מאָל דאָס זעלביקע. ערשט איצט האָט זיך דער דייטש אָריענטירט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין יידישע הענט. זיי האָבן אַלע פאַרשטענדלעך באַקומען זייער פאַרדינטן פסק-דין.

האַרבסט 1943 זיינען די אָטריאַדן: „אָקטיאַבר" און „אָרדזשאָניקידזע" (אַ יידישער אָטריאַד אין נאָוואָגרודקער געגנט) אַרויס צו דער אייזנבאַן-ליניע לידע-באַראַנאָוויטש אויף אַן אויפגאַבע. נאָך אַ פּאָר שעה גאַנג אין דער פינצטערער נאַכט דורך וועלדער און זייטיקע וועגן, אַז קיין פאַרדעכטיק אויג זאָל ניט זען די ריכטונג, וווהין מען באַוועגט זיך, זיינען זיי צוגעקומען צו די באַן-ליניעס ביי דער סטאַציע יאַצוקי, נעבן נאָוואָיעלניע. לויטן באַפעל זיינען אויף אַ שטח פון 500 מ"ר פונאַנדערגעשרויפט געוואָרן די רעלסן. די שרויפן זיינען אַרויסגעצויגן געוואָרן און די רעלסן זיינען געבליבן ליגן אויף אַן אָרט, בכדי ניט צו מערן, אַז דאָ איז עפּעס געשען. אָפּטאָענדיק זייער אויפגאַבע, האָבן זיך ביידע אָטריאַדן פאַרלייגט אין לויערונגען ביים ראַנד פון די וועלדער. עס האָט זיך דערנענטערט אַן עשאַלאָן. צוקומענדיק צו די פונאַנדערגעשרויפטע רעלסן, איז ער געבליבן שטיין. אויפן באַפעל „אָגאָן" (פייער), האָט זיך אויפגעעפנט אַ הוראַגאַן-פייער פון אַלע מינים געווער, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן 10—15 מינוט אָן איבעררייס. דאַן איז געגעבן געוואָרן אַ צווייטער באַפעל: „איבעררייסן דאָס פייער!" און ביידע פּאַרטיזאַנער-אָטריאַדן האָבן זיך מיט אַ הוראַ-געשריי געוואָרפן אויף דעם צוג.

איבעראַשט פון דער פּלוצעמדיקייט, וואַרפט זיך אַ דייטש מיט אַ משוגענעם ווילדן געשריי, „וואָס ווילן די פאַרפלוכטע?" געענטפערט

האָט אים א קורצע סעריע פון א קולנוואַרפער. מיט א פאַל צו דער ערד האָט דער דייטש געגעבן צו וויסן, אז אים איז שוין אַלץ געוואָרן פאַרשטענדלעך...

די דייטשן, וועלכע זיינען געווען אַוועלכע העלדן ביים וואַרפן שוצלאָזע יידישע קינדער און זקנים לעבעדיקע אין די גריבער, זיינען געבליבן ליגן מיט די פנימער צו דער ערד, באַהאַלטן זיך, ווי מײַז אונטער די בענק פון די וואַגאָנעס. מיט טויט איבערגעשראָקענע אויגן, האָבן זיי זיך געבעטן, אז מען זאָל זיי לאָזן לעבן...

פון די נאָנטע בונקערס, וואָס האָבן זיך געפונען לייגג אויס דער באַן־ליניע, האָט מען גערופן צו הילף. עס האָבן פּלוצעם אָנגעהויבן לייכטן ראַקעטן, פּראָזשעקטאָרן. די שיסערייען האָבן זיך דערנענטערט... די פּאַרטיזאַנער האָבן באַקומען א באַפעל אָפּצופירן די לעבן־געבליבענע דייטשן טיפער אין וואַלד און די וואַגאָנעס פאַרברענען...

ביים פייער פון די ברענענדיקע וואַגאָנעס גרופירן זיך די פּאַרטיזאַנער צום אָפּטרעטן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אז די חברה האָט ניט געקענט אויסהאַלטן דעם נסיון.

פון דער גרויסער צאָל לעבעדיק גענומענע דייטשן אין געפאַנגענשאַפט זיינען געבליבן לעבן בלויז זעקס מאַן.

די שיסעריי איז געוואָרן אַלץ נענטער און שטאַרקער, עס האָט געדראָט מיט אַן אַרומרינגלונג. מיט זיך האָט מען שוין די געפאַנגענע ניט געקענט מיטנעמען.

לייזער סאַוויצקי (פּסעוודאָנים „מערעלע") האָט דאַן גענומען אויף זיך דערלייזיקן זיי. ער האָט פאַרזיכערט, אז ער וועט די אַרבעט אָפּטאָן בשלימות...

ער האָט זיי צעשטעלט אין איין ריי אויפן מיליטערישן שטייגער און איינעם נאָכן אַנדערן אָפּגעשיקט אויפן עולם־האמת.

דער לעצטער גרויסער, געלער דייטש, צוזעענדיק, וואָס מיט זיינע פינף חברים איז געשען, שרייט אויס אין שרעק „די ראַבע איז גראָס!"...

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אים געענטפערט, אז מיט זעקס דייטשן קען מען זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער איז נאָך דער רעכענונג ווייט־ווייט ניט אויסגעגליכט און ניט פאַרענדיקט...

## ו. דער עלעמענט פון יידישער ארבעט אין פארטיזאנקע

מיר האָבן שוין אין די פאַריקע קאפיטלען גערעדט וועגן דער חיכטיקער ראָל, וועלכע עס האָט געשפּילט דער יידישער בעל־מלאכה אין דער סאָוועטישער פאַרטיזאַנקע.

אויב אין נאָרמאלע צייטן האָט זיך נאָך ערגעץ־ווו געפונען א זייער קליינער פּראָצענט פון ניט־יידישע האַנטווערקערס, זיינען זיי אין די וועלדער בכלל ניט געווען בנמצא. זיי האָבן רואיק געקענט לעבן און אַרבעטן אין די שטעט אונטער דער דייטשישער שויץ.

כמעט אלע רוסישע פארטיזאנער־אָטריאדן זיינען באַדינט געוואָרן דורך יידישע בעלי־מלאכות. אין א געוויסער מאָס איז פאר א יידישן האַנטווערקער לייכטער געווען אָנצוקומען אין א רוסישן אָטריאד.

אז די רוסישע אָטריאדן אין נאַליבאָקער פּושטשע דאַרפן האָבן שוסטערס, שניידערס, שליאָסערס א. א. וו., קומען זיי עס זוכן אין ביעלסקים און זאָרינס אָטריאדן.

א באַזונדערס וויכטיקע ראָל האָבן אָפּגעשפּילט יידישע שליאָסערס, מעכאַניקערס און עלעקטראָמאָנטיאָרן ביים פאַריכטן און צוזאַמענשטעלן געווער, קאָנסטרויִרן מינעס, ברענגען אין אָרדענונג דאָס געוואָרפענע דורך די רוסן געווער בעתן צוריקטריט א. א. וו.

די יידישע מעכאַניקער־שאַפערן העלפן אויפשטעלן און רעמאָנטירן די ארויסגעצויגענע דריי טאַנקעטקעס פון טייך שטשארע דורך בולאַקס אָטריאד, א פאַנצער־אויטאָ, ווי אויך די לייכטע ארטילעריע פון אָרליאַנסקי־ אָטריאד. ביי דער ארבעט האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די שליאָסערס: יששכר בערמאַן, ישראל בוסעל, יוסף קראַוויעץ, שלמה מנוסקין (זשעטל) א. אנד.

כמעט יעדער אָטריאד האָט געהאַט זיין שליאָסער און מעכאַניקער. געווען אזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט באַזונדערע פאַרדינסטן און געווען פּאָפּולער מיט זייערע דערגרייכונגען אויף דעם געביט, ווי, למשל, דער העלדישער יידישער פארטיזאַן ברוך לעווין (זשעלידאָק), אין דער 1־טער מאַי־בריגאַדע — כאָסנאָווסקי, אין בולאַקס־אָטריאד — ישראל בוסעל א.א.וו.

ביי די פארטיזאַנער האָט זיך געפילט א גרויסער מאַנגל אין שוכוואַרג, וואָס איז שוין שפּעטער געוואָרן שווער צו באַקומען ביי די פויערים. די פארטיזאַנער האָבן געהאַט גרויסע קוואַנטומס פעלן פון די

בהמות, וועלכע זיינען אין גרויסע צאָלן אוועק אין די פּאַרטיזאַנער־קעסלען (מיר האָבן שוין דערמאָנט, אז פליש איז געווען דאָס וויכטיקסטע שפּייז פון די פּאַרטיזאַנער).

יידישע גאַרבערס האָבן ביי די אומנאָרמאַלע פאַרהעלטענישן פּראָדוצירט לעדער און פאָדעשוועס פאַר די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. יידישע גאַרבערס פון איוויע האָבן אויף די כוטאָרעס ביים דערפל אָליעכאָוואָקע געגאַרבט פעל פאַרן באַשוכן דעם אָטריאַד „איסקראַ". אויך אין ביעלסקיס אָטריאַד איז געווען א גרויסע גאַרבעריי, ווו קריסטלעכע אָטריאַדן פלעגן ברענגען זייערע פעלן אויף אויסצואַרבעטן.

די פּאַרטיזאַנער פלעגן פריער מאָלן זייערע קאָרן אויף פּויערישע „זשאָרנעס" (א פּרימיטיווע מיל פון צוויי גרויסע שטיינער, געדרייט מיט דער האַנט), אָדער אין די וואַסער־מילן פון אומגעגנט, אויף וויפל מען האָט געהאַט צו זיי א צוטריט.

די ריזיקע פּאַרטיזאַנער־מאַסע, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין די וועלדער אין 1943, איז געווען א גרויסער קאָנסימענט אויף ברויט און עס האָבן זיך אויך געשאַפן סיטואַציעס, ווען צו די וואַסער־מילן איז קיין צוטריט ניט געווען.

ביעלסקים און זאָרינס אָטריאַדן האָבן א דאַנק זייערע יידישע מילנערס אויסגעבויט אין דער ווילדער נאַליבאָקער פּושטשע גרויסע מילן, וועלכע האָבן ארויסגעגעבן ניט נאָר קאָרענע און ווייצענע מעל, נאָר אויך גרויפּנס און אפילו דעליקאַטע מאַנע־מעל. זיי פלעגן באַזאָרגן מיט דעם ניט נאָר זייערע אייגענע אָטריאַדן, נאָר אויך די רוסישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פון דער גאַנצער נאַליבאָקער פּושטשע.

ביעלסקי האָט זיין מיל אריבערגעפירט פון א דאָרף און זאָרין האָט עס קאָנסטרואירט אויף אָן אָרט דורך א „סטאַנאָק" געמאַכט פון האָלץ, אויף וועלכן עס זיינען געווען צוויי גרויסע שטיינער, באַוועגט דורך פיר פערד.

אין די א. ד. פאַמיליע־אָטריאַדן זיינען אויך געווען שוסטערייען, שניידערייען, שלאָסערייען און אנדערע וואַרשטאַטן.

נאָך דעם ווי ביעלסקים אָטריאַד האָט זיך באַזעצט אין נאַליבאָקער פּושטשע (ביי דער אַזוי־גערופענער קראַסנאַ), האָט זיך דאָרט אויפגעבויט א גאַנצע שטאָט, וועלכע איז אַלגעמיין געווען אָנגערופן „ירושלים" אָדער „ביעלסק" (אויפן נאָמען פון קאָמאַנדיר, ביעלסקי).

עס איז דאָרט אויך געווען א סטאָליערײ, א קאפּולן־ווארשטאט (קאפּולן צו שטיוול, הילצערנע טשוועקלעך, רעדער א. א. וו.), זייגער־מאכערײ, היטל־מאכערײ, שמידערײ, א מענער־ און דאמען־שניידערײ, שטעפּער אין רימער־צעכן (זאָטלען און זבֿרויעס), א זייף־פאבריק (רוי־שטאָף — חלב פון די בהמות), א ווורשט־פאבריק, שפּיטאָלן און א וועטערינאר־שפּיטאָל (פאר פערד און בהמות), א גרויסע באָד מיט א דעזינפעקציע־אָפּטייל פאר די מלבושים (די באָד איז ארייננעפירט געוואָרן פון א דאָרף), א גרויסע בעקערײ (פריער פלעגט מען באקן ביי די פויערים), מאגאזינען און א שעבט־הויז, בקצור אלץ, אין וואָס עס נייטיקט זיך א קולטורעלער מענטש.

געווען ווארשטאטן, ווו עס האָבן געארבעט 20—30 מאן. ביעלסקיס און זאָרינס אָטריאדן האָבן א דאנק זייערע ווארשטאטן באקומען געווער און שפּייז פון די רוסישע אָטריאדן, וואָס עס האָט פיל מיטגעווירקט צו לינדערן די שווערע אפּראָוויזאציע־לאגע.

ווען דער באפולמעכטיקטער פון דער פארטיזאנער־באוועגונג אין נאליבאָקער פושטשע, גענ. מאיאָר פלאטאָן, האָט באזוכט די ווארשטאטן פון ביעלסקיס אָטריאד, האָבן אים פארפעלט לויב־ווערטער פאר די לייסטונגען פון די יידישע בעלי־מלאכות. ער האָט אונטערגעשטראָכן די יידישע איניציאטיוו און לייסטונגס־פעיקייט אפילו ביי די פושטשע־באדינ־גונגען און אין דער פולער מאָס אָפּגעשאצט די גרויסע וויכטיקייט פון יידישן בעל־מלאכה פאר דער סאָוועטישער פארטיזאנער־באוועגונג.

עס דארף צוגעגעבן ווערן, אז באזונדערס גרויסע פארדינסטן פאר דער אָרגאניזאציע פון דער פארטיזאנער־פרעסע אין די וועלדער האָבן געהאט יידן. אין דער ערשטער צייט, איידער מאָסקווע האָט נאָך געשיקט אירע האנט־דרוקערייען דורך פאראשוטן, האָבן די יידן פון לידער געטאָ: דאמאשעק, גראָדזיענטשיק, לאוויט, קאפּלאן א. אנד. אריבערגעשלעפּט פון גיסערײ, ווו זיי האָבן געארבעט, רוסישע שריפט אין געטאָ. פון דאָרט אריבערגעטראנספּאָרטירט עס אין ראיאָן פון אָטריאד „איסקרא" און שפּעטער אין ליפּיטשאנער פּושטשע, ווו עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער געדרוקטער אָרגאן פון דער לענינסקער בריגאדע „טשערוואָני סציאג" (רויטע פאָן).

גרויסע שוועריקייטן אנטשטייען ביים קאָמפּלעקטירן זעצערס. עס פעלן קוואליפיצירטע כוחות. מען געפינט זיי אויס אין די פאמיליע־לאגערן.

ווען דער יידיש-רוסישער זשורנאליסט הערשל סמאָליאר פון מינסק טרעט צו אָרגאניזירן די פארטיזאנער-פרעסע אין נאליבאָקער פושטשע, געפינט ער אין זאָרינס פאמיליע-אָטריאד יידישע זעצערס און הויבט מיט זיי אָן צו ארבעטן. אין יעדער רעדאקציע ווערן ביי די געציילטע יידישע זעצערס-פאכמענער אויך געשולט לערן-יינגלעך. יידישע דרוקער-ארבעטערס האָבן צוגעגרייט די צייטונגען — די פּאָליטישע געווער פון דער פארטיזאנער-באוועגונג אין קאמף מיט דעם אָקופּאנט.

## ז. פון ערשטן טאג ביזן לעצטן

אין דער ערשטער צייט (1942), האָבן יידן אין די וועלדער און פושטשעס געבילדעט א באדייטנדיקן פּראָצענט, און אין געוויסע ראיאָנען אפילו א מערהייט צווישן די קליינע, נישטיקע, צעשטויבטע גרופּעס רוסישע פארטיזאנער.

ערשט שפּעטער מיטן אָנקום פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער רוסישע אנטלאָפענע קריגס-געפאנגענע, דעסאנטן, ספּעציעלע דיווערסיע-גרופּעס און פון דער אָרטיקער באפעלקערונג, ווערן די יידן א פארשווינדנדיקע, ניט אָנזעעוודיקע מינדערהייט (1943).

די באפרייונג האָט דערלעבט בלויז א זייער קליינע צאָל פון די אלע יידן, וועלכע האָבן זיך מיט אזוי פיל איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען ארויסבאקומען פון די געטאָ-דראָטן אין מערב-ווייסרוסלאנד און אוקראינע.

פון זשעטלער געטאָ זיינען ארויסגעלאָפן בעת דער צווייטער שחיטה אין די ליפּיטשאנער וועלדער ביי אכטהונדערט יידן. היינט-צו-טאָג לעבן פון זיי בלויז ביי א 250 נפשות.

פון די געראטעוועטע איבער טויזנט מאן פון פרוזשאנער געטאָ זיינען לעבן געבליבן ניט מער, ווי א הונדערט מאן.

פון די וואָלינער שטעטלעך; קאמין-קאָשירסק, טוטשין און סיערניק (פּאָלעסיע) פון וועלכע עס האָט זיך על-פּי נס געראטעוועט פון די שחיטות א באדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג, געפינען זיך היינט צו טאָג צווישן די לעבעדיקע בלויז געציילטע.

פון שטעטל מיר זיינען ארוים הינדערט אין אכציק יידן, געבליבן לעבן — פערציק.

דער גרעסטער טייל פון די אומגעקומענע פאלט אוים אויף דעם פּער אָד פון אנטלויפן ביזן געפינען שוץ אין די פאמיליע-לאגערן אָדער

קעמפּפערישע אָטריאַדן, אין די פּאַרטיזאַנער-זאָנעס, און שפּעטער אין די פּאַרטיזאַנער-קאַמפּן מיט די דייטשן און זייערע פאַרבינדעטע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

האַרט פאַר דער באַפרייונג, בעתן אָפּטרעטן פון די דייטשן, האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער פון ביעלסקי און זאָרין אין נאַליבאָקער פּושטשע געליטן שמערצלעכע פאַרלוסטן אין די קאַמפּן און לויערונגען מיט אָפּטרעטנדיקע דייטשע גרופּעס.

בולאַקס בריגאַדע „פּאָבּיעדאַ", האָט בעת דער בלאָקאַדע פון די „וואָלאָסאָווצעס" ביים פּרווו דורכצורייסן דעם ווילנער טראַקט, אַוועקגעלייגט די בעסטע קאָמאַנדירן, צווישן זיי פיל יידישע אויסגעצייכנטע קעמפּפערס.

באַלד נאָך דער באַפרייאונג זיינען פיל יידישע פּאַרטיזאַנער מאָבּיליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי אין איר פאָראויס-מאַרש צו דייטשלאַנד.

געוועזן פאַלן, ווען מען האָט ביים דעמאָבּיליזירן פּאַרטיזאַנער-אָטריאַדן, כמעט אַלע יידן אַוועקגעשיקט צום פראָנט („אָרדזשאָניקידזע", „קראַסנאָ גוואַרדייסקי", „פּאָבּיעדאַ" א. אנד.).

כמעט אומעטום איז דאָס געווען אָפּהענגיק פונעם איינשטעל פון דער אָטריאַד-אָנפירונג.

אַלס כלל האָט מען פון די ניט-יידישע פּאַרטיזאַנער-אָטריאַדן אַוועקגעשיקט צום פראָנט נאָר יעניקע, וועלכע האָבן געדינט דער דייטשער „ווערמאַכט" און געקומען אין די וועלדער ערשט אין דער צווייטער העלפט 1943, ד. ה., דער עלעמענט, וועלכער האָט געדאַרפט אויסקויפן זייער פאַראַט לגבי דעם פאָטערלאַנד.

מען האָט די פּאַרטיזאַנער אין זייער ציוויל-קליידונג מיט דעם פּאַרטיזאַנישן געווער, ניט אויסגעשולטע צו די קאַמפּס-באַדינגונגען, טאַקטיק און סטראַטעגיע אין אָפענעם פראָנט — געוואָרפן אויף די ערשטע ליניעס.

א כאַראַקטעריסטישע ווערסיע האָט דאַן קורסירט צווישן די יידישע פּאַרטיזאַנער, אַז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און סאָוועטישע רעגירונגס-קרייזן איז געווען אַן איינשטעלונג, אַז מען זאָל ניט מאָבּיליזירן די קליינע צאָל לעבן געבליבענע יידן. עס האָט אָבער ווייזט אויס געזיגט די ליניע, אַז יידן האָבן מיטן דייטש דעם גרעסטן חשבון און דעריבער דאַרפן זיי פאָרזעצן דעם קאַמף אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי ביזן פולן נצחון.

נאָר ווייניקע, וועלכע האָבן געהאט דאָס „גליק" צו ווערן ערנסטע אינוואלידן, זיינען געבליבן לעבן. כמעט אלע זיינען געפאלן אין די קאמפן פאר וואָלקאָוויסק, ביאליסטאָק און בײם טײך נארעוו.

מען דארף צוגעבן, אז ניט ווייניק יידן, וועלכע האָבן דורכגעטראָגן זייערע לעבנס דורך די געטאָ־שחיטות און קאמפן אין די וועלדער האָבן באַוויזן באלד נאָך דער באפרייאונג דעם שטאַרקן לעבנס־אינסטינקט און זיך אליין געמאָלדן פרייוויליק אין דער רויטער ארמיי, בכדי האָבן א מעגלעכקייט צו דערגרייכן דאָס פארשאָלטענע לאנד פון די דייטשן. ליידער זיינען זייער ווייניק יידישע פארטיזאנער דערגאנגען ביז בערלין און דערלעבט דעם טאָג פון פולן זיג און פולער קאפיטולאציע פון דעם „הערן־פאָלק".

די סאָוועטישע פארטיזאנקע האָט געטראָגן לגמרי אן אנדער כאראקטער און געהאט אן אנדער פארנעם און שוווּנג, ווי אין די איבעריקע אָקופּירטע געגנטן און לענדער.

אין פוילן זיינען געווען אקטיוו צוויי פארטיזאנער־באוועגונגען, וועלכע האָבן זיך קעגנזייטיק באקעמפט צוליב זייערע אידעאָלאָגישע אונטערשיידן. די „ארמיא קראיאָווא" (א. ק.), וועלכע האָט ארום זיך קאָנצענטרירט אלע רעכט־פאשיסטישע עלעמענטן און זיך אָריענטירט אויף דער לאָנדאָנער פוילישער רעגירונג און די „ארמיא לודאָווא" (א. ל.), האָט גרופירט ארום זיך אלע סאָציאליסטיש־קאָמוניסטיש - דעמאָקראטישע כוחות פון דער פוילישער געזעלשאפט און אָריענטירט זיך אויף דער ארמיי און רעגירונג וואָס איז געשאפן געוואָרן אין רוסלאנד דורך וואנדא וואסילעווסקא און גענעראל בערלינג.

די „א. ק." האָבן אויפגענומען צו זיך יידן בלויז אין דעם ערשטן פעריאָד. שפּעטער פלעגן יידן געכאפט און אומגעבראכט ווערן אומברחמנותדיק.

נאָר אין „א. ל." דאָט מען אָנגענומען יידן. מען דארף באמערקן, אז די יידן פון קאָנגרעס־פוילן, וועלכע האָבן גוט באהערשט די פוילישע שפּראַך, האָבן זיך ס'רוב פארמאסקירט אלס פאָליאַקן און געווען אלגעמיין באקאנט אינטער פוילישע פאמיליע־נעמען. די קאָמאנדשאפט פון „א. ל." האָט געראטן יעדן יידן צו פיגורירן אלס פאָליאַק.

די פוילישע פארטיזאנקע ניט האָבנדיק די דירעקטע שטיצע, הילף און אָנווייזונגען פון אזא גרויס־מאכט, ווי סאָוועט־רוסלאנד האָט ניט געקענט

האָבן אזא פארנעם, עפעקטיוו און דערפאָלגרייך קעמפן מיט די אָקופּאנטן, ווי די סאָוועטישע פּארטיזאנקע.

א פּארטיזאנקע און א סאבאָטאזש-ארבעט אין א גרעסערן מאס-שטאב האָט זיך אין פּוילן אָנגעהויבן ערשט ענדע 1943, ווען פון רוסלאנד האָט מען אָנגעהויבן ווארפן דעסאנט-גרופּעס פון פּוילישע פּאר-טיזאנער.

דער מצב פון די יידישע פּארטיזאנער אין פּוילן האָט זיך פיל פארבעסערט מיטן אָנקום פון די פּוילישע פּארטיזאנער-דעסאנט-גרופּעס פון סאָוועט-רוסלאנד. מען דארף נאָך צוגעבן, אז אין פּוילן זיינען ניטאָ אזעלכע וועלדער און פּושטשעס, ווי אין ווייס-רוסלאנד און די אונטער-ערדישע פּארטיזאנער טעטיקייט האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די שטעט, וווּ יידן האָבן צוליב פארשטענדלעכע טעמים ניט געקענט אקטיוו אנטייל נעמען.

געוועז אויך אין פּוילן ניט קיין באדייטנדיקע באזונדערע יידישע פּארטיזאנער-אָטריאדן. זייער קאמפס-ארבעט איז געווען אָבער א באגרע-נעצטע און זיי האָבן זיך באגנוגנט מיט אויסבאהאלטן און באשפּיזן זיך. פון צייט צו צייט פלעגן זיי אדורכפירן דיווערסיע-אקטן אויף די באנען און לויערונגען. מען דארף ניט פארגעסן, אז די יידישע פּארטיזאנער האָבן געהאט א פּראָבלעם מיט די ניט קאמפס-פעיקע עלעמענטן פון זייערע משפחות.

בכלל האָט די פּארטיזאנער-באוועגונג אין די טויזנטער שטעט און שטעטלעך פון מערב ווייס-רוסלאנד און אוקראינע, געטראָגן א לגמרי אנדער כאראקטער, ווי עס האָט דאָס געהאט אן אָרט אין די גרויסע יידישע צענטערס ווי צ. ב. ווילנע, ווארשע א. אנד.

אין די שטעט און שטעטלעך פון ווייס-רוסלאנד און אוקראינע האָבן ניט עקזיסטירט פאר די אָרגאניזאטאָרן פון דער יידישער פּארטי-זאנקע קיין אידעאָלאָגישע חקירות און ספקות אין דער ריכטיקייט פון זייער צוגאנג צום פּראָבלעם פון רעטונג.

די לאָזונג איז געווען — ארויסצוגיין פון די געטאָס אין די וועלדער אריין. אליין ארויסגיין, מיטנעמען די משפחות און ראטעווען וואָס מער יידן.

די יידישע פּארטיזאנער-אָרגאניזאציעס אין ווארשע און ווילנע האָבן געפירט וויכוחים וועגן דעם, צי עס האָט א זין ארויסצוגיין אין די וועלדער, וואָס עס קען זיין א וועג פון רעטונג בלויז פאר יחידים און

לאָזן אויף דער הפקרות פון גורל די משפחות, די ברייטע יידישע פאָלקסמאסן, פאר וועמענ׳ס קיום דער דער גאנצער קאמף ווערט געפירט.

א פינקט פאַרקערטע איינשטעלונג האָט פּראָפּאגאנדירט, יחיאל (איליא) שיינבוים (אָדעם). ער האָט אָנגעוויזן אויף דער אומעגלעכקייט צו קעמפן אין געטאָ און גערופן צו ארויסגיין אין די וועלדער, ווו מען וועט האָבן אלע מעגלעכקייטן צו נעמען נקמה פון די דייטשישע מערדערס. ער האָט טאקע ארויסגעשיקט פון דער גרופּע, וועלכע האָט געטראָגן זיין נאָמען איבער הונדערט אין פופציק יוגנטלעכע אין די וועלדער און אליין זיך געגרייט צו פארלאָזן דעם געטאָ.



**יחיאל (איליא) שיינבוים,**
אידעאָלאָג פון א גרופּע, וועלכע האָט פּראָפּאגאנדירט דאָס ארויסגיין פון ווילנער געטאָ אין די וועלדער. געפ. העלדיש דעם 1-טן סעפּט. 1943 בעת א קאמף קעגן די דייטשן.

עס איז די איראָניע פון גורל, אז דוקא ער איז העלדיש געפאלן בעת א קאמף אין געטאָ (1-טן סעפּטעמבער 1943) אין אים איז ניט באשערט געווען אנטיילצונעמען אין די פארטיזאנער-קאמפן אין די וועלדער און דערלעבן דעם טאָג פון באפרייאונג.

א דאנק דעם דאָזיקן געזונטן און חקירות׳דיקן צוגאנג האָבן זיך פון די שטעט און שטעטלעך פון מערב ווייס-רוסלאנד און אוקראינע געראטעוועט אין די וועלדער פיל טויזנטער יידן, בעת פון אזא שטאָט ווי ווילנע, האָט זיך געראטעוועט בלויז א קליינע, נישטיקע צאָל יידן אין דער לעצטער מינוט פאר דער ענדגילטיקער ליקווידאציע פון געטאָ און ס׳איז אדורכגעלאָזט געוואָרן דער גרויסער שאנס פון רעטונג, פאר פיל טויזנטער יידן.

## קאַפּיטל ניינצן

# די ייִדישע פרוי אין פּאַרטיזאַנקע

בדרך כלל זיינען ייִדישע פרויען ניט געווען אויפגענומען געוואָרן אין די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַלטן, אַז דער גרעסטער טייל פרויען זיינען ניט צוגעפּאַסט פאַר קאַמף־אויפגאַבעס און אַז די אָנוועזנהייט פון פרויען אין אָטריאַד ווירקט זיך שלעכט אויס אויף די קאַמפס־פעיקייטן פון די פּאַרטיזאַנער. די פרויען ציען אָפּ זייער אויפמערקזאַמקייט פון אייגנטלעכן קאַמף און אָפטמאָל קומט צו סכסוכים צווישן די פּאַרטיזאַנער פאַר געווינען פרויען. צוליב די זעלביקע טעמים איז אין פיל רוסישע אָטריאַדן געווען פאַרבאָטן דעם פּאַרטיזאַנער־סאָלדאַט חתונה צו האָבן. אַן אויסנאַם האָט געבילדעט דער קאָמאַנדירנדיקער פּערסאָנאַל.

ביי אַזאַ איינשטעלונג צו פרויען בכלל איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אָנקומען פון אַ ייִדישער פרוי אין אַ קעמפערישן רוסישן אָטריאַד איז געווען זייער אַ שווערער.

די ייִדישע פרוי איז געווען דער ערשטער קאַנדידאַט ביי יעדע געלעגנהייט אַריבערגעפירט צו ווערן אין פאַמיליע־לאַגער.

אין אָטריאַד „גראָזני“ (מערץ 1943), האָט די קאָמאַנדשאַפט אויסנוצנדיק די קראַנקייט פון קאָמאַנדיר גראָזני, אַרויסגעשיקט אין ביעלסקיס אָטריאַד זיבן ייִדישע מיידלעך, איבערלאָזנדיק אָבער אין אָטריאַד די ייִדישע בחורים.

דער גרעסטער טייל ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין די וועלדער, האָבן געפונען זייער אָרט אין די פאַמיליע־לאַגערן און פאַמיליע־אָטריאַדן. נאָר ווייניקע פרויען איז געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין רוסישע קעמפערישע אָטריאַדן, אָדער אַדאַנק זייערע מענער, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן אין די אָטריאַדן און האָבן ביי זייער אַריינטריט געשטעלט עס אַלס באַדינג, אָדער דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען גאַנץ יונג און שיין, אויף געפעלן צו ווערן וועמען עס איז פון דער קאָמאַנדשאַפט.

אויב די לאגע פון יידישן פארטיזאן בכלל איז געווען א שווערע, איז נאך פיל שווערער און טרויעריקער געווען די לאגע פון דער יידישער פרוי.

לעבן אין פאמיליע-לאגער האט באדייט א לעבן פון הונגער, דחקות און אומזיכערקייט. דאס איינצלנע יידישע עלנטע מיידל, אן משפחה, גואל אדער פריינט, איז אפטמאל געווען געצוואונגען צו ווערן די פרוי פון א קאמאנדיר אדער פארטיזאנער.

די פארהעלטענישן אין פארטיזאנקע זיינען געווען אזעלכע, אז א פרוי האט געמוזט האבן א באשיצער, א פאטראן, אויב זי האט נים געוואלט זיין אויסגעשטעלט אויף פארשיידענע שיקאנעס און לסוף ארויסגעשיקט צו ווערן פון אטריאד. אזא באשיצער פלעגט אויך זארגן פאר דער באקליידונג פון זיין פרוי און האלטן פאר זיין חוב צו ברענגען פאר איר א בעסערן ביסן און מלבוש, וואס עס האט ביי די פארטיזאנישע באדינגונגען פארגעשטעלט מיט זיך א פראבלעם.

געווען אויך איינצלנע יידישע פרויען, וואס זיינען דורך זייערע מענער איינגעארדנט געווארן ביי פויערים, און זיי געשיצט און געשפייזט.

געווען אויך מענער, וועלכע האבן מספים געווען אריינצוגיין אין די רוסישע פארטיזאנער-אטריאדן אן די פרויען, בכדי צו האבן א מעגלעכקייט פון דארט זיי צו שטיצן אין די פאמיליע-לאגערן.

געווען אבער אויך פאלן, ווען רוסישע קאמאנדירן פלעגן אויסנוצן זייער שטעלונג, בכדי אויפצוצווינגען פיל יינגערע יידישע מיידלעך צו ווערן זייערע פרויען. אפזאגן אין אזא פאל איז געווען אן אומעגלעכקייט און איז געווען פארבינדן מיט פיל געפארן. געווען אויך אזעלכע, וועלכע פלעגן נאכן אנזעטיקן זיך מיט דער יידישער פרוי, אפשיקן זי אין אן אנדער אטריאד אדער פאמיליע-לאגער.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אז נאכן ארויסגיין פון די וועלדער האט זיך די גרעסטע טייל פון די יידישע מיידלעך צעשיידט מיט זייערע קריסטלעכע „וואלד-מענער" און האבן צוגלייך מיט אלע יידן זיך רעפאטריאירט קיין פוילן, בכדי פון דארטן צו קענען אויסוואנדערן אין אנדערע לענדער, בעיקר קיין ארץ-ישראל.

די יידישע פרויען, וועלכע זיינען אויפגענומען געווארן אין די אטריאדן, האבן בעיקר געארבעט ביי קיך-ארבעטן, בעקעריי, וועשעריי און אלס קראנקן-שוועסטערס. יידישע פרויען האבן געהאט א נאמען פון גוטע קעכינס און זיי האבן זיך באמיט צו זיין נוצלעך און באווייזן

לייסטונגען, כּדי צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די פּאַרטיזאַנער.

מיר האָבן שוין געשריבן וועגן די לייסטונגען פון די יידישע קראַנקן־שוועסטערס פאַר די פאַרוווּנדעטע און קראַנקע פּאַרטיזאַנער. די יידישע קראַנקן־שוועסטער האָט מיטגעהאָלפן ראַטעווען די לעבנס פון פיל פאַרוווּנדעטע אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן דורך אַ זאָרגפולער, וואַרעמער באַציונג און לינדערן די ליידן פון קראַנקן און פאַרוווּנדעטן פּאַרטיזאַן ביי די שווערע וואַלד־פאַרהעלטענישן. די רוסישע פּאַרטיזאַנער



פון לינקס צו רעכטס: מעדאַל „פּאַרטיזאַן פון פּאַטערלענדישער מלחמה" 1־טע מדרגה און אָרדען „פּאַטערלענדישע מלחמה" 2־טע מדרגה.

(אויסצייכנונגען פון דוד פּלאָטניק)

האָבן אָפּגעשאַצט די מסירות־נפשדיקע טעטיקייט פון דער יידישער קראַנקן־שוועסטער.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל איז געווען מיט דער יונגער יידישער דערעטשינער מיידל חיה'לע בעקנשטיין, וואָס איז אָנגעקומען אין 1942־טן יאָר אין אָטריאַד „גראָזני". צוליב מאַנגל אין מעדיצינישע כּוחות איז זי פרייוויליק געוואָרן אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט באַדינט אויך דעם שכנותדיקן אָטריאַד „זאָלאָטאָוו". ווען די דאָזיקע אָטריאַדן האָבן זיך

צעוואקסן און איבערגענומען באזונדערע ראיאָנען, איז צווישן די שטאבן פון די א. ד. אָטריאדן אנטשטאנען א קאָנפליקט, אין וועלכן אָטריאד זאָל גאלע (אזוי האָט מען זי גערופן אין פארטיזאנקע) איבערגיין. יעדער אָטריאד האָט זי דורכאויס געוואָלט פארהאלטן פאר זיך. זי איז געבליבן אין אָטריאד „גראָזני". די פארטיזאנער האָבן צו איר געפילט אזא שטארקן צוטרוי, אז אפילו שפּעטער, ווען אין די אָטריאדן זיינען שוין געווען דאָקטוירים, פלעגן די פארטיזאנער זיך ווענדן נאָר צו איר נאָך מעדיצינישער הילף. זי איז געווען זייער חבר און מיטקעמפערין און אָן שום שרעק און פחד מיטגעמאכט די געפערלעכסטע קאמפן, צוגעבנדיק מוט די אנדערע אלטע סאָלדאטן און קעמפערס. נאָך דער מלחמה איז זי באלוינט געוואָרן מיט א הויכער מיליטערישער אויסצייכנונג.

אויך די יידישע מיידלעך, וועלכע זיינען געווען באשעפטיקט ביי ארבעט אין דער קאָלעקטיווער קיך פון אָטריאד, האָבן באוויזן צו לייסטן אויף זייערע געביטן דאָס מאקסימאלסטע, און אנדערע פון זיי זיינען אדאנק זייער איבערגעגעבנקייט און ארבעטסזאמקייט דערמאָנט געוואָרן לשבח אין די טאָג־באפעלן פון דער קאָמאנדשאפט.

געווען אָבער אויך יידישע פרויען, וועלכע האָבן גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין די קאמפן, לויערונגען, דיווערסיע־אקטן, מינירונגען פון עשאלאָנען און האָבן זיך ארויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פון די אויסגעצייכנטע קעמפערס. יידישע פרויען האָבן אויף זייער קאמפס־קאָנטאָ פארשריבן פיל צעשטערטע עשאלאָנען און געהרגעטע דייטשן; פרויען, וועלכע זיינען באלוינט געוואָרן מיט די העכסטע אָרדנס און פארשריבן א הערלעכן קאפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן אָנטייל אין דער סאָוועטישער פארטיזאנקע.

איינע פון די העראָישסטע געשטאלטן איז בלי שום ספק די טראגיש אומגעקימענע זשעניע אייכענבוים.

זשעניע אייכענבוים איז געבאָרן געוואָרן אין 1925 אין פולטוסק. אין 1939 ווערט זי איבערגעשיקט פון טשערוואָני־בור (ביאליסטאָקער קרייז) קיין סלאָנים. אין אויגוסט 1942 אנטלויפט זי אין פארטיזאנקע און קומט אָן אין דער 51־טער יידישער גרופּע ביים אָטריאד „שטשאָרס". זי האָט אָנטייל גענומען אין אָנפאל ביים באפרייען די קאָסאָווער געטאָ אין אויגוסט 1942, אין צעקלאפן א שול פון דער „סאמאכאָווע" אין גאווינאָוויטש (סלאָנימער געגנט), אין בארימטן קאמף ביים 10־טן שליוז פון אָגינסקי־קאנאל, (פארבינדט די טייכן בוג, פריפעטש און דניעפּער

אין טעלעכאנער ראיאָן) דעם 14־טן סעפּטעמבער 1942. אין נאָוועמבער 1942 נעמט זי אן אקטיוון אָנטייל אין קאמף בײם צעקלאפּן דעם דײַטשן גארניזאָן בײם שטעטל טשוטשעוויצי (לונינעצער ראיאָן), וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן בלויז דורך דער 51־טער יידישער גרופּע פון




אָרדן־ביכל „פּאַטערלענדישע מלחמה" 1־טע מדרגה און מעדאל „פאַרן נצחון" אויסגעשטעלט אויפן נאָמען פון ז א ב װ ע ר ב א.

א. ד. אָטריאד. זי האָט אויך אָנטייל גענומען אין קאמף בײם צעקלאפּן און פארברענען דעם גרויסן טארטאק און גארניזאָן אין דעניסקאָוויטש (האנצעוויטשער ראיאָן) נאָוועמבער 1942, און אין קאמף בײם טייך לאן (לונינעצער ראיאָן) דעם 5־טן דעצעמבער 1942.

אויך בײם צעקלאפּן דעם גארניזאָן שוויענטא־וואָליא (טעלעכאנער ראיאָן) אין פעברואר 1943 און בײם צעקלאפּן און פארברענען דעם

גארניזאָן מיענדזילעסיע (קארטוז-בערעזער ראיאָן) אין יוני 1943, האָט זי ארויסגעוויזן גרוים איניציאַטיוו און דרייסטקייט.

במשך פון 1943 האָט זי אָנטייל גענומען אין די אויפרייסן אויף די ליניעס בריסק—באראנאָוויטש, ביי די סטאנציעס האָראָנטשיצע—בלודען און בריסק—פינסק און ביי דער סטאנציע האָראָדעץ—דראָהיטשין. נית ווייניקער ווי דרייצן עשאלאָנען מיט דעם שונא'ס לעבעדיקע קראפט און קריגס-טעכניק איז פארשריבן אויף איר קאמפס-קאָנטע.

באזונדערס האָט זי זיך געמאכט א נאָמען מיט איר אָנטייל אין אויפרייס פון אן עשאלאָן אויף דער ליניע באראנאָוויטש—לוניניעץ, ביי דער סטאציע בודי (31-טן דעצעמבער 1943). זי איז געווען זייער פאָפּולער און באליבט ביי די סאָלדאטן-פארטיזאנער און קאָמאנדשאפט נית נאָר פון איר אָטריאד, נאָר בכלל ביי אלע פארטיזאנער פון דער בריסקער פארטיזאנער-פאראייניקונג. אלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאר איר העלדישקייט און מוט, האָט מען איר געשיינקט אן אויטאָמאט — געווער, וואָס זעלטן ווער פון פרויען האָט געהאט אין פארטיזאנקע.

זי איז געפאלן ביי טראגישע אומשטענדן, א טאָג פאר דער באפרייאונג פון יענעם ראיאָן (23-ן מערץ 1944), בעת דעם קאמף מיט דער אָפּטרעטנדיקער דייטשישער ארמיי פון מערב-אוק-אינע, ביי דעם צוזאמענגוס פון די קאנאלן דניעפּראָ-בוג און ביעלאָזיערסק (דראָהיטשינער ראיאָן). באקומען נאָכן טויט דעם אָרדן „רויטער שטערן" און דעם מעדאל „פארטיזאן פון פאָטערלענדישער מלחמה" 1-טע מדרגה. צוגעשטעלט געוואָרן דורך דער קאָמאנדשאפט פון בריגאדע צו די אָרדנס: „רויטע פאָן" און „העלד פון ראטן-פארבאנד".

ווייט און ברייט איז אויך פאָפּולער געווען אלס אומדערשראָקענע קעמפערין דאָס סוואלקער יידישע מיידל, גוטע קאגאן. צוזאמען מיט זשעניע אייכנבוים איז זי אנטלאָפן פון סלאָנימער געטאָ און צוזאמען מיט איר געווען אין דער 51-טער יידישער גרופּע. אָנטייל גענומען אין אלע קאמפן מיט די גארניזאנען צו גלייך מיט איר חברטע זשעניע. אויגוסט 1943, גייט זי איבער אין אָטריאד א. נ. „קאטאָווסקי" (קאָברינער טעטיקייטס-ראיאָן). לכבוד דעם יאָר-טאָג פון דער רויטער ארמיי 23-טן פעברואר 1944) האָט זי געגעבן א מתנה דעם קעמפנדיקן הײמלאנד פיר אויפגעריסענע עשאלאָנען אויף דער ליניע בריסק-מאָסקווע (ביי דער סטאציע אָראנטשיץ).

דעם 23-טן מערץ 1944, ווען זי האָט געוואָלט אין מיטן דער שלאַכט געבן הילף דער שטערבלעך פאַרווונדעטער זשעניע אייכענבוים, איז זי פאַרווונדעט געוואָרן אין מילץ. זי האָט זיך באַוויזן אויסצוהיילן און לעבט היינט צו טאָג אין סאָוועט - רוסלאַנד. אַלס אויסדרוק פון אַנערקענונג איז זי באַשאָנקן געוואָרן מיטן אָרדן „רויטער שטערן" און „פּאַרטיזאַן פון פאָטערלענדישער מלחמה" 1-טע מדרגה.

אין ליפּיטשאַנער פּושטשע איז געווען פּאָפּולער און זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן פון אָטריאַד א. נ. „וואָראָשילאָוו" די יידישע שיינע מיידל ליובאַ אַבראַמאָוויטש. פאַר דער מלחמה האָט זי געאַרבעט אין דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זי מיטגעאַרבעט אין דער סלאָנימער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג. אַרבעטנדיק אין דער אָרטיקער זשאַנדאַרמעריע אַלס אויפראַמערין, דערטראָגט זי דער פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע אונטערגעהערטע וויכטיקע ידיעות. זי האָט אויך איינִיקע מאָל געבראַכט פּ. פּ. ד.-פּאַטראָנען, וואָס זי האָט אַרויסגעגנבעט פון דער זשאַנדאַרמעריע. יולי 1942 איז זי אַנטלאָפן פון סלאָנימער געטאָ און אָנגעקומען אין אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", אין ליפּיטשאַנער פּושטשע. זי האָט אַנטייל גענומען אין אַלע קאַמפן, וועלכע דער א. ד. אָטריאַד האָט געפירט. אין קאַמף מיט די ווייסע פּאָליאַקן אין דאָרף באָיאַרי, ביי זשעלודאַק (יוני 1943), איי קאַמף ביים דאָרף זשיזשיעוויעץ, נעבן סלאָנים (יאַנואַר 1944), אין קאַמף מיט די דייטשן ביים דאָרף געזגעלע, ביי ביעליצע (דעצעמבער 1943). אַנטייל גענומען ביים אַראָפּלאָזן אַכט עשעלאָנען מיטן שונא'ס מענטשלעכע כוחות און קריגס-טעכניק אויף די ליניעס באַראַנאָוויטש-לידע און לידע-מאָלאָדעטשנאָ. צום פרויען-טאָג (8-טן מערץ 1943) האָט זי צוגעקליבן צו זיך נאָך זעקס רוסישע פרויען און זיי האָבן אַרונטערגעלאָזן אַן עשאַלאָן מיט קריגס-טעכניק אויף דער ליניע לידע-באַראַנאָוויטש (ביי דער סטאַנציע, יאַצוקי). נאָך דער קריג האָט זי באַקומען דעם אָרדען „רויטער שטערן" און „פּאַרטיזאַנער מעדאַל" 1-טע מדרגה (היינט צו טאָג אין רוסלאַנד).

יידישע פרויען, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַרישן אויסזען, זיינען אויסגענוצט געוואָרן צו שפּיאָנאַזש און אויסשפּיר-אַרבעט.

די לאָדזשער יונגע יידישע מיידל פעליע וויינבערג איז אין יאַנואַר 1943 אַנטלאָפן פון סוויערזשאַנער אַרבעטס-לאַגער אין אָטריאַד „זשוקאָוו", (קאַפּוליער ראַיאָן). איינִיקע מאָל איז זי געגאַנגען קיין סלוצק פאַרקליידעט אַלס פּויערטע, בכדי אויסצושפּירן די מעגלעכקייט

פון אויפרייסן דעם גרויסן טארטאק, וועלכער האָט צוגעשטעלט בוי־מאטעריאלן פאַר פראָנט. זי פירט אויס איר אויפגאבע גלענצענדיק און זי ברענגט א גאנציעם פלאן פון טארטאק־שבח.

מאי 1943 באקומט זי די אויפגאבע אויפצורייסן די עלעקטראָ־סטאנציע און טאַרטאק אין שטעטל סלוצק. איבערגעטאָן אלס פייערטע האָט זי פארשטעקט א רעוואָלווער אין א קויש מיט עסנווארג און פארמאסקירט אין א לעבל ברויט א מינע. 5 ק״ט פון דאָרף גרעצק ווערט זי דעמאסקירט דורך א געוויסן ווייס־רוסישן פויער קאדילקא און זי פאלט אריין א לעבעדיקע אין די דייטשע הענט. נאָך לאנגע יסורים און פייניקונגען ווערט זי עפנטלעך אויפגעהאָנגען אין שטעטל סלוצק (מינסקער קרייז).

זי איז געווען אן אומדערשראָקענע און כסדר געגעבן איניציאטיוו צו קאמפס־אויפגאבעס. אזוי האָט זי צוזאמען מיט פאָסטעסאָרסקין און נאָך צען פארטיזאנער דורכגעריסן די דייטשע בלאָקאדע און צוריק אוועק אין קאפולער ראיאָן, פון וואנען דער אָטריאד איז געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן, בכדי צו באקומען געווער פארן אָטריאד.

די איין און צוואנציק יעריקע עווא און ניינצן יעריקע פאניא פון טשקאלאָווער בריגאדע (וואָלאָזשינער ראיאָן) גייען אין מינסק כסדר איף שפּיאָנאזש און דיווערסיע אַרבעט. די צוויי ווילנער יידישע מיידלעך; דאָבע דזשוועלטאָוו און זעלדע פלעגן אויספירן די שווערסטע אויפגאבעס אין אויסשפיר־דינסט פון אָטריאד „באָרבא“ (רודניצקער פּישטשע). איבערגעטאָן אלס קריסטינס פלעגן זיי גיין קיין ווילנע און צוריק ברענגען יידן אין די וועלדער.

די איוויער יידישע מיידל, פרומע טאנפעל פון רוסישן אָטריאד „סוואָראָוו“, איז ניט נאָר א קראנקן־שוועסטער פון אָטריאד, נאָר גייט אויך מיט אויף אלע קאמפס־פּאָזיציעס און ווייזט אומעטום ארויס איר דרייסטקייט, אומדערשראָקנקייט און העלדישקייט. אין א קאמף מיט 15 דייטשן דערשיסט זי אליין מיט איר קאראבינקע דריי און איינעם נעמט זי לעבעדיקערהייט אין געפאנגענשאפט.

אין דעם קאמף, וועלכן עס האָבן געפירט די פארטיזאנער אויף צו באזעצן דאָס שטעטל נאליבאָק, אין וועלכן די דייטשן האָבן אָרגאניזירט א שטארקע ווייס־רוסישע „סאמאָכאָוווע“ קעגן די פארטיזאנער (דאָס שטעטל געפינט זיך אין הארץ פון דער פּושטשע), האָט זי אליין דערהרגעט צוויי פּאָליציאנטן און אונטערגעצונדן זייערע הייזער (8 טן מאי

1943). א דאנק דעם דאָזיקן פּאַרטיזאַנער־אָנפאַל אויפן שטעטל, זיינען פיל ייִדן אנטלאָפן אין די וועלדער.

זי איז געפאלן מיט א העלדן־טויט אין אפּריל 1944, ביים דאָרף נאָוואָסיאָלקי (ראדאָשקאָוויטשער ראיאָן) בעת זי האָט אונטער א האָגל פון קוילן געאיילט צו דערטיילן הילף א פאַרוואונדעטן פּאַרטיזאן אויף די ערשטע קאמפס־ליניעס. זי איז באַערדיקט געוואָרן מיט מיליטערישן פּאראד נעבן דאָרף קלעשטשיטש.

כאסיע בליישטיין, וועלכע איז געקומען אין קרוקס־אָטריאד פון שטעטל מאניעוויטש, האָט זיך אויסגעצייכנט אלס ספּעציאליסטין ביים פּרעפּארירן מינעס פון סנאריאדן־באָל. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאר, ווייל יעדע קלענסטע אומפּאָרזיכטיקייט האָט געקענט ברענגען דעם טויט. זי האָט אויף איר חשבון פינף עשאלאָנען אויפגעריסן. אומגעקומען נאָך דער באפרייאונג פון וואָלין, פאָרנדיק אָפּנעמען אירע פּארטיזאנער־דאָקומענטן און אויסצייכענונגען פון ראפאלאָווקע קיין ראָוונע. דער צוג איז באָמבארדירט געוואָרן דורך אן אָנפאל פון דייטשישע עראָפּלאנען. זי איז צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדען "רויטער שטערן".

אין דער בריגאדע פון „דיאדיא וואסיע" (ווילייקער געגנט) איז געווען פּאָפּולער דאָס העלדישע מיידל איטע גאלפּערשטיין פון שטעטל קירעניץ. געהערט צו די געציילטע פרויען אין יענעם ראיאָן, וועלכע זיינען געווען איינגעשלאָסן אין דיווערסאנטן־גרופּעס. זי האָט אָנטייל־גענומען אין אויפרייסן צוועלף פיינטלעכע עשאלאָנען און געווען דער ליבלינג פון דער גאנצער בריגאדע (געפאלן אומקערנדיק זיך פון א געלונגענעם אויפרייס).

אויף א טראגישן אופן איז אומגעקומען דבורה ליבערשטיין פון מאניעוויטש, וועלכע איז געווען אין קרוקס אָטריאד א ראדיסטין. אין וואלד, סקילין הינטער קאָוועל, איז זי אין מאי 1943, גייענדיק מיט א וווואָד פּארטיזאנער שאפן א נייעם פלאץ פארן אָטריאד, אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט און איז בעסטיאליש פארפייניקט געוואָרן. זי האָט געגאָלטן אלס דרייסטע און אומדערשראָקענע פּארטיזאנערין.

אין ייִדישן וווואָד פון א. ד. אָטריאד זיינען געווען צוואנציק פרויען. דאָרט פלעגן די ייִדישע פרויען לויט דער ריי זיך טוישן ביי דער ארבעט אין קיך, וועשערייַ, אלס סאניטארינס און אויף יעדער קאמפס־אָפּעראציע פלעגן גענומען ווערן צוויי מיידלעך.

אחוץ די א. ד. האָבן זיך אויסגעצייכנט מרים בלוישטיין (דאָרף לישניפקע, מאניעוויטשער ראיאָן), וועלכע האָט אנטייל גענומען אין אויפרייסן פיר צוגן און האָט באקומען אן אָרדען „רויטער שטערן״, פייגע זאפראן, פייגע אווריך, רחל פלוס, פאוואָרטיק און פיל אנדערע.

אין אָטריאד „סאָוועטסקאיא ביעלארוס״ (וואָלטשע נאָרע, סלאָנימער קרייז) איז געווען א ספּעציעלער קאמפּס-וויוואָד פון פרויען. אין דעם וויוואָד איז געווען א יידיש מיידל, א געוויסע סאָניע (פאמיליע אומבא-קאנט), וועלכע האָט אָנטייל גענומען אין אלע קאמפּס-אָפּעראציעס פון דעם א. ד. אָטריאד און איז אומגעקומען פון די הענט פון אָטריאד-קאָמאנדיר באָבקאָוו, וועלכער האָט זי באשולדיקט אין כלומרשטן רויבן די פויערישע באפעלקערונג.

א פּאָפּולערע לעבן געבליבענע יידישע העלדין, וועלכע האָט זיך באַרימט געמאכט ווייט אויסער די גרענעצן פון איר אָטריאד „זא סאָוועטסקיוו ביעלארוס״, איז די מירער צוואנציק-יעריקע מיידל, מירא גילימאָווסקא, וועלכע אנטלויפט פון מירער געטאָ אין וואלד און ווערט דאָרט לכתחילה באשעפטיקט ביים רייניקן געווער.

זי רוט אָבער ניט און רייסט זיך צום קאמף. דער קאָמאנדיר וויל לכתחילה ניט דערלאָזן דערצו, זאָגנדיק, אז אזא יונג מיידל וועט נאָר שטערן די פארטיזאנער אין קאמף. זי באשטייט אָבער אויף דעם און נאָך איר ערשטן אָנטייל אין אן אויפרייס פון אן עשאלאָן נעבן מאָלאָדעטשנע, ווו זי אליין לייגט אונטער דעם טאָל אונטער די ליניעס און עס באקומט זיך א גלענצנדיקע עקספּלאָזיע, גייט זי שוין אויף אלע קאמפּס-אונטערנעמונגען פון איר אָטריאד. זי האָט אויף איר אייגענעם חשבון צוועלף אראָפּגעלאָזענע עשאלאָנען. זי ווארפט זיך די ערשטע אין קאמף, ווען איר גרופּע ווערט ארומגערינגלט פון שונא און מונטערט דערמיט אויף די פארטיזאנער צום אָנגריף. זי ווערט באלוינט פאר איר העלדישער טעטיקייט מיטן אָרדען „רויטער שטערן״ און מיט פיל דאנק-באפעלן.

זי געפינט זיך איצט אין מינסק, ווו זי לערנט מעדיצין.

אין העלדישן פארטיזאנער-אָטריאד פון בולאק האָט זיך אויסגע-צייכנט און געווען א שם-דבר מיט איר אויסערגעוויינלעכער קאמפּס-רירעוודיקייט און דרייסטקייט דאָס יידישע מיידל טאניע ליפשאָוויטש. דעם 22-טן יוני 1942, נאָך דער שחיטה אין דערעטשין, קומט זי צולויפן מיט אירע דריי העלדישע ברידער אין דער גרופּע פון ד״ר אטלאס.

הגם מען באשטימט איר אן ארבעט אין קיך, רייסט זי זיך צום קאמף און באווייזט, אז זי שטייט קיין מאָל ניט אָפּ פון די מענער. זי צייכנט זיך אוים אין קאמף מיטן דערעטשינער גארניזאָן. דעם 2־טן סעפּטעמבער 1942, נעמט זי אָנטייל אין קאמף מיטן קאָזלאָווטשיזנער גארניזאָן און נעמט אָפּ א קוילנוארפער ביי די דייטשן, פארוואָס זי ווערט אָפּגעמערקט אין באפעל פון דער קאָמאַנדשאפט. איר קאראַבינקע צייכנט זיך אוים מיט א מוסטערהאפטער ריינקייט. די קאָמאנדשאפט שטעלט איר אלע מאָל ארויס אלס מוסטער פון א דיסציפּלינירטער און אומדערשראָקענער פארטיזאנערין.

אין אויגוסט 1943 האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט א גרויסע אָבלאווע אויף די פארטיזאנער, וועלכע האָבן ארויסגעצויגן פון טייך שטשארע א גרויסן טאנק און עס געמאכט שים־פעיק. א ווזוואָד פון בולאקס אָטריאד איז אוועק אויף א לויערונג ביי שליזיען־פּאָדגרעבעלסקי. עס האָט זיך אנטוויקלט א פארביסענע שלאכט, בעת וועלכער טאניע ליפשאָוויטש איז פארוואונדעט געוואָרן דורך אן אויפרייס־קויל. זי איז אָפּגעפירט געוואָרן אין צענטראלן פארטיזאנישן אונטערערדישן שפּיטאָל, וווּ זי איז געשטאָרבן פון א בלוט־פארגיפטונג.

מיט גרוים פאראד איז זי באערדיקט געוואָרן אויפן פארטיזאנישן בית־עולם אין אָטראָוועך וואלד.

אין זעלביקן אָטריאד האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ראשע בעשקין (דערעטשין). זי האָט אָנטייל גענומען אין אלע קאמפן און באזונדערס זיך אויסגעצייכנט אין רודער קאמף (סעפּטעמבער 1942), אלס אויסשפּירערין. יוני 1944, בעת דער גרויסער בלאָקאדע פון די „וולאסאָווצעס" אין ליפּיטשאנער פושטשע, ווען די פארטיזאנער האָבן מיט קאמף דורכגעריסן דעם ווילנער טראקט, איז זי פארוואונדעט געוואָרן.

יידישע פרויען פילן אוים וואך־דינסט, היטן אָפּ די צוגענג צו די פארטיזאנער־לאגערן צוגלייך מיט די מענער, און ניט ווייניק פון זיי פאלן אויף זייערע וואך־פּאָסטנס.

אזוי איז אומגעקומען אויף איר פּאָסטן אין אָקטאָבער 1943 דאָס יידישע מיידל מאליע ליפ, א ווארשעווערין, וועלכע איז געווען א פארטיזאנערין אין אָטריאד „זשוקאָוו".

יידישע פארטיזאנערינס האָבן אויך מוט צו באגיין זעלבסטמאָרד, ווען זיי פאלן אריין צום שונא, בכדי ניט צו זיין אויסגעשטעלט אויף פּייניקונגען און געפארן פון ארויסגעבן סודות פון דער פארטיזאנער־באוועגונג.

רוזשקע שוועץ, (באראנאָוויטש) פון קאַפּלונס אָטריאַד (פּאָלעסיע), ווערט פאַרוווּנדעט דורך א דייטשישער לויערונג אין די פּיס און פאַלט אריין א לעבעדיקע צו די דייטשן. זיי פירן זי אָפּ אין נאָנטסטן שטעטל און וואַרפן זי אריין אין תפיסה. אויפן פרימאָרגן, איידער זי איז נאָך געגומען געוואָרן אויפן עינוים-פארהער דורך די דייטשישע פּייניקערס, האָט זי מיטן פּוס צעבראָכן א שויב פון קליינעם טורמע-פענצטערל און זיך אליין איבערגעשניטן דעם האַלדז...

אין דער דריטער יידישער ראָטע פון אָרליאַנסקיס אָטריאַד נעמען די יידישע מיידלעך אָנטייל אויך אין די לויערונגען קעגן די דייטשן. בעת א ניט קיין געלונגענער לויערונג נעבן דאָרף קרופּיצי, ווען די אונטערקומענדיקע דייטשן פּרוּוון ארומרינגלען די פּאַרטיזאַנער, ווערט שווער פאַרוווּנדעט די פּאַרטיזאַנערין האָדע אָסטאַשינסקי (נאָוואָגרודעק).

אויף א טראַגישן אופן זיינען אומגעקומען עטלעכע און צוואַנציק יידן פון א. ד. אָטריאַד האַרט פאַר דער באַפרייונג, ס'רוב פרויען.

יוני 1944, איז די ליפּיטשאַנער פּושטשע בלאָקירט געוואָרן פון אַלע זייטן דורך גרויסע כוחות פון קאָזאַקן-וולאַסאָווצעס. א גרופּע יידן, וועלכע האָבן געהערט צום קאָמענדאַנטן-ווזוואָד ביי דער לענינסקער פאַרטיזאַנער-פאַראייניקונג, זיינען דורכן קאָמאַנדיר איליא גלאַדקאָוו אנטוואָפנט און איבערגעלאָזט געוואָרן אויף גאָטס-באַראָט. בלאָנדזשענדיק איבער די וועלדער, זיינען זיי אריינגעפאַלן צו די „וולאַסאָווצעס“. זיי זיינען אָפּגעפירט געוואָרן קיין זשעטל, וו מען האָט זיי פּאַרפּייניקט און פאַרברענט א פּאָר טעג פאַרן אָנקומען פון דער רויטער ארמיי. ווען די יידן האָבן זיך צוריקגעקערט פון די וועלדער, האָבן זיי געטראָפן א שוידערלעך בילד: דריי און צוואַנציק פאַרקוילטע קערפּערס, בעיקר פרויען, צוזאַמענגעשמידטע מיט שטאַכל-דראָט, זיינען געווען אויסגעלייגט אין א פאַרברענט הויז. צווישן זיי העניע גערצאָווסקי (זשעטל), וועלכע האָט פיל געלייסטעט, דורך איבערגעבן וויכטיקע ידיעות די פּאַרטיזאַנער במשך פון א לענגערער צייט וועגן די ווייסע-פּאָליאַקן, אין וועמענס ראַיאָן זי האָט פריער געלעבט אלס אריערין, מלכה שמולעוויטש (זשעטל), מלכה קאַגאַנאָוויטש (לידע), דבורה, אלטערס פרוי (דערעטשין) א. אנד.

א באַזונדער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר דער אָנטייל פון דער יידישער פרוי אין די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס.

צום מינסקער פארטיזאנער־שטאב געהערט ניוטע וויינהויז. די מינסקער געשטאפּאָ דערמאָרדעט די אקטיווע טוערין פון דער מינסקער אינטערערדישער באוועגונג נינא ליס, ווי אויך די צוואנציקיעריקע עמא רודאָווא, וועלכע איז געווען די פארבינדלערין צווישן די פארטיזאנער פון מינסקער געטאָ מיט די פארטיזאנער אין די וועלדער.

יידישע מיידלעך, וועלכע אַרבעטן אין דער דייטשישער זשאנדאר־מעריע, ביי פּאָליציי און מיליטער־אָפּטיילן, גנבענען געווער און ברענגען עס צוטראָגן אויף זייערע קערפּערס אין די סקלאַדן פון די פארטיזאנער־אָרגאניזאציעס.

די ניעסוויעזשער מיידלעך; רחל קאגאן און לאה דוקער, האָבן געבראכט אין געטאָ צוויי קוילנוואַרפערס און דורכדעם דערמעגלעכט דעם העראָישן ווידערשטאנד פון די ניעסוויעזשער יידן.

א געוויסע זעכצן־יעריקע שרה׳לע פון באראנאָוויטש, טראָגט אריין פון איר אַרבעטס־פּלאַץ ביי א מיליטער־אָפּטיילונג א ביקס, וואָס זי האָט צוגעבינדן צו איר קערפּער.

די זשעטלער פארטיזאנער־אָרגאניזאציע באקומט וויכטיקע ידיעות דורך א יידישע מיידל פון וואַרשע בעלא באַכראך, וועלכע ארבעט אין זשאנדארמעריע. זי דערטראָגט אויך די ידיעה וועגן דעם, אז וואנקע, א רוסישער געפאנגענער, וועלכער פלעגט פארמיטלען דאָס געווער־איינקויף פאר דער אָרגאניזאציע, איז א פּראָוואָקאטאָר.

אָפט מאָל דערמוטיקן די פרויען מיט זייער דרייסטקייט און ביישפּיל די מענער צום קאמף.

יעקב שעפּטינסקי (סלאָנים), האָט איבערגעלאָזן א קוילנוואַרפער אין א דאָרפישע שטוב, אין וועלכער עס זיינען פלוצעם אָנגעקומען דייטשן פון דעם נאָנטסטן גארניזאָן. דער קאָמאנדיר פון דער 51־טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", צו וועמען עס האָט געהערט דער איבערגעלאָזענער קוילנוואַרפער, פּיאָדאָראָוויטש, רופט אויס: „ווער גייט פרייוויליק נאָכן קוילנוואַרפער?" עס מעלדן זיך דריי יידישע פרויען: ראָזמארינא (א וואַרשעווערין, איצט אין לאָדזש אָנפירערין פון פ.פ.ר.), אירקע ווייסנפיש (געב. וואַרשע, איצט אין צ. ק. פון די פוילישע יידן) און גוטע קאגאן.

דאָס האָט אויף אַלעמען אַזוי געווירקט, אַז מען האָט זיך געוואָרפן שטורמען דאָס הויז און הערץ שעפּטינסקי כאַפּט זיך אַריין דער ערשטער און נעמט אָפּ צוריק זיין ברודערס קוילנוואַרפער.

ווי מיר זעען זיינען געווען פיל יידישע פרויען, וועלכע האָבן ניט געוואָלט זיך באַגנוגענען מיט דער צוגעטיילטער ראָל פון אַרבעטן ביי דער קיך און וועשעריי און זיך געריסן גיין אויף קאַמפּס־אויפגאַבעס, בכדי צוזאַמען מיט זייערע מענער און ברידער נעמען נקמה פון די דייטשישע מערדערס.

❖❖❖❖



אַ וווּוואָד פון אָטריאַד „קאַלינין“ (ביעלסקי) אלס וואך אויפן פּאַרטיזאַנער־אעראָדראָם אין נאַליבאָקער פּושטשע



**א גרופּע פּאַרטיזאַנער פון „לענינסקי״־אָטריאַד** (ליפּיטשאַנער פּושטשע).

ערשטע שורה: דער ערשטער לינקס — ירחמיאל ליכטער (געפּ. מערץ 1943 בײַם שטורמען דעם דײַטשישן גאַרניזאָן אין רודע־יאַוואָרסקע); נעבן אים — שלמה׳לע שיפּ־מאַנאָוויטש (זשעלודאָק, געפאַלן צוזאַמען מיט ליכטערן). צווייטע שורה: ניט־ייִדישע פּאַרטיזאַ־נער. דריטע שורה: דער ערשטער לינקס — ראָזאָווסקי אהרן; דער צווייטער — פיגאַ; דער פערטער — וויסמאַנסקי בּרוך; דער פינפטער — ראָזנפעלד נח; דער זעק־סטער — אלפּערט (געפּ.). (די פאָטאָגראַפיע האָט איבערגעגעבן, שלום גערלינג).



**אגרופּע ייִדישע פּאַרטיזאַנער פאָרן ארויס אויף א קאַמפּס־אויפגאַבע.**

דער צווייטער פון לינקס שטייט — נחום אייזנשטיין.

(איבערגעגעבן דורך - קאָם).

## קאפיטל צוואנציק

# יידישע פארטיזאנער
# פאר דער רעטונג פון יידן

דער יידישער פארטיזאן האָט אלץ געטאָן, בכדי צו ראטעווען א וואָס גרעסערע צאָל יידן פון די דייטשישע נעגל. פיל יידישע פארטיזאנער האָבן באצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס, גייענדיק אין די געטאָס ארויסצונעמען יידן אין די וועלדער אריין. דאָס גיין פיל צענדליקער און ניט זעלטן אויך הונדערטער ק״מ פון די פארטיזאנער־זאָנעס ביז די דראָט־פארצאמטע געטאָס און דאָס ארויסגיין פון זיי מיט געווער און גרופעס באוואָפנטע יידן, איז אויף טריט און שריט געווען פארבונדן מיט לעבנס־סכנה.

מען פלעגט גיין אין די דערבייאיגנדיקע שטעט און שטעטלעך לויט די באפעלן פון די פארטיזאנער־קאָמאנדירן און ברענגען מעדיקאמענטן, ראדיאָס און פיל אנדערע זאכן, אין וועלכע עס האָבן זיך גענויטיקט די פארטיזאנער, אָדער אדורכפירן א דיווערסיע־אקט אין שטאָט און דערביי פלעגט מען ארויספירן יידן.

צו דער זשעטלער יידישער פארטיזאנער־גרופּע, וועלכע האָט זיך געפונען אין די וועלדער ארום מייטשעט זיינען דערגאנגען ידיעות, אז די געטאָ אין זשעטל שטייט ערב ליקווידאציע. עס זיינען גלייך ארויסגעשיקט געוואָרן אין געטאָ פיר יידישע פארטיזאנער: חיים קאָנטאָראָוויטש, שלמה שיפּמאנאָוויטש, פרענקל מיט שעפּסל עלנבערג בראש, בכדי ארויסצופירן פון דאָרטן נאָך יידן און דאָס געווער, וואָס איז געווען פארבאהאלטן אין דער אונטערערדישער מאלינע פון יונה מיעדוויעצקי. דעם 5־טן אויגוסט 1942, פיר א זייגער פארטאָג איז זיי געלונגען אומבאמערקט זיך ארייצובאקומען אין געטאָ דורך די דראָטן. צום אומגליק איז אין א שעה ארום נאָך זייער אריינקום די זשעטלער געטאָ פלוצים ארומגערינגלט געוואָרן מיט א דרייפאכיקן רינג פון מיליטער און פאָליציי. עס איז קלאָר געוואָרן פאר אלע, אז עס רוקן זיך אָן די לעצטע שעהן פון לעבן, אז עס קומט די פולע ליקווידאציע פון געטאָ.

ניט באוויזנדיק נאָך ארויסצונעמען דאָס געווער, האָבן די פארטיי־

זאנער וועלכע זיינען אריינגעפאלן אזוי אומגעריכט אין פאכטקע, באשאָסן דורכצוירייסן דעם דייטשישן רינג מיט שטיינער און פלעקענער נעבן מאָגיעלניצקיס טויער. חיים קאנטאראָוויטש איז גלייך געפאלן פון א מערדערישער קויל. דער העלדישער ניינצן-יעריקער פרענקל פון זשעטל רייסט זיך דורך די דראָטן, אָפּשיסנדיק זיך מיט א פּיסטאָלעט און פאלט טויט אויף יענער זייט געטאָ.

שעפסל עלנבערג ווערט שטערבלעך פארוואונדעט אין ביוק. ער באוויזט זיך נאָך אויפצושטעלן און שרייט אויס מיט די לעצטע כּוחות: „מערדערס, איר וועט פאר דעם אומזיסטן בלוט טייער באצאָלן!". די דייטשן האָבן אויפגעדרייט אויף א פּאָקן שטעכל-דראָט און מיט דעם אים געשלאָגן איבער די וונדן. אין שרעקלעכע יסורים האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה, שרייענדיק כּסדר: „א טויט די דייטשישע מערדערס".

די יידישע פּארטיזאנער, הערש ראָזאנאָוויטש (פּולטוסק) און משה הענעך וולקאָמירסקי (ליטע), האָבן באצאָלט מיט זייערע לעבנס, בעתן ארויספירן יידן פון ווילנער געטאָ צו די פּארטיזאנער אין רודניצקער פּושטשע. אין וועג זיינען זיי ארויפגעפאלן אויף א דייטשישער לויערונג. די צוויי פּארטיזאנער האָבן אויפגענומען דעם ניט גלייכן קאמף, כּדי צו דערמעגלעכן די ארויסגעראטעוועטע, אומבאוואָפנטע יידן צו פארשווינדן. זיי פאלן מיט אויסגעשרייען: „א טויט די דייטשישע מערדערס!".

דער צוועלף-יעריקער בוניע האמער (מינסק) האָט פירנדיק א גרופּע יידן פון מינסקער געטאָ אין די וועלדער צו די פּארטיזאנער זיך אנגעשטויסן אויף א דייטשישער לויערונג און אומגעקומען.

דאָס 12—13 יעריקער יינגל ליאָנעק (ווילנע) איז געקומען אין יאנואר 1943 פון לידער געטאָ צום אָטריאד „איסקרא", אלס פארבינדונגס-מאן פון א גרעסערער גרופּע יידישע יונגטלעכע פון לידער געטאָ, וועלכע האָבן געוואָלט אנטלויפן אין פּארטיזאנקע. צוליב דעם, וואָס די גרופּע איז געווען גוט באוואָפנט, האָט די אָנפירונג פון איסקרא-אָטריאד, וועלכע איז נאָך דאן געווען אין אָרגאניזאציע-סטאדיום, מסכּים געווען זיי אויפצונעמען, און ליאָנעק האָט זיי באלד געבראכט צופירן. ער פלעגט כּסדר ארויספירן קלענערע גרופּעס יידן פון לידער געטאָ. דער אָטריאד פלעגט זיך מיט אים באנוצן אויף צו ברענגען געווער און אויך אויסגעניצט אים צו שפּיאָנאזש צוועקן. שפּעטער איז ליאָנעק צוזאמען מיט נאָך 17 יידן איבערגעשיקט געוואָרן אין ביעלסקיס פאמיליע-אָטריאד. דאָ הויבט זיך ערשט אָן ליאָנעקס אקטיווע טעטיקייט, ארויסצוראטעווען וואָס מער יידן פון געטאָ. אראנק זיין קינדערישן עלטער, ארישן אויסזען און זיין

גוטן ווייסרוסיש איז קיינעם ניט איינגעפאלן, אז דאָס איז א יידיש קינד און ער האָט זיך באוועגט פריי איבער די דערפער.

דער קליינער ליאָנעק רוט ניט. ער איז כסדר אין וועג צום געטאָ און פון געטאָ מיט גרופּעס ארויסגעפירטע יידן. איינמאָל בעת אזא שפּאציר צום געטאָ איז ער אריין אין פאָרשטאט ראשליקי, ביי לידע, צו א באקאנטן פּויער, ביי וועלכן ער פלעגט אלע מאָל נעכטיקן. א שכן, וועלכער האָט חושד געווען, אז דאָס יינגל איז א יידישער, האָט דאָס איבערגעגעבן די דייטשן, וועלכע האָבן דעם קליינעם גלייך ארעסטירט.

ליאָנעק אָריענטירט זיך אין דער לאגע. ער שלינגט אראָפּ די בריוו, וועלכע ער האָט מיט זיך פאר די יידן אין געטאָ פון זייערע קרובים אין פּארטיזאנקע. זעקס וואָכן האָבן אים די דייטשן אומענטשלעך געפּייניקט אין תפיסה, אז ער זאָל ארויסגעבן דאָס זיך אָרט פון די פּארטיזאנער און די פארבינדלערס אין געטאָ. זיי האָבן אים לעבעדיקערהייט געשניטן זיין קינדערישן קערפּער און לסוף אויסגעשטאָכן די אויגן. אָבער דער



**א גרופּע יידישע פּארטיזאנער**
**פון נאליבאָקער פּושטשע**

פון רעכטס צו לינקס: 1) מאיר יוסף איצקאָוויטש (דעווענישאָק) פּארטיזאן פון אָטר. „באלבירישק" (בריג. „קיראָוו", שטשוטשינער-ראיאָן, איווייע), פּאָפּולער אין די וועלדער א. נ. „תל - חי". 2) אבראשע לאָוויט (לידע) פּארט. פון אָטר. „איסקרא" (בריג. „קיראָוו", טעט.-ראיאָן, לידע) 3) דבורה אָקון (האָראָדאָק) פּארט. פון אָטרי „טשקאלאָוו", טעט.-ראיאָן וואָלאָזשין).

העלדישער קינד־פארטיזאן איז געווען שטאָל־שטארק און קיינעם ניט ארויסגעגעבן. ער האָט פון תפיסה דורך א קריסט דורכגעשיקט א בריוו אין געטאָ, וו ער האָט געשריבן: „מען פייניקט מיך שרעקלעך, אָבער זייט רואיק, איך וועל גאָרניט ארויסגעבן. די בריוו האָב איך פארניכטעט".

ראובן ביטענסקי געב. אין א דאָרף ביי מייטשעט איז ארויס פון מייטשעטער געטאָ שוין אין פעברואר 1942 מיט א קליינער גרופע יידן. ער האָט זיך באקאנט מיט א געוויסן פויער קאָליאַס, וועלכער האָט אים פארבונדן מיט די נאָך דאן קליינע גרופעס רוסישע פארטיזאנער פון יענער געגנט. זיי האָבן מסכים געווען אויפצונעמען 50 יונגטלעכע יידן. ביטענסקי איז בסדר געגאנגען אין מייטשעטשער געטאָ, ארויסגעפירט פון דאָרט קליינע גרופעס יידן, אויסבאהאלטן זיי דערווייל ביי די ארומיקע פויערים און געזאמלט געלט אין געטאָ אויף איינצוקויפן געווער. בעת אזא באזוך אין יוני 1943 איז די געטאָ פּלוצעם ארומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשישע מיליטער און פּאָליציי. מיט געציילטע ביקסן האָט ביטענסקים צוגעגרייטע גרופּע געפּרווט דורכרייסן דעם דייטשישן רינג. זיי איז געלונגען צו דערהרגענען צוויי דייטשן, אָבער דער גרעסטער טייל פון דער גרופּע צוזאמען מיט ביטענסקין איז אומגעקומען אין דעם ניט גלייכן געראנגל.

א גרופּע יידישע פּארטיזאנער פון ביעלסקים אָטריאַד איז אוועק אין לידער געטאָ ארויסצונעמען יידן, ווי אויך ברענגען געווער און נויטיקע זאכן פארן אָטריאַד. זיי האָבן נאָך ניט באוויזן צו פארלאָזן די געטאָ, ווי עס איז אָנגעקומען די ליקווידאציע און זיי זיינען צוזאמען מיט אלע לידער יידן ארויסגעפירט געוואָרן קיין מאידאנעק (סעפּטעמבער 1943).

אברהם זארעצקי איז אוועק אין נאָוועמבער 1942 אין סטייפּצער געטאָ ארויסצופירן יידן אין די וועלדער פון קאפּוליער ראיאָן צום אָטריאַד „זשוקאָוו". דער פּאָרזיצער פון יידן־ראַט, מורא האָבנדיק פאר די פּאָלגן, וואָס דאָס קען ברענגען דער געטאָ, האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון געשטאַפּאָ, וו ער איז פארפייניקט געוואָרן צום טויט.

אָקטאָבער 1942 שיקט דער יידישער קאָמאנדיר הירשל קאפּלינסקי דעם פּארטיזאנער מלך צוקערקאָפּ אין דוואָרעצער ארבעטס־לאגער (ביי נאָוואָגרודעק) ארויסצונעמען א גרופּע פּארטיזאנער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ נאָך דער ערשטער אָבלאווע אין די

האַרקער וועלדער (יולי 1942). עס האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין אַ גרופּע פון לערך 70 מאַן. דער דוואָרעצער יידן־ראַט, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט צוגענומען בײַ צוקערקאָפּן זיינע מלבושים און די יידישע געטאָ־פּאָליציי האָט אַרעסטירט די אַלע, וועלכע האָבן געהאַט בדעה אַרויסצוגיין. לסוף האָט מען דערלויבט אַרויסצוגיין פון געטאָ נײַן יידן, וועלכע זיינען ניט געווען רעגיסטרירט אין געטאָ. (דעם 24־טן דעצעמבער 1942 איז דער דוואָרעצער אַרבעטס־לאַגער פון איבער 1.800 יידן ליקווידירט געוואָרן).

די יידן־ראַטן און די יידישע פּאָליציי אין די געטאָס זיינען געווען אין זייער גרעסטן טייל קעגן אַרויספירן יידן אין די וועלדער און האָבן זיך אין פיל פאַלן ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע מיטלען צו שטערן דאָס קומען פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין געטאָ און מיטנעמען מיט זיך יידן. זיי האָבן אויך מורא געהאַט פאַר דער אָנוועזנהייט פון וואַלד־מענטשן אין די געטאָס. די פּאַרטיזאַנער פון זייער זייט האָבן ניט זעלטן אָנגעווענדעט קעגן־מיטלען לגבי דער דאָזיקער טעטיקייט, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ פאַרברעכערישע, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז די יידן, וועלכע בלייבן אין געטאָ, זיינען פאַרמשפּט פריער אָדער שפּעטער צום אומפאַרמיידלעכן טויט. צוליב דער מורא פאַר פּאַרטיזאַנער־נקמה האָבן די יידן־ראַטן און יידישע פּאָליציי געמוזט שווייגן. עס האָט געווירקט אויך דער מאָמענט, אַז עס קען זיי אַליין אויסקומען צו אַנטלויפן אין די וועלדער.

נח ראָטמאַן, (באַראַנאָוויטש) איז אין אָקטאָבער 1942 אוועק מיט אַ גרופּע פון פינף מאַן אין באַראַנאָוויטשער געטאָ אַרויספירן יידן אין פּאַרטיזאַנקע צו דער יידישער גרופּע פון זאַלמאַנאָוויטש, וועלכע האָט זיך געפונען אין די וועלדער אַרום באַראַנאָוויטש. צוויי ק״מ פון באַראַנאָוויטש, לאָזט ער איבער זיינע חברים און קריגט זיך אַליין אַריין אין געטאָ. עס גיט זיך אים איין צו פאַרשטענדיקן מיט דער געהיימער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אים צוגעטיילט פינף מענער און צוויי פרויען מיט געווער אויף אַרויסצוגיין. אין געטאָ־טויער האָט זיי פאַרהאַלטן דער יידישער פּאָליציאַנט פּרץ באָרקאָווסקי, וועלכער האָט געקענט ראָטמאַנען אַלס פּאַרטיזאַן און באַפוילן אים אָפּצוגעבן דאָס געווער. ניט וועלנדיק מאַכן קיין טומל אַרום טויער, גייען אַלע אוועק אין יידישן פּאָליציי־אַמט, וו עס איז אויך געווען די געטאָ־תפיסה. אַריינקומענדיק האָבן די פּאַרטיזאַנער אַרויסגעכאַפּט די רעוואָלווערן און

טעראָריזירנדיק די פּאָליציי האָט זיי זיך איינגעגעבן ארויסצופירן נאָך דרייסיק מאן פון געטאָ, איבערשניידנדיק די געטאָ־פּארצוימונגען. דער פּאָליציי האָט מען געוואָרנט, אז אין פאל פון א טומל, וועלן מיט זיי זיך אָפּרעכענען די פּארטיזאנער, און דאָס האָט געווירקט...



דוד פלאָטניק (פּינסק)
קאָמאנדיר פון א דיווערסיע ראָטע
אין רוסישן אָטריאד „קאלינין".
אויסגעצייכנטער און באָרדנטער
פּארטיזאן.

די קאָמאנדירן פון יידישע אָטריאדן האָבן כסדר געשיקט בריוועלעך דורך פויערים און פּארטיזאנער, רופנדיק ארויסצוגיין פון די געטאָס און צו נעמען נקמה. א גרופּע פון 10 פּארטי־זאנער פון נאטשער פּושטשע האָט ארויסגעפירט אין יוני 1943 פערציק יידן פון ווילנער געטאָ.

דער יידישער אָטריאד א. נ. „קאנאנאָוויטש ל. מ." (מיאָרער־דיסנער געגנט), האָט ארויסגע־ראטעוועט פיל יידן פון גלובאָקער געטאָ.

די 12־יעריקע סימעלע פּאטערסאָן, איז א וועג־ווייזערין פאר הונדערטער יידן פון מינסקער געטאָ אין וואלד. דער יונגער דוד'ל קליאָנסקי גייט 12 מאָל פון מינסקער געטאָ אין וואלד מיט גרעסערע גרופּעס יידן.

דער העלדישער יידישער בּאראנאָוויטשער פּארטיזאן יצחק מעדרעש („איטשע קאצאפּ") איז אייניקע מאָל געקומען פון די פּאָלעסיער וועלדער ווו ער איז געווען אין א דעסאנט־דיווערסיע־גרופּע, אין בּאראנאָוויטשער געטאָ און ארויסגעפירט יידן.

די ברידער ליפּניק האָבן ארויסגעפירט אייניקע מאָל יידן פון בּאראנאָוויטשער געטאָ. לייזער לידאָווסקי (בּאראנאָוויטש), האָט ארויס־געפירט 12 מאן פון די ארבעטער ביי דער בּאראנאָוויטשער ס. ד. אין דער ליפּסקער פּושטשע.

א לידער יידיש מיידל, רובינאָוויטש (אין מלחמה־צייט, געלעבט אין באַראַנאָוויטש), איז אדאנק איר אַרישן אויסזען כסדר געגאנגען אין באַראנאָוויטשער געטאָ און אַרויסגעפירט יידן אין פּאָלעסיער פּאַרטיזאנקע ווו זי האָט געהערט צו א ספּעץ־דיווערסיע־גרופּע און געגאָלטן, ווי אַן אויסגעצייכנטע יידישע קעמפערין.

די פּאַרטיזאנער פון ביעלסקים אָטריאַד: לייב פּערדמאַן, לייב אָרזשעכאָווסקי (לידע), אלי בליאכער (וואָראָנאָווע), מ. י. איצקאָוויטש (דעוועניש־אָק) און די פּאַרטיזאנער פון „איסקרא": רובינשטיין (לידע), ברידער פעלדמאַן (לאָדזש), ווילענסקי, י. מאזאָוויעצקי (שטשוטשין) און פיל אנדערע האָבן ארויסגעפירט א גרעסערע צאָל יידן פון לידער געטאָ.

טוביה לייבאָוויטש (נאָוואָגרודעק), האָט אין אָקטאָבער 1942 ארויסגעפירט 50 יידן פון נאָוואָגרודקער געטאָ אין ליפּיטשאנער פּושטשע צום אָרליאנסקי־אָטריאַד. די פּאַרטיזאנער פון ביעלסקים אָטריאַד: בן־ציון גולקאָוויטש, משה רעזניק און בערנשטיין גנבענען זיך אַריין ביינאכט דורך אַן אויפגעריסן ברעטל פון פּארקאַן אין געטאָ. זייערע ביקסן פארבאַהאלטן זיי אונטער די קוסטעס הינטערן שטאָט און לאָזן ביי זיך בלויז קורצע קעשענע־געווער. זיי פארבאַהאַלטן זיך, איידער די מיטגלידער פון יידן־ראַט קומען פאָדערן זייער געווער און מיט דראָונגען געלינגט זיי ארויסצופירן פון געטאָ פערציק יידן.

זרח קרעמיען (ביעליצע), האָט ארויסגעפירט איבער הונדערט יידן פון סלאָנימער געטאָ און פיל געווער.

ישראל מאַכטיי איז אין אויגוסט 1942 אנטלאָפן פון סטייפּצער געטאָ אין די וועלדער פון קאָפּולער ראַיאָן מיט צוואנציק יידן. ער האָט אָבער ניט געקענט רוען, וויסנדיק, אַז ער האָט איבערגעלאָזן אין באַראַנאָוויטשער ארבעטס־לאַגער זיינע צוויי יינגערע ברידער. סעפּ־טעמבער 1942 קומט ער פון וואַלד אין באַראַנאָוויטש, איבערגעטאָן ווי א וויים־רוסישער פויער, גייט צו צו דער טויער־וואַך און בעט ארויסרופן מאַכטייען, וועמען ער וויל איבערגעבן א חוב. די זעלביקע נאַכט אנטלויפן זיינע צוויי ברידער מיט נאָך עטלעכע יידן פון לאַגער. פון דאָרט גייט ער אוועק אין באַראַנאָוויטשער געטאָ, וו עס געלינגט אים ארויסצונעמען א גרופּע יידן פון לערך פערציק מאַן, פון וועלכע א גרויסער טייל איז געוועזן באוואָפנט. אויך יהושע אָפּנהיים איז אריין אין נאָוואָגרודקער געטאָ פארמאַסקירט אלס קריסט. אין גרעסטן טייל אָבער פלעגן די, וועלכע זיינען געגאנגען ארויסנעמען יידן פון די געטאָס, אריינגייענדיק

אין שטאָט, ארויפליינן צוריק די געלע לאטעס. צוזאמען מיט די זיך אומקערענדיקע יידישע ארבעטער-קאָלאָנעס פון שטאָט, פלעגן זיי זיך אריינשלייכן אין געטאָ.

בעתן אנטלויפן פון צאלקע קרעמער מיט א גרופע יידן נאָך דער שחיטה פון גלובאָקער געטאָ, האָבן די דייטשן זיי באמערקט און אויפ-געעפנט א שטארקן פארפאָלגונגס-פייער. עטלעכע יידן זיינען שטארק



## בנימין באראן

פאָפולער אונטערן פסעוודאָנים „לאָמאי פאָסודו". אויסשפירער און דיווערסאנט פון אָטריאד „וואָראָשילאָוו". אויסגעצייכנטער, באַ-אָרדנטער פארטיזאן.

פארווונדעט געוואָרן און עס האָט זיי געדראָט, געכאפט צו ווערן לעבעדיקע דורך די דייטשן. קרעמער טראָגט זיי אליין איבער אויף זיין פלייצע אין א זיכערן אָרט, אָרגאניזירט מעדיצינישע הילף און שפייז און ראטעוועט די גאנצע גרופע. (געפ. 28-טן יוני 1944 אין דאָרף וואסילעוויטש, נעבן קאזאן אין א שלאכט קעגן א דייטש-ליטווישן גארניזאָן).

יידישע קאָמאנדירן און פּארטיזאנער האָבן כסדר געטראכט און אויסגעארבעט פּלענער וועגן אָנפאלן אויף די גארניזאָנען פון די שטעט, וו עס זיינען געווען געטאָס, בכדי אין אנטשטאנענעם כאאָס זאָל די יידישע יוגנט האָבן א מעגלעכקייט צו אנטלויפן אין די וועלדער.

ליידער, זיינען אין 1943-טן יאָר, ווען די פּארטיזאנער האָבן שוין מיט זיך פאָרגעשטעלט א כוח, אויף צו קענען אָנפאלן אויך אויף שטעט, שוין כמעט קיין געטאָס ניט געווען. די איינציקע, געציילטע געטאָס אָדער ארבעטס-לאגערן מיט א קליינער צאָל יידן זיינען געוואָרן זאָרגפול אָפּגעהיט פון די דייטשן און צוליבן סטאנציאָנירן דאָרט פון שטארקע גארניזאָנען איז ניט אלע מאָל געווען א מעגלעכקייט אויפצונעמען מיט זיי א פארמעסטונג.

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט דער יידישער קאָמאנדיר פון דער 51-טער יידישער גרופּע ביים אָטריאד „שטשאָרס“, פּיאָדראָוויטש, אויסגעארבעט דעם פּלאן וועגן דעם אָנפאל אויפן קאָסאָווער גארניזאָן, בעת וועלכן עס זיינען באפרייט געוואָרן לערך 500 יידן, און די יידישע גרופּע האָט גענומען אין אים אן אקטיוון אָנטייל.

דער יידישער קאָמאנדיר פון אָטריאד „זשוקאָוו“, גילטשיק מ. נ., באפולמעכטיקט הירשל פּאָסעסאָרסקי ארויסצוראטעווען די יידן פון סוויערזשנער ארבעטס-לאגער. די דייטשן האָבן דאָרט צוזאמענגעטריבן די רעשטלעך יידן נאָך די גרויסע שחיטות פון טורעץ, סטייפּץ א. אנד. ארומיקע ישובים און צוזאמען מיט די סוויערזשנער יידן זיינען זיי געווען באשעפטיקט אין גרויסן טארטאק, וועלכער האָט געארבעט טאָג און נאכט פאר די באדערפענישן פון דייטשישן פראָנט. דער יידן-ראט פון סוויערזשנע האָט זיך מיט אלע כוחות באמיט ניט צו דערלאָזן די יידן צו אנטלויפן אין וואלד. דער יידן-ראט האָט געטענה׳ט, אז כל-זמן דער טארטאק ארבעט, וועט די יידן קיין שלעכטס ניט געשען און דאָס אנטלויפן פון יחידים קען גורם זיין א קאָלעקטיווע שטראָף פאר די פארבליבענע.

דעם 29-טן יאנואר 1943, איז הירשל פּאסעסאָרסקי, מיט א רעוואָלווער און א שער אין די קעשענעס, ארייננגעפאָרן אין טארטאק אין מיטן העלן טאָג אויף א פּויעריש פורל, וואָס איז געפאָרן נאָך ברעטער. ער האָט זיך אויסגעמישט מיט די ארבעטנדיקע יידן און פארנאכט איז ער צוזאמען מיט זיי אריין אין געטאָ. שוין פריער האָט פּאסעסאָרסקי אָנגעהאלטן א קאָנטאקט מיט דער אונטערערדישער

פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין לאַגער און דער גערדאַנק וועגן אַנטלויפן אין די וועלדער איז שוין געווען רייף. ער גיט איבער קאָנספּיראַטיווע אינסטרוקציעס די אָנפירערס, ווי צו האַלטן זיך בײַם אַרויסגאַנג, און ווען עס ווערט גוט פינסטער, שנײַדט מען איבער די דראָט־פאַרצוימונגען אין דעם הינטערשטן טייל פון לאַגער, וואָס ציט זיך צו די פעלדער אויסער דער שטאָט און ווו א טייכל שנײַדט איבער אינדערמיט דאָס פעלד, צוליב וואָס די שמירה איז אויף דעם אָרט געווען א קלענערע. עס גיט זיך איין גליקלעך אַרויסצוגיין בערך 220 מאַן. איין טייל מיט פּאַסעסאָרסקין בראש איז אַוועק מיט א גרופּע פון 160 יידן און זײַנען באַגעגנט געוואָרן 8 ק״מ פון סוויערזשנע דורך יידישע פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיי געאײַלט צו הילף און אָרגאַניזירט פורן פאַר די קראַנקע און שוואַכע. דער צווייטער טייל, האָט זיך געלאָזט אין אַן אַנדער ריכטונג. נאָך א קורצער צײַט קומען אָן אַלע געראַטעוועטע אין אָרליקער וואַלד (ווינער ראַיאָן).

אַלתר דוואָרעצקי האָט קומענדיק אין וואַלד (20־טן אַפּריל 1942) מיט זײַן קליינער גרופּע פון זשעטלער געטאָ גלייך אָנגעהויבן דרינגלעך פאָדערן אָנצופאַלן אויפן זשעטלער גאַרניזאָן און אַזוי אַרום באַפרײַען די יידישע יוגנט. צו דוואָרעצקין זײַנען דערגאַנגען ידיעות דורך זײַנע פאַרבינדונגס־מענטשן, אַז די דײַטשן גרייטן צו אויף דעם 30־טן אַפּריל 1942 א שחיטה אין זשעטלער געטאָ. די צײַט איז געווען קורץ. מען האָט געמוזט אונטערנעמען א באַלדיקע אַקציע. די פאַרטיזאַנער אונטער דער אַנפירונג פון אַלתר דוואָרעצקי, מיט דער הסכמה פון רוסישן קאָמאַנדיר קאָליע וואַכאָנין, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן אויף זשעטל, שטעלנדיק פאַר זיך פאָלגנדיקע צילן:

1) איין גרופּע האָט באַדאַרפט איבעררײַסן די טעלעפאָן־פאַרבינדונגען, אַז די דײַטשן זאָלן ניט קענען צונויפרײדן זיך מיט די שכנותדיקע גאַרניזאָנען.

2) די צווייטע גרופּע האָט אין דער זעלביקער צײַט באַדאַרפט מאַכן א קאָנצענטרירטן אָנפאַל אויף דער זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי, בכדי אין אַנטשטאַנענעם כאַאָס זאָל די יידישע באַפעלקערונג אַרויסלויפן פון געטאָ. צוקומענדיק צום קריסטלעכן בית־עולם (200—300 מעטער פון זשאַנדאַרמעריע־בנין), האָבן זיי זיך דערוווּסט דורך א פויערישן אויסשפּירער, אַז אין זשעטל איז אָנגעקומען א גרויסער דײַטשישער כוח אויף אַדורכצופירן די שחיטה. די רוסישע פאַרטיזאַנער האָבן זיך גלייך

אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער געוואגטער אונטערנעמונג און פון דעם גאנצן פּלאן איז גאָרניט געוואָרן.

אויך ביעלסקים אָטריאַד האָט זיך אַ לענגערע צייט ארומגעטראָגן מיטן געדאנק אָנצופאלן אויפן נאָוואָגרודקער גארניזאָן און באפרייען פון געטאָ די אייניקע הונדערט יידן, וועלכע זיינען דורך די דייטשן אלס „נוצלעכע יידן" צייטווייליק איבערגעלאָזן געוואָרן, אָבער וועמענס אומקום איז געווען אַ זיכערער. צוליב דעם זייער שטארקן גארניזאָן און די קליינע כוחות, מיט וועלכע ביעלסקי האָט דיספּאָנירט, האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון פּלאַן.

די יידישע יוגנט, וועלכע קומט אין וואלד מיט געווער, נעמט אין שוץ די פאמיליעס, וועלכע זיינען ניט באוואָפנט, זאָרגט פאר זיי און אָרדנט זיי איין. אדאנק דעם בלייבן פון די ברידער ליפשין און וואָלאך אין די קאזאנער וועלדער צוזאמען מיט די פאמיליע-גרופּעס, לעבן איבער פיל יידן די מלחמה. אלעק אבוגאָוו זאָגט זיך אָפּ אוועקצוגיין מיט דער גאנצער גרופּע פּארטיזאנער אויף מזרח און באשליסט בלייבן אין די פינסקער וועלדער, ווייל דאָרט איז געווען אַ פאמיליע-לאגער פון אומבאוואָפנטע יידן, אנטלאָפענע פון ארומיקע שטעטלעך און ישובים. אבוגאָוו טרעט צו מיט פיל ענערגיע צו אָרגאניזירן די יידישע יוגנט. זיינע מיטהעלפערס אין דעם זיינען געווען: שמואל פּורים, ברוך מאנקאָווסקי (ביידע אין א"י), משה בראָמבערג (געפאלן) און לאזאר (אמעריקע).

שפּעטער שליסט זיך די גרופּע איין אין רוסישן אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", אָדער ווי ער איז געווען באקאנט אין אומגעגנט א. נ. פון קאָמאנדיר „מיסורא". אלעק אבוגאָוו ווערט נאָמינירט אלס קאָמאנדיר פון רייטער-אויסשפּיר-דינסט, וווּ ער צייכנט זיך באזונדערס אויס.

דער שלום-בית צווישן אלעק אבוגאָוו און דער קאָמאנדשאפט פון אָטריאַד האָט לאנג ניט אָנגעהאלטן. מיסורע האָט פארן אוועקגיין אין אַ צווייטן מער זיכערן ראיאָן, ארויסגעטריבן פון אָטריאַד 10 יידישע מיידלעך, וועלכע זיינען געווען באשעפטיקט אין קיך, און אויף זייער אָרט צוגענומען אוקראינקעס פון די ארומיקע דערפער. אלעק אבוגאָוו האָט ניט געקענט אריבערגיין שטיל-שווייגנדיק איבערן שרייענדיקן אנטיסעמיטישן פאל און שארף פּראָטעסטירט קעגן אזא האנדלונג. זעענדיק, אז ער קען ניט באווירקן מיסורען, אז ער זאָל ענדערן זיין באשלוס, דעצידירט ער זיך אויף אַ געוואגטן שריט און פארלאָזט אלס פּראָטעסט צוזאמען

מיט די איבעריקע 12 יידן דעם אָטריאַד. די יידישע פּאַרטיזאַנער באַשליסן ניט צו לאָזן די יידישע 10 מיידלעך אויף הפקר און גייען מיט זיי אוועק צום האַלב־יידישן אָטריאַד „קרוק", נעבן וועלכן עס האָט עקזיסטירט א יידישער פאַמיליע־לאַגער. מיסורא דערוויסנדיק זיך וועגן פאַרשווינדן פון אַבוגאַוס גרופּע, שיקט דעם אָטריאַד־דאָקטאָר ערליך מיט א בריוו, אין וועלכן ער האָט צוגעזאָגט צו ענדערן זיין באַשלוס וועגן די 10 מיידלעך און געבעטן זיי צוריקקערן זיך. אַבוגאַוו ענטפערט מיט א פאָדערונג צו באַזייטיקן דעם שטאַב־נאַטשאַלניק און אָטריאַד־קאָמיסאַר, וועלכע זיינען אָפענע אַנטיסעמיטן. מיסורא וואַרפט אָפּ די פאָדערונג און פאַרלאָזט דעם ראַיאָן.

אין וואַלד זיינען געבליבן 12 באַוואָפנטע יידישע פּאַרטיזאַנער און העכער 250 אומבאַוואָפנטע יידן פון פאַמיליע־לאַגער.

די באַנדעראָווצעס, דערוויסנדיק זיך, אז מיסורא האָט פאַרלאָזט די געגנט, האָבן געמאַכט באַלד צוזאָרגנס אן איבערפאַל אויפן פאַמיליע־לאַגער (3־טן מאַי 1943). די באַוואָפנטע יידישע 12 פּאַרטיזאַנער נעמען אויף דעם ניט גלייכן קאַמף מיט די איבערוויגנדיקע כוחות פון פון די באַנדעראָווצעס, געבנדיק דערמיט א מעגלעכקייט די אומבאַוואָפנטע איבערגעשראָקענע זקנים, פרויען און קינדער פון פאַמיליע־לאַגער צו אַנטלויפן טיפער אין וואַלד. 46 יידן זיינען דאַן געפאַלן אין רעזולטאַט פון דעם רוצחישן איבערפאַל פון די באַנדעראָווצעס. 180 ק"מ האָט די יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אדורכגעמאַרשירט, מיטמאַכנדיק פיל געפאַרן און צוזאַמענשטויסן, ביז זי איז אָנגעקומען צום אָטריאַד „קרוק", וווּ די יידישע מיידלעך זיינען אויפגענומען געוואָרן.

די יידישע קאַמפּס־פעיִקע באַוואָפנטע יונגטלעכע קלייבן אויס דעם דערנער־וועג פון בלייבן אין יידישע פאַמיליע־אָטריאַדן, אנשטאָט צו גיין אין רוסישע אָטריאַדן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט לאָזן אויף הפקר די ניט־קאַמפּס־פעיִקע. קליינע גרופּעס באַוואָפנטע יונגטלעכע באַזאָרגן מיט שפּייז און באַשיצן גרויסע פאַמיליע־אָטריאַדן (ביעלסקי, זאָרין, גילטשיק, קאַגאַנאָוויטש א. א. וו.). א זאַך, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט טויט־סכנה פון אַלע זייטן. זיי באַטראַכטן עס פאַר זייער הייליקן חוב און זיי האָבן זייער פליכט דערפילט בכבוד.

יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגעצוווּנגען פויערים צו באַהאַלטן און אויסצוהאַלטן יידישע ניט קאַמפּס־פעיִקע עלעמענטן; פרויען, קינדער,

זקנים א. ד. גל. און געמאכט פערזענלעך פאראנטוואָרטלעך די פויערים פאר זייער לעבן.

אזוי האָט יוסף אָלשאנסקי (ראָקיטנע), א פארטיזאן פון „קאָטאָווסקי" אָטריאד, געטראָפן אין וואלד א גרופע אָפּגעריסענע, הונגעריקע יידישע פרויען און קינדער. ער האָט אויפגעצוווּנגען די פויערים אויפצונעמען און אויסצוהאלטן זיי. דער זעלביקער אָלשאנסקי האָט דערשאָסן דעם לערער פון דאָרף קאראסין (וואָלין), ווייל ער האָט געדראָט דעם דאָרף-עלטסטן מיט מסרן דער געשטאפּאָ, אויב ער וועט ניט פארטרייבן די יידן פון דאָרף.

יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאהאלטן אין דאָרף בערעזאנצי (וואָראָנאָווער ראיאָן), האָבן איבערגעגעבן די יידישע פארטיזאנער פון רוסישן אָטריאד „איסקרא", אז דער דאָרף-עלטסטער טרייבט זיי פון דאָרף, דראָענדיק אין קעגנפאל מיט ארויסגעבן זיי די דייטשן. די פארטיזאנער זיינען מיט דער הסכמה פון דער אָטריאד-קאָמאנדשאפט אוועק אין דאָרף און עפנטלעך געגעבן 25 שמיץ דעם דאָרף-עלטסטן, וואָרענענדיק אים, אז אין פאל פון איבערחזרן זיך פון אזעלכע דראָונגען, וועט מען אים דערשיסן.

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָבן די יידישע פארטיזאנער, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאר קיין שום זאך, אונטערגעשטיצט מיט שפּייז און מלבושים די פאמיליע-אָטריאדן.

די 52 יידישע פארטיזאנער פון אָטריאד „ספּארטאק" האָבן אויסגעהאלטן א פאמיליע-לאגער פון 85 פרויען, קינדער און זקנים. אויך דער אָטריאד „קאגאנאָוויטש ל. מ." (מיאָר — דיסנער ראיאָן), האָט אויסגעהאלטן לעבן זיך מיט אלעם נויטיקסטן פאמיליע-גרופּעס אין די וועלדער פון יענער סביבה.

אליהו אריעוויטש (ראדון) איז געקומען אין נאטשער פּושטשע דעם 10-טן מאי 1942. ער האָט גלייך אָרגאניזירט א גרופּע, זי באוואָפנט און באוויזן, ווי מען קען לעבן אין וואלד. ער האָט אָנגעהויבן מיט איינציקע און לסוף האָט זיין גרופּע געציילט ביז הונדערט מאן. די גרופּע האָט טאקע שפּעטער געטראָגן זיין נאָמען און געהייסן „עלקעס גרופּע". די קאָמאנדשאפט פון אָטריאד „לענינסקי קאָמסאָמאָל" האָט אים באשטימט אלס קאָמאנדיר פון פאמיליע-לאגער און פארפליכטעט אים אויסצוהאלטן, שיצן און זאָרגן פאר די ניט קאמפס-פעיקע יידן. עלקע האָט זיין אויפגאבע אויסגעפירט בשלמות. ווי נאָר ער פלעגט זיך דערוויסן, אז אין פּושטשע

זיינען אָנגעקומען יידן פון געטאָ, פלעגט ער ארויספאָרן זיי באַגעגענען, פארלייכטערן זייער וועג און ברענגען זיי אין לאגער. ער האָט זיך באמיט, אז די אומגליקלעכע יידן זאָל פון גאָרניט פעלן. זייערע שפייז־פּראָוויאַנט פלעגט ער מאַכן אויף דער אייגענער האנט מיט געווער — א זאַך, וואָס האָט ארויסגערופן א קעגנערשאַפט ביי די פארטיזאנער און לסוף געבראַכט צו זיין פריצייטיקן טויט.

יעקב מאגאדאָווסקי (גראָדנע), אליין א קעמפערישער פארטיזאן אין א רוסישן אָטריאַד פון נאטשער פושטשע, פלעגט זיך פרייוויליק מעלדן און בעטן דעם אָטריאַד־קאָמאַנדיר דערלויבנישן אויף צו באַזאָרגן די פאמיליע־לאַגערן מיט פּראָדוקטן דורך אדורכפירן פאר זיי ווירטשאַפט־לעכע אויפגאַבעס.

סאשע סטאָקליצקי (ווילנע), פארטיזאן פון „זשוקאָוו"־אָטריאַד, איז שווער פארוואונדעט געוואָרן אין דאָרף מושקי (קלעצקער געגנט), בעתן דורכפירן א ווירטשאַפטס־אויפגאַבע פאר די אומבאַוואָפנטע יידן.

אשר מאנקאָווסקי (דאָמבראָוויץ), פון וואָראָשילאָוו־אָטריאַד, האָט פיל מיטגעהאָלפן דעם שכנותדיקן פאמיליע־לאַגער, וואָס האָט געציילט בערך 250 פּערזאָן, מיט שפּייז און קליידער. ווען ער איז געפאַלן, האָט דער הילפסלאָזער לאַגער געטרויערט נאָך אים, ווי נאָך א פאָטער.

דער פארטיזאן פון 4־טן אָטריאַד (בריג. „ספארטאַק") הענאָך קאַגאַן (סטאָיאַצישאָק) איז געשיקט געוואָרן מיט נאָך דריי פארטיזאנער אויף א לויערונג ביי א בריק איבערן טייך דיסענקע (נעבן דאָרף אוסטיע,ווידזער ראַיאָן), בכדי אָפּצוהאַלטן די דייטשן, וועלכע האָבן געגרייט אן איבערפאַל.

פון איבערפאַל פון שונא וואָלט אין דער ערשטער ריי געליטן דער יידישער פאמיליע־לאַגער. די פיר פארטיזאנער האָבן עס געדאַרפט פארהאַלטן דעם שונא, ביז דער אָטריאַד וועט קומען אויפן קאַמפּס־פּלאַץ. די דייטשן האָבן אויף זיי געעפנט אזא שטאַרקן פייער, אז די פארטיזאנער האָבן זיך געוואָרפן אין טייך און גליקלעך אָפּגעשווומען פון קאַמפּס־פּלאַץ. הענעך, זייענדיק פארוואונדעט אין דריי ערטער, האָט די פּאָזיציע ניט פארלאָזן און אָנגעהאַלטן דאָס פייער. ווען דער שונא האָט אים אינגאַנצן ארומגערינגלט און שוין אויסגעשטרעקט די האנט נאָך אים, האָט ער זיך אויפגעריסן מיט א גראַנאַט.

דאָס אָפּהאַלטן דעם שונא א האַלבע שעה, ביז עס איז אונטער־געקומען דער אָטריאַד, וועלכער האָט פאַריאָגט די דייטשן, האָט

געראַטעוועט דעם יידישן פאמיליע־לאגער פון פארניכטונג. הענעך האָט דערפאר באצאָלט מיט זיין יונגן לעבן.

אברהם טענצער (זאבּאָלאָטש, ראדונער קרייז) פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל", איז געפאלן בעתן דורכפירן א ווירטשאפטלעכע אויפגאבע פאר די פאמיליע־גרופעס אין נאטשער פושטשע. פאָרנדיק צוריק מיט זיינע 4 חברים אויף דריי פורן פארגרייטע פראָדוקטן, האט זיי באגעגנט א גרופע יידן פון פאמיליע־לאגער, וועלכע האָבן געבעטן דורכפירן אויך פאר זיי א פראָדוקטן־זאמלונג ביי די פויערים, ווייל זיי אליין האָבן ניט קיין געווער. די פינף יידישע פארטיזאנער האָבן רחמנות געהאט אויף די אומגליקלעכע יידן און איבערלאָזנדיק זייערע פורן מיט די פראָדוקטן ביי באקאנטע פויערים, געלאָזן זיך ווידער אין דאָרף נאָך עסנווארג. אויפן וועג זאבּאָלאָטש־גוטענשקי האָבן זיי פלוצעם אָנגעטראָפן אויף דייטשן, וועלכע האָבן געעפנט א שטארקע שיסעריי אויף זיי און טענצער איז געפאלן א קרבן.

איליא גרייס, האָט געטאָן וואָס נאָר מעגלעך אויף צו שטיצן די פאמיליע־גרופעס פון נאטשער פושטשע. ער פלעגט זיי אָפט באזוכן, איבערגעבן די לעצטע נייסן פון ראדיאָ און טרייסטן, אז דער טאָג פון נצחון איז נאָנט.

גרשון יאנקעלעוויטש (ברעסלאוו, ווילנער קרייז) איז העלדיש אומגעקומען ביים פארטיידיקן א יידישע פאמיליע־גרופע אין נאטשער פושטשע. גייענדיק פון זיין לעצטער קאמפס־אויפגאבע צו ברענגען 4.000 קוילן פון א פויער אין דאָרף פריוואָזיע (ראדונער געגנט), איז ער אריין אין א יידישן פאמיליע־לאגער. ער מיט נאָך דריי יידישע פארטיזאנער האָבן אויסגענוצט די ליידיקע צייט אויף צו זאמלען פאר זיי פראָדוקטן ביי די פויערים. אויף צו מאָרגנס, ווען אלע זיינען נאָך געשלאָפן, איז דער לאגער באפאלן געוואָרן דורך באוואָפנטע ליטווישע באנדיטן פון די ארומיקע דערפער. זעענדיק, אז עס דראָט א געפאר פאר די אומבאוואָפנטע יידן, האָט ער מיט די איבעריקע חברים געעפנט א פייער און דערמיט אָפגעהאלטן דעם פאָרויסמארש פון די מערדערס און געגעבן אזוי ארום א מעגלעכקייט אלעמען צו אנטלויפן. ווען ער האָט זיך דער לעצטער געוואָלט צוריקציען, איז ער דערשאָסן געוואָרן.

בעתן ראשיקן צוריקטריט פון די דייטשן פון וויטעבסק, האָבן זיי פארבלאָקירט די וועלדער, בכדי צו זיכערן דעם ריקצוג פון דער אָפטרעטנדיקער ארמיי.

די 4־טע ווײס־רוסישע פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע פֿון לעאָניד סאָזיקין, שלאָגט זיך אַדורך דורך דער בלאָקאַדע און ציט אָפּ אירע הויפּט־כּוחות צו די קאַזאַנער וועלדער.

מאיר סאַווינסקי (פּאָלאָצק), פּאָליטישער־אָנפֿירער פֿון דער א. ד. בריגאַדע האָט אָבער ניט געוואָלט איבערלאָזן אויף הפקר די שוצלאָזע ייִדן פֿון ייִדישן פֿאַמיליע־לאַגער און בלײַבט דאָרט זוכן אַן אויסוועג ווי אַרויסצופֿירן זיי פֿון דער אַרומרינגלונג. די דײַטשן באַשיסן זייער שטאַרק דעם אָרט פֿון פֿאַמיליע־לאַגער. עס פֿאַלן פֿיל ייִדישע קרבנות און צווישן זיי אויך דער פּאָליטרוק מאיר סאַווינסקי. ער איז באַערדיקט געוואָרן אין די מיסייער־בלאָטעס (מיאָרער ראַיאָן).

אויך משה האָפּמאַן (מיאָר) האָט אָפּגעגעבן זײַן יונגן לעבן בכדי צו ראַטעווען ייִדן. אין דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע פֿון קאָמאַנדיר סאָזיקין פֿירט ער אויס די פֿונקציע פֿון אַן אויסשפּירער. ער איז איינער פֿון די וויכטיקסטע נקמה־נעמער און דערשיסט עפּנטלעך „פּערעד סטראָיעם“ (פֿאַר די רייען פֿון די אויסגעשטעלטע פּאַרטיזאַנער) אַ געוויסן פֿויער זענוס, וועלכער האָט איבערגעגעבן אַ גרופּע ייִדן אין דײַטשישע הענט.

ענדע פֿעברואַר 1944, האָט דער קאָמיסאַר פֿון 6־טן אָטריאַד באַפֿוילן די דרײַ ייִדישע פּאַרטיזאַנער: משה האָפּמאַן, לייב בערזאָן (דיסנע) און יצחק אַראָן (מיאָר) זיי זאָלן אויסשפּירן די דײַטשישע כּוחות פֿון מיאָרער גאַרניזאָן און אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט פּוילישע פּאַטריאָטן.

אויף צוריקוועגס צום אָטריאַד, אויפֿן שאָסיי דיסנע־מיאָר (נעבן דאָרף יאַקובאָווטשיזנע), ווערן זיי פּלוצעם אַרומגערינגלט פֿון אַן ערך 100 דײַטשן און פּאָליציסטן. זיי באַפֿוילן די ייִדן זיך אונטערצוגעבן. אַלס ענטפֿער עפֿנט האָפּמאַן אַ פֿײַער פֿון זײַן קאַראַבינקע און דערהרגעט עטלעכע דײַטשן, זייענדיק דרײַ מאָל פֿאַרווונדעט, דעקט ער מיט זײַן קערפּער דעם צוריקטריט פֿון זײַנע חברים, וועמען עס געלינגט זיך צו ראַטעווען. אַ קויל, וועלכע רײַסט אים אַראָפּ דעם שאַרבן, מאַכט אַ סוף צו זײַן העלדישן לעבן.

בײַ זײַן קבֿורה האָט דער אָטריאַד־קאָמיסאַר קאַרפּאָוו צוז. אַנד. געזאָגט: „עס איז געפֿאַלן איינער פֿון די העלדישסטע און דרייסטע פּאַרטיזאַנער פֿון אונדזער בריגאַדע“.

די ייִדישע ווירטשאַפֿטס־קאָמאַנדירן („סטאַרשינאַס“) אין די רוסישע אָטריאַדן לאָזן ניט דורך קיין געלעגנהייט אויף צו באַזאָרגן מיט שפּײַז

די פארצווייפלטע און הונגעריקע ברידער פון די פאמיליע-לאגערן, הגם דאָס איז אין פיל ראיאָנען געווען שטרענג פארבאָטן.

דער סטארשינא פון אָטריאד „לאזאָ" (פינסקער בריגאדע), דער 27-יעריקער יידישער בחור, אהרן קאראלינסקי האָט אויסגענוצט זיין פאָפולאריטעט אלס העלדישער פארטיזאן און האָט פיל געהאָלפן מיט פראָדוקטן די צוויי פאמיליע-לאגערן פון פאָלעסיער יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען בשכנות פון א. ד. אָטריאד (ביי די דערפער וויטשיטש און דיפערענץ — פאָלעסיע).

דער „סטארשינא" פון דער 2-טער ראָטע אין „זשוקאָוו"-אָטריאד, עוזר מאזע, (סטייפיץ), פלעגט אומקערנדיק זיך פון א געלונגענער „באָמביאָזשקע" (ווירטשאפטס-אָפעראציע), ספעציעל דורכפאָרן דורך די פאמיליע-לאגערן און זיי איבערלאָזן א טייל פון די באקומענע פראָדוקטן. ער פלעגט אויך כסדר אויפמונטערן און אונטערהאלטן דעם בטחון, אז „מיר וועלן זיי איבערלעבן!"

מיכל פיש (ניעסוויעזש), פארטרעטער פון אָטריאד-קאָמאנדיר א. נ. „זשוקאָוו" איז געווען ווי א פאָטער צו די יידן פון סוויערזשנער לאגער. ווען פאָנאָמאָרסקי האָט געבראכט די ארויסגעראטעוועטע יידן פון סוויערזשנער לאגער, האָט פיש זיי פארזאָרגט מיט עסן, קליידונג און מעדיצינישער הילף. מען קען מיט זיכערהייט זאָגן, אז אדאנק אים, זיינען די אומבאהאָלפענע ניט קאמפס-פעיקע סוויערזשנער יידן אויפגעהאלטן זיך גאנצע דריי מאָנאטן אין אָטריאד. נאָך דער גרויסער בלאָקאדע אין האנצעוויטשער ראיאָן (מערץ 1943), ווען די קאָמאנדשאפט האָט ארויסגעשיקט פון אָטריאד העכער 50 יידן אין א פאמיליע-לאגער, איז פיש געווען איינער פון די הויפט-פאראינטערעסירטע מיט זייער גורל און זיי מיט אלעם ארויסגעהאָלפן.

דער מירער פארטיזאן, אפרים גולקאָוויטש האָט בעת דער גרויסער בלאָקאדע אין נאליבאָקער פושטשע (יולי 1943), געבראכט צוויי בהמות פאר א פאמיליע-לאגער, וועמען עס האָט געדראָט א הונגער טויט. אין יענע אומשטענדן, ווען די פושטשע איז געווען בלאָקירט פון אלע זייטן מיט גרויסע כוחות פון שונא, איז עס געווען פארבונדן מיט לעבנס-געפאר. דוד מעקל (ביעליצע), „סטארשינא" פון דער דריטער יידישער ראָטע פון אָרליאנסקים אָטריאד, האָט ריזיקירנדיק מיט דעגראדאציע און שטראָף מצד דער אָטריאד-קאָמאנדשאפט געגעבן הילף די יידישע פאמיליע-לאגערן אין נאקרישקער וואלד און ביעליצער פאמיליע-גרופע ביים דאָרף

זאטשעפיטש. פיל פארגרייטע פראָדוקטן פארן קאמפס־אָטריאד פלעגן דורך אים איבערגעלאָזט ווערן פאר די יידן פון ציווילע לאגערן.

יידישע פארטיזאנער פון אָטריאד „אָקטיאבר" און פון אָרליאנסקים אָטריאד פלעגן פאַרנדיק אויף זייערע פארשיידנארטיקע אויפגאבעס זיך אָפשטעלן נעכטיקן ביי די ביעליצער פאמיליע־גרופעס, נעמען זיי מיט זיך אויף די „באָמביאָזשקעס", כּדי צו באקומען פאר זיי שפּייז.

דער יידישער „סטארשינא" פון רוסישן אָטריאד „איסקרא" (לידער ראיאָן, פּוזאריסקי (וואָראָנאָווע), וועלכער איז געווען פּאָפּולער אונטערן נאָמען „טשאפּאיעוו", האָט באזאָרגט מיט שפּייז די יידישע פרויען און קינדער, וועלכע לעבן אויף די כוטאָרעס אין יענעם ראיאָן.

ראובן טורקיעניטש און בערל באָבראָוו (סיערניק) אָרגאניזירן א גרופּע פון צען יידן און אנטלויפן אין די וועלדער. זיי גייען צו די פּוערים וועגן וועלכע עס זיינען דאָ אינפאָרמאציעס, אז זיי באזיצן געווער, זיי נעמען עס אָפּ מיט גוטן אָדער מיט בייזן און אזוי ארום באוואָפנען זיי אויך אנדערע יידן. ביים אָנפאל (ענדע 1942) אויף האָראָדנאָיע ביי סטאָלין (פּאָלעסיע), האָבן זיי פארטריבן צוועלף פּאָליציאנטן פון דאָרטיקן גארניזאָן. די צוגעגומענע טראָפייען האָבן זיי צעטיילט צווישן די וואנ־דערנדיקע אומבאוואָפנטע יידן אין די וועלדער.

יידישע פארטיזאנער אין רוסישע אָטריאדן באווירקן די אָנפירונג אויפצונעמען יידן, וועלכע קומען אין די וועלדער פון די געטאָס.

זיי דערלערנען די ניי אָנגעקומענע די טעכניק פון באגיין זיך מיט געווער און די פארטיזאנישע קאמפּס־טאקטיק און סטראטעגיע, כּדי זיי צו מאכן פאר פולווערטיקע פארטיזאנער. זיי זוכן אויס די קאמפּ־פעיקע יידן אין די פאמיליע־לאגערן און גרופּעס און באמיען זיך זיי אריינצונעמען אין די רוסישע אָטריאדן.

יוסף גאָלוב פון מיעדוויעדיעווס אָטריאד ליודוויפּאָליער ראיאָן, אָרגאניזירט די בלאָנקנדיקע יידן אין די וואָלינער וועלדער, העלפט זיי באקומען און קויפן געווער ביי פּויערים און שפּעטער גלידערט ער זיי איין אין די אָטריאדן, וועלכע שטייען אין יענעם ראיאָן.

דער יידישער אָטריאד „זשוקאָוו" אין קאָפּולער ראיאָן האָט אין דער ערשטער צייט אויף 60 מאן געהאט בלויז 4 ביקסן און 10 גראנאטן, געקויפטע אין קלעצק פאר גאָלד. זיי זוכן אויס נייע קוועלעס פאר באוואָפענען זייערע מענטשן און דערמעגלעכן אויפצונעמען ניי־אָנגעקומענע יידן. דער קאָמאנדיר גילטשיק קען גוט די געגנט און ווייסט, אז ווען די

דייטשן זיינען אריין אין קאַפּוליע, האָבן זיי דערשאָסן פיל רוסישע געפאַנגענע און באַגראָבן זיי צוזאַמען מיטן געווער, ביים שאָסיי בריסק — מאָסקווע, נעבן שטעטעלע סטאַריצע. ער גייט דאָרט אוועק מיט א גרופּע, גראָבט אויס פון מאַסן־קבר דאָס פאַרזשאַווערטע געווער און שטעלט צוזאַמען 33 ביקסן, 4 קוילנוואַרפערס און עטלעכע טויזנט קוילן. דער אָטריאַד אָרגאַניזירט אָנפאַלן אויף פּאָליציייאישע פאַמיליעס קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן און קויפט געווער ביי די באַקאַנטע פּויערים. אכט יידן פון זעלביקן אָטריאַד, וועלכע האָבן פאַר דעם אָנקום אין פּאַרטיזאַנקע געאַרבעט אין סטייפּצער „בויטן־לאַגער", און האָבן געקענט גוט דעם פּלאַן פון דער געביידע און אַלע דורכגיינג, גייען אוועק אויף אַן אויפגאַבע אין סטייפּץ, גנבענען זיך אַרויף אויפן בוידעם און טראָגן אַרויס 12 ביקסן און 200 קוילן. דאָס האָט דערמעגלעכט אויפצונעמען נאָך קאַמפס־פעיקע יידן אין אָטריאַד.

אויך ביעלסקי און זאָרין האָבן אַלץ געטאָן, בכדי צו פאַרגרעסערן דאָס געווער־באַזיץ פון זייערע אָטריאַדן. צוויי יידישע פּאַרטיזאַנער פון רוסישן סטאַלין־אָטריאַד, וועלכע זיינען אַריבער צו ביעלסקין, האָבן אויפגעגעבן, אז זיי ווייסן אַן אָרט, וו עס איז באַגראָבן געווער, וואָס עס איז באַהאַלטן געוואָרן דורך דעם א. ד. אָטריאַד בעת דער גרויסער אָבלאַווע. ביעלסקי איז אוועק מיט א גרופּע פון 20 מאַן אין דער אומגעגנט פון מינסק אויסצווזוכן דאָס געווער. עס האָט זיך זיי איינגעגעבן צו אַנטדעקן דאָס אָרט מיט דער הילף פון די אַרומיקע פּויערים און געפונען דאָרט א קיילנוואַרפער, 20 ביקסן, א זעקל קוילן און א געוויסע צאָל גראַנאַטן.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אז פונקט דאַן איז דורך דעם באַפעלמעכטיקטן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איבער דער ליפּיטשאַנער פּושטשע, סטעפּאַן פּיעטראַקאָוויטש (פסעוודאָנים „שופּיעני"), אָפּגענומען געוואָרן דאָס געווער פון דער ליפּיטשאַנער גרופּע, וועלכע איז אַלס פּראָטעסט קעגן דעם שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם אַנטלאָפן פון אָרליאַנסקיס אָטריאַד צו ביעלסקין און עס איז געווען דרינגלעך נויטיק זיי באַלד צו באַוואָפענען.

יידן אין די וועלדער האָבן באַשיצט איינער דעם צווייטן, פּראָטעסטירט קעגן אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען און קעגן פאָראורטיילן, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער און באַשיצט דעם יידישן כבוד.

בלייבנדיק געציילטע נאָך די אלע שווידערלעכע איבערלעבענישן, האָבן יידן אין די וועלדער זיך געפילט, ווי איין משפחה. יידישע פארטיזאנער פון רוסישע אָטריאדן, פלעגן גייענדיק אויף קאמפס-אויפגאבעס אין אנדערע געגנטן אָנלייגן צענדליקער ק״מ וועג, בכדי זיך צו טרעפן מיט יידישע פארטיזאנער פון אנדערע אָטריאדן און ראיאָנען און זיך דורכשמועסן מיט זיי. פאָרנדיק אויף קאמפס-אויפגאבעס, פלעגט מען אויסקאָמבינירן איבערצונעכטיקן אין די יידישע פאמיליע-לאגערן, בכדי צו האָבן די מעגלעכקייט זיין כאָטש אויף א ווײַלע אין א היימישער יידישער סביבה. נאָך אזא יידישער סביבה האָט מען זייער שטארק געבענקט.

דאָס חבר׳ן זיך פון יידישע פארטיזאנער אין די רוסישע אָטריאדן אין גרעסטן טייל צווישן זיך, דאָס ריידן צווישן זיך יידיש, דאָס אונטערשטיצן די פאמיליע-לאגערן, די העפטיקע ארויסטריטן פון די יידן קעגן יעדן פרווו פון פארמאסקירטן אָדער אָפענעם אנטיסעמיטיזם, פאָראורטיילן און פארלוימדונגען, דאָס נעמען אין שוץ און פארטיידיקן די אומבאוואָפנטע יידן — האָט בײַ א טייל רוסישע פארטיזאנער ארויסגערופן א שארפע קעגנערשאפט. ניט זעלטן האָט מען צוליב דעם באשולדיקט די יידן אין שאָוויניזם און ענגהארציקן נאציאָנאליזם. מען פלעגט פאָרוואָרפן, אז די יידן שטעלן זייערע אינטערעסן העכער איבער דער אלגעמיינער זאך פון קאמף מיטן אָקופאנט, אז א ייד וועט אלעמאָל פארטיידיקן יידן, אומאָפהענגיק, צי זיי זיינען גערעכט אָדער ניט.

אין אָרליאנסקים אָטריאד, למשל, האָט מען ארויסגעגעבן א באפעל, וועלכער האָט פארבאָטן צו ריידן יידיש. די אָפיציעלע מאָטיווירונג איז געווען, אז די ענלעכקייט פון דער יידישער שפראך צו דער דייטשישער קען ברענגען צו מיספארשטענדענישן, וועלכע קענען זיך ענדיקן מיט אומזיסטע קרבנות.

אין א טייל אָטריאדן האָט מען געקוקט קרום אויפן אָפטן באזוכן פון יידישע פארטיזאנער אין די פאמיליע-לאגערן. די קאָמאנדשאפט האָט געוווסט וועגן דער הילף פאר די פאמיליע-לאגערן מצד די יידישע פארטיזאנער און דערפאר עס שפעטער פארבאָטן אָן א ספעציעלער דערלויבניש.

די יידישע פארטיזאנער פון רוסישן אָטריאד „איסקרא״ האָבן שארף פראָטעסטירט בײַ דער קאָמאנדשאפט קעגן דעם ראָטע-קאָם. דיאמושקין, וועלכער איז געווען א באוווסטזיניקער, איבערצייגטער אנטיסעמיט און

כסדר געפירט אנטיסעמיטישע שמועסן. לסוף איז געלייענט געוואָרן א באפעל וועגן דעגראדירן אים צו א געוויינלעכן פארטיזאנער־סאָלדאט.

די יידישע פארטיזאנער פון אָטריאד „סוואָראָוו"; דער שרייבער פון די שורות, ה. צוקערמאן און י. קרימעלאָווסקי, האָבן געפירט א קאמף קעגן דעם אנטיסעמיטישן אָטריאד־קאָמאנדיר קראיניק. באזונדערס האָט זיך אין דאָזיקן קאמף אויסגעצייכנט ירחמיאל קרימע־



**א גרופע פארטיזאנער פון יידישן וזוואָד אין קרוקס אָטריאד (וואָלין).**

עס זיצן פון לינקס אויף רעכטס: וזוואָד־קאָמאנדיר—מאלינקע (לאָרבער דב). 2) נאטשאלניק פון רייטער אויסשפיר פון דער פארטיזאנער־פאראייניקונג פון גענ.־מאיאָר פיעגמא —אלעק אבוגאָוו. עס שטייען פון לינקס אויף רעכטס: 1) א. אזרוך, 2) י. קופערבערג, 3) ז. ווערבא און 4) ד. דיכטער.

לאָווסקי (ווארשע), וועלכער האָט געהאט דעם מוט, אלע מאָל צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן אריין. ער איז דערפאר אראָפגענומען געוואָרן פון אָטריאד־סטארשינא און אריבערגעפירט געוואָרן אלס געוויינלעכער סאָלדאט אין אָטריאד „ניעווסקי".

ברוך לעווין און קאָוועסקי זיינען געוועזן די, וועלכע האָבן געוואגט צוזאָגן דעם אמת דער קאָמאנדשאפט. זייער אויסצייכענען זיך אין פארטיזאנקע האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט העפטיק אויפצוטרעטן אין אלע פאלן, ווען מען האָט געדארפט רעאגירן אויף אנטי־יידישע פארמאסקירטע

ארויסטרעטונגען. אזוי פירן זיי א קאַמף קעגן דעם ארויסגעגעבענעם טויט-אורטייל אויף לעווינס א קוזין, צוליב איינשלאָפן אויף דער וואַך.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אז אלס פּראָטעסט קעגן פארשטארקטן אנטיסעמיטיזם אין אָרליאנסקיס אָטריאַד איז א יידישע גרופּע פון 22 מאַן צוזאמען מיט זייער געווער אריבער פון דעם א. ד. אָטריאַד צו ביעלסקין. צוליבן פארשטארקן זיך פון אנטיסעמיטיזם אין קרוקס אָטריאַד איז איינער פון די ערשטע אָרגאניזאטאָרן פון דעם א. ד. אָטריאַד, וזוואָד-קאָמאנדיר בערל לאָרבער, אוועק פון אָטריאַד אלס צייכן פון פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס קרוק האָט זיך די לעצטע צייט אונטערגעגעבן דער אנטיסעמיטישער פּראָפּאגאנדע.

די העלדישע זשעניע אייכנבוים, צוזאמען מיט אייניקע פּארטיזאנער פון דער 51-טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", האָט זיך געטראָפן אין דאָרף קאָזשעלעווע (קארטוז בערעזער געגנט) מיט אנטי-סעמיטישע פּארטיזאנער פון אָטריאַד „קאָלאָפּאיעוואָ", וועלכע האָבן פּראָוואָצירט אן אנטיסעמיטישן שמועס און איינער פון זיי האָט א זאָג געטאָן „די דייטשן האָבן נאָך אייך וויניק אויסגעהרגעט!". זשעניע האָט גלייך ארויסגעכאַפּט דעם פּיסטאָלעט און אויסגעשריען „אזעלכע ווי דו, וועל איך שיסן, ווי א הונט!" די יידישע חברים האָבן זי קוים בארואיקט און ארויסגעריסן ביי איר דעם רעוואָלווער.

יידן פלעגן שארף רעאגירן, ווען מען האָט אומגערעכט פארמשפּט זייערס א חבר. די פּארטיזאנער פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל" (נאטשער פּושטשע) האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען דער בריגאדע-קאָמאנדיר סטאנקיעוויטש, א באקאנטער יידן-פריינד, איז אוועק מיט א גרעסערער גרופּע יידישע פּארטיזאנער אויף מזרח אין נאליבאָקער פּושטשע צו באקומען געווער און טאָל, בכדי פּטור צו ווערן פון קאָמענדאנט פון א יידישער פאמיליע-גרופּע, אליהו אריעוויטש. זיי מאכן א געריכט און פארמשפּטן אים צום טויט פאר מכלומרשטן רויבן די פּויערים. ווען זיי האָבן געוואָלט אויספירן דעם טויט-אורטייל, האָבן זיך די יידישע פּארטיזאנער געשטעלט קעגן און געדראָט מיט קאַמף, פּאָדערנדיק אָפּצוּוואַרטן ביז דעם צוריקער פון קאָמאנדיר סטאנקיעוויטש. צוליב זייער עקשנותדיקער שטעלונג, איז דער טויט-אורטייל דאַן ניט אויסגעפירט געוואָרן (דער טויט-אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן שפּעטער ביי אנדערע אומשטענדן).

בײַ די פּאַרטיזאַנישע פאַרהעלטענישן איז אָבער ניט אַלע מאָל געווען א מעגלעכקייט צו רעאַגירן אָפן, ווייל עס איז זייער לייכט געווען אונטער וועלכן עס איז תּירוץ בײַ אַן אַנדער גערעגנהייט פאַרפּלאָנטערט צו ווערן אין ענינים, וואָס זייער קאָנסעקווענץ האָט געקענט זיין פאַטאַל...

דער קאָמאַנדיר קאָליע וואַכאָנין האָט באַפוילן דעם יידישן פאַרטיזאַן פון אָרליאַנסקים אָטריאַד, משה סענדעראָווסקי פון זשעטל, אַז ער זאָל אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער שאול סאַוויצקי (זשעטל) פאַר צונעמען בײַ א פויער בעת דער גרויסער אָבלאַווע (דעצעמבער 1942) א פּאָר שטיוול. סענדעראָווסקי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם אומגערעכטן אורטייל. מען האָט אים געדראָאָט צו דערשיסן. ער ענטפערט: „איך וועל ניט שיסן, איך וועל קיין אומשולדיק בלוט ניט פאַרגיסן. אויב איר ווילט, שיסט מיך אויך!" דער אורטייל אויף סאַוויצקען איז אויסגעפירט געוואָרן דורך א רוסישן פּאַרטיזאַן.



**זרח קרעמיען** (בּיעליצע)
קאָמאַנדיר פון א דיווערסיע־גרופּע פון אָטר. „קאָטאָווסקי" (בריסקער פאַראייניקונג). אויסגעצייכנטער, באַוואָרנטער פּאַרטיזאַן.

אברהם וויניצער (טושין, וואָלין), א פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „טשאַפּאַיעוו" (פאַראייניקונג שיטאָוו), פאָדערט בײַם אָטריאַד־קאָמאַנדיר, אַז מען זאָל שטעלן צום געריכט און פאַראורטיילן צום טויט די ניט־יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן גייענדיק אויף א קאַמפּס־אויפגאַבע דערמאָרדעט די יידישע פּאַרטיזאַנער קרולפעלד, יעקב שעוו (טושין) און יהושע גערשפעלד (מעזריטש). אויף דער פאָדערונג ענטפערט דער קאָמיסאַר וואַסילעוויטש, אַז איצט איז ניט די צייט צו מאַכן אָפּרעכענונגען פאַר אַזוינע קלייניקייטן און אומברענגען זעלנערס. ערשט נאָך די דראָונגען פון א. ד. יידישן פּאַרטיזאַן, אַז ער וועט זיך באַמיען צו געפינען א וועג צו די העכערע אינסטאַנצן, האָט מען פאַרפירט אַן אויספאָרשונג און אויפן סמך פון עדות זיינען די כוליגאַנעס דערשאָסן געוואָרן.

די יידישע אָטריאַדן האָבן געדינט, ווי א מקום מקלט פאַר יידישע פּאַרטיזאַנער פון רוסישע אָטריאַדן, ווען זיי זיינען צוליב אומגערעכטע אורטיילן געוווען באַדראָט מיט זייער לעבן.

דער פּאַרטיזאַן יאשקע מאַזאָוויעצקי (שטשוטשין, בײ לידע) גיט איבער, בעת דער ארומרינגלונג פון אָטריאַד „איסקרא" אין זאַמיסלאַוער וואַלד דורך דייטשן, זיין ד. ס.-קוילנוואַרפער דעם צווייטן נומער (דער, וואָס באַדינט דעם קוילנוואַרפער מיט קוילן-דיסקן), א רוסישן חבר. ער ווערט באַשולדיקט דורך דער אָטריאַד-אָנפירונג פאַר וואַרפן אין קאַמף דאָס געווער און עס דערפאַר אים דראָט טויט-שטראָף. ער אנטלויפט דאַן אין ביעלסקים אָטריאַד און באַהאַלט זיך דאָרט אויס א לענגערע צייט, ביז די זאַך ווערט אויפגעקלערט (מען געפינט דעם קוילנוואַרפער, עס באַשטעטיקן זיך זיינע אָפּגעגעבענע דערקלערונגען און ער קערט זיך אום צוריק אין „איסקרא").

טוביה ביעלאַק, א פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „אלעקסאַנדער נעווסקי", איז פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט-שטראָף פאַרן שלאָפן בעתן זיין „דניעוואַלני" (וואַך אין לאַגער). עס געלינגט אים צו אנטלויפן און ער באַהאַלט זיך אויס בײ ביעלסקין. דורך א צופאַל ווערט ער געכאַפּט דורך זאַרינס וואַך און ער ווערט צוגעשטעלט אין ביעלסקים שטאַב, וועלכער קען שוין דאָס ניט פאַרבאַהאַלטן, ווייל צופעליק זיינען אָנוועזנד געווען א פּאָליטרוק און א קאָמאַנדיר פון א. ד. אָטריאַד, וועלכע זיינען געקומען ספּעציעל זוכן דעם צום טויט-פאַרמשפּטן.

ביעלסקין געלינגט דורך אן אינטערווענץ בײ פּלאַטאָנען פּועלן, אז ביעלאַק זאָל אויסקויפן זיין חטא דורך אראָפּלאָזן 2—3 עשאַלאָנען מיטן שונאס טעכניק, ניט באַקומענדיק קיין געווער פאַר פאַרטיידיקונג. ער האָט אויסגעפירט די אויפגאַבעס און דער טויט-אורטייל איז בטל געוואָרן.

אויך איינצלנע יידישע פּאַרטיזאַנער פלעגן אָפט זיין געצוואונגען צוליב דעם פאַרשטאַרקן זיך פון די אנטיסעמיטישע טענדענצן אין זייערע אָטריאַדן צו אנטלויפן אין אן אנדער פּושטשע אָדער אָטריאַד.

אזוי איז אנטלאָפן פון אנטיסעמיטישן אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" (ליפּיטשאַנער פּושטשע) אין נאַליבאָקער פּושטשע דער העלדישער יידישער פּאַרטיזאַן בנימין באַראַן (לידע). הגם צו אים האָבן זיי צוליב זיינע העלדישע אויפטוען און דרייסטקייט געהאַט די בעסטע באַציאונג, האָט ער דאָך מורא געהאַט, ווייל ער האָט געוווסט צופיל סודות וועגן

זייערע פארברעכנס לגבי יידן, און זיי וואָלטן ניט געהאט קיין אינטערעס אים צו האלטן אלס לעבעדיקן עדות ביז נאָך דער באפרייאונג.

איינע פון די וויכטיקסטע לייסטונגען פון די יידישע פארטיזאנער פאר דער רעטונג פון יידן איז בלי שום ספק געווען די מאסן אדורכ־געפירטע נקמה־אקטן איבער פויערים יידן־מערדערס, דייטשישע אגענטן, שפּיאָנען, קאָלאבאָראנטן, ווייסע פּאָליאקן, אוקראאינישע און ליטווישע פאשיסטישע באוואָפנטע פאָרמאציעס. אדאנק דעם האָבן זיך די אומבאוואָפנטע, שוצלאָזע יידן פון די פאמיליע־לאגערן, גרופּעס און באהאלטענע ביי פויערים זיך ווידער געקענט באוועגן איבער די דערפער און וועלדער און זיינען ניט געווען אזוי הפקרדיק, ווי פריער, ווען עס איז נאָך ניט געווען די שטרענג־שטראָפנדיקע האנט פון יידישן באוואָפנטן פארטיזאן.

א רומפולן קאפיטל אין דער רעטונגס־ארבעט פון די יידישע פארטיזאנער בילדעט די מסירות־נפשדיקע, הארציק־פאָטערלעכע באציאונג פון די יידישע קאָמאנדירן און קאָמאנדירנדיקן צוזאמענשטעל צו זייערע סאָלדאטן, ווי בכלל צו יידן.

עס דארף געזאָגט ווערן, אז אין דער זעלביקער צייט, ווען א טייל יידן האָבן אין די דייטשישע טויט־לאגערן געראטעוועט זייער לעבן פארן פרייז פון די לעבנס פון אנדערע יידן, האָבן יידישע פארטיזאנער טאָג־טעגלעך ריזיקירט און באצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס, בכדי צו ראטעווען יידן.

## קאפיטל איין און צוואנציק

# נקמה־אקטן איבער פויערים יידן־מערדערס און דייטשישע אגענטן

די יידן, אנטלויפנדיק אין די וועלדער מיטן פעסטן באשלוס נקמה צו נעמען פון די שוחטים פון זייערע משפחות, האָבן געהאט בלוטיקע חשבונות ניט נאָר מיט די דייטשן, נאָר אויך מיט די פויערים, „מיעשטשאנעס" (שטאָטישע קריסטלעכע איינוווינערס) און דייטשישע קאָלאבאָראנטן פון דער אָרטיקער באפעלקערונג.

עס איז אלגעמיין באוווסט, אז די אָרטיקע פוילישע, ליטווישע, אוקראאינישע און ווייס־רוסישע איינוווינערס האָבן סטימולירט די דייטשן װאָס גיכער צו פארענדיקן מיט די יידן, בכדי דאָס יידישע שווער פארהאָרעוועטע האָב און גוטס פון דור דורות זאָל אריינפאלן צו זיי אין די הענט.

דערזעענדיק דעם הפקרות'דיקן, אכזריות'דיקן איינשטעל פון די דייטשן לגבי די יידן, האָבן די לעצטע איבערגעגעבן זייערע פארמעגנס אויף צו באהאלטן זייערע „גוטע פריינד" און „ליבע שכנים" פון דער אָרטיקער באפעלקערונג.

די זעלביקע „ליבהארציקע שכנים", וועלכע האָבן אזוי גערן גענומען דאָס יידישע גוטס אויף צו באהאלטן, זיינען שוין געווען בלוטיק פאראינטערעסירט, אז זייערע בעלי־הבתים זאָלן וואָס גיכער פארשווינדן ווערן פון צווישן די לעבעדיקע און זיי זאָלן בלייבן זייערע יורשים.

כמעט אלע „בעלי־טובות" פלעגן נאָך אן „אקציע" זיך גלייך פאראינטערעסירן, צי עס איז נאָך ווער געבליבן לעבן פון דער משפחה, וועמענס פארמעגן עס איז אים אָנפארטרויט געוואָרן.

ניט זעלטן פלעגן די יידן אָפּגעבן זייערע פארמעגנס צו באהאלטן די יעניקע קריסטלעכע פאמיליעס, וועלכע האָבן אויף אזא אָדער אנדער אופן געדינט ביי דעם אָקופּאנט (פּאָליציי, מאגיסטראט, א. א. וו.), מיט דער אויסרעכענונג, אז דאָרט איז דער פארמעגן זיכערער. אָבער דווקא

די פלעגן גיכער אויסזוכן א בלבול, בכדי צו זיין זיכער מיט די לייכט־דערוואָרבענע פאַרמעגנס.

עס איז אַלגעמיין באַוווּסט, אַז ווען ניט די אַקטיוו־פריידיקע מיטהילף און אַפילו איניציאַטיוו פון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג צו דער טאָטאַלער אויסראָטונג פון די יידן, וואָלטן די דייטשן בשום אופן ניט געקענט מיט אַזאַ דערפאָלג אַדורכפירן זייער גרוזאַמע אַרבעט פון אומברענגען זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע.

ניט נאָר די, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דינסט פון דייטש, האָבן דערצו מיטגעווירט, נאָר אויך די ציווילע קריסטלעכע באַפעלקערונג אין איר איבערוויגנדיקן טייל איז געווען בלויז פאַראינטערעסירט אין וואָס גיכערן אומקום פון די יידן.

כמעט אַלע האָבן איינגעטונקט זייערע הענט אין יידיש בלוט און גוטס, און אַלע זיינען זיי געווען פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָלן ניט בלייבן קיין לעבעדיקע עדות פון זייערע מעשים אין פאַל, ווען דער גאָט פון מלחמה וועט אָפּטאָן זיין גנאָד פון די היטלעריסטן...

מען האָט אויך ניט געוואָלט איבערלאָזן קיין לעבעדיקע באַאומרואיקערס פון מ׳שטיינס־געזאָגט „מענטשלעכן געוויסן״...

וויסנדיק די שטימונגען פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, האָבן די דייטשן אין פיל שטעט און שטעטלעך אינסצעניזירט פאָרמעלע פאַרזאַמלונגען פון דער אָרטיקער קריסטלעכער אינטעליגענץ און געזעל־שאַפטלעכע טוערס און פאָרמירט שריפטלעכע רעזאָלוציעס און פאָדערונגען צו פאַרניכטן די יידן פון געגעבענעם אָרט.

די דייטשן האָבן אויסגעליפערט דאָס יידישן לעבן און פאַרמעגן אויפן חסד פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. יעדע שחיטה פון א געטאָ איז באַגלייט געוואָרן מיט אַן אַלגעמיינעם פּאָגראָם פון די יידישע הייזער דורך די איינוווינערס, וועלכע פלעגן פונאַנדערנעמען גאַנצע ווענט, אויוונס און דילן, זוכנדיק די פאַרבאַהאַלטענע א. ג. יידישע „אוצרות״.

די ווילדקייט און רויב־גיריקייט איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז מען האָט זיך ניט געשעמט פון נאָך וואַרעמע גופים אַראָפּצורייסן פינגערלעך, אוירינגלעך און אַרויסצונעמען גאָלדענע ציין...

וואָכן און חדשים נאָך די שחיטות פלעגן די פויערים פון די דערבײַ־ליגנדיקע דערפער אַרום די מאַסן־קברים גריבלען אין די גריבער, זוכנדיק דאָרט ווערטפולע זאַכן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אז זיען ניט די מערדעריש־סאדיסטישע איינשטעלונג פון דער אָרטיקער באפעלקערונג, וואָלטן זיך געראטעוועט פיל צענדליקער טויזנטער יידן אין די דערפער, פארוואָרפענע כוטאָרעס, בלאָטעס און וועלדלעך, ווו דער דייטשישער פוס האָט במשך פון דער גאנצער מלחמה ניט געטראָטן.

אנטלויפנדיק פון די געטאָס, זיינען די יידן געכאפט און אויסגעליפערט געוואָרן צו די דייטשן און פּאָליציי אין די הענט, אָדער פראָסט און פשוט דורך זיי אליין פארפייניקט געוואָרן אויף א בעסטיאלישן אויפן.

די יידן פון קאמיען־קאָשירסק און טוטשין (וואָלין), וועמען עס איז געלונגען על פי נס במעט אלעמען זיך צו ראטעווען פון די שחיטות, זיינען אומגעבראכט געוואָרן דורך די אוקראינישע פויערים און באוואָפנטע אוקראיניש־פאשיסטישע פאָרמאציעס (בולבאָוועצעס, באנדע־ראָווצעס, מעלניקאָווצעס, זעלעניעווצעס א. א. וו.) און נאָר געציילטע האָבן דערלעבט די באפרייאונג.

פיל יידן האָבן איבערגעגעבן זייער גאנצן פארמעגן צו באקאנטע פויערים מיט דער אויסרעכענונג, אז אין פאל פון א סכנה וועט מען ביי זיי געפינען שוץ און באהעלטעניש. אין גרעסטן טייל פאלן פלעגט אזא פויער אליין דערמאָרדן די יידן נאָך א שטיקל צייט האלטן זיי, אָדער פלעגט זיי אויסליפערן די דייטשן. ניט זעלטן פלעגט עס טאָן א שכן, וועלכער איז געווען „אייפערזיכטיק" אויפן מעגלעכן באַרייכערן זיך פון דעם „יידן־פריינט"...

אין א געוויסער מאָס האָבן די יידן געטראָגן א גרעסערע שנאה צו דער אָרטיקער באפעלקערונג, ווי צו די דייטשן און יעדער יידישער פארטיזאַן האָט געהאלטן פאר זיין הייליקסטן חוב נקמה צו נעמען פון די פויערים יידן־מערדערס און רויבערס.

בעת'ן פאָרן אויף אויפגאבעס, פלעגן יידישע פארטיזאנער אָפּנעמען די אָנגערויבטע זאכן, צעשלאָגן די פויערים און אין א טייל פאלן אויך דערשיסן.

די רוסן האָבן ניט אלעמאָל מסכים געווען אויף נקמה־אקטן קעגן פויערים יידן־מערדערס. זיי האָבן ניט געוואָלט אויפרייצן קעגן זיך די אָרטיקע באפעלקערונג. עס פלעגט אויסקומען אָפּצוטאָן אזוינע זאכן אויסבאהאלטנדיק דאָס פאר די רוסישע פארטיזאנער.

ניסל באָבראָוו (סיערניק, וואָלין), א פּארטיזאן פון אנישטשענקאָס אָטריאד (געג. ביעגמאנס פאראייניקונג) איז אין מערץ 1943 געפאַלן צוזאמען מיט זיין וווזואָד־קאָמאנדיר אויף א ווירטשאפטס־אויפגאבע אין דאָרף אָזערצע (ראפאלאָווקער ראיאָן). דאָרט דערקענט באָבראָוו א פויער פון דער אוקראיניש־פאשיסטישער אָרגאניזאציע „זיעלענעוועצעס", וועלכער האָט נאָכן אָפּטרעטן פון די סאָוועטן, נאָך פארן אריינמארש פון די דייטשן, דערהרגעט זיין שוועסטער. באָבראָוו מעלדעט וועגן דעם זיין וווזואָד־קאָמאנדיר און מיט זיין דערלויבעניש דערשיסט ער דעם פויער. צוליב טעמים פון פּאָליטיש־טאקטישן כאראקטער, ווי אויך צוליב דעם, וואָס דער פויער איז אין צווישן־צייט געוואָרן א פארטיזאנישער פארטרויאונגס־מאן, האָט די העכערע פארטיזאנער־קאָמאנדשאפט צונויפגערופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג אין דאָרף און מען האָט באָבראָוון עפנטלעך דערשאָסן.

אָפטמאָל האָט מען אויף פויערים, וועמען די יידישע פארטיזאנער האָבן געוואָלט דערשיסן פאר פארגיסן יידיש בלוט, אָנגעגעבן פאר דער העכערער פארטיזאנער־אָנפירונג אויך מאָטיוון פון אלגעמיין־פארטיזאנישן כאראקטער, ווי מיטארבעט מיטן דייטש, שפּיאָנאזש א. ד. גל. דאָס איז ניט געווען באזונדערס שווער, ווייל אמייסטן אקטיוו אין קרייץ־צוג קעגן די יידן האָבן זיך אנגאזשירט די אלע, וועלכע זיינען געווען פארבונדן מיט די דייטשן (פּאָליציסטן, באאמטע, סאָלטיסן א. אנד.) וועלכע זיינען דורך די פארטיזאנער אלס פארעטערס אומברחמנות'דיק באקעמפט געוואָרן.

ווען די יידישע פארטיזאנער אין רוסקע־פּושטשע האָבן געזוכט א וועג, ווי נקמה צו נעמען פון ליטווישן דאָרף מוסטייקא, פאר דערמאָרדן העכער הונדערט יידן פון שטעטל מארציקאנץ, האָבן זיי אָנגעגעבן אויך די אלע פאלן, וועלכע באלאסטן דאָס דאָרף אין פארברעכנס לגבי אנטלאָפענע רויט־ארמייערס בעתן ראשיקן אָפּטרעטן אין 1941־טן יאָר. דאָס האָט דעצידירט אויפן באשלוס פון דער פארטיזאנישער אָנפירונג און דער נקמה־אקט איז אויסגעפירט געוואָרן.

די פויערים פון דאָרף סעווערינאָווקע (מאניעוויטשער ראיאָן, וואָלין) האָבן ארויסגעגעבן פיר באהאלטענע יידן דער פּאָליציי. א גרופּע יידן מיט אידל מארמעדיק בראש (מאניעוויטש), צוזאמען מיטן קאָמאנדיר מאקס (א פּאָליאַק) הרגענען אויס די פויערים־מוסרים און פארברענען

דאָס דאָרף. פאַר אַרויסגעבן פאַרבאַהאַלטענע יידן פאַרבּרענט די זעלביקע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אַ פייער פון דאָרף מאַניעוויטש.

אין דאָרף קאָסטיוכנאָווקע (קאָלקער ראַיאָן) האָט אַ פויער אויסבאַהאַלטן אַ יידן, אַרויסבאַקומען זיין געלט און שפּעטער אים איבערגעגעבן די דייטשן. דעם פויער בּרענגט מען אין וואַלד און מען פאַרבּרענט אים.


Ш Т А Б
СОЕДИНЕНИЯ № 1 П/О
РОВЕНСКОЙ ОБЛАСТИ
г. РОВНО
июня 1944 г.

БОЕВАЯ ХАРАКТЕРИСТИКА

ВЕРБА ВЛАДИМИР СОЛОМОНОВИЧ рождения 1923 г. член ВЛКСМ образование 10 кл. живший в партизанском отряде им. Куйбышева соединения № 1 п/о РОВЕНСКОЙ ОБЛАСТИ находился с сентября 1942 года по февраль 1944 год, с декабря 1943 года по февраль 1944 год командир отделения.

За время пребывания в партизанах участвовал в взрыве 6 вражеских военских эшелонов, 8 вражеских автомашин, 1 ж.д. водокачки, 3-х мостов на грунтовых потоках, 1 лесопильного завода, ж.д. полотна уничтожили т/т связи на протяжении 5000 м.

Исполнительный, дисциплинированный, авторитетный добросовестно относился к поручениям ему заданиям.

За боевые дела дважды представлен к Правительственным наградам.

КОМАНДИР СОЕДИНЕНИЯ № 1
П/О РОВЕНСКОЙ ОБЛАСТИ
ГЕНЕРАЛ-МАЙОР
/БЕГМА/

КОМИССАР СОЕДИНЕНИЯ № 1
П/О РОВЕНСКОЙ ОБЛАСТИ
МАЙОР
/КОРЧЕВ/

НАЧАЛЬНИК ШТАБА СОЕДИНЕНИЯ № 1
П/О РОВЕНСКОЙ ОБЛАСТИ
В/ИНЖЕНЕР 2 РАНГА

קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק פון באָרדנטן פּאַרטיזאַן **זאב ווערבא** (מאַניעוויטש)

אין אַלע פאַלן פון אַדורכפירן נקמה־אַקטן קעגן פויערים יידן־מערדערס, שפּיאָנען און קאָלאַבאָראַנטן, ווערן אַרויסגעלאָזט געדרוקטע פלוג בלעטלעך איבער דער גאַנצער געגנט, וועלכע מאָטיווירן די אויסגעפירטע נקמה־אַקטן און עס ווערט געוואָרנט אַנדערע פאַר ענלעכע האַנדלונגען אויף ווייטער, למען ישמעו ויראו.

אדאנק דעם, וואָס עס איז געווען אַ שטראָפנדיקע האַנט פון יידישן פּאַרטיזאַן, איז אַרויסגעפאַלן אַ מורא אויף אַלע פּויערים און אומבאַוואָפנטע יידן פון די פאַמיליע־לאַגערן האָבן געקענט זיך ווידער באַווייזן אָן שרעק פאַר זייער לעבן און זיך באַוועגן פראַנק און פריי איבער די דערפער.

אין דעצעמבער 1942 האָבן צוויי פּויערים פון דאָרף אָזיערסק (ביי דאָמבראָוויץ) דערמאָרדעט אין וואַלד צוויי יידישע יינגלעך. אין אַ געוויסן טאָג זיינען אָראָפּגעקומען אין אַ. ד. דאָרף אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער און האָבן אונטערגעצונדן זייערע הייזער. ווען די פּויערים זיינען אַרויסגעלאָפן לעשן, זיינען זיי עפנטלעך דערשאָסן געוואָרן דורך נחמן פיאַלקאָוו, פייוול גלעזער און בערל גראָסמאַן.

אַ יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון פּאָלקאָווניק מיעדוועדיעווס פאַראייניקונג (לודוויפּאָלער געגנט) האָט אין 1942 איינגעאָרדנט אַ לויערונג אויפן וועג בערעזנאַ־ביסטריץ (וואָלין) אויף 12 דייטשישע פּאָליציסטן, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין פיל יידישע שחיטות אין דער אַרומיקער געגנט און געגאַנגען ווייטער אויסזוכן און פאַרניכטן די רעשטלעך צעלאָפּענע יידן אין די דערפער און וועלדער. פון די 11 יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן נאָר דריי געהאַט ביקסן און אַכט זיינען געווען באַוואָפנט מיט מעסערס. ווען די פּאָליציסטן זיינען אָנגעפאָרן, האָט יוסף גאָלוב מיט אַ הוראַ־געשריי געוואָרפן זיך אויף זיי. די פּאָליציסטן זיינען צעטומלט געוואָרן פון פּלוצעמדיקן אָנפאַל און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. אַלע 12 היטלעריסטן זיינען דורך די יידן צעשניטן געוואָרן אויף שטיקלעך.

די אויסראָט־כוואַליע אויף די יידן אין יענער געגנט האָט זיך מיט דעם נקמה־אַקט אָפּגעשטעלט.

יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען געפאַלן ביים אַדורכפירן נקמה־אַקטן קעגן יידן־מערדערס.

אַזוי איז שיע היידוקאָווסקי געפאַלן פון אַן איינציקער פאַרבלאָנ־דזשעטער קויל בעת אַ נקמה־אַקט איבער אַ פּאָליציייאישער פאַמיליע אין דאָרף סטריבאָטקע (זשעטלער געגנט). ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיטן נקמה־אייפער, אַז ער האָט ניט אָפּגעהיט די פאָרזיכטס־כללים אין אַזוינע פאַלן און געפאַלן אַן אומזיסטער קרבן.

פנחס יפה און זיין זון מאָטל זיינען אַנטלאָפן פון יאָדער געטאָ אין די זאַראָוושטשיזנער וועלדער (קאָזאַנער געגנט). זיי צוזאַמען מיט נאָך

אביסל ייִדן, וועלכע זיי האָבן דאָרט שוין געטראָפן, אָרגאַניזירן א קליינע פּאַרטיזאַנער - גרופּע, וועלכע פאַרנעמט זיך בעיקר מיט אדורכפירן נקמה-אַקטן.

איינער פון זייערע געלונגענסטע נקמה-אַקטן איז געווען דער אָנפאַל אויפן דאָרף קאַשונקי, וואָס איז געווען א נעסט פון „סאַמאָכאָוועצעס".

ביינאַכט (יולי 1942) צינדן זיי אונטער עטלעכע הייזער פון פּויערים, דייטשישע אַגענטן, ווו עס זיינען געשלאָפן צוויי דייטשישע אָפיצירן. די אָפיצירן זיינען דערהרגעט געוואָרן מיט גראַנאַטן, אריינגע-וואָרפענע דורך די פענסטער און די פּויערים-פאַמיליעס זיינען פאַרברענט געוואָרן. אין דערזועלביקער נאַכט פאַרברענען זיי אויך די גמינע-געביידע אין הויף פון גראף לאָפּאַטשינסקי.

דעם 15-טן נאָוועמבער 1942 גייט יפה מיט זיין זון אין דאָרף בוראָווטשיזנע אויספירן א נקמה-אַקט. צוליבן ניט טרעפן דעם פּויער אין שטוב, גייען זיי אריין אין א זייטיקן כוטאָר איבערצונעכטיקן.

די פּויערים פון אומגעגנט דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, רינגלען ארום דעם כוטאָר און כאַפּן זיי לעבעדיקע. דעם זון פאַרברענען זיי גלייך אויף א פלאַקער און דעם פאָטער גיבן זיי איבער די דייטשן.

ער פּרוּווט נאָך מיט א טריק ראַטעווען דאָס לעבן. ער זאָגט די דייטשן, אַז אין שטעטל יאַד האָט ער פריער אנטלויפן פאַרגראָבן זיין גאָלד. זיי פירן אים אהין אָפּ. זיי כאַפּן זיך אָבער שפּעטער אויפן שפּיצל און דערשיסן אים עפנטלעך אין גאַס.

זיינער צייט האָט ארויפגעוואָרפן א מורא אויף גאַנץ נאָוואָגרודקער קרייז די נקמה-אַקטן פון טוביה בעלסקים אָטריאַד קעגן די פּויערים, פּאָליציי און דייטשישע אַגענטן.

פּופּצן מאַן פון ביעלסקים אָטריאַד זיינען, לויטן באַפעל פון קאָמאַנדיר, אוועק אין דאָרף איזוויע (נאָוואָגרודקער ראַיאָן), אויסגעהרגעט א פּאָליציייאישע פאַמיליע און אַלץ פאַרברענט (יולי 1942). אין דאָרף ליטאָווקע האָבן זיי אויך אויסגעהרגעט א פּאָליציייאישע משפּחה.

די דייטשן האָבן פאַרן פאַרניכטן די ליובטשער ייִדן זיי קאָנצענטרירט אין א לאַגער אין דאָרף ווערכאָוויטש (ליובטשער ראַיאָן). ביעלסקים אָטריאַד האָט געמאַכט א „באָמביאָזשקע" און אויסגע'הרג'עט צוויי פּאַשיסטישע פאַמיליעס פון א.ד. דאָרף. אויך אין דאָרף סלובאָוויטש (ביי נאָוואָגרודעק) האָבן זיי אויסגעמאָרדעט פּאָליציייאישע פאַמיליעס.

מערץ 1943, זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן פון ביעלסקים אָטריאַד 10 פּאַרטיזאַנער מיט אברהם פּאָלאָנסקי בראש אויף א שפּיוז־פאַרגרייטונג. זיי האָבן זייער אויפגאַבע אויסגעפירט בשלמות. פינף ק"מ פאַר נאָוואָגרודעק זיינען זיי אריין צו א באַקאַנטן פּויער, ביעלאָוס, אָפּרוען און אָפּוואַרטן, ביז עס וועט ווערן טונקל און מען וועט זיך קענען ווייטער לאָזן אין וועג אריין. ביעלאָוס האָט זיי זייער פיין אויפגענומען, האָט זיי געגעבן אָפּצועסן און צוגעגרייט ערטער אויף צו שלאָפן. ארויסשטעלנדיק א וואַך, האָט זיך די גרופּע געלייגט אָפּרוען. נאָך מיטאָג איז דער כוטאָר פלוצעם ארומגערינגלט געוואָרן דורך א גרעסערער צאָל פּאָליציסטן. ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן האָט ביעלאָוס דערטראָגן דער פּאָליציי אין נאָוואָגרודעק דורך זיין זון, אז ביי אים געפינען זיך פּאַרטיזאַנער. דער אָנפאַל איז געקומען אזוי אומגעריכט, אז די פּאַרטיזאַנער האָבן אפילו ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך קעגנצושטעלן. זיי זיינען אלע אויסגעשאָכטן געוואָרן. בלויז אברהם פּאָלאָנסקען איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין א הינער־שטייג הינטערן אויוון. ווען די פּאָליציי איז אוועקגעפאָרן און די גאַנצע משפחה ביעלאָוס האָט זיך געזעצט צום טיש פייערן דעם „נצחון" איבער די „זשידעס", איז ער ארויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש און האָט אויסגעשריען: „די פּאַרטיזאַנער וועלן דיר דאָס ניט מוחל זיין". ער איז אָבער גלייך געפאַלן טויט פון א זעץ פון הינטן מיט א האַק איבערן קאָפּ.

נאָך צוויי טעג אָפּוואַרטן דעם צוריקער פון דער גרופּע, האָט ביעלסקי ארויסגעשיקט אן אויסשפּירער־גרופּע, וועלכע האָט זיך דערוווּסט וועגן שרעקלעכן אָנפאַל. עס איז באַשטימט געוואָרן תיכף צו נעמען א בלוטיקע נקמה פון מסור. קאָמאַנדיר ביעלסקי שיקט דאַן ארויס א גוט באַוואָפנטע שטראָף־עקספּעדיציע פון 25 מאַן אונטער דער אָנפירונג פון זיין ברודער עשהאל און באַפוילט זיי, אז זיי זאָלן נקמה נעמען פון ביעלאָוסן און זיין משפחה, אלץ אוועקלאָזן מיטן רויך, אָבער קיין שום זאַך פון די שטוב־חפצים ניט נעמען.

עשהאל האָט זיין אויפגאַבע אויסגעפילט פּינקטלעך. ביעלאָוס מיט זיין משפחה זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן און זיין הויז מיטן גאַנצן פאַרמעגן איז פאַרברענט געוואָרן. אין א קעשענע פון ביעלאָוס בגד האָט מען געפונען א בריוו פון נאָוואָגרודקער געביטס־קאָמיסאַר טראַובע, אין וועלכן ער דריקט אים אויס א דאַנק פאַרן ארויסגעבן די צען יידישע

פּאַרטיזאַנער און דריקט אויס זיין האָפענונג, אז אויך אויף להבא וועט ער זיין אזוי לאָיאַל צו דער דייטשישער מאכט.

עס איז כּדאי צוצוגעבן, אז נאָכן אויסמאָרדן די צען פּאַרטיזאַנער האָט דער געביטס־קאָמיסאַר טראַובע פאַראָרדנט אויסצוקלעפּן מעלדונגען איבער דער שטאָט, אז דער „יידישער באַנדיט" ביעלסקי מיט זיין אָטריאַד איז פאַרניכטעט געוואָרן און אז אזא סוף וועלן האָבן אַלע פּאַרטיזאַנער און די, וועלכע וועלן זיי העלפן.

אויף צוריקוועגס האָט די שטראָף־עקספּעדיציע אָפּגעטראָטן אין א צווייטן כוטאָר צו א געוויסן פּויער קאָזאַק, וועלכער האָט געמסרט די דייטשן אין נאָוואָגרודעק, אז פיר יידישע בחורים זיינען ארויס פון געטאָ און געוואָלט אוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער (די יידן האָבן דאַן ניט געקענט דערגיין צו די פּאַרטיזאַנער צוליב אויסגעמאַטערטקייט און הונגער און זיך אומגעקערט צוריק אין געטאָ).

די דייטשן האָבן דאַן אויסגעשטעלט 250 יידן פון געטאָ און דער פּויער האָט אָנגעוויזן אויף פיר יידישע בחורים, אלס די „שולדיקע" און מען האָט זיי אויפן אָרט צעשאָסן. איצט האָט דער פּויער באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר זיין מסירה.

די דאָקטאָרין מאנוסיעוויטש פון נאָוואָגרודעק האָט איבערגעגעבן דעם קאָמאַנדיר ביעלסקי, אז אין דאָרף סלאָוצע (וואסיליויבער גמינע), לעבט א פּויער לאַווסקי, וועמענס צוויי זין דינען אין דער פּאָליציי און האָבן אָנגעטאָן יידן געברענטע צרות. זיי האָבן דאָס טאַקע געבאַפּט דעם דר. זיסקין פון נאָוואָגרודעק, ווען ער איז אין נאָוועמבער 1942 אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער אינאיינעם מיט בן־ציון גולקאָוויטש, יעקב רודניצקי, מיכל לייבאָוויטש, משולם באָלדע, מרדכי שמוליעוויטש, אליעזר קאָטליאַר און יצחק בערקאָוויטש און אים איבערגעגעבן צו די דייטשן. צוקומענדיק ביינאכט צום הויז פון די מערדערס האָבן די הינט, וועלכע האָבן געהיט דעם הויף, אָנגעהויבן שטאַרק צו בילן. לאַווסקי, וועלכער האָט זיך געפונען אין שטוב, האָט פאַרשטאַנען, אז אין אזא שפּעטער שעה קענען קומען אויף א וויזיט נאָר פּאַרטיזאַנער. ער האָט זיך גלייך א לאָז געטאָן דורכן פענצטער. די פּאַרטיזאַנער האָבן אָבער באַמערקט און געכאַפּט אים א לעבעדיקן. נאָך א לאַנגער אויספאָרשונג, באַגלייט מיט קלעפּ, און נאָכן אָפּנעמען ביי אים דאָס געווער און אָנגערויבטע יידישע פאַרמעגנס, האָט מען די גאַנצע פאַמיליע אויסגעשאָסן און די ווירטשאַפט פאַרברענט, איבערלאָזנדיק א מעלדונג, אז דאָס האָבן זיך די יידישע

פארטיזאנער אָפּגערעכנט מיט זייער שונא און אז אזא סוף וועלן האָבּן אַלע יידן-מערדערס.

אין דעצעמבער 1942 האָט חנן פרעסמאן איבּערגעגעבּן בּיעלסקין, אַז ניט ווייט פון כוטאר אבּעלקאָוויטש (נאָוואָגרודקער געגנט), געפינט זיך א פויער, קאָמענדאנט פון דער אָרטיקער ווייסרוסישער „סאמאָכאָווע״, וועלכער האָט שוין אומגעבּראכט צענדליקער יידן. בּיעלסקי פאראָרדנט קעגן דעם פויער א שטראָף-עקספּעדיציע. דער בּאפעל איז געווען: אלץ פארניכטן און קיינעם ניט לאָזן לעבּן. דעם 25-טן יאנואר 1943 בּיינאכט האָט מען ארומגערינגלט דעם פויערס הויז. נעבּן יעדן פענצטער האָט מען ארומגעשטעלט וואכן. דער קאָמאנדיר טוביה, זיין בּרודער עשהאל, פּסח פרידבּערג, בּן-ציון גולקאָוויטש און מיכל לייבּאָוויטש זיינען אריין צום פויער אין שטוב. אין צימער איז געשלאָפן די גאנצע משפּחה פון פויער. פּסח פרידבּערג, וועלכער האָט געקענט דעם פויער פון אויסזען, האָט זיך צו אים צוגעזעצט אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך. דער פויער האָט ניט דערקענט אין די אריינגעקומענע, אַז דאָס זיינען יידן. ער האָט זיי געענטפערט אין דער ווייסרוסישער שפּראך צום גראם: „די פויערים לעבּן זיך גאנץ גוט און מען בּאָדט זיך אין יידיש בּלוט!״. „אָט—דערציילט ער — האָבּ איך מיט עטלעכע טעג צוריק געכאפּט צוויי יידן און א פרוי מיט צוויי קינדער. איך האָבּ זיי א גאנצע נאכט געהאלטן אין קעלער, וו זיי זיינען גוט דערפרוירן געוואָרן און דאן האָבּ איך זיי איבּערגעגעבּן דער פּאָליציי אין דוואָרעץ. מיט א פּאָר וואָכן פריער האָבּן מיר געכאפּט עלף יידן, מיר האָבּן זיי צונויפגעבּונדן, ווי די שעפּסן און אָפּגעפירט צו די דייטשן״.

אויף דער פראגע, ווי אזוי דערלייבּט ער זיך אזוינס צו טאָן, האָט דער פויער תמעוואטע געענטפערט: — „היטלער האָט ארויסגעגעבּן אזא בּאפעל און מיר מוזן עס אויספירן״.

פאַרן אויספירן אזוי געטריי היטלערס בּאפעלן איז ער און זיין גאנצע משפּחה געוואָרן אויסגעקוילעט. אויף די הייזער האָט מען ארויסגעהאנגען מעלדונגען, אַז דאָס האָבּן געטאָן יידישע פארטיזאנער און אזא וועט זיין דער סוף פון די אלע, וועלכע ארבּעטן מיטן דייטש.

דעם 3-טן יאנואר 1944 איז עשהאל בּיעלסקי מיט א גרופּע פון פינף מאן אריינגעפאָרן אין איוועניעץ צום אפּטייקער און צוגענומען בּיי אים מעדיקאמענטן. דאָס שטיקל ארבּעט איז אדורך אָן קרבּנות הארט אונטער דער נאָז פון די דייטשן. זייענדיק צופרידן, וואָס עס האָט זיך אזוי

איינגעגעבן לייכט אדורכצופירן די אויפגאבע, האָבן זיי באַשלאָסן אויף צוריקוועגס זיך נוקם צו זיין פון וואלד־וועכטער צישיק איוואן, וועלכער האָט אין דעם ערשטן פעריאָד פון דער פארטיזאנקע אָפּגעהיט, אז אין זיין אומגעגנט, ארום די גרויס־איזוויער וועלדער, זאָלן ניט קענען זיך באַזעצן קיין פארטיזאנער און געהאט אויף זיין געוויסן ניט איין יידיש לעבן. מען האָט דעם וואלד־וועכטער מיט זיין גאנצער משפחה און פארמעגן פארברענט.

בכדי אָנצוקומען אויף זייער באזע, האָבן זיי געמוזט דורכשניידן דעם שאָסיי לידע — נאָוואָגרודעק. פּלוצעם האָבן זיי באמערקט צוויי פורן. זיי האָבן די פורן פארהאלטן און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס זיינען צוויי באקאנטע פויערים יידן־מערדערס וואסילי ראָמאניוק און סטעפאן בולהאטע, וועלכע האָבן געדינט ביים דייטש און האָבן געהאט פאסיר־שיינען אלס נוצלעכע פערזאָנען. מען האָט זיי גלייך דערשאָסן און די פורן מיט די סחורה, זאלץ, ציגארעטן א. א. וו. האָבן די פארטיזאנער צוגענומען.

אויך די פארטיזאנער פון דער 3־טער יידישער ראָטע פון אָרליאנסקי־אָטריאד האָבן גענומען אומברחמנותדיק נקמה פון די יידישע מערדערס. צוויי קריסטן, מאטשיי און אנטאָן פון דאָרף מאלערי (דוואָרעצער גמינע, באראנאָוויטשער קרייז), פלעגן באפאלן די אנטלויפנדיקע יידן פון זשעטלער געטאָ און איבערגעבן זיי דער דייטשער זשאנדארמעריע. די דאָזיקע צוויי פויערים האָבן דאָס געכאפּט דעם זשעטלער רב און רביצין און אויסגעטאָן זיי נאקעט און אָפּגעפירט אין דער זשאנדאר־מעריע, וווּ מען האָט זיי אויף א שווידערלעכן אופן דערמאָרדעט. די יידישע פארטיזאנער פון ליפּיטשאנער פּושטשע האָבן באַשלאָסן נקמה נעמען פון די באנדיטן.

דעם 10־טן דעצעמבער 1942, איז א גרופּע, וועלכע איז באשטאנען פון יחיאל יאָסעלעוויטש, שלום גולקאָוויטש, שלום געדלינג, חיים סלאָמקע, יהושע שאכנאָוויטש, פיניע גרין, אברהם מגיד א. אנד. אריינגעפאָרן אין דאָרף מאלערי און ארומגערינגלט דאָס הויז פון פויער מאטשעי. ער איז אָבער געווען ביי א שכן און געשיכורט. מען האָט דאן ארומגערינגלט דעם שכנס הויז, ווו עס זיינען געזעסן פויערים און געטרונקען. די פארטיזאנער זיינען אריין אין שטוב, ארויסגענומען מאטשייען און פאר אלעמען אין די אויגן אים דערשאָסן, אויפקלערנדיק

די סיבה פון זייער טאט. אין יענער נאכט האָט מען אויך אומגעבראכט דעם צווייטן מערדער, אנטאָן.

א גרופּע יידישע פּארטיזאנער פון אָרליאנסקן אָטריאד איז פאָרנדיק אויף א ווירטשאפטס־אויפגאבע נעבן דוואָרעץ (זשעטלער געגנט) אריין עסן צו א באקאנטן פּויער. דער פּויער האָט זיי דערציילט, אז אין יעזאָוויצער כוטאר (7 ק״מ פון דוואָרעץ) זיינען אריין עלף אנטלאָפענע יידן פון דוואָרעצער שחיטה און געבעטן א דערלויבניש איבערצונעכטיקן. דער פּויער האָט זיי זייער פיין אויפגענומען, געגעבן זיי אָפּצועסן און וואסער אויף ארומוואשן זיך. ווען די יידן זיינען מידע און דערשלאָגענע איינגעשלאָפן, האָט ער עס תיכף געמאָלדן דורך זיין זון דער קאָזלאָווי־שטשיזנער פּאָליציי (סלאָנימער געגנט). עס זיינען באלד אראָפּגעקומען פּופּצן ווייס־רוסישע פּאָליציסטן און אלע יידן זיינען אוועקגעטריבן געוואָרן קיין קאָזלאָווטשיזנע און דאָרט אויף אן אכזריותדיקן אופן אומגעבראכט געוואָרן.

די א. ד. גרופּע, מיטן רוסישן ראָטע־קאָמאנדיר סערגיי פּלאגא בראש, איז, נאָכן אויסהערן די דאָזיקע שוידערלעכע מעשה, תיכף אוועקגעפאָרן צו די באַרקער כוטארעס צום פּויער, וועלכער האָט אויך געהייסן באָרקע. עלף א זייגער ביינאכט האָבן זיי אָנגעקלאפּט צו אים אין טיר. עס האָט זיי געעפנט באָרקע אליין. ער האָט זיי זייער שיין אויפגענומען און געשטעלט שנאפּס אויפן טיש. אויף דער פראגע, צי ער איז אליין אין שטוב, האָט ער געענטפערט, אז זיין 24־יעריקער זון איז אויך דאָ. מען איז גלייך צוגעטראָטן אויסצופאָרשן זיי. לכתחילה האָבן זיי ביידע געלייקנט, אָבער נאָך א פּאָר גוזונטע קלעפּ האָט זיך דער זון מודה געווען און דערציילט אויספירלעך וועגן דעם גאנצן פאל. מען האָט קאָנפיסקירט ביים פּויער זיין גאנצע האָב און גוטס, דאָס הויז מיט די שייערן פארברענט, אלע משפחה־מיטגלידער אויסגעשאָסן און דעם פּויער מיטן זון האָט מען נאקעטערהייט צוגעבונדן צום שליטן און אָפּשלעפּנדיק זיי עטלעכע הונדערט מעטער דערשאָסן.

די גאנצע פּארטיזאנער־גרופּע האָט געגעבן א שבועה ביי די פּגרים פון די מערדערס, אז זיי וועלן נקמה נעמען פון יעדן איינעם, וועלכער האָט א חלק אין פארגאָסענעם יידישן בלוט.

דער פּארטיזאן אברהם מגיד האָט פאָרנדיק אויף א ווירטשאפטס־אויפגאבע פארן אָרליאנסקי אָטריאד זיך דערוווּסט, אז דער קריסט קולעש, וועלכער האָט געוווינט נעבן שטעטל ביעליצע, האָט ארויסגעגעבן די

דײַטשן די גאַנצע פֿאַמיליע פֿון ביעליצער שוסטער לייזער־חיים שעשקאָ. שעשקאָ האָט זײַן גאַנצן שווער־פֿאַרהאָרעוועטן פֿאַרמעגן אָפּגעגעבן צו באַהאַלטן קולעשן, אַלס זײַן בעסטן גוטן פֿרײַנט. קולעש האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן די מינוט, ווען ער וועט קענען ירשענען דעם ייִדישן שוסטער. זײַן אומגעדולד איז דערגאַנגען צו אַזאַ אַכזריותדיקער מדרגה, אַז ער האָט פֿאַר שעשקאָן געבראַכט סם אין געטאָ און פֿאָרגעלייגט אים ניט צו וואַרטן, ביז די דײַטשן וועלן זיי אומברענגען, נאָר זיי זאָלן זיך בעסער אַליין נעמען דאָס לעבן.

נאָך דער צווייטער שחיטה אין זשעטלער געטאָ איז שעשקאָן מיט זײַן פֿאַמיליע געלונגען זיך צו ראַטעווען און ער איז אַנטלאָפֿן צו זײַן „גוטן פֿרײַנט" קולעשן, ווו ער האָט געהאָפֿט זיך אויסצובאַהאַלטן. קולעש נעמט זיי פֿרײַנטלעך אויף. בשעת זיי זײַנען מידע און דערשלאָגענע אײַנגעשלאָפֿן, האָט קולעש אויסגענוצט דעם מאָמענט, אַוועקגעלאָפֿן אין זשעטל און געבראַכט צוויי דײַטשן און צוויי ווײַס־רוסישע פּאָליציסטן. די אומגליקלעכע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון די מערדערישע קלעפּ און מיט שרעק דערזען פֿאַר זיך די באַוואָפֿנטע מערדערס און קולעשן מיטן טייוולאָנישן שמייכל, וועלכער האָט זיך צו אים אָפּגערופֿן: „גענוג שוין אײַך צו לעבן גוט, איצט וועלן מיר שוין נעמען לעבן!" שעשקאָס פֿאַמיליע איז אָפּגעפֿירט געוואָרן קיין ביעליצע, ווו זיי זײַנען עפֿנטלעך בײַ אַ בראַוואָ־פּאַטשערײַ און הילכיקן געלעכטער פֿון פֿאַרזאַמלטן המון דערשאָסן געוואָרן.

אברהם מגיד האָט גענומען מיט זיך נאָך אַכט ייִדישע פּאַרטיזאַנער און אַוועקגעפֿאָרן צו קולעשן. זיי האָבן אַרויסגעפֿירט זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן, פֿאַרברענט דאָס הויז און אומגעבראַכט זײַן פֿרוי און טאָכטער. קולעשן גופא האָבן זיי פֿאַרשלעפּט מיט זיך אויפֿן פֿראָם איבערן טײַך ניעמאַן, וועלכן זיי האָבן באַדאַרפֿט אַריבערפֿאָרן, אָנגעבונדן אַ שטיין אויפֿן האַלדז און דערטרונקען.

דער אָרליאַנסקי־אָטריאַד האָט ענדע פֿעברואַר 1943 דורכגעפֿירט אַ שטראָף־עקספּעדיציע איבערן דאָרף סיוויטש (בײַ זשעטל), אַלס נקמה־אַקט פֿאַר דעם טויט פֿון די העלדישע ייִדישע פּאַרטיזאַנער; אברהם ראַשקין (זשעטל), יונה אָרזשעכאָווסקי (ביעליצע) און פֿאַרן ערנסט פֿאַרוווּנדעטן ליפּע גליקמאַן (וואַרשע), וועלכע האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ לויערונג פֿון דער דאָרפֿישער „סאַמאָכאָווע".

די שטראָף־עקספעדיציע האָט באַקומען אַ באַפעל: נעמען דעם אָנפירער פון דער סייוויטשער „סאַמאָכאָווע״, קאַסטיק ליובעצקי אַ לעבעדיקן און רעקווייזירן די שפייז־רעזערוון, דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר פון גאַנצן א. ד. דאָרף.

דאָס הויז פון ליובעצקין איז פּלוצעם אַרומגערינגלט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. ער איז אויפגעפּאָדערט געוואָרן אַרויסצוגיין אין דרויסן. אויף דער פאָדערונג האָט ער געענטפערט מיט אַ שיסעריי און מיט אויסרופן, אַז „זשידעס״ וועט ער צו זיך אין שטוב ניט אַריינלאָזן.

דער ראָטע־קאָמאַנדיר, יוזשקאָוו, וואַרפט דאַן אַוועק זיין אויטאָמאַט און פאַרזיכערט ליובעצקין, אַז ער איז אַ רוס און אַז ער וויל זיך מיט אים בלויז פאַרשטענדיקן. קאַסטיק עפנט דאַן די טיר. אויסנוצנדיק דעם מאָמענט, רייסן זיך אַלע פּאַרטיזאַנער אַריין אין שטוב. נאָך אַ קורצן קאַמף איז ער דערשאָסן געוואָרן. אין דער זעלביקער צייט האָבן די איבעריקע פּאַרטיזאַנער „באַאַרבעט״ דאָס דאָרף, צונעמענדיק דאָס פויערישע גוטס.

דער דרייסטער נקמה־אַקט, האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דער פויערישער באַפעלקערונג פון דער גאַנצער געגנט. באַזונדערס צוליב דעם, וואָס דאָס שטיקל אַרבעט איז פאָרגעקומען 12 אַ זייגער בייטאָג, האַרט אונטער דער נאָז פון זשעטלער דייטשישן גאַרניזאָן.

אין דער ערשטער צייט, ווען די צעלאָפּענע יידן פון די געטאָס האָבן נאָך געלעבט אין די פּושטשעס אַלס באַזונדערע, איינצלנע, קליינע גרופּעס, איז זייער עיקר טעטיקייט געווען — נקמה.

אַ גרופּע יונגטלעכע פון איוויע, וועלכע האָבן געלעבט אין אַ בונקער אין מאַרינער וואַלד (8 ק״מ פון שטעטל), האָט זיך בלוטיק אָפּגערעכנט מיטן פויער לאַסטון פון דאָרף סטריזשינאַט. לאַסטון האָט נאָכן צונעמען ביי דער איוויער פרוי פריידל ווייסמאַנסקי איר ביסל געלט, וועלכע זי האָט געהאַט נאָכן ראַטעווען זיך בעת דער ליקווידאַציע פון איוויער געטאָ (17־טן יאַנואַר 1943, זיינען אַלע אַרויסגעפירט געוואָרן קיין באָריסאָוו), געשלעפּט זי דריי ק״מ פאַר די האָר צו דער איוויער זשאַנדאַרמעריע, וווּ זי איז אומגעקומען אין שרעקלעכע יסורים.

שעפּסל שעפּטל, הירש לעווקאָוויטש, לייב קאַלמאַנאָוויטש, הירש גאָלדשמיט זיינען ביינאַכט אַוועק צום א. ד. פויער און אויפגעפאָדערט,

אז ער זאָל זיי גיין ווייזן דעם וועג צו א צווייטן דאָרף. אפגייענדיק עטלעכע ק״מ דורך א וואלד, האָבן זיי בײַ אים דרך־אגב געפרעגט וועגן גורל פון דער יידישער פרוי, וועלכע האלט זיך אויס בײַ אים. ניט באַקומענדיק קיין ענטפער האָט אים שעפסל שעפטעל דערשאָסן. אין היטל האָבן די פּאַרטיזאַנער אריינגעלייגט א צעטל מיט פאָלגנדיקן אינהאלט: „דערשאָסן געוואָרן פאַר איבערגעבן א יידישע פרוי אין דייטשע הענט".

אין די וועלדער ארום די דערפער מיקאָלאיעווא, וואָלאָשיצא און דובראָיסק (מאַראָטשנער ראַיאָן, פּאָלעסיע) האָבן געלעבט לערך 100 יידן, אנטלאָפענע פון די שחיטות פון די שטעטלעך סיערניק, מאַראָטשין, קאָסטאָפּאָל. בראש פון דער גרופּע איז געשטאַנען באַצקל ליבערמאַן. די גרופּע האָט פאַרמאָגט בלויז 2 ביקסן, איין פּיסטאָלעט און א קורצע ביקס.

דעם 1־טן יאַנואַר 1943 איז פּלוצעם דער לאַגער באַפאַלן געוואָרן דורך פּאָליציסטן און עס זיינען אומגעקומען 17 יידן.

נאָך דעם האָט מען זיך דערוווּסט, אז דער איבערפאַל איז פאָרגעקומען צוליב א מסירה פון די צוויי פּויערים פון דאָרף מיקאָלאַיעוואָ איוואַן גיבער און לעווקאָ.

די יידן האָבן באַשלאָסן צו נעמען פון זיי נקמה. א גרופּע פון 6 מאַן אונטער דער אָנפירונג פון לוי פישמאַן (זאַמאַראָטשניע) און א צווייטע גרופּע בראש מיט משה טורקעניטש זיינען אוועק אין א.ד. דאָרף און „דערליידיקט" ביידע מוסרים־באַנדיטן.

די גרופּע האָט אויך אומגעבראַכט די שוחטים פון די סיערניקער יידן; דעם פּאָליציי ־ קאָמענדאַנט איוואַן פּאַליוווניק און די ברידער אנדריי און דאַנילאַ דראָבטיוק און אדורכגעפירט נאָך פיל נקמה־אַקטן אין זייער טעטיקייטס־ראַיאָן.

די געציילטע יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בײַ די פּויערים אָדער געלעגן אין די וועלדער אין יענער געגנט, האָבן אַדאַנק דעם פאַל איבערגעלעבט די מלחמה.

דער סעקרעטאַר פון דער מייטשעטער גמינע (נאָוואָגרודקער קרייז) האָט געוווינט א האַלבן ק״מ פון שטעטל. ער איז געווען א דייטשישער קאָלאַבאָראַנט און פלעגט פאַרהאַלטן יעדן אומגליקלעכן יידן, ווען עס איז געלונגען צו אנטלויפן פון געטאָ, דערשיסן און צורויבן זיין לעצט ביסל האָב און גוטס. די יידישע פאַרטיזאַנער פון די האָרקער וועלדער (יידן

פון דוואָרעץ און מייטשעט) האָבן באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין פון דעם בלוטיקן שונא, בכדי צו באַווייזן די אַרומיקע קריסטן, אַז עס איז דאָ אַ שטראָפנדיקע האַנט, וועלכע מאַכט אַ חשבון מיט מערדערס, וועלכע פאַרגיסן יידיש בלוט. ניין אָ זייגער אינאָוונט איז אַ גרופּע פון ניין מאַן מיט זעקס ביקסן (די איבעריקע מיט שטעקנס) און אַ ליטער בענזין אַוועק אין דער ריכטונג פון סעקרעטאַרס הויז. איינס אַ זייגער ביינאַכט איז אַרומגערינגלט געוואָרן דער כוטאָר און מען האָט אַוועקגעלייגט נעבן יעדן פענצטער צוויי באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. לויטן באַפעל פון קאָמאַנדיר איז דייכעס צוגעשיקט געוואָרן אָנצוקלאַפּן אין פענצטער פון רוצח און בעטן ביי אים ברויט, בכדי דער סעקרעטאַר מיט זיין זון זאָלן אַרויסלויפן אין דרויסן (ווי ער פלעגט עס שטענדיק טאָן) צו כאַפּן די ניט-באַוואָפנטע יידן אויף איבערצוגעבן זיי אין דייטשישע הענט. אַזוי ווי פאַרפּילנדיק עפּעס דראָענדיקס, איז דאָסמאָל קיינער ניט אַרויס. דער סעקרעטאַר האָט אַרויסגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט דורכן פענצטער. דייכעס האָט זיך דאַן אָנגערופן: — „מיר זיינען ניט קיין הינט, לאָזט אונדז אַריין אין שטוב און גיט אונדז אָפּצועסן ווי מענטשן". דער סעקרעטאַר מיטן זון האָבן דאַן אָנגעהויבן צו שיסן דורך די פענסטער. די לויערנדיקע פּאַרטיזאַנער האָבן געענטפערט מיט פייער. דייכעס איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך מיט אַ פלאַש בענזין און אונטערגעצונדן דאָס הויז. דער סעקרעטאַר מיט זיין גאַנצער משפחה זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט.

אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער פון ציגאַנקאָווס אָטריאַד, האָט באַקומען אַ באַפעל צו צעשניידן די טעלעפאָן-דראָטן אויפן שאָסיי בריסק — מאָסקווע. זעקס מאַן זיינען אַוועק אויסטפילן די אויפגאַבע. אַן ערך 7 ק"מ פון שאָסיי, ווו זיי האָבן באַדאַרפט דורכפירן דאָס שטיקל אַרבעט, האָבן זיי אָנגעקלאַפּט צו אַ פּויער. אַ דערשראָקענער עפנט זיי דער פּויער די טיר. די פּאַרטיזאַנער האָבן ביי אים געבעטן אַ זעג מיט אַ האַק. ניט וואַרטנדיק, ביז דער פּויער וועט זיי געבן די געבעטענע כלים, האָבן די פּאַרטיזאַנער אַליין אָנגעהויבן זוכן און געפונען אַנשטאָט אַ האַק אָנגערויבטע יידישע זאַכן.

— „פון וואַנען קומען דאָס צו דיר יידישע זאַכן? וויפל יידן האָסטו דערמאָרדעט?!"

דער פּויער האָט לכתחילה ניט געענטפערט קיין וואָרט, אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט באַקומען אַ פּאָר שטאַרקע קלעפּ, האָט ער

אָנגעהויבן צו ריידן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיין זון דינט אין דער דייטשישער פּאָליציי און די זאכן האָט ער עס טאקע געבּראכט פארן טאטן א מתנה. די יידישע פארטיזאנער האָבּן דאן אויסגעליידיקט דאָס גאנצע הויז און אװעקגעשיקט עס אויף א פור צו זיך אין לאגער. דעם פויער מיט זיין גאנצער פאמיליע האָבּן זיי צעשאָסן און דאָס הויז פארבּרענט. אויפן אָרט האָבּן זיי איבּערגעלאָזט א צעטל אין דער רוסישער שפּראך: „אזוי װעט מען טאָן מיט אלעמען, װער עס װעט העלפן די דייטשן".

אויף װאָלין זיינען דורך יידישע פּארטיזאנער אומגעבּראכט געװאָרן פיל אוקראינישע פאשיסטן פאר מאָרדן יידן און מיטארבּעטן מיטן דייטש.

דער יידישער װוואָד פון קרוקס אָטריאד האָט בּעיקר אין דער ערשטער צייט נאָך זייער ארויסגיין אין די װעלדער, סיסטעמאטיש אָפּגענומען בּיי די פּויערים דאָס אָנגערויבּטע יידישע אייגנטום פון די ארומיקע געטאָס. זיי האָבּן אויך אומרחמנותדיק פארניכטעט אלעמען, װער עס האָט אָנטייל גענומען אין יידישע שחיטות און ארויסגעגעבּן צו די דייטשן אנטלויפנדיקע יידן.

א גרופּע פון 15 מאן פון א. ד. אָטריאד, איז אװעק אין דאָרף שטשערוויטש (קאמיען-קאשירסקער ראיאָן) צו כאפּן דעם גמינע-סעקרעטאר, װאָס האָט דערמאָרדעט צענדליקער רוסישע זעלנערס און קאָמאנדירן בּעתן אָפּטרעטן פון דער רויטער ארמיי און אקטיוו אנטייל גענומען בּיים ליקווידירן די יידן אין שטעטל קאמיען-קאָשירסק.

דעם סעקרעטארס הויז איז ארומגערינגלט געװאָרן און מען האָט בּאפוילן עפענען די טיר, אָנגעבּנדיק זיך אלס אוקראינישע פּאָליציסטן. אויפן פּארטיזאנישן שטייגער האָט מען אריינקומענדיק גלייך געפרעגט, צי עס געפינען זיך ניט אין שטוּב קיין פרעמדע מענטשן און נאָכן אדורכפירן א גרינטלעכע רעוויזיע בּאפוילן אלעמען אויסלייגן זיך אויפן דיל מיטן פּנים אראָפּ. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער סעקרעטאר איז אין שטוּב ניט געװען און, אז ער נעכטיקט ניט צוליבּ מורא פאר נקמה אין הויז. די װאכן, װעלכע זיינען געװען אויסגעשטעלט ארום דאָרף, האָבּן בּאמערקט, אז א פאַרדעכטיקטע פּערזאָן דרייט זיך ארום. אויפן בּאפעל: — „שטיי, די הענט אין דער הויך!", האָט ער אָנגעהויבּן צו אנטלויפן. א פּארטיזאנישע קויל האָט אים אָבּער שנעל אָנגעיאָגט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס האָט מען דערשאָסן דעם געזוכטן סעקרעטאר. זיין גאנצן פארמעגן האָבּן די פּארטיזאנער צוגענומען און דאָס הויז פארבּרענט.

אין אָקטאָבער 1942 איז די זעלביקע יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע ארויס אין דאָרף לישניפקע (מאַניעוויטשער ראַיאָן) צו כאַפּן דעם פּאָליציי־קאָמענדאנט, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער ליקווידאַציע פון די מאַניעוויטשער יידן. דעם קאָמענדאנטס שטוב איז געוואָרן ארומגערינגלט. דער שלאָפנדיקער קאָמענדאנט האָט שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קעגנשטעלן זיך. מען האָט אים צונויפגעבונדן און אלע שטובּיקע באַפוילן אויסצולייגן זיך מיטן פּנים צום דיל.

נאָך עטלעכע שעה פון פּייניקן אים האָט ער מסכּים געווען צו באַווייזן וווּ עס געפינט זיך זיין ביקס. אָבער ארויסגייענדיק אין דרויסן אויפן וועג צום שייער, האָט ער אָנגעהויבּן צו אנטלויפן. די נאָכיאָגנדיקע פּאַרטיזאַנער־קוילן האָבן געמאַכט א סוף צו זיין לעבן. קומענדיק צוריק אין וואַלד, האָבּן א סך יידן דערקענט זייערע צוגערויבּטע זאַכן.



לאָרבער דב (מאַלינקע),
וזוואָד־קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „קרוק".
אויסגעצייכנטער, באַאָרדנטער פּאַרטיזאַן.

צוויי טעג שפּעטער איז די זעלביקע גרופּע אוועק אין דאָרף סיערכאָוו (מאַניעוויטשער ראַיאָן) אומצוברענגען דעם אָנפירער פון דער אוקראַינער מערדער־באַנדע „זיעלענאָווצעס", וועלכער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן פיל דערמאָרדעטע רוסישע זעלנערס, אָנטייל גענומען אין דער מאַניעוויטשער שחיטה און פלעגט פלייסיק אויספאַנגען פאַר־באַהאַלטענע יידן אין די דערפער און זיי אויסהרגענען.

די אונטערגענומענע אָפּע־ראַציע איז געווען זייער א געפערלעכע צוליב דעם, ווייל אין דאָרף זיינען געווען פיל באַוואָפנטע פּויערים און דאָס דאָרף איז געווען ווייט פון דער פּאַרטיזאַנער זאָנע. אָבער די נקמה־לוסט איז געווען בּיי די פּאַרטיזאַנער זייער גרויס, און ניט קוקענדיק אויף

דער ריזיקע און לעבנס־געפאר האָבן זיי זיך דאָך דעצידירט זיך אָפּצורעכענען מיט דעם ווילדן יידן־פרעסער.

מיט הינטערשטע וועגן איז מען צוגעקומען צו דער הויז פון מערדער און עס ארומגערינגלט. איינער איז צוגעגאנגען צום פענצטער פון דער זייט און אָנגעקלאפּט, אָנגעבנדיק זיך אלס איינער פון זיינע חברים. דעם מערדער איז אויפן זינען ניט געקומען, אז דאָס קענען זיין יידישע פּארטיזאנער פון די וועלדער, ווייל אין דעם דאָרף זיינען קיין פּארטיזאנער ביז דאן נאָך קיינמאָל ניט געווען.

אויף דער פראגע, ווו איז זיין געווער און ווער עס זיינען זיינע מיטארבעטערס, האָט ער געענטפערט, אז קיין געווער האָט ער ניט און, אז זיינע מיטארבעטערס זיינען אין שכנותדיקן דאָרף קאראסין. אָריענטי־רנדיק זיך אין דער לאגע איז ער אין די אונטערוועש ארויסגעשפרונגען דורכן פענצטער. די דרויסן־וואך האָט אים נאָכגעשאָסן, פארוואונדעט און געבראכט צוריק אין שטוב. נאָך זיין אָפּזאָג צו ענטפערן אויף די געשטעלטע פראגעס, ווערט ער פארהרגעט צום טויט. די יידישע מעבל און מאשינעס, וועלכע די פּארטיזאנער האָבן ניט געקענט מיטנעמען מיט זיך, האָבן זיי חרוב געמאכט.

אָנהויב נאָוועמבער 1942, איז די זעלביקע גרופּע יידישע פּארטיזאנער אוועק אין דאָרף אָזירעץ (ראפאלאָוויקער ראיאָן). די פּויערים האָבן זיי דערציילט, אז א פּויער מיטן נאָמען קוזמא, האָט דערמאָרדעט פיל יידן אין שטעטל סיערניק און לעבעדיקערהייט געוואָרפן יידישע קינדער אין די ברינעמער. די פּארטיזאנער האָבן באשלאָסן, אז פאר די שוידערלעכע טאטן דארף דער פּויער באצאָלן מיט זיין לעבן. אויף צומאָרגנס האָט א גרופּע פון אכט מאן אונטער דער אָנפירונג פון פארטרעטער פון אָטריאד־קאָמאנדיר, לאָרבער דב (מאַלינקע) ארויס אויספירן די אויפגאבע. דער „העלד", ווייסנדיק פון די יידישע נקמה־אקטן אין אנדערע געגנטן האָט זיך געהיט און פלעגט תמיד ארומגיין מיט געווער אין קעשענע.

מער ווי א האלבע שעה האָבן די פּארטיזאנער געקלאפּט אין טיר און קיינער האָט זיי ניט געעפנט. ערשט נאָכן אויסהאקן די שויבן און אריינשיסן אין שטוב האָט זיך דערהערט א געוויין פון פרויען און קינדער.

נאָכן אויפרייסן די ערשטע טיר פון קיך האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די שטוביקע האָבן זיך פארבאריקאדירט אין א צווייטן צימער.

אריינלייכטנדיק מיט א טאשן־לאָמפּ, האָט מען באמערקט, ווי דער מערדער שטייט נעבן דער צווייטער טיר מיט א האק, גרייט צו וואַרפן זיך אויף יעדן וואָס וועט פּרוּוון אריינרייסן זיך אין שטוב. די יידן האָבן דורכן פענצטער אריינגעשאָסן צו קוזמאן. די קויל האָט אים אָבער ניט געטראָפן. פון פּחד איז אים ארויסגעפאלן די האק פון האנט. די פּארטיזאנער האָבן אויפגעריסן אויך די צווייטע טיר און זיך אריינגעריסן אין צימער. מען האָט דעם גזלן געבונדן די הענט און פיס און גענומען אויף א פארהער. ער האָט לכתחילה געלייקנט זיין אָנטייל אין פארגיסן יידישן בלוט און, אז ער זאָל האָבן געוועזן. דריי שעה האָט געדויערט דאָס מוטשען אים, אָבער ער האָט זיך געהאלטן עקשנותדיק ביי זייניקע און ניט געוואָלט אָפּגעבן זיינע געווער. די שטופּיקע פּויערטעס האָבן אָבער לסוף מודה געווען, אז ער איז געווען א יידן־מערדער. מען האָט אים דערליידיקט אויפן אָרט.

די יידישע פּארטיזאנער פון קרוקס אָטריאד האָבן דורכגעפירט נאָך פיל נקמה־אקטן, וואָס עס האָט געהאמעוועט די באנדיטישע אפּעטיטן פון די אוקראינישע פאשיסטישע מערדערס צו מאָרדן אומגליקלעכע יידן.

הארבסט 1942 איז געקומען צולויפן צום פאמיליע־לאגער ביים אָטריאד מיסיורא א פארבלוטיקטער יידישער בחור, אָשר טורקעניטש (האָראָדנע), וועלכער האָט זיך אויסבאהאלטן מיט זיין ברודער אין א וועלדל הינטערן דאָרף אָזיערסק. צו זיי פלעגן אָפט קומען אויף באזוכן זייערע „גוטע פריינט", צוויי אוקראינישע פּויערים פון דעם א. ד. דאָרף. ביינאכט איז געקומען איינער פון די פּויערים, מיט א מעסער דערשטאָכן אָשרס ברודער און אים אליין לייכט פארוואונדעט. צופעליק איז דאן קיינער פון די באוואָפנטע חברה ניט געווען.

אלעק אבוגאָוו נעמט מיט זיך צוויי אומבאוואָפנטע יידן פון פאמיליע־לאגער, לוי פישמאן (זאמאָראָטשנע) און משה לאנדע (דאָמבראָוויטש), וועלכע האָבן גוט געקענט די געגנט און לאָזן זיך אוועק אין דאָרף אָזיערסק.

דעם מערדער האָבן זיי אין שטוב ניט געטראָפן. ווען די פּארטיזאנער האָבן אָנגעהויבן רעווידירן דאָס הויז, איז דעם פּויערס א שוועסטער ארויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער, כדי צו וואָרענען איר ברודער, וועגן דער דראָענדיקער געפאר. אבוגאָוו האָט דאָס אָבער גלייך באמערקט און איר דערשאָסן. פּאָראויסזעענדיק, אז דער שאָס וועט ארויסרופן א טומל אין דאָרף, צינדן די פּארטיזאנער אונטער דאָס הויז

און אליין פאַרבאַהאַלטן זיי זיך אין דערבייאיקן וועלדל. לויטן אָפּרייד, האָט א פּויער־פאַרבינדלער גערדארפט געבן א צייכן דורך אויפהויבן זיין הוט אין דער הויך, ווען צווישן די פּויערים, וועלכע זיינען אָנגעלאָפן לעשן דאָס פייער, וועט זיך באַווייזן דער מערדער.

אין עטלעכע מינוט אַרום, האָבן זיי טאקע באַמערקט אַן אויפגעהויבענע הוט. די יידן האָבן זיך גלייך א לאָז געטאָן צום פייער אויסשיסנדיק עטלעכע מאָל אין דער לופטן. די פּויערים זיינען זיך אין שרעק צעלאָפן. דער אינפאָרמאַטאָר האָט אָנגעוויזן די פּאַרטיזאַנער אויף איינעם, וועלכער האָט זיך געלאָזט לויפן אין אַן אַנדער ריכטונג. אַבוגאַוו האָט אים נאָכגעיאָגט. דעם מערדער האָט זיך אָבער איינגעגעבן אַריינצולויפן אין א שייער און פאַרקלאַפּן הינטער זיך די טיר. אַבוגאַוו זעצט אַרויס די טיר און מיט די ווערטער: — „דאָ האָסטו פאַר דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט!" שיסט ער אין אים אַריין צוויי קוילן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער פון נאַטשער פּושטשע האָבן פיל געליטן פון די פּויערים פון יענעם ראַיאָן (וואַסילישאָק, ראַדון, זשעלודאָק, שטשוטשין), באַזונדערס ווען עס איז אויפגעקומען די וויס־פּוילישע פּאַרטיזאַנקע. די ווייסע־פּאָליאַקן איז געלונגען צו באַהערשן די אומגעגענט פון נאַטשער פּושטשע און געווינען די סימפּאַטיע פון די פּוילישע פּויערים. דער קאַמף מיט זיי אין דעם ראַיאָן איז געווען זייער א פאַרביסענער. דאָך האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך און נקמה גענומען פון די פּויערים יידן־מערדערס און ווייסע פּאָליאַקן.

דער פּויער שאַמאַשקאָ פון דאָרף קאָוואַלקי (ראַדונער געגנט), האָט געהאַט באַהאַלטן דאָס אייגנטום פון דער יידישער פאַמיליע ראָגאָווסקי פון שטעטל ראַדון. ווען די ברידער משה און בנימין ראָגאָווסקי זיינען געקומען צום פּויער אָפּצונעמען זייערע זאַכן, האָט ער דעם יינגערן ברודער משה גלייך דערשאָסן און בנימין האָט א פאַרוווּנדעטער באַוויזן צו אַנטלויפן. דער דאָזיקער פּויער איז געווען א גרויסער דייטשן־פריינט. ער האָט דאָס אָרגאַניזירט די פּויערים פון דאָרף קאָוואַלקי קעגן די פּאַרטיזאַנער און זיי באַוואָפנט מיט דייטשישע געווער. ענדע אַפּריל 1943 האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער פון א. ד. אָטריאַד אויסגעהרגעט שאַמאַשקעס גאַנצע פאַמיליע און פאַרברענט די גאַנצע ווירטשאַפט.

פאַר מסרן און אַרויסגעבן יידישע פאַמיליעס צו די דייטשן האָט מען פאַרברענט דעם פּויער, ראַקיטש, פון דאָרף ליליושי (ראַדונער קאַנט).

משה גודעס (איישישאָק) איז גייענדיק נקמה נעמען פון דייטשישע אגענטן געפאַלן דורך ווייסע פּאָליאַקן ביים דאָרף קאָוואַלקי.

פאַר איבערגעבן אין די הענט פון ווייס - פּוילישע פּאַרטיזאַנער דעם פּאַרטיזאַן אהרן בערקאָוויטש, האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער אויסגעהרגעט די פּויערים-משפּחה, פּיאַלקע, פון דאָרף באַבראָווע און זייער פאַרמעגן פאַרבּרענט.

אין דער נאַטשער פּושטשע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייערע נקמה-אַקטן די געפאַלענע פּאַרטיזאַנער: מרדכי קאַפּלאַן (ראַדון), שלמה קורליאַנדטשיק (סטאַנציע אָראַן), אליהו אַריעווויטש (ראַדון) און די העלדישע בּרידער נקמה-נעמער; אהרון-חיים און יעקב אסנער (ראַדון), אליהו גרייס (גאָרקי), יעקב קאָניוכאָווסקי (וואָראָנאָווע) און פיל אַנדערע.

דער אָטריאַד „איסקראַ" האָט דערשאָסן דעם דייטשישן אַגענט און בּירגערמייסטער פון דאָרף געראַניאָן (ווילנער געגנט) דעם געוו. פאַרמלחמה'דיקן סענאַטאָר סאָראָקאָ. וועלנדיק אַרויסווייזן זיין טרייקייט פאַר זיינע בעלי-בּתים, פלעגט ער און זיין זון אויסזוכן און איבערגעבן דער געשטאַפּאָ יידן, וועלכע האָבן געלעבּט אויף אַרישע דאָקומענטן אין סובּאָטניקער און געראַניאָנער גמינעס.

אויך יידישע פּאַרטיזאַנער פון רודניצקער און נאַראָטשער וועלדער האָבן אַדורכגעפירט נקמה-אַקטן אין זייער געגנט.

יידישע פּאַרטיזאַנער און גרופּעס (באַזונדערס אין דער ערשטער צייט), האָבן פיל געליטן פון פּויערישע שפּיאָנען, וועלכע פלעגן דערטראָגן צו די דייטשישע גאַרניזאָנען דאָס זיץ-אָרט פון די אָטריאַדן און דערמיט דערפירן צו פּלוצעמדיקע אָבּלאַוועס. ניט זעלטן פלעגן סתם פּויערים אָנפירן די דייטשן אויף יידישע פּאַרטיזאַנער. די פּויערים האָבן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אז די יידן, וועלכע זיינען בּיז איצט באַטראַכט געוואָרן ערגער ווי משוגענע הינט, וואָס זיינען באַשטימט אויף אויסראָט, זאָלן גאָר ווערן בעלי-בּתים אויף זייער האָב און גוטס און נעמען מיט געווער אַלץ, וואָס עס געפעלט זיי. די דייטשן פלעגן אַרויסשיקן אַזעלכע פּויערים אָדער פּויערטעס איבער די וועלדער, בכדי פעסטצושטעלן די ערטער, וווּ עס געפינען זיך די יידישע „באַנדיטן". פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע „געסט", וועלכע מען פלעגט טרעפן כלומרשט קלייבנדיק שוואָמען אָדער פּאַשענדיק נאָנט פון די אָטריאַדן, פלעגט מען באַלד נאָך אַ פאַרהער דערליידיק ...

באַזונדערס גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן אַלס רעזולטאַט פון אַזוינע מסירות און איבערפאַלן האָט געהאַט בּיעלסקים אָטריאַד, ווען ער

איז נאָך געשטאנען אין נאָוואָגרודקער ראיאָן (די אַבלאַוועס אויף די כראַפּעניעווער כוטאָרעס, פּערעלאַז, יאַשינאָווקע א. א. וו.).

בעת די אָנפאַלן פון די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן אויף די ראַיאָן־שטעט, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1943—1944 אָנגענומען א מאַסן־כאַראַקטער, האָבן יידישע פּאַרטיזאַנער געהאַט די געלעגנהייט נקמה צו נעמען פון די „מיעשטשאַנעס" (שטאָטישע, קריסטלעכע איינוווינערס), וועלכע האָבן זיך אַמייסטן אנגאַזשירט אין די שחיטות און פון די אַלע איבעריקע דייטשישע אַגענטן און יידישע שוחטים, וועלכע האָבן זיך צוליב מורא פאַר דער נקמה פון יידישע פּאַרטיזאַנער זיך צעלאָפן פון די דערפער אין די שטעט אַריין, ווו זיי האָבן געהאָפט צו זיין זיכערער מיטן לעבן אונטערן שוץ פון די סטאַנציאָנירנדיקע דייטשישע גאַרניזאָנען.

די נקמה־אַקטן זיינען אין זייער איבערוויגנדיקן טייל פאָרגעקומען בעיקר אין דער ערשטער תקופה נאָך די שחיטות. באַזונדערס פיל נקמה־אַקטן האָבן אַדורכגעפירט די ריין־יידישע אָטריאַדן און גרופּעס, וועלכע האָבן די ערשטע צייט זיך אויפגעהאַלטן זעלבסטשטענדיק.

מען דאַרף צוגעבן, אַז כמעט אַלעמאָל האָט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג געהאָלפן אויסצוראָטן די, וועלכע פלעגן אַרויסגעבן די פאַרצווייפלטע, שוצלאָזע יידן, ווען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען על־פּי נס פון די געטאָס.

די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט באַטראַכט אַזעלכע מוסרים פאַר די געפערלעכסטע שונאים פון ראַטן־פאַרבאַנד און דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע.

אין 1943 איז געקומען אָן אויסדריקלעכער באַפעל פון מאָסקווע אויסצוראָטן אָן רחמנות די פאַמיליעס פון די יעניקע, וועלכע זיינען אויף דינסט ביי די דייטשן. אין דער אויסראָט־אַקציע קעגן די א. ד. פאַמיליעס זיינען געווען באַזונדער רירעוודיק יידישע פּאַרטיזאַנער.

נאָך דער באַפרייאונג דורך דער רויטער אַרמיי האָט דער גרעסטער טייל יידישע פּאַרטיזאַנער זיך פריי־ווויליק געמאָלדן אין די א. ג. „איס־טרעביטעלנע באַטאַליאָנען" (אויסראָט־באַטאַליאָנען) און אין די אָרגאַנען פון דער סאָוועטישער זיכערהייטס־מאַכט (נ. ק. ג. ב.), בכדי צו האָבן א מעגלעכקייט אויפצוזוכן די מערדערס פון אונדזער פאָלק און איבערצוגעבן זיי אין די הענט פון דער גערעכטיקייט.

ליידער איז א גרויסן טייל פון די אַקטיוו־אנגאַזשירטע דייטשישע משרתים געלונגען צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט זייערע „הערן" און זיך

פארבאהאלטן אין די פליטים־לאגערן פון אייראָפּע אונטער דער שוץ פון „באַרמהאַרציקע פאַרזאָרגערס״...

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן דורך די פיל נקמה־אַקטן כאָטש טיילווייז געשטילט דאָס נקמה־פייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין די הערצער אין די שרעקלעכע שחיטה־טעג און ברענט און וועט, דוכט זיך, קיינמאָל ניט אויפהערן צו מאָנען און וועקן צו אייביקער נקמה פון די מערדערס פון אונדזער פאָלק.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# אויסגעצייכנטע יידן אין די קאַמפן

אין יעדער פּושטשע, אין יעדן אָטריאַד זיינען געווען יידן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ רירעווודיקע איניציאַטיוו, אָנגערעגט דער קאָמאַנד־שאַפט אונטערצונעמען דרייסטע אָפּעראַציעס, זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין די קאַמפן און דיווערסיע־אַקטן קעגן דעם פאַרהאַסטן אָקופּאַנט און זיך אויפגעהויבן איבערן גאַנצן אַרום.

אַזוינע יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געריסן צו גיין אויף אַלע פאַרגעבענע קאַמפּס־אויפגאַבעס, זיינען געווען דער שטאָלץ פון יעדן אָטריאַד. זייערע אויפטוען זיינען אָפּגעמערקט געוואָרן אין די טאָג־באַפעלן און זיי זיינען געשטעלט געוואָרן אַלס מוסטער פון דרייסטע, אומדערשראָקענע קעמפערס.

אַזוינע פּאַרטיזאַנער זיינען אין די הונדערטער צוגעשטעלט געוואָרן דורך די קאָמאַנדירן פון די אָטריאַדן, בריגאַדעס און פאַראייניקונגען און באַקומען די העכסטע מלוכה־אויסצייכענונגען, אָרדנס און מעדאַלן.

די קאָמאַנדירן פלעגן שטאָלצירן מיט אַזוינע פּאַרטיזאַנער־סאָלדאַטן און זייער נאָמען האָט זיך געטראָגן ווייט און ברייט איבער די וועלדער און פּושטשעס פון דער פּאַרטיזאַנקע. ליידער, זיינען זייער ווייניק פון די ממש לעגענדאַרע העלדן געבליבן צווישן די לעבעדיקע. בלויז קליינע צעוואָרפענע בערגלעך ערד איבער די רחבותן פון וויים־רוסלאַנד און אוקראַינע, מיט אַ באַשיידענער אויפשריפט אויף אַן אַריינגעשטעקטער ברעטל, אָפּטמאָל אויסגעקריצט מיט אַ טשוואָק אָדער אָנגעשריבן מיט אַ כעמישן בלייפעדער, דערציילן וועגן פאַרשניטענע יונגע לעבנס פון העלדן־קעמפערס.

מיר האָבן, ליידער, ניט אין אונדזער רשות די פולע מאַטעריאַלן וועגן אַלע יידן וואָס האָבן באַשיינט מיט זייער גבורה־אָרעאָל דאָס יידישע פאָלק און באַשיצט זיין כבוד. אַ טייל פון די לעבן־געבליבענע זיינען פאַרבליבן אין סאָוועט־רוסלאַנד. פון די רעפּאַטריאירטע האָבן זיך

פיל צעשאָטן איבער גאָר דער וועלט און עס איז ניט לייכט זיך צו שאפן א פולן בילד וועגן זייער קאמפס־טעטיקייט.

זאָלן כאָטש די געציילטע נעמען פון די דאָ אָנגעגעבענע יידן־העלדן זיין אן אילוסטראציע וועגן דעם ברענענדיקן נקמה־געלוסט און בלוטיקן חשבון, וואָס זיי האָבן געמאכט מיט די היטלעריסטישע מערדערס.

איינער פון די פּאָפּולערסטע פּארטיזאנער־העלדן אין נאליבאָקער פּושטשע איז געווען ברוך לעווין. אליין פון שטעטל זשאָלודעק (לידער ראיאָן), איז ער באלד, ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט דאָס שטעטל, געווען געצוווּנגען צו אנטלויפן אין שטוטשין און דערנאָך אין לידע.

אין זשעלודאָק האָבן אים אלע געקענט, ווי אן אקטיוון קאָמוניסט אין די פּוילישע צייטן און ווי א סאָוועטישן אקטיוויסט אין די יאָרן 1939 — 1941, ווען מערב ווייס־רוסלאנד איז געווען באזעצט דורך דער ראטן־מאכט.

אלס שלאָסער־מעכאניקער ספּעציאליסט האָט ער אין לידע געארבעט אין די האנטווערקער־ווארשטאטן ביים געביט־קאָמיסאריאט. דאָרט האָט ער פאר זיך אליין קאָנסטרואירט אן אויטאָמאט, אָרגאניזירט גרופּעס אויף ארויסצוגיין אין וואלד און געווען פון די ערשטע, וועלכע זיינען אוועק פון לידער געטאָ אין פּארטיזאנקע.

לכתחילה איז ער אוועק אין ליפּיטשאנער פּושטשע (23 נאָוועמבער 1942) און געווען טעטיק אין אָרליאנסקין אָטריאד. זיין קעמפערישע איניציאטיוו און טעמפּעראמענט קומען אָבער צום פולן אויסדרוק ערשט נאָכן אָנשליסן זיך אין דער דאן אראָפּגעוואָרפענער דעסאנט־דיווערסיע גרופּע „מאָסקאָוויטשי״, וועלכע איז פארוואנדלט געוואָרן שפּעטער אין אן אָטריאד א. נ. „אקטיאבר״ (1־טע מאי־בריגאדע), בראש פון וועלכער עס איז געשטאנען דער יידישער קאפּיטאן גאָרעליק.

אין יענעם פּעריאָד האָט זיך געפילט א גוואלטיקער מאנגל אין אויפרייס־מאטעריאלן פאר דיווערסיע־ארבעט. ברוך לעווין, וועלכער האָט געקענט גענוי דעם פּלאן פון זשאָלודקער אעראָדראָם און געוווּסט, אז דאָרט איז מאגאזינירט זייער פיל אויפרייס־מאטעריאל, האָט אויפגעגעבן דער קאָמאנדשאפט דעם פּלאן פון ארויס׳גנבענען דאָס, און מיט א קליינער גרופּע צו הילף רעאליזירט ער עס אליין מיט גרויס דערפאָלג.

זיין פאך־קענטעניש איז אים גוט צונוץ געקומען ביים צוזאמענשטעלן מינעס און פאריכטן געווער. ער איז געווען דער דערפינדער

פון אייניקע טיפן מינעס, וועלכע האָבן געפונען זייער אָנווענדונג אין אַלע איבעריקע אָטריאַדן.

זייער גיך האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין דער מינירַ־אַרבעט און געלערנט פּיל אַנדערע פּאַרטיזאַנער פון זיין אָטריאַד, ווי פון אַנדערע אָטריאַדן (סטרעלקאָווס, לידסקער, גראָזניס, קאַטאָווסקיס א. א. וו.) די תורה פון מינירן. הגם ברוך לעווין האָט ניט געהאַט קיין מיליטערישן טיטל און אויסשולונג, האָט זיך דאָך די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג גערעכנט זייער שטאַרק מיט זיין מיינונג, און קאַפּיטאַן גאַרעליק האָט ניט אונטערגענומען קיין שום קאַמפּס־אויפגאַבע, ניט באַראַטנדיק זיך פריער מיטן באַשיידענעם, העלדישן יידישן פּאַרטיזאַן.



ברוך לעווין (זשאָלודעק)
„העלד פון ראַטן פאַרבאַנד" און טרעגער פון די העכסטע סאָוועטישע מלוכה־אָרדנס. איצט אין א"י.

לעווין האָט אַנטייל־גענומען און זיך אויסגעצייכנט אין אַלע קאַמפן, וועלכע עס האָט אויפגענומען זיין אָטריאַד מיט דייטש־פּאָליצייאישע גאַרניזאָנען אין די ראַיאָנען פון נאַליבאָקער פּושטשע. אָבער זיין רום אַלס העלד האָט ער זיך געשאַפן ביי מיניר־און דיווערסיע אַקטן.

אַכצן פיינטלעכע עשאַלאָנען מיטן שונא'ס לעבעדיקן כוח און קריגס־טעכניק, פיל הונדערטער דייטשע פּגרים מיט ווערטפולן געווער, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַרן פראָנט, האָבן געפונען זייער קבר, ניט דערגרייכנדיק זייער ציל, אדאנק דעם זשאָלודקער יידישן שלאָסער־מעכאַניקער ברוך לעווין.

אלע פארטיזאנער פון א. ד. אָטריאַד האָבן זיך געריסן צו גיין מיט ברוך לעווין אויף אַן אויפגאַבע, זײַענדיק איבערגעצייגט, אַז מיט אים וועט די פאַרגעבענע אויפגאַבע געלינגען.

אדאנק דעם בײַשפּיל און אײַנפלוס פון ברוך לעווין האָבן די איבעריקע פּאַרטיזאַנער פון א. ד. אָטריאַד אויך אַרויסגעוויזן קאַמפס־איניציאַטיוו און רירעוודיקייט אין זייער פּאַרטיזאַנער־טעטיקייט.

לויט דער אָפּשאַצונג פון דער העכסטער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדשאַפט, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער פּערזענלעכער קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק, איז צו זען, ווי ווערטפול עס איז געווען זײַן אָנטייל אין דעם פּאַרטיזאַנער־געראַנגל מיטן אָקופּאַנט.

ער איז צוגעשטעלט געוואָרן צו די העכסטע מיליטערישע סאָוועטישע אָרדנס: „רויטע פאָן", „לענין־אָרדן" און בכבודיקסטן טיטל „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד".

דער פאַר מלחמהדיקער קאָמוניסטישער אַקטיוויסט האָט זיך באַלד נאָך דער באַפרײַאונג גלײַך מיט אַלע ייִדן רעפּאַטריאירט קיין פּוילן און פון דאָרט קיין א"י, וווּ ער האָט זיך אײַנגעשלאָסן אין די רייען פון די קעמפער־בויערס.

מיר גיבן דאָ די קאַמפס־כאַראַקטעריסטיק פון ברוך לעווין, איבערזעצט פון רוסישן אָריגינאַל:

## קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק

געגעבן דעם פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „אָקטיאַבר", 1־טער מאַי בריגאַדע, לעווין באָריס, זון פון שמואל, אַז ער איז געווען אין פּאַרטיזאַנקע פון 10־טן נאָוועמבער 1942 ביז 11־טן יולי 1944.

געפינענדיק זיך אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „אָקטיאַבר" האָט דער ח' לעווין אָנטיילגענומען אַלס אַ מינירער בײַם אויפרײַסן אכצן (18) מיליטערישע עשאַלאָנען פון שונא. אין רעזולטאַט פון די אויפרײַסן זײַנען צעשטערט געוואָרן: 20 לאָקאָמאָטיוון און 127 וואַגאָנעס, פון דעם—38 וואַגאָנעס מיט לעבעדיקן כוח, 19 מיט מיליטערישער טעכניק, 43 וואַגאָנעס מיט טאַנקעס און אויטאָמאָבילן, 12 וואַגאָנעס מיט בהמות, 8 וואַגאָנעס מיט קוילן, 7 וואַגאָנעס מיט שטיין־קוילן. געטויט 936 היטלעריסטן — פאַרוווּנדעט 426.

ער איז אין אָטריאַד געווען אַ מײַסטער בײַ פאַן־מינעס און רעמאָנט־מײַסטער פון געווער אין בריגאַדע.

ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע קאַמפן, וועלכע עס האָט דורכגעפירט דער אָטריאַד און די בריגאַדע, אַרויסווײַזנדיק העלדישקייט און אומדערשראָקנקייט.

צוגעשטעלט געוואָרן צו דער העכסטער מלוכה־אויסצייכענונג „העלד פון ראטן־פארבאנד“. צוגעשטעלט געוואָרן צו דעם מלוכה־אָרדן „רויטע פאָן“ און מעדאל „פּארטיזאן פון פאָטערלענדישער מלחמה“ 1־טע מדרגה.

בריגאדע־קאָמאנדיר: (—) ק אָ וו א ל אָ וו

בריגאדע־שטאב־נאטשאלניק: (—) פ ע ר ס י ד ס ק י.

(—קײלעכדיקער שטעמפּל פון דער פּארטיזאנישער ערשטער מאי־בריגאדע ס. ס.ס.ר.) בּאראנאָוויטש, 17.8.44.

אין זעלביקן אָטריאד האָט זיך אויך אויסגעצייכנט לעווינס חבר—אליהו קאָווענסקי, וועלכער האָט דורכגעמאכט דעם גאנצן פּארטיזאנער־וועג צוזאמען מיט לעווינען. פון וואָלקאָוויסק, ווו ער האָט געלעבט פאר דער מלחמה, איז ער אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאציע מגולגל געוואָרן קיין זשעטל. נאָכן פארלירן זיין גאנצע משפּחה בעת דער שחיטה, איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן אלס ארבעטס־פעוּקער אין דוואָרעצער ארבעטס־לאגער (נעבן נאָוואָגרודעק). פאָרפילנדיק דאָס אָנקומענדיקע, האָט ער זיך צוגעקליבן נאָך פערצן מאן און אין א פינצטערער נאכט, נאָכן אדורכרייסן די שטעכיקע דראָט־פארצוימונגען פון געטאָ, זיינען זיי אנטלאָפן מיט איין פּיסטאָלעט אין ליפּיטשאנער פּושטשע, ווו ער טרעט אריין אין אָרליאנסקי אָטריאד.

אין אייניקע טעג ארום איז געקומען ד״ר אטלאס מיט א גרופּע פון זיבן מאן פון די רודער־דאָמבראָווטשיזנער וועלדער און געבעטן הילף אויף צעשטערן די ביעליצער הילצערנע בריק איבערן טייך ניעמאן. די בריק האָט געהאט 365 מעטער די לענג און איז געווען א זייער וויכטיקער פארבינדונגס־וועג פארן שונא׳ס טראנספּאָרט. קאָווענסקי און יונה מיעדוויעצקי (זשעטל), זיינען דורכן רוסישן קאָמאנדיר באשטימט געוואָרן מיטצוגיין מיט ד״ר אטלאס. אויסנוצנדיק א מאָמענט, ביינאכט, ווען די דייטשישע וואך איז אָפּגעגאנגען א ביסל אויף א זייט, האָבן זיי זיך צוגעגנבעט צו דער בריק, אויפגעבראָכן דריי לעכער און אריינגעלייגט דריי גרויסע ארטילעריע־סנאריאדן ארומגעלייגטע מיט פּאקולע, באגאָסן עס מיט טערפּענטין און אונטערגעצונדן. די בריק איז פולשטענדיק חרוב געוואָרן. ד״ר אטלאסן איז געפעלן געוואָרן קאָוועסקיס רירעוודיקייט און געוואגטקייט און האָט געפועלט ביים דאמאָלסטדיקן קאָמאנדיר פון אָרליאנסקי אָטריאד, קאָליע וואכאָנין, ער זאָל אריבערגעפירט ווערן אין זיין ראָטע, ווו ער איז גלייך נאָמינירט געוואָרן אלס קאָמאנדיר פון דריטן וזוואָד.

בלי שום ספק, האָט אויך דאָס אויסערלעכע, רעפּרעזענטאַבעלע אויסזען פון קאָוועגסקין צוגעצויגן ד״ר אטלאַסעס אויפמערקזאַמקייט. א הויך־ווּקסיקער, ברייט־פּלייציקער ברונעט, פון וועמען עס האָט געשפּרודלט מיט געזונט, ענערגיע און קאַמפס־לוסט, האָט ער אויף אַלעמען, מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג איבערגעלאָזט א גוטן איינדרוק.

קאָוועגסקי נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין אָנפאַל פון בולאַקס אָטריאַד אויף דעם קאָזלאָווּשטשיזנער גאַרניזאָן (5־טן סעפּטעמבער 1942), וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט א פולשטענדיקן נצחון פון די פּאַרטיזאַנער. ער נעמט אויך אָנטייל אין ערשטן אָנפאַל פון אַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון יענעם ראַיאָן אויפן גאַרניזאָן אין רודאַ־יאַוואָרסקאַ (8־טן אָקטאָבער 1942), שפּילט אָפּ א וויכטיקע ראָל ביים פאַרכאַפּן א דייטשישן אעראָפּלאַן ביי א געצוואונגענער לאַנדונג אין אָקטאָבער 1942.

ענדע 1942, ווען עס איז געקומען די פּאַראַשוטיסטן־גרופּע „מאַסקאָוויטשי״, איז קאָוועגסקי צוזאַמען מיט ברוך לעווין געווען פון די פיר מאַן, וועלכע זיינען צוגעטיילט געוואָרן אלס וועגווייזערס צו דער א. ד. גרופּע דורך דער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג פון ליפּיטשאַנער פּושטשע. ביז דער באַפרייאונג האָט ער אין דעם זעלביקן אָטריאַד פאַרשריבן אויף זיין קאָנטאָ פערצן דייטשישע צעשטערטע עשאַלאָנען.

בעת דער גרויסער בלאָקאַדע פון נאַליבאָקער פּושטשע האָט זיך קאָוועגסקי אויסגעצייכנט אלס אויספירער. דעם 19־טן יוני 1944, האַרט פאַר דער באַפרייאונג איז קאָוועגסקי שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און פאַרלאָרן די רעכטע האַנט. ער איז באַלוינט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־מאַכט מיט די אָרדנס: „רויטער שטערן״, „לענין־אָרדן״ און „מעדאַל פּאַטערלענדישע קריג״ 2־טע מדרגה (געפינט זיך היינט צו טאָג אין א״י).

מיר גיבן דאָ א ווערטלעכע איבערזעצונג פון קאָוועגסקיס קאַמפס־כאַראַקטעריסטיק („באָיעוואַיאַ כאַראַקטעריסטיקאַ״), וועלכע שפּיגלט אָפּ זיין גאַנצע קאַמפס־טעטיקייט לויט דער אָפּשאַצונג פון דער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדשאַפט, ווי אויך א באַשטעטיקונג פון זיין אָנטייל אין קאַמף מיט א באַפעסטיקטן דייטשישן גאַרניזאָן, ווו ער איז ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן.

**„קאמפס־כאראקטעריסטיק.** שטאָט וואָלקאָוויסק, נייע גאס נר. 5.
א קורצע און קאָנקרעטע איבערזיכט וועגן די קאמפס־טאטן פון קאָוועגסקי אלי, זון פון הירש.

קאָוועגסקי אלי, זון פון הירש, איז געווען אין פארטיזאנקע פון 22־טן נאָוועמבער 1942. אין אונדזער אָטריאד פון 22־טן יאנואר 1943. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען ביי אונדז אין אָטריאד, האָט ער זיך ארויסגעוויזן אלס א דיסציפּלינירטער און קאָמפּראָמיסלאָזער אין די קאמפן מיטן דייטשישן אָקופּאנט.

אין דעם פּעריאָד, וואָס ער איז געווען אין דער מינירער־גרופּע, האָט ער גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין אויפרייסן 14 פיינטלעכע עשאלאָנען: 3 מיט לעבעדיקן כוח, 2 — מיט טאנקען, 1 — מיט קריגס־טעכניק, 3— מיט אמוניציע, 1—מיט פּראָדוקטן, 1 — מיט קוילן, 1 — מיט בוי־מאטעריאלן, 1–ניט פעסטגעשטעלט די לאָדונג. אין רעזולטאט פון די אויפרייסן זיינען באשעדיקט אָדער צעשעטערט געוואָרן: 14 לאָקאָמאָטיוון, 64 וואגאָנעס מיט קריגס־מאטעריאלן און טעכניק, 28 פּלאטפאָרמעס— פון זיי 18 מיט טאנקעס און 4 —מיט אויטאָ־מאשינעס. דערהרגעט 420 און פארוואונדעט 470 היטלערסטן. פארהאלטן דעם באן־פארקער אויף 227 שעה. אָנטייל גענומען אין 2 לוויערונגען נעבן דער באן־ליניע מיט א פּ. ט. ר. אין רעזולטאט: 2 דורכגעשאָסענע לאָקאָמאָטיוון דורכן פּ. ט. ר. זייענדיק אין אָטריאד „פּאָביעדא" האט קאוועגסקי אנטיילגענומען אין פארברענען א פיינטלעכן אעראפּלאן, איין בריק און א מילך־פאבריק. אנטייל גענומען אין רעלסן־קריג.

פאר זיינע קאמפס־פארדינסטן איז דער ח' קאָוועגסקי אלי, זון פון הירש, צוגעשטעלט צום לענין אָרדען.

קאָמאנדיר פון אָטריאד „אָקטיאבר" (—) אונטערשריפט ניט לעזבאר.
קאָמיסאר פון אָטריאד „אָקטיאבר" אונטערשריפט (—) לעסניטשי.
קאָמיסאר פון פארטיזאנער־בריגאדע אונטערשריפט (—) איליניטש.
איך באשטעטיק און בין זיך משתדל: קאָמיסאר פון 1־טער בריגאדע אונטערשריפט (—) קאָוואלעוו.
איך באשטעטיק און בין זיך משתדל: געהילף באפולמעכטיקטער פון צענטראל־שטאב פון דער פארטיזאנער־באוועגונג ביי דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער העכסטער קאָמאנדע און צקזקפ(ב) איבער דער באראנאָוויטשער געגנט. אונטערשריפט: (—) צארייוק.
22 פעברואר 1944. (—) שטעמפל.

**„באשטעטיקונג.** ארויסגעגעבן דעם פארטיזאן קאָוועגסקי אלי, זון פון הירש, אז ער האָט אנטייל גענומען אין קאמף ביים ליקווידירן דעם דייטשישן גארניזאָן קרופּיצי.

די היטלעריסטן האָבן זיך באזעצט אין אן אייזן־בעטאָנענעם „דאָט", פון וועלכן זיי האָבן זיך אקטיוו קעגנגעשטעלט ביז דער לעצטער קויל. דער קאמף פארן „דאָט" האָט אָנגעהאלטן 5 שעה. קאָוועגסקי איז געווען אין בלאָקיר־אָפּטיילונג און אין מאָמענט ווען מען האָט געוואָרפן א גראנאט אין דער „דאָט"־אמבראזורע, איז ער פארוואונדעט געוואָרן אין האנט. אין רעזולטאט פון קאמף איז דער „דאָט" אויפגעריסן געוואָרן און די 18 היטלעריסטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, זיינען געטויט געוואָרן.

געגומען טראָפייען: א מאשין־קוילן־וואַרפער, א ראַטנעם קוילן־וואַרפער, 12 ביקסן און 300 קוילן.

קאָמאַנדיר פון אָטריאד „אָקטיאַבר", 1־טע מאי פארטיזאנער־בריגאדע, אונטערשריפט (—) לייטענאנט א. גאָרעליק.

שטאב־נאטשאלניק פון אָטריאד „אָקטיאַבר", אונטערשריפט (—) לייטענאנט קאָנדראַטיעוו.

(—) שטעמפּל פון שטאב 19.6.44.

די ברידער מאָטקע און צאלקע גינזבורג זיינען געקומען צולויפן אין דאָקודאָוואָ (ביי לידע) צוזאמען מיט זייער משפחה אין דעצעמבער 1942, נאָכדעם, ווי עס איז קלאָר געוואָרן, אז די איוויער געטאָ ווערט ליקווידירט דורכן ארויספירן די יידן קיין באַריסאָוו. די פאמיליע האָבן זיי איינגעאָרדנט אויף א כוטאָר אין אומגעגנט פון דאָרף אָלעכאָוויקע ביים ניעמאן און אליין האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין פארטיזאנער־אָטריאד „איסקרא", וועלכער האָט אָפּערירט אין לידער געגנט און איז נאָך דאַן געווען אין אנטשטייאונגס־סטאדיע. הויך־וווּקסיקע, ברייט פּלייציקע, זיינען זיי גלייך געפעלן געוואָרן דער אָנפירונג און זיינען תיכף אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאד. דער 20־יעריקער צאלקע איז נאָכן אדורכמאכן א מינירער־קורס צוגעטיילט געוואָרן צו דער מיניר־גרופּע פון אָטריאד.

די ברידער גינזבורג האָבן זיך באשעפטיקט פאַרן קריג מיט פערד־הענדלעריי און צוליב דעם האָבן זיי גוט געקענט די סביבה און די ארומיקע פויערים, ביי וועלכע זיי זיינען געווען באליבט.

דער אָטריאד „איסקרא" האָט בעיקר אָפּערירט אויף דעם אָפּשניט פון דער אייזנבאן־ליניע לידע — איוויע — יוראטשישאק — מאָלאָדעטשנע, וווּ צאלקע האָט געקענט אויסגעפונען יעדן צוגאנג און אָפּגאנג פון דער באן־ליניע, וואָס עס האָט אים זייער א סך מיטגעהאָלפן ביים דערפאָלג־רייכן אדורכפירן זיינע דיווערסיע־אקטן.

די פויערים פון די דערפער לענגאויס דער אייזנבאן־ליניע פלעגן אים געבן אינפאָרמאציעס וועגן דעם, וויפיל און וווּ עס געפינען זיך דייטשן, ווי אויך וועגן די באוועגונגען אויף דער טראסע. ניט איין מאָל איז צאלקע געגומען געוואָרן אין קלעם דורך די ראקעטעס פון די דייטשישע וואך־בונקערס. ניט איין מאָל איז ער העפטיק באשאָסן געוואָרן מיט א האָגל מינעס און קוילן, און ניט איין מאָל האָט ער „געשמירט פּיאטעס" פון נאָכיאָגנדיקע דייטשן, אָבער זיין רואיקייט, אומדערשראָקנקייט און דאָס קענען די סביבה פלעגן אים יעדעס מאָל ארויסראטעווען פון די געפערלעכסטע סיטואציעס.

ענדע 1943 און אין דער ערשטער העלפט פון 1944, ווען דער צוטריט צו די אייזנבאן-ליניעס איז, צוליב דער פארשטארקטער שמירה, געוואָרן כמעט אומעגלעך, פלעגט צאלקע דאָך דערקריכן און מאכן געלונגענע אויפרייסן אין אזעלכע ערטער, ווו דער שונא האָט דאָס אמווייניקסטן דערווארט.

זיבעצן פיינדלעכע עשאלאָנען מיט געווער, אמוניציע און סאָלדאטן זיינען צעשמעטערט געוואָרן דורך דעם העלדישן דיווערסאנט, צאלקע. ער האָט גענומען דעם אקטיווסטן אָנטייל אין אויפרייסן די עלעקטראָ-סטאנציע און טארטאק אין איוויע און האָט אויך אנטייל גענומען אינעם „רעלסן-קריג". ער האָט אָנטיילגענומען אין דער לויערונג ביי הוטע (נאָוואָגרודקער געגנט), ווו עס זיינען דערהרגעט געוואָרן 26 פּאָליציסטן און 38 דייטשן, אין דער שלאכט מיט ווייסע פּאָליאקן ביים דאָרף אָלעכאָוויקע (ווסיעלובער ראיאָן), בעת וועלכן עס זיינען געפאלן 86 באנדיטן א. א. וו.

נאָך דער באפרייאונג ווערט צאלקע געשיקט דורך דעם ראיאָן קאָמיטעט פון דער פארטיי, אלס קאָמסאָמאָל-מיטגליד און פארטיי-אקטיוויסט, אין דאָרף דאָקודאָווע (לידער ראיאָן) אויף א תבואה-זאמלונג ביי די פויערים פאר דער רויטער ארמיי. מיט א גרופּע פון זעקס רוסן קומט ער אין דאָרף 12 אזייגער ביינאכט און אויסגעמאטערטע האָבן זיי זיך אוועקגעלייגט אביסל אָפּרוען ביי א פויער אין שטוב. זיי האָבן נאָך ניט באוויזן איינצודרעמלען, ווי דאָס הויז איז פּלוצעם ארומגערינגלט געוואָרן פון א באנדע ווייסע-פּאָליאקן און עס האָט זיך אויף זיי א שאָט געטאָן א האָגל פון קוילן און גראנאטן. צאלקע איז גלייך געוואָרן שווער פארוואונדעט. ער האָט נאָך באוויזן ארויסצושפּרינגען פון פענצטער און אָפּלויפנדיק עטלעכע טריט געפאלן א טויטער. די רוסן האָבן זיך געראטעוועט און איבערגעגעבן אין לידע וועגן דעם.

דער אומגעריכטער אומגליקס-פאל מיט דעם העלדישן צאלקע, וועלכער האָט איבערגעלעבט אין פארטיזאנקע אזויפיל געפארן און צוזאמענשטויסן מיטן שונא און איז געפאלן נאָך דער באפרייאונג, האָט ארויסגערופן אן אלגעמיינעם טרויער ביי די יידן און קריסטן, וועלכע האָבן אים געקענט פון זיין קאמפס-וועג אין פארטיזאנקע. אויף צו מאָרגנס האָט מען אים געבראכט פון דאָרף אין לידע, ווו ער איז מיט מיליטערישן פאראד באערדיקט געוואָרן אויפן יידישן בית-עולם.

אין פארטיזאנקע איז גינזבורג צוגעשטעלט געוואָרן צו די אָרדנס

„רויטער שטערן" און „לענין". נאָך זיין טראגישן אומקום איז ער צוגעשטעלט געוואָרן דורך דעם שטאָטישן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי אין לידע צום טיטל „העלד פון ראטנפארבאנד".

זיין עלטערער ברודער, מאָטקע, האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין דעם א. ד. אָטריאד, בעיקר אלס רייטער-אויסשפירער. א דאנק זיינע גוטע באציאונגען מיט די פּויערים, האָט ער אלע מאָל געבראכט זייער וויכטיקע אינפאָרמאציעס פארן אָטריאד וועגן די באוועגונגען און פּלענער פון די דייטשן. ער האָט אויף זיין אקטיוו פארשריבענע אכט ארונטער-געלאָזענע פיינטלעכע עשאלאָנען. ער, צוגלייך מיט צאלקען, איז געווען באליבט ביי דער אָטריאד-קאָמאנדע און א לענגערע צייט געווען דער אדיוטאנט פון אָטריאד-קאָמאנדיר. צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדן „רויטער שטערן" און א ריי אנדערע אויסצייכנונגען.

בכלל האָבן זיך די יידן פון אָטריאד „איסקרא" אויסגעצייכנט. פיל פון זיי האָבן געהאט אויף זייער חשבון ביז צו דער באפרייאונג 6—10 אראָפּגעלאָזענע עשאלאָנען און געווען צוגעשטעלט צו מלוכה-אויסצייכענונגען און אָרדנס (זרח אָרליק, ראובן רובינשטיין, לאוויט, ברוך זשירמונסקי (לידע), ברידער פעלדאָן (לאָדזש), יאשקע מאזאָוויעצקי (שטשוטשין), א. אנד.).

דעם 25-טן נאָוועמבער 1941 האָבן זיך די דריי יונגטלעכע חברים: יצחק איינבינדער, אידא גאלפערשטיין און יעקב אלפּעראָוויטש, ווען אין ווייס-רוסלאנד איז נאָך געווען גאנץ רואיק, זיך צוזאמענגערעדט און אנטלאָפן פון דער שטעטעלע קורינעץ (7 קל"מ פון ווילייקע, ווילנער געגנט) אין די ארומיקע וועלדער. די אָנגעלאָפענע יידן פון ליטע (קורינעץ געפינט זיך הארט נעבן דער ליטווישער גרענעץ) האָבן איבערגעגעבן וועגן דעם גרויזאמן טאָטאלן אויסראָט פון די יידן אין ליטע און די א. ד. יידישע יינגלעך האָבן פאָרגעפילט, אז ווייס-רוסלאנד וועט ניט זיין קיין אויסנאם.

זיי האָבן צוזאמען מיט איינצעלנע אנטלאָפענע סאָוועטישע געפאנגענע, אָרגאניזירט א פּארטיזאנער-גרופּע א. נ. „באָרבא" און אָנגעהויבן באומרואיקן די דייטשן דורך אומגעריכטע אָנפאלן אויף קליינע גרופּעס דייטשע סאָלדאטן און פּאָליציי-לייט.

אין יענער צייט זיינען נאָך די אייזנבאן-ליניעס געווען באוואכט בלויז דורך פּויערים. יצחק איינבינדער מיט זיין הייפעלע פּארטיזאנער

האָט דאָס אויסגענוצט און אדורכגעפירט דיווערסיע־אַקטן מיט פרימיטיווע מיטלען (פונאנדערשרויפן רעלסן א. א. וו.).

דורך די פויערישע פאַרבינדונגס־מענער האָבן זיי אַרויסגעפירט פון קורינעץ א באַדייטנדיקע צאָל יידישע יונגעלייט. יצחק איינבינדער גייט מיט זיי אוועק אין מינסקער געגנט און שליסט זיך איין אין דער בריגאַדע פון „דיאַדיאַ קאָליאַ" (פעטער קאָליאַ), טעטיקייטס־ראַיאָן באָריסאָוו־לעפּלע.

אין אָקטאָבער 1942 ווערט יצחק איינבינדער מיט א גרופּע אָרטיקע פאַרטיזאַנער אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע אין א דיווערסיע־שול און נאָכן פאַרענדיקן זי, פירט ער אדורך דורך דער פראָנט־ליניע אין הינטערלאַנד 300 מאַן אויסגעשולטע דיווערסאַנטן.

לויט זיין ביטע ווערט ער דורכן בריגאַדע־קאָמאַנדיר אָפּגעשיקט מיט א גרופּע דיווערסאַנטן אין זיין היימישער געגנט, אין ווילייקער־קרייז. דערוויסנדיק זיך וועגן אומקום פון זיינע ליבסטע אין זיין געבורטס־שטעטעל, שרייט ער אויס: „איצט האָב איך שוין מער ניט וואָס צו פאַרלירן; איך שווער נקמה צו נעמען פאַר מיינע עלטערן און אַלע אומגעקומענע יידן פון מיין שטעטל; פאַר מיר וועט איצט קיין זאַך ניט זיין צו שווער!"

איינבינדער האָט זיין שבועה געהאַלטן. ער האָט ניט גערוט. בייטאָג און ביינאַכט האָט ער אויף דער אייגענער האַנט געלויערט אין די געפער־לעכסטע ערטער אויף דעם שונא׳ס קאָמוניקאַציע־מיטלען. ער ווערט שנעל פּאָפּולער צווישן די פאַרטיזאַנער אונטערן נאָמען „בעזסטראַשני" (אומדערשראָקענער) און „בעזסמיערטני" (אומשטערבלעכער).

אין א קורצער צייט האָט ער פאַרשריבן אויף זיין חשבון 16 אויפגעריסענע דייטשישע עשאַלאָנען. ווען זיין בריגאַדע־קאָמאַנדיר וויל אים צונעמען אין שטאַב, זאָגט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּ, דערקלערנדיק: „איך האָב נאָך ווייניק אויפגעטאָן; כל זמן איך וועל לעבן, וועל איך נקמה נעמען!" ניט באַשערט איז אים אָבער געווען לאַנג נקמה צו נעמען. צוריקקערנדיק זיך פון א געלונגענער דיווערסיע־אויפגאַבע, פאַלט ער אַרויף אויף א דייטשישער לויערונג, וו ער און נאָך צוויי קאַמפס־חברים פאַלן טויט.

פאַר זיינע העלדישע מעשים און פאַרדינסטן ביים אָרגאַניזירן די פאַרטיזאַנער באַוועגונג איז ער צוגעשטעלט געוואָרן נאָכן טויט צום „לענין־אָרדען" און טיטל „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד".

באערדיקט געוואָרן אויף א דאָרפישן בית־עולם, נעבן שטעטעלע דאָקשיץ ביי גלובאָקע (ווייס־רוסלאנד).

איינבינדערס חבר, יעקב אלפּעראָוויטש, איז געווען א רייטער־אויסשפּירער אין דעם אָטריאַד „נקמה", בריגאַדע "דיאַדיא וואסיא" (טעטיקייטס־ראיאָן פּלעשניץ). ער פּאָרט אין די געפערלעכסטע ערטער און ווייזט ארויס אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט. אין אָקטאָבער 1943 נעמט ער אָנטייל אין אָנפאל אויף זיין געבורטס־שטעטעלע קורינעץ, וווּ עס איז געשטאנען א שטארקער דייטשישער גארניזאָן. קענענדיק גוט די אומגעגנט, גיט זיך אים איין צוצוגיין צום טארטאק, וועלכן ער פארברענט און פירט דאָרטן אויס עטלעכע נקמה־אקטן איבער די מערדערס, וועלכע האָבן גענומען א חלק אין אומברענגען די שטעטלשע יידן.

אויף זיין חשבון זיינען פארשריבן פיל אראָפּגעלאָזענע עשאלאָנען און געהרגעטע היטלעריסטן. פאר זיין העלדישקייט באקומט ער בעתן צוזאמענפאָר פון אלע ווייס-רוסישע פארטיזאנער אין מינסקער קרייז (25־טן אויגוסט 1944) דעם העכסטן מיליטערישן אויסצייכענונג — „העלד פון ראטן פארבאנד". אלפּעראָוויטש לעבט היינט צו טאָג אין שטעטל מאָלאָדעטשנע און פארנעמט דעם אָנגעזעענעם אמט פון נאטשאלניק נ. ק. ג. ב. (זיכערהייטס־אָרגאן פון ראטן־פארבאנד).

ווייט און ברייט האָט זיך געטראָגן איבער דער פארטיזאנקע פון ווייס־רוסלאנד דער נאָמען יצחק (איציק) בלאט.

נאָך דער צווייטער שחיטה אין גלובאָקער געטאָ (ווילנער געגנט), יולי 1942, איז א גרופּע יידישע יונגעלייט מיט יצחק בלאטן בראש אנטלאָפן אין די וועלדער. זיי גייען אוועק אין בעהאָמעלער ראיאָן (מינסקער געגנט), ווו זיי ווערן אויפגענומען אין קוזינס בריגאדע. בלאט רוקט זיך גלייך ארויס אין פאָדערגרונט אלס דרייסטער און אומדער־שראָקענער פארטיזאן. ער צייכנט זיך אויס אין א ריי שלאכטן ביי דאָלגאָפּאָליע, קאנציאן, בעהאָמעל און אין סאבאָטאזש־אקטן קעגן שונא. עטלעכע מאָל ווערט ער בראש פון א גרופּע פארטיזאנער אריבערגעוואָרפן איבער דער פראָנט־ליניע קיין רוסלאנד, פונוואנען ער קומט צוריק אין פיינטלעכן טיפן הינטערלאנד מיט געווער און ליטעראטור. שוין דאן באקומט ער א דאנק־אויסדרוק פון בריגאדע־קאָמאנדיר אין א טאָג־באפעל, וועלכער ווערט געליינט פאר אלע אָטריאדן, וועגן זיין דרייסטקייט און העלדישקייט.

זײַענדיק אין אויסשפּיר־דינסט פון אָטריאַד „טשאַפּאַיעוו (מאַרקאָווס בריגאַדע), װעלכער האָט זיך דאָן געפונען אין די קאָזאַנער װעלדער, איז ער פאַר זײַן אַרויסגעװיזענער העלדישקײט נאָמינירט געװאָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אויסשפּיר־דינסט און שפּעטער „פּאָליטרוק".

אין די קאַמפן מיט די גאַרניזאָנען פון די שטעטלעך אָפּסע און קאָזאַן, איז בלאַט שטענדיק אין די ערשטע רײען. נאָך דער צװײטער בלאָקאַדע אין די קאָזאַנער װעלדער (סעפּטעמבער 1943), איז מאַרקאָװס בריגאַדע געװען געצװוּנגען אַריבערצוגײן אין ראַיאָן פון דער אָזיערע נאַראָטש. אונטערן אָנפיר פון בלאַטן װערן צעשטערט די דײַטשישע הויפן אין אומגעגנט פון גלובאָקי (פּעטראָװשטשינע, טשעראַמקע, קאַסטעלאָנאָשטשיזנע א. אנד.), װוּ מען צעשיסט די פּאָליצײ־װאַכן און מען נעמט טראָפייען. צוזאַמען מיט נאָך צװײ רוסישע פּאַרטיזאַנער נעמט ער אויף א קאַמף מיט א גרופּע פּאָליציסטן און פאַרניכטן 6 באַנדיטן.

דעם 30־טן אויגוסט 1943 באַקומט ער דעם מעדאַל „פּאַרטיזאַן פון פּאַטערלענדישן קריג" און װערט צוגעשטעלט צום אָרדן „רויטע פאָן". צענדליקער יידן האָט בלאַט אַרויסגעפירט פון גלובאָקער געטאָ. ער האָט אויך געשיצט די פאַמיליע־לאַגערן פון קאָזאַנער און נאַראָטשער געגנטן.

אין יאַנואַר 1944 איז דער אָטריאַד באַפאַלן א דײַטשישן גאַרניזאָן בײַ דער אײַזנבאַן־ליניע פּאָסטאַװו—װאָראָפּאַיעװאָ, מיט א געשרײ:—„חברים, פאָראויס!", האָט זיך בלאַט א ריס געטאָן צו די קעלערן פון גאַרניזאָן, װוּ עס האָבן זיך געפונען 16 פּאָליציסטן. דער גאַרניזאָן־בנין איז געשטאַנען אין פלאַמען. דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר האָט אים געװאָרנט:— „קריך ניט, בלאַט!", אָבער בלאַט האָט ניט גענומען אין אַכט דעם קאָמאַנדירס װאָרענונג און צולויפנדיק האַרט צום בנין, האָט ער אויפ־געפאָדערט די פּאָליציאַנטן זיך אונטערצוגעבן. א קויל פון אינעװייניק איז געװען דער ענטפער. בלאַט װערט שטערבלעך פאַרװוּנדעט. ער באַװײַזט נאָך אויסצורײדן:— „איך שטאַרב... נעמט נקמה... גיט אַכטונג אויף מײַן מוטער!"

נאָך זײַן העלדישן טויט איז ער צוגעשטעלט געװאָרן צום טיטל „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד".

אין געגנט פון גלובאָקע, פּאָסטאַװו, װאָראָפּאַיעװאָ, װוּ עס האָבן סטאַנציאָנירט די בריגאַדעס א. נ. „פּאָנאָמאַרענקאָ„ ראַקאָװסקי" און „מאַרקאָװ", האָבן זיך באַזונדעס אויסגעצייכנט די ברידער זלמן פײַגלסאָן

אין דן (גלובאָקע). זלמן איז געווען וזוואָד-קאָמאנדיר פון אָטריאַד נר. 1 (בריגאדע פּאָנאָמארענקאָ) און דן — קאָמאנדיר פון אן אויפרייס-גרופּע. די ביידע ברידער האָבן זייער פיל אויפגעטאָן און באקומען אויסצייכנונגען און אָרדנס.

דעם 22טן יוני 1941 פארלאָזט דוד פּלאָטניק, צוזאמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער ארמיי, פינסק. ער ווערט מגולגל אין דער שטאָט איזשעווסק (300 ק״מ פון סווערדלאָווסק), ווו ער ארבעט ביים אויפשטעלן די פאבריקן, וועלכע זיינען עוואקואירט געוואָרן פון די באדראָטע געביטן.

ער רופט זיך אָפּ אויף דער ווענדונג פון צ. ק. פון דער ווייסרוסישער קאָמוניסטישער פּארטיי צו אלע אָפּשטאמיקע פון ווייס-רוסלאנד וועגן פרייוויליקן אוועקגיין אין טיפן הינטערלאנד צו קעמפן קעגן אָקופּאנטן.

ער קומט אָן אין דער ספּעציעלער פּארטיזאנישער דיווערסיע-שול נאָוואָשינא (גאָרקער קרייז). דעם 10-טן נאָוועמבער 1942 גייט ער צוזאמען מיט א גרופּע פון 14 מאן אריבער די פראָנט-ליניע און קומט אָן אין מירער ראיאָן. פון דער דיווערסיע-גרופּע ווערט אויסגעבילדעט אן אָטריאַד א. נ. „קאלינין“ (בריגאדע „זשוקאָוו“).

לכתחילה איז ער אויסגענוצט געוואָרן בלויז אויף הילפס-ארבעטן אין אָטריאַד. ער האָט זיך אָבער געריסן צו דיווערסיע-ארבעט און לסוף איז אים געלונגען צו צעשטרייען דעם אומצוטרוי צו זיין קאמפס-פעיקייט. זיינע געלונגענע בסדר׳דיקע מינירונגען פון עשאלאָנען האָבן באווירקט די קאָמאנדשאפט אים צו נאָמינירן אלס קאָמאנדיר פון דער דיווערסיע-ראָטע ביים א. ד. אָטריאַד.

אונטער זיין אָנפירונג און ביי זיין אקטיווער מיטבאטייליקונג אלס מינירער, זיינען אויפגעריסן געוואָרן איבער 20 עשאלאָנען מיטן שונאס מיליטער און טעכניק. פיל הונדערטער דייטשן האָבן געפונען זייער טויט אונטער די אויפגעריסענע גרוזן.

פּלאָטניק האָט אויך אָנטייל גענומען אין די צוויי קאמפן מיטן דייטשישן גארניזאָן אין שטעטל האָראָדאָק. אין דער לויערונג (27-טן אפּריל 1943) אויף דייטשישע אויטאָס אויפן שאָסיי מינסק-באראנאָוויטש; אין קאמף מיט א דייטשישער לויערונג אין דאָרף טראשטשישע (מירער ראיאָן); אין די קאמפן ביים ליקווידירן די ווייסרוסישע „סאמאָכאָוועס“ אין די דערפער זאגאָריע, באָהאָדקי און זאלעסיע (מירער ראיאָן); אין

קאמף פאר דערֿאָבערן דאָס שטעטל מיר; אין קאמף מיט די קאָזאקן־וולאסאָווצעס אין דאָרף בערעזשינאָיע (יוני 1944) א. אנד.

אלס אָנערקענונג פאר זיינע דיוועֿרסיע־אויפטועז און איניציאטיוו, האָט ער באקומען דעם אָרדן „פאַטערלענדישע מלחמה" 2־טע מדרגה און מעדאל „פארטיזאן פון דער פאָטערלענדישער מלחמה" ערשטע מדרגה. פאָרגעשטעלט געוואָרן צו באקומען די אָרדנס: „רויטע פאָן", „רויטער שטערן" און מעדאל „נצחון".

אין פאָלעסיער פארטיזאנקע זיינען געווען פאָפולער די יידישע פארטיזאנער: זרח קרעמען, עריק שטיין, סערוויאנסקי און ליקער.

זרח קרעמען איז שוין אין אפריל 1941 געווען א פארבינדלער צווישן סלאָנימער אנטיפאשיסטישער־אָרגאניזאציע און דעם פארטיזאנער־אָטריאד „שטשאָרס", וועלכער איז געשטאנען אין די ראפאלאָווקער וועלדער (וואָלטשע נאָרע). דעם 28־טן יולי 1942, נאָך דער סלאָנימער שחיטה, אנטלויפט ער אויך אין וואלד. ער קומט אָבער אָפט צוריק אין שטאָט, פירט ארויס יידן און ברענגט געווער אין וואלד. ער ווערט נאָמינירט אלס קאָמאנדיר פון 1־טן דיווערסיע־וזוואָד ביי דער 51־טער יידישער גרופע אין א. ד. אָטריאד. אָנטייל גענומען אין די קאמפן ביי גאווינאָוויטש, סאמיטשין, 10־טן שלוז, ביים צעקלאפן טשעטשינאָוויטש און ביי טייך לאן.

אין סעפטעמבער 1942 האָט ער בראש פון א קליינער גרופע, אין ראיאָן פון דער סטאנציע בודי, פארברענט צוויי סמאָליארניעס: סאווייקי (ליאכאָוויטשער ראיאָן) און אָסטראָוו (האנצעוויטשער געגנט). מיט ארטילעריע־סנאריאדן רייסט ער אויף פיר עשאלאָנען אויף דער ליניע באראנאָוויטש־לונינעץ (נעבן דער סטאנציע בודי).

נאָכן פונאנדערלאָזן די יידישע גרופע, איז ער אריבערגעפירט געוואָרן אין דער 55־טער גרופע פון אָטריאד „קאָטאָווסקי", אלס קאָמאנדיר פון אן אָפטיילונג, וואָס איז אריבער אויף פאָלעסיע. אָנטייל גענומען דעם 17־טן פעברואר 1943 אין דער לויערונג נעבן די מאָשוקיער כוטאָרעס (האנצעוויטשער ראיאָן), ווו עס זיינען דערהרגעט געוואָרן 25 דייטשן מיטן הויפט־קאָמיסאר פון באראנאָוויטש, גרופן־פירער פענץ.

אין משך פון דער צייט יוני 1942 — פעברואר 4943 לאָזט ער אראָפּ פון די רעלסן 13 עשעלאָנען אויף דער באן־ליניע בריסק־פינסק, נעבן די סטאנציעס דראָהיטשין און אנטאָפּאָל און בריסק־מאָסקווע ביי די סטאנציעס בלודען, אראנטשיצי, טעוולי. ער רייסט אויך אויף אן

עשאַלאָן פון 25 וואַגאָנעס מיט טאַנקעס און אַמוניציע אויף דער ליניע בריסק-מאָסקווע, נעבן דער סטאַנציע בלודען. ער נעמט אויך אָן אַקטיוון אנטייל אין „רעלסן-קריג".



קאַמפּס-כאַראַקטעריסטיק פון זרח קרעמען.

אין יולי 1943 איז אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע א ספּעציעלער שליח, וועלכער האָט געבראַכט מתנות-אויטאָמאַטן פאַר די אויסגעצייכנטע פּאַרטיזאַנער און קאָמאַנדירן. קרעמען באַקומט אויך אַן אויטאָמאַט. צום יאָר-טאָג פון דער רויטער-אַרמיי, דעם 23-טן פעברואַר 1944, האָט ער אויפגעריסן נאָך פיר עשעלאָנען ביי דער סטאַנציע אָראַנטשיץ, אויף דער ליניע בריסק-מאָסקווע. ער האָט אויך גענומען אנטייל אין די קאַמפן ביים דאָרף רודיעץ, אויפן דניעפּרא-בוגער קאַנאַל (אנטאָפּאָלער ראַיאָן). נאָך דער באַפרייאונג (אַפּריל 1944) איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין

האָמעל, פון וואנען ער קומט אָן, לויט זיין אייגענעם פארלאנג, אין פוילישן פּארטיזאנער־שטאב, בכדי אריבערגעוואָרפן צו ווערן אין פוילן און אָרגאניזירן דאָרט א פּארטיזאנער־באוועגונג.

קרעמען איז באלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „רויטער שטערן". צוגעשטעלט געוואָרן צו די אָרדנס „לענין" און „פּאַטערלענדישן קריג" 1־טע און 2־טע מדרגות.

מיר גיבן דאָ א יידישע איבערזעצונג פון קרעמענס קאמפּס־כאראקטעריסטיק, ארויסגעגעבן פון דער פּארטיזאנער־אָנפירונג.

קאמפּס־כאראקטעריסטיק פון פּארטיזאן פון אָטריאד א. נ. „קאָטאָווסקי" בריסקער פאראייניקונג, זרח קרעמען, זון פון אברהם.

זרח קרעמען איז געווען אין אָטריאד א. נ. „קאָטאָווסקי" בריסקער פאראייניקונג פון דעם 28־טן יוני 1942 ביז דעם 10־טן יוני 1944. פאר דער צייט פון זיין לעבן אין אָטריאד האט זיך דער ח' קרעמען ארויסגעוויזן אלס דרייסטער און דיסציפּלינירטער פּארטיזאן.

ווי א קאָמאנדיר פון א דיווערסיע־גרופּע און מינירער האט ער אויפגעריסן 22 פיינטלעכע עשאלאָנען, אָנטיילגענומען מער ווי 10 מאָל אין אָפענע קאמפן, צעשטערט 4.5 ק"מ טעלעגראפיש־טעלעפאָנישע פארבינדונגען, און 3 אויטא־מאשינען אויף דעם שאָסיי־וועג בריסק — פינסק. אן אקטיווער אָנטייל־נעמער אין רעלסן־קריג.

אויסער דעם האט ח' קרעמען שטארק געהאָלפן באוואָפענען און פונאנדערוואקסן די פּארטיזאנער־אָטריאדן א. נ. „שטשאָרס" און „קאָטאָווסקי". דורך אים זיינען געוואָרן צוגעשטעלט אין אָטריאד א. נ. „שטשאָרס": 18 קוילנווארפערס, 10 אויטאָמאטן און בײ 10.000 קוילן. צווישן די פּארטיזאנער האט ער געהאט גרויס אויטאָריטעט און אכטונג.

געוו. קאָמאנדיר פון פּארטיזאנער אָטריאד א. נ. „קאָטאָווסקי". אונטערשריפט: א. לעשטשאָוו. /—/ שטעמפּל פון בריסקער אָבלאיספּאָלקאָם.

דער לעגענדארער עריק שטיין, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין דערמאָנט אין קאפּיטל „געווער־פּארזאָרגונג" איז אנטלאָפן פון סלאָנימער געטאָ קיין וואָלטשע נאָרע צו דער 51־טער יידישער פּארטיזאנער גרופּע ביים אָטריאד „שטשאָרס" דעם 1־טן אויגוסט 1942. אָנקומענדיק אין אָטריאד, האָט שטיין שטענדיק געזוכט א וועג, ווי נקמה צו נעמען פון די דייטשן. זיינענדיק א זייער פעיקער מעכאניקער, האָט ער פון געפונענע טיילן אין די טייכן און אויף די וועגן צונויפגעשטעלט א 45 מ"מ הארמאט און געטרוימט צו קאָנסטרואירן א טאנק. אלס געשולטער קאפּיטאן (פאר דער מלחמה געווען א שיפס־קאפּיטאן אויף דער ליניע קאָנסטאנצע — חיפה), איז ער געווען אן אויסערגעוויינלעכער שיסער. ער פלעגט מיט איין האנט אראָפּשיסן טעלעפאָן־דראָטן. ער האָט אבסאָלוט ניט געקענט קיין רוסיש (געווען א דייטשישער ייד) און פלעגט

זיך באנוצן מיט א דאָלמעטשער אין זיינע שמועסן מיט די פּאַרטיזאַנער און טראָץ דעם איז ער געווען ביי אַלעמען געשעצט און געאַכטעט. ער האָט אָנטייל גענומען אין די קאַמפן: ביי גאָווינאָוויטש (סלאָנימער ראַיאָן), ביי סאַמיטשין (ביטענער ראַיאָן, 10־טן אָקטאָבער 1942), ביים צעקלאַפּן דעם גאַרניזאָן אין שינטיעוויטש (לונינייעצער ראַיאָן, נאָוועמבער 1942), אין קאַמף ביים טייך לאַן און נעבן דאָרף לוגי (לונינייעצער ראַיאָן, 5־טן דעצעמבער 1942).

ענדע דעצעמבער 1942 איז שטיין, מיט די יידישע פּאַרטיזאַנער זרח קרעמען, ד״ר בליומאָוויטש, ליקער, בערעזין, זשעניע אייכנבוים און שמעון סנאָווסקי (סלאָנים), אַוועק אויף אַן אויפגאַבע אויף דער באַן־ליניע באַראַנאָוויטש—לונינייעץ, נעבן דער סטאַנציע בודי און אויפגעריסן צוויי פיינטלעכע עשאַלאָנען. קיין אויפרייס־מאַטעריאַל איז ניט געווען, האָט מען זיך באַנוצט מיט א 322 מ״מ־אַרטילעריע־סנאַריאַד און א קאַפּסל האָט מען גענוצט פון א רוסישן גראַנאַט „עף 1״. דער מינירער איז געווען שטיין. אָבער די פּרימיטיווע מינע האָט ניט אויפגעריסן. מען האָט זיך געמוזט צוריקערן און שטיין האָט אַליין קאָנסטרואירט א קאָמבינירטע מינע פון א סנאַריאַד מיט א דייטשן גראַנאַט, וואָס עס האָט געגעבן א געלונגענעם אויפרייס. אויף צוריקוועגס פון דער איינגעגעבענער שטיקל אַרבעט, האָבן די פּאַרטיזאַנער אָנגעטראָפן אויף א לויערונג פון אוקראַינער, נעבן דאָרף בוטשא (האַנצעוויטשער ראַיאָן), ווו שטיין ווערט דערהרגעט. זיין קבר געפינט זיך נעבן טייך לאַן. די קאָמאַנדשאַפט פון אָטריאַד און קאָמאַנדיר פון דער בריסקער פאַראייניקונג, קאָמאַראָוו, האָבן אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל און טרויער צוליבן פאַרלוסט פון העלדישן פּאַרטיזאַן עריק שטיין.

דער קאָמאַנדיר פון א דעסאַנט־גרופּע, אָרלאָווסקי, האָט דערנאָך איבערגעגעבן, אז ער האָט צוגעגרייט פאַר שטיינען ספּעציעלע שפּיאָנאַזש־אויפגאַבעס, ווו ער האָט געזאָלט אויפטרעטן אין דער ראָל פון א דייטשישן אָפיציר. נאָכן טויט איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צום טיטל „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד״.

נח סערוויאַנסקי איז אין 1939 אַנטלאָפן קיין סלאָנים פון זיין געבורטס - שטעטעלע אויגוסטאָוו (ביי סוּוואַלק), ווו ער האָט געאַרבעט אַלס שלאָסער אין א דייטשישן וואַרשטאַט און דאָרט צוזאַמענ־געשטעלט פאַר זיך א ביקס. נאָך דער שחיטה אין סלאָנים אַנטלויפט ער און קומט אָן אין דער 51־טער יידישער גרופּע א. נ. „שטשאָרס״.

סערוויאנסקי האָט נאָך זיין אָנקומען געמאכט זיך א שם פון א מענטשן, וועלכער לאַכט דעם טויט אין פנים אריין. אין אַלע קאמפן האָט אים באַגלייט דאָס געפיל פון זעלבסט־זיכערקייט, אז אים וועט קיין קויל ניט נעמען. אין אַלע קאמפס־אָפּעראַציעס פלעגט זיך סערוויאנסקי קאַלט־בלוטיק ארויסרוקן אין דער ערשטער ריי.

אויגוסט 1942 איז דער אָטריאַד „שטשאָרס" אָנגעפאלן אויפן גארניזאָן, וועלכער איז באַשטאַנען פון 15 דייטשן און פּאָליציאַנטן אין טשעמיאָלי (ביטענער געגנט). דער גארניזאָן אין טשעמיאָלי האָט געהיט די בריק איבערן טייך שטשארע אויפן שאָסיי בריסק — מאָסקווע. נאָך דעם ווי דער באַראַק, וווּ די דייטשן האָבן געלעבט, איז ביינאַכט ארומגערינגלט געוואָרן און מען האָט דערשאָסן דעם וואַך־זעלנער, האָבן די דייטשן געעפנט א העפטיקע שיסעריי. א דייטשישער פעלדפעבל האָט פארנומען א גינסטיקע פּאָזיציע אויפן בוידעם און עפנענדיק א געדיכטן פייער פון א קוילן־וואַרפער, קיינעם ניט צוגעלאָזט צו דער געביידע. די קאָמאַנדשאַפט גיט דאַן א באַפעל: נעמען דעם דייטש א לעבעדיקן, אָדער פארברענען דאָס הויז צוזאמען מיט אים. א יידישער פּארטיזאַן, סיוואַש (וואַרשע), וועלכער האָט זיך געפּרוּווט דערנענטערן צום הויז, איז געפאלן אַן אונטערגעשאָסענער. סערוויאנסקי לייגט ניט קיין אַכט אויף דעם קוילן־האָגל און באַוויזט צוצוגיין צו דער שטוב און פארברענען דעם באַראַק אינאיינעם מיט דעם דייטש.

אין דער גרויסער שלאַכט ביים 10־טן שלוז אויפן דניעפּראָ־בוגער קאַנאַל (14־טן נאָוועמבער 1942) איז סערוויאנסקי געווען דער, וועלכער איז דער ערשטער אריבערגעלאָפן מיט א הורא־געשריי איבער דעם שמאָלן בריקל פון שלוז, מיטרייסנדיק מיט זיך די איבעריקע פּארטיזאַנער. די דייטשישע לויערונג (איבער 100 דייטשישע און לעטישע ס. ד.), וועלכע איז געלעגן פארפעסטיקט אויפן צעמענטענעם ברעג פון דער צווייטער זייט טייך, איז געוואָרן פארניכטעט.

סערוויאנסקי האָט אויך אָנטיילגענומען אין אויפרייסן פיל עשאַלאָנען און אין אַלע קאמפן, וועלכע דער אָטריאַד האָט געפירט. אין קאמף איז ער געווען אומדערשראָקן. אַלע מאָל און אומעטום איז ער געגאַנגען דער ערשטער. ער פלעגט זיך וויצלען:—„די קוילן מיידן מיר אויס, זיי שרעקן זיך פאַר מיר"... עס איז אינטערעסאַנט, אז אין די קאמפן ביי טשעמיאָלי און אויפן 10־טן שלוז זיינען סערוויאנסקיס מלבושים געווען אינגאַנצן דורכגעלעכערטע פון קוילן, אָבער זיין קערפּער האָבן זיי ניט אָנגערירט.

ער האָט טאקע געהאט מזל: ער איז אדורך בשלום אלע געפארן און דערלעבט די באפרייאונג.

סערוויאנסקי איז באַאָרדנט געוואָרן מיט דעם „רויטן שטערן" און „רויטע פאָן" און מעדאל „פארטיזאן פון פאַטערלענדישן קריג" 1-טע מדרגה (לעבט היינט צו טאָג אין גראָדנע, ווייס-רוסלאנד).

אין דער 51-טער יידישער גרופע אין אָטריאד א. נ. „שטשאָרס" האָט מיט זיין קאלט-בלוטיקייט און העלדישקייט זיך אויסגעטיילט נתן ליקער, וועלכער איז געקומען פון ווארשע קיין סלאָנים אלס פליט און האָט פאר די דייטשן געארבעט אלס ראדיאָ-טעכניקער אין דער סלאָנימער אָרטס - קאָמענדאנטור. שוין דאָרט האָט ער ארויסגעגנבעט וויכטיקע ראדיאָ-טיילן און אריבערגעשיקט אין וואלד צו די פארטיזאנער, ווהין ער איז אליין אויך שפעטער אנטלאָפן. פון א צעבראָכענעם הארמאטל האָט ער אויפגעבויט א 45 מ"מ-הארמאט, ביי וועלכן ליקער, אלס געוועזענער ארטילעריסט, האָט געארבעט ביז דעם קאמף ביי סאוויטשין, וו מען איז געווען געצוווּנגען אָפצוטרעטן און ווארפן דעם הארמאט.

ליקערס דעוויז איז געווען: —„א ייד מוז גיין פאראויס און קיינמאָל ניט אראָפלאָזן דעם קאָפּ אין קאמף"... ער האָט טאקע קיין מאָל ניט אראָפגעבויגן זיין קאָפּ. אין די קאמפן פלעגט ער זיך באוועגן אין דער פולער הויך.

באזונדערס אויסגעצייכנט האָט ער זיך אין קאמף ביים 10-טן שלוז. נאָך א פאָרוואָכנדיקן אָפרו אין די וועלדער צווישן די דערפער גאטיליצא און דאָבראָמישל (ביטענער ראיאָן), האָט דער אָטריאד „שטשאָרס" זיך איבערגערוקט ווייטער אויף מזרח, אויף דער קליין-באן-ליניע טעלעכאן-איוואצעוויטש, וו עס האָט דאן געשוועבלט פון דייטשן.

דעם 11-טן נאָוועמבער 1942 איז דער אָטריאד אָנגעקומען און פארמאסקירט זיך אין די קוסטעס, א 100 מעטער פון שלוז. די אויסשפירער-גרופע, וועלכע איז אוועק אויספאָרשן דעם וועג, איז אריין אין שטוב ביים בריקל און אָנשטאָט ארייַנצוווארפן א פאָר גראנאטן אויף די שלאָפנדיקע דייטשן, האָבן זיי זיך שנעל ארויסגערוקט פון צימער. די דייטשן האָבן אָבער באמערקט די אָנוועזנהייט פון די פארטיזאנער און צוגעגרייט זיך צום קאמף מיט זיי, פארנעמענדיק גוטע פאָזיציעס אויפן בוידעם, אין גערטל צווישן די קוסטעס און אויפן צווייטן ברעג פון קאנאל. די פארטיזאנער האָבן זיך געוואָרפן שטורמען דאָס הויז, דאָס בריקל און די דייטשע פאָזיציעס אויף דער צווייטער זייט קאנאל. העניעק

מלאך כאפט זיך אריין אין שטוב, צעברעכט א שאפע, צינדט זי אונטער און פארברענט דאָס גאנצע הויז מיט די דייטשן. די דייטשן, איבעראשט פון שטורמישן אָנפאל, האָבן זיך געוואָרפן אין טייך, בכדי אריבערצו־שווימען אויף דער צווייטער זייט. ניט קוקנדיק אויפן געדיכטן פרימאָרגנ־נעפל, וועלכער האָט שטארק געשטערט דעם אָנפאל, האָט דאָך ליקער מיט זיין געווײנלעכער ביקס דערהרגעט דריי שווימענדיקע דייטשן. דער קאמף איז געווען א קורצער און איבעראשנדיקער. נאָכן אריבערכאפן זיך אויף דעם בריקל איז דער ווידערשטאנד פון די דייטשן געבראָכן געוואָרן און עס האָט לאנג ניט געדויערט ווי די איבער הונדערט דייטשן און לעטן פון דער זאָנדער־דיוויזיע „מינסק" זיינען צעשאָסן געוואָרן, חוץ איינעם, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן.

אין דאָזיקן קאמף האָבן זיך באזונדערס אויסגעצייכנט די יידישע העלדישע פארטיזאנער: נתן ליקער, סערוויאנסקי און העניעק מאלאך.

די יידישע גרופע האָט אין דעם קאמף געהאט גרויסע פארלוסטן. עס זיינען געפאלן: דער קאָמאנדיר פון דער 51־טער יידישער גרופע, פיאָדאָראָוויטש, אינגבער (אָסטראָוו מאזאָוויעצק) מאיר מאלאך (ווארשע) און נאָך דריי יידן.

די יידישע גרופע, וועלכע איז געגאנגען די ערשטע אין שטורעם, האָט זיך געמאכט א העלדן־נאָמען און ארויסגערופן אלעמענס באוואונדערונג. אויף די קברים פון די געפאלענע האָבן די יידישע פארטיזאנער געשוואָרן ווייטער צו טראָגן די פאָן פון נקמה און געזאָגט אין הארצן א צווייענדיקן קדיש נאָך די דערמאָרדעטע בעת דער שחיטה אין סלאָנים (14־טן נאָוועמבער 1941) און נאָך די געפאלענע אין שלאכט ביי דעם אָגינסקי־קאנאל (14־טן נאָוועמבער 1942), ווייל די שלאכט איז אויסגעפאלן אין יאָרצייט־טאָג פון דער ערשטער סלאָנימער שחיטה. נאָכן פאָרסירן דעם קאנאל האָבן אלע מסכים געווען, אז ליקער דארף באקומען אן אויטאָמאט פון די דערמאָרדעטע דורך אים ס. ס.־לייט. זייענדיק אין דער 15־טער יידישער גרופע ביים אטריאד „שטשאָרס", האָט ליקער אראָפגעלאָזן פיר עשאלאָנען אויף דער ליניע באראנאָוויטש־לונינייעץ. אין דער 52־טער גרופע, וווהין ער איז אריבערגעפירט געוואָרן, האָט ער אראָפגעלאָזן נאָך 27 עשעלאָנען. צוזאמען האָט ער אראָפגעלאָזט 31 עשעלאָנען.

ליקער האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער לויערונג ביי די מאשוקיער כוטאָרעס אויף דער גרופע דייטשע אָפיצירן און ווייס־רוסישע פאָליציי־

קאָמענדאַנטן. ליקער האָט אויך אַנטייל גענומען אין אַלע לויערונגען און קאַמפן און אַלע מאָל זיך אויסגעצייכנט. זיין קאַלטבלוטיקייט האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט, אַפילו אין פאַל פון אַ צוריקטריט פלעגט ער קיינמאָל ניט לויפן. נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער רויטער אַרמיי און געקעמפט ביז צום טאָג פון פאַלן פון בערלין. ליקער האָט באַקומען די אָרדנס: „רויטער שטערן" און „רויטע פאָן". צוגעשטעלט געוואָרן צום „לענין-אָרדן" און „פאָטערלענדישן קריג" און צום טיטל „העלד פון ראַטן-פאַרבאַנד" (לעבט היינט צו טאָג אין בריסק).

אַ העלדן-טיפּ פון אַ פאָלקס-מענטש, וועלכער האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען אין נאַליבאָקער און ליפּיטשאַנער פּושטשעס, איז געווען דער לידער יידישער מאַלער-אַרבעטער בנימין באַראַן, וועלכער איז געווען פּאָפּולער אונטערן צונאָמען „לאָמאַי פּאָסודו" (ברעך דאָס געפעס), אַ טיטל, וועלכן ער האָט באַקומען אַדאַנק אַרויסגעוויזענע דרייסטקייט ביים אַראָפּלאָזן אַ דייטשישן עשאַלאָן. אין סעפּטעמבער 1942 אַנטלויפט בנימין באַראַן, נאָכן פאַרלירן זיין גאַנצע משפחה אין דער לידער שחיטה, מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע אין ליפּיטשאַנער פּושטשע. פון דאָרט גייט ער נאָך איינציקע מאָל אין לידער געטאָ אויף צו באַקומען געווער און ברענגען מענטשן. ביי זיין צווייטן שפּאַציר צום געטאָ, ווו ער איז געגאַנגען צוזאַמענקלייבן אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע, לויט דער עצה פון אָטריאַד-קאָמאַנדיר פון „איסקראַ", אויף צו פאָרמירן אַ יידישן אָטריאַד, האָט ער נעבן שטאָטישן בית-עולם אָנגעטראָפן אויף אַ דייטש, וועלכער האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן. באַראַן פאַרלירט זיך ניט. ער כאַפּט אַרויס פון קעשענע אַ גראַנאַט און וואַרפט. דער גראַנאַט האָט אויפגעריסן. באַראַן נוצט אויס די סיטואַציע און אַנטלויפט צוריק אין וואַלד.

דער סימפּאַטישער, שוואַרצער באַראַן געפינט חן ביים קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", פּעטיאַ קאָמאַראָוו, וועלכער האָט זיך צופעליק דאַן געפונען אין לידער ראַיאָן אויף דורכצופירן אַ דיווערסיע-אויפגאַבע אויף דער אייזנבאַן-ליניע לידע — באַראַנאָוויטש. ווי שוין געזאָגט, איז דער אָטריאַד געווען טרויעריק פּאָפּולער אין ליפּיטשאַנער פּושטשע אַלס אַנטיסעמיטישער. אין גאַנצן אָטריאַד זיינען געווען בלויז פיר יידן. באַראַן איז אָבער געוואָרן זייער גיך באַליבט ביי אַלע פּאַר-טיזאַנער פון אָטריאַד, ווי אויך ביי דער קאָמאַנדשאַפט, פאַר זיין

אויסערגעוויינלעכער דרייסטקייט, בריה'שקייט און קונציקע שטיקלעך ארבעט.

דאָרט, ווו קיין איין פּארטיזאן פלעגט זיך ניט דערוועגן צו גיין, פלעגט באראן איינער אליין ריזיקירן. זייענדיק חוץ א מינירער אויך אן אויסשפּירער, האָט ער אדורכגעריסן די דייטשישע בלאָקאדע פון נאַליבאָקער פּושטשע און אוועקגעפירט דאָקומענטן אין באראנאָוויטשער פּארטיזאנער קרייז-צענטער (נאַליבאָקער פּושטשע, יולי 1944). פיל קריסטלעכע פּארטיזאנער האָבן זיך צוריקגעקערט, ניט קענענדיק אויספירן די אויפגאבע, אָבער באראן האָט עס אויסגעפירט אויף אן אויסטערלישן שטייגער. רייטנדיק אויף א פערד, איז ער אין מיטן העלן טאָג אדורכגעפאָרן די שטארק באוואכטע אייזנבאן-ליניע לידע — באראנאָוויטש.

באראנס דרייסטקייט און געוואגטקייט אילוסטרירט אמבעסטן פאָלגנדיקער פאל: נאָכן אראָפּלאָזן אן עשאלאָן אויף דער ליניע לידע—גראָדנע, ביי ראָזשאנקע (יוני 1942), איז דער אָטריאד „וואָראָשילאָוו" אויפן פרימאָרגן אָנגעקומען צו א כוטאָר, ביים דאָרף באָיארי (זשאָלודקער קרייז), אויף אָפּרו. פּלוצעם האָט באראן באמערקט, אז עס ברענט א צווייטער כוטאָר. ער האָט זיך גלייך פאראינטערעסירט און דערוווּסט, אז די ווייסע פּאָליאקן פארברענען די ווירטשאפט פון א פּויער, א פּארטיזאנישן פארבינדלער. דער אָטריאד האָט תיכּף אָפּגעמארשירט צום ברענענדיקן כוטאָר. באראן מיט נאָך פינף רייטערס, באוואָפנטע מיט האנט-קוילנוואַרפערס, זיינען צוגעפאָרן הארט צום כוטאָר. די ווייסע פּאָליאקן האָבן זיי באגעגנט מיט א האָגל קוילן. באראן, ניט אראָפּגייענדיק פון פערד, האָט ארויסגעלאָזן א גאנצן דיסק מיט קוילן, דערנענטערנדיק זיך אלץ נענטער צו די פּאָליאקן. אָבער א קויל פון א פארשטעקטן שונא האָט אים געטראָפן אין ברוסט-קאסטן. ער איז ארונטערגעפאלן פון פערד און געבליבן ליגן א פארוווּנדעטער אין די קאָרן. נאָך א פערציק מינוט העפטיקן קאמף, זיינען די פּארטיזאנער געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן, איבערלאָזנדיק באראנען אויפן שלאכט-פעלד. באראן האָט דאן ארויסגעשלעפּט זיינע צוויי גראנאטן און פּיסטאָלעט, גרייט אויפן פאל, ווען מען זאָל אים אנטדעקן און וועלן נעמען א לעבעדיקן. די ווייסע פּאָליאקן זיינען טאקע באלד געקומען אויפצוקלייבן זייערע פארווונדעטע. דערזעענדיק, אז צוויי פּאָליאקן דערנענטערן זיך צו אים, האָט ער קיין סך ניט געצעגערט און א וואָרף געטאָן א גראנאט. די

פּאַליאַקן זיינען אויפגעריסן געוואָרן און באַראַן, אָפּגייענדיק אין בלוט, איז מיט די לעצטע כּוחות דורכגעקראָכן דורך די קאָרן צו א נאָנטן כוטאָר און געצוווּנגען דעם פּויער איינצושפּאַנען א פערד און אים ברענגען אין אָטריאַד.

נאָך עטלעכע מאָנאַטן ווערט ער אויסגעהיילט און זעצט זיך צוריק אויף זיין פערד. באַראַן פלעגט זייער אָפט באַזוכן די פאַמיליע-אָטריאַדן און טרייסטן די יידן מיט א גיכער אויסלייזונג. נאָך א געלונגענער לויערונג אין דאָרף זשיזשעוויטש, ביי סלאָנים (פעברואַר 1944), ווו עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן זיבן דייטשן און 14 פּאָליציאַנטן, האָט באַראַן געבראַכט צו די פאַמיליע-לאַגערן אלס מתנה א זאַק פאַרבלוטיקטע זאַכן פון די מערדערס פון זייערע משפחות...

אויף ווי ווייט באַראַן איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ביי די פּאַרטיזאַנער קען דינען דער פאַקט, וואָס שוין נאָך דער באַפרייאונג, ווען ער האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן דעם סאָוועטישן געזעץ און עס האָט אים געדראָט 12 יאָר תּפיסה, איז ביי די געריכטס-פאַרהאַנדלונגען אַרויסגעטראָטן אלס פאַרטיידיקונגס-עדות זיין געוועזענער אָטריאַד-קאָמאַנדיר, פּעטיע קאָמאַראָוו, וועלכער באַטאָנט, אז אויב מען וויל פאַרמשפּטן באַראַנען, דאַן זאָל מען אים אויך משפּטן, ווייל באַראַן האָט פאַר דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע מער אויפגעטאָן פון אים. אדאַנק דער דערקלערונג איז באַראַן פולשטענדיק באַפרייט געוואָרן.

פאַר זיינע פאַרדינסטן אין פּאַרטיזאַנקע איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדן „קעמפערישע רויטע פאָן" און מעדאַל „פּאַרטיזאַן פון פאָטער-לענדישן קריג", 1-טע מדרגה.

מיר גיבן דאָ א פאָטאָגראַפיע פון זיין קאַמפס-כאַראַקטעריסטיק מיט א ווערטלעכע יידישע איבערזעצונג:

„קאַמפס-כאַראַקטעריסטיק פון פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד א. נ. „וואָראָ-שילאָוו", בריגאַדע וואָראָשילאָוו (ליפּיטשאַנער פּושטשע), בנימין באַראַן, זון פון רובין.

בנימין באַראַן איז אָנגעקומען אין פּאַרטיזאַנער אָטריאַד א. נ. „וואָראָשילאָוו" (וואָראָשילאָווער בריגאַדע) אין אָקטאָבער חודש 1942. גלייך אין אָנהויב האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר א דרייסטן, מענערישן קעמפער אין קאַמף מיט די דייטשישע פאַרכאַפּערס. אין אָטריאַד איז חבר באַראַן געווען אן אויספירער, געבנדיק אלעמאָל גענויע פאַקטן וועגן קעגנער, זיינע פּלענער און באַוועגונגען. גלייכצייטיק מיט דער אויספיר-אַרבעט האָט ער צוזאַמען מיטן אָטריאַד געפירט אן אַקטיווע דיווערסיע- און קאַמפס-אַרבעט. באַראַן האָט אַראָפּגעלאָזט 18 עשאַלאָנען פון שונא מיט לעבעדיקע כּוחות, אַרטילעריע, טאַנקעס און אויטאָמאַשינעס. אונטער די חורבות פון די צעקלאַפּטע



װאַגאָנעס האָבן געפֿונען זײער קבר מער װי 700 היטלעריסטן. בײַ דעם זײַנען געװאָרן צעקלאַפּט: 16 לאָקאָמאָטיװן, 35 װאַגאָנעס מיט לעבעדיקער קראַפֿט, 93 פּלאַט־פֿאָרמעס מיט קריגס־טעכניק. אין די דיװערסיע־אָפּעראַציעס האָט זיך ה׳ באַראַן אַרױסגעשטעלט אַלס דרײסטער און העלדישער פּאַרטיזאַן. א בײַשפּיל איז פֿאָלגנדיקער פֿאַקט :

אין יאנואר 1943 האָט חבר פּאראן מיט א גרופּע פּארטיזאנער אויפגעריסן דעם שונאס עשאלאָן און אים אינגאנצן פארפרעגט. ניט קוקנדיק אויפן הוראגאן-פייער פון קעגנער, האָט פּאראן פערזענלעך פּאגאָסן מיט פּענזין און פארפרעגט 7 וואגאָנעס פון קעגנער מיט געווער און אמוניציע.

דער ח' פּאראן האָט אָנטיילגענומען אין 14 אָפענע קאמפן און לויערונגען מיט די דייטשן. יוני חודש 1943, פירנדיק א קאמף מיט די דייטשישע אָקופּאנטן אין לידער ראיאָן, איז ער, ניט קוקנדיק אויף זיין פארוואונדעט ווערן, ניט אראָפּ פון קאמפס-פּלאץ און דערפּיי נאָך דערהרגעט 2 היטלעריסטן.

אין די אלע אדורכגעפירטע קאמפן זיינען געוואָרן געהרגעט 450 היטלעריסטן, פארוואונדעט —230, גענומען אין געפאנגענשאפט — 23. פאר דעם גאנצן פעריאָד פון זיין פארטיזאנקע האָט זיך ח' פּאראן ארויסגעוויזן פאר א דרייסטן און העלדישן קעמפער אין קאמף מיט די דייטשישע פארכאפּערס.

פאר די ארויסגעוויזענע העלדישקייטן אין די קאמפן מיט די דייטשישע פאר-כאפּערס איז דער ח' פּאראן פאָרגעשטעלט געוואָרן צו רעגירונגס-אויסצייכענונגען: אָרדען „קעמפערישע רויטע פאָן" און מעדאל „פּארטיזאן פון פאָטערלענדישן קריג", ערשטע מדרגה.

קאָמאנדיר פּריגאדע א. נ. „וואָראָשילאָוו", אונטערשריפט (—) מאקאראָוו.
קאָמיסאר פון פּריגאדע א. נ. „וואָראָשילאָוו", אונטערשריפט (—) פּיעליאקאָוו.
נאטשאלניק פון שטאב פּריגאדע א. נ. „וואָראָשילאָוו",
אונטערשריפט (—) דאָפּראָוואָלסקי.
דעם אונטערשריפט פון דאָפּראָוואָלסקי פּאשטעטיקט דער שטוטשינער ראיאָן. אויספיר-קאָמיטעט, אונטערשריפט (—) סאָפּאָלאָוו.
(—) קיילעכדיקער שטעמפל פון שטוטשינער ראיאיספּאָלקאָם".

אין פּאָפּולער - העלדישן אָטריאד און שפּעטערדיקער בּריגאדע „פּאָבּיעדא", האָבּן זיך כמעט אלע יידישע פּארטיזאנער אויסגעצייכנט און געהאט א העלדן-נאָמען. בּאזונדערס האָט זיך דאָרט קונה שם געווען די פאמיליע ליפּשאָוויטש פון דערעטשין. שוין אין בּראשית-שאפן פון אָטריאד האָבּן די בּרידער ליפּשאָוויטש ארויסגערוקט זיך אין פאָדער-גרונט. אין דער יידישער ראָטע פון ד"ר אטלאס איז אליהו ליפּשאָוויטש געווען א וזוואָד-קאָמאנדיר, חיים-שיע — סטארשינא. זייער העלדישקייט האָבּן זיי ארויסגעוויזן שוין אין ערשטן קאמף, בּעתן אָנפאל אויף דערעטשין. אליהו, בּראש פון א וזוואָד, צוזאמען מיט זיין בּרודער חיים-שיע, האָבּן די ערשטע געשטורעמט די געבּיידע פון דער ס. ס.-זשאנדארמעריע און אדאנק זייער העלדישן און דערמוטיקנדיקן בּיישפּיל האָט זיך דער אָנפאל געענדיקט מיט א פולשטענדיקן נצחון פאר די פּארטיזאנער.

ווען שובינס און אבּראמאָווס ראָטעס, וועלכע זיינען בּאשטאנען אין זייער איבּערוויגנדיקער מערהייט פון יידן, זיינען צונויפגעגאָסן געוואָרן

אין איין ראָטע אונטער דער אָנפירונג פון דעם רוס אבראמאָוו, איז אליהו ליפשאָוויטש געבליבן אויף ווייטער וווואָד-קאָמאנדיר. חיים-שיע איז געבליבן אויף ווייטער „סטארשינא".

די ברידער ליפשאָוויטש האָבן אָנטייל גענומען אין אלע קאמפן און לויערונגען פון אָטריאד און אלע מאָל געגעבן מיט זייער דרייסטער האלטונג א ביישפיל פאר אנדערע. דער „סטארשינא", חיים-שיע, האָט בעתן אָנפאל אויפן שטעטל קאָזלאָווטשיזנע זיך באזונדערס אויסגעצייכנט. ער האָט פארנומען א פּאָזיציע אויף א בערגל, וואָס האָט דאָמינירט איבערן גאנצן ארום און פון א מאקסים-קוילנוואַרפער באשאָסן מיט א הוראגאן-פייער די דייטשישע בונקערס אין שטעטל. בעת די פארטיזאנער זיינען דערנאָך געווען געצוואונגען צוליב דעם פעלן פון קוילן אָפּצוטרעטן, האָט ליפשאָוויטש מיט א גרופּע קוילנוואַרפלערס געדעקט דאָס אָפּטרעטן פון די פארטיזאנער.

אין בולאקס אָטריאד זיינען אלע נצחונות פון דעם יידישן וווואָד געווען פארבונדן מיט דער פּערזאָן פון איר קאָמאנדיר אלי. בעת דר. אטלאס איז געפאלן אין דער גרויסער אָבלאווע פון דער ליפּיטשאנער פּושטשע, האָט די ידיעה וועגן זיין טויט זייער דערשיטערט די יידישע פארטיזאנער אויף דער פּאָזיציע און אריינגעגאָסן אין זיי פרישן מוט און נקמה-געלוסט. אלי גיט זיך דער ערשטער מיט א הורא-געשריי א וואָרף פאָראויס און די יידישע פארטיזאנער טרייבן ארויס די דייטשן פון דאָרף קליין-וואָליע. אלי האָט אָנטיילגענומען אין קאמף ביים דאָרף באצקעווא, אין דער לויערונג אויפן שאָסיי סלאָנים — האלינקע — דערעטשין (22-טן מערץ 1943), אין די קאמפן ביי שליזען-פּאָדגרעבעלסקי, אין אויפרייסן דעם ארבעטס-אמט און מאגיסטראט אין שטעטל דערעטשין, אין דער לויערונג אויף א גרופּע פּאָ-



**אלי ליפשאָוויטש** (דערעטשין) — וווואָד קאָמאנדיר אין דר. אטלאסעס ראָטע און שפּעטער אין בולאקס אָטריאד „פּאָביעדא". אויסגעצייכנטער, באַוואָרדנטער פארטיזאן. געפאלן נאָך דער באפרייאונג, מאי 1946, אין ליגניץ (פּוילן) דורך באנדיטן פון א. ק.

ליציסטן, וועלכע האָבן געפירט פראָדוקטן פארן גארניזאָן אין רודא־יאוואָרסקע, ביים צעקלאפן דעם גארניזאָן אין דאָרף אָסטראָווע (סלאָנימער ראיאָן), וועלכער האָט געשטערט די פארטיזאנער אין זייערע באוועגונגען און אין אָנגריף אויפן דייטשישן גארניזאָן אין רודע יאוואָרסקע, וואָס האָט זיך געפונען אין הארץ פון דער ליפיטשאנער פושטשע. ווען די אָטריאדן האָבן אויפן אָנגריפס־צייכן זיך געלאָזט צום דאָרף, האָבן זיי צו זייער גרויסער פאר־וווּנדערונג דערזען: געפאנגענע זיצן מיט די הענט אין דער הויך און חברה פון ליפשאָוויטשעס וווּאָד היטן זיי, קלייבן צונויף די טראָפייען און באלעבאטעווען אין דאָרף.

דאָס האָט אליהו ליפשאָוויטש, ווי נאָר דער אָנגריף האָט זיך אָנגעהויבן, דער ערשטער זיך אריינגעריסן מיט זיין וווּאָד און פארנומען א וויכטיקע פּאָזיציע, וועלכע האָט דערמעגלעכט די איבעריקע אריינצו־קומען אין דאָרף אָן קרבנות. בעת א פארטיזאנער־אפעל נאָכן קאמף האָבן אלע אָטריאדן באגריסט אליין פאר זיין העלדישן טאט.

די ברידער ליפשאָוויטש האָבן געהאט אויף זייער חשבון א באדייטנדיקע צאָל אראָפּגעלאָזענע דייטשע עשאלאָנען, אנטייל אין דיווערסיע־אקטן און אויך גרויסע פארדינסטן ביי דער אָרגאניזאציע פון דער דערעטשינער יידישער פארטיזאנקע אין בולאקס־אָטריאד.

איינער פון די וויכטיקסטע דיווערסיע־אקטן, וועלכער איז אדורכ־געפירט געוואָרן לויט א דירעקטן באפעל פון מאָסקווע איז געווען דאָס אויפרייסן די גרויסע צעמענט־פאבריק אין שטעטל ראָש (ביי וואָלקאָוויסק), אונטער דער אָנפירונג פון לייטענאנט שובין. צווישן די 10 פארטיזאנער־אנטיילנעמערס אין דער א. ד. דיווערסיע זיינען געווען פינף יידן: משה סאלוצקי (זעלווע), מישקע אָגולניק, גדליה באָסאק, יוסף בליזניאנסקי און אלי ליפשאָוויטש (דערעטשין). די פאבריק האָט פראָדוצירט טעגלעך דריי וואגאָן צעמענט, וואָס איז אויסשליסלעך באנוצט געוואָרן פאר פראָנט־פּאָרטיפיקאציעס. 10 אזייגער ביינאכט האָט זיך די גרופּע שטילערהייט צוגעגנבעט צום פאבריק־בנין, אראָפּגענומען דעם פּאָסטן, דעם גאנצן פערסאָנאל פארשפארט אין איין צימער, אונטערגעלייגט 16 ק״ג טאָל אונטער דעם מאָטאָר־קעסל און תיכף אָפּגעטראָגן זיך אָן פארלוסטן. נאָך דעם אויפרייס איז די פאבריק במשך פון 6 מאָנאטן ניט געווען טעטיק.

ער האָט געהאט אויף זיין קאמפס־חשבון פארשריבן 22 אויפגע־ריסענע עשאלאָנען. באזונדערס האָט ער זיך בארימט געמאכט מיטן געלונגענעם אויפרייס, וועלכן ער מיט נאָך זעקס חברים האָבן אדורכ־

געפירט אויף דער אייזנבאן־ליניע וואָלקאָוויסק—באראנאָוויטש. 20 וואגאָנעס מיט סנאריאדן זיינען דאָ פארברענט געוואָרן.

פאר אויספירן א ספעציעלע געפערלעכע אויפגאבע מיט א גרופע פון זעקס מענטשן האָט ער באקומען דעם אָרדן: „פאַטערלענדישער קריג״, 1־טע מדרגה.

ביידע ברידער זיינען געווען די ליבלינגען ניט נאָר פון די יידישע פארטיזאנער, נאָר אויך געווען געאכט פון די רוסן און פון דער פארטיזאנער־אָנפירונג. דער בריגאדע־קאָמאנדיר בולאק האָט ניט געקארגט קיין לויב־ווערטער פאר די העלדישע ברידער און זיי צוגעשטעלט צו הויכע מלוכה־אויסצייכענונגען און אָרדנס. בולאק האָט פאָרגעלייגט אלי ליפשאָוויטשן ער זאָל ווערן ראָטע־קאָמאנדיר, אָבער אלי אליין האָט געצעגערט און ניט געוואָלט עס אנעמען צוליב טעמים פון טאקטישן כאראקטער.

א באווייז פון חיים־שיעס באליבטקייט און הויכער אָפשאצונג קען דינען דער פאקט, אז ווען ער איז געוואָרן פארווונדעט, לויפט א רוסישער קאָמאנדיר אים ראטעווען און פאלט אליין א טויטער.

ליידער געפינען זיי זיך ניט צווישן די לעבעדיקע. חיים־שיע האָט זיך אליין דערשאָסן, ווערנדיק שווער פארווונדעט בעתן אדורכרייסן די בלאָקאדע אויפן ווילנער טראקט, הארט פאר דער באפרייאונג.

זיין ברודער אלי האָט דערלעבט די באפרייאונג, פאָרגעזעצט דעם קאמף אין דער רויטער ארמיי ביזן סוף פון קריג און געפאלן ביי טראגישע אומשטענדן (מאי 1946) שטייענדיק אויף דער וואך אין א קבוץ פון פח״ח, אין ליגניץ (פוילן), דורך מערדערס פון א. ק.

אַן אנדער יידישער פארטיזאן לאָרבער בערל (פסעוודאָנים „מאלינקע״), האָט ביזן ארייננמארש פון די דייטשן אין וואָלין געלעבט רואיק אין לישניפקע—א ישוב, (ספק שטעטעלע, ספק דאָרף) ווו דער ייד איז זייט דורות געווען צוזאמענגעבונדן מיטן אוקראינישן פויער און דער וואָלינער ערד. די באציאונג פון די שכנים ־ אוקראינער האָט זיך גלייך ראדיקאל געביטן מיטן ארייננמארש פון די דייטשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן א טאָטאלע אויסראָטונג פון הונדערטער יידישע קהלות אויף וואָלין און עס זיינען פאר די יידן אָפגעשלאָסן געוואָרן אלע וועגן צום לעבן.

געננוי מיט א נאכט פאר דעם ארויספירן דאָס ביסל יידן פון לישניפקע אין שכנותדיקן שטעטל מאניעוויטש, איז לאָרבער מיט נאָך

13 פערזאָן אנטלאָפן אין די וועלדער. שוין פריער האָט ער דורך יוסף צווייבל זיך פארבונדן מיטן געטו. פאָרזיצער פון דאָרפס-ראט, בעתן קירצן פעריאָד פון דער סאָוועטישער הערשאפט (1939—1941), מיקאָלאַי קאָנישטשוק (אין פארטיזאנקע פאָפולער אונטערן פסעוודאָנים „קרוק"), וועלכער האָט זיך שוין געפונען אין וואלד און געמיינזאם האָבן זיי אָנגעהויבן צו אָרגאניזירן די פארטיזאנקע אין יענער געגנט. לאָרבער, וועלכער האָט געקענט די סביבה און די פויערים, האָט גלייך פון ערשטן טאָג ארויסגעוויזן פיל איניציאטיוו און איז באשטימט געוואָרן אלס פארטרעטער פון קאָמאנדיר פון פארטיזאנער-אָטריאד, וועלכער איז אינצווישן געגרינדעט געוואָרן א. נ. „קרוק". אין גאָר א קורצער צייט זיינען צוגעקומען אין אָטריאד איבער הונדערט יידן, אנטלאָפענע פון די שחיטות אין די שטעטלעך: מאניעוויטש, פאָווורסק, טראָיאנאָווקע, קאמיען-קאָשירסק א. אנד. דער אָטריאד איז במשך פון געציילטע חדשים אויסגעוואקסן אויף ביז איבער 200 יידן און געהאט א נאָמען פון א ריין-יידישן אָטריאד.

ניט ווייניק זיינען געווען לאָרבערס פארדינסטן ביים ארויסקריגן געווער פאר די אלץ כסדר אָנקומענדיקע גרופעס יידן. דאָס אדורכפירן די סאבאָטאזש-אקטן, דאָס דעמאָלירן און פארברענען די קאָאָפעראטיווע קראָמען און מאָלקערייען און די אומצאָליקע נקמה-אקטן קעגן די דייטשישע אגענטן פון דער אָרטיקער באפעלקערונג — איז פאָרגעקומען אין פיל פאלן לויט זיין איניציאטיוו און אונטער זיין אָנפירונג.

אין פעברואר 1943 ווערט מאלינקע ווזוואָד-קאָמאנדיר פון א ריין-יידישן ווזוואָד און אונטער זיין אָנפירונג און אקטיוון אָנטייל אלס מינירער, ווערן פיל צענדליקער עשאלאָנען געלאָזט אין דער לופטן.

בלויז איז משך פון אפריל 1943 געלינגט אים בראש פון זיין ווזוואָד אויפצורייסן אכט מאשינעס מיט דייטשן אויף די טראקטן קאמיען-קאשירסק — וויבזער, קאמיען-קאשירסק—קאָוועל און קאמיען-קאשירסק—ליוביעשאָוו. לערך 50 דייטשן און זייערע יוצר-משרתים זיינען דערביי אומגעבראכט געוואָרן, צווישן זיי אויך דער ראיאָן-קאָמענדאט פון דער קאמיען-קאָשירסקער פאָליציי, קעמפא.

דעם 31-טן דעצעמבער 1942 איז א גרופע אונטער דער אָנפירונג פון מאלינקע אוועק אויף דער באן-ליניע קאָוועל—קיעוו, צווישן טראָיאנאָווקע און מאניעוויטש, צעשטערן די טעלעפאָן-ליניע. די פויערישע וואכן, וועלכע די דייטשן האָבן צעשטעלט אויף צו היטן די אייזנבאן-ליניעס, זיינען

דורך די פּאַרטיזאַנער אויפגעצוווּנגען געוואָרן מיטצוהעלפן אונטערצווּעגן די סלופּעס. נאָכן אויספילן די אויפגאַבע האָט זיך פּלוצעם דערהערט דאָס רוישן פון אַ זיך דערנענטערנדיקן צוג. אויפן באַפעל פון לאָרבערן פאַרנעמען די יידישע פּאַרטיזאַנער אַ פּאָזיציע און ווען דער צוג דערנענטערט זיך צו זייער לויערונג באַשיסן זיי אים מיט אַ געדיכטן קוילן-האָגל. אויף צומאָרגנס האָט די אויסשפּיר-דינסט געמאָלדן, אַז דורכן באַשיסן דעם צוג זיינען 9 דייטשן דערהרגעט און פיל פאַרוווּנדעט געוואָרן.

ענדע מאַי 1943 מינירן צוויי גרופּעס פון יידישן וזוואָד, בראש פון וועלכע עס שטייען מאַלינקע און יצחק קופּערבערג, די באַן-ליניע קאָוועל — קיעוו, צווישן די סטאַנציעס טראָיאַנאָווקע—מאַניעוויטש. ביים פּרווו אומשעדלעך צו מאַכן צוויי אַנדעקטע מינעס זיינען אומגעקומען פיר דייטשן פון דער באַוועגלעכער קאָנטראָל-וואַך (שטרייף) און פון דער דריטער מינע איז אויפגעריסן געוואָרן אַ דייטשישער עשאַלאָן און 12 מאַן פון דער וואַך און אייזנבאַן-באַדינונג זיינען דערביי אומגעקומען.

לויט זיין קאַמפּס-כאַראַקטעריסטיק האָט ער במשך פון דער גאַנצער צייט:

1) אַליין געמינירט און אָנגעפירט מיטן אויפרייסן אַכט דייטשישע עשאַלאָנען.
2) מיטן גאַנצן וזוואָד אויפגעריסן 16 עשאַלאָנען.
3) אויפגעריסן און פאַרברענט אַכט דייטשישע אויטאָ-מאַשינעס, ביי וואָס עס זיינען אומגעקומען 50 היטלעריסטן.
4) פאַרברענט 2 טאַרטאַקן, 3 דייטשע פאָלוואַרקעס און לערך 16 תבואה-שפּייכלערס און געזעלשאַפטלעכע גרעסערע געביידעס.
5) אויפגעריסן דעם וואַסער-טורעם אויף דער אייזנבאַן-סטאַנציע קאַמיען-קאָשירסק.
6) אַנטייל גענומען אין קאַמפן מיט צוויי פּאָליצייאישע גאַרניזאָנען, אין צוויי קאַמפן מיט „בולבאָווצעס", אין פיל לויערונגען אויף דייטשן און אוקראַינישע פאַשיסטן און אויסגעפירט אייניקע טויט-אורטיילן איבער אוקראַינער, דייטשישע אַגענטן און פּאָגראָמשטשיקעס.
7) אַ העלדישער, דיסציפּלינירטער וזוואָד-קאָמאַנדיר און מינירער-ספּעציאַליסט — איז ער געווען באַליבט און געאַכטעט דורך דער העכערער פּאַרטיזאַנער-אָנפירונג און זיינע סאָלדאַטן.

פאַר זיינע פאַרדינסטן אין קאַמף מיטן שונא איז ער צוגעשטעלט געוואָרן און באַקומען דעם אָרדען „רויטע פאָן" און פּאַרטיזאַן-מעדאַל.

עס לויטן די אונטערשריפטן פון: קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער-פאַראייניקונג —גענעראַל-מאַיאָר ביעגמאַ, שטאַב-נאַטשאַלניק, טימאָשענקאָ און בריגאַדע-קאָמיסאַר— קאָרטשעוו.

אין דעם יידישן ווזוואָד פון קרוקס אָטריאַד האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט:

1) דער אָפּטיילונגס־קאָמאַנדיר יצחק קופּערבערג (מאַניעוויטש), וועלכער האָט אויפגעריסן אַכט מיליטערישע צוגן, זעקס אויטאָ־מאַשינעס און אָנטייל גענומען און א ריי שלאַכטן. ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דעם אָרדען „פּאַטערלענדישער קריג" — 1־טע מדרגה און מעדאַלן: „פּאַרן זיג" און פּאַרטיזאַנער מעדאַל.

2) ווזוואָד־פּאָליטרוק יוסף בליישטיין (דאָרף לישניפקע), איינער פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון אָטריאַד — זיבן עשאַלאָנען, 8 אויטאָ־מאַשינעס און אָנטייל אין א ריי שלאַכטן. באַאָרדנט: „פּאַטערלענדישע קריג", 1־טע מדרגה און פּאַרטיזאַנער־מעדאַל.

3) אָפּטיילונגס־קאָמאַנדיר יעקב (אַליאָשאַ) צווייבעל (דאָרף טשערע־וויטש),—זיבן עשאַלאָנען, זיבן אויטאָ־מאַשינעס און אָנטיילגענומען אין א ריי שלאַכטן. באַאָרדנט: „פּאַטערלענדישע קריג", 1־טע מדרגה און פּאַרטיזאַנער־מעדאַל.

4) אָפּטיילונגס־קאָמאַנדיר זאב (וולאַדימיר) ווערבאַ (מאַניעוויטש)— זעקס עשאַלאָנען, אַכט אויטאָ־מאַשינעס און אָנטייל גענומען אין א ריי שלאַכטן. באַאָרדנט: „פּאַטערלענדישער קריג", 1־טע מדרגה און מעדאַלן: „פּאַרטיזאַן פון פּאַטערלענדישער קריג" 1־טע מדרגה און „פּאַרן זיג".

דער 20־יעריקער אייזיק פירט (טשאַרטאָריסק, וואָלין), איז צוזאַמען מיט נאָך 7 יידן אויפגענומען געוואָרן, נאָכן אויספילן א פּאַראַנטוואָרט־לעכע אויפגאַבע, אין קאָנטשאַס אָטריאַד.

ער האָט זיך גיך געמאַכט א נאָמען אַלס אויסגעצייכנטער מיניאָר און אָנטיילגענומען אַלס אַזאַ אין אַלע דיווערסיע־אַקטן אויף דער אייזנ־באַן־ליניע קאָוועל — קיעוו. עס איז אים אינגאַנצן פרעמד געווען דאָס געפיל פון שרעק און פלעגט זיך אין די שווערסטע סיטואַציעס ניט פאַרלירן.

זיין אויטאָריטעט איז געשטיגן און דער קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן קאָנטשאַ, האָט אים נאָמינירט אַלס קאָמאַנדיר פון א דיווערסיע־ווזוואָד.

ביז דער באַפרייאונג האָט ער באַוויזן אַליין צו מינירן 18 דייטשישע עשאַלאָנען. דער מזל האָט אים געדינט, זיינע אַלע מינירונגען זיינען געווען דערפאָלגרייכע.

דער קאָמאַנדיר פון דער פאַראייניקונג, גענ.־מאיאָר ביעגמא, האָט אים צוגעשטעלט צום העכסטן טיטל „העלד פון ראטן־פאַרבאַנד". באַקומען די אָרדנס: „רויטע פאָן", „פאָטערלענדישע קריג" און אַנדערע אָרדנס און מעדאַלן (לעבט אין רוסלאַנד).

אַזוינע אויסגעצייכנטע יידן אין די קאַמפן, באַאָרדנטע דורך דער סאָוועטישער רעגירונג מיט די העכסטע אויסצייכענונגען, דערמאָנטע מיט לויב דורך דער העכסטער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג און געשטעלטע ווי אַ מוסטער פון דרייסטקייט און אומדערשראָקנקייט — זיינען געווען אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע אין די הונדערטער.

יידן האָבן אין לעגענדאַריש־העראָישן קאַמף פון ווייס־רוסישן און אוקראַינישן פאָלק קעגן די אָקופּאַנטן, קעגן די היטלעריסטיש־דייטשישע באַנדיטן, 600—900 ק"מ פון די ערשטע פראָנט־ליניעס, אין טיפן הינטערלאַנד, צוזאַמען מיט די זין פון אַלע פעלקער פון גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד, געשלאָגן די דייטשן אויף אַלע וועגן, פון הינטער יעדן קוסט און שטיין און געמאַכט אומזיכער די טריט פון יעדן נאַצי אין הינטער־לאַנד, געבונדן זיינע כוחות, געשטערט זיינע קאָמוניקאַציע־ליניעס, געשעדיקט אויף טריט און שריט און צוגענומען ביי אים אַ באַדייטנדיקן טייל פון די אָקופּירטע געביטן, מאַכנדיק עס פאַר פּאַרטיזאַנישע זאָנעס, ווו די דייטשן פלעגן ניט וואַגן צו קומען און ניט געקענט אויסנוצן די מענטשלעכע און מאַטעריעלע רעסורסן פון די באַזעצטע געגנטן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען שטאָלץ אויף דעם, וואָס מיט זייער קאַמף און בלוט־חלק האָבן זיי ביינעטראָגן צום זיג איבערן גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט, איבערן פאַרהאַסטן בלוט־פיינט און פאַרניכטער פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע.

אייביק וועלן בלייבן אין זכרון יענע סצענעס און בילדער ביי די אנטיילנעמענדיקע אין די לעגענדאַרע קאַמפן און ליוערונגען, ווען עשאַלאָנען זיינען געפלויגן אין דער לופטן, ווען דייטשישע מערדערס זיינען געפאַלן פון יידישע קוילן און ווען יידיש בלוט איז באַצאָלט געוואָרן מיטן פאַרעטערישן בלוט פון די רוצחישע שכנים־פעלקער.

קיינמאָל וועלן מיר ניט פאַרגעסן די פיף טויזנטער יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן געראַנגל געפאַלן פאַר דער זאַך פון נקמה.

זייערע קברים זיינען צעזייט איבער די רחבותן און בלאָטעס, פּושטשעס און וועלדער פון ווייס-רוסלאַנד און אוקראַינע.

די זאַך, פאַר וועלכע זיי זיינען געפאַלן, וועט ווערן דער קנין פון גאַנצן יידישן פאָלק אויף אַלע צייטן און דורות.

# קוועלן־אנגאבע

## פון די מאטעריאלן פון דער היסטארישער קאמיסיע ביים פפ״ח אין רוים, וואס זיינען טיילווייז אויסגענוצט געווארן צום בוך:

| נאָמען פון דער ארבעט: | געשריבן דורך: |
|---|---|
| געשיכטע פון דער וואָלינער פארטיזאנקע און דער יידישער אנטייל . . . . . | דב לארפער (מאניעוויטש) |
| זכרונות פון א וואָלינער פארטיזאן . . | יעקב יונג (טראָיאנאָווקע) |
| וועגן אָטריאד „פודיאָני" . . . . . | פנחס לאנגער (סארני) |
| די טעטיקייט פון דער דיווערסיע גרופע „סום־טשאקאָוו" . . . . . . | א. אינגבער (דעמידאָווקע) |
| יאנאָווער יידן אין אָטריאד „סטאלין" (פינסקער בריגאדע) . . . . . . | הענעך פרוזשאנסקי (יאנאָווא) |
| לידוויפאָלער יידן אין אָטריאד „סטאלין" (שיטאָווס פאראייניקונג) . . . | יוסף גיטערמאן (לידוויפאָל) |
| א קאָרעצער גרופע יידן אין אָטריאד „טשאפאיעוו" (שיטאָווס פאראייניקונג) . . | יוסף הימעלפארב (קאָרעץ) |
| לאכווער יידישע פארטיזאנער־גרופעס . . | יעקב אבראמאָוויטש (לאכווע) |
| די געשיכטע פון דער זשעטלער פארטיזאנער־אָרגאניזאציע און דער אנטייל פון די יידן אין דער פארטיזאנקע פון ליפיטשאנער פושטשע . . . . . . | סעמינאר: דר. אלפערט, יאָסעלעוויטש (זשעטל), אברהם מאגיד (פיעליצע) און ל. גליקמאן (ווארשע). |
| דער יידישער אָטריאד „קאגאנאָוויטש ל. מ." (מיאָרער־דיסנער ראיאָן) . . . | שלמה צימער (שארקאָוושטשיזנע) |
| דער יידישער אָטריאד „קאלינין" (ביעלסקי) פון ערשטן ביזן לעצטן טאָג . . . | סעמינאר: ב. צ. גולקאָוויטש, יעקב אבראמאָוויטש (קארעליטש), מ. לייבאָוויטש (נאָוואָגרודעק). |

| נאָמען פון דער אַרבעט: | געשריבן דורך: |
|---|---|
| געשיכטע פון יידישן אָטריאַד „זשוקאָוו" (קאָ־פּולער ראַיאָן) און זיין קאָמאַנדיר גילטשיק | יודל געסיק (טורעץ) און מאָטל געלפאַנד (קלעצק) |
| אונדזער העלדישע אכטל | אגינסקי (סטייפּין) |
| די געשיכטע פון יידישן אָטריאַד „קאַגאַנאָ־וויטש ל. מ." (פּאָלעסיע) | לייב באָבראָוו (פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי) |
| דער נקמה־אַקט פאר ל. ה. שישקא | אברהם מאגיד (ביעליצע) |
| מיינע קאמפן אין טשאַפּאַיעוו־אָטריאַד | אברהם וויניצער (טוטשין) |
| מיינע קאמפן אין פּארטיזאַנקע | מאקס ביעגון (בוגוסלאוו) |
| די געשיכטע פון זאָרינס יידישן אָטריאַד | דוד סלוטשאַק (סטייפּין) און אליעזר ריער |
| „די ראבע איז גראָס" | משה רעזניק (לידע) |
| מירער יידן אין פּארטיזאַנקע | בערל רעזניק (מיר) |
| דער ווידערשטאנד אין לאכווע | אהרן שוואָרין (לאכווע) |
| דער ווידערשטאנד אין ניעסוויעזשער געטאָ | יוסף דמשק (ניעסוויעזש) |
| דער אָנהויב פון פּארטיזאַנקע אין נאַטשער פּושטשע | יעקב קאָניוכאָווסקי (וואָראָנאָווע) |
| די געשיכטע פון בולאַקס אָטריאַד | משה סאלוצקי און כתריאל (זעלווע) |
| אין די יאַנאָווער וועלדער | משה פּרוזשאַנסקי (יאַנאָוו) |
| מיינע איבערלעבונגען אין דער אָקופּאַציע־צייט | דוד קאַנטאָראָוויטש (ווילנע) |
| דער גורל פון די טוטשינער יידן | יוסף עלבירט (טוטשין) |
| דער אומקום פון עלף דאָקטוירים אין וואָל־קאָוויסק | דר. רעזניק (וואָלקאָוויסק) |
| מיין באַקאַנטשאַפט מיט „דיאַדיא מישא" | סענדער שפּין (בערעזנע) |
| קאָמאַנדיר אליהו ליפּשאָוויטש | שלום גערלינג (וואַרשע) |
| זכרונות פון פּארטיזאַנקע | אלעק אבוגאָוו (אָדעס) |
| דער העלדישער פּארטיזאַן אייזיק פירט | יהושע גלוז (ראפאלאָווקע) |
| זכרונות פון א פּארטיזאַן | ברוך אייזנשטארק (סקאלאט, גאליציע) |

| נאָמען פון דער ארבעט: | געשריבן דורך: |
|---|---|
| די פּארטיזאנער־אָרגאניזאציע אין מאניעװיטש | זאב װערבא (מאניעװיטש) |
| די 7־טע ייִדישע נאציאָנאַלע ראָטע בײַ קאָװפּאַקן . . . . . . . | חיים װאָטשין (זאַפּיװקע) |
| די פּױלישע בריגאַדע „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ" . . . . . . . | לעאָן גאָטליב (װיסאָצק) |
| זכרונות פון א פּארטיזאן פון מיסורעס אָטריאַד . . . . . . . | משה טורקעניטש (סיערניק) |

## און פון קלענערע ארבעטן װעגן געפאַלענע און לעבעדיקע פּארטיזאנער פון ליפּיטשאנער פּושטשע און רודער־דאָבראָװיטשיזנער װעלדער

געשריבן דורך:

דר. אַלפּערט, א. יאָסעלעװיטש, א. מאגיד, ל. גליקמאן, באראנטשוק (זשעלודאָק), דאָמבראָװסקי ניאָמע (דערעטשין), סאָניע ראָטאָפּעל (אָסטראָלענקאַ), אפרים געלמאן (דערעטשין), ש. קלעצקי, לייזער סאַװיצקי (זשעטל), אליהו דערעװיענקאָ, ראָזע ראָזענבערג (דערעטשין) און מאיר גרושקאָ.

## פון װאָלינער און פּאָלעסיער װעלדער:

דב לאַרבער, זאב װערבא (מאניעװיטש), פּ. בורקא, נ. װאָלפין, ל. פּערעלמאן, איסר גלעזער, א. פּורטיק (מאניעװיטש), מ. װייסמאן, אפרים שתדלן, א. װאַקס, פּיװניק יוכבד, אפרים סאַפּאָזשניק, ליובאַ סאַפּאָזשניק (בערעזנע), יוסף הימעלפאַרב (קאָרעץ), נחמן זילבערפאַרב, ראובן גרייסער, ה. סעגאל, ה. גאָבעל, ב. צ. קארש, ה. אקמאן, מ. קאָזשושינק, זרח קרעמען, פּעלא זימאן (סװאלק), מ. קרופּשטיק, מרדכי מענדעלעװיטש, אייזיק יעלין (מיר), דר. ל. בערקאָװיטש (באראנאָװיטש), לייב טראָובע (לאָדזש).

## פון קאַפּולער ראַיאָן:

א. סלוצקי (לאָדזש), יודל געסיק (טורעץ), הרכבי, ב. צ. קאָװענסקי, ע. אדינולאָװ, סאָניע (מינסק), געלפאַנד מאָטל (קלעצק).

## פון נאַטשער פּושטשע:

יעקב קאָניובאָװסקי (װאָראָנאָװע), אברהם יאנקעלעװיטש, אברהם ליפּקונסקי ד. גרײַזשעװסקי, (ראַדון), יעקב קאַניעװיטש (סאָבאָקינצע), גורװיטש (װילנע), נ. קאַיץ און יעקב גוליס.

פון ווילייקער געגנט:

מ. ליפשין, יצחק ציטערמאן (קוריניעץ), דוד קמחי, י. ה. ליפשין (קאזאן), זלמן לעווין.

פון רודניצקער פושטשע:

שלמה יאשונער, גרישא גורוויטש, חנן מאגיד (ווילנע), סאָניע בורשטין, סאָניע גיטעלזאָן (גלובאָקי), מאיר טאינאָוויטש (קאָוונע).

פון נאַליבאָקער פושטשע:

הירש גאָלדשמיד, יצחק גאָרדאן, משה בלאָך (איוויע), קלמן פופקאָ, ברוך זשירמונסקי, העגריק עדעלבערג, אייזיק מאנסקי, נארקונסקי, קאָפּראָווסקי (לידע), חדוה ליאכאָוויצקא (ניעסוויזש), נ. שלימאָוויטש (ליובטש), ש. וואָלקאָוויסקי (באראנאָוויטש), דוד פלאָטניק (פינסק), האיטאָוויטש (מיר), חנן לעווקאָוויטש (טראָב), ליזער סאוויצקי (זשעטל) און מאיר גינענסקי (נאָוואָגרודעק).

# דאטן

| | | זייט |
|---|---|---|
| 1380 י. | דמיטרי דאָנסקאָיס מלחמה קעגן דער מאָנגאָליש־טאטא־רישער אינוואזיע. | 2 |
| 1699-1721 | פיאָטר דעם גרויסנס קריג קעגן דעם שוועדישן קעניג, קארל דעם 12־טן. | 2 |
| 1612-1613 | מינין און פאָזשארסקים אויפשטאנד קעגן די פוילישע אָקופאנטן | 2 |
| 1812-1813 | פאָטערלענדישע קריג פון רוסלאנד קעגן נאפאָלעאָן. | 2 |
| 1917-1921 | מיליטערישע אינטערווענץ פון 14 מלוכות קעגן דער רוסישער רעוואָלוציע און די רויטע פארטיזאנקע. | 4 |
| 1942-1944 | די העראָישע סאָוועטישע פארטיזאנקע. | 6 |
| 22־טן יוני 1941 | אָנהויב פון דער דייטשיש־סאָוועטישער מלחמה. | 23 |
| יוני, יולי 1941 | ראשיקער צוריקטריט פון דער סאָוועטישער ארמיי. | 88 |
| דעצעמבער 1941 | סאָוועטישער דעקרעט וועגן עוואקוירן די יידן פון די פאדראָטע דורכן שונא געביטן. | 188 |
| **1942** | | |
| מערץ | דייטשישע פאראָרדנונג וועגן אָבליגאטאָרישן מעלדן זיך פון די רוסישע געוועזענע מיליטער־לייט. | 24 |
| 8־טער מאי | שחיטה אין ראדון. | 9 |
| 11־טער מאי | געפאלן ד"ר אלתר דוואָרעצקי. | 118 |
| 12־טער מאי | די שחיטה אין איוויע. | 84 |
| 22־טער מאי | די שחיטה אין דערעטשין און דאָס אנטלויפן פון איי־ניקע הונדערט יידן אין רודא־דובראָווטשיזנער וועלדער. | 111 |
| 30־טער מאי | די פאראפיאנאָווער שחיטה. | 225 |
| מאי | די שחיטה אין קאָזלאָווטשיזנע. | 114 |
| 28־טער יוני | ערשטע שחיטה אין סלאָנים. | 94 |
| 18־טער יולי | די שחיטה אין האָראָדזיי. | 103 |
| 20־טער יולי | די שחיטה אין קלעצק. לערך 400 יידן אנטלויפן אין די וועלדער. | 98 |
| 22־טער יולי | דער ווידערשטאנד אין ניעסוויזשער געטאָ. | 103 |
| 29־טער יולי | די צווייטע שחיטה אין סלאָנים. | 19 |
| 2־טער אויגוסט | פארטיזאנער־אָנפאל אויפן קאָסאָווער גארניזאָן און געטאָ. באפרייאונג פון איבער 500 יידן פון קאָ־סאָווער געטאָ. | 190 |

| | | |
|---|---|---|
| 6-טער אויגוסט | די צווייטע שחיטה אין זשעטל. לערך 700 יידן אנטלויפן אין ליפיטשאנער פושטשע. | 83 |
| 9-טער אויגוסט | 210 מירער יידן אנטלויפן אין נאליבאָקער פושטשע. | 95 |
| 10-טער אויגוסט | פארטיזאנער-אָנפאל אויף דערעטשין. | 116 |
| 13-טער אויגוסט | די שחיטה אין שטעטל מיר. | 95 |
| 2-טער סעפטעמבער | דער ווידערשטאנד אין לאכווער געטאָ. | 100 |
| 2-טער סעפטעמבער | די שחיטה אין קאמיען-קאָשירסק. | 174 |
| 5-טער סעפטעמבער | פארטיזאנער-אָנפאל אויף קאָזלאָווטשיזנע. | 116 |
| 17-טער סעפטעמבער | צווייטע שחיטה אין באראנאָוויטש. | |
| 8-טער אָקטאָבער | ערשטער פארטיזאנער-אָנפאל אויף רודע-יאַוואָרסקא. | 116 |
| 2-טער נאָוועמבער | די שחיטה אין מארציקאניץ און דאס אנטלויפן פון די יידן אין רוסקיע פושטשע. | 191 |
| 7-טער נאָוועמבער | גרויסע דייטשישע אָבלאווע אויף די סטאריצער וועלדער. | 242 |
| 5-טער דעצעמבער | ערשטע גרויסע אָבלאווע אויף ליפיטשאנער פושטשע. | 25 |
| 5-טער דעצעמבער | געפאלן ד"ר אטלאס. | 116 |
| 12-טער דעצעמבער | געפאלן הירש קאפלינסקי. | 170 |
| 31-טער דעצעמבער | פארטיזאנער-אָנפאל אויף ליודוויפאָלער גארניזאָן. | 264 |
| **1943** | | |
| 29-יאנואר | דאס באפרייען דורך פּאָסעסאָרסקין די יידן פון סוויערזשנער ארבעטס-לאגער. | 307 |
| 5-טער פעברואר | די פערטע שחיטה אין נאָוואָגרודעק. | 108 |
| פעברואר | די גרויסע דייטשישע מפלה בײַ סטאלינגראד. | 59 |
| 25-טער מערץ | 93 יידן אנטלויפן פון קאָלדיטשעווער ארבעטס-לאגער. | 107 |
| מאי | צווייטער אָנגריף פון פארטיזאנער אויפן דייטשישן גארניזאָן אין נאקרישקי. | 175 |
| יוני | דריטער אָנגריף פון די פארטיזאנער אויף נאקרישקי. | 175 |
| יוני | דערמאָרדעט דעם דייטשישן רייכס-מיניסטער פאר ווייס-רוסלאנד, קובע. | 9 |
| יוני, יולי | דייטשישע אָבלאווע אויף די פארטיזאנער אין נאליבאָקער פושטשע. | 73 |
| 16, 17-טער יולי | גרויסע אָבלאווע אויף נאטשער פושטשע. | 155 |
| 17-טער סעפטעמבער | ליקווידאציע פון לידער געטאָ קיין מאידאנעק. | |
| סעפטעמבער | אָבלאווע אויפן טאנק אין ליפיטשאנער פושטשע. | 169 |
| 26-טער סעפטעמבער | 233 יידן אנטלויפן דורך א טונעל פון געטאָ-תפיסה אין נאָוואָגרודעק. | 109 |
| 14-טער אָקטאָבער | געפאלן פיאָדאָראָוויטש. | 108 |
| 6-טער נאָוועמבער | דאָס פארנעמען קיעוו דורך דער רויטער ארמיי. | 231 |
| דעצעמבער | באפעל וועגן אויפלייזן דעם פוילישן לעגיאָן „קאָסטיושקאָ" אין נאליבאָקער פושטשע. | 55 |
| יוני, יולי 1944 | גרויסע בלאָקאדע פון ליפיטשאנער פושטשע דורך דייטשן און װלאסאָװצעס. | 68 |

# אינדעקס

## פון דערמאָנטע פּושטשעס, וועלדער
## און פּאַרטיזאַנער-אָטריאַדן


אָרליקער וואַלד — 247, 308;
בריאַנסקער וועלדער — 37;
גראַף זאַמאָיסקיס וועלדער — 253;
דיווינער וועלדער — 85;
האָרקער וועלדער — 338;
וואָראָנטשער וואַלד — 107;
וואָלטשע נאָרע-וועלדער — 93;
ווילעשינער וואַלד — 242;
ליפּיטשאַנער פּושטשע — 25, 36, 40, 49, 69, 73, 83, 86, 112, 116, 138, 150, 152, 169, 172, 176, 184, 197, 204, 217, 234, 250, 255, 295, 317;
ליפּסקער פּושטשע — 304;
לופּאָרקער וועלדער — 112;
מאָרינער וואַלד — 337;
מיכאַלינער וועלדער — 190;
נאַליבאָקער פּושטשע — 18, 25, 32, 49, 53, 73, 86, 110, 112, 122, 124, 163, 176, 189, 194, 196, 200, 208, 267, 278, 349, 370;
נאַטשער פּושטשע — 57, 86, 99, 112, 131, 154, 157, 169, 196, 211, 252, 313, 344;
נאַראָטשער וועלדער — 145;
סטאַראָסיעלסקער וואַלד — 124;
סלוצקער וועלדער — 85;
פּאָלעסיער וועלדער — 86, 136, 258, 304;
פּערעסלאַוולער וועלדער — 154;
צומאַנער וועלדער — 139;
קוידענאָווער וועלדער — 85;
קוראָווער וועלדער — 139;
רודער-דופּאַראָווטשיזנער וועלדער — 25, 73, 94, 111, 114, 352;
רודניצקער פּושטשע — 130, 134, 171, 350;
רוסקיע פּושטשע (וובּראָווער) — 57, 155;
ראָכאָטשער וואַלד — 101;
שאַצקער פּושטשע — 254;

אנישטשענקאָ — 173, 327;
אַלעקסאַנדער ניעוויסקי (נאַליבאָק) — 32, 138, 177, 255, 322;
איסקרא — 31, 57, 167, 196, 204, 220, 224, 226, 278, 300, 311, 316, 318, 322, 345, 355, 369;
איסטרעביטעל — 138;
איוואַן איוואַנאָוויטש — 171;
אָקטיאַבר (מאַקסימוויטשי) — 138, 180, 218, 224, 275, 316, 349, 351, 354;

אָרדושאָניקידזע — 44, 122, 143, 168, 177, 245, 249, 252, 275, 281;

באָרבא (אָרליאנסקי) — 42, 56, 83, 144, 168, 171, 175, 196, 235, 277, 296, 305, 318, 320, 335, 349;

באָיעװאָי — 242;

באַלטײעץ — 301;

באָרבא (רודניצקער פּושטשע) — 134, 145, 292, 257;

באָלשעװיק — 178, 180, 207;

גראָזני — 133, 180, 247, 285, 287;

גוליאיעװ — 250;

דיאַדיא מישא — 133;

דיאַדיא װאָלאָדיא — 139;

דיאַדיא װאַניא — 189;

דמיטראָװ — 190;

װאָראָשילאָװ (לידער, ליפּיטשאַנער פּו־שטשע) — 167, 172, 178, 272, 291, 306, 322, 369, 371;

װאָראָשילאָװ (דאָמאַטשעװער ראַיאָן) — 86, 190;

זאַ פּאָביעדו — 130, 145;

זאַ סאָװעטסקויו ביעלאָרוס — 138, 268, 294;

װאָלאָטאָװ — 287;

זשעליעזניאַק — 33;

זאַ נאַשו ראָדינו — 103;

זשוקאָװ (גילטשיק) 125, 144, 190, 243, 247, 251, 264, 271, 291, 295, 302, 307, 312, 315;

זשאָרקין — 173, 178;

טשאַפּאַיעװ (פּינסקער) — 227;

טשקאַלאָװ — 301;

טשאַפּאַיעװ (נאַראָטשער) — 212;

טשאַפּאַיעװ (פּאַראײניקונג שיטאָװ) — 257, 262, 321;

לאָגװינאָװ — 113;

לענינסקי קאָמסאָמאָל — 132, 211, 224, 249, 253, 311, 313, 320;

לאזאָ — 154, 315;

לענין — 181, 235;

מאַקס — 60, 148, 153;

מסטיטעל (רודניצקער פּושטשע) — 130, 156, 214;

מיסורא (װאָראָשילאָװ) — 135, 148, 152, 249, 309, 312, 343;

מיעדװעדיעװ — 231, 250, 264, 316, 329;

מעסט (נאַראָטש) — 145, 359;

מאָלאָטאָװ—200;

ניעװסקי (רודניצקער פּושטשע)—108;

סטאַלין (נאַליבאָקער פּושטשע)—138, 193, 216, 256;

סטאַריצקי—138, 167, 240;

ספּאַרטאַק—252, 257, 260, 311;

סטרעלקאָװ—49, 178, 183, 205;

סוװאָראָװ (פּאָלעסיע) 86;

סמיערט פאַשיזמו—145, 253;

סוװאָראָװ—(קאַפּוסטינס פּאַראײניקונג)—146, 182, 190, 192, 205, 292, 319;

סקאָפּקא—179;

סטאַלין (פּאָלעסיע)—102, 230;

פּוגאַטשאָװ—257;

פּלעסקאַנאָסאָװ — 266;

פּאָביעדא—42, 94, 115, 144, 151, 202, 212, 217, 220, 229, 232, 250, 264, 277, 281, 294, 373;

פּאַרכאָמענקאָ—124, 144;

פּראָקאָפּ—197;
קאַגאַנאָוויטש ל. מ. (מיאָר-דיסנער ראיאָן)—127, 145, 156, 265, 304, 311;
קאַלינין (פּריג. „קאַמסאָמאָל")—138, 238, 240, 274, 304;
קאַפּלון—296;
קאַלינין (פּיעלסקי)—107, 110, 113, 119, 143, 149, 151, 163, 176, 189, 258, 267, 274, 278, 285, 302, 305, 309, 317, 320, 322, 330;
קאָסטיושקאָ —53, 55, 137;
קראַסנאָגוואַרדייסקי—55, 144, 281;
קאַטאָווסקי (פּאָלעסיע) 86, 132, 311, 362;
קרוק—86, 112, 129, 145, 148, 153, 172, 223, 244, 259, 270, 293, 310, 319, 320, 340, 377;
קאַרטוכין—112;
קאַפּלינסקי—116, 118;
קאַגאַנאָוויטש ל. מ. (פּאָלעסיע)—126, 144, 212, 221, 224, 230, 256;
קאָוופּאַק—129, 139, 190, 240;
קאָלאָפּאַיעוו—320
קוטוזאָוו—204;
קאָמאַראָוו—218;
קאָנטשאַ—226, 279;
קיראָוו—256;
שטשאָרס (פּאַראַיניקונג שיטאָוו)—255, 266;
שטשאָרס (פּאַראייניקונג בריסק) 43, 94, 112, 128, 155, 171, 190, 219, 245, 288, 297, 307, 320, 364, 368;
שטשאָרס (פּאַראייניקונג טשערניגאָוו-פּיאָדאָראָוו)—139;
נר. 20—168;
נר. 106 (זאָרין) 54, 123, 149, 163, 189, 267, 269, 317;

# זוכצעטל
## פון דערמאנטע נעמען

### א

אבראמסאָן װעלװל, 84, 92
ד״ר אבראמאָװסקי אבראשא, 84, 170
אבראמאָװיטש חיים, 123
אבראמאָװ, 144, 374
אבוגאָװ אלעק, 135, 136, 263, 309, 319, 343, 344
אבראמאָװיטש ליפּא, 291
אָגולניק מישקע, 375
אָגולניק שלום, 82
אוצר מישע, 264
אװרוך פײגע, 294
אװרוך א., 319
אונטערשול יוסף, 94
ד״ר אטלאס יהיאל, 314, 203, 210, 352, 373, 374
אינגעל, 85
אינגבער, 228, 368
איצקאָװיטש שלמהלע, 235
אײבענבױם זשעניע, 288, 290, 320
איצקאָװיטש מאיר-יוסף, 301, 305
אײנבינדער יצחק, („בעזסמיערטני״ „בעזסטראשני״), 357, 358
אלפערט שרה, 172
אלפערט דוד, 176
אלפערט יוסף 182
ד״ר אלפערט אברהם, 202, 207
אָלשאנסקי יוסף, 213, 311
אלפעראָװיטש יעקב, 357, 359
אניע, 184
אָסטראָװסקי, 8, 34
אסנער יעקב, 252, 345
אסנער חיים, 252, 345
אָסטאשינסקי האָדע, 296
אָפּענהײם יהושע, 305
אָקון דבורה, 301
אינזש. ארקאָ, 108
אָרזשעכאָװסקי לײב, 305
אָרזשעכאָװסקי יונה, 336
אָרליק זרח, 357
אָרלאָװסקי, 365
אראָן יצחק, 314
אריעװיטש אליהו (עלקע), 155, 311, 320, 345
אָשמיאַן אהרל, 100
אָשעראָװסקי יודל, 224, 230
אָשעראָװסקי איזיע, 257

### ב

באראן בנימין, 272, 306, 322, 369, 371
בארג לײבקע, 249
באטיא, 5
בארזאק בעלא, 297
באנאסיאק סטעפאן, 19
באָבקאָ, 16, 17
באָיארסקי שמואל, 55, 56
באָר-קאָמאראָװסקי, 73
באם שלום (ראדיעצקי), 113, 114
באָבראָװ דוד, 126, 256
באָבראָװ לײב, 126, 221, 222
באראָװסקי כיענע, 131
באקאלטשוק אפרים, 135, 153
באָמקע, 145
באָבקאָװ, 155, 178, 294
באָלטון, 168

באָזשיק, 173
פאָרים ניקאָלאיעוויטש, 175
פאָרים, 177, 178
באָסאק גדליהו, 218, 375
באָבראָוו שמואל, 223
באָגדיש ישראל, 264
באָרקאָווסקי פּרץ, 303
באָבראָוו בערל, 316
באָבראוו ניסל, 327
באָלדע משולם, 332
בולאק-בולאכאָוויטש, 4
בולהאטע סטעפאן, 334
בולאק, 50, 112, 151, 207, 376
פולאט, 5, 112, 172, 210, 213, 229
בורגער, 22
בופליאצקי, 84, 93
בוטענאָס, 156
בודילאָוויטש יוזעף, 170
בורשטיין משה, 212
בוסעל ישראל, 277
ביעגמא, 5, 136, 207, 270, 380
ביטענסקי ראובן, 170, 302
ביעלאווסקי סענדער, 172
ביעגון מאקס, 225
ביעלסקי זוסיע, 113, 119, 123, 249
ביעלסקי טוביה, 113, 119, 120, 322, 331, 332, 333
ביעלסקי עשהאל, 113, 119, 121, 123, 149, 176, 331, 333
ביעלאק טוביה, 260
ביעלאָוס, 331
ביעליאקאָוו, 373
ד״ר בליומאָוויטש, 84, 128, 207
בלאָך וועלע, 113
בלוישטיין יוסף, 112
בליט מאיר, 113, 142
בליאכמאן אברהם, 168, 175
בליישטיין הערשל (גרישע), 219, 258
בליישטיין אברהם, 259
בליישטיין יוסף, 379
בליישטיין כאסיע, 293
פליאכער אליהו, 267, 305
בלוישטיין מרים, 294
בלאט יצחק, 359
בליזניאנסקי יוסף, 375
בעקער פיילע, 172
בעקענשטיין אליהו, 217, 237
בערעזני, 179
בערגער, 19
בראָדערמאן אליהו, 240
ברעסלין קיווע, 181
פרעסטאָוויצקי יונה, 119
בערעזאָווסקי יהושע, 192
בערעזין, 219
בערדאָווסקי, 224
בערעזאָווסקי שעפסל, 230
בערמאן יששכר, 277
בערלינג, 282
בערזאָן לייב, 314
בערקאָוויטש אהרן, 345
ד״ר בערנשטיין לעאָ, 130, 305
פעניץ, 225
בערעזאָווסקי נח, 255
בעקענשטיין היה׳לע (גאלא) 287
בראָמבערג משה, 309
ברינסקי (דיאדיא פעטיא), 5, 173
בעשקין ראשע, 295
בראָדעצקי ישראל, 100

## ג

גאם אהרן, 103
גאסמאן בערל, 249, 329
גאלארי יאָנאס, 272
גאלפערשטיין איטע, 293
גארעליק, 5, 138, 180, 350
גאָלובאָווסקא פיילע, 180
גאָרקי, 188
דר. פרוי גאָלאנד, 206
גאָלוב יוסף, 250, 264, 316, 329
גאָלדשמיד הירש, 337

גאָלפּשטיין אידא, 357
גוטערמאַן יוסף, 91
גידאילים, 131
ד"ר גורוויטש פישל, 207
גוטערמאַן דוד, 239
גולקאָוויטש אפרים, 256, 315
גולקאָוויטש בן־ציון, 267, 305, 333, 339
גולקאָוויטש שלום, 334
גורעס משה, 344
גיך, 20
גילטשיק, 125, 126, 243, 307
אינז. גילדענמאַן מישא, 133
גילדענמאַן שמחה, 133
גילימאָווסקא מערא, 294
גינזבורג צאַלקע, 220, 355, 356
גינזבורג מאָטקע, 220, 355, 357
גיבער איוואַן, 338
גלובאָוויטש 20
גלאַזמאַן יוסף, 145
גלעזער פייוול, 249, 329
גלאַדקאָוו איליא, 296
גליקמאַן ליפּע, 336
גענויעק יאַסיף, 20
גערלינג שלום, 119, 334
געלער יעקב, 243
געלפאנד מאָטל, 243
גערצאָווסקי העניע, 296
גערשפעלד יהושע, 321
גראבאָווסקי, 21
ד"ר גראָדזענסקי, 20
גרין פּיניע, 119, 334
גרייס איליא, 132, 253, 313, 345
גרישקאַ, 180
גראָזני, 285


## ד


דאַווידאָוו, 2, 5, 138, 151, 208
דאַנילעוויטש, 20
דאָלינסקי, 21
דאַנילאָוו, 167, 178
דאָנסקאָי דמיטרי, 2
דאָמבּראָווסקי דוד, 211
דאָבּראָוואָלסקי, 373
דמשק משה, 84, 102, 103
דופּאָוו, 54
אדוו. דוואָרעצקי אלתר, 82, 83, 90, 117, 170, 308
דוקער, 84
דופּינא ישראל, 91
דוקער לאה, 102, 103, 104, 297
דוקער ניאָמע, 103
דוואָרעצקי מירים, 172
דיאדיא אליאָשא, 4
דיאדיא וואסיא, 5
דיאדיא וואָלאָדיא, 139
דייכעס ה., 339
דיכטער ד., 319
דיראָ, 17
דיאָמושקין, 318
דראָבּטיוק אנדריי, 338
דראָבּטיוק דאנילא, 338
דעניסאָוו, 2
דעניקין, 4
דעוועלטאָוו דאָפע, 292


## ה


האנטשקע, 53
האנזעג, 93
האמעלונג, 106
האמער פּוניע, 300
ד"ר האָניגשטיין, 206
האָפמאַן משה, 314
האָן, 232
היידוקאָווסקי אהרן, 56, 235
הימעלפארב מאיר, 98
הילדעסהיימער שלום 216
היידוקאָווסקי שיע, 329
העלער אידא, 85


## ו


וואסילעוויטש, 53, 54, 262, 321
וואסילעני אלעקסיי, 19

וואניע, 90
ווארשאווסקי, 123
וואסילענקאָ, 134
וואכאָנין קאָליע, 118, 170, 308, 321, 352
וואלענטין, 181
וואסיע, 184
וואסילעווסקא וואנדא, 282
וואָראָנין, 5
ד"ר וואָלפאָוויטש, 19
וואָלקאָוויסקי שלמה, 113, 123, 268
וואָלקאָוויסקי געניע, 113, 123
וואָטשין חיים (פעטיע) 129, 130
וואָיצעכאָוויטש, 139
וואָלטשאק זינע, 252
וואָלקין לייב, 258
וואָלאך, 309
וויצין, 17
וויינהויז גוטקע, 85
וויסלפיש אירקע, 93, 297
וויקטאָר, 139
ד"ר וויינבערג 206
וויניצער אברהם, 262, 321
ווינבערג פעלע, 291
וויינהויז ניוטא, 297
ווילקאָמירסקי משה־העניך, 300
ווילענסקי, 305
וויסמאָנסקי פריידל, 337
וולאסאָוו, 30, 33
ד"ר וולאָדאווסקי מאָטל, 204
װעגמייסטער יוסף, 184
ווערגיק, 17
אדוו. ווערטהיים, 125
ווערבא זאב (וולאדימיר), 129, 258, 289, 319, 328, 379
וראנגעל, 4
ווערבלאָווסקי, 21
ד"ר ווענווענסקי, 206

## ז

זאמקאָווי מיכאל, 123, 176
זאפראן פייוול, 174
זאווין, 230
זאפראן שמערל, 258
זאפראן פייגע, 294
זארעצקי אברהם, 302
זאָרין, 123, 149
זאָלאָטאָוו אברהם, 255
זימאן העניעק, (יורגים), 5, 13, 134
זיעמטשאניק, 21
זיגער לייבל, 106
זיידמאן, 228
זילבערמאן משה, 257
ד"ר זיסקין, 332
זשירמונסקי ברוך, 226, 357
ד"ר זשיטאנער 96
זוסמאן 252
זעלדע, 292
זשעלעזניאק, 4, 5, 33, 34, 35, 36

## ח

חזן א., 5
חזן יצחק, 174
חפץ אָשר, 101
חפץ משה־לייב, 101

## ט

טאדזשיקאָוו, 139
טאנפעל פרומע, 205, 292
טאָלסטאָי לעוו, 3
טאָקער גדליה, 252
טורליי, 20
טוניק לייבל, 243
טוניק משה, 270
טוניק עזריאל, 247
טורקעניטש העניך, 227
טורקעניטש ראובן, 316
טורקעניטש משה, 338
טורקעניטש אָשר, 343
טיקטין אליהו, 91
ד"ר טייך, 207

טשיושיק, 105
טשוושאַי יצחק, 130
טענצער אברהם, 313
טענענבוים, 247
ד"ר טראַפּ, 206
טראופּע, 331

י

יאסענסקי, 16
יאסונאָוויטש, 17
יאנקעלעוויטש גרשון, 313
יפה, 138
יאפע פנחס, 329
יאפע מאָטל, 329
יאקאָוו, 105
יתום יאנקל, 257
יתום משה, 257
יאָסונאָוויטש („שווארצער קאָמענ־דאנט"), 17
יאָסעלעוויטש יחיאל, 334
יאָרן פראניַק, 17
יאָסעלעוויטש בערל, 109, 258
יאָסעלעוויטש לייבע, 182
יודעלעוויטש יוסף, 119, 176
יוזשקאָוו, 337
יעחנאָוויטש אלי, 123

כ

באווקין יעפים, 250
באָרבעס שלמה, 95
בודאָפּא, 91
ברושטשאָוו, 39
במיעלעווסקי 20

ל

לפּידות ישראל, 85
לאזאר חיים, 131, 309
לאוויט אפראשא, 301
לאווסקי, 332
לאסטון, 337
לאנדע משה, 343
לאָרבער דב (מאלינקע) 112, 129, 173, 245, 319, 341, 342, 376, 377, 378
לאָגווינאָוו, 113
לאָפּאטניצקי, 247
לונין, 5
לוריע, 138
לוקין, 139
לובעצקי קאָסטיק, 337
ד"ר לוקאשעניא וולאדימיר, 200
לידאָווסקי לייזער, 84, 258, 304
ליפשאָוויטש אליהו, 114, 373, 374, 375, 376
ליכטער איסר, 176
ליפשאָוויטש טאניע, 212, 294
ליכטער ירחמיאל, 217
ליפשאָוויטש חיים־שיע, 218, 250, 373 374, 375, 376
ליקער נתן, 219, 362, 367
ליסאק סנדר, 271
ליבערשטיין דבורה, 293
ליפּ מאליע, 295
לים נינא, 297
ליאָנעק, 300
ליפּניק, 304
ליפשין, 309
ליבערמאן באצקל, 338
לייבאָוויטש ישראל, 267
לייבאָוויטש מיכל, 267, 332, 333
לייבאָוויטש הירשל, 274
לייבאָוויטש טוביה, 305
לעווקאָ, 338
לעבעדזיענקאָ, 144
לעווקאָוויטש הירש, 172, 337
דר. לעווינבוק זעליק, 200. 208
פרוי לעווינבוק, 208
לעון שלום, 212
לעווין ברוך, 214, 224, 277, 319, 349, 350
לעקאך סיאָמעק, 218
לעווין וועלוול, 230

## מ

מאכנאָ, 4
מארקאָוו, 5
מאגאליף, 84, 103
מאלאך העניעק, 84, 93, 368
מאקאראָוו פעטיע, 114, 373
מאלבין לאזאר, 123
מאגיד חנן, 131
מארגאָלים הלל, 132
מאריא אלעקסאנדראָוונא, 139, 179
מארגאָלים, 139
מאגיד אברהם, 168, 175, 334, 335
מאנקעוויטש משה, 172
אדוו. מאזורעק, 184
ד"ר מארקוס, 204
ד"ר מאנט 206
מאזע עזור 271, 315
מאסלאן, 273
מאזאָוויעצקי יאשקע, 305, 322, 357
מאכטיי ישראל, 305
מאנקאָווסקי ברוך, 309
מאגדאָווסקי יעקב, 312
מאנקאָווסקי אָשר, 312
מאקס, 327
ד"ר מאנוסעוויטש 332
מאלאך מאיר, 368
מארמעדיק אידל, 327
מאָרדקאָווסקי פנחס, 106
מושינסקי מאָניעק, 84, 92
מוסין שלמה, 127, 253
מינין, 2
מיראָנטשיק יאָסיף, 19
אינז. מירסקי, 19
מיסקאָ מיקאָלאי, 20
מילאשעווסקי, 54
מיעדוויעצקי יונה, 83, 299, 352
מילייקאָווסקי זעליק, 84
מיכאָעלים, 100, 174
מיסורא מאקסים, 135, 153, 310
מישא, 138
ד"ר מיאסניק חיים, 196, 197, 207, 208
מיניעוויטש שמואל, 239
מילראָד משה, 240, 241
מעדרעש יצחק (איטשע קאצאפ) 304
מעקלער, 56
ד"ר מעלאמעד, 85
מעלצער, 125
מעדלינסקי מישע, 132, 247
מעדוועדיעוו, 179, 231
מעפאד אדאָלף, 262
מנוסקין שלמה, 277

## נ

נאפאָלעאָן, 2, 5
נאסיעקין, 172
נאכמאנאָוויטש לייבע, 181
נאָוויצקי לייזער, 123
ד"ר נאָוויצקי, 107
נוימאן, 16
ניקאָלאיעווסקי בערל, 119

## ס

סאלוצקי נתן, 94
סאטאנאָווסקי ראָבערט, 13
סאפוראָוו, 137
סאפאָזשניקאָוו (סענקע), 181
סאדאָווסקי שלמה, 211, 375
סאלוצקי כתריאל, 229
סאלוצקי משה, 229, 375
סאווין נחום, 238
סאוויצקי לייזער, 276
סאווינסקי מאיר, 314
סאוויצקי שאול, 321
סאָבאליאָוו, 373
סאָראָקא, 345
סאָקאָלאָוו, 5
סאָלאָווסקי העניעק, 126, 222
סאָלאָמיאנסקי מישע, 184
סאָניע, 241, 294
סאדאָווסקי וולאדימיר, 19
סופריי, 21
סטאלין, 38

סטאנקעוויטש אנאטאָלי, 57, 320
סטאָצקי משה, 85
סטאוו לייב, 91
סטאָקליצקי סאשע, 312
סטעצקי, 8
סטעפאניוק, 17
סטרעלקאָוו, 178, 205
סיוואש, 366
סלאָנימסקי, 22
סלוצקי יודל, 274
סלאָמקע חיים, 334
סלאָנים, 112
סמאָליאר הערשל, 85, 138, 280
סמאָלאָוויצקי יאשע, 239
סעניטשקין 5, 196
סעמיאָנאָוו, 123
סענדעראָוויטש ליאָווע (מאלאשינ-
סקאם), 134
סענדעראָווסקי משה, 217, 321
סערוויאנסקי נתן, 362, 365
ד"ר ספיקער, 254
סרעברניק פאָריס, 252

## ע

עדעלשטיין מישע, 82
עווא, 292
עורין, 270
עלמאן, 94
עלענבערג שעפסל, 299
ד"ר ערליך, 128, 135, 207, 310
ערען, 22

## פ

פארכאמענקאָ, 4, 124
ד"ר פארעצקי, 18
פאנטשענקאָ וויקטאָר, 112, 119
פאליקאָ, 125
פאדאלני, 138
פאוולסקי משה, 170
פארפעל יוסף, 313
פאטאלאכין, 227
פאניא, 292
פאוואָרטיק, 294
פאטערסאן סימעלע, 304
פאלאנסקי אברהם, 331
פאָליוויניק איוואן, 338
פאשין, 179
פאָראָזאווסקי, 19
פאסעאָרסקי הערשל, 180, 292, 307
פאָנאמארענקאָ, 39, 54
פאפאוו, 228
פאזשארסקי, 2
פופקאָ, 267
פויגעלמאן, 125
פורים שמואל, 309
פוזאריסקי, 316
פילאטאָוו, 5
פיאָטר דער גרויסער, 2
פיאָדאָראָוו טשערניגאָווסקי 5, 136, 270
פיאָלון שלום, 83, 90
פיאָדאָראָוויטש, 128, 171, 190, 297,
307, 368
פיאלקאָוו נחמן, 329
פיאלקאָ, 345
פייגעלסאָן זלמן 360
פייגעלסאָן דן, 361
פייטעלעוויטש ניאָמע, 274
פיינבערג דוד, 100
פיערניקאָוו הירש, 95
פיש משה, 98
פיש מיכאל, 125, 251, 315
פירט אייזיק 226, 379
פינצאָוו דוד, 127
פינקעלשטיין ליבע, 176
פיעטראָוו, 259
פישמאן לוי, 338, 343
פלאגאָ סערגיי, 335
פלאש אָשר, 174
פלאטאָן, 5, 40, 54, 167, 176, 207, 279
פלאָטניק דוד, 138, 239, 274, 287,
304, 361

פלום רחל 294
פליישמאן באָרים, 228
פלעכאָוויטשיוס, 13
פעטליורא, 4
פעלדמאן משה, 253
פעלדמאן נאום, 138
פעלדמאן ל. 93
פעלדמאן שלום 126, 357
פעלדמאן אברהם, 126
פערדמאן לייב, 123, 305
פעטראיטיס, 131
פערלשטיין אסנה (אניע) 205
פעניץ, 219
פעדיוק מאָטל, 243
פעקער יעקב, 270
פרידבערג פסח, 123, 268, 333
פרעס יעקב, 243
פרעסמאן חנן, 267, 333
פרענקעל, 299
ד"ר פשעניצקא-איינהאָרן, 206

## צ

צארוק וולאדימיר, 208
צוויבל יעקב, 86, 112, 129
צוויבל יוסף, 86, 112, 129
צוקערמאן הערשל, 146, 192, 269, 319
צוקערקאָפּ מלך, 176, 302
צימער שלמה, 126
צימבאל, 139
צישיק איוואן, 335

## ק

קאגאן, 19, 84, 239
קאגאנאָוויטש משה, 85, 192, 269, 319
קאגאן רחל, 102, 297
ד"ר קאגאן, 109
קאגאן נחום-אלי, 177
קאגאן הענעק, 252, 312
קאגאן גוטע, 290, 297
קאגאנאָוויטש מלכה, 296
קאדילקא, 292
קאלמאנאָוויטש לייב, 85, 172, 337
קאלינין, 188
קאפוסטין (פּאָושענקאָ) 5, 43, 125, 269
קאפלינסקי הירש, 83, 118, 170, 302
קאפעליוש מענדל 227
קאפלינסקי שמואל, 130
דר. קאנטאָר, 206
קאנטשאָ, 226
קארפענקאָ, 139
קארפאָווסקי הערשל, 236
קאנטאָראָוויטש גרשון, 243
קאנטאראָוויטש חיים, 299, 300
קאראָלינסקי אהרן, 315
קארל דער 12-טער, 2
קאץ לייבל, 57
קאצאָוויטש ישראל, 83
קאץ אליהו, 85
קאץ מלך, 175
קאָוופאק, 5, 129, 190
קאָוואליאָוו, 5
קאָווענסקי אלי, 114, 218, 319, 352
קאָוונער אבא, 130
קאָן, 138, 177,
קאָזשושניק שמואל, 222, 224
קאָזאק איוואן, 168, 332
קאָטלער אליעזר, 332
קאָטלער ישראל 267
קאטאָווסקי, 4
קאָלטשאק, 4
קאָמאראָוו פעטיע, 207, 365, 371
קאָפּשטיין מאָטל, 253
קאָפּעליאָוויטש אברהם, 220
קאָנאָפּליאָוו קאליע, 114
קאָניוכאווסקי יעקב, 113, 345
קארען בערל, 106
קאָך, 9, 232
קוטוזאָוו, 2
קוזמא, 342
ד"ר קויפמאן, 206

קופע, 9, 194
קורליאנדטשיק שלמה, 210, 345
קורץ ווילעק, 248
קורפאנאָוו, 178
קורפאן, 139
קרוק (קאנישטשיק מיקאָלאי). 112, 173, 377
קולעש, 335
קוטשער 129
קורט, 45
קוטשינסקי שמואל 123
קושנער, 106
קופערבערג יצחק, 129, 258, 319, 378, 379
קימלפלאט 129
קיסלי אלעקסאנדר 19
קירילאָוו, 259
קירקאיעוויטש יאשע 85
קישקא, 20
ד"ר קעסעל 105
קלאצקאָ 105
קליינער מאָטל 240
קליינער משה 240
קליאָנסקי דודל 304
קרעמען זרח, 84, 128, 219, 271, 305, 321, 362
קרעמעלאָווסקי ירחמיאל, 190, 218, 269, 319
קרוגלי קיווע, 231
קריגער אברהם-מאָטל 236
קרעסנאָווסקי שמחה 264
קראוויעץ יוסף, 277
קרעמער צאלקע 306
קראיניק, 319


## ר


ראדיאָנאָוו, 5, 32, 33
ראפאפאָרט יוסף, 168
ראָטמאן נח, 303
ראשקין אברהם, 336
ראקיטש. 344
ראָגאָווסקי בנימין, 344
ראָגאָווסקי משה, 344
ראָמאניוק וואסילי, 335
ראָזאנאָוויטש הערש, 300
ראָזמארינא, 297
ראָזענטאל מ. 258
ראָיאק א., 222
ראָזאָווסקי יוסף, 211
ד"ר ראָזענצווייג, 197, 204, 207
ראָגאווין לייזער, 138, 240
ראָזשקאָווסקי, 137
ראָזענפלאט גאדי, 129
ראָכשטיין יצחק, 101
ראָזענפליום ליאָווע, 81
ראָזענבערג, 8, 9
ד"ר רובינשטיין, 197
רופאייזן שמואל (אָסוואלד) 92, 94
רובינשטיין ראובן, 226, 305, 357
רודניצקי יאשקע, 257
רוביעזשעווסקי. 267
רודאָווא עמא, 297
רובינאָוויטש, 305
רודניצקי יעקב, 332
ריינערט, 19
אינזש. רובינסקי, 19
רימין, 20
רענער, 19
רעזניק בערל, 95
רעזניק יצחק, 274
רעזניק משה, 305


## ש


שאפרינסקי אברהם, 130
שאפראנסקי חיים, 234
שאכנאָוויטש יהושע, 334
שאמאשקא, 334
שופיעני, 5, 317
שולין, 19
שוסטעראָוויטש, 84, 93
שובין, 114, 375

שופּעקידוע, 154
שוסטער סיאָמע, 260
שוועץ רוזשקע, 296
שימאַנאָוויטש בערל, 54, 91, 92
שימאַנאָוויטש שלמה, 217, 234, 299
שימאַנאָוויטש משה, 257
שיינדל זלמן, 240
שיטאָוו, 255
שיינבוים יחיאל (איליא), 284
שטשאָרס, 4
שטעליע, 19
שטארק, 21
שטיין עריק, 84, 93, 362, 364
שטשערבאטאָ יואל, 129
שמושקעוויטש פאניע, 95
שמוקלער שלמה, 243
שמולעוויטש דוד, 246
שמוליאָוויטש מרדכי, 268, 332
שמולעוויטש מלכה, 296
שעפטל שעפסל, 85, 172, 337, 338
שעליופסקי ניאנע, 123, 176
שעליופסקי פייגעלע 172
שעליופסקא סימא, 204, 229
שעמיאטאָוויטש איוואן, 123
שעלעוויצקא הדס, 176
שעוואכאָוויטש מאשע 204
שעפּטינסקי יעקב, 297
שעפּטינסקי הערץ 298
שעשקאָ ל. ח., 336
שקליוט, 256
שרייבער פייוול, 232
שרה'לע 297

# באמערקטע טעותים

| זייט | שורה פון אויבן | געדרוקט : | דארף זיין : |
| --- | --- | --- | --- |
| 26 | 30 | אַפגעניטענער | אַפגעשניטענער |
| 48 | אונטערן בילד | פוי | פון |
| 63 | 35 | קוואנטומט | קוואנטומס |
| 85 | 4 | שטכל | שטאכל |
| 112 | 20 | ווילדער | וועלדער |
| 133 | אונטערן בילד | נולדענמאן | גילדענמאן |
| 139 | 13 | מיראַרבעטערין | מיטאַרבעטערין |
| 142 | 4 | געוועי | געוועו |
| 153 | 5 | טיאנאָווקע | טראָיאנאָווקע |
| 153 | 5 | ראזיטש | ראָזישטש |
| 176 | 24 | זאמקאוו | זאמקאָווי |
| 197 | אונטערן בילד | פון רעכטס צו לינקס : | פון לינקס צו רעכטס : |
| 203 | 24 | חאפ | האָפן |
| 224 | 27 | בורך | ברוך |
| 226 | 31 | פיכט | פירט |
| 227 | 17 | טורקעוויטש | טורקעניטש |
| 293 | 24 | ליפערשטיין | וילפערשטיין |
| 291 | 20 | איי | אין |
| 327 | 30 | מאראמעדיק | מעלאמעדיק |
| 329 | 11 | גראָסמאן | גאסמאן |
| 291 | 20 | איי | אין |

אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים פאַרבאַנד פון פּאַרטיזאַנער, פראָנט און געטאָ-קעמפער „פּאַרטיזאַן חייל-חלוץ (פּח"ח) אין רוים, ווערט צוגעגרייט צום דרוק:

## 1) יזכור-בוך

# נאָך די געפאַלענע אין די קאַמפן מיט די היטלעריסטישע האָרדעס יידישע העלדן-פּאַרטיזאַנער אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע

ביאָגראַפיעס פון פיל הונדערטער יידישע פּאַרטיזאַנער, זייערע קאַמפן, העלדישקייטן, אויפטוען און די אומשטענדן ביי וועלכע זיי זיינען געפאַלן.

דאָס וועט זיין א קאָלעקטיווער בוך, געשריבן דורך לעבנגעבליבענע פּאַרטיזאַנער, וועגן זייערע געפאַלענע קאַמפס-חברים און וועט געבן א בילד פון פּאַרטיזאַנישן לעבנס-שטייגער און קאַמפס-טעטיקייט אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע.

## 2) די געשיכטע פון די נאַציאָנאַלע יידישע פּאַרטיזאַנער - אָטריאַדן

די געשיכטעס פון די יידישע פּאַרטיזאַנער-אָטריאַדן און קלענערע באַזונדערע איינהייטן אין די רוסישע אָטריאַדן (ראָטעס, וזוואָדן, אָפּטיילונגען א.א.וו.), פון ערשטן טאָג פון זייער אנטשטייאונג ביז דער באַפרייאונג, באַשפייזונג, באַוואָפענונג, זייערע ראַנגלענישן מיטן גאַנצן פיינטלעכן ארום, זייערע קאַמפן און פאַרצווייפלטע פרוּוון צו ראַטעווען און שיצן יידן.

די ביכער זיינען ליטעראַריש באַאַרבעט און רעדאַגירט דורך משה קאַגאַנאָוויטש, לייטער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע.

הויפּט־פּארקויף אין אייראָפּע:

Commissione Storica, Roma, Via Reno 2.

הויפּט־פּארקויף אין אמעריקע:

Labor Zionist Committee For Relief and Rehabilitation, 673 Broadway
New-York 12, N. Y.

Copyright, 1948, by Historical Commissione Rome.

געזעצט אין זעצעריי
„ב ד ר ך" — רוים

געדרוקט אין 3000
ע ק ז ע מ פּ ל א ר ן

Printed in Italy by Arti Grafiche
GIUSEPPE MENAGLIA
Via Brescia 19 — Roma.